כחצי שנה לפני החתונה בא לביתנו חיים־יוסל החייט (ניעפאַמישטשי) ואתו בחורות עוזרות, לתפור את בגדי החתונה של הכלה ובגדים לבני המשפחה ולקרובים, אשר ידם לא השיגה לתפור חליפות חדשות לכבוד המאורע.

בשלב שני — קרוב למועד החתונה — בא אלינו ר' אליהו „דער סארוועך", שמתפקידו היה להכין את המאכלים והמשקאות וכל הכי־בוד לפי הנוהג והמסורת. אתו באו עוזרות וטבחות להכנת התבשילים כדת וכדין.

דלת הבית הסתובבה על צירה ללא הרף ולא נסגרה במשך חודשים. קרובים, שכנים וידידים היו באים לעזור: מי בעצה, מי ברעיון מיוחד ומי סתם בבלבול מוח.

בשבוע החתונה התחיל מעין כינוס משפחתי גדול. באו מכל המחוזות עם ילדים קטנים שהתרוצצו בין הרגלים, והיה „יריד" גדול בבית.

מצד החתן באו קרובי המשפחה והתחילו ל„התנפח" ולנהל משא־ומתן על הנדוניה וכו'. נערכה ארוחת־ערב למאות אנשים בבתי השכנים בכל הרחוב, בגלל מחסור באולם־חתונות בעיירה.

החופה הוצבה בחוץ בלווי תזמורת־הקאפלה של ר' ברוך קלעזמער. אחרי חתונה כזאת ואחרי שבת של שבע ברכות, התפזרו האורחים איש־איש לביתו ואנחנו נשארנו בבית עייפים, רצוצים בבית הפוך כמו אחרי פוגרום...

בעיר הוסיפו הליצנים וסתם דבר־נים לדבר על החתונה, המחותנים, הנדוניה — מי לשבח ומי בלעג, עד אשר התקרבה חתונה אחרת בעיירה.

זהבה מלמד (לבית בינדר)

אגדת יהודי אומלנו

אבנר שרון



ר' דוד בליאק אומלנר

בשנת 1919 החליטה אמא, בגלל המצב הכלכלי ברוז'ישץ' שהיתה הרוסה עקב המלחמה, לשוב עם שבעת ילדיה אל כפר הולדתה אומלנו. בכפר זה גרנו 3 שנים, עד 1922.

היה זה כפר אוקראיני טיפוסי, במרחק של כ־25 ק"מ מרוז'ישץ'. מלבדנו חיו בו עוד 2 משפחות יהודיות: הדוד דוד בליאק (אשתו, חיה־שרה, היתה אחות־אמי) וחמשת בניו והדוד סנדר פעפער, אחי־אמי, אשתו אסתר ובתם ז'ניה.

המשפחות פעפער ובליאק

בילדותי הגיעו לאזני סיפורים על תקופת „הזוהר" של יהודי הכפר, לפני מלחמת העולם הראשונה, ועל שתי המשפחות הידועות פעפער ובליאק, שהשתדכו ביניהן והפכו למשפחה ענפה ומסועפת. במרוצת הזמן התפזרו בעולם הגדול וצאצאיהם חיים כעת בארצות־הברית, בישראל ובבראזיל.

הם ניהלו את עסקיו של בעל האחוזה הגדול נוֹסנקו, שאדמות הכפר על מאות „הדסיאטינים" היו שייכות לו. הם ניהלו את טחנות הקמח שלו, משרפות־היי"ש (הגראלניה); הם היו קונים את התבואות, את הבקר וכל מוצרי החקלאות ומספקים לכפר את המצרכים החיוניים, שהובאו מן העיירות הסמוכות קולק, טרוכימברוד, רוז'ישץ' ואף ממרחקים.

היו ביניהם סוחרים אמידים וידועי־שם בכל הסביבה, אך היו גם כאלה שהתפרנסו בדוחק, אולם כולם הצטיינו כתלמידי־חכמים ושומרי־מצוות.

כשבאנו לכפר ב־1919, כבר לא היה שם בעל האחוזה. אדמותיו חולקו בין מאות האכרים ואת הנותר מרכושו ניהל עוד זמן קצר האדמיניסטראטור הרוסי, טורישקביץ'.

אנחנו גרנו בביתו הנאה של מוטל בליאק, דודה של אמא, שנבנה לפני המלחמה ונותר כמעט שלם. היה זה בית מרווח, שהתבלט מבין בתי האכרים הנמוכים והעיד על אמידותו של בעליו. אפילו סוכה היתה בנויה בו. בחדר הכניסה היתה התקרה עשויה משבצות רבועיות גדולות של מקלות עץ מהוקצעים צבעוניים, צמודים זה לזה, כעין לוח שחמט.

הגג שהיה משחיפי־עץ, היה עשוי שתי „כנפים", שנפתחו ע"י מערכת גלגלי־עץ וחבלים שהותקנו לכך בעלית הגג. כדי לקיים מצוות „לישב בסוכה" כהלכה, היו פותחים את כנפי הגג לצדדים ומבעד ל„מקלות" התקרה נראתה פיסת שמים, סוכה כשרה כדת וכדין.

הנוף והטבע

מתקופה זו נחרתו בזכרוני מראות הטבע שבסביבת הבית — הנוף המיוחד של ווהלין: שדות חיטה, שפון, שעורה, כוסמת ועוד מרחבי אין־סוף; קמה גבוהה כקומת אדם; כרי־דשא למרעה ולקציר שחת; יער שראשיתו כמה עשרות מטרים מהבית.


זוכר אני כיצד באו אנשים וכרתו עץ אלון ענק. הם עבדו במסורים שבועות אחדים עד שהכריעו את הענק. אחר־כך באו אנשים עם גרזנים שקיצצו את הענפים ונשאר גזע עצום בגדלו ובעביו. אחר־כך באו בעלי מקצוע ובעזרת כלי־עבודה מיוחדים עמלו להוציא את ה„תוך" של הגזע, הקציעו והפכו אותו לסירה גדולה, שהשיטו על פני המים.

כילד קטן אהבתי את הנוף הכפרי השליו. אהבתי להתבונן באכר החורש את אדמתו בסוסים או בפרות; אהבתי את הרועה, שאספה לעדרה מדי בוקר בקיץ את פרתנו החומה והחזירה אותה לפנות ערב, ואף הביאה מן היער כד חרס מלא אוכמניות (יאַגאדעס), שלקטה תוך כדי שמירה על הפרות; כן אהבתי את רעש העגלות הרתומות לסוסים או לצמד שוורים.

פעם גילינו ביער הסמוך לביתנו „אוצר" של פטריות. אני ואחי פשטנו את הכותנות ומילאנו אותן בפטריות שהבאנו הביתה. אמא בישלה מרק פטריות ואף חילקה לדודים ולשכנים.

אהבתי את שירי החתונה של האכרים שהדהדו למרחקים:

„אדמאַנולי פאַפאַ, יאַק רונאַהאָ כלאַפאַ"...



שרה שקורניק ובעלה.

הארמון העזוב

סמוך לביתנו עמד בנין מפואר עזוב וחרב, ארמונו של בעל־האחוזה. בחזית הארמון היה גן נוי של ורדים ופרחים נהדרים אחרם ועצי ערמון ענפים. מאחוריו — גן גדול של עצי־פרי נטוע שדרות־שדרות, כנראה על פי תכנית של מומחים. בגן הזה משכו אותי במיוחד התפוחים העסיסיים למיניהם, אגסי „פעמון" הגדולים והפירות הקטנטנים (וויינפעלעך ואַגרעסט).

שומר הגן, אנטיון הזקן, הפריע אמנם במקצת, אך רוב הזמן ישב בסוכתו וקלע מקליפות עצי הערבה את הנעלים, „פאַסטעלעס", שרוב איכרי הכפר נעלו לרגליהם.

הדוד דוד היה חוכר את הגן והיה מוכר חלק מפירותיו בקולק או ברוז'ישץ'. בקיץ היו באים אלינו בשבתות חמשת בני הדוד ויחד היינו מטיילים בגן היפה או שוכבים על העשב בצל העצים, נהנים מהטבע ומהחלומות לעתיד...

חיי האיכרים

חייהם של האיכרים היו צנועים ולעתים אף עניים: בתיהם נמוכים המכוסים קש; לבושם פשוט, עשוי לרוב מבד עבודת־בית; אוכל פשוט מפני שלא ידעו להכינו, אפילו הלחם שלהם לא היה אפוי טוב והיה חסר־טעם; רמתם התרבותית היתה נמוכה מאוד — אך למרות כל אלה הצטיינו חיים אלה ביציבות ולנו, היהודים, נראו חיים אלה שקטים ובריאים ועוררו בנו געגועים לחיים עצמאיים של עם על אדמתו. וכשהגיעו לכפר ההדים הראשונים של התנועה הציונית, הם חדרו אל לבותיהם של הצעירים שציפו לבשורה זו והתלהבו לרעיון העליה ארצה — שיבת ציון.

היחסים עם הגויים היו טובים. האיכרים נזקקו ליהודים, שהביאו להם את המצרכים החיוניים ממרחקים תמורת תוצרתם. לעיתים אף נתנו ביטוי לידידות זו והערכה על עזרה ועצה טובה. זכורה האימרה השגורה בפי הגויים: „יאַק בידא טאָ דאָ זשידאַ", כלומר, אם אתה במצוקה לך אל היהודי.




יהודית בליאק (ביברמן), החלוצה הראשונה במשפחה. עלתה לארץ ב־1922, למדה בבית הספר החקלאי בנהלל, שבהנהלת חנה מייזל. בתמונה היא עומדת (הראשונה משמאל) על ערימת הקש בנהלל.

אחותי מפרנסת את המשפחה

בביתנו היתה המפרנסת האחות הגדולה מרים, שאחרי מות אבא נרתמה, בגיל צעיר מאוד, לעזרת אמא ושבעת הילדים הקטנים.

היא היתה נוסעת לרוז׳ישץ׳ ולוורשה והביאה אריגים ודברי סידקית, שהאיכרות קנו תמורת תבואה, תרנגולות, ביצים ותוצרת חקלאית אחרת. עזרו לאחותי אמא, האח הגדול מיכאל והאחות פייגה. לא סבלנו מחסור.



מדהבה (זלאטקה), שאביה, זייליק בליאק, נרצח על־ידי הקוזאקים ברוסיה הצארית, עלתה לארץ־ישראל עם דודתה יהודית, כשהיא בת 9. התחנכה בכפר הילדים בגבעת המורה, שנוסד בשביל יתומי הפוגרומים באוקראינה. היא נישאה לבן משפחת שפרינצק.

הדוד דוד אומלנר (בליאק)

ביתו של הדוד דוד היה בנין גדול שעמד במרכז הכפר, על הדרך הראשית. הדוד היה איש חסיד, מרבה בתפילה, בתורה ובמעשים טובים.

התפרנס ממסחר בבקר, בתבואה, וכו׳. כן היתה לו חנות של מצרכים שונים, ובתוכם „וודקה״.

מאחורי הבית היתה אורווה שבו עמד סוס ולפעמים אפילו שני סוסים טובים ששימשו לנסיעות קצרות וארוכות לעיירות הסביבה. היתה לו עגלה נאה ועגלת־חורף קלה.

ע״י האורווה היתה הרפת הגדולה ובה 2—3 פרות חולבות שסיפקו בשפע תוצרת־חלב לבני הבית ולאורחיו. כן היו בה גם פרות ובני־בקר למכירה בירידים.

מאחורי הבית השתרע גן יפה, שסיפק ירקות טריים בחודשי הקיץ. בגן הירקות היתה הבאר הפרטית של המשפחה, שסיפקה מים טובים. כל עובר־אורח היה נכנס לבית הזה ונהנה מהכנסת־אורחים נדיבה.

הדוד היה נוסע לרוז׳ישץ׳ ולקולק למכור את הבקר ולקנות מצרכים לחנות. יצא לו שם של סוחר ישר והגון, השומר את מוצא פיו. הכל ידעו, כי אם דוד אומלנר הבטיח — אין עוד צורך בשטר או בחוזה: הוא יקיים בדיוק מה שאמר. במסחר לא אהב להתמקח כדרך הסוחרים הקטנוניים. היה גומר את העיסקה ושותה לחיים.

לא היה עשיר, אך הבית התנהל ברחבות ובנדיבות. היה ידוע כמכניס־אורחים לכל עובר אורח. כשבא השוחט מטרוכימברוד לכפר כדי לשחוט עגל או תרנגולות, ישב בביתו של הדוד דוד.

בחנוכה לא שכח אותנו, הילדים הקטנים, ונתן לנו דמי חנוכה. גם ביתר ימות השנה התעניין בנו ודאג שנלמד אצל המלמד, שהובא במיוחד מקולק וישב אתנו בכפר.

בימי שבת וחג

בביתו של הדוד היה ספר־תורה ובשבתות ובחגים נערכה שם תפילה בציבור. ר׳ דוד, שהיה בעל קול ערב, היה בעל התפילה וה„בעל־קורא״. בשבתות ובחגים היו מצטרפים אלינו גם בני משפחת קוגוט מהכפר הסמוך סילצס, כי בלעדיהם לא היה „מנין״.

הדוד היה דואג בכל יום ששי להניח „ערוב״ ביער באמצע הדרך שבין שני הכפרים, כדי שאנשי סילצס לא יעברו על יציאה מתחום שבת...

היה אדם עליז, חסיד „בעל־בטחון״. אהב לעיין במקורות ולמצוא בהם פירוש מענין או חידוש כלשהו. בביתו היו כמה ספרי חסידים וביניהם ספר „טעמי המצוות״, המנסה להסביר את טעם המנהגים השונים שבמסורת היהודית.

חמישה בנים גדלו בבית. הגדולים — אשר, משה ואברהם — עזרו לו בעסקיו, ואילו הקטנים — יעקב ויוסף — למדו אצל המלמדים, שהובאו לבית מן העיירות הסמוכות.

הנסיעה לירידים

הנסיעה לירידים בלילות החורף, בקור ובגשם, בבוץ ובשלג, היתה קשה מאוד. נסיעה למרחק של עשרים־וחמשה קילומטרים ארכה כל הלילה. הדרכים לא היו מרוצפות, ורק פה ושם היו קטעי הדרך „מרוצפים״ גזעי עצים, „נאקאט״ קראו לזה, שהונחו בשעתו ע״י הצבא בזמן המלחמה, זה ליד זה, והעגלה העוברת עליהם, אמנם לא שקעה בבוץ, אך הנוסעים חשו במעיהם את הטלטולים שלה...

פסח והימים הנוראים

החגים הוחגו לפי מיטב המסורת היהודית ברוב פאר ותוך הקפדה על כל המנהגים. לקראת הפסח היו אופים בביתו את המצות לכל משפחות הכפר.

ראש־השנה ויום הכפורים — הימים הנוראים — נשמרו ע״י עדה יהודית קטנה, בים גדול של נכרים, בכל הוד קדושתם ומוראם. אנחנו, הילדים הקטנים, חיינו את החרדה של יום־הדין וכשהלכנו הביתה עם אמא אחר תפילת כל־נדרי וכוכב נפל, נדמה היה לנו כי השמים נבקעו, כדי לקבל את תפילותינו.

בשמחת תורה היתה שמחה ועליזות רבה.

הידידות בין יהודי אומלנו וסילצס

אני זוכר שהדוד דוד היה שר שיר, שהיה בחלקו יידיש ובחלקו אוקראינית, לכבוד הידידות שבין יהודי אומלנו ויהודי סילצס:

„אומעלנער און סילצער יידן יאק בראטי
טרעבא זנאַטי יאַק הוליאטי
פערעד באָהאָם אָטוועטשאַטי
אַ מי פיאָם אי הוליאַיעם
פערעד באָהאָם אָטוועטשאַיעם״.

אהבתו ללשון הקודש

כשכתב הדוד מכתב היה חציו יידיש וחציו לשון־קודש. כששלח מכתב אלינו בעיר, היה מכתבו בזה הלשון, בערך: —

„יום א׳, פרשת ויחי...

ש״ב (שאר בשרי) גיטל והילדים נ״י (נרכם יאיר).

אני שולח לכם עם הערל 10 פוד חטים, 5 פוד דגן, 5 פוד ש״ש (שבולת שועל), 7 פד שעורים, 20 שאָק ביצים, ואבקש לשלוח לי 20 בקבוקי י״ש, 10 ק׳ דגים מלוחים, 1 ק׳ שמרים, 15 ק׳ מלח, 4 ק׳ נרות לשבת״.

חידות מבחן לילדים

הוא אהב לבחון את הילדים, לעמוד על תבונתם ועל ידיעותיהם בלימודים בכל מיני חידות ושאלות מחוכמות, לרוב מההווי היהודי. הוא היה מעודד אותם ללמוד בחריצות, כי התורה היא העיקר בחיי האדם.



שלוש האחיות: גיטל ז״ל, יהודית ורבקה ובני משפחותיהן ברחובות.



אבא זינגר ז״ל

בן חיים „דער פאַלטאַוועצ״ וליבה נולד ברוז׳ישץ׳ ב־5.10.1928. בתקופת שלטון הנאצים ברח כילד בן 12 ליערות ולשדות ותודות לזריזותו ותושייתו נשאר בחיים. כל משפחתו נספתה יחד עם יהודי העיר.

בימים הראשונים של השלטון הסובייטי ניסה יחד עם חבריו הצעירים, יהודה פיישטר, צבי רויטר ואחרים לנקום באוקראינים שהתאכזרו ליהודים בימי הנאצים.


כשנפתחה האפשרות ללכת מערבה הגיע לצפון איטליה ומכאן הגיע אל כפר הנוער „אודים״ שבסנטה מריה די־באני באיטליה, שניהלתי אותו כחייל בבריגדה. כששאלתי אותו איך הגעת לכאן? ענה: שמעתי בצפון איטליה שבן־עירי מנהל כפר נוער בדרום והחלטתי לבוא.

היה צעיר וצורף לקבוצת הנערים „צברים״. כשהתלוננה לפני המורה שרה שהוא שובב גדול ולפעמים מפריע, אמרתי לה: אני שמח שנמצא ילד אחד בריא ושובב, שעה שכל 600 בני הנוער בכפר מתנהגים כמבוגרים רציניים יותר מדי, כמי שנעוריהם נגזלו מהם בטרם זמן.

בנובמבר 1945 הגיע לארץ יחד עם קבוצת „צברים״ ומדריכו חיים קרימלובסקי (קרת), באניה „פרינסס קטלינה״. היו אלה הסרטיפיקטים האחרונים שמרבית תלמידי כפר הנוער זכו בהם ועלו יחד באותה אניה.

בהגיעו לארץ הלך לקבוץ מזרע. עוד בדצמבר 1947 התייצב להגנת המולדת והשתתף בהגנת בית הקרן הקיימת לישראל בקרבות תל־א־ריש ולטרון, כחייל באחד מגדודי חטיבת „גבעתי״. הצטיין במסירות למשימות שהוטלו עליו ובזריזות של חתול ידע להתחמק מפני הפגזות האויב.

נפל בקרב על אשדוד נגד הפולש המצרי ב־3 ביוני 1948. הובא למנוחות בקרית שאול ב־31 באוקטובר 1951.



שלושת הבנים של דוד בליאק — אברהם, יעקב ויוסף ז״ל — שהיגרו לבראזיל.

אהבתי את הדוד דוד על היותו אדם נדיב־לב, אוהב אדם, נכון לוותר על קטנות בחיים למען אחווה, רעות ולמען הזולת. אהב לעזור לבני משפחה במצוקה בלי כל חשבון. אף־על־פי שלא היה עשיר, היה נדיב־לב. היה תמיד שמח בחלקו ועליז.

זוכרנו כאשר שרנו, אנו הילדים, ניגוני חסידים או שירים ציוניים בנוסח ליי־ליי־ליי. אמר: „אַל תשירו ליי־ליי. אַז מלייהט דאַרף מען אָפּגיבן. שירו דיי־דיי שפרושו בגויית תן... ולא תצטרכו להחזיר...״

פעם בחן את מידת פיקחותנו באופן זה: ידוע שאסור להביט אל הכוהנים כשהם עולים לברכת כהנים. הציבור מתכסה בטלית ואין איש מביט אליהם. והיה אם יביט ילד פעם אחת — יתעוור בעין אחת; אם יביט פעם שניה — יתעוור בעין השניה; ואם יביט בפעם השלישית? — שאל וחיכה לתשובה של ילד חכם.

וכשנמצא אחד הילדים שהשיב בשאלה: איך יביט בפעם השלישית אם כבר נתעוור בשתי עיניו?.. זכה להערכה טובה.

פיזור המשפחה

הוא היה קשור בכל נימי נפשו אל הבית הגדול, אל החיים המיוחדים שבכפר, אל רחבות הנוף והנפש ולא יכול לעבור לגור בעיר ולהידחק בקרב ציבור גדול, גם כשכל אחיו עזבו את הכפר ויצאו למרחקים:

לייביש ונתן בליאק — לארצות הברית, לסולט־לייק־סיטי; מוטל לווארשה; בת־שבע וחיים — ללוצק; רייזל — לאוסובה. שלושת בניו: אברהם, יעקב ויוסף, היגרו בשנות השלושים לריו־די־ז׳אנירו שבברזיל. (יוסף נפטר בשנת 1975). בנו הבכור, אשר, עבר לגור בלוצק.

ר׳ דוד נפטר לפני מלחמת העולם השנייה, והדודה חייה־שרה נפטרה לפני השואה.


בכפר נשאר רק הבן השני, משה, ומשפחתו, שניסה להמשיך בעקשנות את מורשת הדורות המפוארת של הבליאקים ושל יהודי אומלנו, עד שהנאצים ימ״ש הרגו אותם.

נותרו בחיים משפחת אחיו נתן בארה״ב, שלוש המשפחות של בניו בבראזיל ונכדתו, בתו של אשר מלוצק, דבורה הייצ׳יק, ובן־אחותו בת־שבע, ד״ר סוניק ברנבלום, החיים בישראל, ומשפחותיהן של שלוש בנותיו של אחיו מוטל, הנמצאות בישראל ובארצות־הברית.

יהודית ביברמן, בתו של ר׳ מוטל בליאק, החיה בתל־אביב, עושה את חשבון משפחתה:



מיכאל (מאקס) פעפער, היחידי משלושת ה־אחים פעפער שנשאר בחיים, חי בדנוור, אר־צות־הברית. בתמונה הוא עומד (הראשון מ־שמאל) בשעת קבלת־פנים לנשיא המנוח זלמן שזר בבית־רוז׳ישץ׳. אבנר רחמיאלי, יו״ר אר־גון יוצאי רוז׳ישץ׳, מקביל את פני הנשיא ולוחץ את ידו.



3 ילדות: סוסלה בליאק מאומלנו וילדתו של סרוליק מלמד. על הכסא — רחל'ה שער.

את אבא ואת אחי זייליק הרגו הקוזקים ב־1915.

את אחי אברהם מקיוורץ ואת אחי נתן מווארשה ומשפחותיהם רצחו הנאצים.

אנו שלוש האחיות — גיטל ז"ל, אני ורבקה — ומדהבה, בת אחי זייליק, עלינו לארץ ישראל בשנות העשרים, וקבענו את ביתנו ברחובות הקטנה והחלוצית בימים ההם.

משרידים אלה שבאו לישראל הסתעפו המשפחות: פרנקל, שפרינצק, זוויקלסקי, ביברמן ולחובר, כן ירבו.

בארה"ב נמצאים לייבל פריליך, בנה של גיטל ז"ל, ומשפחותיהן של שתי אחיותי שהיגרו לשם אחרי מלחמת העולם הראשונה.

הפעפערים — הענף האמריקאי

שלושת האחים — איציק ומוטל ז"ל ויבל"א מיכאל פעפער — היגרו לארצות הברית לפני מלחמת העולם הראשונה, כאילו חשו את החורבן המתקרב. השתקעו בדנוור, קולוראדו, ובסולט־לייק־סיטי, יוטא, והניחו את היסוד לענף משפחה צעיר, מתפתח ומצליח.

הפעפערים מהווים חלק ניכר מהקהילה היהודית בסולט־לייק־סיטי. הם פעילים בחיים הצבוריים והכלכליים.

בדנוור חיים מיכאל ובניו וכן בניו של איציק ז"ל. הם היכו שרשים והוציאו ענפים משפחתיים שהסתעפו מאוד, כן ירבו!


שלושת האחים האלה שמשו משען לבני משפחתם שנשארו בפולין ותמכו בהם בעת מצוקה. ב־1922 היגרו אליהם אחותי מרים ואחי מיכאל ובשנת 1939, לפני פרוץ מלחמת העולם השניה, הצליחה בדרך נס אמי, שהיתה אחותם, להגיע אליהם.

בפולין נשאר האח סנדר ומשפחתו, שניספו ע"י הנאצים ימ"ש.

ראזשישטש - א שטאט וואס איז געווען

געשיכטע פון יידן אין ראזשישטש

אבנר רחמיאלי



מיר האָבן נישט געפונען צווישן אונדזערע חברים־וותיקים אין לאַנד איינעם, וועלכער ווייסט צו דערציילן וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער שטאָט. אין דער „יעווריעסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ" האָבן מיר געפונען, אַז אין יאָר 1847 האָבן זיך געפונען אין דער יידישער קהילה אין ראָזשישטש 702 נפשות און אין יאָר 1897 האָבן שוין דאָרט געלעבט 3169 יידן.

די געשיכטע פון די יידן אין ראָזשישטש איז פאַרבונדן אָרגאַניש מיט דער געשיכטע פון יידן אין וואָלין בכלל. דאָס איז דער געביט וואָס איז אָנגעשלאָסן געוואָרן אין רוסלאַנד אין דער צייט פון דער פאַנאַנדערטיילונג פון פוילן צווישן רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן אין יאָר 1793.

הונדערט און צוויי־און־צוואַנציק יאָר האָט די שטאָט געהערט צו רוסלאַנד און די יידישע קהילה איז געווען פאַרבונדן מיט די גרויסע יידישע קולטור־צענטערס אין אָדעס, קיעוו, מאָסקווע און פּעטערבורג. די ראָזשישטשער יידן זענען געווען אַ טייל פון די צוויי מיליאָן יידן, די מערהייט פון יידישן פאָלק אין יענער צייט, וועלכע האָבן געלעבט אין צאַרישן רוסלאַנד.

די יידן אין וואָלין זענען געווען זייער טעטיק אויף פאַרשידענע געביטן, און באַזונדערס אויפן קולטורעלן געביט, אַלס אינטעגראַלער טייל פון ברויזענדן רוסישן יידנטום ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. צום סוף פון דער מלחמה איז וואָלין פאַרנאַנדערגעטיילט געוואָרן: דער מזרח־טייל איז פאַרבליבן אין ראַטנפאַרבאַנד, דער מערב־טייל איז אָנגעשלאָסן געוואָרן אין דער ניי־געגרינדעטער פוילישער מלוכה.

אין דער צייט פון סאָוויעטיש־פוילישן קריג אין יאָר 1920 איז די שטאָט איייניקע מאָל אַריבער פון האַנט צו האַנט. צום סוף איז זי געבליבן אויף דער פוילישער זייט. די פאַרבינדונגען מיט די יידישע קולטור־צענטערס אין רוסלאַנד זענען איבערגעריסן געוואָרן. ס'האָבן זיך אויפגעעפנט נייע פאַרבינדונגען מיט וואַרשע און מיטן מערב, אָבער דאָס האָט אָנגעהאַלטן בלויז צוואַנציק יאָר.

די שטאָט פאַרוואַלטונג

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די צאַרישע צייטן, איז ר׳ משה געלער, מיין זיידע, געווען דער סטאַראָסטע פון שטאָט. אין זיינע פולמאַכטן איז געווען אַרויסצוגעבן אָפיציעלע דאָקומענטן פון אַ פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער, ווי אויך פאַספאָרטן. ער איז געווען דער הויפט פון שטאָט. די שטאָטישע באַפעלקערונג האָט אים אויסגעקליבן מיט אַן אייגנאַרטיקער שיטה — מיט דער הילף פון „גאַלקעס" — קוילן. דאָס רעכט צו וויילן האָבן געהאַט בלויז מענער.

דעמדאָזיקן אַמט האָט געירשנט זיין זון, ר׳ איציק געלער, וואָס איז געווען באַוווּסט אין שטאָט און אומגעגנט מיט זיין צונאָמען „סטאַראָסטע". דעם אַמט האָט ער געהאַלטן ביזן אַריינקומען פון די פּאָלאַקן, דאָס הייסט ביז סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ביז ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט די שטאָטישע אַדמיניסטראַציע און די שטאָטישע אָנפירונג, האָט ער קאָנצענטרירט אין זיינע הענט אָפיציעלע פולמאַכטן און אַסאַך מענטשן זענען געווען אָפּהענגיק פון זיין הילף און זיין האַנדלונג.

ווען ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט דער מאַגיסטראַט זענען געווען אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג 12 חברים: 10 יידן און 2 פּאָלאַקן — ד״ר זשיטינסקי און דער פריץ אַלכסנדר זאַפּאָלסקי. אויך די צוויי פּאָלאַקן זענען אויסגעקליבן געוואָרן הויפטזעכלעך מיט יידישע שטימען. זאַפּאָלסקי איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס בירגערמייסטער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אויך מיט דער הילף פון יידישע שטימען; אַלס זיין פאַרטרעטער איז אויסגעקליבן געוואָרן דער פאָרשטייער פון די ציוניסטן שמואל דיאַמאַנדשטיין.

יקותיאל קאָפּעלמאַן איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס לאַווניק (מיטגליד פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג) אַלס פאָרשטייער פון די לינקע גרופן. אַ צייט שפּעטער איז יעקב בראָנשטיין אויסגעקליבן געוואָרן אַלס וויצע־בירגערמייסטער אַנשטאָט דיאַמאַנדשטיין.

אין אַ שפּעטערדיקע תקופה האָבן די פּאָלאַקן זיך באַנוצט מיט כל מיני קאָמבינאַציעס כדי צו פאַרגרעסערן די צאָל קריסטלעכע וויילער. זיי האָבן אַדמיניסטראַטיוו אַנגעשלאָסן אין דער שטאָט דאָס דאָרף זשאַליבאָוו און אַנדערע קריסטלעכע קוואַרטאַלן, וואָס זענען פריער געווען מחוץ דעם שטאָטישן תחום.

משה געלער

אין יאָר 1939 איז ראָ.שישטש, צוגלייך מיט גאַנץ וואָלין, אָנגעשלאָסן געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד לויטן הסכם מאָלאָטאָוו־ריבנטראָפּ. מיטן אָנפאַל פון היטלר־דייטשלאַנד אויפן ראַטנפאַרבאַנד אין יוני 1941 איז ראָזשישטש אָקופּירט געוואָרן דורך די נאַציס און די יידישע קהילה איז פאַרניכטעט געוואָרן אין טאָג פון י׳ אלול תש״ב — 1942 (דער טאָג פון דער ליקווידאַציע פון געטאָ). איצט געהערט די שטאָט צום ראַטנפאַרבאַנד, אָבער ס׳זענען דאָרט נישטאָ מער קיין יידן.

די יידן אין וואָלין האָבן אַנטוויקלט אַן אייגנאַרטיק לעבן; זיי האָבן אַפילו באַזיצט אַ ספּעציעל לאָקאַלן וואָלינער דיאַלעקט אין ביידע שפּראַכן: אין יידיש און העברעיש. די וואָלינער יידן האָבן געטראָגן אַ טראַדיציאָנעלן לבוש, אינגאַנצן אַן אַנדערער ווי ס׳איז געווען אָנגענומען אין פוילן. די חסידות אין וואָלין איז נישט געווען קיין פאַנאַטישע. די לערן־מעטאָדעס אין די ישיבות איז געווען די באַוואוסטע שיטת־המוסר „בית יוסף". די וואָליניאַקעס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פשטות, ערלעכקייט און פלייסיקייט. די וואָלינער יידן זענען געווען טעטיק אין אַלע צווייגן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און זיך באַטייליקט אין אַלע פּאָליטישע באַוועגונגען און שטרעמונגען, וואָס האָבן געפירט צו די גרויסע געזעלשאַפטלעכע אויפטרייסלונגען אין 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט.

אין די שאַפונגען פון חיים־נחמן ביאַליק — אַ געבוירענער אין וואָלין, אין אַ דאָרף נעבן זשיטאָמיר — שפּיגלט זיך אָפּ די נאַטור, די לאַנדשאַפט, דער לעבנס־שטייגער און די ליידן פון די יידן אין דעם ווינקל פון גלות. אויך שפּיגלען זיך אָפּ אין זיינע ווערק די שטרעבונגען צו נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון די וואָלינער יידן.

אליעזר שמאלי, אַ געבוירענער אין ראָזשישטש, דער זון פון ר׳ אברהם סיקילער, האָט אין זיינע ביכער געשילדערט די שעפערישע נאַטור־מענטשן. דאָס זענען שילדערונגען, וואָס זענען ווּאַרשיינלעך באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער נאַטור־פּאַנאָראַמע, אין וועלכער ער האָט געלעבט אין זיינע ערשטע קינדער־יאָרן.

די וואָלינער יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַלזייטיקייט און פיל־פאַרביקייט. טריסקער און אָליקער חסידים פון איין זייט און פאַרברענטע אָנהענגער פון דער רעוואָלוציע פון דער צווייטער זייט; די „תרבות"־שולע און ענטוזיאַסטישע עברית־רעדער פון איין זייט און פאַנאַטישע יידישיסטן פון דער אַנדערער זייט; און איבער זיי אַלע די ציוניסטישע און די חלוצישע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל די עליה קיין ארץ־ישראל. אַ דאַנק דעם האָט ראָזשישטש געהאַט אַ טייל אין אַלע עליות, אָנהייבנדיק פון דער צווייטער עליה ביז דער העפּלה און די לעצטע עליות נאָך דער שואה. אין גאַנץ ישראל, אין דאָרף, אין קיבוץ און אין די שטעט לעבן אָפּשטאַמיקע פון ראָזשישטש. זיי האָבן פאַרפילט די שורות פון דער „הגנה", אצ״ל און לח״י; זיי האָבן געקעמפט אין אַלע מלחמות און מקריב געווען זייער לעבן פאַר אונדזער פרייהייט, אומאָפּהענגיקייט און זיכערהייט.

פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה

אריה ראזען

אריה ראָזען, דער מחבר פון דער רשימה „ראָזשישטש פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה" איז אַ זון פון אַן אַנגעזעענער משפּחה אין דער שטאָט, וואָס האָט באַשלאָסן פּערזענלעך פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן אידעאַל און עולה זיין קיין ארץ־ישראל. אין יאָר 1925 איז דער פאָטער, ר' ברוך, געקומען אין לאַנד מיט זיינע צוויי זין און אַ טאָכטער. אין יאָר 1929 איז ער דער־מאָרדעט געוואָרן דורך די אַראַבער אין יפו, בעת די בלוטיקע מאורעות.

ראָזשישטש איז אַ גרויס שטעטל אין לוצקער קרייז, וואָס ליגט ביי די ברעגן פון טייך סטיר און געפינט זיך אויף דער אייזנבאַן־ליניע קיעוו־וואַרשע אין אַ מרחק פון 20 ק"מ פון לוצק און 50 ק"מ פון קאָוועל. ראָזשישטש האָט נישט קיין רייכן עבר פון פיל דורות. ס'האָבן זיך נישט געפינען אין איר אַלטערטימלעכקייטן פון אַ היסטאָרישן ווערט. ס'איז אַפילו נישט פאַרבליבן דער פנקס פון דער קהילה, ווי אין אַנדערע קהילות. טראָץ דעם איז ראָזשישטש געווען אַן אייגנאַרטיק שטעטל און איינס פון די וויכטיקסטע און מער אַנטוויקלטע שטעטלעך אין וואָלין.

לויט דער השערה און לויט די דערציילונגען פון זקני־הדור פון ראָזשישטש איז דאָס שטעטל אַנטשטאַנען בערך מיט אַ 170 יאָר צוריק. די פאָלקסציילונג פון דער באַפעלקע־רונג פון 1847 באַווייזט, אַז ס'האָבן דאָ דאַן געלעבט 702 יידן. פופציק יאָר שפּעטער, אין יאָר 1897, איז די צאָל יידן דערגאַנגען צו 3169 נפשות (פון אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 4342 תושבים לויט דער אָפיציעלער ציילונג). בדרך־כלל האָבן די יידן אין ראָזשישטש אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט געבילדעט 80—85 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון שטעטל. אַ חוץ די יידן און פּאָלאַקן האָבן אין ראָזשישטש אויך געלעבט אוקראַינער. אַרום שטעטל זענען געווען אייניקע דייטשישע לאַנדווירטשאַפטן, וואָס פלעגן פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן צו די יידן פון שטעטל.

דאס עקאנאמישע לעבן

דאָס שטעטל איז געווען באַוואוסט פון עקספּאָרט פון תבואה, פּוטער, אייער און אַנדערע ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן אין גרויסן פאַרנעם. די פּראָדוקציע פלעגט אַרויסגעפירט ווערן אין פיל וואַגאָנעס. ס'האָבן זיך אויך געפינען אין שטעטל גרויסע מילן און פאַבריקלעך פון וועב־שטאָפן, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט טעקסטיל־שטאָפן פון אָרטיקן וואָל און אַנדערע פעדעם. אויף די שטאָפן איז געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע אין אוקראַינע. די טעקסטיל־פאַבריקן האָבן זיך געפינען איבערהויפּט אין יידישע הענט (אַ חוץ צוויי פאַבריקלעך, וואָס האָבן געהערט צו דייטשן; אויך זיי האָבן באַשעפטיקט יידישע ספּעציאַליסטן).

ראָזשישטש איז געווען באַרימט אַלס שטעטל פון מסחר און אינדוסטריע אין משך פון פיל יאָרן. די אַנטוויקלונג האָט אָנגעהאַלטן ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914. מיטן אָנקומען פון דער עסטרייכישער אַרמיי און פון דייטשישן מיליטער אין יאָר 1915 איז כמעט דאָס גאַנצע שטעטל פאַרניכטעט געוואָרן. פיל הייזער זענען אָפּגעברענט געוואָרן. אַ סך תושבים האָבן פאַרלאָזט ראָזשישטש, וואָס איז פאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג פון חורבות. גרויס זענען געווען די יסורים פון די יידישע תושבים וועלכע זענען פאַרבליבן אין שטעטל, נישט האָבנדיק קיין שום הכנסה און עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן, טראָץ דעם וואָס די באַציאונגען פון די אָקופּאַנטן צו די יידן איז דאַן געווען נישט קיין שלעכטע.

אין יאָר 1916, מיטן אָפּטרעטן פון דער עסטרייכישער אַרמיי און מיטן פאַרנעמען ראָזשישטש דורך דער רוסישער אַרמיי, איז דאָס שטעטל כמעט אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן. רוב יידישע תושבים זענען דאַן אַריבער קיין לוצק אָדער אַנדערע שטעט.

ביי ענדע פון קריג האָט זיך די מאַכט אין שטעטל געביטן דורך די אוקראַינער, פּאָלאַקן און רוסן. ערשט אין יאָר 1920 האָט זיך סטאַביליזירט די פּוילישע מאַכט

ר' שמילקע וויינער

אין די קינדער־יאָרן האָב איך געלערנט אין דער פוילישער פאָלקס־שולע און ביים לערער בונים פערלמוטער, וועלכע האָט געוווינט אין וועלניאַנקע און האָט פריוואַט געלערנט קינ־דער יידיש און עברית. ער האָט פאַרעפנט־לעכט דערציילונגען אין די יידישע צייטונגען, וועלכע זענען דערשינען אין לוצק און אין ראָוונע. דער רבי ר' שמילקע וויינער האָט מיך געלערנט יידישע לימודים.

ר' שמילקע איז געווען אַ האַרציקער און ליבער מענטש, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן געווידמעט העלפן מענטשן און טאָן טובות. אין דעם האָט ער געזען דעם זין און ציל פון זיין לעבן. ער האָט געהאַט ביי זיך אַ קליינע פריוואַטע גמילות־חסדים קאַסע און פלעגט געבן הלוואות יעדן נויטבאַדערפטיקן אָן פּראָצענט. אין געטאָ איז זיין איינציקע תפילה געווען זוכה צו זיין לקבר ישראל. ער און זיין פרוי זענען ווירקלעך נפטר גע־קבֿרות. צוערשט איז נפטר געוואָרן ר' שמילקע און עטלעכע טעג שפּעטער איז געשטאָרבן זיין פרוי.

וואָרן אַ קורצע צייט פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ און האָבן טאַקע זוכה געווען באַ־גראָבן צו ווערן אויף דעם יידישן בית־עולם.

זיין זון שבתאי וויינער לעבט אין קיבוץ יד־מרדכי.

אברהם פריגאל



הניה שקורניק.

אין שטאָט. די יידן האָבן דאַן אָנגעהויבן צוריקקערן אין שטאָט. זיי האָבן אָנגעהויבן אויפשטעלן דאָס שטעטל פון די חורבות, אָרגאַניזירט די יידישע קהילה פון דאָס־ניי און אַזוי אַרום האָט דאָס שטעטל ווידער אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען. אין משך פון יאָרן איז פאַרגרעסערט געוואָרן דער יידישער יישוב און האָט דערגרייכט די צאָל פון 5000 נפשות. די יידישע קהילה האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען פון דאָס ניי און האָט אָנגעהויבן שלאָגן טיפע וואָרצלען ווי פריער.

ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אין שטאָט געווען דריי גרויסע פאַבריקן און נעבן זיי האָבן פונקציאָנירט צענדליקער וואַרשטאַטן פון וועב־וואָל און שטאָף. הונדערטער משפחות האָבן געאַרבעט און געצויגן פון דעם זייער חיונה.

דאָס געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע לעבן

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין ראָזשישטש איז געווען גוט אַנטוויקלט. ס'האָבן נישט געפעלט קיין עסקנים, גבאים און סתם גוטהאַרציקע מענטשן, וועלכע האָבן געשטיצט די צדקה־אינסטיטוציעס, וואָס זענען געווען טעטיק אַלע יאָרן. גרויס איז אויך געווען די צאָל פון אָנהענגער פונעם ציוניסטישן געדאַנק, בעיקר אין די קרייזן פון דער יוגנט.

אין יאָר 3—1902 איז לויט דער איניציאַטיוו פון דעם אָרטיקן סוחר און געזעל־שאַפטלעכן טוער ר' חיים־יוסף שטיינגאַרטן אָרגאַניזירט געוואָרן אַ „חדר מתוקן". אין לויף פון די יאָרן 5—1904 האָבן זיך אין שטעטל פאַרמערט די באַוועגונגען פון פאַר־שידענע אידעאָלאָגישע ריכטונגען צווישן דער יוגנט. ס'האָבן זיך געגרינדעט יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון די ציוניסטן, פועלי־ציון, ס.ס.—ציונים־סאָציאַליסטן און „בונד". אין אַנבליק פון דער סכנה מצד כוליגאַנעס, וועלכן האָבן אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף יידן, איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע זעלבסטשוץ פון „בונד" באַזונדער און פון די ציוניסטן באַזונדער. אויך אויפן געביט פון אַלגעמיינע יידישע אינטערעסן האָבן די יידישע פאַרטייען נישט געפונען קיין געמיינזאַמע שפּראַך.

די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין ראָזשישטש האָט זיך אויסגע־ברייטערט און האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען. ס'האָט זיך געגרינדעט אַ ציוניסטישע אגודה אונטערן נאָמען „אַגודת מבשרת ציון". אין איר זענען געווען טעטיק די בעסטע אָרטיקע עסקנים און משכילים, צווישן זיי: פסח האַכמאַן, אליהו בראַקער, נחום בראַקער, אלתר לערנער, יהושע דראַליטשע, חיים יוסף שטיינגאַרטן און אַנדערע. די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט געגרינדעט אַ פאָלקס־ביבליאָטעק.

ראָזשישטש איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיק יידיש שטעטל, אַ שטעטל פון חסידים פון איין זייט און פון משכילים און ציוניסטן פון דער צווייטער זייט. תורה און חכמה איז דאָ געגאַנגען האַנט־ביי־האַנט. דער פאַרביסענער קאַמף צווישן זיי האָט זיך כמעט נישט געפילט. ס'האָבן זיך דאָ געפונען פאַרשידענע בתי־תפילה: פון חסידי טריסק און חסידי אָליק, אַ בית־מדרש, אַ זשאַליבאָווער שול נעבן דער באַן, און אַ גרויסע שול וואָס איז געשטאַנען אין צענטער פון שטעטל. דאָס איז געווען אַ הויכער מאַיעסטעטישער בנין און אין זיינע ביידע עקן האָבן זיך געפונען די בתי־תפילה פון די קצבים און שניידער. די גרויסע שול האָט געדינט אַלס מקום־תפילה פאַר די אַלע, וועלכע האָבן נישט געהערט צו פאַרשידענע חסידישע הויפן.

די גרויסע מחלוקת

די השפעה פון טריסקער רבין אויף די ראָזשישטשער יידן איז געווען גרויס נישט נאָר אין גייסטלעכע ענינים, נאָר אויך אין פאַרשידענע אַנדערע שטחים פון לעבן. נאָך דער פטירה פון אַלטן רב ר' משה־לייב לערנער ז"ל, וואָס האָט נישט איבערגעלאָזט קיין פאַסנדן יורש, וועלכער זאָל זיין ראוי צו זיצן אויף דעם כסא־הרבנות, איז אויס־געבראָכן אַ גרויס מחלוקת, וואָס האָט גורם געווען צו אַ פירוד אין שטאָט. די נכבדי העיר, ווי אַהרון־יוסף ביבערמאַן און משה שוואַרץ, זענען אַוועקגעפאָרן צום טריסקער רבין אָן עצה האַלטן מיט אים, וועגן דעם ענין פון אויסקלייבן אַ נייעם רב. דער טריסקער רבי האָט באַפוילן נאָמינירן אַלס דיין אין שטעטל ר' איציק מנוחה'ס, איינער פון די צענטראַלע פיגורן פון טריסקער הויף.

די נכבדים האָבן נישט אָנגענומען דעם רבינס עצה און האָבן „מורד במלכות״ געווען. וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי זענען אַוועק קיין בריסק צום גאון ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, און נאָכן האַלטן זיך מיט אים אַן עצה האָבן זיי אויסגעקליבן פאַר אַ רב ר׳ אשר דוד חרי פון בריסק — אַ ליטוואַק אַ בעל־תורה און אַ באַרימטע פערזענלעכקייט. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן די יידן אין ראָזשישטש: איין טייל האָט אונטערגעשטיצט דעם נייעם רב, און אַ צווייטע טייל — ר׳ איציק מנוחה׳ס, דער אויסדערווילטער פון טריסקער רבין. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקת און דאָס שטעטל איז צעטיילט געוואָרן אין צוויי מחנות.

יידן, וועלכע האָבן תמיד געלעבט בשלום אין פריינדשאַפט, זענען געוואָרן שונאים איינער דעם צווייטן. ס׳האָבן זיך אויך אויפגעוועקט די אַליקער חסידים און האָבן אויסגעקליבן זייערס אַן אייגענעם רב — הרב ר׳ משה ספעקטאָר. אַפילו אַ שוחט האָבן זיי איינגעלאַדן פון זייערע מענטשן — דעם שוחט ר׳ ברוך שפּיטאַלניק.

„חדרים״ און מלמדים

בדרך־כלל דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז ראָזשישטש האָט זיך נישט אויסגעצייכנט אַלס שטאָט פון תורה, אָדער פון גרויסע אַנשי־תורה. בחורים וואָס האָבן געוואָלט לערנען תורה זענען אַוועקגעפאָרן לערנען אין פאַרשידענע אַנדערע ישיבות. פונדעסטוועגן האָבן זיך געפונען יידן בעלי־תורה ומעשים טובים און צייטנווייז זענען אין בית־המדרש געזעסן בחורים און געלערנט תורה. די בילדונג און דערציאונג האָט מען, ווי געוויינלעך, באַקומען אין „חדר״ און ביי פריוואַטע לערער.

אַלע יינגלעך אין שטעטל האָבן באַקומען זייער ערשטע בילדונג אין די „חדרים״ ביי מלמדים, אָנהייבנדיק פון חדר־דרדקי און ענדיקנדיק מיט לערנען גמרא מיט אַלע פירושים. אַלס בעסטער „חדר״ האָט זיך גערעכנט דער פון רבין און מלמד דוד שוסטער, וואָס האָט געענדיקט סלוצקער ישיבה — אַ ייד אַ בן־תורה, וואָס האָט אויך באַזיצט אַלגעמיינע בילדונג. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל תלמידים און זיך אויסגעצייכנט מיט לערנען תנ״ך.

צווישן די גוטע מלמדים דאַרף מען דערמאָנען ר׳ משה איריס ז״ל פון טריסק. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און ירא־שמים, וועלכער האָט מיט התמדה געלערנט תורה מיט זיינע תלמידים. אויף אים קען מען זאָגן, אַז ער האָט מקיים געווען דעם פסוק: „לעולם יהא אדם ירא שמיים בסתר ובגלוי, מודה על האמת ודובר אמת בלבבו״. ער האָט דורכגעלערנט אַלע מסכתות פון ש״ס אומצייליקע מאָל און האָט געקענט פאַרענטפערן אַלע שווערסטע סוגיות מיט פשטות און געבן צו פאַרשטיין אויף אַ צוגענגלעכן אופן. צווישן די אַלע תלמידים וואָס האָבן ביי אים געלערנט אייניקע יאָר האָט זיך אויסגעצייכנט מיין טייערער חבר חייקל כשר ז״ל. חייקל איז געווען געבענטשט מיט אַ גיכע תפיסה פון שווערע סוגיות. ער האָט זיך געווידמעט דאָס לערנען תורה און אָפּהיטן מצוות ביז זיין לעצטן טאָג. יהי זכרו ברוך!

אין שכנות פון חדר פון ר׳ משה איריס האָט געוווינט ר׳ אַברהם סיקילער. זייענדיק אַ ייד אַ חסיד און אַ בעל־תורה פלעגט ער אָפט אַריינגיין צו אונדז אין „חדר״ און פירן לאַנגע שמועסן מיטן רבי ר׳ משה וועגן פאַרשידענע ענינים פון חסידות און תורה. איך געדענק זיינע זין: פרידל, מנשה און דער ייגנערער, אליעזר, וועלכער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל מיט דער ערשטער קבוצה פון חלוצים פון לוצק אין יאָר 1920. ער איז דער באַקאַנטער העברעאישער שרייבער אליעזר שמאלי. דער עלטערער ברודער, פרידל, איז געווען אַ משכיל און אַ חבר פון „חובבי ציון״.

עסקנים און תלמידי־חכמים

ס׳זענען געווען יידן שומרי מצוות און חסידים, וואָס האָבן געזען אין ציוניסטישן אידעאַל די לעזונג פון דער יידן־פראַגע אין גלות. מיין זיידע, ר׳ אלתר בראַקער, אַ ייד אַ למדן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין חסידות, איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געחלומט וועגן שיבת ציון און אונטערגעשטיצט דעם געדאַנק פון אַ יידישע



הערשל און פריידע גלוז.

אונדזער הזכרת־נשמות

נישט איינמאָל פאַרטראַכט מען זיך וועגן געוויסע דערינערונגען, וועלכע פאַרקלעמען דאָס האַרץ פון ווייטיק, וואָס אַלץ איז שוין פון אונדז אַזוי ווייט אַוועק, און נאָך ווי אַזוי אַוועק...

זכרונות, אַ פנקס וואָלט יעדער פון אונדז געקענט אַרויסגעבן בלויז פון זיינע נאָענטע און טייערסטע. מיר, איינוווינער פון אַזאַ קליין שטעטל ווי ראָזשישטש, האָבן דאָך מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ שטיק יידיש קולטורעל לעבן. ס׳וואָלט געווען גענוג בלויז צו דערמאָנען די נעמען פון אונדזערע טייערע און פיינע יידן, יידן מיט ווירדע, האַרץ און חכמה. שוין נישט־רעדנדיק פון די וואָס מ׳פלעגט רופן חכמים, ווי, למשל, אליהו פעפער און אַנדערע, ווי ר׳ יונה, דער האַרציקער רבי מיינער. אַ קליין יידל מיט אַסאַך וויסן, וואָס נישט איינער פון די לעבן־געבליבענע געדענקט אים און האָט פון זיין וויסן אַסאַך גענאָסן.

און אונדזער יידישע שולע מיט אירע פאַרוואַלטער און לערער. ווער געדענקט נישט דעם לערער יורמאַן, די לערערין פיש און אַנדערע. מען וואָלט דאַך וועגן זיי געקענט שרייבן און שרייבן.

מדינה פון ד״ר הרצל. דער זיידע, אלתר בראַקער ז״ל, איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער און געזאָרגט פאַרן כלל. ער האָט זיך אָפּגעגעבן די ענינים פון סאָציאַלע הילף פאַר נויטבאַדאַרפטיקע. זיין הויז איז געווען אָפן פאַר יעדן, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין הילף, נאָנטע און ווייטע. די לעצטע יאָרן האָט ער זיך דערווייטערט פון זיינע פּערזענלעכע עסקים און זיך אויסשליסלעך געווידמעט די ענינים פון סאָציאַלע הילף און שטיצע פאַר אָרעמע לייט.

אויך די באָבע חיה־ראָזע, אַ פרוי אַ צדקת, איז אירע אַלע יאָרן געווען פאַרנומען מיט ענינים פון צדקה און הילף פאַר אלמנות און יתומים. די אָנפירונג פון דער פאַבריק איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די צוויי זין: אליהו און נחום בראַקער, און זיין איידעם ברוך, מיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ בן־תורה און האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט אַ גוטן זכרון. אין זיין יוגנט האָט ער געלערנט ביים זיידן ראובן־לייב, וואָס איז געווען באַרימט אין דער גאַנצער סביבה מיט זיין למדנות.

מיין פאָטער ע״ה פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג. פאַר תפילת־שחרית פלעגט ער לערנען משניות און אַ בלאַט גמרא. דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען תלמוד, מדרש און אַנדערע ספרי־קודש. ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט ליטעראַטור און אַלגעמיינע בילדונג. ער האָט אַבאָנירט די צייטונגען „הצפירה״, „הזמן״ און אַנדערע.

מיין מוטער ע״ה איז געגאַנגען אין די באָבעס וועגן. חוץ דעם וואָס זי האָט געזאָרגט וועגן די דערציאונג פון די קינדער, האָט זי זיך אויך אָפּגעגעבן מיט ענינים פון צדקה און הילף פאַר נויטבאַדאַרפטיקע.

ר׳ שמעון וואַקסמאַן, אַ פרומער ייד און איינער פון די גדולי חסידי טריסק, פלעגט שטעלן זיין הויז אין רשות פון טריסקער רבין, בעת זיינע באַזוכן אין ראָזשישטש. ער האָט נישט געשטערט זיינע זין זיך אָפּגעבן וועלטלעכע און ציוניסטישע ענינים. זאָל דאָ צום גוטן דערמאָנט ווערן איינער פון זיינע זין, לייבל וואַקסמאַן ז״ל. ער איז געווען אַ יושב־אוהל און אַ פלייסיקער מתמיד ביים לערנען תלמוד מיט זיין חבר משה כגן („טאַרביטשקע״), ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, און האָט דאָס געטאָן מיט מסירות־נפש, ווי מיט אַ הייליקע אַרבעט. לייבל וואַקסמאַן איז אין דעם זין נישט געווען דער איינציקער אין שטעטל. נאָך אייניקע בחורים אין שטעטל האָבן געטראָגן דעם עול פון איינאָרדנען ציוניסטישע אימפּרעזעס.

עטלעכע ספּעציפישע טיפּן פון דעם יידישן יישוב אין ראָזשישטש האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון. ס׳איז כדאי זיי דאָ צו דערמאָנען און פאַרצייכענען זייערע נעמען אין ספר הזכרון:

ר׳ ישראל־בער זיניוק — אַ ליטווישער ייד מיט אַ הויכע ערודיציע און בילדונג. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ קלאָרן שכל און זיך עוסק געווען אין געזעלשאַפטלעכע ענינים.

הערש־בער קיטוק — אַ ליטווישער ייד פון אַ מתנגדישער משפחה, וואָס איז אַריבער צו חסידיזם. בעתן דאַווענען פלעגט ער אַריינפאַלן אין אַן אויסערגעווינלעכער התלהבות, ממש אַ חוצב להבות־אש פון דער קאַטעגאָריע: „כל עצמותי תאמרנה״.

מען דאַרף אויך דערמאָנען דעם מתמיד אלתר קאלטיניק. ער איז 20 שעה אין מעת־לעת געזעסן און געלערנט. מיט זיינע אייגענע כוחות, אָן הילף פון לערער, האָט ער דורכגעמאַכט אַלע עקזאַמענס און באַקומען די מאַטורע. ער האָט די מיטל־שולע פאַרענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג און אָנגענומען געוואָרן אויף מעדיצין־שטודיום אין אָדעסער אוניווערסיטעט.

מיר דערמאָנען זיך נישט איינמאָל אין די פּשוטע, פיינע יידן פון אַ גאַנץ יאָר: באַלעגאָלעס ווי גדליה־ברוך, פישל, בענציע, וואָס האָבן זייער נשמה געקענט אַוועקגעבן פאַר אַנדערע; מען האָט אַפילו פון זייער גוטסקייט קיינמאָל נישט גערעדט.

יעצט אונדזערע בעלי־מלאכות מיט זייערע אינסטיטוציעס, ווי דער האַנטווערקער פאַ־ריין, קליינהענדלער פאַריין און אונדזער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין, וואָס האָט נישט איינמאָל אויפגעטרייסלט דאָס שטעטל מיט זיין רעוואָלוציאָנערער און קולטורעלער טע־טיקייט; צי דאַרפט איר פון אונדז אַ באַ־שרייבונג פון אַזאַ ייד ווי אברהם־יצחק שוסטער? ס׳איז גענוג צו דערמאָנען זיין לויה, ווען דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו.

נעמט, למשל, אַ צווייטן געזעלשאַפטלעכן טוער, יאָסי פּיזנהאָלץ. מיר דוכט זיך, אַז ס׳איז כדאי צו באַשרייבן מיין שווער משה דעם שטריקן־דרייער מיט זיין משפחה, וועל־כער האָט שטענדיק מקנא געווען דעם בע־קער, אָבער שטענדיק איז ער געווען אין אַ גוטער שטימונג, שטענדיק לאַכנדיק און גוטמוטיק, און יעצט זיינע דריי זין: שניאור, דוד און סענדער, וועלכע האָבן זייער לעבן מקריב געווען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאַרן כבוד פאַר אונדזער פאָלק און אַנדערע פעלקער.

אָבער צי וואָס אויפרודערן די ווונדן? און דערצו איז שוין נישטאָ מער קיין כוח און קיין מוט. מיר זענען גליקלעך, וואָס מיר קענען זיך כאָטש מיט אייך דורכשרייבן און אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט...

נישט איינמאָל, ווען מען טרעפט זיך מיט אייגענע, דערמאָנט מען זיך אַסאַך, אַסאַך זאַכן. מען איז, פשוט, מזכיר נשמות. וואָס איז ביי אונדז אין שטעטל געווען, וועגן וועלכן מען וואָלט געקענט שרייבן?

נעמט, למשל, אַזאַ שיינע פּרץ־ביבליאָטעק און איר פאַרוואַלטער אברהם פישפיידער. ער איז געווען אַ גרויסער קולטור־טוער און געשפּראָדלט מיט קלוגע פאָלקס־ווערטלעך; אונדזערע דראַמאַטישע קרייזן מיט זייערע שפּילער, וועלכער נישט איינער פון זיי וואָלט זיך געקענט פאַרמעסטן מיט פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן; נעמט, למשל, גיטל ליבערמאַן, פריידקע סאָסנע, וואָלף רערן, אַלטער שאַמעס און אַנדערע.

מיר מיינען, אַז עס איז פאַראַן אַ גענוגנדע גרופּע באַגאַבטע מענטשן פון אונדזער שטעטל, וועלכע זענען פעיק דאָס צו טוען. אונדזער ווונטש איז בלויז, אַז די בכבודיקע אַרבעט זאָל מיט דערפאָלג אויסגעפירט ווערן.

הערשל און פריידע גלוז, ווארשע

וואַרשע, יוני 1970

סוף ווינטער ביי מיין פאטער

סאל מילער (שלמה מלמד), קאנאדע

דער ווינטער מיט זיינע שווערע פרעסט און שנייען האַלט שויןביים סוף. דער פרילינג פילט זיך שוין אין דער לופט. די איינוווינער פון שטעטל פילן זיך אַ ביסל פרייער פון דעם שווערן ווינטער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן איבער פיר חדשים. איצט הייבט מען זיך אָן גרייטן צום פסח.

דער שניי צעגייט זיך ביסלעכווייז. יעדן טאָג אַנטפּלעקט זיך אַביסל מער ערד און אין פאַרשידענע פלעצער הייבן זיך אָן באַווייזן ביסלעך גראָז. אין אייניקע גאַסן, ווו די וועגן זענען נישט ברוקירט, ווערט מיט יעדן טאָג די בלאָטע געדיכטער.


גייענדיק אַהיים פון דער ישיבה, ספּעציעל אַראָפּגייענדיק צו די אָלעיניצעס און פון דאָרט צום סטאַוואָק, נעבן רחל די ראדענערס שטוב, איז די בלאָטע אַזוי טיף, אַז מיר פאַרלירן די קאַלאָשן, און מיר מוזן זיי מיט די הענט אַרויסשלעפּן פון דער בלאָטע.

אַבער אין שטאָט פילן זיך שוין די איינוווינער אַ סך פרייער, און דער ריח פון פסח פילט זיך אין דער לופט.

די בעקערייען, וואָס באַקן מצות, אַרבעטן אין פולן גאַנג, טאָג און נאַכט, צוצושטעלן דעם געברויך פון מצות. עס האָט זיך אין אונדזער שטאָט אַנטוויקלט אַ מצה־אינדוסטרי, וואָס אַרבעט פאַר וואַרשע און אַנדערע שטעט אין גאַנץ פוילן.

דאָס צוגרייטן דעם פסח האָט זיך, אייגנטלעך, אָנגעהויבן ביי אונדז אין שטוב נאָך אַרום חנוכה, ווען די מאַמע האָט אַרונטערגענומען פון בוידעם די פעטע געפּאַסטעטע גענדז, זיי געלאָזט שחטן און אַ טייל פון זייער שמאַלץ צוגעגרייט אויף פסח.

איין טאָג נאָך חנוכה איז געווידמעט געוואָרן אויף איינקויפן לייוונט ביי זיסיע קלימבערד אין מאַנופאַקטור געשעפט, צום אויפנייען אונטערוועש און אויבער־העמדער פאַרן גאַנצן הויזגעזונט.



מאיר קרוק, מוטל שקורניק, מוטל רוזנפלד.

פורים אין שטעטל

אַזוי האָט זיך געצויגן דאָס צוגרייטן זיך צום פסח ביז פורים. פורים איז געפייערט געוואָרן ביי אונדז אין שטאָט מיט גרויס פרייד. די ישיבה־יינגלעך האָבן צוגעגרייט גרעגערס. אייניקע פון די ישיבה־בחורים, ווי נחום געלערשטיין, שלמה גראפּערמאַן און שלמה קאָס, זענען געווען ספּעציאַליסטן אין דער מלאכה. זייערע גרעגערס זענען געווען אַזוי הילכיק, אַז זיי האָבן געקלאַפּט ווי האַרמאַטן. פאַרשטייט זיך אַז זיי האָבן זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זייערע גרעגערס.

יונגוואַרג פלעגט זיך פאַרשטעלן, איבערקערן דעם פעלץ, און גיין איבער די הייזער מיט פאַרשיידענע לידער. איינמאָל האָבן זיי אַפילו איינגעאָרדנט אַ פורים־שפּיל „מכירת יוסף” אין דער „פּאָזשאַרנע”.

ביי אונדז אין שטוב איז פורים געווען זייער פריילעך. אין אָוונט, נאָכן אַהיימקומען פון שול, פלעגט דער טאַטע זיך אַוועקזעצן צום טיש, וואָס איז געווען געדעקט יום־טובדיק מיט פאַרשידענע געטראַנקען. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ זילבערנע פּושקע מיט זילבער־געלט און אונטער דער פּושקע — פּאַפּירן געלט.

די זילבערנע פּושקע האָט סוכות געדינט אַלס אתרוג־פּושקע, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט ווייכע קלאָטשע. פורים האָט דער טאַטע געטיילט נדבות פון דער פּושקע.

אַסך מענטשן פלעגן אַריינקומען טרינקען „לחיים” און באַקומען אַ שיינע נדבה אויף פאַרשידענע צוועקן. שפּעט אין אָוונט האָט זיך די גאַנצע משפּחה געזעצט צום

טיש צו דער פּורים־סעודה. דער טאַטע מיט די קינדער האָבן געזונגען „שושנת יעקב" און אַ יידיש פּורים־ליד: „אוי, המון, דו ערל'ה, דו ביסט געוואָרן אונדזער כּפּרה'לע". אַזוי האָבן מיר מיט געזאַנג פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מצה שמורה

צוויי־דריי טעג פאַר פּסח איז דער טאַטע געקומען אַהיים פון שול פרי, אָפּגעגעסן פרישטיק און אַוועק צום רב ר' משה'לע סווינעכער באַקן מצה שמורה. מען האָט געדונגען אַ בעל־עגלה, וואָס האָט אויף זיין וואָגן אַרויפגעשטעלט די פעסער, פאַרדעקט זיי מיט ווייסן־לייוונט און פעסט פאַרבונדן מיט אַ שטריק, און אַוועק צום סטער. דאָרט האָט שוין געוואַרט אַ גוי פון טופילנע מיט אַ קליין שיפל, וואָס האָט געקענט אַריינגעמען דריי־פיר מאַן. די מענטשן, מיט עמערס אין די הענט, האָבן זיך אַרויסגעשיפט ביז אינמיטן סטער, אָנגעשעפּט עמערס מיט ריין, קלאָר וואַסער, און געקומען צוריק צום ברעג.


אין שיפל זענען געווען: לוי מלמד (פישבײן), ראָזנפעלד און אַברהמ'ל זיניוק (ליטוואַק). אויפן ברעג פון סטער האָבן געוואַרט אייניקע מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט צוטראָגן דאָס וואַסער צום וואָגן. די גרופּע איז באַשטאַנען פון: יונה מלמד, מאיר מלמד (מיין פאָטער) און אַברהם בערגעל.

אויף אַריינצוגיסן דאָס וואַסער אין די פעסער זענען אויפן וואָגן געשטאַנען גרייט די „יונגע": מאיר ספּעקטאָר, שייקע שאַפּיר און אַהרעלע (אַהרן) ספּעקטאָר. די וואַסער־צערעמאָניע איז אָנגעגאַנגען ביזן האַלבן טאָג. דערנאָך האָט מען דאָס וואַסער געבראַכט צו ר' משה'לע סווינעכערס שטוב. דאָרט זענען שוין געווען צוגעגרייט פעסער, באַדעקט מיט לייוונט. דאָ האָט מען אויסגעשעפּט דאָס וואַסער פון די פעסער אין וואָגן און אַריינגעגאָסן אין די פעסער, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער זייטיקער טיר פון משה'לע סווינעכערס שטוב.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן דאָס באַקן די מצות. ביים ענדע פון טאָג, אין אָוונט, האָט דער טאַטע געבראַכט מיט זיך אַהיים די פרישע שמורה־מצות.

ערב פּסח, אַרום 10 פרי, פלעג מען אָפּעסן דאָס חמץ, דערנאָך האָט מען דאָס איבערגעבליבענע חמץ, און דעם חמץ וואָס דער טאַטע האָט צוזאַמענגענומען נעכטן אָוונט בעתן ביעור־חמץ, מיטגענומען מיט זיך אין מרחץ אַריין צום פאַרברענען.

מיר, קינדער, האָבן אָנגעהויבן צוגרייטן דעם סדר־טיש. מיר האָבן צוגערוקט די סאָפע צום טיש, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר דער גאַנצער משפּחה. די מאַמע, איז, פאַרשטייט זיך, געווען פאַרנומען אין קיך ביז שפּעט מיטן צוגרייטן די יום־טובדיקע מאכלים צום



ר' מאיר מאטעלס מיט זיינע קינדער.

אברהם קאלטשאק — דער שטאט־לץ

אַ הויכער, ברייט־בייניקער מיט אַ שטענדיקן שמייכל און אַ גרייטער „חכמה" צו יעדער סיטואַציע, האָסטו אים געטראָפן „אין שטאָט", דאָס הייסט — אין דער הויפּט־גאַס, 3־טער מאַי.

געווײנלעך האָט ער דאָרט פּאַראַדירט תּמיד מיט „חברה" און ווער איז ניט געווען קיין חבר מיט אים? שוין פון דערוויטנס האָסטו אים געזען מיטן גרויסן פּשוטן שטעקן אויפן אַקסל.

זיין נאָמען איז געווען פישפּיידער, אָבער אין שטעטל איז ער געווען באַקאַנט מיטן צונאָמען „קאַלטשאַק", דער נאָמען פון אַ רוסישן גענעראַל פון דער ווייסער אַרמיי. פאַרוואָס האָט מען אים אַזאַ נאָמען געגעבן? ווער ווייסט? קיינער האָט ניט געחקירה'ט, ס'איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, נאַטיר־לעך.

לויטן פאַך איז ער געווען אַ קירזשנער, דאָס הייסט אַ היטל־מאַכער, אָבער איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען אַרבעטן; ביי מיר איז ער געווען אַ פּריילעך־מאַכער... ער לאַכט און מאַכט אַנדערע לאַכן...

ער האָט אָנגעהערט צו די לינקע, צו די „פּאַלקיסטן", אָבער אויך די ציוניסטן האָבן זיך געחברט מיט אים, כאָטש ער פלעגט זיי אָפּלאַכן — אַ מאָל מיט אַ דעליקאַטן הומאָר און אַ מאָל מיט אַ שאַרפן, סאַטי־רישן שטאָך־וואָרט. ער האָט זיך באַנוצט מיט די ווערטלעך: „קדימה מיטן פּופּיק", אָדער „לאַקשן קוידעש" (לשון־קודש) א.א.וו.

זיין „בעסטער פריינט", מיט וועלכן ער פלעגט מאַכן זיינע פריילעכע שפּיצלעך, איז געווען דער שטאָט־משוגענער מייקע. אַז דער שטאָט־לץ און דער שטאָט־משוגענער זענען געגאַנגען אין גאַס געאָרעמט, האָבן די מייד־לעך מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון די הייזער.

ווען ס'פלעגן דורכגיין מיידלעך, פלעגט אברהם געבן אַ קיצל מייקען און מייקע גיט אַ שפּיי אַ מבול מיט שפּייעכץ אויף די מיידלעך. די מיידלעך קוויטשען, די קרע־מער גייען אַרויס פון די קלייטן און אַ האַלב שטעטל לאַכט.

צייטנס מאַכט ער אַן אַנדער טריק. ווען ער גייט מיט מייקען אין גאַס, גיט ער אַ רייב מיט זיין שטעקן איבער די בלעכענע לאַדנס פון די קלייטן. דאָס דענערווירט מייקען און ער טרייסלט זיך און פאַלט אויף דער ערד, נעמט שטיינער און וואַרפט ווו ס'לאָזט זיך.

ווען ס'האָט זיך אָרגאַניזירט דער „ברית־החיל" און אַסאַך יונגע־לייט האָבן זיך אָנגעטאָן אין מיליטערישע אוניפאָרמען, האָט קאַלטשאַק אָנגעטאָן מייקען אַ היטל פון אַ „גענעראַל", דעקאָרירט מיט פּאַסן און גלאַנצנדיקע „שטערן" און ווער ס'איז דורכ־געגאַנגען, האָט ער געהייסן מייקען סאַלו־

סדר. וויפל די מאַמע האָט געגרייט האָבן מיר באַוויזן אײַפּצועסן, ד. ה. די מאַמע האָט נישט באַוויזן גענוג שנעל צוגרייטן, וואָס מיר האָבן ערב־פּסח אויפגעגעסן.

איך גיי אין באד אריין כשרן לעפל

שפּעטער דערלאַנגט מיר די מאַמע, אָנגעבונדן אויף אַ שטריק, די מעסער, גאָפּל און לעפל און געשיקט מיר אין מרחץ אַריין זיי כשרן. איטשע דער בעדער פלעגט די זאַכן אָפּטינקען (טובלען) אין קעסל פון באָד און נאַכהער מיר צוריק אָפּגעבן. קומענדיק אַהיים מיט די זאַכן האָט די מאַמע באַמערקט, אַז ס'פעלט אַ לעפל. איך בין געווען געצוווּנגען צוריקצוגיין צו איטשע דער בעדער, וואַרטן ביז ער האָט אַרויסגעלאָזט דאָס גאַנצע וואַסער פון קעסל און מיר צוריקגעגעבן דעם לעפל...

די סדר־נאכט

אין אָוונט זענען מיר, מענער, געגאַנגען אין שוּל דאַווענען. נאָכן דאַווענען האָט דער שמש פון שול, שמואל דער שוסטער, געגעבן מיין פאָטער אַ בליץ־לאָמפּ, וואָס מיר האָבן אויפגעהאָנגען אויף דער סטעליע פון עס־צימער כדי צו באַקומען אַ שטאַרקע באַלויכטונג פון צימער בעתן סדר. דאָס היסב־בעט איז שוין געווען גרייט: צוויי שטילן צוזאַמענגעשטעלט מיט אַ קישן צוקאָפּנס צום אָנלענען זיך. מיר האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט ביים טיש און דער טאַטע האָט אָנגעהויבן אָפּריכטן דעם סדר.

איך געדענק, אַז ווען מיר זענען דערגאַנגען צום בענטשן, איז די מאַמע פון גרויס מידקייט איינגעשלאָפן זיצנדיק ביים טיש. מיר האָבן אַלע געווּסט, ווי שווער די מאַמע האָט געאַרבעט כדי צוצוגרייטן דעם פּסח.

די סדרים פון אונדזער אַלטער היים וועל איך אימער געדענקען. איך דערצייל דאָס פאַר אונדזערע קינדער און אייניקלעך.

טירן. מייקע הויבט זיין האַנט צום דאַשעק און דער עולם לאַכט.

ער האָט ליב געהאַט באַרימען זיך ווי אַזוי ער איז באַפרייט געוואָרן פונעם פּוילישן מיליטער.

איינמאָל, ווען איך בין געקומען אויף די זומער־פעריען טרעפט ער מיך:

„ווייסט, איך בין באַפרייט געוואָרן צוליב דעם, וואָס איך בין צו נידריק — „ניסקי ווזראָסט"... וואָס, גלויבסט מיר נישט? אָט נאַ דיר מיין מיליטערישע ביכעלע" — און נעמט זיך כלומערשט זוכן אין זיין בוזעם־קעשענע.

דאָ זאָג איך:

„וואָס הייסט, איך גלויב דיר, דאַרפסט מיר ווייזן?"

ווילסט אַוודאי וויסן וויאַזוי? — זאָגט ער — ווען איך האָב זיך געשטעלט צום פּריזיוו, בין איך אַריין צו דער מיליטערישער קאָמיסיע. זיצט דאָרטן פון דער אַנדערער זייט באַריער אַ באַאַמטער. מיינסטו אַוודאי, אַז איך וועל גיין אַזוי ווי אַלע יאָלדן גייען? לאָז איך מיך אַראָפּ אויף די קניעס און גיי אַזוי אויף די קניעס — ניין, ניין, אַ נאַר וועל איך זיין? זעט דער באַאַמטער און גיט אַ זאָג: „ניסקי ווזראָסט — זוואָלניאָני"...

אַז ער פלעגט אַמאָל דערציילן אַ מעשה וואָס נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, פלעגט ער אויסלאָזן:

„אפשר מיינסטו ס'איז אַ ליגן? ס'איז טאקע אַ ליגן..."

קאָלטשאַק האָט געהאַט איין ערנסטע באַשעפטיקונג: ער איז געווען ביבליאָטעקאַר אין דער יידישע ביבליאָטעק. ער פלעגט זיך באַמיען באַאיינפלוסן די לעזער צו לייענען לינקע ליטעראַטור, ווי למשל, סינקלער, טראָצקי און אַנדערע.

א. ר.



אַ באַנקעט אין בית־ראָזשישטש לכבוד די געסט סאל מילער (שלמה מלמד), פּרעזידענט פון ראָזשישטשער קאָמיטעט אין קאַנאַדע, זיין פרוי אילנה, זיין ברודער בינעם מילער און זיין פרוי פנינה.

א טרויעריקער סך־הכל פון א פאמיליע

גאלדע וואליק־שעווץ, סאן־פאולו



מירעלע חייט און גאלדע וואליק און זייערע חברים: זלמן דווארעצקי, אליהו צורף, מעכל חייט, אהרון ריוועץ (ישראל), שמואליק אזריל (ראזשישטש), הענעך קאמין און יאסל קאניאד (פוילן).

איך פיל א חוב צו שרייבן עטוואס וועגן מיין געבורט־שטאט ראזשישטש. זאל מיט מיינע שורות פאראייביקט ווערן דער נאמען און אנדענק פון אונדזערע קרובים און פריינט. קינדער און קינדס־קינדער פון די ביים לעבן־געבליבענע ראזשישטשער, וואס זענען אוועק אין דער וועלט פאר דער קריג, אדער פון די וואס האבן זיך מיט נסים געראטעוועט, וועלן לייענען וועגן זייער עלטערנס שטעטל; זאלן זיי וויסן, אז אזוי ווי אין אלע אנדערע יידישע שטעט, וואס זענען אפגעווישט געווארן פון דער ערד אין היטלער־חורבן — אזוי האט אויך אין אונדזער שטאט געשפרודלט א יידיש לעבן און שאפן: שולן, טעאטערס, קלובן, פאריינען, ווארשטאטן, קלייטן; ס'זענען זאגאר ביי אונדז געווען יידישע ערד־באזיצער.


אין ראזשישטש זענען געווען צוויי יידישע פאלקס־שולן: די העברעישע „תרבות"־שולע און די יידישע ציש"א (צענטראלע יידישע שול־ארגאניזאציע) שולע. אחוץ רעליגיעזע חדרים איז אין שטאט אויך געווען א פוילישע 7־קלאסיקע מלוכה־שול (פאוושעכנע), וווּ ס'האבן געלערנט אייניקע יידישע קינדער — און איך צווישן זיי. פריער האב איך געלערנט אין דער ציש"א־שולע, נאכדעם אין דער פוילישער.

מיין פאטער

מיין פאטער האט געהאט אסאך פריינט צווישן די גויים אין די דערפער רידקע, טאפילנע, סעקילע, טריסציאנקע, אמעלנע, ברישטש און אין אסאך אנדערע דערפער אין דער אומגעגנט, וואס כ'געדענק נישט זייערע נעמען. אין דער גוישער גאס, וואס מיר האבן גערופן זשאליבאווער דארף, זענען אלע איינוווינער געווען אוקראינער. אסאך פון זיי האבן אפילו גערעדט יידיש. זיי פלעגן קומען צו אונדז אין שטוב און רעדן מיטן טאטן שעהן לאנג. זיי פלעגן דאס רופן „באלאקאטי". כ'האב דאן נישט פארשטאנען וועגן וואס זיי רעדן דאס אזויפיל. כ'בין געווען פארטאן אין מיינע לעקציעס און מיט מיינע חברטעס וואס פלעגן קומען צו אונדז אין הויז.

אייניקע מאל פלעגט די מאמע זיך בייזערן אויפן טאטן, וואס ער גיט אפ אזויפיל צייט די גויים. די לייענער פון די שורות וואס געדענקען אביסל ראזשישטש מיט די אלטע תושבים, וויסן אז מיין טאטע, יצחק יעקב וואלעק, האט געקויפט און פארקויפט בהמות. מען פלעגט זאגן: „ער האנדלט מיט שטיקלעך".

מיר פארלאזן ראזשישטש



יאנקל סמאליאר, פייוול טעפער און גאלדע וואליק.

איך האב פארלאזט ראזשישטש צוזאמען מיט מיינע עלטערן און צוויי שוועסטער, שרה און מאליע, אין נאוועמבער 1933. מיינע צוויי ברידער, מאטל און וואלף, זענען אוועק קיין בראזיל נאך אין די יארן 1929—1930. דער דריטער ברודער, מענדל, איז אוועק קיין בראזיל אין 1935. ער האט שפעטער אראפגענומען זיין פרוי ברײנדל, פון דערהיים גרינבערג. זי איז געבליבן די איינציקע פון איר גרויסער משפחה (איר פאטער איז געווען מאטל גרינבערג פון טריסציאנקע, אן ערד־באזיצער).

אונדזער פארלאזן די אלטע היים איז געווען פארבונדן מיט דער עקאנאמישער און פאליטישער לאגע אין פוילן, וואס איז פאר אונדז געווען נישט גינסטיק. דאס איז געווען אונדזער גליק און אדאנק דעם זענען מיר געראטעוועט געווארן פון דעם שרעקלעכן גורל פון אלע פארבליבענע יידן אין פוילן.

אין דערזעלבער צייט זענען אויך ארויסגעפארן קיין בראזיל די פאמיליע פון

אַבֿרהם־יצחק לייטער מיט 6 טעכטער, די אַלמנה שיינדל כץ מיט זעקס זין, בעזי און ראַציע רויז מיט צוויי קינדער, מינדל און ישראליק. די פֿאַמיליע קאַץ, די פֿאַמיליע ווייסבערג, לינדבערג און אַנדערע. יוגנטלעכע אידעאַליסטן זענען געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל.

דאָס לעבן פֿון קליינעם שטעטל האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון און איך דערמאָן דאָס אַלעמאָל מיט ליבע און רעספּעקט. יעדעס געסל, יעדעס הויז שטייט מיר פֿאַר די אויגן און עס קען קיינמאָל נישט אָפּגעווישט ווערן. כ׳ווייס נישט צי יעדער קען דאָס פֿילן, אָדער פֿילייכט איז דאָס פֿאַרבינדן מיט אַ געוויסע עלטער, ווען מען פֿאַרלאָזט די אַלטע היים.

מיינע שולעס

ווען כ׳בין אַוועק קיין בראַזיל בין איך אַלט געווען 17 יאָר. די זכרונות פֿון ביידע שולעס, אין וועלכע כ׳האָב געלערנט, וועלן בלייבן ביי מיר דאָס גאַנצע לעבן. די יאָרן וואָס איך האָב געלערנט אין דער פֿאָלקס־שולע זענען געווען זייער האַרציקע, מיט די פֿאָרשטעלונגען ביי יעדער געלעגנהייט: ביים ענדע פֿון שול־יאָר און די ימים־טובים; אויך וועל איך אימער געדענקען די אויספֿלוגן, די שפּילערייען צוזאַמען מיט די לערער, די לידער וואָס מיר האָבן געזונגען צוזאַמען; די קינדער האָבן געהאַט גרויס רעספּעקט פֿאַר די לערער. יעדער פֿון זיי איז געווען אַן אויטאָריטעט ביי די קינדער.

אין דער פּוילישער שולע זענען די יידישע קינדער צווישן זיך געווען זייער געבונדן. געציילטע פֿון זיי זענען געבליבן לעבן נאָך דער מלחמה. איין געוועזענע שילערין פֿון מיין קלאַס, אסתּר דאָלגאָפּאָלוק, לעבט אין פּוילן.

דעם לעצטן זומער פֿאַרן פֿאַרענדיקן די שולע איז געווען זייער אַ טראַגישער פֿאָרפֿאַל: בשעת אַן אויספֿלוג קיין טאַרניוואָליע אויף יענער זייט בריק (אויף דער צווייטער זייט פֿון טייך סטיר) זענען צוויי אונדזערע חברים, שילער פֿון דער זיבעטער קלאַס, דערטרונקען געוואָרן פֿאָרנדיק אויף אַ שיפֿל. דאָס זענען געווען מ. קאָפּלמאַן און ז. קאַגאַן (קאָפּלמאַנס ברודער לעבט אין ישראל). דאָס גאַנצע שטעטל האָט געטרויערט און באַוויינט די צוויי יינגע קרבנות.

אונדזער געסל

דאָס געסל ווו מיר האָבן געלעבט די לעצטע יאָרן אין ראָזשישטש איז מיר געבליבן טיף אין זיכרון אַלס „אונטערן סטאַוואָק". דער אָפֿיציעלער פּוילישער נאָמען פֿון דער גאַס איז געווען „קאָשטשעלנע". אַריבערגייענדיק דאָס קליינע בריקעלע איבערן טייכל האָט מען אָנגעטראָפֿן אויף יידישע הייזער; רעכטס: בראקער, ציטרין, פּיווין און שער; לינקס: ראָזנפֿעלד און מאַרמאָר. אונדזערע שכנים זענען געווען: שקורניק, פֿעפֿער, פּיפּ, פֿינקלשטיין, וויינער, באָקסער, קאַמין און האָכמאַן. אייניקע פֿון דידאָזיקע פֿאַמיליעס געפֿינען זיך איצט אין ישראל, און אייניקע אין בראַזיל.

דאָס וואַסער וואָס איז געלאָפֿן אין טייכל אונטערן בריקל איז געווען די לויטערע קוואַל־וואַסער פֿון דער קרעניצע, וואָס מיר האָבן געטראָגן מיט עמערס אין שטוב אַריין און געטרונקען אַ גאַנץ יאָר.

ווינטער איז די קרעניצע געווען פֿאַרפֿרוירן אַרום. דאָס וואַסער איז אָבער געבליבן לויטער און פֿליסיק — בלויז איינבייגן זיך און אָנשעפּן מיט די הענט. נאָענט צו דער קרעניצע זענען געווען די אַלייניצעס פֿון די פֿאַמיליעס ווידרע. די אייל־מאַכער האָבן געצויגן דאָס ראָד מיט פֿערד און דער פֿרישער אייל האָט פֿאַרשמעקט די גאַס.

די געגנט וואָס מ׳האָט גערופֿן „דער באַרג" איז געלעגן אַביסעלע העכער, ביים מאָנומענט פֿון „הייליקן יאַן", וואָס די יידן האָבן אים גערופֿן „דער באָק". כ׳געדענק נישט ווען דער „באָק" איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן.

ווינטער, אין די ליכטיקע נעכט, פֿלעגן מיר זיך גליטשן אויף „זאַפּאָלסקיס סאַזשיוועק". זאַפּאָלסקי איז געווען דער גוט־באַזיצער פֿון שטעטל, ד. ה. דער פּריץ ס׳זענען געווען צייטן, ווען מען פֿלעגט שבת שפּאַצירן אין זיין גרויסן גאָרטן. שפּעטער האָט ער פֿאַרמאַכט דעם פֿרייען אַריינגאַנג און אַפֿילו אָנגערייצט די הינט אויף די יידישע קינדער.

א בינטל זכרונות

מיינע זכרונות פֿון ראָזשישטש זענען בעיקר פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און זענען פֿאַרבינדן מיט מיינע מלמדים:

יאָסל משה לוזערס פֿון אונטערן סטאַ־וואָק — אַ זייער גוטער מסביר פֿון תנ"ך; אייזיק שטאָף — אַ מאָדערנערער רבי. דוכט זיך פֿון ראַדזיוויל. זיין התפּעלות ביים לער־נען ישעיהו און ירמיהו ליגט מיר ביז היינט אין זכרון; משה פֿאַרשטיי — אַ יחיד־במינו. ער איז געווען מער לערער ווי רבי. לעצטנס איז ער געווען בוכהאַלטער אין באַנקהויז קראַנשטיין אין לוצק.

פֿון מיינע לערער דאַרף איך דערמאָנען: סלוצקער (מאַלסקי׳ס איידעם) און טשער־קאַווסקי. דאָס זענען געווען ספּעציעלע קורסן פֿאַר רוסיש. דאָרט האָב איך געלערנט אַ האַלב יאָר פֿאַר מיין אַוועקפֿאָרן קיין אָדעס.

דאס טריסקער שילעכל

קריאת התורה פֿון אייזיק מנוחה׳ס מיט דעם אויסגעצייכנטן טראָפּ און אַקצענט, צו וועלכן איך האָב אין מיין לעבן נישט גע־פֿונען קיין גלייכן. זיין אָנהויב: „יעזור ויגן ויושיע"... קלינגט מיר ביז היינט אין די אויערן.

זיין שחרית אין די ימים נוראים מיט דער התפּעלות ביי דער תפֿילה: „ובכן ישתבח שמך לעד מלכנו"... ערב ראש־השנה נאָך מעריב פֿלעגט ער זיך נוהג זיין צוגיין צו יעדן מתפּלל און ווינטשן מיט זיין קלינגענ־דער שטימע: „גוט יום־טוב, לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים" מיט אַ קוועטש אויף דעם „לחיים".

בערל חזן מיט זיינע תּפֿילות פֿון סליחות: „השם, השם, אל רחום וחנון..." זייער גוט איז געווען זיין נוסח: „ותערב לפניך עתיר־תנו כעולה וכקרבן" — פֿאַרן דוכנען פֿון די כהנים. און די „עבודה" אין יום כפור: „והכהנים העומדים בעזרה" מיט זיינע משוררים: שמוליק, מאַטיס און יענקל.

זכריה שוחט דער בעל תוקע, וואָס מ׳קען זיכער זאָגן, אַז זיינע תקיעות זענען געווען שטענדיק אָן שום שטערונגען.

דער שמש איז געווען באַוווסט מיטן נאָמען הערשל „בעל־שם". איך געדענק נאָך זיינע הכרזות צוויי מאָל אין יאָר, פּסח און סו־כות, צוויי שטאַרקע קלעפּ אין בימה פֿאַר מוסף שמונה עשרה און אַן אויסרוף: „מוריד הטל", „משיב הרוח ומוריד הגשם".

אַ „דירה" האָט ער באַקומען פֿון קהל און טאַקע אין שילעכל אַליין. אין מערב־זייט פֿון שילעכל איז געווען אַ שטיבל ווו שמחת־תורה פֿלעגט מען לייענען **די תורה**. אָפֿט האָט מען דאָרט געמאַכט ספּעציעלע מניינים פֿאַר די, וועלכע האָבן פֿאַרשפּעטיקט אין שילעכל און געוואָלט, **דווקא**, **דאַוונען** בציבור.

פון אַט דעם שטיבל האָט זיך געעפנט אַ טירל — צו אַ חדר פון ד' אויף ד'. דאָרט אין דעם חדר איז געווען די „פריוואַט דירה" פון אונדזער הערשעל „בעל־שם".

אין דעם זעלבן צימערל פלעגן פאַרחלשטע מתפללים קומען יום כפור זיך מונטערן מיט אַמאָניאַק און זיך „צושפּאַרן".

איך געדענק אויך דעם חזן בערל שוחט. פון זיינע תפילות האָב איך ריכטיק הנאה געהאַט. ער איז געווען אַ בעל־תפילה און אַ בעל־קורא בחסד עליון. ווען ער האָט געליינט די מגילה, האָט מען געקענט מיינען, אַז ער איז אַ דירעקטער שליח פון אסתר המלכה אַליין.

פארשידענע טיפּן

פון דער מוזיקאַלישער וועלט אין ראָזשישטש געדענק איך נאָך משה קלעזמער און זיין איידעם בערל, וועלכע האָט גוט געשפּילט כאָטש ער האָט ניט געקענט קיין נאָטן.

מענדל בדחן (קאַנטאָר) מיטן שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן. זיין באַזעצן כלות מיט די גראַמען... דאָס וויינען פון דער באַזעצטער כלה און אירע קרובים האָט זיין הומאָר נישט געשטערט; פאַרקערט, ער איז געווען צופרידן וואָס זיין קונסט האָט אַרויסגערופן דעם ריכטיקן עפעקט. זיין זון פרויקע האָט געהאַט אַ סקלאַד אַפּטעטשני.

פון די בעלי־מלאכה געדענק איך דעם שניידער בערל לאָקש, אַן ערשט־קלאַסיקער מענער־שניידער און יאַנקעלע שוסטער, וועלכער האָט שוין געהערט צו די רייכע.

פון די ערד־אַרבעטער געדענק איך גוט משה טאַנאַרידער און זיין ברודער ר' ישראל טאַנאַרידער. יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ נחלה 5—6 קילאָמעטער פון שטעטל. דאָס לאַנד האָבן זיי אַליין באַאַרבעט מיט דער הילף פון דער פאַמיליע. זיי זענען געווען געזונטע מענטשן און ריכטיקע פּויערים.

דוב (ברנארר) רוזן

דער מארק

דער גרעסטער האַנדלס־צענטער פון שטעטל איז געווען אַרום דעם מאַרק־פּלאַץ. דאָ זענען געווען אַלע יידישע געוועלבער: שפּייז־קראָמען, שניט־קראָמען, אַפּטייקן, אייזן־קראָמען, שיך געשעפטן, יאַטקעס. אַנטקעגן מאַרק זענען געשטאַנען צען דייטשישע קיאָסקן, ווו מען האָט פאַרקויפט חזיר־פלייש און וווּרשט, פון זייער אייגענער פאַבריקאַציע. די יידן האָבן זיי גערופן „חזירניקעס". אַלע מאָנטיק איז געווען דער מאַרק (יריד). די פּויערן פון די אַרומיקע דערפער זענען געקומען אויף זייערע פורן, ברענגענדיק אַלע זייערע פּראָדוקטן, ווי תבואה, פּרוכטן, הינער און אייער. די יידן זענען געווען זייערע אָפּנעמער און פון זיי אַלץ אָפּגעקויפט. דער טאָג האָט אַריינגעטראָגן פיל לעבן און פרנסה אין שטעטל. די פּויערן פלעגן דאָס געלט, וואָס זיי האָבן געלייזט פאַר זייערע פּראָדוקטן, אויסגעבן אין די יידישע געשעפטן. קודם־כל האָבן זיי זיך געלאָזט ווילגיין אין די יידישע רעסטאָראַנען, פאַרשיכורנדיק אַ גרויסע טייל פון זייער געלט. נישט איינער פון זיי האָט אַריבערגעכאַפּט די מאָס און פלעגן זיך שטאַרק צעשלאָגן. צייטנווייז פלעגן זיי אויך פּראָוואָצירן יידישע ייִנגלעך.

אונדזערע שפּאַצירן

גאַנץ אָפט פלעגט מען גיין שפּאַצירן צו דער באַן־סטאַציע, וואָס איז געווען זייער שיין באַלויכטן. דאָס קוקן אויף די דורכגייענדיקע שנעל־צוגן קיין וואַרשע, קאָוועל, ביאַליסטאָק און אַנדערע וויכטיקע שטעט איז געווען אַן אָנגענעמער צייט־פאַרטרייב פאַר די יוגנט פון אַ קליין שטעטל. זומער פלעגט מען שפּאַצירן אויפן בריק און וועלניאַנקע, אויף דער אַנדערער זייט פון דער בריק, ווו ס'האָבן זייט־ביי־זייט פון יידן געלעבט אויך אַסאַך דייטשן. דאָס אָרט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר פרישע לופט, צוליב די פיל גערטנער וואָס זענען דאָרט געווען. נישט ווייט פון דאָרט איז געווען אַ סאָסנע־וואַלד, וואָס האָט פאַרשמעקט די גאַנצע געגנט. דאָרט איז אויך געווען אַ שיינער דייטשישער קלויסטער, ווו די יידישע יוגנט פלעגט גיין צו די „ווייַנאַכטן" אין די ווינטערדיקע ליכטיקע נעכט און צוקוקן זיך צו זייערע פאָרשטעלונגען און צוהערן זיך צו זייער געזאַנג.

א טרויעריקער סך־הכל

נישט ווייט פון מאַרק זענען געשטאַנען פיר שולן: דער בית־המדרש, ווו דער טאַטע האָט געדאַווענט, די גרויסע שול, די טריסקער שול און די אָליקער שול. די שולן זענען געווען פול מיט מתפללים אַ גאַנצע וואָך, ווייל כמעט דאָס גאַנצע שטעטל איז



גאָלדע וואַליק (שעווץ), דאַנקט מיט וואַרעמע ווערטער פאַר דער האַרציקער אויפנאַמע וואָס איז איר איינגעאָרדנט געוואָרן אין 1967 אין בית־ראָזשישטש.

באַשטאַנען פון רעליגיעזע יידן. שבת זענען די גאַסן געווען פול מיט יידן וואָס זענען געגאַנגען אין שול אַריין.

דער טרויעריקער סך־הכל: פון די 6000 יידן וואָס האָבן געלעבט און געשאַפן אין ראָזשישטש זענען געבליבן בלויז זכרונות פון מענטשן, גאַסן און הייזער, וואָס עקזיסטירן נישט מער.

כ׳וויל דאָ דערמאָנען דעם נאָמען פון מיין טייערע חברטע איטע שער, וועלכע האָט מיר נאָנט צום קריג געשיקט אַ בילד פון זיך מיט צוויי יינגלעך, אַ צווילינג; די פאָטאָגראַפיע איז אַלץ וואָס ס׳איז געבליבן פון איר מיט אירע קינדער.

געציילטע מענטשן האָבן איבערגעלעבט די שרעקלעכע טראַגעדיע, וואָס איז באַפאַלן דאָס יידישע פאָלק אין דער צווייטער וועלט־קריג; אַ טייל האָבן זיך געראַטעוועט אַנטלויפנדיק קיין רוסלאַנד, אייניקע האָבן געקעמפט אַלס פאַרטיזאַנער; אַנדערע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין גריבער און אין די וועלדער; די אַלע האָבן זיך געראַטעוועט מיט גרויסע ניסים. נאָך דער באַפרייאונג זענען זיי אַוועק קיין ישראל, אַמעריקע אָדער קאַנאַדע. צו אונדז אין בראַזיל איז געקומען נאָך דער מלחמה די אַלמנה ברוינשטיין, פעסיע און פיפע ברוינשטיינס מוטער. זי איז געקומען צו איר ברודער, לינדענבערג, וואָס איז שוין דאָ אַ לאַנגע צייט. זי איז געקומען אַליין: אַלע אירע קינדער זענען אומגעקומען...

אויך זענען נאָך דער מלחמה געקומען קיין בראַזיל: נוימע און טייוול גלוז, גיטל און אַברהם לאַכטער, נוימע און גיטל, פון דער היים שקורניק.

אין ריאָ לעבן אויך די ברידער משה און מאָטל שקורניק און די ברידער אַברהם, יאַנקל און יאָסל בליאַק פון אָמעלנע.

כ׳וויל נאָך דאָ דערמאָנען די נעמען פון מיינע פעטערס, מומעס און קוזינען, וואָס זענען אומגעקומען אין דער שואה: יאָסל שיפּרעס, זיין פרוי טריינע, און קינדער; קאָס שיפּרעס (אומגעקומען קורץ פאַר דער ענדע פון קריג), הינדע און אברהם; ישראליק וואָלעק (געלעבט פריער אין קאָפּאַטשיווקע און דערנאָך אין לוצק); איך דערמאָן דאָ אויך מיינע נאָנטע חברטעס: דאָבע לעווינגער, עטיע דיכטער, זלאַטע שער, ברכה סאַראָקע,ביילע קיבריק (לעבט אין ישראל), לייזער חייט און העניך קאַמין.

ערע דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע קדושים!

אייביקע פריינטשאַפט אונדזערע חברים, לאַנדסלייט, ווי נאָר זיי זענען!



אַ גרופּע יוגנטלעכע פון ראָזשישטש.



הערש־לייב מוז, מיטליד פון דער קהילה פאַרוואַלטונג.

די קהילה פארוואלטונג

די קהילה־פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון אַכט חברים. די וואַלן פלעגן פאָרקומען אַלע פיר יאָר. שטים־רעכט האָבן געהאַט בלויז מענער.

דער פרעזעס פון דער קהילה אין די לעצטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ איז געווען ר׳ אברהם זילבערשטיין. דער זיץ־פּלאַץ פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג איז געווען אין הויז וואָס האָט געהערט צו ר׳ אברהם־משה טאָלץ. די פאַרוואַלטונג האָט געהאַט דאָס רעכט אַרויפצולייגן שטייערן אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דער שטייערן־קאָמיסיע.

די קהילה־פאַרוואַלטונג פלעגט צאָלן חודשלעכע שכירות די רבנים.

די לעצטע יאָרן האָט דער רב ר׳ משה ספעקטאָר זיך גערעכנט אַלס הויפּט־רב און ער האָט געפירט די רעגיסטראַציע־ביכער פון דער קהילה. ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו שטימען אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג אַלס אַ ניינטער חבר.

די קהילה־פאַרוואַלטונג פלעגט אויך צאָלן שכירות די שוחטים. די הכנסה פון דער שחיטה פלעגט באַקומען די פאַרוואַלטונג.

די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אויך געזאָרגט צו האַלטן אין אָרדנונג דעם בית־עולם און אויך געשטיצט פינאַנציעל אָרעמע־לייט, קראַנקע און יתומים.

אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג זענען, צווישן אַנדערע, אויך געווען חברים: דוד לערנער, הערשל קאסטן, הערש־לייב מוז, מאיר לעווינגער און אַברהם־איציק קאָס.

משה געלער

זכרונות פון אמאל

יוסף קריוואט, ניו־יארק



אברהם בעראַזע, אייגנטימער פון פאַבריק פון שטילן.

איך בין געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1911 און דורכגעמאַכט, ווי איר פאַרשטייט גאָר אַ „קורצן" שליטוועגס... — פונדעסטוועגן געדענקט זיך אַביסל פון אַמאָל.

דאס עקאנאמישע לעבן

ראָזשישטש איז געווען, אין אָנהייב פון 20־סטן יאָרהונדערט, אַ רייכער יידישער ישוב. ס'זענען געווען פאַבריקן און גרויסע עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען, ווי עטינגערס גרויסע פאַבריק פון ווינער שטילן. יידישע מיידלעך פלעגן קומען פרי פאַרטאָג, נעמען אַהיים אַרבעט און אָפּטראָגן זי, קיינער זאָל נישט זען. זיי פלעגן באַאַרבעטן און באַפּוצן די שטעקלעך, פון וועלכע מ'האָט געמאַכט די שטילן און גוט פאַרדינט, אַזוי אַז זיי האָבן מער נישט געדאַרפט זיין דינסט־מיידלעך.

אָפּטמאָל האָבן דערביי געאַרבעט דאָס גאַנצע הויזגעזונט און געצויגן פון דעם פרנסה.

ס'איז געווען אַלטער זיסעס (בראקערס) פאַבריק פון וואָלענע סחורות, וואָס האָט באַשעפטיקט אַסאַך אַרבעטער — טוך־שערער.

טאָנ'ס פאַבריק האָט באַשעפטיקט עטלעכע הונדערט מענטשן. געווען צוויי פאַבריקן פון בעטלעך און גרויסע געשעפטן.

די יידן האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין עקאָנאָמישן לעבן. די צוריק־געשטאַנענע גויים, די אוקראַינישע פויערן, ווי אויך די פּאָליאַקן און די דייטשן — זענען אַלע אָנגעקומען צום ייד.

אַפילו דער צאַר האָט נישט געקענט אויסקומען אָן דעם יידישן „פּאָדראַטשיק" (אונטערנעמער) און ווען נישט ער, וואָלטן די סאָלדאַטן געהונגערט און געגאַנגען באָרוועס און נאַקעט... אונדזער משפחה האָט צוגעשטעלט פלייש צו דער צאַרישער אַרמיי.

די באַן האָט פאַרבונדן ראָזשישטש מיט דער גרויסער וועלט און די יידן אין שטעטל האָבן געלעבט בעסער ווי אין אַסאַך אַנדערע ערטער אין וואָלין און ליטא.

חברה „תהלים"

שבת פאַרטאָג — ס'הערט זיך אַ געזאַנג: „קומו נא, התייצבו נא לעבודת הבורא!" — יידן שטייט אויף צו תהלים... ר' גרשון קלאַפּט אין די לאָדנס און זינגט מיט זיין זיסער שטימע: „לא על הלחם לבדו..." — דאָס איז געווען די חברה תהלים.

ס'איז אויך געווען אַ חברה „לינת־הצדק". ווען ס'איז געווען ווער קראַנק, איז אַלע נאַכט געקומען אַ מענטש צו שטיין ביי זיין בעט.

ס'איז געווען אַ חברה־קדישא, אַ מושב־זקנים און די תלמוד־תורה, אין אַן אַלט אָפּגעלאָזט הויז.

איינמאָל בין איך געקומען אין תלמוד־תורה און געבראַכט אַ נייעם העפט. אויפן העפט איז געווען געדרוקט אַ פּאָעם: „ציון, ציון — עיר אלוהינו, מה גדול שברך" — האָט דער רבי דאָס צעריסן אויף פּיצלעך: „אַפּיקורסים, נאָך ניט די צייט...", אָבער דאָס האָט געהאַט פונקט אַ פאַרקערטע ווירקונג.

אין דער תלמוד־תורה, וואָס לייבל וואַקסמאַן האָט אָנגעפירט צוזאַמען מיט זיינע אינטעליגענטע חברים, זענען די לימודים שוין געווען מער מאָדערן. זיי האָבן שוין געלערנט אַלגעברע, יידישע געשיכטע און אַנדערע געגענשטאַנדן.

די זעלבסט־שוץ

איבער גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך פאַרצויגן אַ שוואַרצער וואָלקן איפן יידישן לעבן.

דער 5־טער אָקטאָבער 1905 — די קאָנסטיטוציע... דער פּראָלעטאַריאַט און די אינטעליגענץ וואַרפן די אַרבעט. מ׳זינגט די מאַרסיליעז און מ׳טאַנצט אין אַלע גאַסן. אַלע מענטשן זענען ברידער... אַלע גלייך...

דריי טעג שפּעטער — אָפּגעשאַפן די קאָנסטיטוציע. מ׳באַפאַלט יידן, פּאָגראָמען אין קישעניעוו, קרעמענטשוג און אין אַנדערע שטעט. דער משוגענער גלח פּאָגראָמשטשיק קומט קיין ראָזשישטש. פיינע קריסטן לאָזן וויסן, אַז מ׳גרייט אַ פּאָגראָם...

אין דער קוזשניע פון איציק קאָוואַל מאַכן יידישן יונגעלייט, גיך און געהיים, כלי־זין זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די רוצחים. יצחק באָרושעק פאָרט מיט אַ דעלעגאַציע צום גובערנאַטאָר אין לוצק, באַצאָלט אַסאַך געלט און אַ קאָמפּאַניע סאָלדאַטן איז געקומען אין שטעטל צו פאַרמיידן דעם פּאָגראָם.

אַן אַנדערשטמאָל האָבן די יידישע פּאָזשאַרניקעס געלערנט בלק מיט אַ פּאָליאַק וואָס האָט זיך צעווילדעוועט אין מאַרק און געשריגען:

„זעט, יידן ווילן אונדז פאַרסמען... שלאָגט יידן!”

ער האָט געקויפט אַ פּלאַש קוואַס און דער קוואַס האָט אים ניט געפאָלן...

יידישע בחורים, שניידער, שוסטער, סטאָליאַרעס האָבן זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע אַלס פייערלעשער און נישט איינמאָל האָבן זיי באַוויזן די גויים, אַז ס׳איז דאָ ווער ס׳קען זיי גוט באַצאָלן...



ר׳ ברוך בעקערמאַן, קאַפּעלמייסטער פון דער קלעזמער־קאַפּעלע.

די קלעזמער

יאָ, אַז איך קוק אויפן בילד, וואָס איז געווען געדריקט אין „פאָרווערטס”, דערמאָן איך מיר טאַקי אין די מוזיקער פון די קינדעריאָרן: ברוך (בעקערמאַן) קלעזמער און זיין קאַפּעלע — אָט איז געצל מיטן באַס, משה מיטן פידל.

ר׳ משה איז געווען געבענטשט מיט אַסאַך גערעטענע טעכטער, אָבער קיין נדן האָט ער נישט געהאַט פאַר זיי. האָט ער מקרב געווען דעם בעלעגלהס זון, בערעלע, וואָס איז געווען אַ יתום׳ל אָן אַ מאַמען.

ווען בערעלע איז אַלט געוואָרן 13 יאָר, האָט ער געגעבן אַ שבועה ביים רב, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט ר׳משהס טאָכטער דבורהלע. ר׳ משה איז געוואָרן ערנסט קראַנק, האָט מען געשטעלט די חופּה ביי זיין בעט און בערעלע האָט געירשנט די חזקה...

בערעלע האָט זיך געפירט פיין און געהאַט פיל פריינט, אינטעליגענטע יונגע־לייט. ער פלעגט אויסשרייבן אַלע יידישע צייטונגען, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען דעמאָלס, און אַפילו דעם „השילוח”.

זיינע חברים פלעגן ביי אים ליינען די צייטונגען, ווייל ווער האָט זיך עס געקענט דערלויבן אויסשרייבן צייטונגען?



די קלעזמער־קאַפּעלע פון ראָזשישטש פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה: פייסי קאלקער (שניצער), געצל רערן מיטן באַס און אַנדערע. פייסי קאָלקער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פידלער. ער האָט געגעבן אַ קאָנצערט אין גאָרנשטיינס זאַל און געשפּילט „כל־נדרי”, מאַכנדיק מיטן פידל פאַרשידענע קונצן, ווי שפּילן אונטערוויז, איבערן רוקן... שלמה שפּיגל, זיין אייניקל, איז געווען שטאָלץ מיט די קונצן פון זיין זיידן און זיך דערמיט געגרויסט... אויסערדעם האָט ער געגעבן פון־צייט־צו־צייט קאָנצערטן אין די שולן. די פאָטאָגראַפיע איז דערשינען אין דער קונסט־ביילאַגע פון „פאָרווערטס” אין די צוואַנציקער יאָרן.

דער בדחן אין דער קאַפּעלע פלעגט אַרויסנעמען אַן אַלטן ספר, געשריבן מיט דער האַנט און זאָגן „חכמות״. צום ביישפיל:

ער האָט אויסגעטייטשט: „מנחל בדרך ישתה, על כן ירים ראש״:

מנחל — איז געווען אַ ייד מנחל,

בדרך — אַז ער איז געגאַנגען אין וועג,

ישתה — האָט ער מיטגענומען זיין ווייב,

על כן — וואָס האָט ער איר געדאַרפט,

ירים ראש — אָנצושפאַרן אויף איר דעם קאָפּ...

אין אָט זיצט מאָטל בעקערמאַן, ברוך׳ס זון, מיטן טרובקעלע און פייסי שניצער (קאָלקער) דער פידלער. יעדער שפּילער האָט מיטגעהאָלפן מאַכן פריילעך.

איך געדענק נאָך די קראָם פון ספרים און שרייבגעצייג פון אברהם משה שקורניק אַז מ׳האָט ביי אים עפּעס געקויפט, האָט ער צוגעגעבן אַ פען אומזיסט...



יוסף הופן, אויסגעצייכנטער פידלער.





אַ באַנקעט מיט בערל קלעזמער (אין דער ערשטער ריי).

ימים־טובים אין דער אלטער היים

שושנה זיניוק־זאלצמאן

שוין לאַנגע יאָרן געפינען איך זיך מחוץ פון ראַזשישטש, אָבער די ימים־טובים און די צוגרייטונגען צו זיי זענען ביי מיר טיף איינגעקריצט אין זכרון: כמעט פאַר יעדן יום־טוב האָב איך זיך נוהג געווען דערציילן מיינע תלמידים און די חברים־לערער, וויאַזוי מיר האָבן געפייערט דעם יום־טוב אין אונדזער שטוב ביי אונדז אין שטעטל. איצט וויל איך דערציילן וועגן אייניקע פון די ימים־טובים ביי אונדז אין ראַזשישטש.

פסח

די צוגרייטונגען צום פסח האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אינמיטן ווינטער. ווען מיין מאַמע האָט איסגעפרעגלט גענדזן־שמאַלץ אויף פסח. ערב דאָס שחטן די גענדז האָט זיך צונויפגעקליבן די גאַנצע משפחה, כדי זיך פאַרנעמען מיט אָפּפליקן די גענדז. די שטוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַבריקל: אייניקע האָבן געפליקט די פעדערן, אַנדערע האָבן צעשניטן די גענדז און זיי אַריינגעטאָן אין ספּעציעלע כלים.

פּלוצלינג האָט פּאַסירט אַ שטרויכלונג: אַלע פּופּעקעס האָבן זיך געפונען אין אַ באַזונדערע כלי און אין איין פּופּיק האָט מען געפונען אַ טשוואָק. פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן דאָס באַלד דערציילט דעם טאַטן, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרשן פון וועלכע גאַנדז קומט דער פּופּיק מיטן טשוואָק. היות ווי אַלע פּופּעקעס זענען געווען אויסגעמישט און מען האָט נישט געקענט וויסן וועלכע איז די גאַנדז מיטן געלעכערטן פּופּיק, האָט ער געפּסקנט, אַז אַלע גענדז זענען טרפה. ס'האָבן נישט געהאָלפן די מאַמעס טענות. דער טאַטע האָט געפּסקנט:

„אַלע זיבן גענדז זענען טריף!"...

די אמתע צוגרייטונגען צום פסח האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן באַלד אויף־צו־מאָרגנס נאָך פּורים. אין דידאָזיקע טעג האָט מען אָנגעהויבן איינשטעלן בעריקעס, צוגרייטן קאַרטאָפל, צונויפגעזאַמלט אייער, און, פאַרשטייט זיך, אָנגעהויבן באַקן מצות. אין יענע צייטן האָט מען נאָך געבאַקן קיילעכדיקע מצות פאַר יעדער משפחה באַזונדער. מיין מוטער פלעגט אונדז נעמען אין דער מצה־בעקעריי און מיר פלעגן אַליין וואַלגערן און רעדלען די מצות.

אַ באַזונדערע פּרשה איז געווען דאָס רייניקן די שטוב. אַלע שאַפעס און פּאָליצעס, ווו מען האָט געהאַלטן דאָס שפּייז, האָט מען גערייניקט, געשאַבן מיט מעסערס און געוואַשן. די פּאָליצעס און די שענקלעך האָט מען אַרויסגענומען אויפן גאַס און גוט דורכגעלופטערט אויף דער זון און ווידער גערייניקט, ביז ס'איז נישט געבליבן קיין סימן פון חמץ. די מאַמע איז געשטאַנען און געגעבן אָנווייזונגען:

„דריי מאָל רייבן, דריי מאָל שאָבן און דריי מאָל שווענקען!"

מיר, דאָס קליינוואַרג, האָט מיט התמדה אויסגעפילט אַלע אירע באַפעלן: אַלע ברעטער זענען אַרויסגעקומען גלאַנצענדיק פון ריינקייט.

אַ באַזונדערע אַרבעט איז געווען דאָס רייניקן די קופּערנע און זילבערנע כלים. פאַר יום־טוב האָט מען אַלע כלים (אויך דעם סאַמאָוואַר) גענומען צו דער ריטשקע (אַ טייכל), וואָס האָט זיך געפונען הינטערן שטוב פון מיין פעטער אַברהמל זיניוק. דאָרט האָבן זיך געטראָפן אַלע מיידלעך פון די שכנים: מיקע פעפער, רבקה און גיטל זיניוק, די טאָכטער פון דוד געלער, די פרויען פון די פליישערס און איך צווישן זיי. דאַן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער גרויסער פאַרמעסט: מען האָט שווער געהאָרעוועט, כדי די כלים זאָלן אַרויסקומען וואָס מער גלאַנצענדיק און שיין.

צונעמען אין ראַזשישטש

די יידן אין שטאָט פלעגן איינער דעם צווייטן נישט רופן מיט זיין פאַמיליע־נאָמען, נאָר לויט זייערע צונעמען. די פאַמיליע־נעמען זיינען אַפילו אָפט נישט געווען באַוווסט פאַרן גרעסטן טייל יידן אין שטאָט.

די צונעמען זיינען געווען פאַרשידענע:

לויט דער אָפּשטאַמונג

די שטעטלעך האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען און די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט מיטן אָנקומען פון יידן, וועלכע האָבן ביסלעכווייז פאַרלאָזן די דערפער אין וועלכע זיי האָבן געלעבט. די סיבה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין די שטעטלעך האָבן די יידן געהאַט די מעגלעכקייט זיך פילן זיכער און אויסלעבן זיך אין יידישן לעבנס־שטייגער. ווי געזאָגט, האָבן די צונעמען אַנטשפּראָכן די נעמען פון די שטעטלעך און דערפער, ווו די יידן זיינען געבוירן געוואָרן.

אַזוי, למשל, האָט מען אויך די רבנים און רביים גערופן לויט זייערע שטאָט־ערטער:

- הרב ר' משה'לע סוויניכער (ספּעקטאָר);
- דער טריסקער רבי;
- דער אָליקער רבי;
- דער קאָשיווקער רבי;
- דער סטאָלינער רבי.

און אַזוי אויך דער גרעסטער טייל יידן אין שטאָט:

- סענדער אַמעלנער (פעפער);
- איציק ראַזיאַטינער (שקורניק);
- אברהם סיקילער (סמאָליאַר);
- שלום באַשאָווער (גאָרפינקעל);
- אברהמ'ל ליטוואַק (זיניוק);
- רחל פון די ראַדינעס (קאַגאַן);
- בענצי לוקאָווער (ציטרין);
- דער אומאַניער שניידער (פאַרטנאָי);
- דער פאַלטאָווער בעל־עגלה (זינגער).

לויט דער באַשעפטיקונג

- זכריה שוחט (פעטרושקע);
- פנחס לעדער־וואַרגער (ערליכגערעכט);
- איציק גלעזער (ווייסבערג);
- פייסי דער רימער (אינזל);
- אוליע זייפנמאַכער (גערשטנפעלד);
- אברהם זאַגאָטאָווטשיק (פרימאַק);
- חיים־יאָסל שניידער (ניעפאָמישטשי);
- אברהם־איציק שוסטער (קאָס);

מאניע שניידער (טורעק);
חיים קאַטליער (גיטעלמאַן);
וועלוול טעסלער (גלוז);
שמריה קצב (פליישער);
אלי בעקער (בעקערינג);
דוד דער חזן (חזן);
שמוליק שפיליטער (גליקמאַן);
יואל טעסלער (קאַניאַד);
לייזער זאַגאַטאָוושטשיק (שאַפּירא);
פעטקע שרער (טעסלער);
די צעגעלניקעס (פלאַש);
די אַלייניקעס (ווידרע);
באַריס שוסטער (טינקלשטיין);
יונה מלמד (בלעכער) און אַנדערע.

צונעמען פון הומאָריסטישן כאַראַקטער

יאַשקע פּאַדאַוואַי (ראַזענבוים);
לייביש לאַוועקע (סאַס);
הערשל בעל־שם;
גדליה־ברוך קאַטעדרע (גראַווער);
אברהם קאַלטשאַק (פישפּיידער);
חיים קאַראַל (פליישער);
די מעטשעס;
דער צענעמער;
די פּאַצקונעס;
די זאַקאַנטשיקעס (גאָלדבערג);
ראובן קריוואָרוטשקע (וויינער);
אברהם קרעפּל;
משה טאַרביטשקע;
איציק סטאַראָסטע (געלער);
משה אַגענט (קאַנדעל);
אַנשל קוטניק;
אברהם טאַפּיטע (פּערלמוטער);
שמעון סמוטעק (וואַקסמאַן);
חנה די שוואַרצע;
יענטיטשקע;
פריידע שאַלעסידעסיכע
(שלוש־סעודות׳יכע).

לויט די נעמען פון די עלטערן

דוד־הערשל ביינישעס (געלערשטיין);
מאיר מאַטלס (מלמד);
משה ראַניס (שוואַרץ);
שמואל וואַוועיס (זיסקינד);
מאַטל און יענקל פריידע־רחלס (פישמאַן).

ס׳זענען געווען אַזעלכע צונעמען וועלכע מען האָט „אַנגעטשעפּעט" אַ מענטשן. לרוב האָט ער עס אויפגענומען מיט הומאָר און האָט עס נישט געזען ווי אַ באַליידיקונג. ס׳זענען אָבער געווען אַזעלכע, וועלכע זענען געוואָרן געטראָפן דערפון און האָבן אין די צונעמען געזען ממש אַ באַליידיקונג. און ווירקלעך: בעת אַ קריג צווישן זיך ווען מען האָט געוואָלט איינער דעם צווייטן וואָס מער אַ „בייס" טאָן, האָט מען זיך באַנוצט מיט דעם צונאָמען ווי מיט שאַרף געווער.

נישט איינמאָל האָבן מיר געפאָרשט, ווער האָט פּאַקטיש אויסגעטראַכט אָט די צונעמען

שעהנלאַנג פלעגן מיר פאַרברענגען ביי דער קליינער ריטשקע און מיט גרויס התמדה רייניקן די כלים לכבוד פסח. דאָס פּסחדיקע געפעס פלעגט מען אין יעדער יידישער שטוב באַהאַלטן פון־יאָר־צו־יאָר אויף פסח, און פונדעסטוועגן האָט מען געדאַרפט כשרן אַ נייע כלי מיט זידיקע וואַסער און אויסשווענקען. צו דעם צוועק פלעגט מען אַריינטאָן די כלים אין גרויסע קעסלען מיט זידיקע וואַסער. אין די קעסלען פלעגט מען אויך אַריינוואַרפן גליענדיקע שטיינער, כדי עס זאָל זיין כשר לויט אַלע כללים.

חוץ דעם פלעגט די מאַמע אַריינטאָן אַלע גלעזערנע כלים אויף דריי טעג אין אַ באַליע וואַסער און יעדן טאָג געביטן דאָס וואַסער.

ערב פסח האָט דער טאַטע זיך באַפרייט פון אַלע זיינע עסקים. ער איז געגאַנגען אין שטוב פון ווינקל צו ווינקל זוכן שפּורן פון חמץ און קאָנטראָלירן אויב אַלץ איז געכשרט לויטן דין.

ערב יום־טוב אינדערפרי פלעגט אונדז באַזוכן פון־יאָר־צו־יאָר אַביגדור ערליך־גרעכט מיט זיין זון מונציע, וואָס איז געווען אַ בכור. מיין פאַטער, וואָס איז געווען אַ כהן, האָט געמאַכט יעדן ערב־פסח אַ סיום אויף אַ מסכתא. אין דעם סיום האָט זיך שטענדיק באַטייליקט מונציע, און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט פון דער סכנה פון „מכות בכורות" און מתיר געווען צו עסן ערב־פסח, ווען אַלע בכורים דאַרפן פאַסטן לויטן דין.

און דאָ קומען מיר צום עיקר — די קניידלעך. אין קיך איז נאָך געווען פיל אַרבעט: צוגרייטן די ספּעציעלע מאכלים צום סדר. נאָר אין איין מאכל זענען מיר געווען באַעוולט: מיר האָבן נישט געטאָרט עסן קיין קניידלעך ביז שביעי של פסח, ווייל דער טאַטע האָט געגעסן מצות שמורה און מען האָט נישט געטאָרט טונקען מצות אין וואַסער. פלעגן מיר, דאָס קליינוואַרג, זיך אַריינכאַפּן צו די פעטערס און נאָנטע שכנים, און ביי זיי פאַרזוכן פון די בעסטע מאכלים, און פאַרשטייט זיך, בעיקר די פאַרבאָטענע קניידלעך.

זייער דערהויבן איז געווען די סדר־נאַכט: דאָס גרייטן זיך צום סדר, דאָס אָנשפּאַרן זיך אויפן היסב־בעט, דאָס זאָגן די הגדה, די ארבע כוסות מיטן כוס של אליהו, און דאָס עסן די בעסטע מאכלים (נישט די קניידלעך) און אַנדערע זאַכן וואָס זענען פאַרבונדן מיט די סדר־נאַכט.

ווער קאָן איצט זיך פאַרשטעלן דעם געשמאַק פון זיצן ביים שיינעם טיש, באַצירט מיט די שענסטע כלים, אין וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען די שענסטע און בעסטע מאכלים, ווען די גאַנצע משפחה זיצט צוזאַמען און יעדער איינציקער פילט זיך ווי אַ פרייער מענטש.

יום־כיפור

די ערב יום־כיפור שטימונג האָט זיך שוין געפילט עטלעכע טעג פאַרן יום־הדין. מיין מאַמע האָט זיך נוהג געווען צו צוגרייטן די „כפרות" — הינער פאַר די טעכטער און ווייסע הענער פאַר די זין — שוין אַ וואָך פאַר יום־כיפור. די קינדער האָבן „געשלאָגן כפרות" עטלעכע טעג פאַר יום־כיפור, נאָכזאָגנדיק די תפילה נאָך אונדזער מוטער:

„זאת כפרתי, זאת חליפתי..."

ביים זאָגן די ווערטער פלעגט מיך אַרומנעמען אַ רחמנות צו דער הון, דער ווייסער, און נישט איינמאָל פלעג איך איר אַ קוש טאָן, טראָץ דאָס בייזערן זיך פון דער מאַמע.

און אָט קומט אָן דער אָוונט פון ערב יום־כיפור. ר׳ זכריה שוחט קומט אָן מיט זיין גרויסן לאַמטערן. אַלע אונדזערע שכנים: פעפער, פליישער, דוד געלער, מיין פעטער חיים־שמעון שער, דער פעטער אַברהמל זיניוק און מיר קליינוואַרג, קלייבן צונויף די כפרות אין גאַס, נעבן אונדזער שטוב. נאָך ביי טאָג האָט מיין מאַמע צוגעגרייט אַ קופּע זאַמד, אָדער אַש, צוצודעקן דאָס בלוט פון די כפרות. דאָס געשריי פון די עופות פלעגט זיך הערן אויף מרחקים. גרויס איז אויך געווען דער רעש פון די קינדער און די מוטערס, וועלכע האָבן געזוכט זייערע „כפרות", וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע עופות. צוביסלעך אין געוואָרן שטילער און דער עולם איז זיך צעגאַנגען.

אין מיטן דער נאַכט, ווען אין שטוב איז געווען שטיל און חושך, האָט מען געהערט

ווי דער טאַטע שלאָגט כפּרות מיט זיין גרויסן ווייסן האָן. ביזן היינטיקן טאָג הער איך זיין פאַרשטיקטע שטים פון די טרערן:

„בני אדם יושבי חושך וצלמות...“

איך פיל נאָך איצט דעם ציטער, וואָס איז אַדורך איבערן גאַנצן הויז־געזונד.

„דער טאַטע וויינט!“ — זאָגט מיין שוועסטער זלאַטע און מיר דעקן זיך איבער מיט דער קאָלדרע איבער די קעפּ. מיר ליגן און ציטערן.

ס'טאָגט דער פרימאָרגן. די מאַמע און דער טאַטע האָבן זיך שוין באַפרייט פון אַלע זייערע עסקים. דער טאַטע קוקט אַריין אין אַ גמרא און די מאַמע פּאָרעט זיך אין קיך. נאָכמיטאָג גייען זיי אין שול דאַווענען מנחה. פאַרנאַכט ווערט די שטימונג אַ שווערע. ס'קומט אַריין דער פעטער אַברהמל און ווענדעט זיך צום טאַטן מיט אַ וויינענדיקער שטים און מיט געבעט:

„זיי מיר מוחל, מיין ברודער, זיי מיר מוחל!“

מיר אַלע וויינען מיט. די מאַמע גרייט שוין דעם טיש צו דער סעודה המפסקת.

דאָ הייבט זיך אָן אַ נייער ענין: דער טאַטע, ווייס ווי לייוונט, הייבט אויף זיינע הענט מיט אַ תנועה פון אַ כהן צום דוכענען און בענטשט אונדז, זיינע קינדער, אָנהייבנדיק פון עלטסטן און ענדיקנדיק ביים יונגסטן. יעדער פון אונדז בויגט איין דעם קאָפּ פאַרן פאָטער מיט הכנעה און יראת הכבוד, כדי צו באַקומען זיין ברכה. צום סוף קומט צו די דינסט, די גויה, און אויך זי בעט אַ ברכה ביי איר באַלעבאָס...

די עלטערן גייען אין שול און מיר, קינדער, פאַרשליסן זיך אין שטוב. אַ גרויסער פּחד באַפאַלט אונדז אַלע. די לאָדנס זענען פאַרמאַכט און ס'דוכט זיך, אַז אַפילו די פיש אין וואַסער ציטערן אין דער נאַכט פון כל־נדרי.

שמחת־תורה

ווער קען פאַרגעסן די הקפות אין דער טריסקער שול אין דער נאַכט פון שמחת־תורה. באַלד נאָך מעריב, פאַר די הקפות, זענען אַלע מתפללים איינגעלאַדן געוואָרן צו אונדז אין שטוב, די שטוב פון גבאי. דער טאַטע גייט אינמיטן קהל און אַרום אים פיל ראָזשישטשער תושבים און בראש דער שמש ר' הערשל, „דער בעל שם“, ווי מען האָט אים גערופן. אָט קומען זיי שוין אָן אין שטוב און ס'הערט זיך אַ האַרציקער: „אַ גוט יום־טוב, גבאי'טע!“

די מאַמע האָט שוין באַצייטנס צוגעגרייט דעם יום־טובדיקן טיש מיט כל־טוב: מאַרינירטע הערינג, קוכן און בראָנפן, געקאָכט מיט פעפער און האָניג.

די שטימונג ווערט געמיטלעכער און די גאַנצע חברה יידן טאַנצן און זינגען אַרום טאַטן. שפּעטער גייט מען אַוועק צו די הקפות. די שול איז געפּאַקט מיט מענטשן. אָט ווערן פאַרבעטן די מכובדים צו דער ערשטער הקפה. מיין פאָטער גייט דער ערשטער און מיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט שמחה און רעספּעקט פאַר אים. פרויען און קינדער קושן די ספרי־תורה און צו דער שמחה איז נישטאָ קיין גרענעץ.

תשעה באב

פאַקטיש איז דאָס אַ טרויער־טאָג, אָבער מיר קליינוואַרג לאָזן זיך ווילגיין און פאַרגעסן דעם אמתן כאַראַקטער פון תשעה־באָב. אַ גרויסע גרופּע קליינוואַרג, יינגלעך און מיידלעך, גייען אַרויס באַצייטנס אינדערפרי צוגרייטן „באָדיאַקעס“. די פריילעכע חברה ווערט וואָס אַמאָל גרעסער מיט אַלץ מער קליינוואַרג, וואָס שטייען צו אויפן וועג, צווישן זיי: משה ריידער, אברהם שער, רבקה און וויטעלע זיניוק, די קינדער פון פרידל פליישער, מיקע פעפער, מיין שוועסטער זלאַטע און איך, וואָס שלעפּ זיך נאָך נאָך איר.

יעדער גרייט צו אַ טאָרבע באָדיאַקעס. מיר צעשפּרייטן זיך „אונטערן סטאַוואָק“ און רייסן און רייסן אָן אַ סוף; די הענט זענען פול מיט אַרבעט. ווען מיר קערן זיך אום אַהיים בייזערט זייך די מאַמע, וואָס האָט שוין אָפּגעקאָכט די ברייטע לאָקשן אין מילך צו דער סעודה פאַרן פאַרפאַסטן. מיר עסן גיך, כדי וואָס שנעלער אַרויסצוגיין אין גאַס צו דער „אַרבעט“.

און זיי צוגעקלעפּט צו בעלי־בתים, אַזוי אַז אין גאַנג פון דער צייט זענען זיי געוואָרן ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון די מענטשן, און אין אַ סאַך פאַלן, אַפילו שווער געליטן פון זיי. זיי האָבן פון די צונעמען נישט געקענט פּטור ווערן און געליטן באַליידיקונג און פּיין. דאָס איז, וואַרשיינלעך, געווען אַ „פאָלקס־שאַפונג“, אַ מין קריטיק אויף די שוואַכקייטן פון די מענטשן און אָפט אַפילו אַ בייסיקע סאַטירע, וואָס האָט זיי שווער געטראָפן...

איך האָב דעם איינדרוק, אַז פיל מענטשן האָבן באַקומען דעם צונאָמען אין יונגן עלטער. דער רבי ר' יונה, למשל, פלעגט אין „חדר“ און אין דער „ישיבה“ מכבד זיין זיינע תלמידים מיט אַזעלכע צונעמען, ווי: „דאָס באַנדיטל“, „דער באָק“, „דאָס פּייניצל“, „דער מאלאי“, „דער וועפּריק“. אייניקע פלעגן באַקומען זייערע צונעמען פון שטאָטישע הומאָריסטן, ווי אברהם קאָלטשאַק, וואָס איז געווען שטענדיק אַ מענטש פון שפּאָט און חוזק. און אויב אַ מענטש האָט אויף אַזאַ, אָדער אַנדער, אופן, „זוכה“ געווען צו אַ צונאָמען, האָט ער אים באַגלייט זיין גאַנצן לעבן און ער האָט זיך שוין נישט געקענט באַפרייען דערפון.

כאַראַקטעריסטיש, אַז אויך די אָפיציעלע נעמען פון די גאַסן אין שטעטל האָבן נישט אַלע געוווסט און אויב מען האָט יאָ געוווסט, האָט מען זיך מיט די נעמען בלויז באַנוצט בלויז כדי אָנצושרייבן אַן אַנדרעס. ס'איז געווען אָנגענומען ביי די שטעטלדיקע יידן, אַז אויב מען האָט געוואָלט אָנרופן עפּעס אַן אָרט אין שטאָט, אָדער אַ גאַס, האָט מען זיך באַנוצט מיט די צונעמען, ווי: „אויפן באַרג“, „אונטערן בריק“, „באָמבעגאַס“, „אין שטאָט“, „קעפּסקעס געסל“, „אין מאַרק“, „נעבן בריקל“, „אַנטקעגן דעם קלויסטער“, „אַנטקעגן דער פּאָזשאַרנע“, „אויף זשאליבאָוו“, און אַזוי ווייטער...

אבנר רחמיאלי

דער טאַטע טוט אויס די שיך און גייט אין די קאַלאָשן אין שול אַריין. די מאַמע גרייט זיך שוין צו זאָגן דעם „צאינה וראינה" אין שטוב. פלוצלינג זאָגט זי צו טעמע פעפער און צו די מומע שרה זיניוק:

„ווייבער, קומט וויינען ..."

די ווייבער זעצן זיך אויפן פאָל און וויינען אויפן קול אויפן חורבן בית־המקדש.

מיר, קליינוואַרג, לויפן גיך אין גאַס ווי קליינע שדים. מיר טשאַטעווען אויף די מיידלעך מיט די לאַנגע האָר. ווי נאָר מיר דערשנאַפּן אַזאַ מיידל שטופּן מיר אַריין די שטעכיקע באָדיאַקעס אין אירע לאַנגע האָר. ס'האָט פאַרשטייט זיך נישט געפעלט פאַלן, ווען די מיידלעך האָבן זיך געלאָזט יאָגן נאָך אונדז. כדי אונדז באַשטראָפן, אָבער ווען קען דאָס דעריאָגן אַזעלכע גיכע שדים ווי מיר?

סוף־סוף האָבן זיך געענדיקט אונדזערע באָדיאַקעס און מיר קענען שוין גיין זען וואָס ס'טוט זיך אין שול. די שול איז איינגעטונקען אין חושך. די יידן זיצן אויף איבערגעקערטע בענק און שטענדערס און אַ שטילער געוויין הערט זיך פון דער פינצטערניש...

ס'זענען אַדורך אַסך יאָרן. ס'איז פאַרשטימט געוואָרן דאָס געלעכטער פון די ראָזשישטשער קינדער. די בתי־כנסת מיט די מתפללים זענען צעשטערט און פאַרברענט געוואָרן. דיינע קינדער, דיינע זקנים פון מיין טייער שטעטעלע זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקער־הייט. פון מיין טיפן האַרצן באַוויין איך דיין חורבן, טייער ראָזשישטש, און די פאַרניכ־טונג פון דער האַרציקער יידישער קהילה.

יהיה זכרם ברוך!

די קאזאקן קומען

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס שטעטל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. די יונגע מענער האָט מען צוגענומען צום פראָנט. כמעט אַלע הייזער, און אויך אונ־דזער שטוב, האָבן די רוסן פאַרברענט, בעת זייער פאַרלאָזן די שטאָט.

מיר זענען אַנטלאָפן, זיך באַהאַלטן אין וואַלד און מיטגענומען אַ ביסל בעבעכעס און דאָס גאַנצע אָרעמקייט. די פּאָלאַקן זענען אַריין אין שטאָט און מיר און פיל אַנדערע קומען צוריק. מיר פאַרנעמען זיך מיט באַקן בולקעלעך און פאַרקויפן צו די סאָלדאַטן. אַזוי ציען מיר אונדזער באַשיי־דענע חיונה.

די דייטשישע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן, אַזש די ערד טרייסלט זיך. ווען איך זע מיין מאַמע קומען אַהיים — וויין איך מיט ביטערע טרערן. די קליינע ברידער און שוועסטער שפּילן זיך אינדרויסן און קוקן זיך צו צום קאָמישן שפּיל פון די עראָפּלאַנען און לאַכן... זיי ווייסן נישט, אַז דאָס איז אַ שפּיל פון טויט און לעבן...

די דייטשן רינגלען אַרום די שטאָט. זיי פאַברענען די בריק אויפן סטיר. פלוצלינג לאָזט זיך הערן אַ געשריי:

„די קאָזאַקן קומען!..."

עס באַפאַלט אונדז אַ פּחד און טויט־שרעק. מ'ווייסט, אַז די קאָזאַקן באַפאַלן יידן אכזריותדיק. מיר באַהאַלטן זיך אונטער די וועגענער.

איך האָב גערעדט אַ גוטן רוסיש און דאָס האָט אונדז געראַטעוועט. ס'איז צו אונדז צוגעקומען אַ קאָזאַק, אַ הויכער אָפיציר. איך בין צו אים אַרויס, אים דערלאַנגט מילך צו טרינקען און גערעדט מיט אים רוסיש. ער האָט באַוווּנדערט מיין גוטן רוסיש. איך האָב אים געבעטן ער זאָל צונעמען די קאָזאַקן פון אַרום אונדזער שטוב. ער האָט געגעבן אַ באַפעל און די קאָזאַקן זענען אַוועק, קיינעם נישט געטשעפּעט און גאָר־נישט צוגענומען.

דערנאָך זענען אַריין די עסטרייכער, די דייטשן און די אונגאַרישע אַרמיי. די אונ־גאַרן זענען געווען די ערגסטע. זיי האָבן געשלאָגן מענטשן אינמיטן גאַס. דאָס שטעטל איז דורכגעגאַנגען שווערע צייטן: איין אַרמיי האָט געוואָלט איינשלינגען די צווייטע, און די יידן זענען געווען דאָס כפּרה־הינדל און געגעבן אומזיסטע קרבנות.

איך פלעג קוקן אויף מיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, און באַזונדערס אויף די אַו־עמע קינדער, וואָס האָבן זיך אַרומגע־וואַלגערט אין די גאַסן הונגעריקע און אָפּ־געריסענע. איך פלעג טראַכטן: ווי לאַנג וועלן זיי קענען אַזוי אויסהאַלטן? ווי ס'ווייזט אויס, איז דער מענטש שטאַרקער פון אייזן.

ציפע דאקטארמאן, אמעריקע



אזיפנאַמע אין בית־ראָזשישטש פאַר נחמן און רחל סוסעל פון ניו־יאָרק, פאַר דזשאָ און ציפע דאקטארמאַן פון סאלט־לייק סיטי און פאַר חייקע שקורניק פון בראַזיל. ציפע דאקטארמאַן איז געשטאָרבן צווישנצייט און נישט זוכה געווען צו זען דעם יזכור־בוך, פאַר וועלכן זי האָט זייער פיל געווירקט. יהי זכרה ברוך.

די באמבע־מאכער

בונים מלמד (בן מילער)



בונים מלמד אַלס גאַפיר אין מולדת.



דער אַריינגאַנג צו מאיר מאַטעלס געשעפט פון פאַרבן, וואַפנע א.א.וו. אונטער שכנאס שטוב.

ווי ס'איז אייך ראַזשישטשער זיכער באַוווסט, האָט מיין טאַטע, מאיר מלמד ע"ה — וואָס איז אויך, אין אפשר אַפילו מער, געווען באַקאַנט אַלס מאיר מאַטעלס — געהאַט אַ סקלאַד פון בוי־מאַטעריאַל בשותפות מיט שכנא קראַקאָוויאַק. מיר האָבן פאַרקויפט גיפּס, צעמענט, ציגל, קליינע געברענטע ציגעלעך פאַר אויוונס און קאַלך, דאָס מיינט — נישט געלאָשענע וואַפנע.

דער אַריינפאָר אין סקלאַד איז געווען פון דער אָלייניצער גאַס. דער הויף איז געווען זייער גרויס. דריי טויערן האָט מען געדאַרפט דורכפאָרן ביז מען איז צוגעקומען צום סקלאַד. אויף מערב־זייט פון הויף האָט זיך געפונען אַן אַנדער סקלאַד, פון תבואה, וואָס האָט אָנגעהערט צו שכנא'ס צוויי זין, חיים און לייזער. אויבן, איבערן סקלאַד, האָט געוווינט וועלוול שוחט מיט זיין פאַמיליע.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז דער הויף געווען זייער גרויס, אפשר 500 מעטער די לענג. מיין עלטערער ברודער, פנחס ע"ה, איז געווען דער ערשטער — אַלס יונגער בחור — וואָס האָט געהאָלפן מיין טאַטן אין די ביזנעסביים פאַרקויפן קאַלך. נאָך אים איז געקומען מיין צווייטער ברודער, שלמה. נאָך אים איז געקימען מיין ריי.

ווען כ'בין אַלט געווען 15 יאָר האָב איך איבערגענומען די באַשעפטיקונג אין סקלאַד. דאָס איז געווען, ווען כ'האָב אויפגעהערט די לימודים אין דער ישיבה. מיין פאָטער האָט מיך געוואָלט שיקן לערנען אין אַן אַנדערער ישיבה אין אַ ווייטער שטאָט, נאָר מיין מוטער האָט נישט דערלאָזט דערצו. זי האָט געזאָגט, אַז אירס אַ קינד וועט נישט „עסן טעג" און זיין אַ משרת ביי פרעמדע מענטשן. זי האָט, פאַרשטייט זיך, אויסגעפירט. איך בין געבליבן אין דערהיים אין אָנגעהויבן אַרבעטן ביים פאַרקויפן קאַלך.

ווי איר ווייסט, איז מען נישט געשטאַנען אין דער ריי צו קויפן קאַלך. ערשטנס, ווייל ס'זענען געווען נאָך צוויי אַזעלכע סקלאַדעס: איינער האָט געהערט צו הערשל פאַרבער און דער צווייטער — צו אַ דייטשער פירמע, ימח שמם וזכרם. דאַריבער האָב איך געהאַט פיל פרייע צייט צו קלערן וואָס „איפּצוטאָן". און איך האָב מיך דערקלערט — איך האָב גענומען מאַכן „באָמבעס".

וויאַזוי מאַכט מען עפּעס אַ באָמבע? וואָס הייסט וויאַזוי? מען נעמט אַ פלאַש, מען פילט זי אָן מיט קאַלך און מ'גיסט אַריין וואַסער. מען פאַרקאָרקעוועט הערמעטיש די פלאַש און אין אַ פּאָר מינוט אַרום רייסט עס אויף און די באָמבע איז פאַרטיק.

דאַרף מען דאָך האָבן אַ פלאַש, וואָס איז נישט אימער געווען ביי אונדז. אין אַזאַ פאַל נעמט מען אַ זאַך וואָס איז ענלעך צו אַ פלאַש. האָט גאָט געהאָלפן, אַז ביי שכנא אין הויף האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אַ סך גלעזערנע באַליעס פון נאַפט־לאָמפּן. און ווי איר ווייסט, האָבן די באַליעס ברייטע העלדזלעך, אַז קיין קאָרק קען מען דערצו נישט נוצן.

וואָס־זשע טוט מען? פלעג איך פאַרשטאָפּן די באַליעס מיט אַ סך פּאַפּיר. ס'האָט אָבער נישט געאַרבעט, און אַזויווי דער קאַלך האָט אָנגעהויבן שאַפן גאַזן, האָט עס באַלד אויסגעשטופּט דעם פּאַפּירענעם קאָרק מיט אַ קליינעם דרוק. ס'האָט זיך נאָר געהערט „פּוף" — און דאָס אַלץ.

ויהי היום און מאיר וויינער ע"ה, וועלוול שוחט'ס זון און מיין גוטער חבר, קומט אַהיים פון דער ישיבה אויף יום־טוב און ער באַזוכט מיר אין סקלאַד. אַזוי שמועסנדיק באַשליסן מיר, אַז מען באַדאַרף פּרווון מאַכן אַ באָמבע, און דאָסמאָל — אַ גוטע.

אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג נעמען מיר זיך צו דער אַרבעט. דאָסמאָל איז מיט אונדז

בונים מאיר מאטעלס

איך געדענק בונים מאיר־מאַטעלס פון דער ישיבה. שטענדיק פול מיט הומאָר און אייגנ־אַרטיקע איינפאַלן, ווי אַזוי צו מאַכן פריי־לעכער אַביסל דאָס טאָגטעגלעכע גרויע און אָרעם לעבן אין חדר.

ווען דער רבי, ר׳ יונה, האָט אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן אין דער גמרא בבא־מציעא, און די באַלייכטונג אין חדר אין די ווינטער־אָוונטן, חנוכה־צייט, איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר חלב־ליכטלעך, האָט בונים אויסגעפאָרמט פונעם חלב אַ חזירל, אָנגעצונדן פּאַפּיר פון טעטראַדן אין דער סקאמייקע און געלאָזט דאָס חזירל סמאַליען. דער רויך און דער טשאַד האָט די תלמידים מער אינטערעסירט ווי „אלו מציאות״ פון דער גמרא...

דער רבי האָט אים, טראָץ זיינע שפּיצלעך, ליב געהאַט, ווייל ער איז געווען אַ קלוג קינד. ווער ווייסט? אפשר האָט דער רבי אויך הנאה געהאַט פון די קונצן זיינע? ער האָט אים מכבד געווען מיטן צונאָמען: „דאָס באַנדיטל״, און ביז היינט איז ער באַקאַנט מיט דעם נאָמען.

איינמאָל זענען אַריינגעקומען, פאַרשפּע־טיקטע, אין מיטן לערנען, דריי תלמידים: זלמן (געלער), בונים און תוהו (אַזוי האָט מען גערופן טוביה רופא). דער רבי האָט פּונקט געלייענט אין חומש דעם פּסוק „ארץ זבת חלב ודבש״. זאָגט ר׳ יונה מניה וביה: ז׳ב׳ת׳ — מאַכט ראשי־תיבות פון זלמן, בונים, תוהו...

ביז היינט, אַז ס׳טרעפן זיך חברים מיט בונים, בעטן זיי אים ער זאָל פאָרשטעלן סצענעס פון רבי יונה — וויאַזוי ער זופּט אַ גלאָז ציקאָריע און שטראָפט די תלמידים, א.א.וו.

בונים מאַכט נאָך דעם רבין מיט טאַלאַנט פון אַ גוטן אַרטיסט און די אַמאָליקע תלמידים האָבן הנאה.

בונים איז געווען אַ חבר אין „החלוץ״, דורכגעמאַכט די הכשרה אין פּולטוסק און עולה געווען קיין ישראל אין 1933. ער איז געווען אַ חבר אין קיבוץ נען אין זיין צייט־ווייליק אָרט אין כפר־יונה, איידער דער קיבוץ איז אַרויף אויף זיין באָדן.

שפּעטער איז בונים געווען אַ נוטר אין מולדת־חולון־אזור אין די שווערע צייטן פאַר דער מדינה. אין די ערשטע יאָרן פון דער מדינה איז ער געווען אַ שוטר. אין 1952 איז ער אַריבער מיט זיין פאַמיליע קיין קאַנאַדע, וווּ ער האָט געוואָלט זיין נאָענט צו זיין ברודער, סאָל מילער (שלמה מלמד).

א. ר.

איך געווען משה׳לע שקורניק. כ׳געדענק נישט ווער ס׳האָט אונדז צוגעשטעלט די פלאַש מיט אַ קאָרק. מיר האָבן געהאַט אַ גרויסע פלאַש מיט אַ גוטן קאָרק און איך שטעל צו דעם אויפרייס־מאַטעריאַל. מיר פילן אָן די פלאַש מיט קליינע שטיקלעך קאַלך, גיסן אַריין וואַסער און פאַרקאָרקעווען די פלאַש „כדת משה, בונים ומאיר״. מיר לייגן אַוועק די פלאַש מיטן האַלדז פאָרויס, אַזוי אַז ווען זי וועט אויפרייסן זאָלן די שטיקער פליען אין דער לופט. מיר שטעלן זיך אַוועק פון דערווייטנס, ביי 30 מעטער פון דער פלאַש, און וואַרטן אויפן אויפרייס.

מיר שטייען און רייבן זיך די הענט און זעען פון דערווייטנס, ווי די פלאַש הייבט אָן קאָכן און זידן ווי אַ קעסל. די פלאַש פילט זיך אָן מיט בולבעס און באַלד ווערט זי איינגעהילט מיט אַ ווייסן נעפּל און מיר זעען נישט וואָס ס׳קומט פאָר אין איר. מיר שטייען אומגעדולדיק און ווילן הערן דאָס אויפרייס פון דער „באָמבע״. ס׳גייען אַוועק 5 מינוט, 10 מינוט, 15 מינוט — „לא דובים ולא יער״, נישט מען הערט און נישט מען זעט... וואָס האָט דאָ געקענט פּאַסירן? איז „מרוב נסיון״ וואָס איך האָב שוין געהאַט מיט די באַליעס באַשליס איך, אַז ס׳איז ווייזט אויס געווען נישט גענוג וואַסער אין דער פלאַש.

מיר באַשליסן עפענען די פלאַש און צוגיסן נאָך וואַסער. מיר דערנענטערן זיך צו דער פלאַש. איך ריר זי אָן — אַ שטיק פייער, ס׳איז אוממעגלעך זי אָנצורירן. מיר וואַרטן אומגעדולדיק אַז די פלאַש זאָל זיך אָפּקילן. נישט האָבנדיק קיין געדולד צו וואַרטן ביז די פלאַש וועט זיך געגצלעך אָפּקילן, ברענגען מיר אַ שמאַטע און באַשליסן עפענען די פלאַש.

דעם אמת זאָגנדיק, געדענק איך נישט אויב משהלע שקורניק האָט אונדז געוואָרנט נישט עפענען די פלאַש און מיר האָבן נישט געלייגט קיין אַכט דערויף, אָדער ער האָט אונדז גאָרנישט געזאָגט. נאָר איך געדענק, ווי ער האָט זיך אָפּגערוקט פון אונדז און איך מיט מאיר ווייטער האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אַריינשטיפּן די קאָרק אין דער פלאַש אַריין האָב איך נישט געוואָלט, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערן קאָרק אויף צו פאַרשטאָפּן די פלאַש נאָכן צוגיסן וואַסער. דאַרף מען דעם קאָרק אַרויסנעמען אַזוי, אַז מען זאָל אים קענען נוצן נאָכאַמאָל. דער קאָרק איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרזעצט אין דער פלאַש, אַז מיר האָבן געמוזט אָנווענדן אַ שטאַרקע קראַפט כדי אים אַרויסצושלעפּן.

שטעל איך מיך אַוועק אויף דער לינקער קני, נעם די פלאַש מיט דער לינקער האַנט און שטעל זי אַוועק אויף דער ערד און דרוק מיטן כּוח אויף דער פלאַש — און מיט דער רעכטער האַנט שטיפּ איך אַריין אַ גרויסן טשוואָק אין דער זייט פון קאָרק, כדי איך זאָל אים קענען אַרויסשלעפּן אַ גאַנצן פון פלאַש, און מאיר ווייגער שטייט איבער־געבויגן איבער דער פלאַש. איך האָב לאַנג נישט געדאַרפט בעטן דעם קאָרק אַרויסצוגיין.

ווי איך האָב נאָר אַריינגעשטיפּט דעם טשוואָק, האָט דער קאָרק, אָדער בעסער געזאָגט, די וואַפנע, אַרויסגעשאָסן פון דער פלאַש. עס האָט מיר פאַרכאַפּט די רעכטע זייט פון פּנים און דאָס רעכטע אויג. ביי מאיר׳ן, וואָס איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן פלאַש, איז פאַרדעקט געוואָרן דאָס גאַנצע פּנים מיט ביידע אויגן. דאָס ווייסע קאַלך האָט אָנגעקלאַפּט דעם דאַשעק פון מאיר׳ס היטל וואָס איז אַוועקגעפלויגן העט ווייט.

איך גיב אַ קוק אויף מאיר׳ן מיט מיין אָפן לינק אויג, און עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגן: זיין גאַנץ פּנים אין איין שטיק קאַלך. מ׳זעט נישט קיין אויג, קיין נאָז, קיין מויל. איך שריי „מיין אויג״ און מאיר שרייט: „מיין פּנים, איך ברען״

וואָס טוט מען? מיט די הענט האָבן מיר צו ביסלעך אַראָפּגעשאַרט די קאַלך. וואָס טוט מען ווייטער? מיר באַשליסן, אַז קודם מוזן מיר אָפּרייניקן פון אונדזערע פּנימער דאָס קאַלך. אַהיים קענען מיר נישט גיין אין אַזאַ מצב, און מיר באַשליסן גיין צו דער קרענעצע, דאָרט וועט אונדז קיינער נישט זעען. מיר גייען אַראָפּ צום וואַסער און וואַשן זיך אָפּ. ס׳רעדט זיך אַזוי מיר וואַשן זיך אָפּ? דאָס וואַסער האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט לעשן דאָס קאַלך. ס׳ברענט מיר די רעכטע זייט פון פּנים, אָבער דער מצב פון מאיר׳ן

איז פיל ערגער: אים ברענט דאָס גאַנצע פּנים מיטביידע אויגן — ער קען זיי נישט עפענען.

עס פאַלט צו די נאַכט, און מיר מוזן אַהיימגיין. מיר באַשליסן נישט צו דערציילן אין שטוב. מיר גייען אַהיים. אַריינקומענדיק אין שטוב פרעגט מיך גלייך די מאַמע:

„וואָס האָסטו עפּעס אַזאַ רויט אויג?”

„ס׳טרערן מיר די אויגן פון שטויב פון דער וואַפּנע” — ענטפער איך.

נאָכן עסן האָב איך זיך אַוועקגעלייגט, אָבער כ׳האָב נישט געקענט איינשלאָפן פון גרויס שמערצן.

מאיר האָט מורא געהאַט זיך ווייזן אין שטוב און איז אַוועק אויף זייער בוידעם און זיך אַריינגעלייגט אין היי. דאָס האָב איך ערשט אויסגעפונען צען אַזייגער אָוונט. אין דער שעה איז צו אונדז געקומען זיין שוועסטער אסתּר און זיך געווענדעט צו מיין מאַמע מיט די ווערטער:

„רוחצ׳ע, וואָס לייגט איר צו צו אייער בונים׳ס אויג?”

אַזוי איז אַרויסגעקומען דער סוד.

מאיר׳ן האָט זייער געברענט דאָס פּנים און ער האָט נישט געקענט עפענען די אויגן. איז ער, אויף אַלע פיר, אַראָפּגעקראָכן פון בוידעם און דערציילט דעם גאַנצן סוד.

צען טעג האָב איך זיך געפייניקט ביז איך האָב געפילט אַ בעסערונג; מאיר האָט געליטן פיל מער: ס׳האָט ביי אים גענומען אייניקע וואָכן ביז ער האָט אָנגעהויבן זען אויף די אויגן.

דאָס יאָר האָט ער נישט אָנטיילגענומען אין כאָר פון טאַטן אין די ימים־נוראים אַלס משורר. באַלד נאָך די ימים־טובים האָט מען אים צוגעפירט צו דער באַן, מיט צוויי קראַנקע אויגן, און אים אַוועקגעשיקט אין די ישיבה קיין ראָוונע.

די „פאזשארנע קאמאנדע”

אינעם שטעטל ווי כמעט אַלע הייזער זענען געווען געבויט פון האָלץ, איז געווען תמיד אַ סכנה, אַז אויב ס׳ברעכט אויס אַ שריפה, זאָל זי זיך פאַרשפּרייטן אויפן גאַנצן שטעטל.

דערפאַר זענען די פייערלעשער געווען אַ גאַנץ וויכטיקע אינסטיטוציע. דער צענטער איז געווען די „פּאָזשאַרנע” — אַ גרויסער בנין, געבויט נאָך אין די צייטן פון צאַר ניקאָלאַי. דאָרטן זענען געווען עטלעכע וועגענס מיט פעסער אָנגעפילט מיט וואַסער, לייטערס, רערן און אַנדערע וויכטיקע כלים צו פאַרלעשן אַ פייער און אַ גלאָק צו מאַכן אַ טריוואָגע, כדי די פייערלעשער זאָלן גיך קומען.

מ׳כאַפּט פערד ביי וועמען ס׳טרעפט זיך דער ערשטער, מ׳קומט צו דער שטוב וואָס ברענט, מען פּאָמפּעט מיט די הענט וואַסער אין די רערן און מען באַמיט זיך איינהאַלטן דאָס פייער. (לצים זאָגן, אַז זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט באַוויזן אָפּצוראַטעווען אַ שטוב און פאַרלעשן דאָס פייער. שטענדיק קומען זיי צו שפּעט...).

די „פּאָזשאַרניקעס” הערן ניט וואָס די לצים רעדן. זיי קומען אין דער „פּאָזשאַרנע” פון־צייט־צו־צייט. פאַר זיי איז עס אַ מין ספּאָרט־קלוב. זיי מאַכן אַ ביסל גימנאַסטיק אויף די עטלעכע מכשירים און נעמען אָנטייל אין די איבונגען פון בלאָז־אָרקעסטער. זיי גרייטן זיך שפּילן אויפן פּאַראַד פון פּוילישן נאַציאָנאַלן יום־טוב, דעם 3־טן מאַי.

אויסער דעם האָט דער פּאָזשאַרני־דיזשורני אַ פרייען אַריינגאַנג צו דער פאָרשטעלונג אין גאָרנשטיינס זאַל (טעאַטער אָדער קינאָ), און דאָס איז שוין גאָרניט קיין קלייניקייט.

איטע וואָרקאָוויצקי דערציילט אַן אינ־טערעסאַנטן עפּיזאָד:

איר פאָטער, שמואל גראַבאַרסקי, האָט אין יאָר 1913 באַקומען אַ מעדאַל און אַ דיפּלאָם פון דער צאַרין, צום 300־יעריקן יובילעי פון דער ראָמאַנאָוו דינאַסטיע, פאַר זיין געטרייער אַרבעט אין דער „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע”.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז געפאָרן אויסער דער שטאָט און מען האָט געדאַרפט אַ דערלויבניש, האָט ער געוויזן דעם „דיפּלאָם”. ווען דער רוסישער וואַכמאַן האָט נאָר געזען די ערשטע ווער־טער: „אין נאָמען פון איר עקסעלענץ די צאַריניע”... האָט ער סאַלוטירט און ווייטער ניט געקוקט. אַלע וועגן זענען פאַר אים געווען אָפן...

א. ש.





די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע”. שטייען פון רעכטס: וועלוול ראָזנבוים, אלי קאָניאַד, בערל געלערשטיין, קאָס שיפּריס, היינך סאָכאָ. זיצן: נחום געלערשטיין, דער פּוי־לישער קאַפּעלמייסטער, גרישא דעקלבוים און אַביגדור פּערעל.

ראזשישטש, מיין שטעטל, ווי איך געדענק עס

(געצייכנט לויטן זכרון)

רחל דונגי (שער)






די ראמפּע
שפּיטאל
מאגיסטראט
קלימבורד
בית מרחץ
עלעקטראָווניע
באנק אודזיאכאווי
בּיי גוראלניקס קאַפּעלניע
האנטווערקער פאריין
פּאָזשארנע
צערקווע
פּאָסטעוואָי
פּאָטשט
שפּיטאלנע
קראַמידס
שׂד
יידישע שולע
גאַרנשטיינס טעאַטער
צשאליבאָווער שיל
צשאליבאָווער דארף
קאָוולער מיל
ראָוונער מיל
טארטאק
וואָקזאל
אייזענער בריק
באן ליניע ווארשע - קיעוו
סטיר
גליקמאנס מיל
בית יתומים
הכשרה - החלוץ-ביתר
קבר אחים
קאָוועל
קאַפּאַטשיווקע
לוצק
טאָרטשין

א דענקמאל פאר מיינע טייערע

יהודית שפירא (קאגוט), קיבוץ ברור־חיל



יהודית שפירא (קאגוט), די פאַרפאַסערין פון דעם אַרטיקל, און איר ברודער שמואל קאגוט (דאָס אונטערשטע בילד).



זאָלן דידאָזיקע שורות זיין אַ מצבה פאַר מיינע טייערע עלטערן, אברהם און לאה קאָגוט, פאַר מיין עלטסטן ברודער זכריה, זיין פרוי ריווע און זייערע פינף קינדער; פאַר מיינע ברידער שמואליק, אידל און מאירקע; פאַר מיינע פעטערס און מימעס, קוזינען און באַקאַנטע, וועלכע זענען אומגעקומען דורך די נאַציס, ימח שמם, און מיר ווייסן אַפילו נישט ווו זייער געביין געפינט זיך.

מיין זיידע

פון מיינע קינדער־יאָרן געדענק איך מיין זיידן יוסי סילצער, — זיין פאַמיליע נאָמען איז געווען קאָגוט. ווען מיר זענען, נאָך דער ערשטער מלחמה, צוריקגעקומען קיין סילצעס, האָט מיין זיידע צונויפגענומען אַלע אייניקלעך און אָנגעהויבן מיט זיין לערנען א״ב און חומש מיט רש״י.

דער זיידע איז געווען מיין ערשטער רבי, וועלכן איך האָב זייער ליב געהאַט און אָפּגעגעבן גרויס כבוד. ער איז געווען אַ הויכער, מאָגערער ייד מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד. ער האָט געפאַסט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, אַ חוץ די תעניתים וועלכע מיר אַלע האָבן אָפּגעהיטן.

דער זיידע איז געשטאָרבן אין הויכן עלטער, איבערלאָזנדיק אַ גרויס פאַרצווייגטן דור — זין און טעכטער, איידעמס און שנירן, אייניקלעך און אוראייניקלעך, וועלכע האָבן זיך צעשפּרייט מיט גרויס אָנזען אין ראָוונע, לוצק, ראָזשישטש, קאָלק, און אויך אין אַמעריקע, בראַזיל, אַרגענטינע און ישראל. אַ טייל פון דער משפחה קאָגוט האָבן געביטן דעם נאָמען אויף קאָלקער.

צוזאַמען מיט אונדזערע עלטערן האָבן געוווינט אין דער קאָלאָניע נאָך צוויי יידישע משפחות: דעם טאַטנס ברידער — חנא און פרוי בתיה מיט זייערע פיר זין און איין טאָכטער, און יענקל מיט זיין פרוי פעסיע מיט זייערע פיר זין און דריי טעכטער.

אונדזער משפחה איז באַשטאַנען פון זיבן זין און צוויי טעכטער. אַלע משפחות האָבן געפירט אַ שיין בעלבתיש לעבן, געווען אַרבעטזאַם און שפּאָרזאַם, פול מיט מעשים־טובים און גמילת־חסדים.

דאס שותפות פון אמעלנע און סילצעס

די משפחות קאָגוט האָבן צוזאַמען מיט ר׳ דוד בליאַק פון שכנותדיקן דאָרף אָמעלנע, אויסגעהאַלטן אַ לערער, וועלכער האָט געלערנט די קינדער דאַווענען און אַ בלאַט גמרא. די קלינגענדיקע טענער פון די תלמידים האָבן זיך געטראָגן איבערן גאַנצן דאָרף.

איך געדענק אַ פאַל, ווען איך האָב אַלס מיידל געלערנט אויפן הויכן קול צוזאַמען מיט די יינגלעך חומש מיט רש״י, איז פונקט געווען ביי אונדז מאָטל שוחט פון קאָלק און געמאַכט אויפמערקזאַם מיין טאַטן:

„ווי דערלאָזטו אַז אַ מיידל זאָל לערנען תורה און נאָך מיט אַזאַ הויכע שטימע?”.

האָט אים מיין טאַטע געענטפערט:

„זאָרג נישט, מאָטל, עס וועט איר צונוץ קומען אין לעבן”.

מיטן שותפותדיקן חדר און מנין זענען סילצעס און אָמעלנע געוואָרן איין איבערגע־געבענע משפחה. דוד אָמעלנער, דער קלוגער תלמיד־חכם, און פרומער חסידישער ייד, איז

גלייכצייטיק געווען אַ מאָדערנער וועלטלעכער מענטש, געלייענט אַ צייטונג, געווען באַקאַנט אין פּאָליטיק און נישט פאַרגעסן צו קבלת־שבת אָנצוטאָן אַ ווייס שיין געפּרעסט העמד. און שבת, ווען מיר יוגנט פלעגן זיך צונויפקומען פאַרברענגען צוזאַמען, האָט דוד אָמעלנער אונדז פאַרוויילט, אויסלערנענדיק אונדז פאַרשידענע שפּילן, ווי פאַנדן, און נאָכהער ווי אַזוי די פאַנדן אויסלייזן אויף אַ קלוגן און באַלערנדיקן אופן.

דער מנין איז געווען ביי דודן אין שטוב. אונדזערע עלטערן פלעגן יעדן שבת גיין דאַווענען בציבור. צו די ימים־נוראים פלעגן מיר גיין קיין אָמעלנע אָדער צונעמען אַ חזן פון קאָלק, אַברהם יוסף מיכעלס.

די ערנסטקייט און פאָרכטיקייט פון די צוגרייטונגען צו די ימים־נוראים שטייען מיר תמיד לעבעדיק פאַר די אויגן.

שוין ערב יום־כיפור, דאָס לייגן די קנייטלעך פאַר די צוויי ליכט, איינער פאַר די לעבעדיקע און די צווייטע פאַר די געשטאָרבענע. די געוויינען און געבעטן פון אונדזער מאַמע לאה צוזאַמען מיט די מימעס — קאָן איך נישט פאַרגעסן.

און אָט איז ערב יום־כיפור, ווי דער מנין איז געווען ביי אונדז אין שטוב: אין גרויסן צימער האָבן געדאַוונט די מענער, אין קלענערן צימער די ווייבער. די טישן באַדעקט מיט ווייסע טישטעכער. אַלע מתפּללים אָנגעטאָן מיט ווייסע קיטלען און ווייסע זאָקן. די נשמה־ליכט באַלויכטן די צימערן. ערנסטקייט און פאָרכטיקייט אויף אַלע פּנימער. איך גיי אַרויס אַ רגע אויפן גאַס, הער די קלאַנגען פון כל־נדרי, הייב אויף מיינע אויגן צום הימל און זע אַ וואָלקן פאָרמירט אין אַ פאַרהוילענע געשטאַלט. איך בין זיכער אין מיין קינדערישער פאַנטאַזיע, אַז גאָט האָט אַראָפּגעשיקט אַ מלאך אויפצונעמען די תּפילות פון אונדזערע מתפּללים.

מיין טייערע מאַמע האָט אונדז קינדער געלערנט נישט רעדן קיין רכילות, אויף קיינעם נישט זאָגן קיין שלעכטס און קיינמאָל זיך נישט באַנוצן מיט קיין שבועה: „דו דאַרפסט אַזוי זיין מען זאָל דיר גלויבן אויפן וואָרט”, פלעגט זי זאָגן.

מיין טייערער טאַטע, פלעגט ווינטער אין די גרויסע קעלטן גאַנץ פרי אָנהייצן די „רובע” (אויוון), עס זאָל אונדז נישט זיין קאַלט ביים אַרויסגיין פון בעט, און דערביי צוזינגען דעם ניגון פון תהילים אָדער תּפילת שחרית. עס איז געווען אַזוי אָנגענעם צו ליגן אין בעט און וואַרעמען בעט און הערן די שטים.

מיין טייערער ברודער זכריה, פלעגט מיך נעמען צו זיך אין בעט און דערציילן מעשיות פון חומש: פון יצחקן מיט ישמעאלן, פון יעקב מיט עשו און וויפל טרערן האָב איך פאַרגאָסן ביים הערן די געשיכטע פון מכירת־יוסף.

איך פלעג גיין אין דער פּוילישער שולע אינדערפרי און נאָכמיטאָג פלעג איך לערנען אין שטוב, צוזאַמען מיט אַלע קינדער. איך האָב געהאַט פּוילישע חברים און חברטעס. מיר האָבן זיך זייער גוט באַפריינדעט, אָבער שבת פלעגן מיר, יידישע קינדער, פאַרברענגען צוזאַמען.

אנטיסעמיטישע סימנים

מיר האָבן געהאַט אַ קלייט פון פאַרשידענע זאַכן, און איך קען מיר נישט דערמאָנען, און איר מאַן בערל בלאַדאָווסקי מיט 3 קינדער און מיינע 3 ברידער משה, הערשל און פרייטיק פאַרנאַכט ביז מוצאי־שבת. אַלע האָבן אונדז רעספּעקטירט און מיר האָבן געלעבט צוזאַמען בשלום און גלייכצייטיק אָפּגעזונדערט.

ווען עמיצער וואָלט דעמאָלט גערעדט אַ שלעכט וואָרט אויף אַ פּאָליאַק, וואָלט איך אים נישט געשענקט; ביז איינמאָל איז צו אונדז אַריינגעקומען אַ פּוילישער פּאָליציאַנט און געהייסן דערלאַנגען „וואָדקאַ” מיט צובייס. נאָכהער האָט ער געהייסן זיך אויסבעטן אַ געלעגער אויף דער סאָפע און געהייסן מיין טאַטן אַראָפּשלעפּן אים די שטיוול פון די פיס. ווען דער טאַטע האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט ער געדראָט מיט די ביקס, און דער טאַטע האָט געמוזט אים פאָלגן. דאָס האָט אונדז שרעקלעך דערנידעריקט, מיך ספּעציעל, און איך האָב זיך דאַמאָלט געגעבן דאָס וואָרט, אַז אין פּוילן פאַרבלייב איך נישט.



משה׳לע קאגאן.

מיר זענען קינדער פון שטעטל

מיר זענען קינדער פון דעמדאָזיקן שטעטל: דאַרט געבוירן, דערצויגן און אויפגעוואַקסן. אויף די ראָזשישטשער געסלעך האָבן מיר זיך געשפּילט צוזאַמען מיט אַלע איבריקע יידישע קינדער. פון אונדזער קינדהייט־אָן האָבן מיר איינגעזאַפּט די דאָרטיקע לופט, און געטרונקען דאָס דאָרטיקע וואַסער. יע־דער שטיין פון שאָסיי אין שטעטל איז אַ חלק פון אונדזער קינדערישער פאַנטאַזיע. יעדעס הויז, פלויט, גאָרטן און בוים איז אַ שטיק פון אונדזער לעבן, וואָס מיר האָבן געלאָזט הינטער זיך.

פון די פענצטער קוקן מער נישט אַרויס די געשטאַלטן פון אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער. נישטאָ מער דער פריילעכער רעש פון די יידישע אַרבעטער, בעלי־מלאכה׳ס, קרעמער און קונים. נישטאָ מער די פריילעכע יידישע קינדערלעך, וואָס פלעגן אַלץ פאַרטומלען.

באַזוכנדיק דאָס שטעטל דוכט זיך, אַז אָט־אָט באַווייזן זיך די אַלטע געשטאַלטן אין די טירן, די היימישע פּנימער אין די פענצטער און שמייכלען צום פאַרבייגייענדיקן. אָבער אָנשטאָט זיי באַווייזן זיך אַנדערע געשטאַלטן, פאַרכמורעטע, קאַלטע, וואָס קוקן מיט בייזע שטעכיקע בליקן.

ראָזשישטשער יידן האָבן געלעבט אַן אייגן לעבן, מיט אייגענעם שטייגער, מיט אייגענער פרייד און לייד, אייגענע דאגות און שמחות. זיי האָבן אויך געפירט אייגענע מחלוקת, ביי די עלטערע איבער רבנים, שוחטים און רביים, און ביי דער יוגנט — איבער פאַרטייען, אידעען און וועלט־יושר. מען האָט דאָס אייגענע לעבן געפירט שטאָלץ און אויך געזוכט יושר פאַר אַנדערע.

אין דער לעצטער צייט פאַר דער מלחמה איז געווען אַ נעץ פון געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס: אַ גמילות־חסדים קאַסע, אַ גרויסע „תרבות״־שולע, אַ יידישע פאָלקס־שולע. די יוגנט האָט זיך גרופּירט אין פּאַר־שידענע פּאַרטייען, פון רעכטס ביז לינקס: אגודה, מזרחי, פּועלי־ציון, רעוויזיאָניסטן, החלוץ, השומר־הצעיר, בית״ר און לינקע גרר־פּירונגען — מיט אייגענע לאָקאַלן, מיט ביב־ליאָטעקן און מיט אַ טיכטיקע קולטורעלע טעטיקייט — אַ באַוווסטזיניקע און שטאָל־צע יוגנט.

אַ פּרעכטיקע יוגנט געווען, אַן אידעאַליס־טישע, וואָס האָט געברויזט מיט לעבן און אָנגעפּילט די לופט מיט עקסטאַז און געזאַנג.

נישטאָ מער די יידישע קהילה אין ראַ־זשישטש: זי איז פאַרניכטעט געוואָרן, און צוזאַמען מיט איר — דערגרייכונגען פון דורות.

נישטאָ, אַפילו, ווער ס׳זאָל דערציילן פון איר אַלטער געשיכטע, די שטאָט־לעגענדעס און מעשׂיות, וואָס זענען איבערגעגעבן גע־וואָרן פון דור צו דור. מיר האָבן נישט מער די ליבע זקנים, וועלכע פלעגן איבערגעבן די קומענדיקע דורות, די זכרונות פון זייער קינדהייט און וואָס זיי האָבן געהערט פון זייערע טאַטעס און זיידעס — איש מפי איש.

פאַרניכטעט איז אַפילו דער בית־עולם, די מצבות; און ס׳בלייבט אונדז נאָר, מיט דער יאָרצייט־ און נשמה־ליכט אין האַנט, אַרומ־גיין זוכן אַ זכר פון דעם, וואָס איז אַמאָל געווען און שוין מער נישטאָ.

א. ר.

אין ראזשישטש

איך בין אַוועק קיין ראַזשישטש, ווו מיין ברודער זכריה און זיין משפּחה האָבן געווינט. מיין שוועגערין ריווע האָט געשטאַמט פון דער משפּחה חייטשוק פון קאָלק. אירע זמירות ביים שבתדיקן טיש און פּסח ביים סדר האָבן צוגעגעבן חן, יומטובדיקייט און שטאָלץ אין די הערצער.

איך בין געווען ביי זיי אין שטוב און געלערנט אַ קורצע צייט אין דער תרבות־שולע. אין יענער צייט איז געווען אַ גרויסער קאַמף צווישן ציוניסטן און יידישע קאָמוניסטן.

אין ראַזשישטש האָבן אַמאַטאָרן פון די לינקע פּאַרטייען געשפּילט יידיש טעאַטער „טוביה דער מילכיקער״. יענקל בליאַק האָט זיך דעמאָלט געפונען אין ראַזשישטש און מיר האָבן באַשלאָסן גיין אין טעאַטער. ווען פייוול שקורניק (היינט אבנר רחמיאלי), בליאַקס קוזין, וועלכער האָט דעמאָלט געלערנט אין וואַרשע, האָט געהערט אַז מיר ווילן „שטיצן״ די אַנטי־ציוניסטן, האָט ער אונדז שטרענג פאַרבאָטן גיין אין טעאַטער; אָבער דער ווילן צו זען „טוביה דער מילכיקער״ האָט איבערגעשטיגן די וואָרנונגען און מיר זענען יאָ געגאַנגען.

די פאָרשטעלונג האָט אויף אונדז געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, זעענדיק אין טוביהן אונדזערע גוטע, נאַכגיביקע טאַטעס; גלייכצייטיק האָבן מיר ביי זיך באַשטימט, אַז אויב ס׳וועט ביי אונדז פּאַסירן אַזאַ פאַל ווי ביי טוביהס טאָכטער, זאָלן מיר בעסער אַליין ליידן און נישט פאַרשאַפן אַזוי פיל צרות אונדזערע עלטערן.

איינמאָל, פּאַרנאַכט, איז דער טאַטע געקומען פון קאָלק אַהיים און מיט גרויס ענטוזיאַזם דערציילט, אַז ער האָט געטראָפן אַ גרופּע יינגלעך מיט מיידלעך, פון די רייכסטע היימען אין קאָלק, וועלכע זענען אַרויס אין פעלד לערנען ערד־אַרבעט. זיי זענען חלוצים און גרייטן זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אַ סאַך פון דער חלוצישער יוגנט האָבן זיך טאַקע אָפּגעראַטעוועט אַ דאַנק דעם אידעאַל און געפונען זיך איצט אין ארץ־ישראל און פירן אַ שיין קולטורעל לעבן.

בראזיל און ישראל

מיך האָט דער גורל געבראַכט קיין בראַזיל, צוזאַמען מיט מיין עלטערע שוועסטער סאָסיל און איר מאַן בערל בלאַדאָווסקי מיט 3 קינדער און מיינע 3 ברודער משה, הערשל און יענקל.

מאַטעריעל האָט מיר גאָרנישט געפעלט, אָבער דאָס איבערבייטן דעם לעבן־שטייגער איז פאַר מיר געווען זייער שווער.

אין 1962 בין איך מיט מיין מאַן שלמה שפּירא געקומען קיין ישראל, צו אונדזערע דריי זין, וועלכע לעבן מיט זייערע משפּחות אין קיבוץ ברור־חייל. מיר זענען צופרידן און גליקליך, אַז אונדזערע טייערע קינדער און אייניקלעך ברענגען נוצן דעם פאָלק און לאַנד.

א בינטל זכרונות פון לוצק

נתן סגינהור, טאראנטע

דער מחבר פון דער רשימה, **נתן סגינהור**, וואָס האָט געפירט אַ לעבהאַפטע פּאָליטישע טעטיקייט אין זיין שטאָט לוצק, געפינט זיך איצט אין טאָראָנטע און געהערט צום אַרטיקן ראַזשישטשער פאַרבאַנד. ער טענה'ט, אַז לוצק איז דאָך געווען „אַ פאָרשטאָט פון ראַזשישטש..."

איך ווייס נישט אויב די שורות וועלן אַמאָל האָבן די זכיה, אָדער די ווערט, געדרוקט צו ווערן. אויך ווייס איך נישט, וועלכע נוצן עס קען ברענגען דאָס אויפמישן דעם ווייטיקן עבר. ס'איז דאָך געווען אַ טרויעריקע און שווערע עקזיסטענץ, אַ שטייגער לעבן, וואָס איז אַוועק אין דער אייביקייט.

טראָץ דעם לאָזט זיך דאָס נישט פאַרגעסן. זכרונות און פּאַסירונגען פון דעם ווייטן אַמאָל, ווייט אַפילו פון צו זיין אָנגענעם, פאַרלאַנגען ממש, אַז די פאַרלוירענע דורות זאָלן נישט אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן.

אַסאַך איז געשריבן געוואָרן וועגן די, וואָס האָבן פאַרנומען די מזרח־וואַנט אין די בתי־מדרשים, אָדער ווי אַנדערע האָבן זיי אַמאָל גערופן: די בעלי־טאַקסע; אָבער די עמך־דיקע, די מיט מאַזאָלישע הענט, זענען זייער ווייניק דערמאָנט געוואָרן.

איך וועל פּרוּוון אַרויפברענגען אייניקע עפּיזאָדן פון די יידן, וואָס האָבן באַוווינט דעם מזרח־טייל פון לויצק (ווי מיר האָבן גערופן די שטאָט לוצק).

די וועלכע געדענקען נאָך דעם מזרח־טייל פון לוצק, ווילקע, נאָווע סטראַיעניע און ווייטער, נאָך דעם בית־הקברות, אויפן וועג קיין ראָוונע און דובנע. די גרויסע באַלאַניע, דער סטער, וואָס האָט זיך געצויגן זיגזאַגיק ווייט פון הינטער דעם בית־הקברות ביז נאָך דער טורמע און פאַנאַנדערגעטיילט די שטאָט נידעוו־קראַסנע ביז בענעס לאָטקעס. אין יענע געגנטן האָבן געוווינט האָרעפּאַשנע יידישע באַלעמעלאָכעס, קאָוואַליעס, סטעלמאַ־כערס, סטאָלאַרעס — פּראָדוקטיווע, נישט קיין שטעקל־דרייער.

שווער איז צו שילדערן די טיפן, באַזונדערס מיט זייערע מענטשלעכע מעלות און שוואַכקייטן; אַ דור וואָס איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען.

איך וויל דאָ דערמאָנען עטלעכע עפּיזאָדן:

חיים ברוך'ס שול

יעדן שבת, נאָך קריאת התורה, פלעגט מען אין חיים־ברוך'ס שול שפּאַלטן קעפּ בעת די געשלעגן, וואָס זענען אויסגעבראָכן צוליב די טענהס, אַז מען האָט באַעוולט די באַלעגאָלעס און איזוואָשטשיקעס בעתן פאַרטיילן די עליות. און די בכבודיקע יידן פון דער מזרח־וואַנט האָבן גאָרנישט געקענט פאַרשטיין, ווי קען אַ ייד אין שבת נעמען אַ מעשענעם לייכטער פון דער שול, אים אַריינלייגן אין אַרבל, צודעקן מיטן טלית, און דערלאַנגען מיט אים אין קאָפּ...

משהלע פייערל

זייענדיק אַ תושב פון דער נאָווע סטראַיעניע, האָט ער געוווינט ווייט נאָך דעם בית־הקברות. אַ גרויסער קבצן, ווי אַלע אַרומיקע שכנים זיינע. אַ בעל־עגלה, נישט דווקא פון די מיוחסים פון צווישן זיי, וואָס האָבן געפירט פּאַסאַזשירן.

משהלע איז געווען פון די איינפערדיקע בעלי־עגלות. ער האָט צעפירט סחורה: אַ זעקל מעל פון פרידמאַנס אָדער פינטשוקס מיל, אַ זעקל קאַרטאָפל, אָדער גאָר אַ פעסל הערינג פון יאַנישן. אַ שווערע פּרנסה געווען, אָבער משהלע האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרקלאָגט, טראָץ וואָס דער דלות האָט געפייפט פון אַלע זייטן, איז ער אימער געווען פריילעך. אַ שטענדיקער שמייכל איז געלעגן אויף זיין פּנים, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ קליין קיילעכדיק בערדל און מיט שטענדיק לאַכנדיקע בעקעלעך.

געדאַוונט האָט ער אין בית־הקברות שולעכל, נישט אויף דער מזרח־וואַנט, נאָר



משה און חנה רוזנברג
(עלטערן פון יוסל מונק).

אימער ביי דער טיר. שטענדיק אויסגעקוקט ווען מען אַ שנעל צו געבן אין אויער אַזוי אַז דער אויער פלעגט פלאַמען לאַנג נאָכן דאַווענען...

אַרום 1916 (איך בין נאָך דאַן געווען אַ קינד און געזאָגט קדיש נאָך מיין מאַמען, און דווקא אין בית־הקברות שולעכל) איז געווען אַ שטיקל „פּראָספּעריטי" פאַר די איינפערדיקע בעלי־עגלות. די עסטרייכישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן די לוויות דורכגיין דורך דער שטאָט, ווייל אין לוצק האָט דאַן געבושעוועט דער טיפוס, און מען איז געווען געצוואונגען פירן דעם בר־מינן דורך דער באַלאַניע.

איך געדענק נישט דעם נאָמען פון דער גאַס, וווּ יחיאל פון די סעמיטשקעס האָט געוווינט. פון דער גאַס האָט מען געמוזט אַריבערגיין אַ בריקל צו דער באַלאַניע, אויפן וועג צום בית־הקברות. איינמאָל, צווישן מנחה און מעריב, האָט מען געוואַרט אויף משה און אַ בר־מינן, וועלכן מען האָט געמוזט קובר זיין דעם זעלבן טאָג — און ער איז נישטאָ. מען האָט שוין געענדיקט מעריב און די נאַכט איז צוגעפאַלן — און משה איז נאָך אַלץ נישטאָ. די קדיש־זאָגער האָבן אָנגעפאַנגען זיך פאַנאַנדערגיין. די קברנים, וואָס זענען געווען מחוייב ברענגען דעם בר־מינן צו קבורה דעם זעלבן טאָג, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג פון וואַנען ער האָט געדאַרפט אָנקומען כדי זען, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט. ענדלעך האָבן זיי אים געפונען אין פאָלגענדן מצב:

איבערפאָרנדיק דאָס בריקל איבער דעם קליינעם טייכל צו דער באַלאַניע, איז געווען אַ בערגל, וואָס האָט געפירט באַרג־אַראָפּ צום בית־הקברות. פאָרנדיק באַרג־אַראָפּ האָט זיך משהס בר־מינן אַראָפּגערוקט פאָרויס און געדוצקעט משהן אין הינטן. משהלע איז אַראָפּ פון וואָגן און דער מת האָט זיך ווייטער גערוקט דערלאַנגענדיק דעם פערד אין הינטן. דער פערד האָט זיך צעווילדעוועט, איבערגעקערט דעם וואָגן און משהלע איז געשטאַנען ביים טויטן קערפּער, מיטן פנים צו מזרח, און געזאָגט תהילים...

אַן אַנדער שפּיצל פון משהלע „פּייערל": אויף ווילקע, נישט ווייט פון אַלטער פּרעס, איז אַוועקגעפגרט אַ קעלבל. דאָס איז אויך געווען איינע פון משהלעס פּרנסות — אָפּשינדן דאָס פעלעכל פאַרן אַוועקנעמען דעם פּגר.

משהלע האָט דעם פאַל אויסגענוצט אויף צו מאַכן אַ גרויסן שפּאַס. ער האָט אויסגעגלייכט די פיסלעך פון טויטן קעלבל, פאַרדרייט דאָס קעפּל אין אַ זייט, אַזוי אַז עס איז פאַרפרוירן געוואָרן און געשטאַנען אויף די פיסלעך.

חיים גאָדיעס, אַן אָנגעזעענער תושב אויף דער נאָווע סטראָיעניע — אַ ייד אַ למדן — פלעגט יעדן פאַרטאָג גיין אויפן דאָרף קיין פעדאיעץ. דער וועג האָט געפירט אין דער זייט פון בית־הקברות. משהלע האָט דאָס קעלבל אַוועקגעשטעלט אַזוי, אַז עס זאָל שטיין אין וועג פון חיים גאָדיעס. אַזוי ווי קיין תפילת־הדרך האָט נישט געהאָלפן, אַז דער „הינט" זאָל זיך אָפּטראָגן פון וועג (ער האָט געמיינט, אַז ס'איז אַ הונט) — האָט חיים גאַדיעס אָנגענומען, אַז דאָס איז מן השמים, אַז ער טאָר דעם טאָג נישט גיין

אַלע וואָס האָבן געהערט פון דעם שפּאַס, און איך בתוכם, האָבן האַרציק געלאַכט.

אויפן דאָרף...

כרמי שלי לא נטרתי

אַרום 1924—1925 פלעג איך צושטעלן שפּייז־פּעקלעך יעדע וואָך אין טורמע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. פאַר די לוצקער פּאָליטישע אַרעסטירטע פלעג איך געבן זייערע קרובים יעדע וואָך אַ סומע געלט און זיי האָבן דאָס שפּייז זעלבסט געבראַכט אין טורמע.

אָבער ס'זענען דאַן אין דער לוצקער תפיסה אויך געזעסן חברים פון האָראָכאָוו, לודמיר, בערעסטיטשקע (אייניקע פון זיי געפונען זיך איצט אין ישראל), פאַר וועלכע איך האָב געדאַרפט זאָרגן, ביז, געוויינלעך, זאַרעמבאַ האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט זיינע לאַפּעס.

איך געדענק די איבערגעגעבנקייט פון די איזוואָשטשיקעס פון דער נאָווע סטראָיע־ניע; אייניקע פלעגן מיר העלפן מיט געלט, און אַנדערע מיט איבערפירן די פּעקלעך אין תפיסה, וואָס איז געווען זייער געפערלעך פאַר זיי.

ווינטער 1925 האָט מען מיר פאַראָרדנט צו גיין צו אַ נישט זייער חשובן תושב אין דער נאָווע סטראָיעניע, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון דער תפיסה, נישט אַלס

פּאָליטישער. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אייניקע פּאָליטישע אַרעסטירטע פּלאַנען צו אַנטלויפן אויף דער סאָוויעטישער זייט. נאָכדעם ווען מען וועט זיי אַרויסלאָזן אויף פאַרוקע. די ערשטע גרופּע איז טאַקע דעם 8־טן טאָג פּסח 1925 אַריבער די סאָוויעטישע גרענעץ. אין דער גרופּע האָבן זיך געפונען טאַניע צילער, רבקה עפּל, מעכל וואל, הערשקע שניידער, מאיר גאסקא, מיין ברודער מאיר סגינהור און נאָך אייניקע. וואָס פון זיי איז געוואָרן ווייסט קיינער נישט. „שמוני נוטרה את הכרמים — כרמי שלי לא נטרתי"...

דער רבי ר׳ פנחסל קאריצער און אנדערע

איך וויל נאָך דאָ דערמאָנען דעם רבין ר׳ פּנחסל קאָריצער, וואָס האָט געוווינט אַנטקעגן אַהרון פוקס. ער האָט געוווּסט מיט ווער איך האָב זיך געחברט — און האָט אַלץ פאַרשוויגן. אויך וויל איך דאָ מזכיר זיין מעכל קאָלקער, ענדזע סטעלמאַך, חיים קרופּנואר וועמען מען האָט גערופן „פּערטל גאָט", און פּייסי ציבעק מיט זיינע אויסטייטשונגען פון שיר השירים. דאָס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכע גאַלעריע פון גוטמוטיקע און פריילעכע מענטשן.



אויפנאַמע לכבוד נתן סגינהור אין בית־ראַזשישטש.

די „שוואַרצע דאַמע"

אין די יאָרן 1927—1928 איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די ראָזשישטשער איינוווינער אַ קלאַנג, אַז עפּעס אַ מיסטעריעזע ריזיקע פרוי, די „שוואַרצע דאַמע", **באַהערשט ביינאַכט** די שטאָט און שטרעקט אויס אירע לאַנגע הענט צו אַלע, וועלכע פאַרשפּעטיקן זיך אומצוקערן אַהיים פון די חברישע פאַרווײלונגען אין מיטן דער נאַכט.

אַ סאַך מענטשן האָבן מיט ציטער גערעדט: „אָך און וויי איז צו די, צו וועלכע די „שוואַרצע דאַמע" רירט זיך צו..." מוטערס האָבן געוואָרנט זייערע זין און טעכטער, וועלכע פלעגן זיך נוהג זיין שפּאַצירן אין די גאַסן און פאַרברענגען אין די יוגנט אָרגאַניזאַציעס ביז די שפּעטע שעה׳ן, אַז זיי זאָלן זיך וואָס פריער אומקערן אַהיים.

איינמאָל, ווען איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים אין מיטן דער נאַכט, בין איך געגאַנגען דורך דעם מאַרק וואָס איז דאַן געווען וויסט און פוסט פון מענטשן. בלויז די נאַכט־וועכטער זענען געגאַנגען מיט שטעקנס אין די הענט... איך האָב דאַן זיך אָפּגעשטעלט נעבן ר׳ וועלוול דעם שומר, וואָס איז געשטאַנען און געהיטן די „צען קלייטן" און האָב אים געפרעגט, אויב ס׳איז ריכטיק וואָס מען דערציילט אין שטאָט, אַז אין די גאַסן דרייט זיך אַרום די שרעקנדיקע געשטאַלט.

ר׳ וועלוול האָט נישט געלייקנט, אַז מ׳האָט אַזאַ געשפּענסט געזען. ער האָט מיט בלישטשעדיקע אויגן דערציילט, אַז צייטנוויז זעט ער אַ גרויס געשטאַלט, וואָס שוועבט איבערן סטאַוואָק (אָזיערע) ביי דעם בריקל, און ביז מען קוקט זיך אַרום ווערט זי פאַרשווונדן ווי אַ וואָלקן. ר׳ וועלוול האָט געזאָגט, אַז ער האָט מורא געהאַט זיך דערנענטערן צו איר, אָבער ער איז איבערצייגט אַז אַזאַ געשפּענסט עקזיסטירט אין שטעטל...

מיר האָבן געוווינט אין הויז פון רחל „פון די ראדענעס", נאָענט צו דער אָזיערע, וואָס איבער איר איז לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן געפלויגן די „שוואַרצע דאַמע". מיט גרויס שרעק בין איך דערגאַנגען אַהיים און בין אַריין אין שטוב דורך אַ פענצטער, וואָס די מאַמע ע"ה האָט איבערגעלאָזט אָפן, כדי נישט אויפוועקן די שטוב־מענטשן, וועלכע זענען געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף...

א. ש.

פון די ווייטע קינדער־יאָרן

בערל געלערשטיין, ניו־יאָרק

ר׳ דוד הערשל ביינישעס — אָדער די געלערשטיינס

זיין נאָמען איז געווען ר׳ דוד געלערשטיין, אָבער דער עולם אין שטאָט האָט אים גערופן ר׳ דוד הערשל ביינישעס, נאָכן נאָמען פון זיין פאָטער. ער איז געווען אַ שטילער און פלייסיקער מענטש. באַקאַנט אין שטאָט אַלס אַן אויסגעצייכנטער גוטער בעל־מלאכה. ווען עמעצער האָט געוואָלט באַשטעלן אַ גוטע האָלץ־אַרבעט אין זיין שטוב, האָט ער זיך געווענדעט צו ר׳ דודן און זיינע שותפים ר׳ בער לעבעד און טייוול שוחט. זיי האָבן עס געמאַכט די בענק און אַלע מעבל אין דער „טריסקער שול" און האָבן דאָרט אַריינגעשטעלט דעם פּרעכטיקן ארון־הקודש.

ער פלעגט דאַוונען אין שטיבל פון די טריסקער חסידים, אָדער אין דער זשאַליבאָווער שול. ר׳ דוד איז געווען באַקאַנט אַלס אַן איבערגעגעבענער ציוניסט. אין שטאָט איז געווען אָנגענומען, אַז די משפחה געלערשטיין שטאַמט פון גרויס יחוס, פון הרב יום־טוב ליפּמאַן־העלער, דער באַוווסטער מפרש פון דער משנה, וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען „תוספות יום־טוב", וועלכער איז מיט דריי־הונדערט יאָר צוריק געווען רב אין בריסק און אין די יאָרן 1634—1643 אין לודמיר (וולאַדימיר־וואָלינסק).

באַפרייט דעם פּוילישן פּריץ

אונדזער חבר ברוך קורן (קאָס) דערציילט וועגן ר׳ דודן אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד:

אין סעפּטעמבער 1939, ווען די סאָוויעטן זענען אַריין קיין ראָזשישטש, האָבן זיי אַרעסטירט דעם פּוילישן גוט־באַזיצער, דעם פּריץ זאַפּאָלסקי. פאַר די פּוילישע צייטן איז ער געווען דער פאָרזיצער פון שטאָט־ראַט (בירגערמייסטער) אַ לענגערע צייט. פאַר אָט די „חטאים" אַלס אַ געפערלעכער עלעמענט פאַר דער סאָוויעטן־מאַכט, איז ער געזעסן אין דער תפיסה פון דער גמינע, ווו די נ.ק.וו.ד. האָט אים געפאָרשט וועגן זיין פאַר־גאַנגענהייט.

דער אַרעסט פון זאַפּאָלסקין האָט אין אַ געוויסער מאָס אויך באַאומרואיקט די יידן פון שטאָט, היות מ׳האָט אים געקענט פאַר אַ דעמאָקראַט און יידן־פריינד, און נישט ווינציק טובות האָט ער געטאָן יידן.

דערציילט ברוך קאָס:

די ערשטע וועלט־מלחמה געדענק איך ווייניק. איך געדענק נאָר די באָמבעס און די אָקאָפּעס, ווו די משפחה פלעגט לויפן זיך באַהאַלטן. דערנאָך זענען מיר אַנטלאָפן קיין קלעוואַן.

אין חדר

נאָך דער מלחמה, ווען מיר זענען צוריקגעקומען קיין ראָזשישטש, בין איך שוין געווען אַ חדר־יינגל. מיין ערשטער רבי איז געווען ר׳ הערש לייבעניו קאָזאַק, אויף דער באָמבע גאַס. מיין צווייטער רבי איז געווען ר׳ לוי־מלמד (פישביין), משה פישביינס טאַטע, וועלכן איך געדענק זייער גוט. ער איז געווען אַ ייד אַן ענו.

מיין דריטער רבי איז געווען ר׳ יצחק ווישינקער, וועמען איך בין פיל דאַנקבאַר. פון אים האָב איך אַסאַך געלערנט. צוערשט אין דער ווייבער־שול אויף זשאַליבאָוו און נאָכהער ביי מאָטל ווייסבערג אין שטוב, אויפן באַרג. ער האָט מיר געגעבן דעם יסוד.

איך געדענק זיין לאַנגע, אויסגעבויגענע האַנט, וואָס פלעגט צודעקן דאָס גאַנצע פּנים, ווען מ׳האָט זיך פאַרדינט... דאָס פלעגט פּאַסירן איין מאָל אין אַ יובל.

שפּעטער אין דער ישיבה ביי ר׳ יונה מלמד און אין דער העכסטער קלאַס ביי ר׳ שלמה ז״ק זכרונו לברכה. צוזאַמען מיט פייוול שקורניק, קאָפּל שפּיטאַלניק, מאָטל ווייסבערג, משהלע קאַגאַן, משה יוקעלזאָן און נאָך עטלעכע באַגאַבטע קינדער האָבן מיר געלערנט גמרא.

אין דער ראָוונער ישיבה

נאָכדעם בין איך געפאָרן אין דער ראָוונער ישיבה. דער ראש־ישיבה איז געווען דער באַוווסטער למדן, דער פּאָלטאַווער עילוי ר׳ יואל שורין ע״ה. אַ גאַנצע וואָך פלעג איך עסן טעג, דאָס הייסט — יעדן טאָג ביי אַן אַנדער בעל־הבית.

די ישיבה איז געווען נעבן דער וואָדאָ־קאַטשקע, אָבער מיינע טעג, דאָס הייסט עסן אויסער דער ישיבה, פלעגן מיך פאַרטראָגן איבער גאַנץ ראָוונע. פון „קאַווקאַז" ביז „די קאַזאַרמעס".

ראָוונע איז געווען אַ גרויסע שטאָט. פרייטיק און שבת פלעגן מיר עסן אין דער ישיבה. אויף דעם פלעגן מיר אַ גאַנצע וואָך וואַרטן. אַלע ישיבה־בחורים, איבער פיר הונדערט, זענען געווען נאָוואָראָדאָקער חסידים (אָנהענגער פון דער שיטה פון מוסר, ווי ס׳איז געווען אין דער ישיבה אין נאָוואָראָדאָק — נאָוואָ־האָראָדאָק).

מ׳פלעגט לערנען יומם ולילה. אַלע דאָנערשטיק ביינאַכט פלעגן מיר האָבן אַ משמר, דאָס הייסט: געלערנט אַ גאַנצע נאַכט אָן איבעררייס ביז שחרית.

פרייטיק פלעגט די „שכינה" רוען איבער דער ישיבה. פון צוועלף אַזייגער בייטאָג פלעגן מיר זיך גרייטן אויף שבת. דער „עילוי" פלעגט מאַכן קידוש אין גרויסן עס־צימער.

ער איז געווען אַ נידריקער, מיט ווייסע זאָקן און שטעק־שיך, אָבער זיין קול האָט ווי אַ גלאָק געקלונגען איבערן גאַנצן זאַל. מיר פלעגן זיך טיילן מיט אַ שטיקל חלה פאַר „המוציא", אָבער דאָס עסן איז נישט געווען דער עיקר. ביים „כל מקדש" און „מנוחה ושמחה" פלעגט זיך די געביידע שאָקלען... דער ניגון ליגט מיר נאָך היינט אין זכרון.

נאָכדעם פלעג דער „עילוי" געבן איינע פון זיינע באַוווסטע דרשות וועגן הלכות־שבת.

די צוויי גדולי־הדור, דער פּאָלטאַווער „עילוי" און דער „חפץ חיים", זענען געווען נאָענטע פריינט און באַקאַנט אין פוילן אַלס גדולים בתורה.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם שלוש־סעודות, ווען דער „עילוי" פלעגט דערלאַנגען זיין שבתדיקע הויפּט־דרשה, וועלכע האַלב ראָוונע פלעגט קומען הערן.

ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן אויף אַן הויך בענקל, כדי מען זאָל אים קענען זעען און פּערל פלעגט פליסן פון זיין מויל במשך אַ שעה; דערנאָך אַ קלענערע דרשה, נאָר פאַר די תלמידים, ביי דער „מלווה־מלכה".

די טיפע, איידעלע און גייסטיקע עפּיזאָדן באַרייכן די נשמות פון די יונגע תלמידים אויפן גאַנצן לעבן.

ווען איך בין געקומען צוריק קיין ראָזשישטש, בין איך געווען אַ פאַרברענטער חסיד. איך בין נישט געשטאַנען אין די ד׳ אמות פון אַ מיידל...

נייע ווינטן

אָבער נישט לאַנג האָט עס געדויערט. דיאַמאַנדשטיין ע"ה איז געוואָרן מיין לערער און אַרונטער זענען די פּאות מיט אַלע זיבן זאַכן...

נייע ווינטן האָבן שוין דאַן געבלאָזן. אַ דאַנק די לערער שמעון בינדער, ישראל חיים זיניוק און דיכטער, איז די „תרבות־שולע געוואָרן מיין קולטורעלע היים. איך געדענק דעם כאָר, וואָס מיר האָבן געשאַפן ביי ברײַנדל וואַקסמאַן אין הויז און מיט לידער און געזאַנג פלעגן מיר שטאַרקן אונדזער אמונה אין ציון.

ווען אברך איז געקומען פון קאָוועל אונדז אָרגאַניזירן, איז געשאַפן געוואָרן דער „החלוץ". אַ קורצע צייט שפּעטער איז אברך געקומען דאָס צווייטע מאָל קיין ראָזשישטש און געבעטן פרייוויליקע חלוצים צו פאָרן אויף הכשרה — איך בין געווען דער ערשטער...

הכשרה אין דאמבראוויץ

איך בין געקומען קיין דאָמבראָוויץ, נעבן סאַרנע אין פּאָליעסיע, אין אַ קאַלטע ווינטער־נאַכט אין דעצעמבער 1928. עס האָבן מיך אויפגענומען 6 בחורות און 7 בחורים. מיר האָבן אַלע געוווינט צוזאַמען אין צוויי צימערן אין אַ גוייש שטיבל.

דער קיבוץ איז געווען אַ נייע פּלוגה פון קלאָסאָוו אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מהרש"ק (לוטן מיסטער פון הקיבוץ המאוחד אין ארץ־ישראל). אַלע 13 בחורים



חברים געזעגענען זיך מיט בערל געלערשטיין פאַר זיין אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע. שטייען פון רעכטס אויף לינקס: משה געלער, שלמה שפּיגעל פופה שמויש, בערל געלערשטיין, יצחק זיסקינד; זיצן: יהודית קאנדעל, משה פלאש און שושנה בירמאַן.

„איך אַליין האָב געזען ווי דוד געלערשטיין, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער סכנה פון גיין פאַרטיידיקן אַ „בורזשוי", איז געקומען צו די פירער פון שטעטל און זיי דערקלערט, אַז זאַפּאָלסקי איז טאַקע געווען אַ גוט־באַ־זיצער, אָבער ער האָט זיך זייער גוט באַצויגן צו מענטשן און באַזונדערס צו יידן, וועלכע זענען געווען גערודפט דורך דער פּוילישער מאַכט. באַזונדערס האָט ער זיך גוט און אָנשטענדיק באַצויגן צו זיינע אַרבעטער, וואָס האָבן ביי אים געאַרבעט, אָן אונטערשייד פון זייער נאַציאָנאַליטעט.

„אים דאַרף מען נישט זען ווי אַ בורזשוי, — האָט געטענהט דער „פּראָלעטאַריער" געלערשטיין — וועלכן מען דאַרף האַלטן אין תפיסה."

די סאָוויעטן האָבן זיך ערנסט און מיט צוטרוי באַצויגן צו ר׳ דודס ווערטער און נאָך אַ געוויסן ישוב־הדעת האָט מען זאַ־פּאָלסקין באַפרייט פון דער תפיסה. דאָס איז געקומען אַדאַנק דוד געלערשטיינס אינ־טערווענץ. ווען זאַפּאָלסקי איז אַרויס פון תפיסה איז ר׳ דוד געווען נישט ווייניקער גליקלעך ווי דער באַפרייטער זאַפּאָלסקי. איך האָב געזען ביידע אַרויסגיין פון דער תפיסה. ר׳ דוד האָט געהאַט די באַפרידיקונג, וואָס אים איז געלונגען אַרויסראַטעווען פון געפענגעניש אַ פּוילישן פריינט, וואָס האָט טובות געטאָן זיינער צייט פיל יידן און דערמיט אים אָפּגעצאָלט אַ חסד, וואָס ער האָט כשר פאַרדינט.

פאַרטייאישע דיסקוסיעס

ער האָט געהאַט פינף זין און צוויי טעכטער. די זין האָבן געהייסן נחום, בערל, יאָסל, הערשל און לייבל. בערל, יאָסל און לייבל האָבן געלערנט אין דער ישיבה און אין „תרבות". זיין פרוי האָט געפירט אַ באַקאַליי קרעמל,



אין הכשרה־קיבוץ דאָמבראָוועץ אין 1939: שושנה חזן, אהרן בינדער, נפתלי זיניוק (אַלע אין ישראל) און בערל געלערשטיין.

וואָס האָט זיך געפונען אין פראָנט פון זייער הויז אויף דער שפּיטאַלנע גאַס. אין געשעפט האָבן איר געהאָלפן די טעכטער. זיי האָבן זיך מפרנס געווען בכבוד און די קינדער זענען שיין געוואַקסן און האָבן זיך גוט אַנטוויקלט. אַזוי ווי אין אַלע ברייט־פאַרצווייגטע משפחות, האָבן זיך אויך ביי ר׳ דודן געטיילט די זין לויט זייער פאַרטייאישע אָנגעהעריקייט. ס׳איז נאַטירלעך, אַז די זין האָבן צווישן זיך געפירט לעבהאַפטע דיסקוסיעס און נישט איינמאָל איז צווישן זיי אויף דעם פּאָליטישן באָדן אויסגעבראָכן שאַרפע וויכוחים און חילוקי־דעות. בערל האָט געהערט צום „החלוץ", נחום צו „ברית החייל", יאָסל צום „בית״ר" און לייבעלע צום „השומר־הצעיר".

די געלערשטיינס זענען געווען פאַרמישט אין אַלע ענינים פון יידישן לעבן אין שטאָט און זעלטן ווען האָט פּאַסירט אַז אַדורכגייענדיק די הויפּט־גאַס, האָסטו נישט באַגעגנט עמעצן פון די געלערשטיינס.

בערל

בערל האָט געהאַט אַ שאַרפן מוח און האָט זיך אויסגעצייכנט אין לערנען אין דער ישיבה, אַלס תלמיד פון ר׳ שלמה ז״ץ אין דער עלטסטער כיתה. אין זיין גרויסע באַגייסטערונג איז ער געפאָרן פאַרזעצן לערנען אין דער ראָוונער ישיבה ווו ער האָט געלערנט אַ געוויסע צייט. שפּעטער האָט ער פאַרלאָזן די ישיבות און האָט זיך אָנגעשלאָסן צום „החלוץ", און אַרויס אויף הכשרה אין אַ קיבוץ אין דאָמבראָוויץ.

און בחורות זענען געקומען מיט צוויי וואָכן פריער קיין דאָמבראָוויץ, פון קלאָסאָוו. זיי האָבן געאַרבעט אין אַ שטיין־האַקעריי און זענען שוין געווען פיל מאָנאַטן אויף הכשרה.

בראש איז געשטאַנען דער חבר גורפינקל (וועמען איך בין געפאָרן זען בעת מיין ערשטן באַזוך אין ישראל אין 1961). איך בין געווען דער ערשטער נייער חבר דאָרט. מיר האָבן געאַרבעט אין אַ טאַרטאַק, צוויי און אַ האַלב מייל פון דאָמבראָוויץ. דער טאַרטאַק האָט געהערט צו דייטשישע יאהודים, וועלכן זענען אגב־אורחא געווען פריינדלעך צו אונדז און צו אונדזער אידעאַל...

עס האָבן דאָרט געאַרבעט אַן ערך טויזנט מענטשן, 3 שיכטן אין מעת־לעת — בייטאָג און ביינאַכט. אונדזער אויפגאַבע איז געווען פאַרגרעסערן דעם קיבוץ. דאָס האָט געהייסן צונעמען אַרבעטספּלעצער פון די גויים. דאָס איז אָנגעקומען מיט בלוט און שווייס...

איך בין דאַן אַלט געווען 18 מיט אַ האַלב יאָר. קיין זאַך איז מיר נישט געשטאַנען אין וועג. ווען איך פלעג בלויז איין וואָך זיין אַ העלפער ביי אַ גוי אויף אַ געוויסער מאַשין, פלעג איך זיך צוקוקן ווי ער אַרבעט און שנעל ווערן אַ באַלעבאָס איבער דער מאַשין.

באַלד פלעג איך נעמען אַ נייעם בחור אויסלערנען אים די אַרבעט. אַזוי אַרום פלעגן מיר פאַרנעמען מער אַרבעטס־פּלעצער. ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון קיבוץ אין יוני 1930, זענען מיר געווען עטלעכע הונדערט בחורים און בחורות. דער גרעסטער קיבוץ אין וואָלין און פּאָלעסיע.

דאָס טאָגטעגלעכע לעבן איז געווען אָרעם און שווער, אָבער עס האָט אונדז, יונגוואַרג, געלערנט צו לעבן צוזאַמען, טיילן זיך מיט אונדזער ברויט און זיין זעלבשטענדיק. עס וואָלט פאַרנומען צו פיל צייט צו באַשרייבן די דערפאַרונגען פון מער ווי אַ יאָר מיט אַ האַלב פון לעבן אין קיבוץ.

די אַרבעט איז געווען מאָנאָטאָניש און איבער די כוחות. דאָס געהאַלט איז געווען זייער ווייניק און דאָס איז געווען די הויפּט־סיבה, וואָס די בעלי־בתים פון טאַרטאַק זענען נישט געווען קעגן אונדזער אַרבעט. מיר פלעגן קריגן באַצאָלט ווייניקער ווי די אַנדערע אַרבעטער.



ר׳ דוד געלערשטיין און הויזגעזונט

דאָס עסן איז געווען בצמצים: ברויט, הערינג, קאַרטאָפלעס און איין מאָל אַ וואָך, זונטיק פרי ציבעלעס געבראָטן אין פעטס. דאָס איז געווען אַ „לאַקאָויקע", אַ מאכל אויף וועלכן מ'פלעגט אַ גאַנצע וואָך וואַרטן...

מיר זענען געווען אַ צונויפֿקום פון קינדער פון גאַנץ פוילן. פון פאַרשידענע היימען און פאַרשידענע מנהגים און אַקצענטן, דאַריבער איז דער נוסח געווען אַממערסטן עברית. עס זענען געווען פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס ווי החלוץ, גורדוניה, פועלי־ציון, השומר הצעיר, ווי אויך לינקע פועלי־ציון.

דאָס קולטורעלע לעבן און די אסיפות זענען געווען אינטערעסאַנט. מיר פלעגן אַרומרעדן אַלע פּראָבלעמען און ספּעציעל וועגן סערטיפיקאַטן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. יעדעס יאָר פלעגן מיר קלויבן אַ נייעם ועד.

דער הייסער אידעאַליזם און יוגנט־ברען האָבן באַזיגט אַלע שוועריקייטן. אַ לידל און אַ הורה — און מען האָט פאַרגעסן אין עסן...

פרילינג 1930 האָבן מיר געהאַט ביי אונדז אין קיבוץ אַ „פגישת קיבוצי ווֹלין ופּול־סיה", צו וועלכער ס'זענען געקומען דעלעגאַציעס פון אַלע קיבוצים אין פוילן, ווי אויך אָנפירער פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל. אַ חוץ בן־גוריון, ס'זענען געקומען צמח, לוויט, לויטן, פינסקי מיט טבנקין בראש, וועלכער איז געשלאָפן מיט מיר אין איין בעט.

מיר האָבן געמוזט מאַכן פלאַץ פאַר אַלע געסט, טיילן זיך אַפילו מיט די בעטן. די פגישה האָט געדויערט פינף טעג. רעפעראַטן, לעקציעס, דיסקוסיעס — זייער אַן אינטערעסאַנטע אימפּרעזע. יעדער איינער האָט גענאָסן דערפון. ס'איז געווען אַ גרויס דערפאָלג.

צוריק אין שטעטל

שפּעטער בן איך אַהיימגעפאָרן כדי צו וואַרטן אויף מיין סערטיפיקאַט, צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. איך בין אַוועקגעפאָרן אין קיבוץ אַ ייִנגל און אַהיימגעקומען אַ מאַן, מיט אַסאַך דערפאַרונג און זעלבסשטענדיקייט, גרייט צו טרעפן דאָס לעבן פנים־אל־פנים, וואָס עס זאָל נישט זיין... אָבער דאָס לעבן אין ראָזשישטש האָט שוין דאַן געהאַט פאַר מיר אַן אַנדער פנים.

דער מועדון „החלוץ" אין ראָזשישטש איז דאַמאָלט געווען ביי גערען אין שטוב, אונטער דער קלייט. ס'איז געווען אַסאַך מיטגלידער. איך האָב דאַן געשאַפן דעם „החלוץ־הצעיר" און געהאָלפן שאַפן „פועלי־ציון" און „השומר־הצעיר".



חברים געזעגענען זיך מיט בערל געלערשטיין פאַר זיין אָפפאָר קיין אַמעריקע.

שושנה חזן (זילבער), וועלכע איז אויך געווען אויף הכשרה אין דאַמבראָוויץ, דער־ציילט, אַז ווען בערל איז געקומען אין קיבוץ, האָט זיך דאָרט געענדערט די פיינט־לעכע באַציאונג פון די גוייִשע אַרבעטער צו די חלוצים. פריער האָבן זיי אָפּגעלאַכט פון די יידן, אַז זיי זענען נישט געווינט און נישט צוגעפאַסט צו שווערער פיזישער אַר־בעט. דער עיקר האָבן זיי דערקוטשעט די מיידלעך. ווען בערל איז געקומען, האָבן די גויים געזען אַז ער האָט אי אַ מוח און אויך כוח... און זיי האָבן זיך באַלד אָפּגעטראָגן.

אויך אין שטעטל האָט מען געוווּסט, אַז ביי נחום און בערל געלערשטיין, איז פאַראַן אַ „שטאַרקע האַנט". טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן זעלטן זיך באַנוצט מיט זייער כוח, האָט מען זיך געקענט „פאַרלאָזן" אויף זיי בעת אַ געשלעג. די חברים פון „ה־חלוץ" האָבן זיך געשטיצט אויף בערל, און די אָנהענגער פון „בית"ר" אויף נחום...

ס'האָבן אויך געוווּסט די „שקצים" פון הינטער דער שטאָט, אַז יידן זענען נישט הפקר און אַז ס'איז דאָ ווער ס'זאָל ענט־פערן די כוליגאַנעס...

דער גורל האָט געבראַכט בערלען צו די ברעגן פון „האדסאָן", קיין ניו־יאָרק, און נישט צו די ברעגן פון „ירדן"... ער קומט קיין ישראל גאַנץ אָפט, אינטערעסירט זיך מיט אַלע ענינים און טעטיקייט פון בית־רוז'ישץ'. ער שטייט אין אַ שטענדיקער פאַר־בינדונג מיטן קאָמיטעט פון אונדזער ארגון אין ישראל און ער שטיצט סטאַביל יעדע טעטיקייט אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף, ווי מעות־חיטין אויף פסח א.א.וו.

בערלס, אָדער ווי מען רופט אים אין אַמעריקע — באָב, גאַנצער חלום איז געווען נאָכן קומען קיין אַמעריקע זיך באַפעסטיקן עקאָנאָמיש און אַראָפּברענגען זיין משפחה צו אים. אָבער דער גורל האָט געוואָלט אַנדערש... ער איז איבערגעבליבן איינער פון זיין גרויסער משפחה און ער פילט זיין חוב צו פאַראייביקן זיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער דורך מעשים טובים, פאַר די אָפּ־שטאַמיקע פון ראָזשישטש.

ער האָט עס אָרגאַניזירט דעם ראָזשיש־טשער קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, געווען זיין פּאָרזיצער אין משך פון פיל יאָרן. איצט איז ער דער ערן־פּאָרזיצער פון קאָמיטעט. אַ ראָזשישטשער ייד, וועלכער קומט קיין אַמעריקע און באַב דערוויסט זיך וועגן אים, איז ער זיך מיט אים מטפל ווי מיט אַן אייגענעם ברודער...

זיין הויז איז אַ מין אכסניה פאַר די ראָזשישטשער און ער איז מקיים די מצוה פון הכנסת־אורחים לויט די בעסטע ראָ־זשישטשער טראַדיציע.

אבנר שרון

זכרונות פון אונדזער שטעטל

די יידישע ליטעראַטור האָט ממש באַזונגען די יידישע שיינקייט, די רייכע טראַדיציע און די פּראַכטפולע טיפּן פון קליינעם שטעטל.

דאַס לעבן אין שטעטל איז געווען אַרומגענומען מיט עפּעס אַ משפחהדיקער וואַרעמקייט: איינער דעם צווייטן האָט געקענט דורך און דורך, ממש געוווּסט וואָס עס קאָכט זיך ביים צווייטן אין טעפּל.

גערופן האָט איינער דעם צווייטן מיט אַ צוגאָב־נאָמען פון זיין פאָטער, אָדער גאָר סתם אַ צונאָמען, ווייל אַנדערש האָט מען נישט געוווּסט וועגן וועמען עס רעדט זיך... די צונעמען זענען געווען פאַרשידענע, ווי, למשל: איצי מאיר מאַטעלס, זייזי מיטן פּויק, יאשקע פּאַדאוואַי, רחל פון די ראַדענעס, רחל די שוואַרצע, פּעטקע מיט דער טרובע, איציק מיט די באַבקעס, אברהם קאָלטשאַק (דער היטלמאַכער) — דער לץ פון שטעטל און אַסאַך אַנדערע צונעמען.

דער מאַרק איז געווען אינמיטן שטאָט. ער האָט געטיילט די שטאָט אין פיר זייטן און איז געווען אַרומגענומען מיט זייטיקע געסלעך. פון איין זייט פון מאַרק איז געווען דער באַרג („מיטן באָק"), וואָס האָט געפירט צום בית־הקברות און צום דאָרף טאָפּילנע; אויף דער צווייטער זייט איז געווען דער פירטל זשאליבאָוו און די באַן־סטאַציע; רעכטס פון מאַרק (צו מזרח) איז געגאַנגען דער וועג צום „אונטערן בריק" און לינקס — צום „אונטערן סטאַוואָק" און צום „הויף" (זאַפּאָלסקיס הויף).

איך געדענק, אַלס קינד, די באָמבע־גאַס, ווי שניידער און שוסטער פלעגן אַרבעטן ביז טיף אין דער נאַכט צוזינגענדיק זייערע ספּעציעלע לידער; ווייסט אויס, אַז מיט די ניגונים האָבן די דראַטווע־ציער געוואָלט אויסדרוקן דעם צער פון זייער שווער לעבן.

אין מאַרק זענען יידן, גאָרנישט קיין תל־מידי־חכמים, געזעסן אויף די בריקלעך פון די קלייטן און באַרעדט די געשעענישן פון טעגלעכן לעבן. אַנדערע יידן — עטוואָס חסידיש געשטימט — זענען געקומען אויסגעפּוצטע אין בית־מדרש און דאָרט באַהאַנדלט וועלטלעכע געשעענישן און באַמיט זיך דערביי אַראָפּוואַרפן אַלע דאגות פון טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר חיונה.

אַ טייל יידן האָבן געצויגן זייער חיונה פון מסחר, זייגער־מאַכעריי, היטל־מאַכעריי, בלעכעריי, זאַגאָטאָוושיקעס און אַ ריי אַנדערע מלאכות.

איך געדענק די שיינע, הערלעכע יוגנט, וועלכע האָט געזוכט איר באַפרידיקונג אין טעטיקייט פאַר די נאַציאָנאַלע ציוניסטישע אידעען. אַנדערע יוגנטלעכע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף פאַר דער „וועלט־דערלייזונג" און געשאַפן לינקע אָרגאַניזאַציעס.

אַסאַך חברה זענען שוין דאַן געווען אויף הכשרה און אַסאַך האָבן זיך געגרייט צו פאָרן. איך האָב געהאָלפן שאַפן דעם הכשרה קיבוץ אין ראָזשישטש, איבערן פערעיעזד, אין דעם אַלטן בית־יתומים.

דער בית"ר האָט אונדז נאָכגעטאָן. מיר פלעגן קאָנקורירן מיט זיי אין אַרבעט, ווי האַקן האָלץ א.א.וו. זיי האָבן, אַפילו, געבראַכט קיין ראָזשישטש שטאַרקע פון לוצק; עס האָט זיי געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס...

אַרום דעם נייעם בנין פון „תרבות", וואָס מיין טאַטע מיט מיינע ברידער נחום און יאָסל האָבן געהאָלפן אויסבויען, פלעגן זיך גרופּירן אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, איינאָרדנען לעקציעס, רעפעראַטן און אַראָפּרייסן רעפעראַטן פון קעגנער...


איך בין געווען אַקטיוו מיטן גאַנצן לייב און לעבן. געהאָלפן וויפל איך האָב נאָר געקענט; געהאָלפן חברה פאָרן אויף הכשרה, האַקן האָלץ, פאַרטיידיקן דעם קיבוץ א.א.וו.

ווען איך בין געווען אין דאָמבראָוויץ אויף הכשרה, זענען געקומען צו מיר אין קיבוץ, פון ראָזשישטשער „החלוץ", שושנה חזן, נפתלי זיניוק און אהרן בינדער. זיי לעבן איצט אַלע אין ישראל.

די לאַגע אין פּוילן איז געוואָרן ערגער און ערגער. די שונאי־ישראל האָבן אויפגעהויבן זייערע קעפּ, נאָכן מוסטער פון היטלערס נאַציס. אין די גרעסערע שטעט פלעגן זיי רעדן אָפן אויף בענקלעך, אין די גאַסן, וועגן „סוואָי דאָ סוואָגאָ" און „זשידזי דאָ פּאַלעסטיני". עס האָבן זיך געעפנט אַנטיסעמיטישע קלייטן צו קאָנקורירן מיט די יידישע.

אין 1933, ווען היטלער איז געוואָרן רייכס־קאַנצלער, איז שוין געוואָרן אַ סכנה פאַר אַ ייד אין שטעטל צו גיין אַליין אין גאַס ביינאַכט, נאָך צוועלף אַזייגער, ווען דעקעלבוימס עלעקטרי פלעג זיך אויסלעשן.

מ'האָט געדאַרפט שפּאַלטן גוישע קעפּ צו פאַרטיידיקן יידן. ס'איז געווען אונדזער חוב, אין וועלכן איך האָב מיך, פאַרשטענדלעך, אַקטיוו באַטייליקט. די שטימונג ביי יידן איז געווען אַ דערדריקטע, דער וואָלקן איז שוין געווען איבער די קעפּ. ווער עס האָט געקענט איז געלאָפן ווו ס'איז געווען אַ טיר אָפן — ארץ־ישראל, קאַנאַדע, בראַזיל, אַרגענטינע און אַמעריקע.



די אָנפירערשאַפט פון פועלי־ציון אין ראָזשישטש: שטייען פון רעכטס — הערשל קיבריק, שימשל ווידרע, שמואל־יוסל עקבער און הערשל פריגל; זיצן: גורפינקל, בערל געלערשטיין און מאַניע בעקער.

איך קום קיין אמעריקע

איך בין איינער פון די, וועלכע זענען דורכן שיקזאַל אַוועק קיין אַמעריקע.


אין יאָר 1933 האָט אַן אַמעריקאַנער מיידל פון ניו־יאָרק, וואָס איז יעצט מיין ליבע פרוי דאָרע, באַזוכט איר פעטער ר׳ ישעיהו קאָרען ע״ה. מיר האָבן זיך באַקענט, געפעלן און חתונה געהאַט.

איך בין געקומען קיין אַמעריקע דעם 11־טן סעפטעמבער 1934, ערב יום־כיפור, פונקט צום שלאָגן כפרות. אַ פרעמד לאַנד, אַ פרעמדע שפראַך. איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן ביי מיין ווייבס ברודער, אין די גענוצט־מעטאַל ביזנעס. פינף יאָר שפּעטער, בין איך אַריין אין ביזנעס פאַר זיך אַליין.

די אַרבעט איז געווען „עבודת־פרך". אַ דאַנק גאָט, איך האָב נישט וואָס צו זינדיקן. גאָט איז געווען גוט צו מיר, איך האָב געהאַט דערפאָלג. איך לעב אַן אינטערעסאַנט לעבן.

צוויי דריטל פון מיין לעבן האָב איך געלעבט אין אַמעריקע, אָבער מיינע טיפסטע געפילן פאַרן עבר געהערן דעם שטעטל און דער פאַרלוירענער משפחה. מיינע שטאַרקסטע געפילן פאַר דער צוקונפט געהערן צו ישראל.

נאום דב בר׳ דוד בר׳ צבי ביינ־יש גלרשטיין.



יוסף פיזנהאָלץ

ס׳זענען געווען קולטור־קרייזן, דראַמאַטישע קרייזן א.א.וו. דער קאַמף איז געווען אַ ביטערער און דאָך האָט געהערשט אַ האַרמאָניש צוזאַמענלעבן פון אַלע שיכטן, טראָץ זייערע פאַרשידענע וועלט־אַנשויאונגען.

אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אונדזער שטעטל האָט געהאַט די גרינדונג פון דער יידישער פאַלקס־שולע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין דער דאָזיקער שולע האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט די לינקע „פועלי־ציון" און דער „בונד".

דער גרינדער פון דער פאָלקס־שולע איז געווען נחמן סוסעל, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיין פרוי רחל, די לערערין, מיט ליבע אין פאַרשטענדניש דערצויגן די שטעטלדיקע יידישע יוגנט.

אויך דער דראמאטישער קרייז האָט זיך באַטייליקט אין דער אַנטוויקלונג פון קולטורעלן ניוואָ פון דער יוגנט אין שטעטל. דער קרייז פלעגט אויספירן, מיט גרויס דערפאָלג, יידישע דראַמאַטישע ווערק.

מיין ברודער, יוסף פיזנהאָלץ, איז געווען טעטיק סיי אין דער פאָלקס־שולע און סיי אין דראַמאַטישן קרייז. ער איז געווען אַ שטילער און באַשיידענער מענטש. זיין גאַנץ לעבן געווען אַ גרויסער אידעאַליסט אין זיין גאַנצע פרייע צייט געווידמעט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. איבערהויפּט איז ער געווען טעטיק אין האַנטווערקער פאַריין און אין זיין באַנק.

ער איז געווען אַ פאָלקס־מענטש און אַן איבערגעגעבענער פריינט צו זיינע חברים. ער איז אומגעקומען זייער טראַגיש אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

שרה פיזנהאָלץ־טורקעלטאוב



שרה (סוניא) פיזנהאָלץ־טורקלטאוב בעת אַ קבלת־פנים פאַר אורחים פון חוץ־לארץ אין בית־ראַזשישטש.

בעלי־עגלות אין שטעטל

משה געלער און צבי אורן

זיי זענען געווען ווי אַ באַזונדער „שבט" אין שטעטל: געזונטע, רעדעוודיקע און נאָכמער: לאַכנדיקע. זייער קאָנצענטראַציע־פּונקט איז געווען נעבן לייזער זאַגאַטאָווסקיס (שפּיראָס) קלייט, אַנטקעגן מאַרק.

אָט שטייט דער הויכער און פעסטער גדליה־ברוך, און נעבן אים נאָך עטלעכע פעסטע בעלי־עגלות, אָנגעטאָן אין בורקעס. אינמיטן רעדל שטייט בענצי (בן־ציון) און דרשנט, מיט ריכטיקע און פאַרדרייטע פסוקים פון תהילים און סידור, פּונקט ווי טוביה־דער־מילכיקער; דער עולם לאַכט פון גרויס הנאה און דאָס געלעכטער הילכט אָפּ אין דער לופט פון מאַרק.

זומער טראָגן זיי פאַרלאַטעטע שטיוול באַשמירט אין טראָן; ווינטער־צייט אַרומגעוויקלט אין אָניטשעס, אָדער אין וואַלענקעס, שטייען זיי אין פראָסט און קלאַפּן מיט די לאַנגע הענט אין די פּלייצעס כדי צו דערוואַרעמען די נשמה...

זיי זענען ווייט פון צו זיין עשירים, מען אַרבעט שווער אַ גאַנצע וואָך, פון פרי ביז נאַכט, און ס׳קלעקט קוים אויף אַן אָרעם לעבן — אויסצוהאַלטן אַ שטוב, אַן אַ פּאָל און מיט אַ רינענדיקן דאַך, ווו ס׳וואַרט אַ ווייב מיט 4—5 קינדערלעך. זייער גרעסטער ווונטש איז אַהיימצוברענגען חלות, פלייש און פיש אויף שבת; זיי חלומען אויך וועגן נייע שיך און בגדים פאַר די קינדער אויף יום־טוב, נאָר דער חלום ווערט קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט...

זייערע השגות זענען אַזוי באַשיידן, אַז זיי האָבן נישט געוואַגט, און אַפילו געשעמט זיך, פאַרלאַנגען אַ געהעריקן אָפּצאָל פאַר זייער שווערער אַרבעט. דער בעל־עגלה האָט קודם־כל געזאָרגט, אַז זיין פערד זאָל באַקומען זיין „אָבריק", דערנאָך האָט ער געזאָרגט פאַר זיין הויזגעזונט, און צום סוף איז געקומען זיין ריי.

אָבער טראָץ זיין שווער און ביטער לעבן איז ער געווען אַ שמח בחלקו, און קיינער אין שטעטל האָט נישט געלאַכט אַזוי האַרציק ווי די בעלי־עגלות, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „אמת, מיר האָבן טאַקע נישט קיין געלט, אָבער מיר האָבן לעבנס־פרייד מער ווי אַלע אַנדערע!" זיי האָבן געלאַכט פון די גבירים, פון די „שיינע" און „איידעלע" יידן; זיי האָבן געוואוסט אַלע סודות און פאַנאַנדערגעטראָגן אַלע רכילות אין שטעטל, און אַפילו צוגעגעבן זייערע אייגענע ווערסיעס...

שבת און יום־טוב

ערב־שבת און ערב יום־טוב איז דער בעל־עגלה געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. נאָכדעם ווי ער האָט אין מרחץ אַראָפּגעשאָבן פון זיין הויט די שמוץ פון אַ גאַנצע וואָך און אויסגעקעמט זיינע האָר און באָרד — האָט ער אָנגעטאָן זיין אַלטע שבתדיקע קאַפּאָטע, און אַוועק אין דער גרויסער שול. דאָרט איז פאַר זיי געווען באַשטימט אַ ספּעציעל ווינקל, ווו זיי האָבן געקענט דאַווענען און רעדן, נישט שטערנדיק די אַנדערע מתפללים. זיין עונג־שבת איז געווען אַ דאָפּלער, ווייל ער האָט געוווּסט אַז נישט ער אַליין, נאָר אויך זיין פערד רוט און נעמט אָן פרישע כוחות אויף דער צווייטער וואָך.

יעדער בעל־עגלה און זיין תחום

די בעלי־עגלות פון די לאַסט־וועגענער האָבן באַזאָרגט דאָס גאַנצע שטעטל מיט שפּייז און בגדים. זיי האָבן געפירט פולע וועגענער מיט תבואה פון די שפּייכלער צו דער באַן. זיי האָבן אָנגעלאָדן מער ווי אַ טאָן אויף איין וואָגן. אַ זעקל ווייץ אָדער קאָרן פון 50

באַלעגאַלעס

מעכל בעל־עגלה איז אַרויס פון דער בלאָטע

איין טאָג איז מיין שכן, מעכל קעמפער דער בעל־עגלה, אַריין אין אַ בלאָטע און די פאָדערשטע רעדער פון וואָגן זענען צעבראָכן געוואָרן.

האָט ער געשיקט אַ בריוועלע אַהיים מ׳זאָל אים ברענגען נייע רעדער. כדי מ׳זאָל וויסן וואָס פאַר אַ רעדער — האָט ער געשריבן „2 חמסנו". איז זיין ווייב געגאַנגען צום רב ר׳ משה׳לע סוויניכער איבערליינען דאָס בריוועלע. האָט ר׳ משה׳לע אויסגעטייטשט: אַז אויב זאַדנו איז די אינטערשטע, איז חמסנו די פאָדערשטע, און אַזוי איז געווען. מ׳האָט געבראַכט 2 פאָדערשטע רעדער און מעכל איז אַרויס פון בלאָטע. (זדנו, חמסנו זענען צוויי ווערטער פון דער תפילה תחנון).

דער פאַלטאָווער מיט׳ן קאָכלעפל

דער פאָלטאַווער בעל־עגלה איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען און ס׳האָט אים געקוועטשט אין פוס. באַקלאָגט ער זיך אין מאַרק, אַז עפּעס מיטאַמאָל איז זיין פוס געוואָרן גרעסער. זאָגט אים שלמה בייטש: טו אויס דעם שטיוול וועט מען זעען. טוט ער אויס דעם שטיוול און געפינט אין אים זיין ווייבס קאָכלעפל...

מירלע שאַמעס

קילאָ פליט אין זייערע הענט און אויף זייערע פלייצעס ווי אַ קינדערשפּיל... זיי צעפירן צוקער, זאַלץ, פעסלעך הערינג, קעסטלעך זייף פון קעלער, שוואַרץ און פון אַנדערע הורט־געשעפטן — אין די קלייטן. זיי פירן מעל פון די מילן פון גליקמאַן, קאַגאַן אָדער אַפילו פון קאָוועל — אין די בעקערייען, קלייטן און אַפילו אויסער דער שטאָט.

זיי האָבן געפירט פון דער באַן אַלע באַדערפעניש[ן] פון דער שטאָט וואָס זענען געקומען פון די פאַבריקן אין די גרויסע אינדוסטרי־צענטערן אין פּוילן און פון די גרויסע ווייטע שטעט: צוקער, זאַלץ, מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריע און אַנד.

צו אַ ספּעציעלער קלאַס, אַביסל אַ נידעריקע, האָבן געהערט די איינפערדיקע בעלי־עגלות, וואָס האָבן געפירט סחורות פון די שטאָט־שפּייכלער צו די קליינע קרעמער; צווישן זיי איז אויך געווען דער אויבערדערמאָנטער בענצי, וואָס האָט באַצירט זיינע ווערטער מיט פאַרדרייטע פּסוקים פון תהילים. צו נאָך אַ נידריקערער קלאַס האָבן געהערט די בעלי־עגלות, וואָס האָבן צוגעפירט זאַמד, ליים און ציגל צו די זיך־בויענדיקע בנינים.

דער פייטאן

אַ ספּעציעל אָרט אין די קאָמוניקאַציע־מעגלעכקייטן אין שטעטל האָט פאַרנומען דער פייטאָן. אַ גאַסט וואָס איז געקומען אין שטעטל, האָט באַלד ביים אויסשטייגן פון דער באַן זיך אָנגעטראָפן אָן די איזוואָשטשיקעס. זיי האָבן אים מיט זיינע טשעמאָדאַנעס איבערגעפירט ווו ער האָט באַדאַרפט פאַר אַ געהעריקן אָפּצאָל. די שטאָט־איינוווינער האָבן קיינמאָל נישט באַנוצט זיך מיט דעם „אַריסטאָקראַטישן" קאָמוניקאַציע־מיטל, סיידן מען האָט געמוזט איילן ברענגען אַ דאָקטאָר צו אַ שווער קראַנקן. ראָזשישטשער איינוווינער האָבן באַוויליקט גיין צו־פוס פון איין עק שטאָט צו דער אַנדערער, אַ מרחק פון 4—3 קילאָמעטער, איידער נעמען אַ דראָזשקע.

ווינטער האָבן די דראָזשקאַזשעס געביטן די דראָזשקע אויף אַ שליטן, און אָנגעהאָנגען אויפן פערדס האַלדז אַ גלעקל, וואָס האָט מבשר געווען זיין קומען.

געווען אויך דראָזשקעס, וואָס האָבן געפירט פּאַסאַזשירן אין די „ווייטע" מקומות: צוויי בעלי־עגלות, גדליה־ברוך „קאַטעדרע" און אַברהם־לייב, האָבן געפירט פּאַסאַזשירן קיין לוצק פאַר איין זלאָטע אַ פּערזאָן. דער וועג האָט געדויערט איבער צוויי שעה, צייטנווייז אין רעגן און צייטנווייז אין שניי. די ערשטע פינף קילאָמעטער, ביז קאָפּאַ־טשיווקע, זענען די פּאַסאַזשירן דורכגעגאַנגען „חיבוט הקבר": דער וועג איז געווען ברוקירט מיט גרויסע קיילעכדיקע שטיינער, וואָס האָבן אַרויסגעשאָקלט פון די מענטשן דיבעבעכעס. נאָך קאָפּאַטשיווקע איז דער וועג שוין געווען געפּלאַסטערט מיט שטיינדלעך און די פּאַסאַזשירן זענען געקומען צו זיך נאָך די שרעקלעכע טרייסלונגען וואָס זענען אַריבער איבער זיי.

אַן אַנדער בעל־עגלה, מיכל קעמפּער, האָט געפירט פּאַסאַזשירן קיין קאָוועל. יעדער בעל־עגלה האָט געהאַט זיין „ליניע" און קיינער האָט נישט גע־וואַגט אַריינדרינגען אין אַנדערנס תחום. אַ לאַנגע צייט האָט געפירט פּאַסאַזשירן קיין לוצק און צוריק די גוט־באַקאַנטע „קאַרעטע".

דער אטאבוס

די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה איז דערשינען אַן אָטאָבוס, וואָס האָט געפירט פּאַסאַזשירן קיין לוצק. די נייע ליניע האָט געהערט צו מענדל פישמאַן, חיים נאַטשיטש און צו די ברידער נייערמאַן. דער אָפּצאָל איז געווען צוויי זלאָטעס אַ פּאַסאַזשיר. אָבער די בעלי־עגלות האָבן ווייטער געפירט פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיט ביטול צו די מאָדערנע קאָמוניקאַציע־מיטלען און געפילט זיך בעסער מיטן פערד און וואָגן...

די שטאט לאכט

פרילינג און האַרבסט איז דעם בעל־עגלהס לעבן געווען ספּעציעל אַ שווערער: די וועגן און די זייטיקע געסלעך זענען געווען באַדעקט מיט געדיכטע אין טיפע בלאָטעס. אָפטמאָל איז דער וואָגן פאַרזונקען אין בלאָטע און דער בעל־עגלה איז געווען געצוווּנגען אויפהייבן דעם וואָגן מיט זיינע געזונטע פלייצעס און גלייכצייטיק שמייסן דאָס פערד, ער זאָל מאַכן אַן אָנשטרענגונג און אַרויסשלעפן דעם וואָגן פון דער בלאָטע.



ר' שלמה און איטע קלימבאָרד

ר' שלמה קלימבארד

ר' שלמה קלימבאָרד איז געווען באַקאַנט אַלס אַן אָנגעזעענער בעל־בתישער ייד. ער האָט געהאַט אַ פאַבריקל פון „אָבאָדעס", — האָלצענע רייפן פון די רעדער פון די וואָגנס.

ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט צוגעשטעלט „אָבאָדעס" צו די קאָוואַלעס אויפן באַרג, וואָס האָבן אויסגעשמידט די אייזערנע רייפן און אויסגעפּאַרטיקט די וועגנס פאַר טויזנטער פויערים; ער האָט אויך אַרויסגעשיקט וואַגאָנעס מיט „אָבאָדעס" אין אַנדערע שטעט.

דאָס פאַבריקל איז געווען באַזירט אויף האַנט־אַרבעט. ס'איז געווען אונטער דער „תרבות"־שולע, אויפן טייכל. דאָס קליינע געסל האָט מען טאַקע גערופן „קלימבאָרדס געסל".

זיינע זין, פּייסי און לובע, זענען געווען באַגאַבטע און פּאָפּולערע אַרטיסטן אינעם יידישן טעאַטער. זיי האָבן געווידמעט די הכנסות פון זייער שפּילן פאַר אָרעמע מענטשן און פאַר די שולעס.

די מוטער איז געווען אַ צדקת מיט אַ פריילעך פּנים און מיט אַ גוט וואָרט פאַר יעדן איינעם.

ר' שלמה איז געווען שטענדיק פול מיט הומאָר. אַ פאָלקס־מענטש, וואָס האָט ליב ליב געהאַט כאַפּן אַ שמועס מיט יעדן איינעם.

איך געדענק, אַז ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן, אָריגינעלן „טריק". ער פלעגט האַלטן אין קעשענע פאַרשידענע קנעפּלעך און ווען ער האָט געזען ביי דיין רעקל די קנעפּלעך, האָט ער באַלד אַרויסגעצויגן אַן ענלעך קנעפּל און אויף אַ „שוטקע" אַ ציפּ געטאָן פון דיין רעקל און דיר געוויזן, אַז ער האָט כלומרשט אַרויסגעריסן אַ קנעפּל... דערנאָך באַוווּנדערסט דו, ווי פלינק ער האָט עס געמאַכט און פון וואַנען קומען עס צוויי די זעלבע קנעפּלעך...

איך געדענק ווי ער פלעג פירן זיין אַלטן פאָטער יעדן פרייטיק אין מרחץ אַריין. אַז איך האָב אים געפרעגט: „שלמה, וואָס פירסטו זיך מיטן פאָטער?" האָט ער מיר געענטפערט:

● איינמאָל אין דער סדר־נאַכט האָבן זיך געהערט געשרייען פון מיכל בעל־עגלהס הויז. ווען די שכנים זענען צוגעלאָפן צום פענסטער האָבן זיי געזעען ווי מיכל הייבט איף דעם „סדר"־טיש מיט זיינע אַקסלען, קערט אים איבער און שרייט אויפן גאַנצן קול: „וויוֹ... וויוֹ..." ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז ר' מיכל איינגעשלאָפן, פון גרויס מידקייט, נאָך די אַרבע כוסות, און האָט געחלומט, אַז דער וואָגן איז אַריין אין אַ טיפע בלאָטע און קען ניט אַרויס. דאָס האָט ער געפּרוווט אַרויסהייבן דעם וואָגן פון דער בלאָטע. אַבער איצט איז עס גאָר געווען דער „סדר"־טיש... דער עפּיזאָד האָט זיך שנעל צעשפּרייט אין גאַנצן שטעטל, וואָס האָט האַרציק געלאַכט פון דער געשעעניש.

● זעליק גראַוווער איז געווען אַ „רייכער" בעל־עגלה: ער האָט געהאַט אַ „טראָיקע" (אַ וואָגן געשפּאַנט אין דריי פערד), באַשעפּטיקט אָנגעשטעלטע און געוווינט אין אַ גרויס הויז. ער האָט געפירט שווערע טראַנספּאָרטן פון דער באַן. גאַנצע טעג האָט ער פאַרבראַכט אויף דער באַן־ראַמפּע.

ברוך ראָזען פון ניו־יאָרק האָט מיר דערציילט דעם פאָלגענדן עפּיזאָד: איינמאָל אין אַ זומער פאַרנאַכט, ווען מיר, מכבי־פוטבאָליסטן, האָבן פאַרענדיקט אונדזער שפּיל און געגאַנגען צו דער ראַמפּע בייטן אונדזערע בגדים, זע איך זעליק בעל־עגלה שטייט אויף איין פוס און ציט אַראָפּ דעם רעכטן שטיוול. ער שטעקט אַריין די האַנט און ציט פון דאָרט אַרויס אַ געוויכט פון אַ האַלבן קילאָ, און ער שילט זיך:

„אַ כאָליערע; אַ גאַנצן טאָג פיל איך, ווי עפּעס קיצלט מיך אין דער פּיאַטע... גיי ווייס, אַז אַ פאַרשיווער האַלבער קילאָ האָט זיך דאָרט אַריינגעשאַרט... ווער האָט עס צייט זיך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע נאַרישקייטן אין מיטן טאָג..."

● בעת די סיים־וואַלן האָט אַמאָל ד"ר זשיטינסקי געהאַלטן אַ פּראָפּאַגאַנדע־רעדע פון אַ באַלקאָן אַנטקעגן דעם „קעלער". ער האָט געזאָגט, אַז „סוף־כל־סוף האָבן מיר פאַליאַקן פאַרגאָסן בלוט פאַר פוילן". האָט זיך פּלוצלינג געהערט אַן אויסרוף פון אַנשל קוטניק בעל־עגלה, וואָס איז געווען צווישן דעם המון: „מי טעזש!" (ד. ה. מיר אויך!)... די בעלי־עגלות האָט מען גערופן ביי זייערע נעמען, אָדער צונעמען; אָבער מייסטנטייל האָט מען זיי גערופן פּשוט: „בעל־עגלה". אַפילו די גוים האָבן זיי גערופן מיט דעם נאָמען „באַלאַגאָלע"...

אַזוי זענען זיי, די בעלי־עגלות, געווען: געזונטע, שטאַרקע, פּשוטע און שטאָלצע יידן, מיט אַ פעסטע האַנט, ברייטע פּלייצע און אַ רייכן מענה־לשון...



אַ גרופּע יוגנטלעכע אין ראָזשישטש



פייסי קלימבאָרד און פאַמיליע

„דאָס טו איך, כדי צו זיין אַ ביישפּיל פאַר מיינע קינדער, זיי זאָלן אויך מקיים זיין כיבוד אב ואם".

פון דער גרויסער משפּחה איז לעבן גע־בליבן זיין זון משה, וועלכער איז אַנט־לאָפן קיין רוסלאַנד און באַלד נאָך דער מלחמה געקומען קיין ישראל.

טייוול (טוביה) שוחט



בנימין (מוניה) קלימבארד.

שמואל דיאמאנדשטיין

ברוך רוזן, ניו־יאָרק

קליין און גרויס, אַלט און יונג, אַלע האָבן געוווּסט ווער איז שמואל דיאַמאַנדשטיין. ס׳איז אָבער אויך אמת, אַז אַ גרויסע מערהייט ראָזשישטשער יידן, אפילו וויסנדיק אַז ער איז ניט געווען קיין געבוירענער ראָזשישטשער, האָט קיינמאָל ניט געוווּסט ווען, פון וואַנען און נאָכוואָס איז שמואל דיאַמאַנדשטיין געקומען קיין ראָזשישטש.

אַלס איינער פון זיינע עלטסטע תלמידים, וואָס קען ענטפערן אויף די פראַגן, פיל איך אַ מאָראַלישע פליכט אַזוי צו טאָן און אויפדעקן אַן אומבאַוווּסט קאַפּיטל פון זיין לעבן.

היימלאָזע פון פינסק

אין אַ טריבן פרימאָרגן, אין מערץ 1916, האָט אונדזער צוג, דער אַזויגערופענער 17־טער עשאַלאָן, מיט 900 היימלאָזע פון פינסק, זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שטעטל אין קאָנגרעס־פוילן מיטן נאָמען אָסטראָלענקע ביים טייך נאַרעוו. דייטשע סאָלדאַטן האָבן אונדז צופוס געטריבן צו די אַלטע רוסישע קאַזאַרמעס און האָבן אונדז דאָרט באַזעצט.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אונדז מודיע געווען, אַז אויב מיר ווילן האָבן מצות אויף פסח, מוזן מיר גיין 3 קילאָמעטער קיין אָסטראָלענקע און דאָרט זיך רעגיסטרירן ביים יידישן הילפס־קאָמיטעט.

ביים רעגיסטרירן זיך האָט מיין פאָטער ע״ה זיך באַפריינדעט מיטן סעקרעטאַר פון דעם הילפס־קאָמיטעט און באַלד האָט ער אונדז באַזוכט אין די קאַזאַרמעס און שפּעטער אין אונדזער פריוואַטע וווינונג אין שטעטל. דעם נייעם פריינטס נאָמען איז געווען: שמואל דיאַמאַנדשטיין. געשטאַמט האָט ער פון לאָמזשע, 35 קילאָמעטער פון אָסטראָלענקע. ער איז געווען דער זון פון ר׳ לייזער דיאַמאַנדשטיין, אַ לאָטעריע־קאָלעקטאָר.



דיאַמאַנדשטיינס קורס פון פויליש. אין בילד: צ. נאטשיטש, ר. טיקטינער, פאלישוק, מ. שווארצבלאַט, ס. גאָלדבערג, א. מארמור, ש. וואליק און מ. רובינשטיין.

שמואל דיאמאנדשטיין

שמואל דיאַמאַנדשטיין איז אָנגעקומען קיין ראַזשישטש אין די ערשטע יאָרן פון דער פוילישער מאַכט און איז גיך געוואָרן פאָפּולער אַלס אויסגעצייכנטער לערער פון דער פוילישער שפּראַך. ער האָט געלערנט פריוואַט מיט קליינע גרופּעס תלמידים די פוילישע גראַמאַטיק און ליטעראַטור, וועלכע איז נישט געווען באַקאַנט בכלל אין שטעטל.

ער איז גערן אָנגענומען געוואָרן אין דער יידיש־ציוניסטישער געזעלשאַפט און אַדאַנק זיינע אָראַטאָרישע פעאיקייטן און גרונטלעכע קענטעניש פון דער פוילישער שפּראַך, האָט ער זיך גיך דערוואָרבן אַ גוטע פּאָזיציע ביי די פאָרשטייער פון דער פוילישער רעגירונג און די יידן האָבן אין אים געזען אַ בכבודיקן רעפּרעזענטאַנט פון דער יידישער קהילה.

ס׳דערמאָנט זיך מיר, ווי אַזוי דיאַמאַנד־שטיין האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַר אַ גרויסן עולם אין פוילישן נאַציאָנאַלן יום־טוב דעם 3־טן מאַי. יידן און נישט־יידן זענען געקומען פונדערווייטנס, פון שטעטלעך און דערפער. זיין רעדע, געהאַלטן אין אַ שיינער, רייכער פוי־לישער שפּראַך מיט זיין שטאַרקער און קלאָ־רער שטים איז געווען שענער און אינטערע־סאַנטער פון אַלע רעדעס פון די אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער פוילישער רעגירונג.

די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן נישט געקענט פויליש, האָבן זיך גע־פרייט וואָס אין שטעטל געפינט זיך אַ מענטש וועלכער רעפּרעזענטירט מיט כבוד דעם יידישן אינטערעס. ער פלעגט מיט דער־פאָלג אַרויסטרעטן מיט רעדעס ערב די וואַלן צום סיים און צום שטאָט־ראַט אין נאָמען פון די ציוניסטן, וועלכע האָבן אים מקרב געווען און אויסגעקליבן אַלס ווי־צע־פאָרזיצער פון שטאָט־ראַט.

ער איז אויך געווען טעטיק אין קאָמיסיעס פון בית־יתומים און אין דער רעוויזיאָניס־טישער באַוועגונג. איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון „ברית־החייל״.

ווען ס׳זענען אַריין די סאָוויעטן קיין ראָ־זשישטש, אין סעפּטעמבער 1939, איז ער געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן קיין קאָלק, ווייל די קאָמוניסטן האָבן אים באַטראַכט אַלס אַ געפערלעכן פּאָליטישן קעגנער. אין קאָלק האָבן אים די דייטשן דערהרגעט.

א. ש.

אין פרילינג 1917 האָט די דייטשע מאַכט אין פוילן אַנגאַזשירט מיין פאָטער אַלס אַ וואַלד־זאַכפאַרשטענדיקער און אים איבערגעשיקט קיין לוקאָוו ביי שעדלעץ. די פריינטשאַפט מיט שמואל דיאַמאַנדשטיין האָט זיך אָנגעהאַלטן דורך קאָרעספּאָנדענץ.

מיין פאטער העלפט אים

אין מיטן זומער 1917 האָט דיאַמאַנדשטיין פאַרלוירן זיין פּאָסטן, ווייל מ׳האָט אויפגעלעזט דעם הילפס־קאָמיטעט. ער האָט באַלד געשריבן צו מיין פאָטער און זיך אָנגעפרעגט וועגן אַרבעט ביי אים. מיין פאָטער האָט אים געהייסן קומען צו אונדז קיין לוקאָוו.

דאָ האָט מיין פאָטער זיך אַנטשלאָסן צו אַנגאַזשירן יידישע היימלאָזע (אַרטיסטן, זייגערמאַכער, קירזשנער, לערער א. אַ.), אַלס אויפזעער און וואַלד־אַרבעטער.

דיאַמאַנדשטיין איז געוואָרן אַן אויפזעער. געוווינט האָט ער ביי אונדז. אין זיין פרייער צייט האָט ער מיך און מיין ברודער מרדכי ע״ה געלערנט פּריוואַט. ער איז אַזוי־אַרום געוואָרן אונדזער הויז־פריינד און מיין לערער.

מיר קומען קיין ראזשישטש

אין 1918 איז פוילן געוואָרן זעלבסטשטענדיק און די דייטשן האָבן אָנגעהויבן זיך צוריקציען פון פוילן קיין דייטשלאַנד. מיין פאָטער האָט דעריבער באַשלאָסן אויך צו פאַרלאָזן פוילן.


מיר זענען אַוועק צו דער דייטש־אוקראַינישער גרענעץ, וואָס איז געווען אין האָלאָב, פון דאָרט זענען מיר אַריבערגעפאָרן קיין ראָזשישטש אין אוקראַינע, וואָס איז דאַמאָלסט געווען אונטער דער הערשאַפט פונעם העטמאַן סקאָראָפּאַצקי. מיר האָבן זיך באַזעצט אין ראָזשישטש, פון וואַנען ס׳שטאַמט מיין מוטערס משפחה.

שמואל דיאַמאַנדשטיין איז אין דער זעלבער צייט צוריקגעפאָרן אַהיים קיין לאָמזשע. באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין לאָמזשע, האָט ער חתונה געהאַט און אָנגעהויבן צו בויען אַ היים פאַר זיך און זיין פאַמיליע. זיין פרוי האָט געבוירן אַ זון, עמנואל.


א משפחה-טראגעדיע

אינצווישן איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן פוילן און אוקראַינע. דיאַמאַנדשטיין האָט זיך באַלד געמאָלדן פרייוויליק צו די פּוילישע לעגיאָנען און האָט געקעמפט אונטערן מאַרשאַל פּילסודסקי. אין אָנהויב 1921 האָט זיך די מלחמה געענדיקט און דיאַמאַנדשטיין איז דעמאָביליזירט געוואָרן.


ווי ערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט אין זיין הויז געטראָפן אַן אַנדערן מאַן, מיט וועמען זיין פרוי האָט אינצווישן צייט חתונה געהאַט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן



ששה חברים: משה שקורניק (בראזיל), חנניה גולדברג, בינם מלמד (קנדה), יואליק קצן (ישראל), מלך גלר (ישראל), זלמן גלר.



שמואל דיאמאנדשטיין — מפקד פון ברית־החייל אין ראָזשישטש, (צווייטער פון רעכטס); נעבן אים ברוך ראָזען (מפקד פון ברית־החייל אין וואָלין), רומאן זייקובסקי (פוילישער בירגערמייסטער) און יאָשע דעקלבוים. אין דער צווייטער ריי — לובה קלימבאָרד און משה רבין.



אַלטער יתומים־היים אין גלייזלס הויז

אַז די פּוילישע מאַכט האָט פאַלש אינפאָרמירט זיין ווייב, אַז איר מאַן, שמואל, איז געפאַלן אין איינעם פון די שלאַכטן.

נישט טראַכטנדיק לאַנג, האָט דיאַמאַנדשטיין נאָך זייענדיק אין לעגיאָן־אוניפאָרם פאַרלאָזט לאָמזשע און זיך געלאָזט אין דער וועלט, צו זוכן זיין אַלטן אמתן פריינד, יוסף ראָזן (מיין פאָטער). מיר האָבן דאַמאָלסט געוווינט אין ראָזשישטש, אָבער מיין פאָטער האָט זיין וואַלד־מסחר געפירט אין קאָוועל.

ער קומט צו אונדז

אין אַ געוויסן קאַלטן יאַנואַר־מאָרגן האָט מיין פאָטער דערקענט דיאַמאַנדשטיינען אין דעם מיליטערישן אוניפאָרם אויפן קאָוולער וואָקזאַל. מיין פאָטער האָט דיאַמאַנדשטיינען תיכף געבראַכט צו אונדז אַהיים קיין ראָזשישטש. דאָ האָט מיך דיאַמאַנדשטיין ווייטער געלערנט און איז געבליבן אין אונדזער הויז איבער אַ יאָר צייט.

וויצע-בירגערמייסטער

אין אָנהויב 1922 האָט אונדזער פאַמיליע זיך איבערגעצויגן קיין קאָוועל. דיאַמאַנדשטיין איז פאַרבליבן אין ראָזשישטש, וווּ ער איז געווען אַ שטיקל צייט דער „זשאַנדאָווי־ראַבין" (רב־מטעם), וויצע־בירגערמייסטער און מפקד פון „ברית־החייל". ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ראָזשישטשער מיידל: רחל בלעטערמאַן.

וואָס דיאַמאַנדשטיין האָט אויפגעטאָן אין ראָזשישטש, ווייסט יעדער ראָזשישטשער ייד און נישט־ייד, זייער גוט.

איך וויל דאָ ברענגען נאָך אַ פאַקט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שמואל דיאַמאַנדשטיין:

אין 1937 בין איך געקומען אין נאָמען פון דער מפקדה הראשית פון „ברית־החייל" אין פוילן קיין ראָזשישטש אויף אַ באַזוך. דיאַמאַנדשטיין איז דאַמאָלסט געווען דער מפקד פון „ברית־החייל" אין ראָזשישטש. ביים געזעגנען זיך, האָט דיאַמאַנדשטיין אַרויסגענומען זיין פאָטאָגראַפיע, אין אוניפאָרם פון „ברית־החייל", האָט עפּעס צוגעשריבן און געגעבן עס מיר, זאָגנדיק: לייען די צושריפט נאָכדעם ווען דו וועסט פאַרלאָזן ראָזשישטש".

אין צוג האָב איך געלייענט די צושריפט אין פּויליש:

„צו מיין ליבן שילער און איצטיקן מפקד, פון אַ געוועזענעם לערער און אינטער־טעניקער".

חבל על דאבדין ולא משתכחין!!!



שמואל דיאמאנדשטיין מיט דער פאַרוואַל־טונג פון בית־היתומים און דער גאַסט — סיים־דעפּוטאַט ד"ר שיפּער.

די גמילות־חסדים קאַסע

ברוך קורן (קאַס)

דער האַנטווערקער פאַריין

אונדזער פאַריין האָט זיך געפֿונען נעבן דער „פּאָזשאַרנע" (פייער־לעשער). צום פאַריין האָבן געהערט מיטגלידער פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען: ציוניסטן, בונדיסטן און אַנד. פאָרזיצער איז געווען אברהם־יצחק שוסטער־קאָס.

צו דער פאַרוואַלטונג האָבן אויך געהערט מאַני טורעק, ניסל ליבערמאַן, יצחק טויבער, יצחק טוליפּ, שלמה ביקמאַן, אפרים קאַמינער, אברהם ניפּאָמנישטשי, איך און נאָך אנדערע. דער פאַריין האָט פיל אויפגעטאָן פאַר זיינע חברים.

ביים פאַריין האָט עקזיסטירט אַן ערן־געריכט און אין פאַל פון אַ סכסוך פלעגט דער געריכט אויסגלייכן צווישן ביידע צדדים. איך דערמאָן זיך אַ פאַל, איינמאָל, ערב סוכות, זענען מיר געזעסן אייניקע חברים און אַרומגערעדט די שווערע לאַגע פון די האַנטווערקער אין שטאָט. מיר האָבן דאַן באַשלאָסן שאַפן אַ גמילות־חסדים קאַסע ביים פאַריין, כדי צו דערטיילן הילף די וואָס נויטיקן זיך אין דעם.

ווי נעמט מען אָבער געלט? אַזוי ווי ס'איז געווען פאַר שמחת־תורה, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז די הכנסה פון די נדרים זאָל גיין פאַר דער קאַסע. אויסער דעם דאַרפן די חברים, תיכף אויפן אָרט, זיך באַשטייערן וויפל איינער קאָן. מיר האָבן געמאָלדן דעם פאָרזיצער, אברהם־יצחק קאָס, וועגן אונדזער פּלאַן, און ער האָט באַלד מסכים געווען. מיר האָבן אָנגעהויבן באַלד רעאַליזירן דעם פּלאַן. אויפן אָרט האָבן מיר געזאַמלט 30 זלאָטעס; פון די נדרים האָבן מיר געמאַכט 20 זלאָטעס — האָבן מיר שוין געהאַט 50 זלאָטעס, דער גרונט־קאַפּיטאַל פון דער קאַסע. מיר האָבן באַלד אָנגעהויבן געבן הלוואות צו 10 זלאָטעס, אויף אויסצאָלן איין זלאָטע אַ וואָך, אָן פּראָצענט...

מיט דער צייט האָבן מיר באַשלאָסן פאַרברייטערן די הכנסה דורך פאַרקויפן „בלימלעך" לטובת דער קאַסע אויף פאַרשידענע שמחות. ווי, למשל, תנאים, חתונות א.אַ.וו. דאָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן די סומע פון די הלוואות ביז 30 זלאָטעס, און אין איין פאַל — אַפילו 50 זלאָטעס.

אין די יאָרן 1935—1936 האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט דער עקאָנאָמישער מצב אין שטאָט, אַזוי ווי אין גאַנצן פּוילן. די צוויי בענק: „קופּיעצקי" און „דזשאַלאָווי" האָבן זיך פאַרמאַכט. די פּוילישע רעגירונג, טריי איר אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק האָט אַרויפגעלייגט שווערע שטייערן און באַגרענעצונגען אויף די יידן. די אָנפירונג האָט געהעצט געגן די יידן, און די „ענדעקעס" (די פּוילישע נאַציאָנאַליסטישע אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי) פלעגן אַוועקשטעלן פּיקעטן ביי די יידישע געשעפטן און פאַרשידענע שטעט אין פּוילן, כדי נישט דערלאָזן די קריסטלעכע קונים זיי זאָלן קויפן אין יידישע געשעפטן. זייער לאָזונג: „סוואָי דאָ סוועגאָ"...

דער קריזיס, וואָס האָט שווער געטראָפן די יידן אין פּוילן, האָט נישט אויסגעמיטן אויך די יידן אין ראָזשישטש. פיל קרעמער אין שטאָט און בעלי־מלאכות האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער עקאָנאָמישער לאַגע. אין יענער צייט האָט זיך געשאַפן אַ הילפס־פאָנד פאַר יידן ביי דעם „דזשאָינט" אין וואַרשע.

אין דער גרויסער שול איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג מיטן אָנטייל פון די איניציאַטאָרן: משה רויטער — אַ סוחר פון תבואה; אברהם בעזפּאַלטשיק — אַן אייגנטימער פון אַ „סקלאַד אַפּטעטשני"; אברהמל זיניוק — אַן אייגנטימער פון אַ קאָלאָניאַל געשעפט; משה ראבין — אַ תבואה סוחר; גדליה באראס — אַן אייגנטימער פון אַ גאַלאַנטעריע געשעפט; און מענדל קאַנטאָר — אייגנטימער פון אַ „סקלאַד אַפּטעטשני".

אויף דער פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסן געוואָרן גרינדן אַ גמילות־חסדים קאַסע אין שטאָט און בעטן הילף ביי דעם „דזשאָינט" אין וואַרשע, אין וועמענס שפּיץ ס'איז דאַן געשטאַנען ד"ר רינגעלבלום און י. גוטערמאַן. פון דעם „דזשאָינט" איז דערהאַלטן געוואָרן אַן ענטפער אַז ער וועט באַשטימען פאַר אונדז אַ סומע געלט אין דער גרויס פון דער סומע געלט וואָס די אָרגאַניזאַטאָרן וועלן מצליח זיין צונויפקלייבן פון זייערע חברים אויפן פּלאַץ. דאָס הייסט: אַ זלאָטע קעגן אַ זלאָטע.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו אונטערחתמענען יעדן חבר פון דער קאַסע און פאַרפליכטן אים צו צאָלן אַ חודש אָפּצאָל אין דער הויך פון אַ האַלב זלאָטע. יעדן חבר איז געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו באַקומען אַ הלוואה (ווען ער וועט זיך אין איר נויטיקן) אָן פּראָצענט אויף אַ לענגערע תקופה.

ס'האָבן זיך פאַרשריבן פיל חברים אין דער קאַסע. די קאַסע־פאַרוואַלטונג האָט אין אַ קורצער צייט אַרויסגעגעבן 150 הלוואות. פריער איז געווען די הלוואה אין דער הויך פון 50 זלאָטעס, שפּעטער אין דער הויך פון 150 זל. ביסלעכווייז האָט זיך די קאַסע אַנטוויקלט און די באַפעלקערונג האָט געזען אין איר אַ וויכטיקע אינסטיטוציע פאַר קעגנזייטיקער הילף. פיל בעלי־מלאכות און קרעמער האָבן גענאָסן און באַנוצט זיך מיט דער הילף פון דער קאַסע.

אין יאָר 1937 האָבן באַקומען הילף פון דער קאַסע אין פאָרעם פון הלוואות 356 חברים. דער הויך פון די הלוואות איז געווען פאַרשידן. די חברים פון דער קאַסע האָבן זיך באַצויגן מיט פיל צוטרוי און כבוד צו דער פאַרוואַלטונג. די הלוואות האָט מען זיך באַמיט אומצוקערן אין פאָרעם פון ראַטעס אין דער צייט לויט דעם ווי מען האָט זיך פאַרפליכטעט.

אין דער חודש אויסגאַבע פון „דזשאָינט", ווו ס'פלעגן פּובליקירט ווערן די באַריכטן פון די קאַסעס אין פּוילן, איז אין יאָר 1938, צום ביישפּיל, באַמערקט געוואָרן,

אַז אונדזער קאַסע האָט פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין דער מדינה אין דעם געלט־באַלאַנס (הכנסות און הוצאות). די קאַסע האָט עקזיסטירט ביזן אַריינקומען פון די סאָוויעטן אין סעפּטעמבער 1939.

די מקורות פון הכנסה פון דער קאַסע זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע. חוץ די סטאַבילע הכנסה פון מיטגליד־אָפּצאָל פלעגט מען אויך איינאָרדענען פאַרשידענע טיי־אָוונטן און לאַטקע־אָוונטן. צו די אָוונטן פלעגט מען ווי געהעריק צוגרייטן אַן אַנטשפּרעכנדן פּראָגראַם, צוגעפּאַסט צום געשמאַק און אינטערעס פון דעם פּובליקום.

דער פאָרזיצער פון דער קאַסע איז געווען משה רויטער און חברים פון דער פאַרוואַלטונג: אַברהמל זיניוק, אַברהם בעזפּאַלטשיק, מענדל קאַנטאָר, משה ראַבין און גדליה באַראַס. איך בין געווען דער סעקרעטאַר פון דער קאַסע. דער לאָקאַל פון דער קאַסע איז געווען אין הויז פון משה גיבור. איך וויל אונטערשטרייכן אַז אונדזער קאַסע האָט נישט באַקומען קיין שום הילף, נישט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און נישט פון דער רעגירונג.

די פאַרוואַלטונג פון דער קאַסע איז געווען פאַרפליכטעט צו שיקן יעדן חודש אַ באַריכט צו דעם פינאַנס־אַמט אין לוצק.

ווען די סאָוויעטן זענען אַריינגעקומען צו אונדז איז יוסי פיזנהאָלץ באַשטימט געוואָרן דורך דער סאָוויעטן־מאַכט אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער ליקווידאַציע פון דער קאַסע. איך האָב אים איבערגעגעבן דאָס גאַנצע געלט וואָס האָט זיך געפונען אין מיין דיספּאָזיציע, באַגלייט מיט אַן אויספירלעכן דין־וחשבון. די סאָוויעטישע מאַכט האָט פאַרבאָטן די עקזיסטענץ פון אַזעלכע קאַסעס וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט קעגנזייטיקער הילף.

איינע פון די באַשלוסן פון דער פאַרוואַלטונג פון דער קאַסע איז געווען צו פירן אַ פּנקס פון דער קהילה, ווו ס'זאָלן פאַרצייכנט ווערן די וויכטיקע געשעענישן אין לעבן פון דער קהילה. איך געדענק דעם ערשטן בלאַט פון דעם פּנקס אויף וועלכן וועווע בעקער האָט אָנגעצייכנט אַן אָפּגעהאַקטן בוים, וואָס האָט סימבאָליזירט דאָס אָפּגעהאַקטע לעבן פון משה פוגאַטש, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין יענער צייט אין צענטער שטאָט דורך די פּוילישע באַנדיטן. ווען ס'זענען אָנגעקומען די רוסן איז דער רוצח אַרעסטירט געוואָרן דורך סענדער קעסעל, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס מיליציאָנער ביי די סאָוויעטן. דער באַנדיט איז דאַן אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין סיביר.

פון די אַקטיווע טוער פון דער גמילות־חסדים קאַסע זענען לעבן געבליבן בלויז צוויי מענטשן: משה ראבין און איך, ברוך קורן (קאס),ביידע געפינען מיר זיך אין ישראל.

בכלל איז דער גורל פון יידישן בעל־מלאכה אין שטעטל, ווי בכלל אין פּוילן יענע צייטן, געווען זייער אַ שווערער. ווינטער, אין די גרויסע פרעסט, איז אָפטמאָל נישט געווען מיט וואָס צו קויפן האָלץ איינצוהייצן די שטוב. זייער לעבן איז געווען זייער שווער און פּרנסה איז געווען בצמצום. אין אַזאַ מצב האָט די קאַסע נישט איינמאָל געראַטעוועט ממש מענטשן פון הונגער.

איך וויל דאָ דערמאָנען, אויף וויפל איך געדענק, די נעמען פון טייערע חברים, מיט וועלכע איך האָב מיטגעאַרבעט אין האַנט־ווערקער פאַריין: מענדל אַזריל (שוסטער), שלמה ביקמאַן (היטלמאַכער), יאַנקל טייטלבוים (בלעכער), דוד געלערשטיין (סטאָלער), אַלטער וואגער (שוסטער), יאַנקל וואָליק (קירשנער), מאני טורעק (שניידער), יצחק טוליפּ (שניידער), יצחק טויבער (שניידער), ניסל ליבערמאַן (זייגערמאַכער), אברהם ניפּאָמנישטשי (זאַגאָטאָווטשיק), אַלטער סאָסנע (סטאָלער), אברהם־יצחק קאָס (שוסטער), אפרים קאַמינער (שניידער), דוד ריבעץ (סטאָלער), אַלטער שאַמעס (שערער), טייוול שוחט (סטאָלער).

טייוול שוחט



די פאַרוואַלטונג פון בית־היתומים

די יידישע פאלקסשולע

נחמן סוסעל

קומענדיק אַהיים פון ווילנע, ווו איך האָב געענדיקט דעם יידישן רעגירונגס אינסטיטוט, און דורכלעבנדיק די יאָרן פון דער מלחמה — האָב איך דערפילט, אַז עפּעס דאַרף געטאָן ווערן פאַרן יונגן דור ייִנגלעך און מיידלעך, און אַז אויף אונדז פאַלט די אחריות צו גרינדן אַ שולע, ווו קינדער זאָלן זיך קענען אויסלעבן נישט נאָר אין לערנען, נאָר אויך קענען געפונען אַ וואַרעמע אַטמאָספערע.


איך, נחמן סוסעל, בין געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער שולע. צו יענער צייט איז געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי אונדז געשיקט פּאַסיקע לערער. מיר האָבן אויך אַנגאַזשירט עטלעכע לערער פון אונדזער שטאָט גופא, ווי אויך מיין פרוי רחל (געוועזענע קאגאַן), וועלכע איז געקומען פון אַן אַנדער שטאָט מיט אַ צוגרייטונג פון פּעדאַגאָגישן סטאַזש אין יידיש און העברעאיש.



פריינט פון דער פאָלקסשולע. אין צענטער זיצט דער גרינדער און דירעקטאָר נחמן סוסעל ז״ל (געשטאָרבן אין ניו־יאָרק). ערשטער פון לינקס אין דער מיטלסטער ריי — אַברהם איציק שוסטער (קאס); דריטער רעכטס — אַברהם קאלטשאק.



פריינט פון דער פאָלקסשולע. אין צענטער פון דער ערשטער ריי — שמואל און איטע וואַרקאוויצקי.



זיבעטע קלאַס פון דער פאָלקסשולע אויף אַן אויספלוג קיין לעמבערג.

מיר האָבן זיך מיט ליבע און איבערגעגעבנ־קייט גענומען צו דער אַרבעט. עס איז, אַרום דער שולע, אויך געגרינדעט געוואָרן אַ דראַמאַטישע סעקציע, ווו מ׳פלעגט אָפט דורכפירן פאַרשידענע שפּילן כדי צו דעקן דעם דעפיציט.

עס איז אַנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטע אַרבעט. די לערער און די פאַרוואַלטער האָבן מיט מסירת־נפש אָנגעפירט מיט דער טעטיקייט אין און אַרום דער שולע. די באַציאונג און צוטרוי פון די עלטערן צו אונדזער אַרבעט (כאָטש נישט קיין רעליגיעזע) האָט אונדז געמוטיקט און געגעבן כוח.

אמת, אַז פינאַנציעל זענען מיר געווען אויף גרויסע צרות, אָבער דער נחת פון די דערגרייכונגען האָט אונדז געשטאַרקט. די שולע האָט זיך דערוואָרבן אַ שם אין דער גאַנצער אומגעגנט.

אַזוי האָבן מיר אינטענסיוו געאַרבעט. עס איז געווען, אין יענער צייט, אַ בליענדיק קאַפּיטל פאַר אַלעמען. עס האָט געשוויבלט מיט לערנען, געזאַנג, שפּיל און טאַנץ. אויך גימנאַסטיק איז געווען איינגעאָרדנט.

דאָס זענען, אין קורצן, עטלעכע שטריכן פון די יאָרן 1918 ביז 1925, ביז מיין פרוי און איך האָבן פאַרלאָזט ראָזשישטש און אַוועקגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און געלאָזט די אַרבעט פאַר אַנדערע ממשיך צו זיין. וואָס ווייטער איז געווען — ווייס איך נישט.



אַ קלאַס אין דער יידישער פאָלקסשולע מיט דער לערערין.



קינדער־קלוב ביי דער פאָלקסשולע און 1933. אין דער אויבערשטער ריי — מענדל שאמעס.

די אַרבעטער יוגנט

משה גראַבאַרסקי



קלמן גראַבאַרסקיס קינדער: דריי טעכטער, זון און איידעם.

דאָס לעבן פון די יידן אין ראָזשישטש אין אָנהייב פון צוואָנציקסטן יאָר־הונדערט, אַזוי ווי אין די אַלע שטעט און שטעטלעך אין וואָלין און אין דער געגנט, איז געווען אונטער דער פולער השפעה פון די פרומע. זיי האָבן געהערשט אין שטוב, אין גאַס, אין בית־המדרש, אין מסחר און מלאכה.

נייע געדאַנקען וועגן ענדערונגען אין באַציונג צווישן אַרבעטער און אַרבעטס־געבער, וועגן פאַרבעסערן דאָס לעבן פון בעלי־מלאכות און אָרעמע מענטשן, וועגן בעסערע, פאָרגעשריטענע בילדונג פאַר די אָרעמע קינדער א.אַ.וו. — זענען צו ביסלעך אַריינגעדרונגען אין שטעטל דורך די סטודענטן, וואָס האָבן געלערנט אין די גרויסע שטעט. זיי האָבן פון צייט צו צייט מיטגעריסן די יוגנט און אינטעליגענץ אין די פּאָליטישע שטראָמען און שטורעמס, וואָס האָבן באַהערשט רוסלאַנד און פוילן אין די ערשטע צוויי צענדליקער יאָרן פונעם יאָר־הונדערט.

אָבער אַלע ווינטן, וואָס האָבן געבושעוועט, האָבן אין שטעטל גופא קיין סאַך ניט געענדערט. אין די שולן זענען פאָרגעקומען קריגערייען צווישן גבאים און סתם בעלי־בתים וועגן כבוד, רבנים, שוחטים א.אַ.וו.

די בילדונג אין חדר און תלמוד־תורה איז געווען טראַדיציאָנעל און אַלט־מאָדיש און זיי האָבן געגעבן ווייניק אַלגעמיינע בילדונג.

איינצעלנע עלטערן האָבן זוכה געווען צו שיקן זייערע קינדער אין די ישיבות. און נאָך ווייניקער האָבן געקענט שיקן די קינדער אין גימנאַזיע אויסער דער שטאָט. ס׳איז געווען פאַרבינדן מיט הוצאות, וואָס נאָר עטלעכע האָבן זיך געקענט דערלויבן.

די נישט פאַרמעגלעכע עלטערן פלעגן שיקן זייערע יונגע קינדער לערנען אַ פאַך. אין דער קליין־שטעטלדיקער, דאַמאָלסדיקער אַטמאָספער, איז אַ בעל־מלאכה געווען, כמעט, אַ בושה אין דער משפחה. מיט צער גייט אַוועק דאָס קינד פון 12—13 יאָר צום שוסטער, שניידער, סטאָלער — צו לערנען אַ מלאכה.

אַ סאַך פון אונדז געדענקען נאָך, ווי שווער ס׳איז אָנגעקומען ביז מ׳האָט דערלעבט צו ווערן אַ שיק־ייִנגל...

דאָס ייִנגל, אָדער מיידל, האָט געאַרבעט ביים באַלעבאָס עטלעכע יאָר אומבאַצאָלט, בלויז פאַרן עסן און שלאָפן. די עלטערן פלעגן אָנזאָגן דעם באַלעבאָס:

„פון היינט אָן איז דאָס קינד ביי דיר אין דיינע הענט. דו דאַרפסט פון אים מאַכן אַ מענטש. דו ביסט זיין טאַטע און דיין פרוי — זיין מאַמע...”

דאָס ייִנגל אָדער מיידל האָט געמוזט טאָן אַסאַך שטוב־אַרבעטן: וויגן דאָס קליינע קינד, וואַשן די פּאָל אין באַדינען די נייע „עלטערן” ביז שפּעט ביי נאַכט, און דאַן אַוועקפאַלן מיד און איינשלאָפן, אָדער זיך אויסוויינען שטיל אין אַ זייט מיט ביטערע טרערן...

נאָך עטלעכע יאָר איז ער שוין געוואָרן אַ פאַכמאַן — אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ סטאָלער. די מיידלעך האָבן זיך געלערנט שניידעריי.

דער אַרבעטער האָט דעמאָלט געאַרבעט פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט, פאַר אַ קליינעם לוין און אָן שום סאָציאַלע פאַרזאָרגונג. מיט דער צייט האָבן די אַרבעטער, מיט דער הילף פון דער אינטעליגענץ, אָנגעהויבן דורכפירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט — צו פאָדערן אַ בעסערן לוין, 8 שעה אַרבעטס טאָג א.אַ.וו.

אין יאָר 1925, בערך, איז די יידישע פאָלקס־שולע אַריבער אויף אַ מער לינקער אָריענטאַציע, צום „בונד”. די ציוניסטן האָבן געגרינדעט דעם בית־ספר „תרבות”. אַרום דער פאָלקס־שולע האָבן זיך געשאַפן געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע קרייזן ווי דער פּרץ־קלוב און די יידישע ביבליאָטעק אונטער דער לייטונג פון אַברהם פישפיידער (קאָלטשאַק).

געטרייע, אידעאַליסטישע לערער האָבן געפירט אַ לעבהאַפטע, קולטורעלע טעטיקייט און האָבן דערמוטיקט די קינדער, וואָס זענען געקומען, מערסטנטייל, פון אָרעמע הייזער, וואָס זייערע עלטערן זענען געווען אַרבעטער, בעלי מלאכה אָדער קרעמער.

אין דער פאַרוואַלטונג פון דער שולע זענען געווען אַקטיוו געזעלשאַפטלעכע טוער ווי: נחמן סוסעל, שמואל ווארקאָוויצקי, יקותיאל קאָפלמאַן, משה פרץ קאַפּוסטע, שמואל גון, אַלטער שאַמעס, ישראליק און אַברהם פישפיידער, מענדל אזריל, גרשון און פריידע שפירא, יוסי און גיטל פיזנהאָלץ, מאָטל און מאיר קאנדל, אַברהם בעזפּאַלטשיק, שלמה מלמד, שמואליק כץ, ברוך קאס און אַנדערע.

דער־גוטבאַקאַנטער דראַמאַטישער קרייז, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַלטער שאַמעס, האָט געווידמעט די הכנסות פון די טעאַטער־פאָרשטעלונגען פאַר דער שולע, ווייל דער קליינער שכר־לימוד, וואָס די קינדער האָבן געצאָלט, האָט זי ניט געקענט אויסהאַלטן.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָרגאַניזירט דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, וואָס האָט אַרומגענומען די אַרבעטער אין אַלע פאַכן אין שטעטל. אַברהם אייזענבערג איז געווען סעקרעטאַר פון פאַראיין.

אויך האָט זיך געגרינדעט דער האַנטווערקער פאַראיין פאַר בעלי־מלאכה, וואָס האָט אַפילו, פון־צייט־צו־צייט, געקעמפט קעגן די פאָדערונגען פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. דער סעקרעטאַר פון די האַנטווערקער איז געווען אַברהם יצחק קאָס (שוסטער), אַ גוט באַקאַנטער עסקן. מאַני טורעק, טייוול שוחט, ניסל לאבער און אַנדערע האָבן געהערט צום האַנטווערקער פאַראיין.

זייערע פאַרטרעטער אין שטאָט־ראַט (מאַגיסטראַט) זענען געווען: יקותיאל קאָפעלמאַן און סראליק פישפיידער.

די יוגנט אין שטעטל איז געווען פּאָליטיש אויפגעקלערט און אָרגאַניזירט אין איינע פון די ציוניסטישע גרופּירונגען, אָדער אין די לינקע פּאַרטייען. ס׳זענען פאָרגעקומען הייסע דיסקוסיעס אין גאַס, אין לאָקאַל און אָפטמאָל אין שטוב, אין דער אייגענער משפחה ווו ס׳זענען געווען אַזויפיל פּאַרטייען וויפל קינדער...



נחמן סוסעל

נחמן סוסעל איז געבוירן דעם 21־סטן דעצעמבער 1895 אין ראַזשישטש. נאָכן ענדיקן די מיטל־שולע, האָט דער 19־יאָריקער נחמן פאַלאָזט זיין היים־שטאָט ראַזשישטש און אַוועק קיין ווילנע, ירושלים דליטא, פאָרזעצן די לימודים. זייענדיק אַ זון פון אָרעמע עלטערן האָט ער נישט געקענט באַקומען קיין הילף פון דערהיים, און ער איז געווען געצוווּנגען געבן לעקציעס, כדי זיך אויפצוהאַלטן. אָפטמאָל האָט ער זיך באַגנוגנט מיט אַ מאָלצייט פון ברויט מיט עפּל.

זייענדיק אַ פלייסיקער שילער, האָט ער זוכה געווען צו זיין צווישן די 13 יידישע בחורים, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן אין ווילנער לערער־אינסטיטוט, וואָס איז געווען באַוווּסט אַלס אַ מלוכה־אַנשטאַלט.

פון דער פריסטער יוגנט איז סוסעל געווען אַ לינקער פּועלי־ציוניסט. צוליב זיין סאָציאַליסטישע טעטיקייט איז ער פאַרמשפּט געוואָרן אויף פינף חדשים תפיסה. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס נאָך זיין באַפרייאונג פון תפיסה איז ער געוואָרן אַ לערער ביים זון פון זיין פּראָקוראָר, און אים צוגעגרייט צו דער 8־טער קלאַס גימנאַזיע.

אין יאָר 1918, נאָך אַ קורצער צייט דינען אין קערענסקיס אַרמיי אַלס אָפיציר, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, ווו ער ווערט אויסגעוויילט דורך דער קהילה אַלס ראַבינער, „קאַזיאָנער רב”.

אין יאָר 1919 ווען ס׳איז אין ראָזשישטש געגרינדעט געוואָרן אַ ציש״אָ־שולע, איז סוסעל געוואָרן דירעקטאָר פון דער שולע. אונטער זיין השפעה האָט זיך דאָרט אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע קולטורעלע טעטיקייט. אין יענער שולע האָט ער באַגעגנט זיין צוקונפטיקע פרוי און לעבנס־באַגלייטערין, רחל קאַגאַן,



קבלת־פנים פאַר נחמן סוסעל און פרוי רחל אין בית־ראַזשישטש, אָקטאָבער 1971.

וואָס איז דאָרט געווען אַ לערערין. נאָך 6 יאָר פון צוזאַמענאַרבעט איז דאָס פּאָרל סוסעל און זייער קליין טעכטערל געקומען קיין ניו־יאָרק.

דאָ אין ניו־יאָרק, איז סוסעל, ווי אַ געשולטער און גענוטער לערער, גלייך אַנגאַזשירט געוואָרן אין די אַרבעטער־רינג שולן, ווו ער האָט דערצויגן דורות יונגעלייט און מיידלעך. זיינע פּילצאָליקע תלמידים זענען אים ביזן היינטיקן טאָג דאַנקבאַר פאַר דער קולטורעלער ירושה, וואָס סוסעל האָט זיי איבערגעגעבן ביים לעבן. זיין אייגענע טאָכטער, יהודית, דערמאָנט זיך נאָך איצט, אַז זי האָט צו קיינעם קיינמאָל נישט געפילט אַזאַ אָפּשיי און דרך־ארץ, ווי צו איר פאָטער זייענדיק אין קלאַס.

אין ניו־יאָרק האָט די משפחה סוסעל פאָרגעזעצט זייער טעטיקייט אויפן געביט פון קולטורעלן לעבן. שפּעטער מוז סוסעל איבערגעגעבן ביים לעבן. זיין איינציקע טאָכצושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט. ער איז געוואָרן אַן איבערזעצער אויף רוסיש־ענגליש. אויך אין דער אַרבעט האָט ער זוכה געווען צו גרויס אָנערקענונג און געוואָרן זייער אָפּגעשאַצט לויט זיינע פאַרדינסטן.

ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 14־טן מערץ 1970.

כבוד זיין אָנדענק!

די יוגנט איז געווען אומצופרידן מיט דעם צושטאַנד פון שווערע באַגרענעצונגען מצד דער פּוילישער רעגירונג און האָט ניט געזען אין פּוילן קיין צוקונפט פאַר זיך. ארץ־ישׂראל איז געווען פאַרמאַכט פאַר די יוגנט מאַסן. מעגלעכקייטן פון עמיגראַציע אין די ווייטע לענדער — פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, בראַזיל — זענען געווען זייער ווייניק.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער קריג, איז אַ גרופּע אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד און דורכגעמאַכט אַ שווערע צייט אין וואַנדערונג צו פוס און אין געראַנגל צווישן טויט און לעבן ביז זיי זענען געקומען קיין ארץ־ישׂראל. צווישן זיי: משה קלימבורד, צבי אורן (אַלטער סאָסנע), אליהו בירמאַן, משה גייז, שמואל שטאַרקער, אַברהם סעגאַל, הערשל בעקערינג, דוד ווידרע, יצחק וויינער, משה האָכבערג, שמעון טכאָר, ישׂראל שפּיץ (פון סיקילע) און איך משה גראַבאַרסקי.

אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען געבליבן: חיים זילבערשטיין (ווייזט אויס, אומגעקומען אין טורמע), דוד סערטשוק, מאָטל בעקערינג, אַברהם קראַמירס, גדליה שאַמעס, יאָסל גלייזעל און אַנדערע.

אונדזערע וואַנדערונגען איבער רוסלאַנד און אונדזערע איבערלעבונגען אין דער פּוילישער אַרמיי — איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל.



בית־היתומים אין יאָר 1926 און די פאַר־וואַלטונגס־מיטגלידער.

לינקע שטרעמונגען אין שטעטל

הערשל אדוואַק (צבי אודבק)



מירעלע שאַמעס פרייט זיך מיט חברים פון אַמאָל. אינמיטן: הערשל אדוואַק. הערשל, וועלכער איז געווען אַ טיכטיקער מיטגליד אין ראַט פון ארגון יוצאי רוז'ישץ', איז געשטאָרבן אין יאַנואַר 1975, און האָט נישט זוכה געווען צו זעען זיין ארטיקל פאַרעפנט־לעכט אין „ספר רוז'ישץ'".

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אין ראָזשישטש נישט געווען קיין פאַבריקן און נישט קיין גרויסע עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען. דער טאַרטאַק, די קאָוולער מיל און נאָך עטלעכע מילן זענען געווען, כמעט די איינציקע, וואָס האָבן באַשעפטיקט אַ קליינע צאָל אַרבעטער, דאָס רוב נישט־יידן.

די הויפט באַשעפטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען מסחר: סוחרים, וואָס פלעגן קויפן תבואה, „שטיקלעך" ד. ה. בהמות און אַנדערע פּראָדוקטן פון דער לאַנדווירטשאַפט; קרעמער ווי אויך האַנטווערקער — בעלי־מלאכהס און אָנגעשטעלטע.

די אַרבעטער־גרופּירונגען זענען באַשטאַנען פון שניידערס, סטאָלאַרעס און אַנדערע בוי־אַרבעטן.

באיקאָט אויף יידן

די פוילישע אַנטיסעמיטישע אַדמיניסטראַציע האָט פון יאָר־צו־יאָר אַרויסגעשטויסן מער יידן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. דער האַנדל מיט מאָנאָפּאָל־אַרטיקלען איז צוגע־נומען געוואָרן פון די יידישע הענט, אויך אין דער פאַרקער־פאַרבינדונג קאָמפּאַניע קיין לוצק (אָטאָבוסן), האָט מען אַריינגעשטעלט אַ פּאָליאַק. זיי האָבן נישט צוגעלאָזט קיין יידן צו אַדמיניסטראַטיווע און מוניציפּאַלע פּאָסטנס, צו פּעדאַגאָגישע אַרבעט אָדער געזונטהייטס־וועזן (דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער א. אַ.וו.). זייער פּאָליטיק איז געווען די לאָזונג „סוואָי דאָ סוועגאָ".

די יידישע באַפעלקערונג איז פאַראָרעמט געוואָרן און באַזונדערס זענען געווען פאַרצווייפלט די יוגנט פון די האַנטווערקער און קליינהענדלער, פאַר וועלכע אַלע טירן זענען געווען פאַרמאַכט.

ווער ס'האָט געקענט אַנטלויפן אין דער גרויסער וועלט אַריין: קיין אַמעריקע, קאַנאַדע, בראַזיל און ווער ס'האָט געקענט זיך דערשלאָגן און קריגן אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל, איז געווען אַ גליקלעכער און זיינע חברים אין שטעטל האָבן אים מקנא געווען, אָבער נאָר איינציקע האָבן געקענט עמיגרירן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי

אַ טייל פון די אומצופרידענע, ברויזנדע יוגענטלעכע, זענען לייכט בעאיינפלוסט געוואָרן פון די לאָזונגען פון די לינקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דער יידישער פאָלקס־שול, און באַזונדערס די ניי־אַנטשטאַנענע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין שטעטל אין די יאָרן 1923—1924 אונטערן נאָמען: „די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון מערב אוקראַינע".

די פּאַרטיי איז געווען, פאַרשטייט זיך, שטרענג אומלעגאַל. די ערשטע אָנפירער זענען געווען: רחל ווערבע, רחל באַרושעק, משה רויטער, אַברהם אייזנבערג, אשר באָקסער און אַנדערע געטרייע, פאַרברענטע אידעאַליסטן וואָס האָבן באַוויזן מיטרייסן אַ היפּשן טייל פון דער יידישער יוגנט.

די פּאָלקיסטן האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און האָבן זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט דער פאָלקס־שולע, וועלכע האָט דערצויגן די קינדער אין גייסט פון פּראָגרעסיווע און אַרבעטנדיקע מענטשן. צווישן די אַקטיווע זענען געבליבן: לעווינגער, בעזפּאַלטשיק, דאָקטאָר וויסאָצקי, אַברהם־איציק שוסטער און אַנדערע.

אין די יאָרן 1926—1927 האָט זיך אָרגאַניזירט אין דער באָמבע־גאַס דער נאָדל־פאַראיין, וואָס האָט געהערט צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. דער סעקרעטאַר איז געווען אַברהם אייזנבערג און די אַקטיווע חברים זענען געווען: די ניעפּאָמיעשטשיס, מנחם גאַרען, שרה וואָליק און אַנדערע. דער פאַראיין האָט געהאַט פיל דערגרייכונגען, ווי פאַרקלענערן דעם אַרבעטס־טאָג, פאַרגרעסערן דעם לוין א. אַ.וו. אָבער באַזונדערס האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן צו פאַרשפּרייטן די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע: געפירט הייסע דיסקוסיעס קעגן די פרומע און קעגן די ציוניסטן.

נאָך עטלעכע אַרעסטן איז דער פאַראיין פאַרמאַכט געוואָרן אין יאָר 1930. שפּעטער האָט זיך אָרגאַניזירט דער „איאָפּ" (אַלגעמיינע יידישע אַרבעטער־פאַרטיי), וועלכע האָט נישט לאַנג עקזיסטירט לעגאַל. די אַרעסטן אין די יאָרן 1926—1930 און די פאַרפאָלגונגען, סיי קעגן די פאַרדעכטיקע אין קאָמוניזם און סיי קעגן זייערע משפחות, האָבן נישט אָפּגעשוואַכט די השפּעה פון דער קאָמוניסטישער אידעע אויף דער יידישער גאַס. באַזונדערס האָבן געליטן די משפחות: ווערבע, פערלמוטער, חייט און אַנדערע.

עטלעכע אַקטיוויסטן האָבן באַוויזן אַנטלויפן קיין ראַטן־פאַרבאַנד (גנבענען די גרענעץ), ווייל די פוילישע פּאָליציי האָט זיי געוואָלט אַרעסטירן. פון זייערע בריוו, אין די ערשטע צייט, איז געווען גאַנץ קלאָר, אַז זיי, די איבערגעגעבענע חברים פון דער פאַרטיי, זענען פאַרצווייפלט פון דער באַציאונג פון דער סאָוויעטישער מאַכט.

מ'האָט זיי פאַרשיקט אין די שווערע לאַגערן און זיי זענען אומגעקומען, אַזוי אַז קיינער ווייסט ניט ביז היינטיקן טאָג וואָס ס'איז געשען צו זיסקינד גאָרען און לייזער חייט.

די ביטערע אנטוישונג

די ביטערע ווירקלעכקייט האָט באַוויזן, אַז די לאָזונגען — ברודערשאַפט פון אַלע פעלקער, גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן — זענען נישט מער ווי שיינע, פּוסטע ווערטער...

באַלד ווי די סאָוויעטן זענען געקומען אין שטעטל, זענען דערוויטערט געוואָרן די יידישע מיליציאַנטן און אויף זייער אָרט זענען צוגענומען געוואָרן אוקראַינער פון זשאַליבאָווער און טאָפּילנער דערפער.

אַלס פאָרזיצער פון שטאָט־ראַט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַן אוקראַינער פון דאָרף טיכאָטין. מאָטל ווערבע, וועלכער איז געווען פון די געטרייסטע אַקטיוויסטן, און זיין משפחה האָט שטאַרק געליטן פון די רדיפות פון דער פוילישער פּאָליציי, איז באַזייטיקט געוואָרן פון זיין אַמט אַלס פאָרזיצער פון אינוואַלידן קאָאָפּעראַטיוו, וועלכן ער האָט אָרגאַניזירט.

אויף זיין אָרט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַן אוקראַינער, אַן אַנטיסעמיט, אַ שיכור, וואָס האָט זיך אָפן אַרויסגעזאָגט קעגן דער יידישער אָנפירערשאַפט פונעם קאָאָפּעראַטיוו.

שוין אין יאָר 1940 האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע באַשולדיגונגען קעגן די געוועזענע קאָמוניסטישע פאַרטיי־מיטגלידער, כלומרשט אויפן עקאָנאָמישן געביט.

גלייכצייטיק זענען געפירט געוואָרן געריכטלעכע פּראָצעסן קעגן אַסאַך יידישע אָנגעשטעלטע און עטלעכע משפחות זענען פאַרשיקט געוואָרן, אונטער דער באַשולדיקונג, אַלס געוועזענע קאַפּיטאַליסטן. חיים און מאָטל גרינבוים, וואָלף טעפער און אַנדערע — געוועזענע טרייע אידעאַליסטן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי זענען זייער אַנטוישט געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער מאַכט אין רוסלאַנד.

וואָס די פוילישע פּאָליציי, די רדיפות אויף אונדזערע משפחות, די לאַנגע יאָרן טורמע אין דער לאַגער קאַרטוז־בערעזאַ האָבן נישט באַוויזן — האָט די ווירקלעכקייט אין סאָוויעטן פאַרבאַנד באַוויזן — צו איבערצייגן, אַז ס'איז דאָ נאָר איין וועג פאַר יידן — צו בויען זייער אייגענע, היסטאָרישע היים מיט זייערע אייגענע הענט — ווייל „אם אין אני לי — מי לי?"

און די אַלע, וואָס האָבן געוואַנדערט איבער רוסלאַנד, האָבן טאַקע באַלד נאָך דער מלחמה געפונען דעם וועג קיין ארץ־ישראל.



שתי חברות

דער טעאַטער

אבנר שרון



די אַרטיסטן אַלטער שאַמעס, פייסי קלימ־באָרד און יאָסל לינדן — די גרינדער פון יידישן טעאַטער אין שטעטל.

דער טעאַטער אין ראָזשישטש איז געווען אַן אָרטיקע, אייגנאַרטיקע שאַפונג, וואָס האָט אַרומגענומען אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט און, אָפטמאָל, מיטגעריסן כמעט דאָס גאַנצע שטעטל, סיי אין באַגייסטערונג און סיי אין פּאָלעמיק איבער די ווערק פון די יידישע און נישט־יידישע שרייבער, וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער בינע דורך די אַרטיסטן־אַמאַטאָרן, מיט טאַלאַנט און ענטוזיאַזם.

די גרינדער זענען געווען צוויי באַגאַבטע יונגעלייט, באַקאַנטע און באַליבטע אין שטעטל: פייסי קלימבאָרד און אַלטער שאַמעס.

אין אָנהויב האָבן זיי געפירט זייער טרופּע צוזאַמען. שפּעטער האָבן זיי זיך אָפּגעטיילט: אַלטער איז געוואָרן דער רעזשיסאָר פון די „פּאָלקיסטן", די טרופּע וואָס האָט געווידמעט אירע הכנסות דער יידישער פאָלקסשול.

פייסי איז געווען דער רעזשיסאָר פון די „ציוניסטן", די טרופּע וואָס האָט געשפּילט פאַרן בית־יתומים, „תרבות" און אַנדערע קולטורעלע־פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

זיי האָבן נישט געלערנט אין אַקאַדעמיעס פון טעאַטער־קונסט, אָבער מיט זייערע נאַטירלעכע פעאיקייטן און וווּנדערבאַרע אינטואיציע איז זיי געלונגען אויסצופירן פאָרשטעלונגען, קאָמישע און טראַגישע, אויף אַ הויכן ניוואָ, פון וועלכע דער עולם אין שטעטל האָט „געלעקט די פינגער"...

יעדע פאָרשטעלונג איז געווען אַ געשעעניש אין שטעטל. מ'האָט דיסקוטירט איבער די פּראָבלעמאַטיק פון דער דראַמע, מ'האָט געזונגען די לידלעך און מ'האָט גערעדט מיט גרויס כבוד וועגן דעם אַרטיסט, אָדער אַרטיסטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף דער בינע, אין זינגען אָדער אין שפּילן.

צענדליקער יוגנטלעכע האָבן מיטגעהאָלפן צונויפשטעלן די דעקאָראַציעס, פאַרקויפן די בילעטן, אָנטיילנעמען אין שפּיל און טאָן אַלץ, כדי פאַררעכנט צו ווערן אַלס מיטגליד אין דער טרופּע.



דער דראַמאַטישער קרייז שטעלט פאָר די פּיעסע „דער אורטייל" (1934).

מ׳פלעגט שפּילן אין גאָרנשטיינס זאַל און אַמאָל אין דער „פּאָזשאַרנע״. פאַר איין זלאָטי האָט מען געקויפט אַ בילעט אין דער „גאַלאָרקע״, געזעסן אין ענגשאַפט און צוגעהערט זיך צו די „ריעטשען״ פון אַלטערן, פייסין, אָדער די „חכמות״ פון באַגאַבטן לובע קלימבאָרד (פייסיס ברודער), פון די טאַלאַנטפולע גדליה און מענדל שאַמעס (אַלטערס פלימעניקעס) און אַסאַך אַנדערע.

אַמאָל האָט דער עולם אין דער „גאַלאָרקע״ שטיל מיטגעשטימט און אַמאָל הויך פּראָטעסטירט... דאַן הערט זיך אַברהם קאָלטשאַקס געשריי: „טישאַ גאַלאָרקאַ!״ — און ס׳ווערט שטיל.

אויף צומאָרגנס האָט מען געקענט הערן זינגען פון די באַשיידענע, אָרעמע הייזלעך:

„הוליעט, הוליעט קינדערלאַך
כל זמן איר זענט נאָך יונג,
פונ׳ם ווינטער ביזן פרילינג
איז אַ קאַצן שפּרונג״

אָדער:

„יידן בני רחמנים
אַ גוט האַרץ איז דאָ ביי אייך...״

דער פּשוטער עולם האָט געפילט, אַז די אַרטיסטן דרוקן, אייגנטלעך, אויס אַזוי שיין זייערע געפילן, שטרעבונגען, ליבעס, אַנטוישונגען א.אַ.וו. — און דערפאַר האָבן זיי מיטגעלעבט און איבערגעלעבט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אויף דער בינע.

די פרומע זענען נישט געווען צופרידן פון די נייע געדאַנקען, וואָס ס׳ברענגט אַריין דער טעאַטער און פלעגן אים רופן „טריאַטער״...

פון־צייט־צו־צייט פלעגן קומען פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס פון וואַרשע און ווילנע — אָבער דער עולם האָט ליב געהאַט זיינע „ליובּיטיעלעס״ — אַמאַטאָרן שפּילער.

ביי אַנדערע פעלקער וואָלט מען פאַר די פאַרדינסטפולע פייסי קלימבאָרד און אַלטער שאַמעס געשטעלט דענקמעלער, אָבער זייער גורל איז געווען ביטער, ווי דער גורל פון אַלע יידן אין שטעטל.

זאָלן די שורות זיין אַ צייכן, אַז זיי און זייער גורל זענען נישט פאַרגעסן געוואָרן; אַז זייער קול קלינגט אין אונדזערע אויערן פון דער ווייטער קינדהייט און זייער גורל קאָכט אין אונדזער בלוט אָן אויפהער.

אברהם קאלטשאק דער לץ

זיין אמתער נאָמען איז געווען אברהם פישפעדער, אָבער מען האָט אים גערופן ,,קאָלטשאַק״, צוליב זיין ריזיקן אויסזען און מיטן אייביקן שטעקן אין האַנט, ווי דער רוסישער גענעראַל קאָלטשאַק.

געווען איז ער אַ היטלמאַכער און פאַר־דינט האָט ער ,,וואַסער אויף קאַשע״, אָבער פריילעך איז ער געווען שטענדיק; פול מיט הומאָר און באַליבט ביי יעדן איינעם אין שטעטל.

ער פלעגט זיך רייצן מיט די ראָזשישטשער גבירים און זיי דראָען:

גערענקט גבירים, ס׳וועט קומען אַ צייט אויף אייך, זאָלן נאָר ,,אונדזערע״ קומען. ,,אונדזערע״ האָט ער געמיינט די רוסן און קאָמוניסטן.

ענדלעך איז זיין חלום פאַרווירקלעכט געוואָרן. די רוסן זענען געקומען קיין ראָ־זשישטש און ס׳איז געוואָרן אַן אמת׳ער חורבן. מ׳האָט צוגענומען ביי די סוחרים זייערע געשעפטן און אויך ביי אַברהמ׳ען האָט מען צוגענומען זיין היטל־געשעפט.

די געוועזענע גבירים האָבן באַלד באַקומען גוטע שטעלעס, אָבער אים איז געווען ביטער און פינצטער. ער האָט ווייטער געמוזט אַר־בעטן שווער אין אַ היטל־קאָאָפּעראַטיוו און ער האָט ווייטער פאַרדינט ,,וואַסער אויף קאַשע״...

ווען די גבירים האָבן זיך אָנגעהויבן רייצן מיט אים:

,,נו, אברהמ׳לע, ווו זענען אונדזערע?״ האָט ער זיי געענטפערט:

,,וואַרט, דידאַזיקע רוסן זענען געקומען מיט טאַנקן, אָבער ,,אונדזערע״ גייען צופוס — פון מאָסקווע...״

מענדל שאמעס, קאנאדע



דער דראַמאַטישער קרייז ביי דער פאָלקס־שולע פירט אויס די פאָרשטעלונג ,,ווו זענען מיינע קינדער״ (1924).

דער דראַמאַטישער קרייז

מענדל שאַמעס, קאַנאַדע

ראָזשישטש, אַ קליין שטעטעלע אין וואָלין, געפינט זיך נישט אַפילו אויף דער מאַפּע: צווישן קאָוועל און לוצק און קאָפּעטשיווקע אין דערמיט, פון וואַנען עס האָט געפירט אַ וועג קיין ראָזשישטש.

דער שאָסיי ברוקירט מיט גרויסע שטיינער. אַז מען איז געפאָרן מיט אַ פור, האָט עס אַרויסגעטרייסלט די קישקעס. דער וועג האָט זיך געצויגן ביז דעם באַרג ביים באָק. די זייטיקע געסלעך זענען געווען פול מיט גריבער און גרויסע בלאָטעס.

גרוי און איינזאַם האָט אויסגעזען ראָזשישטש אויסערלעך, אָבער אינערלעך איז עס געווען פול מיט לעבן און שיינקייט. עס האָט געווימעלט מיט מענטשן און מיט געזעל־שאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט.

ראָזשישטש איז געווען פול מיט שולן און אינסטיטוציעס: די יידישע פאָלקסשולע, דער „תרבות", די ישיבה „בית־יעקב", קינדער־גאָרטן, פוילישע שולן, יידישער קלוב, יידישע און העברעאישע ביבליאָטעקן און אַסאַך אָרגאַניזאַציעס: פאָלקיסטן, ציוניסטן, קאָמוניסטן, בונדיסטן, „מזרחי" און אַלע אַנדערע, וואָס זענען געווען באַקאַנט אין פוילן; דער האַנטווערקער פאַראיין, קליינהענדלער פאַראיין, סוחרים פאַראיין א.אַ.וו.

צווישן די אַלע אָרגאַניזאַציעס און פאַראיינען האָט פאַרנומען אַ זייער בכבודיק אָרט דער דראַמאַטישער קרייז ביי דער יידישער פאָלקסשולע. ער האָט אַריינגעבראַכט אין שטעטל קולטור־לעבן און פריילעכקייט. דער אָרגאַניזאַטאָר פון קרייז איז געווען מיין פעטער אַלטער שאַמעס. די ערשטע פאָרשטעלונג איז געווען „די באָבע יאַכנע"; די שפּילער: פייסי קלימבורד, יאָסל לינדן, אַלטער שאַמעס, ראובן פעלדמאַן, שמיליק גון, ראָניע ראָטנשטיין, קלאַראַ קאַצאָווסקי, פריידע פּאָטאַשניק און אַנדערע.



דראַמאַטישער קרייז ביי דער פאָלקסשולע, שפּילער און סימפּאַטיקער: משה פערל, מאָטל גארבוז, זיסיה זאַפּראַן, פופע גינזל, אַברהם בוימל, וואָלאָדיע צוקערמן, מענדל פישמאַן, שלמה מלמד, גדליה שאַמעס, שמוליק כץ, (—), דיקמאַן, (—), שרה פוגאַטש, בתיה בוים, טייבל דיקמאַן, בתיה דיכטער, בתיה פליישער, אָדעל גרינשפּאַן, שמואל זבאראשעווסקי; מאָטל קאַנדל, גרשון שפּירא, פריידע שפּירא, אַלטער שאַמאס, ריבה קאפּיט, יאסי פּיזנהאַלץ, סאניע פּיש־מאַן; חנה קאַפּוסטע, שלמה נאטשיטש. ביי דער פאָרשטעלונג „די סדר נאַכט" אין אפּריל 1929.



דער טעאַטער פּירט אויס די פּיעסע „די 41סטע נאַכט" (1934).

נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן אַלע געוואָלט ווערן אַרטיסטן און געהערן צום קרייז. די צווייטע פאָרשטעלונג: „ווו זענען מיינע קינדער?" די אַרטיסטן: אַלטער שאַמעס, יאָסי פיזנהאָלץ שטשאָגעל, שמוליק כץ, אייזנבערג, ליבערמאַן, משה שאַראַפּאַנקער, אַברהם פישפיידער, פּאָטאַשניק, ברוך קאָס, מאיר קאַנדל, מאָטל וואָליק, מאיר באָקסער, ראָניע ווערבער, קאָפּיט, פריידע פּאָטאַשניק, מאַליע וואָליק און אַנדערע.

אויך די פאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ גרויס דערפאָלג. דער קרייז איז געווען מער אַקטיוו, אַלע זעקס וואָכן אַ נייע פאָרשטעלונג: „דאָס פּינטעלע ייד", „גאָט, מענטש און טייוול", „טוביה דער מילכיקער".

אַלטער שאַמעס, דער רעזשיסאָר, האָט צוגעצויגן נייע כוחות און דאָס שטעטל האָט אויפגעלעבט. גרויסע יידישע אַרטיסטן פון פוילן פלעגן קומען שפּילן מיט אונדזער דראַמאַטישן קרייז. די הכנסה איז געווען געווידמעט צו שטיצן די פאָלקסשולע.

אין דער צייט האָט זיך פייסי קלימבורד אָפּגעריסן פון יידישן קרייז און געגרינדעט אַ באַזונדערע טרופּע. פון־צייט־צו־צייט פלעגן זיי שפּילן אין פאָזשאַרנע. די ערשטע פאָרשטעלונג איז געווען „7 געהאָנגענע". ס'האָבן געשפּילט: פייסי קלימבורד, לובע קלימבורד, משה קלימבורד, מוניע קלימבורד, אברהם פעלצמאַן, קלאַראַ קאָצאָווסקי, ראָניע ראָטנשטיין, מנשה פען און אַנדערע. די הכנסה איז געווען געווידמעט דעם בית־יתומים.

שפּעטער האָט מיין ברודער, גדליה שאַמעס, געגרינדעט אַ יוגנט־קרייז ביי דער פאָלקסשולע — צו שפּילן רעוויעס: באַסיע (בתיה) בוים, העניע שאַמעס, עלקע לאַנגער, באַסיע (בתיה) דיכטער, טשארנע קאַפּוסטע, חנא קאַפּוסטע, אַלטער כאָסנע, בינעם פּיווען, נוח קאָס, מענדל שאַמעס, משה גראבארסקי, אהרון ריוועץ. די ערשטע רעוויע: „אויפן הימל אַ יאַריד". די דעקאָראַציעס זענען געווען זייער שיין און עס איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

דער קרייז האָט געשפּילט: „דער 41־סטער", „דער אורטייל", „צוויי ברידער", „דער דיבוק". ס'האָבן אָנטייל גענומען: אַלטער שאַמעס, יאָסקע פיזנהאָלץ, שמיליק באָרשעווסקי, נאטשיטש, שפּירא, חנא קאַפּוסטע, גדליה שאַמעס, אַלטער סאָסנע, מענדל שאַמעס, נוח קאָס, בינעם פּיווען, ריווע קאָפּיט, גיטל פיזנהאָלץ, באַסיע בוים, עלקע לאַנגער, העניע שאַמעס. אויך האָבן באַלאַנגט צום קרייז: מענדל פישמאַן, שלמה מלמד, סאָניע פישמאַן, באַסיע דיכטער, מאָטל קאַנדל, פריידקע סאָסנע.



דריי חברות: איטע שער, מירעלע חייט (קאַנאַדע) און דינצע לעבערמאַן (ישראל).

אַזוי האָבן די קרייזן געאַרבעט, מיט יאָרן צוריק, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַלטער שאַמעס און גדליה שאַמעס.

דערנאָך האָב איך געגרינדעט אַ יוגנט־קרייז ביים האַנטווערקער פאַראיין, צו וועלכן ס׳האָבן באַלאַנגט אַלע מיינע חברים און חברות פון דער שולע. מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ רעוויע און האָבן געשפּילט אין לאָקאַל פון האַנטווערקער פאַראיין.

אַ דאַנק דעם גרויסן דערפאָלג, האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן אַ פאָרשטעלונג אין גאָרנשטיינס טעאַטער. איך האָב איבערגעזעצט אַ פּיעסע פון פּויליש אויף יידיש. „ציגיי־נער ליבע" איז געווען דער נאָמען. די הויפּט־ראָלע האָט געשפּילט זיסיע קלימבורד. ס׳איז געווען אַ גרויסע הצלחה.

פּלוצלינג איז אויסגעבראָכן די מלחמה. די רוסן זענען אַריין קיין ראָזשישטש. די יוגנט האָט זיך פאַרלוירן. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן עפּעס צו טון, כדי אָנצוהאַלטן די יידישע קולטור.

איך, מענדל שאַמעס, נח קאָס און הערשל טורעק האָבן אָרגאַניזירט אַ גרויסן יידישן כאָר. דער דיריגענט איז געווען ראובן פעלדמאַן. ס׳האָבן באַלאַנגט צום כאָר די יוגנט פון אַלע אָרגאַניזאַציעס — 120 מענטשן. ס׳איז געוואָרן דער בעסטער כאָר אין וואָלין און מיר האָבן באַקומען אַן אויסצייכנונג פון וואָלינער מוזיקאַלישן אינסטיטוט אין לוצק.

דער כאָר איז אויסגעקליבן געוואָרן צו פאָרן קיין קיעוו דאָרט אַרויסטרעטן, אָבער ליידער, איז די מלחמה אויסגעבראָכן און עס איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

דער גרעסטער טייל פון דער יוגנט איז אומגעקומען און די רעשט זענען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט.

פאַר די, וואָס זענען לעבן געבליבן, און וועלן לייענען אונדזער בוך, וועלן זיי נאָכאַמאָל דורכלעבן, מיט מיר צוזאַמען, אַ קאַפּיטל געשיכטע פון ראָזשישטש און זיך דערמאָנען אין זייערע גאָלדענע יוגנט־יאָרן.

פאַר די, וואָס זענען שוין מער ניטאָ — זאָל דאָס זיין אַן אָנדענק פאַר זייער נאָמען, פאַר אידעאַליסטישע, יידישע קינדער, וואָס האָבן זיך באַמיט אַריינברענגען אַ ביסל שיינקייט אין טאָגטעגלעכן לעבן. זיי האָבן געחלומט און געשטרעבט צו אַ שענערער וועלט און נישט זוכה געווען צו דערלעבן דעם סוף פון דער פינצטערער עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע.



ביילה פלאש אין חתונה־טאָג מיט טוביה פערעל (1938).



מירל און מענדל שאַמעס בעת זייער צווייטן באַזוך אין ישראל. אויפגענומען אין בית־ראָזשישטש, זומער 1972.

אין אנדענק פון מיינע טייערסטע

באב געלערשטיין, ניו־יאָרק



באב געלערשטיין ווערט באַגריסט אין בית־ראַזשישטש בעת זיין פערטן באַזוך אין ישראל אין מאי 1970. נעבן אים — דזשעק גאַרבוז פון ניו־יאָרק.

דער טאָג איז דער 8־טער יאַנואַר 1975 און איך וויל פּרוּוון אַרויסברענגען מיינע זכרונות און געדאַנקען אויפן פּאַפּיר.

ווי אַזוי באַשרייבט מען אַ פאַרגאַנגנהייט, ווען מ׳בלייבט איבער איינער אַליין פון אַ פאַרשפּרייטער משפחה? וואָלט איך געווען אַ מייסטער פון פען, וואָלט איך ביכער געשריבן. איך וועל מיך באַמיען, אין מיין מאַמע־לשון, צולעגן מיין פּערזענלעכן ציגל צו דער געביידע וואָס הייסט „ספר־ראָזשישטש״.

דאָס שטעטל, ווו איך האָב מיינע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט, געלערנט, די אָרגאַני־זאַציעס געגרינדעט און געהאָלפן גרינדן, פון וואַנען איך בין אין ראָוונער ישיבה געפאָרן און שפּעטער אין קיבוץ־הכשרה אין דאָמבראָוויץ און קיין אַמעריקע געפאָרן. שוין אַריבער פערציק יאָר...

ס׳איז נישט קיין לייכטע זאַך אַרויסשעפּן פון דער טיפקייט זייער אָנגעווייטיקטע זכרונות און זיי אויסדריקן אין אַ שפּראַך, וואָס צום באַדויערן, איך נוץ זייער ווייניק. אָבער איך בין זיכער, אַז מיינע חברים וועלכע גיבן זיך אָפּ מיטן רעדאַגירן דעם „ספר־ראָזשישטש״, וועלן פון מיין שרייבן שוין מאַכן אַ טאָלק.

דער רב ר׳ משה׳לע האָט געהאַט דריי זין און צוויי טעכטער. דער זון הענעך האָט געהאַט אַ שיך־געשעפט. דער צווייטער זון, מאיר, און די טאָכטער, ריקל, האָבן געהאַט אַ געשעפט פון שרייב־מאַטעריאַל און ביכער. דער דריטער זון, אהר׳לע, איז געווען דעם פאָטערס שטאָלץ און האָט געזאָלט ירשנען דעם כס־הרבנות. ער האָט זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט לערנען און באַקומען היתר־הוראה.

אין זכות פון קאַשיווקער רבי׳ן...

מיר זענען געווען אין שטעטל ראָזשישטש 4 ברידער און 2 שוועסטער. גערופן האָט מען אונדז אויף דער מאַמעס נאָמען: מאַטילס קינדער.

מיין עלטערער ברודער, שלמה מאַטילס, האָט זיך געדאַרפט שטעלן צו מיליטער־דינסט אין דער „פריסודסטווע" אין לוצק. ס׳איז אויסגעפאַלן דעם 16־טן יוני 1912, שבת־שבועות. איז ער געפאָרן מיט דער בויד (קאַרעטע) פרייטיק.

אין לוצק האָט געוווינט מיין שוועסטער ברכה קולינער. זי האָט געהאַט גוטע באַ־קאַנטע, וואָס האָבן געקענט דעם „וואָיענ־סקי נאַטשאַלניק", און אַז מ׳האָט אים געגעבן הונדערט רובל, האָט אַמאָל געהאָלפן און אַמאָל ניט.

ביי אונדז אין שטוב איז דער שבועות געווען תשעה־באב...

נאָך מיטאָג האָט מיין מאַמע, עליה השלום, מיך גענומען און געגאַנגען אויפן באַרג אין קאַשיווקער שילכל. מיין מאַמע איז צוגעגאַנגען צום ארון־קודש, געעפנט דעם פרוכת און זיך ביטער צעוויינט און געשריגן: „הייליקע ספרים, העלפט מיר, מיין זון גייט אַוועק אין גוישע הענט!!!"

פלוצים איז אַריינגעקומען דער קאָשיווקער רבי און געשריגן צו מיין מאַמען:

„מאַטיל, וואָס וויינסטו? שבת טאָר מען ניט וויינען".

מיין מאַמע פאַרברעכט די הענט:

„הייליקער צדיק, מיין זון גייט אַוועק אין גוישע הענט, ראַטעוועט!"

זאָגט איר דער רבי:

„מאַטיל, נעם דיין קינד און גיי אַהיים. ווען דו וועסט קומען אַהיים, וועסטו טרעפן אַ טעלעגראַם, אַז דיין זון האָט געקריגן אַ „סטראַטשקע" אויף אַ יאָר..."

און אַזוי איז געווען. ווען מיר זענען געקומען אַהיים, איז דער פּאָטשטיליאָן אונדז אַריינגעקומען. ער האָט געבראַכט די גוטע בשורה.

צאלי מלמד־יעקבי, קאנאדע



צאלי מלמד־יעקבי (קאַנאַדע).

דער רב משה'לע און זיין זון אהרן האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער רעליגיעזער פּאַרטיי „אַגודת ישראל". אַהרן האָט אַפילו אָרגאַניזירט אַ גרופּע יונגע בחורים אין אַ קרייז מיטן נאָמען „תפארת בחורים". אין דעם קרייז זענען געווען חברים: שייקע שאפיר, שלמה סקורניק, יאָסל גוראלניק און פישל קאצאן.

אהר'לע, פישל און שייקע זענען געווען די לעצטע בית־מדרש־זיצער אין שטאָט. זיי האָבן געהיט אַז די גחלת־התורה זאָל נישט ווערן פאַרלאָשן. אָבער אין דער צייט וואָס אַהר'לע האָט זיך אָפּגעגעבן בלויז דער תורה האָבן פישל און שייקע אויך גע־האַנדלט. פישל האָט געהאָלפן זיינע עלטערן און שייקע האָט געהאַנדלט מיט תבואה. אָבער די נעכט זענען געווען געווידמעט דער תורה און גאַנצע נעכט האָט מען געקענט זעען די דריי בחורים אין בית־מדרש לערנען צוזאַמען.

אין די לעצטע יאָרן, בעת דער פּוילישער מאַכט, האָט דער רב ר' משה'לע געפירט די עווידענצן פון דער קהילה. ער האָט זיך גערעכנט אַלס „אָפיציעלער" רב פון דער קהילה.

דער רב איז געווען באַקאַנט פון זיינע דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן אין שול אין די שבתים און ימים־טובים. לאַנגע יאָרן האָט דער רב געשריבן זיין ספר „דברי משה", וואָס אַנטהאַלט אַ זאַמלונג פון זיינע דרשות. דער העברעאישער שרייבער און דערציער אלעזר שמאלי, וואָס שטאַמט פון ראָזשישטש, האָט מיר דערציילט, אַז ער געדענקט פון די קינדער־יאָרן, ווי די רביצן און די בני־בית פלעגן זיך בעטן ביי די אַריינגייער צום רב אין שטוב, אַז זיי זאָלן זיין רואיק, כדי נישט שטערן דעם רב ביים שרייבן זיין ספר:

„שאַ, שאַ, דער רב שרייבט אַ ספר..."

איין עקזעמפּלאַר פון ספר „דברי משה" האָט געבראַכט אין ביבליאָטעק פון בית ראָזשישטש אין תל־אביב אונדזער חבר סאָל מילער (מלמד) פון קאַנאַדע. ער האָט דאָס ספר געזען ביי ל. באקסער אין ברוקלין, און אים געבעטן דאָס שפּענדן דעם ארגון יוצאי רוז'ישץ' אין ישראל. דאָס בוך איז אַלץ וואָס ס'איז פאַרבליבן פון דער גאַנצער טייערער משפחה.

אויך פון דער פאַמיליע פון רב ר' אַברהם־בער גיטמאַן איז קיינער נישט געבליבן.

שולן און בתי־מדרשים

משה געלער

ראָזשישטש האָט געהאַט ביי צען שולן און בתי־מדרשים, וווּ אַלע יידן פון שטאָט האָבן געדאַוונט און הונדערטער יידן האָבן געלערנט צווישן מנחה און מעריב און אין פרייע צייט אין שבת און ימים־טובים. אויך זענען אין שטעטל געווען צענדליקער מנינים, ווי ס׳האָבן זיך גרופּירט יידן פון געוויסע פּראָפעסיעס און ספּעציעל — פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. מיר ברענגען דאָ אַ באַשרייבונג פון די הויפּט־שולן אין שטעטל.

די גרויסע שול

די גרויסע שול איז געשטאַנען אין צענטער פון שטאָט, אין דער הויפּט־גאַס, דריטער מאַי. דאָס איז געווען אַ גרויסער הילצערנער בנין, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך דער שריפה פון דער גרויסער שול אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. במשך פון לאַנגע יאָרן האָבן די געטרייע מתפללים געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו בויען אַ געביידע פון געברענטע ציגל און אויפשטעלן אַ גרויסע פּרעכטיקע שול.

פּאַמעלעך זענען געוואַקסן די ציגעלנע ווענט אַרום דער הילצערנער געביידע. פון־יאָר־צו־יאָר זענען געוואַקסן די ווענט מיט דער הילף פון די „נדרים" בעתן עולה־תורה זיין אין די שבתים און ימים־טובים, ווי אויך פון שפּענדונגען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

די בויערס האָבן נישט זוכה געווען צו זעען דעם סיום פונם בנין און צו דערלעבן דעם לאַנג־דערוואַרטעטן חנוכת־הבית. ווען די נאַציס זענען אַריין אין שטעטל האָבן די אוקראַינער פאַנאַנדערגענומען די ווענט און מיט די יידישע אויסגעווייינטע ציגל אויסגעבויט זייער „צערקווע" אויף דעם גרויסן פּלאַץ הינטער די „צען קלייטן". אויך זייער צערקווע איז אָפּגעברענט געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אָבער ווי האָבן נישט געמאַכט קיין שום אָנשטרענגונגען איר צוריק אויפצובויען.

אין דער גרויסער שול האָבן געדאַוונט יידן פון אַלע טיילן שטאָט. דער רב, ר׳ אַברהם־בער גיטמאַן, האָט דאָרט געדאַוונט. צווישן אירע גבאים זענען געווען אָנגעזעענע יידן פון שטאָט, ווי ר׳ בענצי פישמאַן, ר׳ שלמה קלימבאָרד, ר׳ שלמה שניידער, ר׳ יענקל טייטלבוים (דער בלעכער). ר׳ שלמה קלימבאָרד איז אויך געווען אַ גוטער בעל־תפילה און פלעגט ראש־השנה דאַוונען מוסף פאַרן עמוד.

ווען ס׳איז געקומען אין שטאָט אַ חשובער בעל־דרשן, אַ באַרימטער חזן, שליחים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אָדער רעדנער פון פאַרשידענע פּאַרטייען ערב וואַלן, פלעגן זיי אַרויסטרעטן אין דער גרויסער שול. ביי אַזעלכע פאַלן פלעגן יידן שטראָמען פון אַלע שולן און בתי־מדרשים אין שטאָט צו הערן די חשובע געסט.

בעל קורא אין דער גרויסער שול איז געווען ר׳ משה פּעטרושקא (דער שוחט).

צווישן די שטענדיקע מתפללים זענען געווען: שמואל שוואַרצבלאַט, יחיאל ווילקאָמירסקי, יצחק געלער, שמואל גאָן, משה קאַנדעל, אבא בראַקער, פּייסי אינזעל (דער רימער), און הונדערטער אַנדערע יידן, וועמענס נעמען זענען שוין פאַרגעסן געוואָרן.

די טריסקער שול

דאָס איז געווען אַ נייער בנין, פון די צוואַנציקער יאָרן, אַ דאַנק דער תרומה פון יוסף ערליך פון אַמעריקע. וועלכער האָט אָפּגעשריבן אין זיין צוואה אַ סומע געלט אויף אויפצובויען אַ נייע שול פאַר די טריסקער חסידים.

חזנים און בעלי־תפילה

אין די ראָזשישטשער שולן פלעגן פאַרן עמוד אויפטרעטן בעיקר בעלי־תפילה; חזנים, כלומר אַזעלכע וואָס האָבן געלעבט בלויז פון חזנות, איז אין שטעטל געווען זייער ווייניק.

ר׳ דוד חזן

אין בית־מדרש האָט אין זיינער צייט געדינט אַלס חזן ר׳ דוד חזן. ער איז געווען זייער פּאָפּולער אין שטעטל. ער האָט מיט זיין אָנגענעמע שטימע צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל מתפללים אין בית־מדרש. אים האָבן צוגעהאָלפן צוויי „משוררים": זיינע זין אורצי און לייבל. אייניקע וואָכן פאַר די ימים־נוראים האָט מען געקענט הערן אין שול־געסל דעם „כאָר" מאַכן רעפּעטיציעס פון „כל נדרי", „יעלה" און אַנדערע תפילות. דער חזן ר׳ דוד האָט געוווינט אין בנין פון בית־מדרש. ער איז יונג געשטאָרבן.

ר׳ שמריה פליישער

נאָך ר׳ דוד׳ס פּטירה איז ר׳ שמריה קצב (פליישער), וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע און זיסע שטימע, געוואָרן דער באַליבטער בעל־תפילה אין בית־מדרש. די יוגנט, וואָס האָט ליב געהאַט גיין פון שול צו שול הערן אַלע חזנים, האָט בעיקר ליב געהאַט הערן ר׳ שמריה פליישער דאַוונען שחרית.

ר׳ וועלוול וויינער

ר׳ וועלוול שוחט (וויינער) איז געווען באַקאַנט אַלס גוטער בעל־תפילה, וועלכער האָט שטאַרק מדקדק געווען אין אַרויסזאָגן דייטלעך די ווערטער. אויך איז ער געווען באַהאַוונט אין מוזיק. מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז ער קען לייענען נאָטן.

אין דער לעצטער צייט האָט ער געדאַוונט אין דער טריסקער שול. אויך ער האָט זיך באַנוצט מיט זיינע זין אַלס „משוררים". באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דעם „כאָר" זיין זון מאיר, וואָס האָט מיט זיין זיסע שטימע געפאַנגען די הערצער פון די מתפללים.

נאָך איצט קלינגט אין מיינע אויערן דער קול פון וועלוול בעת קבלת־שבת: „ארבעים שנה אקוט בדור..." און דער קול פון זיין זון מאיר אין די ימים־נוראים: „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר..."

ווען ס׳האָט אַמאָל פּורים די ישיבה פאַרגעשטעלט „מכירת יוסף" אין זאַל פון די

פייערלעשער, האָט די הויפּט־ראָל פון יוסף הצדיק געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג מאיר, דער זון פון ר' וועלוול וויינער.

ר' אברהם בערגל

צווישן די באַקאַנטע און פּאָפּולערע בעלי־תפילה אין טריסקער שטיבל איז אויך גע־ווען ר' אברהם בערגל — אַ רייכער פעל־סוחר. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע שטימע, וואָס איז ספּעציעל געווען צוגעפּאַסט צו דאַוונען שחרית אין ימים נוראים: „ה־ה־המלך..."

ר' מאָטל פּאַטיכע

ראַזשישטשער איינוווינער האָבן אויך ליב געהאַט הערן ר' מאָטעלע פּאַטיכע, וואָס האָט געהאַט אַ ווייכע מעלאַדישע שטימע. ער פלעגט לרוב דאַוונען „מוסף" אין די ימים־נוראים אָן שום אָנשטרענגונג, אפילו יום־כיפור נאָך אַ גאַנצן טאָג פאַסטן.

אריה־לייב האַכמאַן

ס'איז אויך גאַנץ אָפט אויפגעטרעטן פאַרן עמוד אריה־לייב האַכמאַן. ער איז געווען אַ סוחר פון הילצערנע פעסלעך (אַ באַנדער). די פעסלעך פלעגט ער פאַרקויפן אויף די ירידים אין די שטעטלעך פון דער אומגעגנט.

בעזי רויז

ס'איז אין שטעטל געווען נאָך אַ בעל־תפילה מיט אַ שטאַרקע שטימע, בעזי רויז. אָבער היות ער פלעגט ראַזירן זיין באָרד האָט מען אים נישט צוגעלאָזט צום עמוד. ער פלעגט לאָזן הערן זיין שטאַרקע שטימע, באין ברירה, פון דער צווייטער עק שול, פון „פּאָליש". דאָרט פלעגט ער שטיין צו־זאַמען מיט די „יונגע", וואָס האָבן גערן אים געהערט, מער ווי דעם חזן וואָס איז אין דעם מאָמענט געשטאַנען פאַרן עמוד. אַלס פּראָטעסט וואָס מען לאָזט אים נישט צו צום עמוד האָט ער אויפגעהויבן זיין קול אַזוי שטאַרק אַז מען זאָל אים הערן אין שול און אינדרויסן. ער האָט, נאַטירלעך, געשטעלט אין שאָטן דעם חזן ביים עמוד...

ר' אברהם סמאָליאַר

ר' אברהם סיקילער (סמאָליאַר) פלעגט אין זיינע לעצטע יאָרן דאַוונען פון־צייט־צו־צייט פאַרן עמוד אין דער טריסקער שול. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טיפער אַנגענעמער שטימע. זיין תפילה איז געווען אַ קלאָרע און פאַרשטענדלעכע, ווייל ער האָט גוט פאַר־שטאַנען דעם טייטש פון די ווערטער. טייל־מאָל האָט זיך געדוכט, אַז ער ברענגט פאַרן ריבונו־של־עולם זיינע אייגענע בקשות און די ספּעציעלע באַדאַרפענישן פון קהל... איך געדענק זיין זאָגן „סליחות", ערב ימים־נוראים, און ספּעציעל די תפילה: „אל הורית לנו שלוש־עשרה — זכר לנו היום..."

ר' מאָטל ליסיוק

אַ בעל־תפילה, וואָס האָט זוכה געווען צו אַנערקענונג ביי די מתפללים אין דער זשאַ־ליבאַווער שול איז געווען ר' מאָטל ליסיוק.

אין דערדאָזיקער שול האָבן געדאַוונט פיל פון די תלמידי־חכמים פון דער שטאָט. דאָ האָט געהערשט אַ ספּעציעלע גייסטיקע אַטמאָספערע, אַ דאַנק דעם ספּעציעלן טיפּ פון מתפללים וואָס האָבן זיך דאָ גרופּירט, וואָס האָבן געהאַט אַ באַזונדערן אינטערעס אין גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע ענינים.

די הויכע שענק אַרום די פיר ווענט זענען געווען אָנגעפּילט מיט צענדליקער מסכתות פון ש"ס, מיטן לעדערנעם באַנד, פון פאַרלאַג „האלמנה והאחים ראם" אין ווילנע; צענדליקער סדרות פון משניות מיטן פירוש פון „חפץ חיים" און „תפארת ישראל", און אַנדערע ספרים. שבת נאָכמיטאָג און צווישן מנחה ומעריב אין דערוואָכן פלעגט די שול זיין פול מיט יידן וואָס האָבן געלערנט אַ בלאַט גמרא, אַ פּרק משנה, עין־יעקב, רמב"ם און אַנדערע מפרשים. דאָס לערנען איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלן ניגון, וואָס האָט אָנגעפּילט דעם חלל פון דער שול און אַריינגעדרונגען אין די זייטיקע יידישע געסלעך.

אַהער פלעגן קומען פיל יונגעלייט נישט אַזוי דאַוונען, ווי פירן דיסקוסיעס צווישן זיך, בעיקר בעתן לייענען. די דיסקוסיעס פלעגן זיין בעיקר אויף ציוניסטישע טעמעס. די אָנטיילנעמער אין די ויכוחים זענען בעיקר געווען: פּרץ קאַגאַן, די ברידער זעליג, משה'לע און לייבל, אַברהם פעלצמאַן, נתן גארבער, זעליק בערעז, חיים פעפער, הערשל קאַסטן און דוד לערנער. ווען די ויכוחים האָבן אָנגענומען אַ שטורמישן כאַראַקטער און געשטערט די מתפללים, פלעגט דער גבאי, ר' חיים ראָזנאָשטשיק, אָפּרופן פון דער מזרח־וואַנט און אָנזידלען די בני־טובים:

„זייט שטיל, שקצים!.."

דער אָרון־קודש איז געווען זייער אַ שיינער. ער איז געמאַכט און באַצירט געוואָרן דורך גוטע קינסטלער פון אויסער דער שטאָט און מאָנטירט געוואָרן דורך די בעסטע סטאָלאַרעס אין שטאָט, ר' דוד געלערשטיין און זיינע שותפים בערל לעבעד און טייוול שוחט.

שבועות פלעגט מען באַפּוצן די בימה מיט גרינס. שמחת־תורה איז די שמחה געווען זייער גרויס און פיל יידן פון אַנדערע שולן זענען געקומען זען די הקפות אין דער טריסקער שול. פון־מאָל־צו־מאָל פלעגט קומען אין שטאָט דער טריסקער רבי און „פּראַוווען טיש" אין שול לויט דער בעסטער חסידישער טראַדיציע. ער האָט געזאָגט תורה און די חסידים האָבן געכאַפּט שיריים און געזונגען חסידישע ניגונים.

אין דער שול האָבן געדאַוונט ר' שלמה זאַץ, וואָס איז אויך געווען פון די הויפּט־לומדים, ר' ישראל־בער זיניוק, ר' אברהם סמאָליאַר (סיקילער), ר' אליהו פעפער, ר' אַברהם בערגעל, ר' זכריה שוחט, ר' נחום בראַקער, ר' פּנחס ערליכגראַנט, מאָטי־בער געלער, פרידל סמאָליאַר, וועלוול בערעז, ר' דוד געלערשטיין, ר' בערל לעבעד, זיסיע צימערמאַן און זיין זון חיים, מאָטל ריידער, ר' פאַליק כץ, משה גאָרנשטיין, לייביש סאָס, מעכל יוקלזאָן, יענקל יוקלזאָן, מאָטל, שמעון און איציק פּאַטיכע, הערשל שוואַרץ, פּיניע דייטש, זיסיע פוגאַטש, שלמה ראַטנאָווסקי, שלמה'קע ראָזנבוים, די ברידער פּייסי, בער־טשיק און יהושע ווידרע, ר' בענצי ציטרין (לוקאָווער), יענקל אבשטיין, יהושע און יצחק גיבור, ר' שמואל שפּירא, לייזער שפּירא, ירחמיאל קאַפּילניק.

דער שמש אין דער שול איז במשך לאַנגע יאָרן געווען הערשל בעל־שם; אין די לעצטע יאָרן פון דער מלחמה — שמואל בעקער.

דער בית־מדרש

דער בית־מדרש איז געווען געבויט איין העלפט פון רויטע ציגל און די אַנדערע העלפט פון האָלץ און ליים. דער בנין איז געבויט געוואָרן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און מ'האָט געדאַרפט שנעל ענדיקן דעם בנין כדי מען זאָל אים פאַרטיק מאַכן אויף די ימים־נוראים. ס'איז נישט געווען קיין אַנדער וועג ווי ראַמאָנטירן די ערשטע צעשטערטע העלפט מיט האָלץ, אויסטינקעווען און אויסקאַלכן פונדרויסן. אונטערן בנין, אין קעלער, האָט געוווינט די משפחה פון ר' דוד חזן, אַדער ווי מען פלעגט זאָגן נאָכן חזנ'ס טויט: „די חזנטע".

די מתפללים זענען געקומען פון אַלע טיילן און אַלע שיכטן פון שטאָט. בעלי־בתים, וואָס זענען נישט געווען קיין חסידים פון אַ געוויסן רבי, האָבן דאָ געדאַוונט. יעדער ייד האָט זיך דאָ געפילט פריי ווי ביי זיך אינדערהיים.

אין די וואָכנדיקע טעג זענען דאָ געווען ביי 3—4 מניינים, איינער נאָכן אַנדערן. אין טאָג פון אַ יריד (וואָס איז פאָרגעקומען יעדן מאָנטיק) זענען געקומען אין בית־מדרש פיל יידן פון אויסער דער שטאָט: סוחרים פון בהמות, קרעמער אין הענדלער, וואָס זענען געקומען פון די דערפער און שטעט אין דער סביבה און פון דערווייטנס, ווי קאָוועל, לוצק און אַפילו פון וואַרשע. איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער האַנדל פלעגט מען זיך דערווייל אַריינכאַפּן אין בית־מדרש דאַוונען מיט מניין. צווישן די געסט האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געלייגט צוויי פּאָר תפילין: פון רש"י און רבנו תם. איניקע האָבן דערווייל באַוויזן אַריינקוקן אין „אור החיים" פון דער פרשה פון דער וואָך. נישט איינמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ייד האָט מער הנאה פון דער תפילה בציבור ווי פון גאַנצן יריד.

אויך דאָ זענען די שענק געווען געפּאַקט מיט ספרים. דאָ זענען יידן געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און עוסק געווען אין לימוד התורה. צווישן די שטענדיקע לומדים זענען דאָ געווען: אהר'לע ספּעקטאַר, שייקע (ישעיהו) שאפּיר, ויבל"א פישל קאצאַן. דאָ איז אויך געזעסן ביזן טיפן עלטער ר' אַברהם סיקילער (סמאַליאַר), ער פלעגט זיין פון די משכימי־קום און זיצן ביז שפּעט אינדערנאַכט.

כ'געדענק אַזאַ פאַל: איינמאָל אין אַ ווינטערדיקע נאַכט, אינדרויסן איז אַ פראָסט און אין בית־המדרש זענען ווי געוויינלעך געזעסן ביים ברענענדיקן אויוון און געלערנט אהר'לע, שייקע, פישל און ר' אַברהם סיקילער. עפנט זיך פלוצלינג די טיר און ס'קומט אַריין אַבראַשע דער שניידער. מיט אַ ציטערנדיק קול און מיט טרערן אין די אויגן דערציילט ער דעם דערשטוינטן עולם, אַז ערשט איצט, אין דער שפּעטער שעה בייינאַכט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט יאָרצייט נאָך זיין פאָטער. ער בעט דעריבער דעם עולם אַז זיי זאָלן אָרגאַניזירן אַ מניין, כדי ער זאָל קענען זאָגן קדיש...

פון זיין מויל האָט זיך געפילט דער ריח פון בראָנפן. אָבער די פאַרזאַמלטע גוטע יידן האָבן אויף אים רחמנות געהאַט און במשך איניקע מינוט אָרגאַניזירט אַ מניין און אַבראַשע האָט געזאָגט „קדיש" מיט אַ וויינענדיקן קול. נאָכן דאַוונען האָט ער געגעבן „תיקון" — אַ פלעשל בראָנפן מיט זיסע קיכלעך...

אין די שבתים, אין די נאָכמיטאָג שעהן, האָבן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט צענדליקער יידן לערנען גמרא. צווישן זיי זענען געווען בדרך קבע: ר' אַברהם זילבערשטיין — דער ראש הקהל, ר' שכנא קראַקאָוויאַק, הירש־לייב מוז — חבר פון דער קהילה פאַרוואַלטונג, מענדל גראַבאַרסקי, פישל רויטער, ישעיהו קאָרן, שמואל ריידער, סענדער פעפער, יואָלף גראַלניק, מאָטל פישמאַן, מאיר לעווינגער, משה טיקטינער, פופע מלמד, מאיר ריידער, לייביש וואַקסמאַן, דוד ווײַנשטיין, און אַנדערע.

די אליקער שול

די אַליקער שול איז געבויט געוואָרן שפּעטער פון אַלע אַנדערע שולן אין שטעטל. זי איז געווען די פעסטונג פון רב ר' משה'לע ספּעקטאָר און זיינע זין: העניך, מאיר און אַהר'לע.

דאָ האָבן געדאַוונט ר' מאיר מאַטלס, אַברהם־משה טאַליק, ישראל ש"ץ, אַברהמ'ל זיניוק, און צענדליקער בעלי־בתים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר חסידים פון אַליקער רבין.

מניינים

ס'איז אויך געווען אַ קליין בית־כנסת, „דאָס קאַשיוקער שילכעל", וואו ס'האָבן געדאַוונט די תושבים פון „באַרג", אין צפון־טייל פון שטעטל. ר' בענצי וואָלד און זיינע זין, יחזקאל און יאָסקע, האָבן געהאַלטן אין זייער שטוב אַ קליינע שול, וואו ס'איז געווען אַ מניין שבתים און ימים־טובים.

ס'זענען אויך געווען עטלעכע מניינים אין דער געגנט פון „אונטערן בריק" און אַנדערע געגנטן פון שטאָט. אויך אין האַנטווערקער־פאַריין איז געווען אַ מניין שבתים און ימים־טובים.

אין די ימים־נוראים פלעגן אויך איינגעאָרדנט ווערן מניינים אין דער „תרבות" שולע

ער איז געווען פון פאַך אַ לערער פון דער העברעאישער שפּראַך און האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט מיט זיין דיקציע און ריכטיקער אויסשפּראַך פון די ווערטער. ער האָט געהאַט אַ רייכע העברעאישע ביבליאָטעק, וווּ ס'האָבן זיך געפונען אַלע יאָרגאַנגען פון „הצפירה". ער פלעגט זיינע תלמידים אויסבאַרגן העברעאישע ביכער און צייטונגען, כדי זיי מקרב צו זיין צו דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אנדערע בעלי־תפילה

אין דער אַליקער שול פלעגט פון־צייט־צו־צייט דאַוונען פאַרן עמוד דער רב ר' משה'לע; סרוליק (ישראל) ש"ץ, דער איינבינדער, איז געווען אַ בעל־תפילה און אויך אַ בעל־קורא; אין דער גרויסער שול האָט אויך פון־צייט־צו־צייט דער רב ר' אברהם־בער גיטמאַן געדאַוונט פאַרן עמוד תפילת מוסף אין די ימים־נוראים; ר' מאיר מאַטלס (מלמד) פלעגט מיט זיין אָנגענעמער שטימע דאַוונען שחרית אין די שבתים און ימים־טובים אין דער אַליקער שול; אין קאַשיוקער שילכעל פלעגט דאַוונען פאַרן עמוד ר' איציק ווישינקער, דער מלמד פון דער ישיבה.

גאַסטראָלירנדיקע חזנים

פון־צייט־צו־צייט פלעגן באַזוכן די שטאָט וואַנדערנדיקע חזנים. ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט פלעגן זיי אויפהענגען מודעות אין דער גרויסער שול, אַז אין דעם און דעם טאָג וועט דער „באַרומטער חזן" דאַוונען תפילת מעריב אין דער גרויסער שול אַדער בית־מדרש. דער אַריינגאַנג פלעגט זיין פריי. נאָכן דאַוונען פלעגט דער חזן אויפטרעטן מיט עטלעכע פּרקי תפילה, וואָס זענען געווען פּאָפּולער ביים עולם. מיט דעם פלעגט ער וויוזן זיין „כוח" אַלס חזן. נאָך דער תפילה האָט מען ביים עולם געזאַמלט געלט פאַרן חזן. יעדער האָט געגעבן וויפל ער האָט געקאָנט.

בעלי קריאה

אַ באַזונדערן כבוד פלעגט מען צוטיילן דעם בעל־קורא אין שול, וואָס האָט געמוזט זיין אַ בן־תורה און זיין בקי אין אַלע תגים פון דער תורה. אויב ער האָט געפונען אַ דעפעקט אין ספר־תורה, אַדער אַ פּגם אין אַן אות, האָט ער באַלד צוריסן געגעבן דעם רב. פון צווישן די צענדליקער בעלי־קורא אין אַלע ראַזשישטשער שולן איז כדאי צו דערמאָנען די דריי פאָלגענדע:

- ר' שלמה ז"ץ — בעל־קורא פון דער טריסקער שול; ער האָט געקענט די גאַנצע תורה בעל־פּה און געווען אַ תורה־אויטאָריטעט אין שטעטל.
- ר' משה שוחט (זון פון ר' זכריה שוחט); ער איז געווען בעל־קורא אין דער גרויסער שול.
- ר' וואָלף־בער הורינג, בעל־קורא אין בית־מדרש.

אבנר רחמיאלי

און די הכנסות פון נדרים זענען געווען געווידמעט דעם קרן־קיימת־לישראל און דער „תרבות״ שולע. אויך שמחת־תורה איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ מנין ווי אַלע נדרים זענען געווען געווידמעט דעם קרן־קיימת. אין די לעצטע יאָרן איז דער מנין אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין הויז פון אַברהם פעלצמאַן, וועלכער איז געווען דער מורשה פון קרן־קיימת אין שטאָט.

די שול אלס צענטער פון יידישן לעבן

ווי שוין דערמאָנט, האָט די שול געדינט נישט בלויז אַלס מקום תפילה, נאָר אויך אַלס פּלאַץ פון וויכוחים און צונויפטרעף פון די גאַנצע אָרטיקע באַפעלקערונג ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. ס׳האָט זיך אויך געשאַפן אַ ספּעציעלער פאָלקלאָר וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער שול. אין דער גרויסער שול איז לאַנגע יאָרן געווען אַ „שבת־גוי״ אײַנער מאַטוויי, וואָס איז געווען דער אָפּטער ארײַנגייער אין די שולן אין שטאָט אין די שבתים און ימים־טובים. די סיבה איז געווען, וואָס אַלע שולן זענען ביז דער לעצטער צייט באַלויכטן געוואָרן מיט נאַפט־לאָמפּן, וואָס מען האָט געמוזט אויסלעשן יעדן לאָמפּ באַזונדער פרייטיק־צו־נאַכט. דאָס איז געווען מאַטווייס אויפגאַבע און דערפון האָט ער געלעבט. אויך האָט ער באַדאַרפט הייצן ווינטער די אויוונס, כדי מען זאָל קענען קומען אין שול אין די גרויסע פרעסט.

די שול איז אויך געווען אַ פּלאַץ פאַר שטיפעריי פון די בני־טובים, ווען אַ חזן איז זיי נישט געפעלן. נישט אײַנמאָל האָבן זיי אים מכבד געווען מיט אַ נאַסן האַנטוך אויפן רוקן. דער חזן האָט פאַרשטאַנען דעם רמז, און פאַרקירצט ווי ווייט מעגלעך זיין גאָרגלען זיך...

נישט אײַנמאָל ספּעציעל שמחת־תורה, האָבן די יונגע חברה געוואָלט צעמישן דעם חזן און אים אונטערגעהאָלפן מיטן ימים־נוראימדיקן נוסח פון דאַוונען. דער עולם מתפללים, וואָס איז געווען אין אַ פריילעכער שטימונג, האָט זיי אונטערגעהאָלפן און אַריבערגעפירט דעם חזן אין ניגון פון „ונתנה תוקף״...



דרשנים

גאַנץ אָפט פלעגן אין שטעטל קומען דרשנים, אין שול. לרוב פלעגן זיי קלייבן תרומות פאַר ישיבות און אַנדערע תורה־אינסטיטוציעס. ראַזשישטשער יידן האָבן געשמט אלס גוטע נדבנים, וועלכע האָבן זיך גערן אָפּגערופן אויף יעדן רוף און יעדער געלט־אַקציע. די דרשנים פלעגן רופן ראַזשיטש : „אַ גוט שטעטעלע״.

אַזאַ בעל־דרשן, באַלד קומענדיק אין שטעטל האָט ער אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן מודעות אין אַלע שולן, אַז אין דעם און דעם טאָג, צווישן מנחה און מעריב, וועט דרשנען אין בית־מדרש „דער באַוווסטער בעל־דרשן...״

אָפטמאָל פלעגן קומען אין שטעטל באַוווסטע מגידים, צווישן זיי פּראָפעסיאָנעלע רעדנער, וואָס זענען געווען באַקאַנט אין גאַנץ פוילן. אַזעלכע מגידים האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם צוהערער.

פאַר די גדולי־התורה, וואָס פלעגן קומען פון־צייט־צו־צייט אין שטעטל, האָט מען זיך באַצויגן מיט אַ ספּעציעלן רעספּעקט. ווען ס׳איז אַמאָל, צום ביישפּיל, געקומען אין שטעטל דער ראש־ישיבה פון „בית־יוסף״ פון ראָוונע, דער פּאָלטאַווער עילוי, איז אין שול נישט געווען גענוג פּלאַץ פאַר דעם גרויסן עולם, וואָס איז אים געקומען הערן.

אַ ספּעציעלן כבוד האָבן די ראַזשישטשער יידן אָפּגעגעבן די שליחים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס זענען געקומען האַלטן רעפעראַטן וועגן ארץ־ישראל און אירע פּראָבלעמען. די רעדעס זענען על־פּי־רוב געהאַלטן געוואָרן אין דער גרויסער שול, וואָס איז געווען געפּאַקט מיט הונדערטער מענטשן. ביי דער געלעגנהייט פלעגן אויך די צוהערער אָפּנעמען גרוסן פון ארץ־ישראל.


טיילמאָל זענען געקומען אין שטעטל דרשנים פאַנאַטיקער, וועלכע פלעגן שטראָפן די וועלכע זענען מחלל־שבת, שפּילן אין פוטבאָל, און אויך פרויען, וואָס גייען נישט צניעותדיק אָנגעטאָן. טיילמאָל האָט אַזאַ פאַנאַטיקער אָנגעגריפן די ציוניסטן און זייער טעטיקייט אין ארץ־ישראל. אַזאַ דרשן האָט אַמאָל אַרויסגערופן דעם כעס פון די צוהערער, ווען ער האָט זיך באַמיט אויפצווייזן, אַז ציוניזם איז פאַרבאָטן פון דער תורה : „ולא תתורו אחרי לבבכם״ — איר זאָלט נישט גיין נאָך אייער האַרץ (הערצל) „ואחרי עיניכם״ (הרב קוק)...

די שטעטלדיקע יידן פלעגן זיך אויסלאַכן פון אַזאַ דרשן און דערויף רעאַגירט מיט ביטול : „יעדער דרשנט פאַר זיך״ — ד. ה. : ווי ס׳לוינט זיך אים ?

א. ר.

דאס זשאליבאווער שילעכל

משה גראבארסקי



דאָס זשאַליבאָוער שילעכל איז געשטאַנען אין אַנדערן עק שטאָט, אין דער דרומדיקער זייט.

די מתפּללים זענען מערסטנטייל געווען איינוווינער פון שפּיטאַלנע גאַס אין איין זייט, ביז דעם פּערעיעזד — פון דער צווייטער זייט. דאָס אַלץ האָט געהייסן זשאַליבאָוו און אַרומגענומען די גאַנצע דרום־זייט פון דער שטאָט.

כדי צוצוקומען צו דער שול האָט מען געמוזט דורכגיין אַ קליין געסל, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער שפּיטאַלנע גאַס. דאָס געסל האָט געהייסן יעדנאַסטעגאָ ליסטאָפּאַדאַ (11־טער נאָוועמבער).

נעבן פּלויט פון קראַמירסעס גאָרטן זענען געווען אויסגעלייגט ברעטער פאַר „קלאַדקעס”; דאָס האָבן די גבאים פון דער שול געלייגט, ווייל אַנדערש האָט מען נישט געקענט צוקומען צו דער שול פּסח־צייט אָדער ענדע זומער, צוליב די טיפע בלאָטעס און קאַלוזשעס וואַסער.

די שול, אַ גאַנץ גרויסע, האָט אַרייַנגענומען כמעט די גאַנצע יידישע באַפּעלקערונג פון דער געגנט. זי איז געווען געבויט פון האָלץ און אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די מתפּללים זענען געקומען פון אַלע שיכטן פון דער באַפּעלקערונג.

דער שטענדיקער חזן איז געווען מאָטל ליסיוק, וואָס האָט געוווינט אין בניין פון דער שול, אין אַ קליינע וואוינונג. זיין גאַנצע חיונה איז געקומען פון חזנות, און פאַרשטייט זיך, געמאַכט אַ שווער לעבן.

ער האָט געהאַט אַ גוטע שטימע. מערסטנטייל פלעגט ער דאַוונען שחרית. מוסף פלעגט דאַוונען ראובן ראָזנבוים, „דער פּראַוויטיעל”, וואָס האָט געהאַט אַ געשמאַקע שטימע פון אַ בעל־תפילה. זיין קול פלעגט זיך צעגיין אין די ביינער פון די מתפּללים. ר׳ ראובן פלעגט אויך יעדן שבת פאַר קריאת התורה זאָגן אַ פּאָר ווערטער פון פּרשת השבוע און אויך אַרייַנבראָקן אַביסל מוסר.


די גבאים זענען געווען: משה באלער, נחצי זאָבערמאַן, יצחק שילדמאַן, משה פּרץ קאַפּוסטע, חיים בעקער (באַסקעס), אַברהם פּערלמוטער, אַביגדור ערליכגערעכט. יעדן שבת בראשית פלעגט מען קלויבן נייע גבאים, און ס׳איז דאַן געווען פריילעך. דער גבאי, וואָס האָט געוואָלט אויסגעוויילט ווערן אויך אויפן צווייטן יאָר האָט געמוזט צוזאָגן האָלץ אויף הייצן די שול.

שמש אין שילכעל איז לאַנגע יאָרן געווען הערצל רויטער (הערצל דער פּאָזשאַריקער). פון־צייט־צו־צייט פלעגט אין דעם שילכעל קומען אויף אַ באַזוך דער מעלניצער רבי.

די שול האָבן די נאַציס פאַרברענט און די טייערע תמימותדיקע יידן אַכזריותדיק אומגעבראַכט. די איינציקע לעבן־געבליבענע פון די מתפּללים היטן תמיד אין זכרון די שבתים און ימים־טובים, און בכלל דאָס לעבהאַפטע יידיש לעבן, וואָס האָט זיך גערופירט אַרום דער שול.

סודות פון חדר

חיים פעפער, ארגענטינע



ר׳ אוליע זייפנמאַכער.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין ראַזשישטש געווען זייער רעליגיעז, און די גאַנצע יידישע יוגנט האָט די גייסטלעכע דערציאונג באַקומען אין די חדרים און אין דער ישיבה.

מלמדים

ראַזשישטש האָט געהאַט חדרים פון ערשטן גראַד, ווו מ׳האָט געלערנט עברי און חומש, און ס׳זענען געווען מלמדים, האַרציקע יידן, וואָס האָבן, באמת, אַלץ געטאָן כמעט לשמו. זיי האָבן, אפשר, ניט געגעסן צו דער זעט.

צווישן זיי וויל איך דערמאָנען די מלמדים: חיים לאָזער, שמערל, שמעון און אלקנה. יעדער פון זיי האָט געהאַט זיינע מעלות. למשל, מיין רבי חיים לאָזער איז געווען אַ ייד מיט אַ גוט האַרץ: אַ הויכער מיט אַ שיינע ווייס־זילבערנע באָרד. ווען ער האָט אַמאָל באַנוצט דעם קאַנטשיק איז זיין פאַטש געווען אַזוי גרינג, אַז מ׳האָט אַפילו נישט געפילט, ווייל ער האָט אים געגעבן מיט שמייכל.

דאַקעגן שמעיה מלמד׳ס קאַנטשיק האָט זיך געפילט מיט מער ווייטיק, און דער מלמד ר׳ שמערל איז געווען אַ בייזער ייד, גערעדט הייזעריק, אָבער זיין קאַנטשיק איז שוין גאָר קיין הייזעריקער נישט געווען... זיין קלאַפּ איז געווען זייער אַ קלינגנדיקער און ווייטיקלעכער.

דערנאָך זענען געווען די מלמדים העניך און ר׳ יונה. ביי העניך מלמד האָט מען שוין געלערנט אַ בלאַט גמרא. יונה מלמד איז געווען זייער אַ גוטער, נישט נאָר צו די תלמידים, נאָר אויך צו זיין פאַמיליע. ווען דער רבי האָט שוין יאָ געפונען אַ חטא אויף זיין תלמיד, האָט זיין ווייב זיך אַריינגעמישט און געוואָרן דער מליץ־יושר.

ס׳איז געווען אַ תלמוד־תורה און אַ ישיבה. ווי דער שטייגער איז, האָבן אין תלמוד־תורה געלערנט כמעט אַלע אָרעמע קינדער. אין דער ישיבה האָבן געלערנט די רייכערע.

ס׳זענען אויך געווען גוטע לערער פון תנ״ך און גמרא. תנ״ך האָב איך געלערנט ביי מיין ליבן לערער אליהו דוד שוסטער. ער איז געווען פון אַ קליין שטעטל, פון טראָכימבראָד, אָבער געקענט האָט ער אַסאַך.

דער רבי משה אידעסעס איז געווען גאָר אַן אַנדער טיפּ מענטש. אויף זיינע מנהגים און אויף זיין גרויס בקיאות האָט מען געדאַרפט זיין גוטע מבינים. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער איז פון די ל״ו צדיקים.

זיין מנהג איז געווען אויפצושטיין זייער פרי, 4 אַ זייגער פאַרטאָג. פון 4 פאַרטאָג ביז 8 אַזייגער האָט ער געהאַלטן אין איין לערנען און דאַווענען. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער קען קבלה.

8 אַזייגער, ווען מיר פלעגן קומען, האָט ער זיך ווידער געזעצט מיט אונדז לערנען. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, ער האָט געקענט גאַנץ ש״ס אויסנווייניק. ער פלעגט אונדז כסדר מוסרן און זאָגן: „לערנט מיט התמדה וועט איר קענען. איר זעט, אַז איך האָב געפאָלגט מיין רבין, קען איך אַביסל״.

אַזוי פלעגט ער מיט אונדז לערנען פון 8 פרי ביז 8 אָוונט, מיט אַן איבעררייס פון מיטאָג־עסן. מנחה פלעגן מיר דאַווענען אין חדר מיט אַ מנין. צום עמוד פלעגט צוגעלאָזט ווערן דער תלמיד, וואָס האָט געהאַט אַ ריינעם חיתוך הדיבור.

8 אַזייגער ביינאַכט פלעגט אונדזער רבי אַוועק אין שול, ווו ער פלעגט אַליין, און

אויף פאַר עלטערע מענטשן, לערנען ביז 2 באַנאַכט. אויב אַ מענטש לערנט 20 שעה אין אַ מעת־לעת, מוז ער דאָך זיין פון די ל״ו צדיקים...

די תלמוד־תורה און די ישיבה פלעגן זיך אויסהאַלטן פון צונויפנעמען צדקה. דעם עיקר פלעגן זיי מאַכן פורים. אַסאַך יאָרן איז געווען גבאי פון דער תלמוד־תורה ר׳ חיים ראַנאַשטשיק. זיין צונאָמען „ראָזנאַשטשיק״ האָט זיך גענומען, ווייל ער פלעגט אַמאָל פאַרטיילן בריוו פון פּאָסט צווישן דעם יידישן עולם.

אַליין איז ער געווען אַ כהן און כאָטש מ׳זאָגט, אַז כהנים זענען כעסנים — איז דאָס אפשר אויך געווען ריכטיק, אָבער וואָס באַלאַנגט צו דער תלמוד־תורה, איז ער געווען גוט און געטריי.

ר׳ חיים ראָזנאָשטשיק פלעגט פורים אויפטאָן לטובת דער תלמוד־תורה: שוין אסתר־תענית באַנאַכט האָט ער זיך פאַרשטעלט, צוזאַמען מיט נאָך חברים און א גרויסע צאָל יונגוואַרג, און אַרומגיין אין די הייזער זאַמלען געלט און מתנות פאַר דער תלמוד־תורה. ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך דעם גאַנצן טאָג און אַפילו שושן־פורים האָט ער נאָך ניט געהאַט פאַרענדיקט.

ווען די בעל־בתים זענען געזעסן ביי זיך אין שטוב, און אַלע מענטשן זענען זיך משמח מיט דער פאַמיליע — איז ער דווקא אַרומגעגאַנגען פאַרשטעלט און געזאַמלט געלט פאַר דער תלמוד־תורה.

שולן און חזנים

יעדע שול האָט געהאַט אַ באַזונדערן נאָמען מיט אַ באַזונדערן כאַראַקטער. די גרויסע שול, למשל, וועלכע איז געווען די הויפּט־שול, איז געווען כסדר באַזאָרגט מיט אַ גוטן יאָר־חזן ווי אויך מיט אַ גוטן כאָר, ווייל די יידן זענען געווען גוטע מבינים אויף חזנים.



ס׳זענען דאָרט געווען צוויי זייטיקע שילעכלעך: דאָס שניידער־שילעכל און דאָס קוילער (קצבים) שילעכל. די חסידים פון טריסק האָבן געדאַוונט אין טריסקער שול און די אָליקער אין דער אָליקער שול. דאָס האָט נישט געשטערט, אַז ווען ס׳איז געקומען דער טריסקער רבי, זאָלן חסידים פון אָליקער זיין ביי זיין טיש און אויך פאַרקערט.

דער בית־המדרש איז געווען אַ נייטראַלע שול. פון דאָרטן געדענק איך צוויי בעלי־תפילות און יעדער איינער האָט געהאַט זיינע באַזונדערע מעלות.

דער חזן ר׳ דוד איז געווען אַ חזן פון פאַך, דאָס איז געווען זיינע איינציקע באַשעפטיקונג. זיינע פירוש המילות זענען געווען ווי עס געהער פאַר אַ חזן. ער האָט געדאַוונט מיט האַרץ און געטריי דעם נוסח און נגינה. ווען ער פלעגט פאַרענדיקן די שמונה־עשרה פון ראש־השנה און יום כפור, אָדער ביי כל־נדרי, איז דאָס געווען אַזוי



באַנקעט אין בית־ראָזשישטש לכבוד חיים און חייקע פעפער פון אַרגענטינע און לכבוד יאסל מונק און פרוי פון אַמעריקע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 26סטן אָקטאָבער 1971.

מיט האַרץ, אַז ער האָט געמוזט זיין העמד, צוזאַמען מיט זיין קיטל, בייטן פון נאַסקייט. מ׳פלעגט זאָגן, אַז דער חזן דאַרף נישט ווייניקער קיטלען ווי העמדער...

דער צווייטער חזן איז געווען ר׳ שמריה קצב. ער איז געווען אַ חזן מיט פיל געזאַנג. ער האָט געהאַט אַן הנאה, ווען מ׳האָט אים צוגעגליכט צו גרויסע חזנים, ווי זיידל ראָוונער.

אויסער נגינה האָט ער אויך געוווּסט פירוש־המילות. ער האָט ניט באַקומען באַצאָלט; ער האָט געדאַוונט לשם שמים.

שמריה קצב האָט געהאַט צוויי זין: חיים און ברוך. ברוך איז געווען אַ שיינער און איידעלער בחור, אָבער אַ לינגען־קראַנקער און דאָס איז אין יענער צייט געווען אַ פאַרמשפּטער צום טויט. ער איז געשטאָרבן זייער יונג.

נאָך זיין טויט איז שמריהס דאַווענען געווען פול מיט טרויער, אַז עס פלעגט, ממש, רייסן דאָס האַרץ, און דער בעל מנגן, דער גוטער חזן, איז געוואָרן אַ חזן פון טרויער.

ס׳איז געווען נאָך אַ בעל־תפילה, וועלוול שוחט. אַ חלוש אויפן האַרץ און דערפּאַר, טאַקע, געדאַוונט זייער ווייניק און שטיל. ער איז אויך געווען אַ זייגער־מאַכער. ער פלעגט פאַרריכטן זייגערלעך. ווען ער האָט עמיצן פאַרראָכטן אַ זייגערל, איז שוין דער מענטש געווען זיין שטענדיקער קליענט און זיין זייגערל איז כסדר געלעגן ביי ר׳ וועלוול שוחט (אָדער זייגערמאַכער). אַזוי ווי די בהמה נאָך דער שחיטה האָט ניט געקענט גיין, אַזוי האָט דער זייגער נאָך זיין פאַרריכטן נישט געקענט גיין...




דער פעטער אולי און מייקע

איך וויל אויך דערמאָנען דעם פעטער אולי. איך רוף אים פעטער, כאָטש ער איז נישט געווען מיין קרוב. ער איז געווען דער שטאָט־פעטער. אַלע האָבן אים צוליב רעספּעקט גערופן פעטער אולי. ער איז געווען אַ ווילער און טייערער ייד. ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אַלס יתום. געהאַט אַ פאַבריק פון זייף, און געווען אַ ספּעציאַליסט. מען פלעגט זאָגן, אַז ער האַלט בסוד און דערציילט נישט קיינעם ווי אַזוי ער מאַכט די ווייס־בלויע פרענטשעס גוטע זייף.

זיין זון האָט געהייסן מייקע און איז געווען אַ משוגענער. מ׳דערציילט, אַז ער איז אַמאָל געשטאַנען אויף דער גאַס ווען ס׳איז דורכגעפאָרן די באַן. זי האָט געגעבן אַ שטאַרקן פייף, האָט ער זיך זייער איבערגעשראָקן און אַראָפּ פון זינען. מ׳איז אויסגעפאָרן מיט אים אַ וועלט, צו פאַרשידענע דאָקטוירים, אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן.

מייקע איז געווען דער שטאָט־משוגענער, ס׳איז געווען אַ רחמנות אויפן פאָטער, אַ ייד מיט אַ שיינער ווייסער באָרד און הדרת־פנים.



די ישיבה

אבנר רחמיאלי

די „ישיבה" איז געווען דער עלטסטער דערציאונגס אַנשטאַלט אין שטאָט. ס'איז דוכט זיך נישט געווען קיין איין מאַן, וועלכער האָט נישט געלערנט אין דער „ישיבה" אַ קורצע, אָדער לענגערע צייט.

דאָ איז דאָס ייִנגל דורכגעגאַנגען די ערשטע סטאַדיע, דאָ האָט מען אָנגעהויבן לערנען עברי, לייענען און שרייבן, חשבון, חומש, תפילה און נביאים ראשונים ביי דרדקי מלמדים און אין די לעצטע יאָרן ביי דעם מלמד ר' יצחק ווישינקער. שפּעטער איז דער תלמיד אַריבער לערנען צו דעם אַלטן מלמד ר' יונה, וואָס האָט געלערנט חומש און רש"י און אויך אַ בלאַט גמרא.

די כיתה פון אַ העכערער מדרגה האָט אין די לעצטע יאָרן געפירט ר' שלמה ז"ל, אַ מוסמך פון דער קאָרעצקער ישיבה, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט שמואל וואָוּוציעס טאָכטער און האָט זיך באַזעצט סטאַביל אין ראָזשישטש.

דער רבי ר' יונה

יעדן פרייטיק פלעגט מען איבערחזרן די פרשה פון דער וואָך, אָדער ווי מען פלעגט עס זאָגן פשוט: „מעביר זיין די סדרה". דער מלמד ר' יונה איז געווען אַ באַוווסטע פּאָפּולערע געשטאַלט אין שטאָט און כמעט דער גרעסטער טייל פון די מענער אין שטאָט האָבן ביי אים געלערנט אַ געוויסע צייט פון זייער לעבן.

ר' יונה איז געווען פון אַ נידעריקן געוווּקס, אַ באַשיידענער און אַ קורצזיכטיקער. ווען די תלמידים — די שטיפער — פלעגן אים אויפרעגן, פלעגט ער אַרויס פון די כלים און געבן אַ לייכטן פּאַטש, נישט אַזוי ווי ר' איציק ווישינקער, וואָס איז געווען אַ הויכער און מיט זיין לאַנגער האַנט פלעגט ער דערלאַנגען אַ שטאַרקן פּאַטש, אַז מ'האָט אים לאַנג געדענקט...

ר' יונה האָט געוווינט אין הויז ווו ס'האָט זיך געפונען די ישיבה. זיינע חדרים האָבן זיך געגרענעצט מיט דער ישיבה. נישט איינמאָל פלעגט אים זיין פרוי ברענגען אַ גלאָז „ציקאָריע" פון וועלכער ער פלעגט זופּן אין דער צייט פון דעם שיעור מיט גרויס הנאה, און אויך די תלמידים האָבן ליב געהאַט זיך צוקוקן ווי דער רבי „טרינקט ציקאָריע". אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט ער אויסגעבויט אַ הויז אויף דער „באָמבע־גאַסאַ" און איז אַריבער אַהין וווינען. די לימודים פלעגן אויך פאָרקומען אין די נאָכמיטאָג שעהן און אין די ווינטערדיקע נעכט פלעגט מען זיך אומקערן אַהיים אין דער פינצטער, באַלייכטענדיק דעם וועג מיט אַ לאַמטערן, מערסטנטייל פון פּאַפּיר, וואָס מ'האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן אַליין.

אין די זומערדיקע שבתים פלעגט מען אויך קומען לערנען נאָכמיטאָג פּרקי אָבות. דער פּעריאָד פון לערנען איז געווען דער „זמן". אין משך פון אַ זומער אָדער אַ ווינטער. דער „זמן" פלעגט זיך אָנהויבן נאָך סוכות ביז פסח און פון נאָך פסח ביז ראש־השנה.

די מעטאָדן פון לערנען זענען געווען אַלט־מאָדישע און דאָס לערנען האָט לגמרי נישט אַנטשפּראָכן די צייט. אויך די לערן־באַדינגונגען זיינע געווען שלעכטע. דער אַלגעמיינער אויסזען פון די חדרים, ווו מ'האָט געלערנט, איז געווען אין אַ אָפּגעלאָזענעם און נעבעכדיקן צושטאַנד. פונדעסטוועגן און טראָץ דעם אַלעם, האָבן די תלמידים אין זייער גרעסטער צאָל דווקא, דאָ באַקומען דעם עלעמענטאַרן וויסן אין תורה און מצוות; דאָ אין חדר און אין דער ישיבה האָבן די תלמידים אָנגעהויבן ליב האָבן דאָס פאָלק און זיין געשיכטע; דאָ האָט מען געפלעגט די ליבע צו ארץ־ישראל און לשון־הקודש...



ר' לייזערקע שפירא ז"ל, לעצטער קאָשיווקער רבי. דאָס בילד האָט אונדז צוגעשיקט זיין אייניקל מונציע ערליכגערעכט (מרדכי צדקוני).

אין זכות פון דער פּאַטשיילע

קאָשיווקער חסידים זענען געווען נישט פיל אין ראָזשישטש. צווישן די געטרייע און אי־בערגעגעבענע צום רבין זענען געווען מיין פאָטער שמואל ז"ל און מיין פעטער מענדל גראַבאַרסקי.

דער לעצטער אדמו"ר, ר' לייזערקע, איז געווען דער איידעם און דער יורש פון הייליקן רבין און ער פלעגט פון צייט צו צייט באַזוכן די שטאָט.

ס'איז געווען אַ מנהג צו דאַוונען און „פּראַ־ווען טיש" אין דעם קליינעם „קאָשיווקער שילכל", ביים בריקל, אויפן וועג צום „באַרג". ר' לייזערקע האָט געהאַט אַ שם פון אַ בעל־מופת און אין אַן עת צרה פלעגט מען זיך ווענדן צו אים ער זאָל מתפלל זיין כדי מבטל מאַכן די גזרה.

אויף דעם בית־הקברות איז געווען אַ קליי־נע געביידע, וואָס מ'האָט גערופן דער „אוהל", אויפן קבר פון איינעם פון די קאָשיווקער צדיקים און ס'זענען געווען אַזעלכע, וועלכע פלעגן שרייבן בקשות, „קוויטלעך", וואָס מ'האָט אַריינגעלייגט אין „אוהל". מ'האָט געגלויבט אַז די ישועה וועט קומען אין זכות פון דעם הייליקן צדיק.

ווען דער פריערדיקער אדמו"ר פלעגט קר־מען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה קיין ראַזשישטש, פלעגט ער זיין דער גאַסט פון מיין זיידע דוד שלמה גראבארסקי, די גאַנצע צייט פון זיין באַזוך אין שטעטל.

איינמאָל איז מיין זיידע קראַנק געוואָרן און די באַבע האָט זיך געווענדעט צום רבין ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיין געזונט. דער רבי האָט צוגעזאָגט, „אַז מיט גאָטס הילף וועט ער געזונט ווערן", אָבער זיין צוזאָג איז נישט מקויים געוואָרן און דער זיידע איז געשטאָרבן. די באַבע האָט געקלאָגט אויף דעם זיידנס טויט און מיט טרויער איז זי געקומען צום רבין מיט דער טענה: „ס'טייטש? דו האָסט דאָך צוגעזאָגט? איצט בין איך אין אַ גרויסע צרה. די טעכטער האָבן נאָך נישט חתונה געהאַט און די זין דאַרפן גיין דינען אַלס סאָלדאַטן ביים צאַר".

נאָכן אויסהערן די טענות פון דער באַבע האָט דער רבי געענטפערט: „נישט דיינע זין און נישט דיינע אייניקלעך וועלן דינען אין דער אַרמיי".

האָט די באבע געטענהט: „ווי קען איך דיר איצט גלויבן, הייליקער רבי?"

דער רבי האָט אַרויסגעצויגן אַ פאַטשיילע און איר געגעבן אַלס משכון אַז זיין צוזאָג וועט מקויים ווערן. און אַזוי איז טאַקע געווען. די זין לאָזער, אברהם־יצחק, שמואל און מענדל האָבן נישט געדינט אין צאַרס אַרמיי. זיי זענען באַפרייט געוואָרן און זענען נישט מאָביליזירט געוואָרן אין דער צייט פון דער מלחמה.

די באַבע האָט געהיטן דעם רבינס פאַ־טשיילע ווי אַן אויג אין קאָפּ איר גאַנץ לעבן. אַפילו ווען זי איז אַריבער אויף דער עלטער ווינען צו אונדז, האָט זי אָפּגעהיטן דעם רבינס פאַטשיילע ווי אַ גרויסן אוצר. ווען די באבע איז געשטאָרבן איז די פאַטשיי־לע אַריבער בירושה צו מיין מוטער עטל, און זי האָט די פאַטשיילע געהיטן ווי דעם טייערסטן פאַרמעגן.

אין זכות פון דער פאַטשיילע בין איך און מיין ברודער שלמה ז"ל, טראָץ וואָס מיר זענען געווען אויסגעצייכנטע ספּאָרטלער און געזונט פיזיש — באַפרייט געוואָרן פון די פליכט צו דינען אין דער פוילישער אַרמיי...

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען איך בין אַנטלאָפן קיין רוס־לאַנד האָב איך מיטגענומען די פאַטשיילע אַלס קמיע. ווער ווייסט, אויב נישט אין איר זכות בין איך לעבן געבליבן, נאָך אַזוי פיל לאַנגע און שווערע וואָגלענישן, פול מיט סכ־נות, הונגער און קעלט, אָן קיין שום מיטלען פון עקזיסטענץ, ביז איך האָב דערגרייכט די ברעגן פון לאַנד און אָנגעהויבן אַ נייעם לעבן.

זכותו של הצדיק יגן עלינו — אמן.

חיים גראַבאַרסקי

כמעט אַלע אָפּשטאַמיקע פון דער שטאָט זענען זיך נוהג ביי פאַרשידענע געלעגנ־הייטן צו דערציילן זכרונות פון דער ווייטער פאַרגאַנגעהייט, פון די קינדער־יאָרן, ווען מ'האָט געלערנט אין דער ישיבה. פאַרשטייט זיך אַז דער גרעסטער טייל פון די מעשיות און סיפּורים זענען פאַרבונדן מיטן רבי'ן ר' יונה.

ס'געדענקט זיך ווי אַזוי ר' יונה פלעגט לייענען די פרשה פון דער וואָך און פלעגט זי פאַרטייטשן אין יידיש. צייטנווייז פלעגט ער צוגעבן זיין פירוש לויט רש"י מיט אַ ספּעציפישן, באַזונדערן ניגון אויף דעם פסוק: „ואני בבואי מפדן ארם..." (פרשת ויחי):

„כאָטש איך בעט זיך דו זאָלסט מיינע ביינער מקבר זיין אין ארץ־ישראל, בקבר אבות, אבער צו דיין מוטער רחל האָב איך נישט אַזוי געטאָן. איך האָב זי מקבר געווען אויפן וועג קיין בית־לחם. וועסטו דאָך פרעגן: פאַרוואָס? וועל איך דיר זאָגן, אַז ס'איז געווען על־פּי הדיבור, אַז ווען די יידן וועלן גיין אין גלות אַריין, וועלן זיי דורכגיין ביים קבר פון רחל אמנו און שרייען און וויינען, וועט די מוטער רחל אַרויסגיין פון איר קבר בעטן פאַר אירע קינדער, ווי אין פסוק שטייט: קול ברמה נשמע... רחל מבכה על בניה. וועט איר גאָט ענטפערן: מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה, כי יש שכר לפעולתך... ושבו בנים לגבולם..."

פאַר פּסח פלעגט מען לערנען שיר־השירים ווי אַ ספר פון ליבשאַפט צווישן ישראל און דעם הקב"ה... און אַזוי פלעגט ר' יונה פאַרטייטשן מיט זיין ספּעציעלן ניגון:

„...שלמה המלך האָט געזען ברוח הקודש, אַז די יידן וועלן פאַרטריבן ווערן פון איין גלות אין צווייטן גלות אַריין, האָט ער צוגעגליכט די יידן צו אַ לעבעדיקער אלמנה, וואָס איר מאַן איז אַוועק מעבר לים. האָפט זי דאָך יעדן טאָג, אַז איר מאַן וועט צוריקקומען, אַזוי האָפן די יידן צו גאָט, אַז ער וועט זיך צו זיי צוריק אומקערן.

שיר — דער געזאַנג, וואָס שלמה המלך האָט געזונגען,
השירים — איז שענער און בעסער פון אַלע געזאַנגען.
אַן אַנדער געזאַנג איז קודש — דער געזאַנג איז קודש קדשים.
אַן אַנדער געזאַנג האָט געזונגען אַ מלך — דעם געזאַנג אַ מלך בן מלך.
אַ נביא בן נביא, אַ חכם בן חכם, — זאָגן די יידן צו גאָט..."

אין די לעצטע יאָרן האָבן פיל תלמידים פאַרלאָזן די ישיבה נאָך אַ קורצער צייט לערנען און זענען אַריבער אין דעם בית־ספר „תרבות", וואָס האָט זיי באַזונדערס געצויגן צו לערנען די העברעאישע שפּראַך. ס'האָבן צוגעצויגן די בעסערע באַדינגונגען און די בעסערע אָרדנונג אין „תרבות", און צו אַלעמען די גוטע לערער וועלכע האָבן געלערנט מיט נייע שיטות. אייניקע זיינען אַנגעשלאָסן געוואָרן אין די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און אַ טייל יוגנטלעכע זענען אַוועק לערנען אין וואַרשע, ווילנע, ראָוונע אין לוצק.

טראָץ דעם וואָס די אָפּשטאַמיקע פון דער שטאָט האָבן געהאַט אַ קריטישע שטעלונג צו דער ישיבה האָט מען איר פונדעסטוועגן דערמאָנט צום גוטן, און איצט ביי פאַר־שידענע געלעגנהייטן, ווען מען טרעפט זיך צוזאַמען און מ'הויבט אָן דערציילן זכרונות פון דער אַלטער היים, וועלכע איז ליידער מער נישטאָ, איז די ישיבה דער ליבסטער אָביעקט, די ליבסטע טעמע. ביי יעדער באַגעגעניש ווען בונים מלמד „שטעלט פאָר" ר' יונה מלמד — פּלאַצן די חברה פון געלעכטער...

ר' שלמה ז"ץ

איינע פון די שענסטע פערזענלעכקייטן פון ראַזשישטש איז געווען ר' שלמה ז"ץ, וואָס איז געווען בעל־קורא אין דער טריסקער שול.

ער האָט באַקומען סמיכות אויף רבנות אין דער קאָצקער ישיבה. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר' שמואל וואָוציס, און איז אָנגענומען געוואָרן אַלס אַ מלמד אין דער ישיבה. ער איז געווען זייער אַן איידעלער מאַן, אַ חסיד פון דער שיטה פון מוסר, פון „בית־יוסף". ער האָט צונויפגעזאַמלט ביי זיך אַ קבוצה „תלמידים מתקדמים" אין דער ישיבה, צווישן זיי: בערל געלערשטיין, מאָטל ווייסבערג, קאָפּל

שפּיטאַלניק, ברוך שקורניק, משה יוקלזאָן, פייוול שקורניק און נאָך אַ צענדליק פעאיקע יונגעלייט.

אָט דער יונגערמאַן האָט געראַטעוועט די ישיבה אויף אַ קורצער צייט. מיט זיין אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט און מיט זיין ליבע צו דער תורה, האָט ער באַוויזן אַריינברענגען לעבן אין דער ישיבה און האָט אויך אַרויסגערופן ווילן און התלהבות ביי די צען ייִנגלעך, צו לערנען גמרא. אָבער דאָס איז אַ צייט ווען די „תרבות"־שולע האָט צוגעצויגן צו זיך דעם בעסטן טייל יוגנט פון שטאָט. פיל ייִנגלעך האָבן פאַרלאָזן די ישיבה און האָבן געזוכט וועגן צו די העברעאישע לערן־אַנשטאַלטן, אָדער צו די פּוילישע שולן.

דאָס לערנען גמרא און די ישיבה האָט אויסגעזען פאַרעלטערט אין דער צייט ווען די העברעאישע שפּראַך האָט אויסגעזען פריש און נייַ. ס'האָבן דאַן געבלאָזן אינגאַנצן אַנדערע ווינטן אויף דער יידישער גאַס. דער ציוניזם און די חלוצישע באַוועגונג האָט צוגעצויגן די בעסטע און פאָרגעשריטענע יוגנט פון שטעטל.

בעת אין דער ישיבה האָט מען זיך פאַרנומען מיט די מסכתות „בבא קמא", „בבא מציעא", האָט מען געקענט באַקומען באַהאַלטענערהייט אין דער ביבליאָטעק פון „תרבות" די טרילאָגיע „לבדה", „דניאל שפרנוב" און „הנצחון" פון קבק.

די השפּעה פון ר' שלמה ז"ל איז געווען אַזוי גרויס, אַז אייניקע פון זיינע תלמידים האָבן אַפילו פאָרגעזעצט לערנען אין דער באַרימטער קאָרעצער ישיבה וואָס איז געווען אין דער געגנט, אין בראש פון וועלכער ס'איז געשטאַנען דער עילוי פון פּאָלטאַווע.

פיל האָבן פאַרלאָזן די ישיבה נאָך אַ קורצער צייט לערנען און האָבן פאָרגעזעצט זייער וועג אין פאַרשידענע ריכטונגען. ווער ס'איז אַוועקגעפאָרן אויף הכשרה, ווי צום ביישפּיל בערל געלערשטיין, כדי צו פאַרווירקלעכן די חלוצישע אידעע, ווער ס'האָט זיך גענומען צו אַנדערע ענינים. מיר דוכט זיך אַז בלויז ברוך שקורניק האָט מיט עקשנות און ערנסט פאָרגעזעצט לערנען אין דער ישיבה און האָט באַקומען סמיכות אויף רבנות.

די לעצטע יאָרן פאַר דער שואה, האָט ר' שלמה געלערנט תורת השחיטה און איז געווען שוחט אין דער יידישער קהילה ביז ס'האָט אים דערגרייכט די טומאהדיקע נאַצישע האַנט.



ר׳ אליהו פעפער — פון די פני־העיר

אבנר רחמיאלי

ר׳ אליהו פעפער איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן, געשעצט און אָנגענומען ביי אַלע שיכטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. ער איז געווען אַ שותף אין דעם הירט־געשעפט, וואָס איז געווען באַקאַנט אין שטאָט אינטערן נאָמען „דער קעלער״. דאָס איז געווען אַ גרויס הורט־האַנדל געשעפט, וואָס האָט זייער גוט פראָספּערירט און האָט צוגעשטעלט באַקאַליי־סחורות אין אַלע באַקאַליי־קראָמען אין שטאָט. אין דעם געשעפט זיינען געווען שותפים 4 שטאָטישע בעלי־בתים: אַברהמ׳טשיק געלער, לייביש סאַס, יאָסל וויינער און ער אַליין — אליהו פעפער.

„דער קעלער״ איז נישט נאָר געווען אַ גרויס האַנדלס־געשעפט, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלע יידישע „אינסטיטוציע״, וואָס האָט דע־פאַקטאָ אונטערשטיצט אָפן און אין געהיים יעדן צדקה־אַנשטאַלט, יעדע הילפס־אינסטיטוציע און אויך אַלע יידישע קולטורעלע און דערציערישע אַנשטאַלטן, וועלכע זענען געווען טעטיק אין דער יידישער געזעלשאַפט.

ר׳ אליהו פעפער, וואָס איז געווען דער בוכהאַלטער אין „קעלער״, האָט גערן אַלס רעליגיעזער ייד אונטערשטיצט, בעיקר, די תורה־אַנשטאַלטן און אויך די אינסטיטוציעס וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט סאָציאַלע און הילפס־פאַרזאָרגונג. זיין פליכט איז געווען אויסצוצאָלן רעגולער דעם געהאַלט פון די מלמדים אין דער „ישיבה״. ער האָט אויך אונטערשטיצט מיט „מתן בסתר״ די תלמידי־חכמים, וועמענס עקאָנאָמישער מצב איז געווען נישט קיין גוטער. זיינע שותפים דאַקעגן האָבן אונטערשטיצט די וועלטלעכע אינסטיטוציעס: דעם בית־ספר „תרבות״, דעם קרן־הקיימת און אַנדערע ציוניסטישע פאָנדן.

אליהו פעפער איז לויט זיין אידעאָלאָגישער איבערצייגונג געווען אַ געטרייער ציוניסט: ער איז געווען אַ מיטגליד אין „מזרחי״ און האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט די העברעאישע שפּראַך. ער איז געווען איינער פון די ווייניקע יידן אין שטאָט וואָס האָט רעגולער אַבאָנירט דעם „העולם״ — דעם אָפיציעלן חודש־זשורנאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז דערשינען אין לאָנדאָן. ער פלעגט גערן אויסבאָרגן די צייטונג זיינע פריינט, וועלכע האָבן געהאַט אַן אינטערעס צו לייענען די צייטונג, און זי פלעגט איבערגיין פון האַנט צו האַנט.

זיין הויז איז געווען אַ ציוניסטיש. זיינע טעכטער יוכבד און בוזי, ווי אויך זיין זון חיים, זענען געווען אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טוער. ווי זייער פאָטער זענען זיי אויך געווען טעטיק פאַרן „תרבות״, געווען אַקטיווע טוער פאַרן קרן־הקיימת, בית־יתומים און אַנדערע הילפס־אַנשטאַלטן. זיין זון חיים איז עולה געווען אַלס חלוץ אין יאָר 1925, אָבער שפּעטער איז ער געווען געצווּנגען זיך צוריקקערן קיין פּוילן צוליב דער קראַנקהייט פון זיין מוטער.

אַלס געזעלשאַפטלעכער עסקן, אַלס גבאי אין דעם בית־הכנסת און אין טריסקער שול און מיטגליד פון דעם ועד הקהילה, איז ר׳ אליהו פעפער געווען, לויט זיין נאַטור, אַן אָנהענגער פון אַ מעסיקער ליניע אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער איז געווען ווייט פון עקסטרעמקייט. ער האָט שטענדיק פאַרטיידיקט דעם שוואַכן און פלעגט משפטן דעם מענטש לויט זיין זכות.

מיט גרויס ליבע און פיעטעט האָט ער זיך באַצויגן צו פעאיקע קינדער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גוטן לערנען אין דער ישיבה. ער פלעגט פאַרבעטן אָט די קינדער צו זיך אין שטוב אין די שבתים נאָכמיטאָג, פלעגט זיי פאַרהערן אין דער פרשה פון דער וואָך, און אין אַ בלאַט גמרא, וואָס זיי האָבן געלערנט אין משך פון דער וואָך.



חיים פעפער דאַנקט פאַר דער האַרציקער אויפנאַמע אין בית־ראָזשישטש בעת זיין באַזוך אין ישראל.

חיים פעפער

דער אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער עסקן און קולטור־טוער **חיים פעפער** איז געבוירן דעם 5־טן פעברואַר 1900, אין ראָזשישטש, ביי יידיש־טראַדיציאָנעלע עלטערן, אליהו און טעמע פון דער היים געלער.

דער פאָטער, ר׳ אליהו פעפער, אַ חבר פון „מזרחי״, איז געווען אַ בוכהאַלטער. צוזאַמען מיט דריי שותפים האָט ער געפירט אַ הורט־געשעפט פון באַקאַליי, וואָס איז געווען באַקאַנט מיטן נאָמען „דער קעלער״.

ביי די פעפערס אין שטוב זענען געווען זעקס קינדער — פיר טעכטער און צוויי זין: חיים און זעליג, וואָס איז געשטאָרבן אין עלטער פון 16 יאָר. די מוטער איז געשטאָרבן אין יאָר 1927. דער פאָטער מיט די פיר טעכטער זענען אומגעקומען דורך די נאַציִשע רוצחים אין יאָר 1942, צוזאַמען מיט אַלע וואָלינער יידן אין דער אַלטער היים: זיי זענען געגאַנגען דעם לעצטן פּיינ־וועג על קידוש השם.

חיים פעפער האָט געלערנט אין חדר און אין דער ישיבה ביז צום אויסברוך פון וועלט־קריג. ווען ער איז עלטער געוואָרן, איז ער געווען איינער פון די געטרייע עסקנים אין דער תרבות־שולע און פאַרנומען אַ וויכ־טיקן אַמט אין דער שול־פאַרוואַלטונג. אין

דער שולע האָבן צו יענער צייט געלערנט ביי 700 תלמידים און תלמידות. ער איז אויס־געוויילט געוואָרן אַלס לאַוויניק אין מאַגיס־טראַט און איז געווען 6 יאָר לייטער פונעם בית־יתומים.

אין יאָר 1926 האָבן חיים פּעפּער, און זיין זיין פרוי חייקע, עולה געווען קיין ארץ־ישראל — מיט דער פערטער עליה. אין לוצקער פּאַלעסטינע־אַמט האָט פּעפּער באַ־קומען אַ סערטיפיקאַט, צוגעטיילט פון באַ־קאַנטן פּועלי־ציון פירער דוב־בער מאַלקין, צוליב דעם וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן קענטעניש אין תנ"ך און תלמוד און האָט באַהערשט פליסיק די העברעאישע שפּראַך.

נאָכן אָפּזיין אַנדערטהאַלבן יאָר אין ארץ־ישראל האָט ער באַקומען אַ ידיעה, אַז די מאַמע זיינע טעמע איז מסוכן־קראַנק און ער מוז תיכף קומען אַהיים. ער האָט אַלעס איבערגעלאָזט און צוזאַמען מיט דער פרוי זיך אומגעקערט קיין ראַזשישטש.

קנאַפּע צען יאָר איז חיים פּעפּער געווען אין פּוילן נאָכן צוריקקומען פון ארץ־ישראל. ווען דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט זיך פאַר־שאַרפט אינאיינעם מיטן אַנטיסעמיטיזם און ס'איז שוין פשוט ניט געווען יגלעך צו אָטעמען די פאַרסמטע לופט אויף דער פּוילי־שער ערד, האָט ער אָנגעהויבן מאכן באַמי־אונגען צו פאָרן קיין דרום־אַמעריקע, ווייל קיין ארץ־ישראל האָט ער זיך שוין ניט געקאָנט אומקערן, נישט באַקומענדיק קיין נייעם סערטיפיקאַט. דעם 25־טן אויגוסט 1936 זענען חיים פּעפּער און פרוי געקומען קיין אַרגענטינע.

אין יאָר 1937 איז ער אויסגעקליבן גע־וואָרן אַלס וויצע־פּרעזידענט פון די פּוילישע יידן אין אַרגענטינע. צוועלף יאָר האָט ער פאַרנומען דעם אַמט פון פּרעזידענט פון דער ביאַליק־שול אין אוועזשאַנעראַ, אַרגענטינע, ווו ער איז געווען אַ תושב.

אין דער זעלבער צייט איז ער געווען פּרעזידענט פון דער אָרטיקער קהילה „עזרה" און זיך אַקטיוו באַטייליקט אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטו־ציעס.

פאַר זיינע לייסטונגען האָט ער ערלעך פאַרדינט פאַרצייכנט צו ווערן אין „גאָלדע־נעם בוך פון יידישן אַרגענטינע" אַלס עסקן בצרכי ציבור באמונה.

(אויסצוג פון „גאָלדענעם בוך" פון יידישן אַרגענטינע)

ער פלעגט זיך נוהג זיין מקרב צו זיין די טאַלאַנטירטע און פלייסיקע קינדער און פלעגט זיי סטימולירן צו זיין פלייסיק אין זייערע לימודים. ער איז דאָס געווען דער, וועלכער האָט פאַרוואַנדלט דעם „קעלער" אין אַ שם־דבר אין שטאָט, און אויך זיינע שותפים זענען באַווירקט געוואָרן פון אים, אַזוי אַז אויך זיי זענען געווען אַקטיווע טוער און האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געשפּענדעט און אונטערשטיצט פאַרשידענע ציוניסטישע אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס.

אין דער צייט פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט זענען געעפנט געוואָרן די שולן, וואָס זענען געווען פריי פאַר אַלע. ס׳איז גענצלעך ליקווידירט געוואָרן יעדע ציוניסטישע טעטיקייט. די ציוניסטישע יוגנט האָט אויפגעהערט זיך צוזאַמענקומען.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער רוסיש־דייטשישער קריג, אין יאָר 1941, איז מיין ברודער גענומען געוואָרן אין דער רוסישער אַרמיי. מיר האָבן פון אים באַקומען נאָר איין בריוו פון אָדעס. ער איז פאַרשוווּנדן, אָן איבערצולאָזן אַ שפּור.

נאָמען זאָל נישט פיגורירן אין די ביכער פון די מילן; זיי אַ גוטער ברודער מיט די אויפזעער, און קום מיט זיי אַדורך; אַנשטאָט דער אָפענער קלייט דינג דיר אייניקע באַהאַלטענע מאַגאַזינען — אַזוי אַרום וועסטו קענען גוט פאַרדינען און מיר ביידע וועלן זיין צופרידן".

איך האָב געטאָן ווי ער האָט מיר געראָטן, און במשך פון אַ געוויסע צייט האָב איך געמאַכט גרויסע געשעפטן און די שטייערן זיינען געווען מעסיגע.

איינמאָל איז אויפן באַזאַר פון לוצק געקומען אַ קאָמיסיע פון קיעוו און געטראָפן דאָרט הונדערטער וועגענער מיט תבואה. זיי זיינען געווען זייער איבערראַשט פונעם פאַקט, וואָס ביי זיי אין קיעוו איז נישטאָ אַזוי פיל תבואה ווי ביי אונדז אויפן שוואַרצן מאַרק. איך און נאָך צוויי יידן האָבן זיך דאַן געפונען אויפן מאַרק, און מיר האָבן אַלע געהאַט אָפיציעלע באַשטעטיקונגען אַלס תבואה־סוחרים. מען האָט אונדז אַרעסטירט, אַוועקגעפירט אין קעלער פון נ.ק.וו.ד. און אויסגעליידיקט די טאַשן, צונעמענדיק דאָס געלט און די פאַפּירן וואָס מיר האָבן באַזיצט. ביינאַכט האָט מען אונדז געדראָט מיטן טויט, צושטעלנדיק רעוואָלווערן צו אונדזערע קעפּ. מיר זיינען דורכגעגאַנגען אַ שווערע נאַכט. אָבער צווישנצייט האָט מיין פרוי נישט געשוויגן. זי איז אַוועק אין פינאַנס־אָטדיעל מיט אַ געשריי פאַרוואָס זיינען מיר, לעגאַלע תבואה־סוחרים מיט אָפיציעלע דערלויבעניש, אַרעסטירט געוואָרן. דער נאַטשאַלניק פון אָטדיעל איז אַוועק קיין לוצק אין נ.ק.וו.ד. און געפאָדערט אונדז באַפרייען, ווייל מיר זיינען לאַיאַלע סוחרים וואָס צאָלן רעגולער די שטייערן, וואָס די רעגירונג פאָדערט פון אונדז. מען האָט אונדז באַלד באַפרייט, צוריקגעגעבן דאָס קאָנפיסקירטע געלט און די פאַפּירן, און מיר האָבן ווייטער פאָרגעזעצט אונדזער האַנדל ווי פריער.

מיינע שטייערן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פון 250 רובל אַ חודש, זיינען דערגאַנגען צו אַ מיליאָן רובל און העכער. איין טאָג איז צו מיר געקומען אַ קאַפּיטאַן און געמאָלדן, אַז היות ווי מיינע שטייערן זיינען העכער ווי אַ מיליאָן רובל — קומט מיר תפיסה... ער עצהט מיר אָפּצוגעבן אַ מעלדונג, אַז איך בין מוותר אויף די דערלויבניש. איך האָב אים געפאָלגט און געטאָן ווי ער האָט מיר געראַטן. די אַנדערע צוויי סוחרים, לייבצי קריוואָרוטשקע און אַברהם נאַטשיטש, זיינען אַרעסטירט געוואָרן און פאַראורטיילט געוואָרן צען יאָר תפיסה. איך האָב אַלץ געטאָן כדי צו ראַטעווען די צוויי סוחרים, וואָס האָבן געהערט צו אונדזער משפחה. איך וויל באַטאָנען אַז אַלע הויכע סאָוויעטישע באַאַמטע, אָנהויבנדיק פון נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד., פּראָקוראָר, נאַטשאַלניק פון אָטדיעל און אַלע יידישע אויפזעער, זיינען געווען איבערגעקויפט דורך מיר. טראָץ דעם, ווען ס'וואָלט נישט צווישנצייט אויסגעבראָכן דער קריג מיט דייטשלאַנד — וואָלט מען מיך פאַרשיקט קיין סיביר.



בערל שניידער און טאָכטער אסתר

חיים גראבארסקי

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, האָבן מיר געלעבט אין גרויס פּחד, דערזעענדיק ווי די דייטשן דערנענטערן זיך שנעל צו אונדזערע געגענטן. אין דער ערשטער ריי האָבן מורא געהאַט די יידן, און נאָכהער — די פּאָליאַקן.

אין ראָזשישטש האָט נישט ווייט פון דעקלבוים געוווינט אַ פּאָליאַק, ריינישׂ, וואָס האָט געהאַנדלט מיט וווּרשט. פאַקטיש איז ער געווען אַ האַלבער דייטש און האַלבער פּאָליאַק. איך בין מיט אים געווען אין פריינדלעכע באַציונגען. זעענדיק אַז איך גרייט זיך פאַרלאָזן די שטאָט, האָט ער מיך גערופן און געזאָגט:

„נישט ווייט פון קרעמעניעץ האָבן מיר אַ פאַרם. דו קענסט אַוועק אין דער פאַרם און איבערוואַרטן דאָרט די שווערע צייט".

איך האָב די עצה נישט אויסגענוצט, ווייל נאָך אַ פּאָר טעג זיינען די רוסן אַריין אין די געמיטער האָבן זיך באַרויקט.

איך ראַטעווע אַ פּריץ פון טויט

קורץ נאָך זייער אַריינקומען האָבן די סאָוויעטן אַרעסטירט צוויי אָנגעזעענע פּאָליאַקן: יאַראַצקי, וואָס האָט געהאַלטן די מיל ביי זאַפּאָלסקי, און אַלעקסאַנדער זאַפּאָלסקי, דער באַקאַנטער פּריץ און ערד־באַזיצער. די קרובים פון די צוויי פאַרהאַלטענע פּאָליאַקן זיינען געקומען און מיך געבעטן:

„גראַבאַרסקי, דו האָסט געהאַט גוטע באַציונגען מיט די ראַדיקאַלע קרייזן, און אין דער זעלבער צייט געווען אויך אין פריינדלעכע באַציונגען מיט אונדז. די קאָמסאָמאָלצעס, וואָס זיינען איצט געוואָרן די הערשער, וועלן זיך מיט דיר רעכענען אויב דו וועסט זיך באַמיען פאַר די צוויי אַרעסטירטע פּאָליאַקן".

איך האָב זיי געענטפערט:

„וואָס שייך אַלכסנדר זאַפּאָלסקי, וואָס האָט זיך גוט באַצויגן צו יידן, וועל איך אַלץ טאָן כדי אים צו העלפן. אָבער לגבי יאַראַצקי — וויל איך מיך נישט מישן".

איך בין אַוועק צו זלמן וורבע און געבעטן זיך רעכענען מיטן פאַקט, אַז זאַפּאָלסקי איז געווען אַ יידן־פריינד און זיי געטאָן פיל טובות. אַלס אַ געוועזענער פּריץ דראָט אים טויט־געפאַר ביי די רוסן און ס'איז דעריבער אונדזער הייליקער חוב אים צו ראַטעווען פון די הענט פון די נ.ק.וו.ד.

זלמן האָט געענטפערט, אַז ער איז מסכים צו אינטערוועניר ן לטובת זאַפּאָלסקי, אָבער ער האָט מיך געבעטן אַז איך זאָל זען, אַז נאָך אייניקע אוקראַינער זאָלן זיך ווענדן מיט דער זעלבער ווענדונג, כדי ס'זאָל זיך נישט שאַפן קיין רושם, אַז נאָר די יידן אינטערווענירן לטובת אַ פּוילישן פּריץ.

איך בין אַוועק צו פּאַוועל מיטשיק, אַ געוועזענער שול־חבר פון קינדהייט, און אויף אים משפּיע געווען אַז אייניקע אוקראַינער זאָלן אינטערווענירן לטובת זאַפּאָלסקי.

איך האָב נישט לאַנג געוואַרט. כ'בין אַוועק מיט זלמן צו מיטשיק אין שטוב און דאָרט האָבן מיר אויך געטראָפן זיין ברודער גרישאַ. אַלע פיר זיינען מיר אַוועק אין דער נ.ק.וו.ד. און געבעטן באַפרייען זאַפּאָלסקי, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פריינדלעכע באַציונג צו דער אָרטיקער באַפעלקערונג. נאָך אַ קורצער באַראַטונג פון די נ.ק.וו.ד.־באַאַמטע האָט מען אים באַפרייט.

מעכעלע חייט פסול פאַרן קאָמסאָמאָל

אייניקע קוריאָזן כאַראַקטעריזירן דעם אַבסורד פון קאָמוניזם. דער ערשטער פאַל איז געשען, ווען איך האָב געאַרבעט אין רייפּראָמקאָמבינאַט אַלס בוכהאַלטער. דער אַמט איז געווען ביי מרדכי חייט אין הויז. איך פלעג אָפט דאָרט קומען. איינמאָל קומט צו מיר מעכעלע חייט און בעט מיר אים אָנשרייבן אין רוסיש אַ ביטע, אַז מען זאָל אים אָננעמען אין קאָמסאָמאָל: ער איז געווען יאָרנלאַנג אַ פאַרברענטער קאָמוניסט און געזעסן אין תפיסה בעת דער פּוילישער הערשאַפט.

בעת די ביטע איז אָנגעקומען אין קאָמסאָמאָל האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַן אוקראַינער שניידער, אַ באַוווּסטער אַנטיסעמיט, וואָס האָט איבער זיין שניידער־וואַרשטאַט געהאַט אין דער צייט פון די פּוילישע הערשאַפט אַ שילד מיט אויפשריפט: „אוקראַינסקי כשעשצ'יאַנסקי קראַוויעץ" ד. ה. „אַ קריסטלעך־אוקראַינער שניידער!" ער האָט די קעגנערשאַפט צו דער ביטע מאָטיווירט דערמיט, וואָס מעכעלעס חייטס פאָטער איז געווען אַ סוחר! ער האָט געהאַט אַ יאַטקע און דעריבער איז ער פסול צו זיין אַ חבר אין קאָמסאָמאָל...

ווען מעכעלע האָט מיר דערציילט וועגן די שוועריקייטן וואָס דער אַנטיסעמיט מאַכט אים ביים אָננעמען אין קאָמסאָמאָל האָב איך אים געהייסן ברענגען זיין פאָטערס אַרבעטס־דערלויבעניש, וואָס איז געווען פאַרפליכטעט פאַר יעדן האַנטווערקער. אויפן גרונט פון דער דאָזיקער דערלויבעניש האָב איך אָנגעשריבן אַ ביטע, אין וועלכער כ'האָב באַטאָנט, אַז מרדכי חייט, מעכעלעס פאָטער, איז נישט געווען קיין סוחר, נאָר אַ מיאַסניק, ד. ה. אַן אַרבעטער, און ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין אייגענע מאַשין. ער האָט

אליעזר בראַקער

איך האָב זיך באַקענט מיט אליעזר בראַקער אין מאָסקווע אין דער דירה פון עזר מאַרגאָליס, ווו בראַקער איז געווען אַן אָפּטער אַריינגייער. דאָס איז געווען אין יאָר 1961. אין דער צייט האָבן זיך דיביידע פריינד, בראַקער און מאַרגאָליס, באַקענט אין דער מאָסקווער ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון לענין, ווו מען האָט געקאָנט לייענען אויסלענדישע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, און דער עיקר — העברעאישע צייטונגען פון ישראל (פאַרשטייט זיך פון דעם לינקן לאַגער).

די ביידע טייערע און האַרציקע מענטשן האָט פאַרבונדן אַ געמיינזאַמער און אידעאיש־נאָנטער וועג: זיי ביידע זענען געווען ציוניסטן און ביידע האָבן דורכגעמאַכט די סטאַלינסטישע לאַגערן. איבערהויפּט האָבן זיי זיך אינטערעסירט מיט די פּעריאָדישע אויסגאַבן פון ישראל. טראָץ דעם, וואָס נישט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געדרוקט אין די ישראלדיקע צייטונגען איז זיי געווען צום האַרצן, זענען זיי געווען דער איינציקער מקור, ווו מען האָט געקענט זיך עפּעס דערוויסן וועגן לעבן אין ישראל.

בראַקער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַ געוויסע צייט געלעבט אין ארץ־ישראל. ער האָט גוט באַהערשט די העברעאישע שפּראַך און ס'איז נישט קיין וווּנדער, וואָס ער האָט געהאַט אַן אינטערעס צו לייענען אין דערדאָזיקער שפּראַך, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז די העברעאישע שפּראַך פאַרבאָטן און ס'איז נישט מעגלעך צו לייענען אַ ווערק, אַפילו אַ קאָמוניסטיש, אין עברית.

פאַרפאָלגט דורך דער מאַכט

אליעזר בראַקער איז פאַר זיין ציוניסטישער טעטיקייט פאַרמשפּט געוואָרן אויף פיל יאָרן תפיסה, לויט דעם פּאָליטישן 58־טן פּאַראַגראַף. זיין „שולד" איז אויך באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אַ געוויסע צייט געלעבט אין אויסלאַנד. אויף די לאַנגע אויספאָרשונגס־פאַרהערן אין די נעכט האָבן די נ.ק.וו.ד.־אויספאָרשער אים שטאַרק געשלאָגן. אין רעזולטאַט פון די קלעפּ און אַנדערע עינויים וואָס זיי האָבן קעגן אים אָנגעווענדעט איז ער פאַרבליבן אַ פיזיש צעבראָכענער מענטש און האָט פאַרלוירן דעם געהער אויפן רעכטן אויער.

וועגן זיינע איבערלעבונגען בית די אויספאָרשונגען און וועגן זיין לעבן אין פאַרשידענע תפיסות און לאַגערן, האָט ער אויסגעמיטן צו דערציילן צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, אָבער ס'איז גענוג געווען אַ קוק טאָן אויף דעם מענטש כדי צו דערקענען, אַז ער האָט זייער פיל דורכגעמאַכט.

געאַרבעט מיט די הענט, לכן איז זיין זון מעכעלע ראוי אָנגענומען צו ווערן אַלס חבר אין קאָמסאָמאָל.

די ביטע איז אַוועק אין רייקאָם און נאָך אייניקע טעג איז ווידער געקומען אַן אָפּזאָג. דער אוקראַינער האָט מאָטיווירט די איצטיקע קעגנערשאַפט דערמיט, וואָס מרדכי חייט איז טאַקע געווען אַן אַרבעטער אויף צו שחטן בהמות, אָבער דאָס פלייש האָט ער פאַרקויפט, און איז דערפאַר געווען אַ סוחר, און זיין זון קען דעריבער נישט זיין קיין חבר אין קאָמסאָמאָל...

דער פאטער איז געווען א טארגאוויעץ...

איינמאָל איז צו מיר געקומען אַ ייִנגל און געבעטן אים צונעמען צו דער אַרבעט אין אונדזער ביוראָ. איך האָב אים געהייסן אויספילן אַ פאָרמולאַר, און דערביי האָב איך באַמערקט אַז ער שרייבט נישט שלעכט. אויף מיין פראַגע ווו האָט ער געלערנט, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט געלערנט אין דער „תרבות" שולע, און אַז אין די אָוונטן האָט ער צוגעלערנט אַליין אין שטוב. איך האָב אים געגעבן אַ מאַטעמאַטישע אויפגאַבע וואָס ער האָט גלייך אויפן אָרט געלעזן. איך האָב גלייך אויפן פאָרמולאַר אָנגעשריבן אַ רעקאָמענדאַציע אים אָנצונעמען צו דער אַרבעט. בעת ער איז געקומען מיט דער רעקאָמענדאַציע צום דירעקטאָר קוזניעצאָוו האָט ער אָנגעצייכנט מיט רויטן טינט: אָפּזאָגן! כ'בין אַוועק צו אים און אויפמערקזאָם געמאַכט, אַז דער אָפּזאָג איז נישט קיין באַרעכטיקטער, זאָגנדיק אים:

„חבר קוזניצאָוו, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז מען פאָדערט פון אונדז אַרבעט. ווער ס'גיט נישט אַרויס קיין אַרבעט איז אַ שונא פון פאָלק — אַ וורעדיטעל. מיר זיינען דאָך ביידע פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַרבעט, און דו אַפילו מער פון מיר, ווייל דו ביסט דער דירעקטאָר, און איך בלויז אַ בוכהאַלטער. אויב מיר קריגן שוין אַ מענטש, וואָס איז פעיק צו דער אַרבעט — דאַרף מען אים אויפכאַפּן מיט ביידע הענט".

ענטפערט ער מיר:

„דו זעסט נישט, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ סוחר!"

האָב איך אים געענטפערט:

„זיין פאָטער איז טאַקע געווען אַ סוחר, אָבער אַ גרויסער קבצן און אַן אָרנטלעכער מאַן. זיין זון האָט מיט זיינע אייגענע כוחות געלערנט און פאַרשאַפן זיך בילדונג. ער קען אונדז פיל נוצן ברענגען. איך לייג פאָר, אַז מיר זאָלן אים צונעמען צו דער אַרבעט".

דער דירעקטאָר האָט געענטפערט, אַז אים איז נישט דערלויבט באַשעפטיקן מענטשן, וועמענס עלטערן זיינען געווען קליינבירגער, און ער לייגט פאָר אַז איך זאָל זיך פאַרקלאָגן אויף אים פאַרן פרעדסעדאַטעל פון רייאיספאָלקאָם, אַזוי אַז ער זאָל דעצידירן וועגן אונדזערע פאַרשידענע מיינונגען.

איך בין אַוועק צום פרעדסעדאַטעל פון רייאיספאָלקאָם און אים איבערגעגעבן דעם גאַנצן ענין. ער האָט מיך גוט געקענט, ווייל דאָס האָט ער מיך נאָמינירט אַלס הויפּט־בוכהאַלטער פון רייפּראָמקאָמבינאַט. ער איז אויך געווען קעגן אָננעמען דאָס ייִנגל צו דער אַרבעט טראָץ זיין פעיקייט און זעלבסטבילדונג, און ער האָט צוגעגעבן:

„דו האָסט געלעבט אין פוילן, ווו איר טראַכט מיט אַנדערע קאַטעגאָריעס, ווי ביי אונדז אין רוסלאַנד. אונדזערע מנהגים זיינען אַנדערע. דער סוחר — ער איז דער גרעסטער פיינט פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. קעגן אַלע שונאים קענען מיר זיך שיצן, נאָר נישט קעגן מסחר. מיר מוזן מיט אים פירן אַ שטענדיקן שווערן קאַמף. לענין האָט געזאָגט, אַז מיטן מסחר דאַרפן מיר פירן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. דעריבער, ווער ס'פאַרנעמט זיך מיט מסחר, דאַרף פון אונדז באַקעמפט ווערן אויף אַזאַ אופן, ער זאָל פאַרזאָגן קינדער און קינדס־קינדער מער מיט קיין מסחר זיך נישט פאַרנעמען"...

צום סוף וויל איך נאָך דערציילן דעם פאָלגענדן עפּיזאָד:

בעת די רוסן זענען אַריין קיין ראָזשישטש, דעם 17־טן סעפטעמבער 1939, האָט מען מיך אַרעסטירט און בין געזעסן אין תפיסה אין לוצק. נאָך אַ האַלב יאָר האָט מען מיך באַפרייט, ווייל מען האָט ביי מיר נישט געפונען קיין געגנבעטע זאַכן... נאָך מייז

אַ טאָכטער אַ קינסטלערין

פאַר זיין אַרעסט האָט בראַקער געאַרבעט אַלס אַ וויסנשאַפטלעכער פאָרשער אין דער אויבנדערמאָנטער לענין־ביבליאָטעק אין מאָסקווע. זיין דירה האָט זיך געפונען אין אַ פאָרשטאָט פון מאָסקווע, באַבושקינא. ער האָט געלעבט צוזאַמען מיט זיין פרוי און איינציקע טאָכטער, וועלכע האָט געענדיקט די מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע אין קלאַס פון פידל. זי איז זייער אַ באַגאַבטע און טאַלענטירטע פידלערין. טראָץ דעם וואָס איר פאָטער איז געווען אין אַרעסט, האָט מען איר אייניקע מאָל געשיקט אויף גאַסטראָלן מיט קאָנצערטן קיין אויסלאַנד. געשפילט האָט זי אויף אַ זייער טייערער פידל, פאַר וועלכער בראַקער האָט זיינער צייט באַצאָלט אַ גרויסע סומע געלט.

ס'האָט איינמאָל פאַסירט אַ גרויס אומגליק. אַרויסגייענדיק פון טעאַטער דאך א קאָנצערט האָט זיין טאָכטער אים געבעטן, אַז ער זאָל אַוועקפירן די פידל אַהיים. זי אַליין האָט זיך פאַרהאַלטן מיט אייניקע מוזיקער נעבן בנין פון טעאַטער. פאָרנדיק אין דער אונטערערדישער באַן אַהיים האָט בראַקער פאַרגעסן אין באַן די פידל. ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרגעסן די פידל אויף דער באַנק פון וואַגאָן, איז שוין געווען צו שפּעט, די באַן איז שוין אַוועק. ס'האָבן נישט געהאָלפן אַלע זיינע אַרומלויפענישן איבער אַלע סטאַציעס פון מאָסקווער מעטראָ, קיינער האָט די פידל נישט צוריקגעקערט. צומאָרגנס איז בראַקער געקומען צו מיר זייער אַן אויפגערעגטער. ער איז נישט געווען מסוגל אַרויסצורעדן אפילו צוויי ווערטער. ווען איך האָב אים באַרואיקט, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט גורם געווען זיין טאָכטער גרויס עגמת־נפש: ער האָט פאַרלוירן איר בעסטן אינסטרומענט — איר זעלטענע פידל. דאָס האָט פאַסירט ווינטער 1963. ער האָט געמאַכט גרויס אָנשטרענגונגען און געקויפט דער טאָכטער אַן אַנדערע קאָסטבאַרע פידל.

אונטערערדישע ליטעראַטור

נאָכן טויט פון זיין פריינד מאַרגאָליס, איז בראַקער געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער אין מיין הויז. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט די נייעס און אינפאָרמאַציעס וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין „סאַמאיזדאַטישע" אויסגאַבן (סאַמאיזדאַט איז די ראשי תיבות פון די צוויי רוסישע ווערטער סאַם איזדאַט, דאָס הייסט: אַליין אַרויסגעגעבן). לייענענדיק די אינפאָרמאַציעס פון אויסלאַנד, פלעגט בראַקער מאַכן זיינע אייגענע קאָמענטאַרן.

די אַרטיקלען, וועלכע פלעגן געשריבן ווערן אין דער אויבנדערמאָנטער „אַליין־אויסגאַבע", ווו ס'פלעגן שרייבן מענטשן מיט דעמאָקראַטישע אָנשויאונגען, פלעגן איבער־

באַפרייונג, האָט מען מיר אומגעקערט דעם פּאַספּאָרט. מיט דער צייט איז מיר באַקאַנט געוואָרן די אמתע סיבה פון מיין באַפרייונג:

אין רייקאָם פון דער פּאַרטיי איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע זיצונג צו באַשליסן וואָס צו טאָן מיט חיים גראַבארסקי. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען זיכער אַז איך בין אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, און מען דאַרף מיך ווייטער האַלטן אין תפיסה. דער איינציקער וואָס האָט מיך פאַרטיידיקט איז דווקא געווען דער פּראָקוראָר, וואָס האָט מאָטיווירט זיין האַלטונג מיט אַ כאַראַקטעריסטישע טענה:

„ווי אַזוי קען ער זיין אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, אין דער צייט ווען מיר ווייסן אַז ער איז אַ גוטער אַרבעטער, און ס'לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז אַ גוטער אַרבעטער זאָל זיין אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער"...

אויפן סמך פון דאָזיקן „לאָגישן" אויספיר האָט מען מיך באַפרייט פון דער תפיסה. אָבער אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָט מען מיך נאָך געהאַלטן אויפן אויג, און בעת איך האָב שוין פאַרנומען אַ וויכטיקן אַמט אַלס הויפּט־בוכהאַלטער, האָבן זיי קאָנטראָלירט מיינע ביכער, כדי זיך איבערצייגן אַז איך מיסברויך נישט מיט מיין אַרבעט. ערשט נאָך אַ לאַנגער צייט האָבן זיי מיר צוריקגעגעבן מיין פּאַספּאָרט.

צפורה ראַזען (פייגע שער)

בעת דעם אויסברוך פון קריג אין סעפּטעמבער 1939 האָבן מיר מיט גרויס שרעק דערוואַרט דאָס אָנקומען פון די דייטשן. דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, און מיר זיינען אַנטלאָפן אין דאָרף. אונדזער פאַמיליע, מיט נאָך אַ באַקאַנטע פאַמיליע, האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי אַ גוי, מיטן נאָמען קאָנדראַט.

שבת־צו־נאַכט איז אין דאָרף געווען אַ פאַרזאַמלונג אין קלויסטער. ווען אונדזער בעל־הבית איז צוריקגעקומען האָט ער אונדז איבערגעגעבן, אַז ס'איז פאַרבאָטן צו באַהאַלטן יידן. אין פאַל ווען מען וועט ביי איינעם געפונען אַ באַהאַלטענעם ייד, וועט מען פאַרברענען דאָס הויז צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע, ווייל מען דערוואַרט דאָס אָנקומען פון די דייטשן יעדן טאָג.

די דאָזיקע טרויעריקע בשורה האָט אָנגעוואָרפן אויף אונדז אַ בהלה און ס'איז אונדז געוואָרן טרויעריק אויף דער נשמה. מיר האָבן אים צוגעזאָגט פאַרלאָזן זיין הויז צומאָרגנס באַלד אינדערפרי.

צומאָרגנס 5 פאַרטאָג איז צו אונדז אין צימער אַריין דער גוי און געפרעגט:

„וועמען ווילט איר בעסער, די דייטשן אָדער די רוסן?"

מיר האָבן געענטפערט, אַז מיר ווילן בעסער די רוסן איידער די דייטשישע רוצחים. הערנדיק דאָס דערלאַנגט ער אונדז די האַנט און זאָגט: „די רוסן זיינען שוין דאָ!"

ס'איז אונדז ווירקלעך באַפאַלן אַ גרויסע שמחה, וואָס מיר זענען ניצול געוואָרן פון די דייטשישע הענט. פאָרנדיק צוריק אין שטעטל זאָגט צו מיר מיין פינף־יאָריק יינגעלע:

„זעסטו, מאַמע, פון גרויס פרייד איז די ערד געוואָרן ווייס"...

די רוסן האָבן, פאַרשטייט זיך, איינגעשטעלט אין שטעטל זייערע אָרדענונגען. מ'האָט געצוווּנגען די סוחרים פאַרקויפן די אָנגעזאַמלטע סחורות. ס'איז אפשר נישט געווען אַזוי באַקוועם, אָבער דער עיקר — מען איז נישט געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן.

די שולן זיינען גלייך געעפנט געוואָרן. די „תרבות" שולע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שולע ווו די אונטערריכטס־שפּראַך איז יידיש. פון דער פּוילישער שולע איז געוואָרן אַן אוקראַאינישע שולע. אַלע לערער זיינען ווייטער געווען באַשעפטיקט: אייניקע אין די יידישע שולן און אַנדערע אין די אוקראַאינישע. אַלע שולן זיינען, פאַרשטענדלעך, געוואָרן רעגירונגס־שולן, און אַלע קינדער זיינען געווען פאַרפליכטעט גיין אין שולע.

די אַרבעטער זיינען אַוועק אַרבעטן אין די אַרטעלן, יעדער צו זיין פאַך: שמידן, שוסטער, שניידער, סטאָליאַרעס א.א.וו. דאָס לעבן איז געווען גאַנץ שווער: כדי עפּעס צו באַקומען האָט מען געמוזט שטיין אַ לאַנגע צייט אין דער ריי. אָבער קיין עסן האָט נישט געפעלט און מ'האָט נישט געהונגערט; ס'איז געווען אַ פּשוט, אָבער פריילעך לעבן.

געגעבן ווערן פון־האַנט־צו־האַנט. דאָס זענען געווען פאַרבאָטענע אַרטיקלען, וועלכע האָבן קריטיקירט די סאָוויעטישער מאַכט. פאַרשטענדלעך, אַז מען האָט געדאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק ביים פאַרשפּרייטן די דאָזיקע פאַרבאָטענע ליטעראַטור, ווייל אויף יעדן שריט און טריט האָבן נאָכגעפאָלגט די אַגענטן פון דער ק.ג.ב.

א. בראקער פלעגט קומען צו מיר ספּעציעל אין די אָוונטן, כדי קיינער זאָל אים נישט באַמערקן. ער פלעגט אַריינגיין דורך דער הינטערשטער טיר, כדי אויסמיידן זיך מיט עמעצן טרעפן אין קאָרידאָר.

בראַקער אַליין האָט אויך געוואָלט שרייבן אַרטיקלען פאַר אונדזער „סאַמאיזדאַט". ער האָט פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן און טאַלאַנט צו שרייבן אַ גוטן אַרטיקל, אָבער ער האָט פּשוט מורא געהאַט צו ריזיקירן, כדי די אַגענטן פון ק.ג.ב. זאָלן נישט דערקענען אין זיין שרייבן זיין גוט־באַקאַנטן סטיל. ער האָט מיר פיל מאָל געזאָגט, אַז אויב ער וועט נאָכאַמאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון דער ק.ג.ב., וועט ער שוין קיין לעבעדיקער פון זיי נישט אַרויס.

פלעגן יידישע טראַדיציע

אונדזער גרופּע אין מאָסקווע האָט שטענדיק איינגעלאַדן בראַקערן צו די טראַדיציאָנעלע אָוונטן ביי מיר אין הויז, ווו מען האָט ביי אַ גלעזל טיי באַהאַנדלט פאַרשידענע פּראָבלעמען, איבערהויפּט פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלק און מדינת ישראל. בראַקער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון פלעגן דעם יידישן גייסט, די יידישע טראַדיציע און די יידישע קולטור, וואָס איז דערפירט געוואָרן צו אַ שפלדיקע מדרגה אין רוסלאַנד. מען האָט געדאַרפט ראַטעווען דאָס וואָס איז נאָך פאַרבליבן. ער האָט זייער געוויטיקט דעם פאַקט, וואָס די יידישע קולטור ווערט מיט כוח אויסגעוואָרצלט אין רוסלאַנד.

בראַקער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ הויך־געבילדעטן מענטש, וואָס איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער יידישער ווי אויך דער וועלטלעכער ליטעראַטור. ער האָט זיך באַזונדערס אינטערעסירט מיט די פּראָבלעמען פון מדינת ישראל, אַלס אַן איינזאַמער אינזל אין דער אַראַבישער וועלט. אָט די אַלע פּראָבלעמען האָט ער קריטיש אַנאַליזירט אַלס מענטש, וועלכער האָט גוט געקענט די באַדינגונגען פון דעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל, היות ער אַליין האָט אַ שטיק צייט געלעבט אין דעם לאַנד.

דיסקוסיע מיט שונאי ישראל

איינמאָל, איבערלייענענדיק אַ פּאָליטישן פאַסקוויל „מדינת ישראל און איר פּאָליטישע לאַגע", אָנגעשריבן פון די מחברים איוואַנאָוו און שיינין אין דער סאָוויעטישער

פּרעסע, האָט דאָס בראַקערן אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט. ער האָט אָנגעשריבן אַ שאַרפן ענטפער די מחברים פון דעם פּאַס־קוויל, וועלכע האָבן זיך געשטיצט אויף די אויספירונגען און אַנאַליזן פון ענגעלס אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דעם ענטפער וואָס בראַקער האָט אָנגעשריבן האָט מען פאַר־שטייט זיך געקענט פּובליקירן נאָר אין דער אומלעגאַלער אויסגאַבע פון „סאַמאיזדאַט". בראַקער האָט זיין אַרבעט מיר איבערגעגעבן כדי איך זאָל דאָס איבערשרייבן אויף דער מאַשין. דאָס איז געווען זייער אַ וואָגיקע און גוט־באַטראַכטע אַרבעט וועגן דעם סאָ־ציאַלן און עקאָנאָמישן צושטאַנד פון יידישן פאָלק אין גלות און וועגן דער ווירקלעכער לאַגע פון דעם יידישן פאָלק אין אַן אייגע־נער סוווערענער מדינה. איך האָב בראַקערס כתב־יד איבערגעגעבן אַ מאַשיניסטקע צו איבערשרייבן אויף אַ מאַשין און בראַקערן אָנגעוויזן איר אַדרעס, כדי אין פאַל פון מיין אַרעסט זאָל ער וויסן ווו זיין כתב־יד געפינט זיך.

אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך דעם בין איך אַרעסטירט געוואָרן, אָבער די מאַשי־ניסטקע האָט שוין געהאַט באַוויזן איבער־שרייבן בראַקערס ענטפער אין 5 קאָפּיעס און בראַקער האָט געהאַט די מעגלעכקייט איבערגעבן איין קאָפּיע פון זיין אַרבעט אַ געוויסן ישראל־בירגער, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין מאָסקווע, כדי עס איבער־פירן קיין ישראל.

אין דעם פרימאָרגן פון 26־טן מאַי 1966 האָט פּלוצלינג אומגעריכטערהייט צו מיר בראַקער טעלעפאָנירט און פאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן זיך טרעפן אין באָטאַנישן גאָרטן אין מאָסקווע, אויף דער מיעשטשאַנסקער גאַס. מיר האָבן דאַן נישט געוווסט, אַז מיין טעלעפאָן איז פאַרבונדן מיט אַן אונ־טערהער אַפּאַראַט, וועלכע איז דיסקרעט איינמאָנטירט געוואָרן אין מיין הויז דורך די אַגענטן פון ק.ג.ב.

ס'איז געווען אַרום 7 אַזייגער פרי. בראַקערס איינלאַדונג זיך צו טרעפן מיט אים אַזוי פרי האָט נאַטירלעך אַרויסגערופן ביי מיר אַ געוויסן חשד, אָבער אויך אינ־טערעס. קומענדיק צו דער מעטראָ־סטאַציע, האָט ער שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מיר. זיינע אויגן האָבן אויסגעדרוקט שרעק און דערדריקונג. איך האָב פאַרשטאַנען אַז עפּעס האָט מיט אים פּאַסירט. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך באַמערק נישט זיין נערוועזיטעט.

מיר האָבן זיך באַפרייט פון דעם גע־דיכטן עולם וואָס האָט געשטראָמט פון צוג און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. מיר זענען אַוועק אין באָטאַנישן גאָרטן, וועלכער איז אין די פרימאָרגן־שעהן געווען פּוסט פון מענטשן. ס'איז געווען אָנגענעם צו שפּאַצירן אין דעם קילן פרימאָרגן.

משה ראבין

באַלד נאָך זייער אַריינקומען אין שטעטל האָט די קאָמוניסטישע מאַכט אָנגעהויבן זוכן די עלעמענטן, וואָס זיינען געווען באַקאַנט אַלס קעגנער פון קאָמוניזם אין דער צייט פון דער פּוילישער הערשאַפט.

איינמאָל באַקום איך אַן איינלאַדונג צו קומען אין סעל־סאָוויעט. קומענדיק אַהין האָב איך דאָרט געטראָפן שמואל יאָסל עקבער. ער האָט מיר געגעבן אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט און געהייסן זיך ווענדן אין דער נ.ק.וו.ד. וואָס האָט זיך געפונען אין דיאַמאַנדשטיינס הויז. ווי באַקאַנט האָט זיך די נ.ק.וו.ד. פאַרנומען מיט פּאָליטישע ענינים, בעת די מיליץ האָט זיך באַשעפטיקט מיט אויספאָרשן פאַרברעכער און ספּעקולאַנטן. קומענדיק אין דער נ.ק.וו.ד. האָבן זיי מיך גענומען פרעגן פאַרשידענע פראַגן וועגן „ברית החייל" און פאַרלאַנגט אַז איך זאָל אויסגעבן די נעמען פון די פירער און חברים פון דער אָרגאַניזאַציע. איך האָב זיך ענטזאַגט צו דערמאָנען נעמען. מיך זעלבסט האָבן זיי נישט געטשעפּעט, אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָב איך מורא באַקומען אַז זיי וועלן מיך צווינגען מיט געוואַלד אויסגעבן די נעמען. איך בין אַנטלאָפן קיין לעמבערג און דאָרט געווען צוויי מאָנאַטן.

דניאל גאלאמבקה

ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער קריג אין סעפּטעמבער 1939, האָט אַן עראָפּלאַן געוואָרפן אַ באָמבע אויף דער ראָזשישטשער באַן־סטאַנציע און צעשטערט די ראַמפּע. דער פאַל האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די איינוווינער און פיל זיינען זיך צעלאָפן אין די דערפער. מיר זיינען אַוועק אין דאָרף טשובען און דאָרט זיך איינגעאָרדנט ביי אַ פּויער אין הויז. אין דאָרף האָבן מיר געטראָפן חנה מאַרמור מיט די זין מישקע און יידל און נאָך אַ משפחה.

אן אומגעריכטע בשורה

אין מיטן דער נאַכט קלאַפּט מען ביי אונדז אין טיר און אַ קול פרעגט אין רוסיש:

„זיינען דאָ ביי אייך יידן?"

ווען דער פּויער האָט געענטפערט אַז ס'זיינען דאָ יידן, האָט דער אומבאַקאַנטער אויסגערופן:

„קומט אַרויס, די רוסן קומען — ניט די דייטשן!"

ווען ס'זיינען אַריין די ערשטע רוסישע טאַנקען, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ פּאָליטרוק און אָנגעהויבן דרשנען:

„יידן, אוקראַינער — אַלע זיינען גלייך ביי אונדז. נישטאָ קיין אונטערשייד!"

שמואל־יאָסל עקבער האָט אויסגעשריגן:

„יידן, מען דאַרף דאָך טאַנצן אין די גאַסן!"

נישט ווייט פון אים איז געשטאַנען חנה מאַרמור, אַ קלוגע פרוי, וואָס שטאַמט זעלבסט פון רוסלאַנד. האָט זי געענטפערט:

„קינדערלעך, מען האָט אויסגעביטן דעם טויט אויף אייביקע תפיסה!..."

די רוסן קויפן אלץ

מען האָט ספּעציעל ביי אונדז נישט געזוכט קיין ציוניסטן. מען האָט געהייסן עפענען די קלייטן און פאַרקויפן אַלץ וואָס געפונט זיך דאָרט. אָבער ווען מ'האָט באַמערקט אַז די רוסן צאָלן אַלע פרייזן, וואָס מען פאַרלאַנגט פון זיי און קויפן אַלץ וואָס קומט זיי אין דער האַנט — האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דאָס געלט האָט קיין ווערט, און אַז ס'איז כדאי אָפּצוראַטעווען דאָס ביסל סחורה וואָס איז נאָך פאַרבליבן. מען האָט אויפגעהערט פאַר־קויפן פאַר געלט און מען האָט אָנגעהויבן בייטן די סחורה אויף פאַרשידענע פּראָדוקטן, וואָס די פּויערן האָבן געבראַכט אין שטאָט אַריין.

ווען ס'האָט זיך אויסגעלאָזט די סחורה אין די קלייטן האָבן די רוסן אָנגעהויבן זוכן ספּעקולאַנטן, און ספּעציעל — מאַנופאַקטור־שמוגלער. איינמאָל בין איך געשטאַנען מיט

פרץ קאַגאַן אויף דער באַן־סטאַנציע, האָט מען אים אויסגעטאָן נאַקעט און אים באַזוכט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריי פון אַרעסטן, ספּעציעל פון געוועזענע סוחרים. אַזוי זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אַהרן און וואָלף טעפּער, געוועזענע גאַלאַנטעריע סוחרים, און חיים און מאָטל גרינבוים, אייגנטימער פונעם גרעסטן שיך־געשעפט אין שטעטל. מען האָט זיי געשטעלט פאַר אַן אָפענעם משפט אין גאָרנשטיינס קינאָ און זיי פאַרמשפט אויף צען יאָר סיביר. אַ פחד איז באַפאַלן דאָס שטעטל. יעדער וואָס האָט געהאַט אַ ביסל סחורה האָט געזוכט פטור ווערן דערפון.

וואָלף טעפּערס קרובים האָבן איינגעריסן וועלטן, כדי אים באַפרייען פון סיביר. ביי זיין שווער, לייזער זאַגאָטאָווסטשיק, האָט געוווינט דער קאָמענדאַנט פון דער מיליץ. מען האָט דעם קאָמענדאַנט איבערגעקויפט און פאַר אַ פּאָר כראָמאָווע שטיוול האָט מען וואָלפן מיט זיין פרוי צוריקגעבראַכט פון סיביר...

מען פאַרשט מיר

איך בין געווען אין די פוילישע צייטן אַ חבר אין בית״ר. און טראָץ וואָס די רוסן האָבן נישט ספּעציעל געזוכט געוועזענע ציוניסטן, איז, פאַרשטייט זיך, אַ געוועזענער ציוניסט נישט געווען קיין גרויסער ייחוס. איינמאָל האָט מען מיך גערופן אין דער מיליץ, וואָס איז געווען ביי חיים גראַבאַרסקי אין הויז. דאָרט זאָגט צו מיר דער קאָמענדאַנט ראָמאַניוק:

„דו מיינסט, אַז מיר ווייסן נישט, אַז דו ביסט געווען אַ מיטגליד אין דער ציוניסטיש־פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע בית״ר. אָבער וואָס ביסטו איצט?״

איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, געענטפערט, אַז אַמאָל זיינען געווען אַנדערע צייטן. איצט געהער איך נישט צו קיין פאַרטיי. ער האָט מיך געהייסן גיין.

ווען די מאַכט האָט זיך סטאַביליזירט האָב איך באַקומען אַ פּאַס אַלס אַ זון פון אַ סוחר. אָבער אַ דאַנק דעם וואָס כ׳בין געווען אַ גוטער פוטבאָל־שפּילער האָט מען מיר געביטן דעם פּאַס. איך בין געווען אין פריינדלעכע באַציונגען מיטן פּראָקוראָר, מיליץ־נאַטשאַלניק און ריכטער. זיי פלעגן מיר אימער דערמאָנען מיין בורזשואישע אָפּשטאַמונג, אָבער זיי האָבן עס געמאַכט גוטהאַרציק.

איינמאָל האָט מיר דער מיליץ־נאַטשאַלניק פאָרגעלייגט אָנצושרייבן מיין אויטאָביאָגראַפיע — און ווערן זייערס אַ מענטש. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך קען נישט שרייבן. ער האָט מיר אַ לאַנגע צייט נישט אָפּגעלאָזט מיט זיין פאָרשלאַג, אָבער איך האָב זיך געהאַלטן ביי מיינס:

„איך קען נישט שרייבן!״

א פרווו פון א געהיימער ציוניסטישער טעטיקייט

אַ געוויסן טאָג האָבן חברים פון די אַמאָליקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס באַשלאָסן אָנהייבן אַ קאָנספּיראַטיווע ציוניסטישע טעטיקייט מיטן צוועק צו פאָרן קיין ווילנע און פון דאָרט זוכן אַ ווייטערע פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל. דער פירער פון דער געהיימער גרופּע איז געווען נח (נונעק) קראָמירס. איינמאָל איז ער געקומען און באַפוילן:

„חברה, גרייט אייך אין וועג! גרייט צו רוקזעק מיט אַלעם נויטיקן, ווי וועש, עסנוואַרג, א.אַ.וו.״

אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען פון יאָשקע טוקטינער, מוניע קלימבאָרד, מישקע מאַרמור און איך. די פאַרבינדונג מיט נונעק קראָמירס איז געווען דורך מישקע מאַרמור. מיר זיינען געווען גרייט צום פאָרן און פלעגן זיך טרעפן אויפן פוטבאָל־פּלאַץ אין די אָוונט־שעהן.

מיר האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן באַפעל, וואָס איז אָבער נישט געקומען. מישקע האָט אין צווישנצייט חרטה געקריגן אויפן גאַנצן עסק. ער האָט געהאַט אַ גוטן אַרבעטס־פּאָסטן, און האָט מורא געהאַט, אַז אין פאַל פון אַ דורכפאַל און מיר וועלן זיין געצוווּנגען זיך אומקערן אַהיים — וועט ער זיין אַ פאַרלוירענער.

מיט גרויס באַדויער האָבן מיר באַשלאָסן, אַז קיינער פאָרט נישט!

ישראל־יריד אין מאָסקווע

איך האָב מיט גרויס נייגער און אומגעדולד געוואַרט אויף בראַקערס דערציילונג. ער האָט מיט אַ געוויסער נערוועזיטעט דערציילט וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט נעכטן בעתן באַזוך אויף די ישראלדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע אויסשטעלונג אין מאָסקווע. אַלס הייסער ישראל־פּאַטריאָט האָט אים אינטערעסירט אַלץ, וואָס ס׳איז דערגרייכט געוואָרן פאַר דער צייט וואָס ער האָט פאַרלאָזט ארץ־ישראל. באַזונדערס האָבן אים אָנגעפילט מיט פרייד די דערגרייכונגען פון די קיבוצים און די מושבים.

בראַקער, וועלכער האָט אַ שטיק צייט געלעבט אין ארץ־ישראל, געווען דאָרט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער, און אַ חבר אין אַ קיבוץ, האָט אָנגעהויבן געבן פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס אַ גרופּע מענטשן.

אין דער צייט וואָס בראַקער האָט געגעבן די דערקלערונגען, האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, אַז צווישן די באַזוכער געפינט זיך אַן אָנגעשטעלטער פון דער ק.ג.ב. נישט לאַנג־וואַרטנדיק האָט דער ק.ג.ב.־אַגענט פאַראָרדנט די גרופּע באַזוכער זיך פונאַנדערגיין און בראַקערן באַפוילן נאָכגיין נאָך אים.

דער ק.ג.ב.־אַגענט האָט בראַקערן אַריינגעפירט אין שטאַב פון דער ק.ג.ב., וואָס האָט באַלד אָנגעהויבן אַן ענערגישע אויספאָרשונג, ווער ער איז, און פון וואַנען ער קען אַזוי גוט די ישראלדיקע באַדינגונגען. מ׳האָט אים באַשולדיקט, אַז ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַנטי־סאָוויעטישע אַגיטאַציע צווישן די באַזוכער פון דער אויסשטעלונג. און דער עיקר — אַז ער האָט געלויבט דעם קאַפּיטאַליסטישן אַרטלעבן אין ישראל.

נאָכן קאָנטראָלירן זיינע דאָקומענטן און נאָך אַן אויספאָרשונג, וואָס האָט געדויערט אַ שעה, האָט מען אים פאַראָרדנט, ער זאָל שנעל פאַרלאָזן די אויסשטעלונג און אַז מער זאָל זיין פוס נישט באַטרעטן דאָס אָרט. קומענדיק אַהיים האָט ער זיין פרוי און טאָכטער גאָרנישט דערציילט, כדי זיי נישט גורם זיין קיין צער און עגמת־נפש.

אין דער צייט וואָס בראקער האָט מיר דערציילט וועגן דער אויספאָרשונג דורך דער ק.ג.ב. זענען פאַרביי צוויי עלעגאַנט־געקליידעטע מענטשן אין ציווילער קליידונג. דאָס באַווייזן זיך פון דידאָזיקע צוויי מענטשן אין די פריסטע שעהן אין אַ ווייטן ווינקל פון פאַרק האָט באַלד ביי אונז אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט, אַז מען פאָלגט אונדז נאָך, און מיר זענען געווען טיף איבערצייגט, אַז די צוויי פאַרשוינען זיינען ק.ג.ב.־לייט.

מיין אַרעסט

נאָך מיין אַרעסט, ווען איך האָב זיך געפונען אין דער לאַפּאַרטאַווער תפיסה, האָט

דער אויספאַרשונגס־ריכטער סמירנאָוו מיר געשטעלט אַזאַ פראַגע :

„וואָס האָט איר גערעדט מיט בראַקערן אין באָטאַנישן גאָרטן אין יענעם פרימאָרגן?״

איך האָב געענטפערט, אַז אונזער שמרעס איז געווען וועגן געליינטע ביכער, וועגן שרייבער און בכלל ווער קען זיך עס איצט דערמאָנען וועגן וואָס מען שמועסט מיט אַ מענטש ?

„דאַן וועל איך דיר דערמאָנען — האָט געענטפערט דער אויספאָרשער — „ער האָט אייך דערציילט, ווי אַזוי מען האָט אים פאַרהאַלטן אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג פון ישראל. דער אינהאַלט פון אייער געשפרעך איז אויפגענומען געוואָרן דורך אונז״.

איך האָב זיך נאַטירלעך פאַרלוירן, און זעענדיק אַז איך האָב נישט קיין אַנדער ברירה, האָב איך זיך באַמיט דערמאָנען אייניקע פרטים פון אונדזער געשפרעך און זיי איבערגעבן דעם אויספאָרשער. ווי איך האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, איז אין פאַרלויף פון מיין אויספאָרשונג צוגעשטעלט געוואָרן וועזנטלעכע באַווייזן וועגן מיין באַקאַנטשאַפט מיט בראקערן און אויך וועגן דעם אינהאַלט פון דעם אויבן־דערמאָנטן געשפרעך אין באָטאַנישן פאַרק. דאָס זענען געווען אויסצוגן פון בראקערס אויספאָרשונג אויף דעם געביט.

פאַקטיש האָט דער ענין פון מיין באַגעגעניש מיט בראקערן אין פאַרק נישט געהאַט קיין ספּעציעלן אינטערעס פאַר דער אויספאָרשונג און אויפן סמך פון דער באַגעגעניש האָט מען נישט אים און נישט מיר געקאָנט באַשולדיקן אַלס פּאָליטיש נישט־לאָיאַלע בירגער און קעגנער פון סאָוויעטנפאַרבאַנד. אָבער דער אויספאָרשער יורקעוויטש האָט מיט דעם געוואָלט בלויז באַווייזן, אַז איך מיט בראקערן האָבן זיך געפונען אונטער אַ שטענדיקער אויפזיכט פון די ק.ג.ב.־אַגענטן.

איך האָב דאַן מיט בראקערן געשמועסט אין פאַרק לאַנג און ווען די צייט האָט זיך פאַרצויגן און דער פאַרק האָט זיך אָנגעהויבן פאַרפילן מיט מענטשן האָבן מיר זיך צעשיידט. דער זייגער איז געווען איינס בייטאָג. איך בין אַוועקגעפאָרן צו זיך אַהיים און אָנגעהויבן פאַרנעמען זיך מיט מיין אַרבעט אין מיין כעמישער לאַבאָראַטאָריע. ס'זענען נישט אַדורך קיין צען מינוטן, האָבן זיך ביי מיר באַוויזן צוויי מענטשן אין ציווילער קליידונג און פאָרשטעלנדיק זיך אַלס ק.ג.ב.־אַגענטן האָבן זיי מיר באַוויזן אַן אָרדער אויף דורכפירן אַ רעוויזיע אין מיין וווינונג.

די רעוויזיע האָט זיך אָנגעהויבן 13.30 מיטאָג און האָט זיך פאַרענדיקט 11 ביינאַכט. נאָך דער רעוויזיע בין איך אַרעסטירט געוואָרן. דאָס איז געווען דעם 26־טן

משה גראבארסקי

סעפּטעמבער 1939, ביים אויסברוך פון פּויליש־דייטשישן קריג, האָט אַ טייל פון דער יוגנט פון שטעטל אָנגעהויבן לויפן קיין מזרח, אין דער ריכטונג פון דער רוסישער גרענעץ. אַ טייל איז אַנטלאָפן אין די דערפער, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַרבלייבן אין שטאָט, וואָס איז באָמבאַרדירט געוואָרן דורך היטלעריסטישע עראָפּלאַנען. איך האָב געהערט צו די, וואָס זענען אַוועק אין אַ דאָרף, ווייל אַלס אַ פאַמיליע־מאַן האָב איך נישט געוואָלט איבערלאָזן מיין פאַמיליע אויף גאָטס באַראָט.

מיר זענען פארצווייפלט

נאָך אייניקע טעג וווינענדיק ביי אַ פּויערישע פאַמיליע איז אונדזער בעל־הבית געקומען צו מיר און געמאָלדן אַז ער קען אונדז מער נישט האַלטן, ווייל אויב וועלן זיך די דייטשן, וואָס דאַרפן יעדן מאָמענט אָנקומען, דערפון דערוויסן, דראָט אים און זיינע הויז־מענטשן אַ זיכערער טויט.

מיר זענען געווען פאַרצווייפלט און נישט געוווסט וווהין זיך ווענדן. ווען מיר האָבן זיך שוין געקליבן פאַרלאָזן דאָס דאָרף און גיין ווו די אויגן ווייזן, האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט די פריידיקע בשורה, אַז מאַרשאַל טימאָשענקאָ האָט באַפוילן זיין אַרמיי אַריבער די רוסיש־פּוילישע גרענעץ און אַז זיי דערנענטערן זיך צו אונדז. מיר זיינען געווען אויסער זיך פון פרייד און מיר האָבן זיך געלאָזט צוריק קיין ראָזשישטש.

אין שטעטל האָט געהערשט אַ גרויסע שמחה. ס'האָט זיך גלייך געשאַפן אַ סעל־סאָוועט — אַזאַ מין ראַט. בראש פונעם ראַט איז געשטאַנען אַ פּוילישער קאָמוניסט, דאָמב, פון וואַרשע. אין ראַט איז אויך אַריין מאָטל ווערבאַ, גרישאַ און מיטשיק. די ערשטע טעג האָט געהערשט אין שטאָט אַן אומאָרדנונג. די פּאָליאַקן, וואָס האָבן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די פּוילישע מלוכה עקזיסטירט שוין נישט, האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען דעם סעל־סאָוועט.

ערב יום־כיפור ביינאַכט, איז אויסגעבראָכן אַ שיסעריי צווישן דער נייער סאָוועטישער מאַכט און פּוילישע זעלנער, רעשטלעך פון דער פּוילישער אַרמיי. אין דעם דאָזיקן קאַמף איז דערהרגעט געוואָרן יחיאל שוחטס פרוי, בעת זי איז אַרויס פון בית־מדרש נאָך „כל־נדרי״, און אַ צופעליקע קויל האָט איר געטראָפן. צוליבן עקשנותדיקן קאַמף פון די פּוילישע זעלנער זיינען אַריין אין שטאָט רוסישע טאַנקן, כדי אָפּצושטעלן די פּוילישע שיסעריי. די טאַנקן זיינען צו צו דער באַן־סטאַציע און אַנטוואָפנט די פּוילישע זעלנער, וואָס האָבן זיך דאָרט גרופּירט.

צווישן די אַריינמאַרשירנדיקע רוסן האָט זיך אויך געפונען דוד קעסל. די פּאָליאַקן, וואָס האָבן אים דערקענט, האָבן אים פאַרנאַרט אין אַ וואַגאָן, אים שטאַרק צעשלאָגן און צעבראָכןביידע הענט.

שפּעטער איז אָנגעקומען די ציווילע מאַכט, און דער ערשטער רוס וואָס איז אַריין אין שטעטל איז געווען קוזניעצאָוו. נאָך אים זיינען אָנגעקומען נאָך אייניקע רוסישע אַדמיניסטראַטאָרן, וואָס האָבן גענומען די ענינים אין זייערע הענט און די מאַכט האָט זיך סטאַביליזירט.

איך קען נישט זאָגן, אַז די רוסן האָבן ספּעציעל גערודפט יידן; די יידן האָבן געשטיצט די נייע מאַכט און ס'איז נישט געווען קיין גרונט זיי צו רודפן. אָבער פון די געוועזענע ציוניסטן האָט מען אַרעסטירט נאָר דיאַמאַנדשטיין, וועמען מ'האָט שפּעטער באַפרייט. מען האָט אים געראַטן פאַרלאָזן ראָזשישטש. ער איז אַריבער קיין קאָוועל.

דער קריג ברעכט אויס

אין חודש מאי 1941 האָט מען מאָביליזירט אַ טייל פון דער יוגנט אין די אַזוי־גערופענע אַרבעטס־באַטאַליאָנען. צבי אורן (וואָס זיצט דאָ), מיך און נאָך אייניקע האָט מען מאָביליזירט אויף 90 טעג. די אַרבעט אין די באַטאַליאָנען איז געווען אַ שווערע: מ'האָט געבויט עראָדראָמען נישט ווייט פון ראָזשישטש. נאָך זיבן וואָכן אַרבעט, דעם 22סטן

יוני, האָבן מיר פלוצים דערזען, נישט ווייט פון אונדז, אַן אַראָפּפאַלנדיקן עראָפּלאַן. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס ס׳קימט דאָ פאָר. באַלד האָבן מיר געזען דייטשישע פּאַראַ־שוטיסטן, וואָס שפּרינגען אַרויס פונעם עראָפּלאַן וואָס די רוסן האָבן אַראָפּגעשאָסן. מען האָט אונדז נישט דערלויבט זיך דערנענטערן צו זיי, אָבער פון די פויערן אין נאָענטן דאָרף האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די רוסן האָבן אַראָפּגעשאָסן אַ דייטשן עראָפּלאַן.

9 אינדערפרי,ביים פרישטיק, האָט מען געמאָלדן, אַז דייטשלאַנד, רומעניע און איטאַליע האָבן דערקלערט קריג דער סאָוויעטישער רעגירונג.

מאַי 1966. אין זעלבן אָוונט האָט די ק.ג.ב. דורכגעפירט פּילצאָליקע אַרעסטן און רע־וויזיעס ביי די מיטאַרבעטער פון „סאַמי־זדאַט". אַ זייער גרינטלעכע רעוויזיע איז אויך אין דער נאַכט דורכגעפירט געוואָרן ביי אליעזר בראקער.

ביי מיר האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ ניי בלעטל אין מיין לעבן.

דולניק סולומון

יעקב פלאש

די תקופה צווישן אויסברוך פון פּויליש־דייטשישן קריג, 1 סעפּטעמבער 1939, ביזן 17 סעפּטעמבער, ווען די רוסן זיינען אַריין אין שטעטל, איז געווען אַ זייער שווערע צייט פאַר די יידישע איינוווינער פון ראָזשישטש. מיר האָבן געזען טויזנטער פּליטים וואָס זיינען אַנטלאָפן פון מערב־פּוילן און אַלעמענס אויגן זיינען געווענדעט צום מזרח. דאָס זיינען געווען בעיקר יידן, אָבער ס׳האָבן אויך נישט געפעלט קיין פּאָליאַקן צווישן די מחנות פּליטים, וואָס זיינען פאַרביי דאָס שטעטל. אַלע האָבן געפילט אַז די ערד ברענט אונטער די פיס.

מיר לויפן קיין מזרח

אויך פון אונדז האָבן מענטשן אָנגעהויבן לויפן קיין מזרח. מען איז געזעסן ביים גרענעץ און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אַריבערצוגיין אויף דער סאָוויעטישער זייט. אַ גרויסע טייל פון דער יוגנט וואָס האָט זיך געלאָזט צו דער גרענעץ זיינען געווען קאָמוניסטן, אָבער ס׳זיינען אויך געווען קאָמוניסטישע קעגנער, און איך בין געווען איינער פון זיי.

דעם 16טן סעפּטעמבער האָט איינער איבערגעגעבן, אַז מ׳האָט געמאָלדן אין ראַדיאָ, אַז די רוסן גייען אַריבער די פּוילישע גרענעץ. ביינאַכט האָט זיך די ידיעה באַשטעטיקט. צומאָרגנס איז שוין די רוסישע אַרמיי געווען אין ראָזשישטש און מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַהיים.

די שמחה אין שטעטל איז געווען זייער אַ גרויסע. מיט אַמאָל האָבן זיך די יידן באַפרייט פון גרויסן פחד, אין וועלכן זיי האָבן געלעבט זינט דעם אויסברוך פון קריג. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום אילוזיעס, וועגן דעם ביטערן גורל, וואָס דערוואַרטעט זיי אין פאַל פון אַ דייטשישער אָקופּאַציע. אַלע יידן אָן אויסנאַם פון פּאַרטייאישע



צבי אורן אויף אַ באַנקעט לכבוד משה און מאַניע שקורניק.

צוגעהעריקייט האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס פריינדשאַפט צו דער אַריינקומענדיקער רוסישער אַרמיי.

דער אנטיסעמיטיזם פון דער באַפעלקערונג

אויפן וועג האָבן מיר געפילט דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז געווען פאַרשפרייט צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג. שנאה־בליקן זענען געווען געווענדעט צו די מענער צווישן אונדז, וואָס גייען אַרום פריי, אין דער צייט וואָס די רוסן קעמפן אויפן פראָנט. מיר האָבן נישט געקענט דערציילן, אַז מען האָט אונדזערע מענער נישט געוואָלט מאָבי־ליזירן, ווייל די מאַכט האָט זיך צו זיי באַצויגן מיט אומצוטרוי; זיי זענען גענומען געוואָרן בלויז אויף אַרבעט, און דאָס אויך — ווייט פון פראָנט: אין די וועלדער און גרויסע פאַבריקן.

די אנטוישונג

אָבער נאָך אַ קורצער צייט איז געקומען די אַנטוישונג. זיי האָבן אָפּגעשטעלט דאָס גאַנצע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע לעבן אין שטעטל. מען האָט אָנגעהויבן פאַר־פאָלגן די געוועזענע סוחרים און קליינהענדלער. דער איינציקער מקור פון פרנסה איז געווען אַרבעט, און יעדער האָט זיך באַמיט שאַפן אַן אַרבעטס־פּלאַץ.

ווי געזאָגט איז דאָס פאַרטייאישע לעבן ווי אָפּגעשטאָרבן, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, די קאָמוניסטישע פאַרטיי. די קאָמוניסטיש־געשטימטע יוגנט איז געווען אין זיבעטן הימל. אַ טייל קאָמוניסטן, וואָס זיינען געוואָרן פאַרפאָלגט דורך דער פּוילישער מאַכט און זיינען געווען געצוווּנגען אַנטלויפן פון שטעטל — האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען אָנפירנדיקע פּאָסטנס. צווישן זיי איז געווען ווידרא, גאָרעו און אַברהם קעסעל. זיי זיינען געוואָרן אָנפירער פון וויכטיקע אינסטיטוציעס, ווי די באַנק און די מיל.

איך פלעג אָפט שמועסן מיט אַברהם קעסעל. נאָך אַ האַלב יאָר האָט זיך אָנגעהויבן דער אויסניכטערונגס־פּראָצעס ביי די יידן אין שטעטל. ס'זיינען אָנגעקומען פונקציאָנאַרן פון רוסלאַנד און באַזעצט די אויבנדערמאָנטע שטעלעס און די יידישע בחורים, געטרייע קאָמוניסטן, זיינען געוואָרן דערוויטערט. זייערע פלעצער האָבן פאַרנומען מענטשן, וואָס זיינען געווען געוווינט צו נעמען כאַבאַר, צו פּראָטעקציע און באַנוצן זיך מיט שקרים, כדי צו ציען פּערזענלעכן נוצן פון זייער מאַכט. אונדזערע ערלעכע קאָמוניסטן זיינען געווען זייער אַנטוישט דערפון. קעסעל פלעגט מיר גאַנץ אָפט זאָגן:

„יאָ, איך האָב געהאַט אַ שיינעם חלום, אָבער ער איז אַוועק — ס'האָט זיך אויס־געלאָזט אַ בוידעם...״

די געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע טעטיקייט פון שטעטל איז געגצלעך אָפּגע־שטאָרבן. די קאָמוניסטישע פאַרשטאַרקטע טעטיקייט האָט נישט געקענט פאַרטרעטן דאָס אַמאָליקע לעבהאַפטע יידישע לעבן אין שטעטל פאַר דער מלחמה.

אַ צווייטע דערשיינונג האָט געמאַכט זייער אַ שווערן איינדרוק אויף די יידישע קאָמוניסטן אין ראָזשישטש: דאָס איז געווען דער פּראָבלעם פון די יידישע פּליטים פון פּוילן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָננעמען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט, ווייל זיי האָבן געוואָלט צוריקפאָרן אין זייערע היימען און צוריקקערן זיך צו זייערע משפחות. די סאָוויעטן האָבן רעאַגירט דערויף אויף אַ באַרבאַרישן אופן: זיי האָבן אַרעסטירט טויזנטער פּליטים און זיי אַוועקגעשיקט קיין סיביר. דורך אונדזער שטאָט זיינען דורך עשאַלאָנען פון טויזנטער פּליטים, וואָס זיינען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן ביינאַכט פון די בעטן אָדער פון זייערע באַהאַלטונגס־פּלעצער, אויף זייער וועג קיין סיביר. נ.ק.וו.ד.־לייט מיט הינט האָבן געהיטן די פאַרמאַכטע וואַגאָנען, אַז קיינער פון די פאַרשיקטע זאָל נישט קענען אַנטלויפן.

דאָס האָט אויף אַלע געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק, און באַזונדערס אויף די יידישע קאָמוניסטן, וואָס זיינען געווען זייער אַנטוישט, זעענדיק דעם אמתן פּרצוף פון קאָמוניזם.



חנה לעוויטין

נאָכן סאָוויעטישן אַריינטריט אין שטעטל אין סעפּטעמבער 1939, איז אַדורך אַ געוויסע תקופה ביז ס'האָבן אָנגעהויבן פונקציאָנירן אַלע שטאַטישע און מלוכה־אינסטיטוציעס. ס'זענען אויפסניי געעפנט געוואָרן די שולן. אין דער יידישער פאָלקסשולע זענען צוערשט געעפנט געוואָרן די נידעריקע קלאַסן, און די תלמידים פון די העכערע קלאַסן האָבן געלערנט אין לוצק. יעדן טאָג זענען אַרויס אָטאָבוסן מיט יינגלעך און מיידלעך צו דער לוצקער גימנאַזיע. נאָך אַ געוויסער צייט זענען אין ראָזשישטש געעפנט געוואָרן העכערע קלאַסן אין דער אוקראַינישער שולע.

די לערער זענען טיילווייז געקומען פון דער „תרבות"־שולע און טיילווייז פון צווישן די פּליטים, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פּוילן. במשך פון דער צייט זענען צוגעקומען לערער פון ראַטנפּאַרבאַנד. פון די לערערס געדענק איך נאָר איינעם רבין, וועמענס ברודער לעבט אין ישראל. דער ערשטער דירעקטאָר פון דער יידישער שולע איז געווען אַ קאָמוניסט, אַ פּליט פון פּוילן.

אין דער שולע איז געווען אַ דראַמאַטישער קרייז, וואָס האָט אויפגעפירט די פאָלקס־פּיעסע „הערשעלע פון אָסטראָפּאָליע". די יוגנט אין מיין עלטער איז געווען גליקלעך, ווייל אין די פּוילישע צייטן האָט די יידישע יוגנט נישט געקענט פאָרזעצן זייערע לימודים אין שטעטל, און נאָר יחידי־סגולה, זין פון רייכע עלטערן, האָבן זיך געקענט דערלויבן לערנען אין גימנאַסיע אין דער קרייז־שטאָט. יעצט האָבן זיך פּלוצלינג געעפנט די שולן פאַר אַלע.

קאמוניסט וואס זארגט פאר יידישע קולטור

נאָך אַ קורצער צייט איז אָנגעקומען פון רוסלאַנד אַ נייער דירעקטאָר, אַ טייערער ייד. ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך, אַז די יידישע פאָלקסשולע זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ רוסישע שולע. ער האָט געקעמפט מיט די עלטערן, וואָס האָבן געוואָלט געבן זייערע קינדער אַ רוסישע דערציאונג, כדי זיי זאָלן קענען פאָרזעצן זייערע לימודים אין רוסישע הויכשולן. ער האָט זיך ביי זיי געבעטן נישט מוותר צו זיין אויף דער יידישער שפּראַך, ווייל אָן יידיש איז נישט מעגלעך קיין יידיש לעבן.

ס'איז אויך איינגעפירט געוואָרן אַ נייע יידישע אָרטאָגראַפיע, דער אויסלייג פון „עמעס". ס'זענען נישט געווען קיין יידישע לערנביכער און מיר זענען געווען געצווונגען קאָפּירן די לעקציעס, וואָס די לערער האָבן געגעבן בעל־פּה און לערנען פון די קאָפּיעס.

דער מצב האָט געדויערט ביזן אויסברוך פון דייטש־רוסישן קריג אין 1941. צום באַדויערן, האָבן זייער ווייניק יידישע יוגנט פאַרלאָזט דאָס שטעטל ביים אויסברוך פון קריג; דער רוב איז געבליבן אויפן אָרט און זייער ביטערער גורל איז זייער גוט באַקאַנט.

מיר, חברים פון קאָמסאָמאָל, האָבן מורא געהאַט פאַר די דייטשן מער ווי אַלע אַנדערע. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן אַנטלויפן. אינדזער גרופּע איז באַשטאַנען פון מאַריאַסיה טויבער, שיקע דיכטער און איך. אויפן וועג זענען צו אונדז צוגעשטאַנען נאָך יוגנט. ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין טאָג פון אויסברוך פון קריג האָט די סאָוויעטישע מאַכט פאַרלאַנגט פון דער יוגנט אַריבערצוגיין קיין רוסלאַנד, אָבער די גאַנצע סביבה איז שוין געווען אָפּגעשניטן און ס'האָט געהערשט אַ גרויסע פּאַניק. די באַאַמטע האָבן אַפילו נישט באַוויזן פאַרניכטן די וויכטיקע מלוכה־דאָקומענטן; זיי האָבן אַלץ איבער־געלאָזט און אַנטלאָפן.

צומאָרגנס האָט די מאַכט געבריינגט אַ צוג כדי צו עוואַקיאירן די באַפעלקערונג. נאָר די פרויען און קינדער פון די באַאַמטע האָט מען אַריינגענומען אין צוג. די יידן, וואָס איז געלונגען אַריינצודרינגען אין די וואַגאָנעס, זענען מיט כוח דערוויטערט געוואָרן. איך בין געשטאַנען אין דער זייט און זיך צוגעקוקט צום גרוילעכן בילד.

אנטיסעמיטיזם צווישן די באאמטע

ווי געזאָגט זענען מיר אַנטלאָפן אַ קליינע גרופּע פון יוגנט אין מיין עלטער. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט אַ גרופּע מלוכה־באַאַמטע, וואָס האָבן אונדז גענומען אונטער זייער



שניאור קעסעל אַלס זעלנער אין דער רויטער אַרמיי. ער איז געפאַלן איִ דער מלחמה צוזאַמען מיט זיינע צוויי ברידער, אַלע איבערגעגעבענע קאָמוניסטן.

שוץ, און אונדז אַפילו געגעבן אַ וואַך — אַ שומר מיט אַ ביקס. טראָץ דעם האָבן מיר אויפן וועג געפילט זייער גרויסע שנאה צו אונדז.

ביסלעכווייז איז אונדזער גרופּע געוואַקסן ביז 15 מאַן, אַלע יידן. מיר האָבן געהאַט פערד־און־וואָגן, אָבער מיר זענען געגאַנגען לרוב צופוס. מיר זענען דורכגעגאַנגען אוקראַאינישע שטעטלעך און דערפער און האָבן זייער מורא געהאַט פאַר די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַכזריות צו די יידן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. צו אונדזער גליק האָבן מיר זיך נישט אָנגעטראָפן אויף זיי.

די באַאַמטע וואָס זענען געווען מיט אונדז, האָבן מורא געהאַט זיך דערנעענטערן צו דער אַלטער פּויליש־רוסישער גרענעץ; זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מען וועט זיי באַשולדיקן אין פאַראַט, צוליב זייער בהלהדיקן אַנטלויפן און איבערלאָזן וויכטיקע מלוכה־דאָקומענטן. פאַקטיש האָבן זיי אונדז אָנגעשלאָסן אין זייער גרופּע מיט דער האָפנונג, אַז אין אונדזער זכות וועלן זיי זוכה זיין צו אַ בעסערע באַציאונג בעת זיי וועלן דערגיין צום גרענעץ.

מען האָט אונדז דורכגעלאָזט די גרענעץ, נאָר נישט דערלויבט אַריינגיין אין האָראָדישטשע — אַ גרענעץ־שטעטל. מיר האָבן פאָרגעזעצט אונדזער וועג ביז נאָוואָ־גראַד־וואָלינסק, שפּאַנענדיק דעם גאַנצן וועג צו־פוס נאָך אונדזער פערד־און־וואָגן. פון דאָרט זענען מיר געגאַנגען קיין זשיטאָמיר. מיר האָבן געוואָלט זיך אָפּרוען פון לאַנגן און שווערן וועג, נאָר זעענדיק דעם חורבן וואָס די באָמבאַרדירונגען האָבן געמאַכט אין שטאָט — האָבן מיר באַשלאָסן גיין ווייטער, ווו די אויגן וועלן אונדז דערטראָגן. מיר זענען אַריין אין אַ צוג און אָנגעקומען אין סטאַלינגראַדער געגנט.

דאָ האָט מען אונדז פאַרטיילט צווישן די קאָלכאָזן, וואָס האָבן זיך דערפרייט מיט די נייע אַרבעטס־קרעפטן. מיר האָבן פאַרנומען דעם אַרבעטס־פּלאַץ פון די מענער, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי. זייענדיק ביי דער אַרבעט האָבן מיר געהערט די איוב־ידיעות וועגן די מפּלות פון דער רוסישער אַרמיי.

דער קאָלכאָז איז באַשטאַנען פון קאָזאַקן, וואָס זענען געווען פריי פון אַנטיסע־מיטישע געפילן; זיי האָבן נישט אונטערגעשיידט צווישן יידן און נישט־יידן. זייער באַציאונג צו אונדז איז געווען אַ קאָרעקטע. זיי האָבן זיך באַצויגן צו דער סאָוויעטישער מאַכט מיט אומצוטרוי. זיי האָבן אונדז געפרעגט, וויאַזוי מיר האָבן געלעבט אונטער דער פּוילישער הערשאַפט. מיר האָבן נישט געוואָלט זאָגן דעם אמת, און האָבן זיי געשיל־דערט דאָס „שווערע" לעבן. די גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט וואָס האָט געהערשט אין פרייען



חנה לעוויטין, זיצנדיק די ערשטע לינקס, מיט מירל און מענדל שאַמעס און אַנדערע חברים אין בית־ראָזשישטש.

פוילן, און דער קליינער געהאַלט פון פוילישן אַרבעטער. מיר האָבן געפילט אַז זיי גלייבן אונדז נישט.

נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון דאָרט. אָבער נישט־באַקומענדיק קיין דערלויבעניש אַרויסצופאָרן, האָבן מיר באַשלאָסן זיך אָפּצוטראָגן שטילערהייט. מיר האָבן געזאַמלט פּראָוויאַנט און געטרוקנט ברויט אויף סוכאַרעס. אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט האָבן מיר פאַרלאָזט דאָס אָרט. מיר זענען דערגאַנגען ביז סאַמאַרקאַנד אין אוזבעקיסטאַן, און זיך דערנענטערט צו די גרענעצן פון ראַטן־פאַרבאַנד מיט דער גרויסער וועלט.

אין טעהעראַן

ס'איז מיר געלונגען אָנצוקומען קיין טעהעראַן, אַדאַנק דוד ווידרע, וואָס איז געווען אַ זעלנער אין אַנדערס אַרמיי. ער האָט מיך צוגעשריבן פּיקטיוו צו זיין פאַמיליע. מיט מיר זענען אויך געווען יפה ווידרע און מאַריאַסיע טויבער.

אין טעהעראַן האָט זיך אָרגאַניזירט אַ בית־יתומים פון פוילישע און רוסישע פּליטים. קומענדיק קיין טעהעראַן האָבן מיר נישט געטראַכט פאָרן קיין ארץ־ישראל, נאָר קיין דרום־אַפריקע; אָבער הערנדיק, אַז ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל — האָבן מיר מוותר געווען אויף דרום־אַפריקע.

אין יענער צייט זענען אין טעהעראַן געווען הונדערטער קינדער און יוגנטלעכע פון פוילן און רוסלאַנד. מיר האָבן געוואַרט אַ האַלב־יאָר, ביז די שליחים פון דער סוכנות האָבן אָרגאַניזירט אונדזער עליה קיין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען די באַקאַנטע עליה פון „עלית הנוער”.

משה געלער

באַלד נאָכן אויסברוך פון קריג אין יאָר 1939 איז זיך געגעצלעך צעפאַלן די פּוילישע הערשאַפט אין ראַזשישטש. אין שטעטל איז געבליבן בלויז די פוילישע פּאָליציי, וואָס האָט געהיט די אָרדנונג. נאָך אייניקע טעג פון בהלה האָבן מיר געהערט אין ראַדיאָ, אַז די רויטע אַרמיי וועט אַריבער די גרענעץ דעם 17־טן סעפּטעמבער.

דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט אַנטלויפט

צומאַרגנס איז אַריין אין דער פּאָליציי מיטשיק און געמאָלדן דעם קאָמענדאַנט, אַז ער און מאיר רובין נעמען אויף זיך די שמירה אויף דער אָרדנונג פון שטעטל ביזן אַריינטריט פון די סאָוויעטן. דער קאָמענדאַנט איז נישט געווען קעגן דעם און זיי פאַרגעלייגט אַרבעטן צוזאַמען מיט זיי.

מיטשיק האָט געהערט צו אַ קאָמוניסטישער משפחה. אַלע פיר זין פון דער משפחה זענען געווען קאָמוניסטן. דער טעטיקסטער פון זיי, גרישאַ, איז געזעסן פיל יאָרן אין תפיסה פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. צוויי אַנדערע ברידער זענען אויך געווען טעטיקע קאָמוניסטן און זענען געווען באַקאַנט פון זייער גוטער באַציאונג צו יידן.



צומאַרגנס האָט דער קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי געמאָלדן, אַז ער גייט קאָנטראָ־לירן די באַן־רעלסן, אויב זיי זענען נישט באַשעדיקט געוואָרן פון די דייטשישע באָמבאַרדירונגען. ער האָט מיט זיך גענומען אַן אוקראַינער בחור. נאָך אָפּגיין אייניקע קילאָמעטער, באַטראַכטנדיק די רעלסן, האָט דער קאָמענדאַנט זיך געווענדעט צו זיין באַגלייטער:

„איך געזעגן זיך מיט דיר און וועל נישט פאַרזעצן מיין וועג. איך האָב שוין נישט וואָס צו טאָן אין דער פּאָליציי...”

ער האָט אויסגעטאָן די פּאָליציייִשע מונדור און איז פאַרשווּנדן אין ציווילע בגדים.

די נייע ארדנונג


באַלד נאָך זייער אַריינקום האָבן די סאָוויעטן איינגעפירט אַ נייע אָרדנונג. אין שטעטל. די קרעמער האָבן נישט געוואָלט עפענען די קלייטן און פאַרקויפן די "סחורה, נישט־וויסנדיק וואָס וועט זיין מאָרגן, אויב זיי וועלן דאַן באַקומען אַנדערע סחורה אויפן אָרט פון די פאַרקויפטע. ס׳האָבן זיך געשאַפן קאָאָפּעראַטיוון פון מלאכה און מסחר. ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע באַאַמטע, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן פון דער אַרמיי, צו אָרגאַניזירן די אָרטיקע מלוכה־אַמטן, ביז די סאָוויעטישע מאַכט וועט זיך פאַרפעסטיקן.

ס׳איז אַרויס אַ באַפעל, וואָס האָט געצוווּנגען די בענק אָננעמען די פוילישע "ראָטע אין ווערט פון רוסישן רובל. שטייערן זענען גענומען געוואָרן נאָר אין דער פוילישער וואַלוטע. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז דאָס גאַנצע פוילישע געלט אַרויס פון אומלויף, און די איינציקע אָפיציעלע וואַלוטע איז געבליבן דער רוסישער רובל און די פוילישע זלאָטע האָט פאַרלוירן איר ווערט.

דידאָזיקע לאַגע האָט זיך געצויגן ביז 7 יאַנואַר 1940. דאַן זענען געקומען פון רוסלאַנד באַאַמטע, וואָס האָבן גענומען אין זייערע הענט די מלוכהשע און שטאָטישע אינסטיטוציעס. מענדל רעכמאַן, דער דירעקטאָר פון אַפּראָוויזאַציע־אַמט, איז „באַפרייט" געוואָרן פון זיין אַמט, טראָץ וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס פעאיקייט אין פירן דאָס באַשפּייזונג פון דער שטאָט. ער איז געווען אַ געבוירענער פון ראָזשישטש און געווען באַקאַנט אַלס אַ געוויסנהאַפטער באַאַמטער. מען האָט אים איבערגעפירט אויף אַ קליינעם אַמט.

רחל באַראַשעק

קיין ראָזשישטש איז אין יענע טעג צוריקגעקומען רחל באַראָשעק, וואָס איז געווען באַקאַנט אין גאַנץ פוילן פון איר קאָמוניסטישער טעטיקייט. זי איז געזעסן לאַנגע יאָרן אין טורמע. זי איז געווען דעפּוטאַט צו דער קאָנסטיטואַנטע אין לעמבערג — דער פאַרלאַמענט פון מערב־אוקראַינע, ווו ס׳איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס אָנצושליסן זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד. דוכט זיך, אַז זי איז אויך געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין פוילן. קיין ראָזשישטש איז זי געקומען פון דער באַוווּסטער פרויען־טורמע אין פאָרדאָן נעבן דאַנציג. זי איז געגאַנגען 800 קילאָמעטער צופוס, ביז זי איז געקומען אין שטעטל.



אַ גרופּע חברים. שטייען: בינעם מלמד (קאַנאַדע), אהרן בינדער (ישראל). זיצן: מאָטל לעבעד (ישראל), הערשל טורעק, זלמן געלער, שלמה שפּיגעל, מלך געלער (ישראל), חיים לעבעד און נפתלי זיניוק (ישראל).

קומענדיק קיין ראָזשישטש האָט זי באַקומען אַ קלײנעם אַמט אין בילדונגס־אַמט, מיט אַ געהאַלט פון 200 רובל אַ חודש. איך האָב דאַן געאַרבעט אין פינאַנץ־אַמט און בין געווען פאַרבונדן מיט אַלע מלוכה־אַמטן.

אַמאָל האָב איך געהערט רחל זאָגן:

„אַ שײנעם פּנים האָבן די גראָבע יונגען!"

זי האָט דערמיט, פאַרשטענדלעך, געמײנט די סאָוויעטישע באַאַמטע.

מיט פיל יאָרן צוריק, ווען רחל איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער פּוילישער פּאָליצײ, און זי איז נאָך דאַן געווען אַ יונג מײדל, איז צו מיר געקומען אברהם קעסעל מיט אַ פּעקל דאָקומענטן אין האַנט און געזאָגט:

„דאָס איז וויכטיק מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געפינען אין רחלס באַזיץ. דאָס מאַטעריאַל טאָר זיך נישט געפונען בײ אונדזערע מענטשן. דער זיכערסטער פּלאַץ איז בײ דיר: דאָ וועט קײנער נישט זוכן!"

נאָך די ווערטער האָט ער מיר דערלאַנגט דאָס פּעקל, וואָס האָט אַנטהאַלטן נאָטיצן און העפטן, ווו רחל האָט פאַרצײכנט וויכטיקע פּרטים פון פּאַרטײ־לעבן.

דאס יידישע לעבן

אין אָנפאַנג איז מען געווען צופרידן פון דער נײער אָרדענונג: יעדער אײנער וואָס האָט נאָר געוואָלט האָט באַקומען אַרבעט. כדאַי צו דערמאָנען, אַז כמעט אַלע יוגנטלעכע אין שטאָט האָבן געהאַט אַ ציוניסטישע פאַרגאַנגענהײט.

אין יענער תקופה האָט דאָס יידישע עפנטלעכע לעבן זיך געפירט ווי אין די פּוילישע צײטן. די שולן און בתי־מדרשים זענען געווען פיל מיט מתפּללים. איך האָב דאַן געזאָגט „קדיש" און בין געגאַנגען צוויי מאָל אַ טאָג אין שול. אָבער יום־כּיפּור בין איך נישט געגאַנגען דאַוונען. כדאַי צו דערמאָנען: אין מײן אַמט האָבן געאַרבעט נאָך אָרטיקע יידן. פיר אַזייגער פאַרנאַכט, יעדן טאָג, זענען מיר אַלע געגאַנגען אין שול דאַוונען מנחה.

מיט אונדז האָט געאַרבעט אַ יידישער רעוויזאָר, וואָס איז געקומען פון אָדעס. איך האָב באַמערקט, אַז יום־כּיפּור איז ער נישט געקומען צו דער אַרבעט. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט דעם טאָג געפאַסט. אין אַ צײט אַרום איז ער אַרעסטירט געוואָרן, ווײל ער האָט זיך אויפגעגעבן אַלס מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס נישט אמת.

די ליקווידאציע פון ציוניזם

די „תרבות"־שולע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידישע פאָלקס־שולע, ווו די אונטערריכט־שפּראַך איז געווען יידיש. ס'האָבן דאָרט געלערנט בלויז יידישע קינדער. דאָרט האָט געלערנט אַ געוועזענער לערער פון „תרבות", ראַבינאָוויטש. פיל האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער נײער אָרדנונג און האָבן אָנגעהויבן קוקן מיט גינסטיקע אויגן אויף דער סאָוויעטישער דערציאונג.

אַברהם געלער, דער געוועזענער פאָרזיצער פון „תרבות", און אַנדערע ציוניסטישע כּלל־טוער, האָבן זײער געוויטיקט דאָס ליקווידירן דאָס העברעישע שול־וועזן און ציוניסטישע טעטיקײט, אָבער זײ זענען געווען געצוווּנגען צו שווײגן. אַלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס זענען ליקווידירט געוואָרן און אויך די געוועזענע ציוניסטן האָבן צווישן זיך אויסגעמיטן דערמאָנען זײער פאַרגאַנגענהײט. אמת, מיר האָבן ווײטער באַקומען בריוו פון ארץ־ישראל און אויך געשיקט אַהין בריוו — אָבער נישט מער.

נישט געווען מער קײן האַנטווערקער־פאַראײן און סוחרים־פאַראײן, ווי זײ וואָלטן קײנמאָל נישט עקזיסטירט. אַזוי איז געווען די לאַגע די גאַנצע צײט פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט, ביזן אויסברוך פון דער דײטש־רוסישער מלחמה אין יוני 1941.



מיר לויפן קיין מזרח

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע מהומה און קײנער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. נאָך דרײ טעג האָבן מיר — ד. ה. מײן פאַמיליע און יעקב

בראַנשטיינס פאַמיליע — באַשלאָסן אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון מזרח. אין אַמט האָט מען אונדז געגעבן אַ פערד־און־וואָגן און דערמיט זענען מיר אָנגעקומען קיין סאָפּיווקע טראָכימבראָד. דאָ האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף ערנסטע שוועריקייטן: די קינדער זענען קראַנק געוואָרן און דאָס פערד האָט נישט געוואָלט גיין ווייטער.

די פרויען האָבן באַשלאָסן, אַז די מענער דאַרפן פאָרזעצן דעם וועג, ווייל די מענער דראָט אַ גרעסערע געפאַר ווי די פרויען מצד די דייטשן:

„וואָס קענען זיי אונדז און די קינדער טאָן?" האָבן די תמימותדיקע ווייבער געטענהט. „מיר פאָרן צוריק און איר גייט פאָרויס!"

נאָך לאַנגע און שווערע וואַקלענישן האָבן מיר אָנגענומען דעם פאָרשלאַג. מיר האָבן די פרויען מיט די קינדער צוריקגעשיקט אין שטאָט אויפן וואָגן און מיר זענען געגאַנגען ווייטער צופוס.

אין וועג האָבן מיר באַגעגנט די גאַנצע אַדמיניסטראַציע פון לוצק. צו אונדז איז צוגעשטאַנען חיים גראַבאַרסקי, עטל דוואָרעצקאַ און די לוצקער איינוווינער דרוטמאַן און מיטיאַ פוקס, וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען אַ טעטיקער קאָמוניסט און געזעסן פיל יאָרן אין פוילישע טורמעס. נאָכן קריג איז ער געווען אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. ער איז דערוויטערט געוואָרן פון זיין אַמט צוזאַמען מיט אַלע יידן וואָס האָבן פאַרנומען הויכע פאָסטנס, נאָך פאַר דער דערווייטערונג פון גאָמולקאַ.

מען האָט אונדז געמאָלדן, אַז די דייטשן געפונען זיך נעבן ראָוונע. מיר האָבן באַשלאָסן זיך דערווייטערן ווי ווייט מעגלעך און געגאַנגען אין דער ריכטונג פון קאָסטאָפּאָל. אין אונדזער באַזיץ איז געווען נאָר רוסיש געלט און די פויערן האָבן נישט געוואָלט פאַרקויפן פראָדוקטן פאַר רוסיש געלט. מיר האָבן געהונגערט דעם גאַנצן וועג און נאָך דריי טעג זענען מיר ממש געפאַלן פון די פיס פון הונגער און שוואַכקייט.

אין קאָסטאָפּאָל האָבן מיר געזען די אָפּטרעטנדיקע רוסישע אַרמיי. מיר האָבן געבעטן, אַז זיי זאָלן נעמען מיט זיך יעקב בראַנשטיין, וואָס האָט נישט געקענט גיין. אַ גוי האָט מסכים געווען פירן אונדז 10 ק"מ פאַר 50 רובל. צום סוף האָט ער אונדז געפירט נאָר 8 ק"מ פאַר 200 רובל.



מיר זענען אַריין אין וואַלד און דאָרט באַגעגנט אַ גרופּע יידן פון לוצק. די נאַכט איז צוגעפאַלן און ס'איז באַפאַלן אַ פחד פאַר די דייטשן, וואָס דערנענטערן זיך. מיר האָבן באַשלאָסן גיין ווייטער, טראָץ אונדזער שווערן פיזישן צושטאַנד.

מיט גרויס שוועריקייטן זענען מיר אָנגעקומען קיין נאָוואָגראַד־וואָלינסק. מיר זענען געשלאָפן אין אַ שולע, וווּ ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט טויזנטער פּליטים. די גאַנצע נאַכט האָבן מיר געהערט שיסערייען. 4 פאַרטאָג זענען מיר אַוועק צו דער באַן־סטאַציע און אַריין אין אַ וואַרטנדיקן צוג. 8 אינדערפרי איז געווען אַ לופט־אַטאַקע. צום גליק איז די באַן־סטאַציע נישט באָמבאַרדירט געוואָרן.

אין קיעוו

מיר זענען אָנגעקומען קיין קיעוו. מיר האָבן באַגעגנט יעקב וויינשטיין פון אונדזער שטאָט. ער האָט דערציילט, אַז זיין פרוי איז אַרעסטירט געוואָרן, ווייל זי האָט פאַרגעסן אויסלעשן דאָס ליכט. זיין וווינונג איז באַשטאַנען פון אַ קליין צימערל און מיר האָבן נישט געקענט זיין ביי אים. ער האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַ פּלאַץ צו שלאָפן און אונדז געראָטן זוכן אַרבעט.

צומאָרגנס בין איך אַוועק אין פינאַנץ־אַמט (נאַרקאָם־פאַן), וווּ כ'האָב געאַרבעט אין ראָזשישטש. מען האָט אונדז צוגעזאָגט געבן אַרבעט אויפן צווייטן טאָג. ווען מיר זענען געקומען צומאָרגנס, האָט שוין אין שטאָט געהערשט אַ שרעקלעכע בהלה. זעלנער און ציוויל זענען אַנטלאָפן פון שטאָט. וויינשטיין האָט אונדז געראָטן פאַרלאָזן די שטאָט.

כדאַי צו באַמערקן, אַז ווען מיר זענען געקומען קיין קיעוו, דעם 3־טן יולי, האָבן מיר געהערט די באַרימטע רעדע פון סטאַלין. דאַן האָט וויינשטיין, אַן אַלטער קאָמוניסט, וואָס איז אין זיינער צייט אַנטלאָפן פון ראָזשישטש קיין רוסלאַנד, געזאָגט:

„הערט, ווי אונדזער קעניג רעדט!.."

מען לויפט פון פראָנט

מיר מוזן ווייטער לויפן. אין דער באַן איז קיין פּלאַץ פאַר אונדז נישטאָ. מיר זענען אַוועק צום דניעפּער, מיט דער האָפענונג צו באַקומען אַן אָרט אויף איינע פון די שיפן. נאָך דריי טעג האָבן מיר זיך ענדלעך אַריינבאַקומען אין אַ שיף. מען האָט אונדז געוואָלט אַראָפּנעמען, אָבער מיר האָבן זיך שטאַרק געראַנגלט און זיך נישט געלאָזט. אין שיף האָבן מיר באַגעגנט די לערער פסח און נחמה ספּעקטאָר און זייער זון. דאָרט זענען געווען פיל חשובע פּערזענלעכקייטן און הייכע אָפיצירן פון נק.וו.ד.

די שיף איז געקומען קיין דניעפּראָפּעטראָווסק. דאָ האָבן די הויכע אָפיצירן אונדז אָנגעהויבן דאַקוטשען און געדראָט מיט אַרעסט. זיי האָבן דאָס געטאָן, ווייל מיר האָבן געזען, ווי זיי זענען אין גרויס בהלה אַנטלאָפן פון פראָנט. אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זענען דאָ נענטער צו די דייטשן ווי אין קיעוו. מיר האָבן זיך מיט אַלע כוחות אַריינגעריסן אין צוג, און עמעצער האָט נאָך אונדז אַריינגעוואָרפן באַן־בילעטן, כדי מען זאָל אונדז נישט אַראָפּוואַרפן פון דער באַן.

פּיין און וואַנדלונגען

נאָך אייניקע טעג פאָרן זענען מיר אָנגעקומען קיין ראָסטאָוו. אין וואַגאָן האָט אונדז דער בילעטער געזאָגט, אַז מיר מוזן זיך מעלדן אין דער באַן־סטאַציע ביים קאָמענדאַנט פון נ.ק.וו.ד. דאָרט האָט מען אונדז אויסגעפאָרשט וועגן אונדזער פאַרגאַנגענהייט און מיר האָבן אויפגעפילט פאָרמולאַרן, וווּ מיר האָבן געאַרבעט ביי דער פּוילישער און רוסישער מאַכט. ווען דער קאָמענדאַנט האָט אונדז געפרעגט, ווי ווייט איז פּערעספּע פון אונדזער שטעטל און מיר האָבן אים געזאָגט, אַז 13 ק"מ, האָט ער גלייך געענדערט זיין באַציאונג צו אונדז.

„ריכטיק", האָט ער געזאָגט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז מיט יאָרן צוריק אַנטלאָפן פון פּערעספּע קיין רוסלאַנד.

ער האָט אונדז געהייסן דערלאַנגען עסן, אָבער ער האָט אונדז נישט דערלויבט אַרויסגיין פון דער באַן־סטאַציע. מיר האָבן זיך דאָך אַרויסבאַקומען פון דאָרט און אַוועק אין שטאָט. מיר זענען געקומען אין דער וווינונג פון מאָטעס אָקסעס ברודער, אַן אינזשינער. ביי אים זענען מיר געבליבן צוויי טעג. אין שטאָט איז אַלץ געווען זייער טייער. אונדזער גאַסט־געבער האָט אונדז געראָטן פאָרן קיין קאַווקאַז, וווּ ס'איז דאָ אַ גוטער קלימאַט, מער צוגעפּאַסט צו אונדז'ערע לייכטע בגדים. דאָרט איז אויך גרינגער זיך איינצואָרדנען.

מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג. אַ ייד האָט אונדז געגעבן אַן אַדרעס פון זיין פאַמיליע אין קראַסנאָדאַר. קומענדיק אויף דעם אַדרעס, איז צו אונדז צו אַ פּאַליציאַנט, וואָס האָט אונדז נאָכגעפאָלגט פון דער באַן. ער האָט אונדז געגעבן אַ דערלויבעניש צו בלייבן אין שטאָט דריי טעג און באַפוילן זיך פאַרשרייבן אין דער פּאָליציי.

די שטאָט איז געווען זייער אַ באַקוועמע פאַר אונדז, ווייל ס'זענען דאָרט נישט געווען קיין פּליטים און מ'האָט זיך דאָרט געקענט איינאָרדענען. איך און בראָנשטיין האָבן זיך געווענדעט אין פינאַנץ־אַמט, אַלס אַנגעשטעלטע אין זעלבן אַמט אין אונדזער שטאָט. מיר האָבן אויסגעפילט די דערלאַנגטע צירקולאַרן און די באַאַמטע האָבן אונדז געגעבן האָפענונג צו באַקומען אַרבעט, ווי נאָר דער לייטער וועט קומען. צומאָרגנס האָט אונדז אויפגענומען דער לייטער, אַ פרוי. ווי נאָר זי האָט געזען אין פאָרמולאַר, אַז מיר זענען יידן, האָט זי געזאָגט, אַז די פרייע פּאָסטנס זענען נעכטן באַזעצט געוואָרן...



מיר זענען געגאַנגען פון אַמט צו אַמט, אָבער מען האָט אונדז, יידן, נישט געוואָלט געבן אַרבעט. מען האָט אונדז געראָטן זיך ווענדן צום שטאָט־ראַט, וווּ מען וועט אונדז באַזאָרגן מיט באַן־בילעטן אַוועקצופאָרן פון שטאָט. מיר זענען אַריין אין טראַמוויי און געפרעגט וווּ ס'איז דער שטאָט־ראַט. אַ רוסישע פרוי, וואָס איז געשטאַנען נעבן אונדז, האָט אונדז געפרעגט, צי וואָס מיר דאַרפן דעם שטאָט־ראַט. ווען מיר האָבן איר דערקלערט אונדזער עניין האָט זי אויסגערופן:

„איך זוך אייך שוין אייניקע טעג!"

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז די פרוי געווען אַ מיטגליד פון שטאָט־ראַט. זי האָט געזוכט אַ גרופּע פּליטים, וואָס איז געקומען אין שטאָט פאַר אייניקע טעג. דאָס זענען מיר געווען די פּליטים, וואָס זי האָט געזוכט.

זי האָט אונדז איינגעלאַדן צו זיך אין הויז, ווו מיר זענען געווען אַ וואָך צייט. דאָס לעבן אין שטאָט איז געווען זייער ביליק: פרוכטן און געמיזע איז געווען בשפע. נאָך אַ וואָך אויפהאַלטן זיך ביי איר האָט די פרוי, אַ קאָזאַטשקע, אונדז פאַרגעלייגט געלט אויף הוצאות און האָבן באַשלאָסן אַוועק קיין טאַשקענט.



אין קויבישעוו

אין טאָג וואָס מיר זענען אָנגעקומען קיין קויבישעוו, אויף אונדזער וועג קיין טאַשקענט, איז דאָרט אָנגעקומען די סאָוויעטישע רעגירונג, וואָס האָט פאַרלאָזט מאָסקווע, צוליב דער דערנענטערונג פון די דייטשישע אַרמייען. נאָך אייניקע טעג פון זוכן האָב איך באַקומען אַרבעט אין אַ פאָרשטאָט, ווייל די רעגירונגס־אַמטן זענען געווען צעשפּרייט אין דער גאַנצער אומגעגנט. די באַציאונג צו מיר אויף מיין אַרבעטס־פּלאַץ איז געווען זייער אַ גוטע. נאָך אַ מאָנאַט האָט מען מיך אַוואַנסירט אַלס פאַרטרעטער פון דירעקטאָר, וואָס איז געוואָרן מאָביליזירט צום מיליטער.

די פירערן אין דער אומגעגנט זענען געווען גוטהאַרציקע. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך געפילט נאָר אין דער אַדמיניסטראַציע, אָבער די פירערן האָבן נישט געוווסט וואָס ס'איז אַזוינס אַנטיסעמיטיזם. ס'זענען צווישן די פירערן נאָך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געדענקט די צאַרישע צייטן. זיי האָבן באַטראַכט דעם קאָמוניזם אַלס אומגליק פאַרן פויער און פרייען אַרבעטער. זיי האָבן אויסגעגאָסן פאַר מיר זייער ביטער האַרץ. ס'איז אין מיין אָרט אויך געווען אַ יידישער סאָוויעטישער לערער, פאַר וועמען זיי האָבן זיך געהיטן אויסצודריקן זייערע מחשבות. ווען ער האָט זיך דערנענטערט האָבן זיי פאַר־מאַכט זייערע מיילער. מיר זענען דאָרט געווען דריי יידן. בראָנשטיין האָט זיך פון דאָרט אָפּגעטראָגן שוין אין די ערשטע טעג פון אונדזער זיין אין קויבישעוו. איך בין געווען אין קויבישעוו ביז 1944.

איין טאָג באַקום איך אַ באַפעל צוריקצופאָרן קיין סאַראַטאָוו, אוקראַינע. איך האָב נישט געהאַט קיין חשק צו פאַרלאָזן קויבישעוו. איך האָב באַקומען אַן אַמטלעכע באַשטעטיקונג, אַז איך בין קראַנק. אָבער ווען איך האָב, אַ געוויסע צייט שפּעטער, יאָ געוואָלט פאַרלאָזן קויבישעוו — האָט מען מיר נישט דערלויבט. איך האָב זיך געווענדעט צו שיקע ווידרע, און האָב מיט זיין הילף באַקומען אַן איינלאַדונג פון דער נ.ק.וו.ד. צו קומען קיין ראַזשישטש, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַמיט ביים „פּין־אָטדעל”.

אין די יאָרן וואָס איך בין געווען אין רוסלאַנד האָב איך באַוויזן זיך פאַרבינדן מיט מיין ברודער, מלך, אין ארץ־ישראל. איך האָב פון אים באַקומען בריוו און פּעקלעך פּראָוויאַנט. נאָכהער איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרבינדונג מיטן „דזשאָינט” אין טעהעראַן. פון דאָרט האָב איך יעדן וואָך באַקומען אַ פּעקל, אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען אַ קאָלדרע, טיי, מילך־פּודער און אַנדערע פּראָדוקטן. איך האָב געבעטן מיין ברודער שרייבן רוסיש. איינמאָל האָט מען מיך איינגעלאַדן אין דער נ.ק.וו.ד. און געפרעגט וועגן מיין פאַרבינ־דונג מיט פּאַלעסטינע. איך האָב דעם אויספאָרשער דערלאַנגט די דערהאַלטענע בריוו און געבעטן אים זיי לייענען, כדי זיך איבערצייגן אַז דאָס קאָרעספּאָנדיר איך זיך מיט מיין ברודער.. ער האָט מיר געענטפערט:

„איך האָב זיי שוין געלייענט...”

אַזוי האָט מען מיך אייניקע מאָל אַרויסגערופן, ביז מען האָט דעם קאָמענדאַנט פון דער נ.ק.וו.ד. איבערגעפירט אויף אַן אַנדער אָרט און דער ענין האָט זיך געענדיקט. ענדלעך האָב איך באַקומען די דערלויבעניש אַוועקצופאָרן פון קויבישעוו. נאָכן באַצאָלן 2000 רובל פאַרן בילעט בין איך דעם 21־סטן דעצעמבער 1941 אָנגעקומען קיין ראַ־זשישטש.

אין ראַזשישטש — אבער אָן אַ היים

דאָס ערשטע הויז אין ראָזשישטש ווו כ'בין אַריין איז געווען דאָס הויז פון בערל שניידער. כ'האָב געהערט, אַז ער איז אין שטאָט, האָב איך אים געוואָלט זען. כ'האָב דאָרט געטראָפן אַ גוי. אויף מיין פראַגע, ווו איז בערל שניידער, האָט ער מיר געענט־פערט, אַז ס'איז דאָ נישטאָ קיין איין ייד. ער האָט מיך געבראַכט צו די אליינציקע, ווו ס'וווינען, לויט זיינע רייד, אייניקע יידן. דאָרט האָב איך געטראָפן משה ווידרע און פרוי, שיקע ווידרע און פרוי, שלמה בייטש און נאָך אייניקע יידן.

פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ווער ס'איז ביז 1939 געווען אַ פוילישער בירגער קען אַריבער קיין פוילן. אַלע האָבן זיך פאַרשריבן אין דער רשימה צוריקצופאָרן קיין פוילן, און די מאַכט וואָס האָט געוווּסט דערפון האָט דערויף געקוקט נישט גינסטיק. איך האָב נישט געוואָלט דאָס טאָן אָפן, בין איך אַוועק קיין לוצק, ווו אויך דאָרט איז געווען אַזאַ רשימה, כדי זיך דאָרט פאַרשרייבן. ווען די מאַכט־אָרגאַנען אין ראָזשישטש האָבן זיך דערפון דערוווּסט, האָבן זיי מיך אָנגעהויבן מאַכן פאַרשידענע שוועריקייטן, און נישט געלאָזט פאָרן. זיי האָבן מיר אויך פאָרגעלייגט פאַרשידענע גוטע פאָסטנס, נאָר איך האָב אַלץ אָפּגעוואָרפן מיט דער טענה, אַז איך בין מיד פון די אַלע צרות וואָס זענען איבער מיר אַריבער אין די מלחמה־יאָרן.

איך אנטלויף אויפן מערב

איך בין אַוועק קיין קאָוועל. דאָרט האָב איך באַגעגנט מענדל פישמאַן, דעם צאָן־אַרצט ליקוואָרניק, משה וואלאך און שלמה בייטש. כ'בין אַריבער די גרענעץ נאָך ליובאָמיל און געקומען קיין כעלם אין פוילן. די ערשטע פוילישע ווערטער וואָס כ'האָב געהערט אויפן פוילישן באָדן איז געווען פון אַ רוסישן מאַיאָר, זאָגנדיק צו אַ פוילישע פרוי:

„די בעסטע זאַך וואָס היטלער האָט געטאָן — ער האָט אויסגעראָטן די יידן!..”

כ'בין געקומען קיין לובלין, ווו כ'האָב געטראָפן ד"ר כאסיס פון קאָוועל (שפּעטער — דירעקטאָר פון שווינדזיכט אָפּטיילונג אין געזונטהייטס־מיניסטעריום אין ישראל; געשטאָרבן אין ישראל). כ'האָב אויך געטראָפן מאיר באָק. ער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס פון אַ יידישן טרעף־פּונקט, ווו מען קען זיך פאַרבינדן וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

קומענדיק אויפן אַדרעס זענען שוין דאָרט געווען סטעפאַן גראַיעק און אליעזר לעווין. ענדלעך האָט מען אונדז באַשטעטיקט צו דער עליה. פסח האָט מען אונדז, אַ גרופּע פון זיבן מענטשן, געשיקט קיין קראָסנע, אין גאַליציע. מיר האָבן באַקומען פאַלשע דאָקומענטן פון „רויטן קרייץ”, אַז מיר זענען פליטים וואָס פאָרן אַהיים קיין גריכנלאַנד אָדער יוגאָסלאַוויע. ספּעציעלע לערער האָבן אונדז געלערנט, וויאַזוי צו זיין „גריכן” אָדער „יוגאָסלאַוון”. מען האָט אונדז באַפוילן רעדן נאָר עברית, וואָס קיינער, אויסער יידן, האָט נישט פאַרשטאַנען. אינטערעסאַנט, אַז די אַלע מיטלען זענען געווען געווענדעט צו דער רוסישער גרענעץ־וואַך. די טשעכישע וואַך האָט אינגאַנצן נישט קאָנטראָלירט אונדזערע פּאַפּירן.

אין טראַנסילוואַניע האָט מען אונדז אויסגעהאַלטן מיט אַלעם, אַפילו מיט טאַשן־געלט. ס'איז אָנגעקומען צביה לובעטקין, וואָס האָט געהאַט די אַנטגילטיקע רעכט צו באַשטימען ווער ס'זאָל עולה זיין. איך בין באַשטימט געוואָרן צו דער ערשטער גרופּע עולים, טראָץ וואָס איך האָב נישט אָנגעהערט צו איר פאַרטיי, נאָר צו „גורדוניה”; אַנדערע זענען אָפּגעשטיפּט געוואָרן אויף שפּעטערע טראַנספּאָרטן.



כ'בין אַריבער קיין בוקאַרעשט. דאָרט בין איך צום ערשטן מאָל געקומען אין קאָנטאַקט מיט די יידישע בריגאַדע. מיר האָבן געזוכט אַ וועג אַריבערצוגיין קיין איטאַליע, אָבער אָנשטאָט דעם זענען מיר אַריבער קיין עסטרייך און פון דאָרט קיין בודאַפּעשט. מיר האָבן באַקומען דאָקומענטן, אַז מיר געהערן צום בריטישן ראַיאָן. דער סאָוויעטישער מיליטערישער קאָמענדאַנט איז געווען אַ ייד; ער האָט גערעדט מיט אונדז יידיש און זיך געפרייט אונדז צו העלפן. מיר האָבן אים אַפילו איינגעלאַדן צו אַן אָוונט, וואָס מיר האָבן איינגעאָרדנט.

מיר האָבן אייניקע מאָל געפּרוווט אַריבער די איטאַליעניִשע גרענעץ, נאָר די רוסן האָבן אונדז אייניקע מאָל פֿאַרהאַלטן, נישט ווייסנדיק וואָס צו טאָן מיט די גרופּע אָפּגעריסענע מידע וואַנדערער. צום סוף האָבן זיי אונדז געלאָזט גיין ביז מיר זענען געקומען צו אַן ענגלישן לאַגער. דאָ האָט זיך געשאַפֿן אַ פֿאַרבינדונג מיט דער יידישער בריגאַדע.

אין באָלאָניע האָב איך געטראָפֿן אשר בראַקער, וואָס איז געווען אין דער ענגלישער אַרמיי. ער האָט מיך באַגעגנט מיט גרויס פֿרייד. פֿון באָלאָניע זענען מיר אַריבער קיין באַרי, ווו מען האָט אונדז גוט איינגעאָרדנט. די בריגאַדע האָט געזאָרגט פֿאַר אַלע אונדזערע באַדערפֿענישן אין שפּייז און מלבושים.

אן אומלעגאלער עולה אלס „פישער"

איין טאָג זענען געקומען שליחים פֿון ארץ־ישׂראל און אויסגעקליבן 35 מאַן. איך בין געווען צווישן די אויסדערוויילטע. מיר האָבן באַקומען אַ באַפֿעל נישט אַרויס צו גיין אויסער דעם פּלויט. זיי האָבן צוגעגעבן אין יידיש:


„פֿון דאַנען וועט איר אַ שפּרונג טאָן גלייך קיין ארץ־ישׂראל..."

מען האָט אונדז געהאַלטן אָפּגעשלאָסן אַכט טעג. אין פֿאַרלויף פֿון דער צייט האָבן מיר באַקומען אינסטרוקציעס ווי אַזוי זיך אויפֿצופֿירן. זיי האָבן אונדז געמאָלדן, אַז מיר האָבן נישט מער קיין נעמען, נאָר נומערן. מיר האָבן באַקומען דאָקומענטן פֿון „החלוץ" (דער דאָקומענט געפֿינט זיך אין אַרכיון ההפּעלה אין חיפה). מען האָט אונדז אַריבערגע־פֿירט קיין קורילאָ. דאָרט זענען מיר אַרויף אַ שיף „דלין" (דאָס איז געווען דער אונטערערדישער נאָמען פֿון אליהו גאָלאָמב). מיר האָבן באַלד אַרויסגענומען די פֿיש־נעצן, און מיר האָבן באַלד אויסגעזעען ווי פֿישער, וואָס זענען אַרויס צום פֿיש־פֿאַנג.

דעם 29־סטן אויגוסט 1945 זענען מיר אָנגעקומען קיין קיסריה. אויפֿן ברעג האָבן אויף אונדז געוואַרט ביי 200 מענטשן, וואָס האָבן אונדז מקבל־פּנים געווען אין אונדזער היימלאַנד.

ביי די סאוויעטן בעת דער מלחמה

צבי אורן (אלתר סאסנע)



צבי אורן (אלתר סאסנע).

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער דייטש־פּוילישער קריג, אין סעפּטעמבער 1939, איז די שטימונג ביי אונדז אין שטעטל געווען זייער אַ געדרוקטע. מען האָט זיך גערינכט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועלן די דייטשן אונדז באָמבאַרדירן. דאָס איז געווען פאַר ראש־השנה און ווער ס׳האָט נאָר געהאַט די געלעגנהייט האָט פאַרלאָזט די שטאָט.

דייטשע איינוווינער ווי׳לדעווען

מיין שוועסטער האָט געוווינט אין אַ דייטשישער קאָלאָניע, ראָקין, 7 קילאָמעטער פון ראָזשישטש. איר פאַמיליע האָט געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות פון די דייטשן, בעיקר פון די יוגנט, ווייל די עלטערע האָבן זיך נאָך אַביסל געשעמט. די ווענט פון זייער הויז זיינען בײנאַכט באַצירט געוואָרן מיט האַקנקרייץ־צייכנס; די טירן זיינען פאַרפּעסטיקט געוואָרן פון דער אויסערלעכער זייט, אַזוי אַז זיי האָבן נישט געקענט צומאָרגנס פרי אַרויס פון שטוב; איצט איז זייער פחד געוואָרן נאָך גרעסער, און אָנגעהויבן ציטערן אַז מען זאָל זיי נישט פאַרברענען שלאָפנדיק ביינאַכט לעבעדיקערהייט. זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס דאָרף און געקומען צו אונדז.

מיין שוואָגער האָט געהאַט אַ פערד און וואָגן. ערב ראש־השנה האָב איך אַרויפגעזעצט מיינע שוועסטער טייבל, זלאַטע מיט די קינדער און מיין פרוי מיטן קינד און אַוועקגעפירט קיין סעקילי. דאָרט האָב איך זיי איינגעאָרדנט ביי מיין מומע טייבלס אַ שוועגערין, אַשרס שוועסטער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע וווינונג.

עראָפּלאַנען איבער ראָזשישטש

צומאָרגנס פרי, דער ערשטער טאָג ראש־השנה, בין איך געקומען אין שטאָט כדי צו הערן עפּעס נייעס. אין דער לופט האָט זיך געהערט דער גערויש פון עראָפּלאַנען און מען האָט זיך גערינכט אויף באָמבאַרדירונגען. איך האָב נישט געלאָזט מיין פעטער, שמואל שפּירא, גיין אין שול, ווייל ער האָט זיך געפילט שוואַך. אין בין געגאַנגען אין שול כדי ברענגען זיין טלית. ווען איך בין אַרויס אין גאַס מיטן טלית און מחזור האָב איך געהערט די ערשטע אויפרייסן פון די באָמבעס, וועלכע זיינען געפאַלן ביי דער באַן־סטאַציע. די עראָפּלאַנען האָבן זיך געדרייט אָן אויפהער איבער די שטאָט. שאַרענדיק זיך ביי די ווענט פון די הייזער בין איך צוריקגעקומען אין שטוב.

אין שטאָט איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע פּאַניק, ספּעציעל ביי די איינוווינער פון זשאַליבאָוו. ווער ס׳האָט געהאַט פערד און וואָגן איז גלייך אַוועק פון שטאָט, נישט־קוקענדיק וואָס ס׳איז ראש־השנה. אַנדערע זיינען אַוועק צופוס. די וואָס זיינען געבליבן אין שטאָט זיינען אַוועק אויפן באַרג, ווייל דאָרט איז געווען זיכערער ווי אויף זשאַליבאָוו.

איך האָב ווידער געשפּאַנט פערד און וואָגן און אַרויפגעזעצט מיין פריידקע מיט אירע קינדער און מומע טייבלס קינדער. די עלטערע זיינען געגאַנגען צופוס און מיר זיינען ווידער אַוועק קיין סעקילי. מיין פעטער איז געבליבן אין דערהיים. נאָך אַ פּאָר טעג האָט זיך די פּאַניק איינגעשטילט, און מען האָט גערעדט, אַז די רוסן קומען אין אונדזער געגנט. מען האָט שוין דאַן געוווסט, אַז די דייטשן און די רוסן זיינען געקומען צו אַ הסכם וועגן דער צעטיילונג פון פּוילן, און אַז לויט דעם הסכם וועלן די רוסן פאַרנעמען מזרח־פּוילן ביזן טייך בוג.


אייניקע טעג נאָך ראש־השנה זיינען מיר צוריקגעקומען אין שטאָט. בעת דער באָמבאַרדירונג, וועלכע איז געווען געצילט צו דער. אייזערנער בריק, האָט אַ באָמבע געטראָפן אין האַנטווערקער פאַראיין, און דער גאַנצער בנין איז ווי איינגעזונקען אין דער ערד: דער דיל איז געבליבן אויבן בעת דער דאַך איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. אַלע זיינען געגאַנגען אָנקוקן דאָס וווּנדער. עס האָט זיך דערנענטערט יום־כיפור און די געמיטער האָבן זיך באַרויקט, אָנוואַרטנדיק דאָס אָנקומען פון די רוסן.

יום־כיפור ביינאַכט, נאָך „כל נדרי", איז פּלוצלינג אויסגעבראָכן אַ שיסעריי. קיינער האָט נישט געוווּסט די סיבה דערפון. ס׳זיינען אַרויס קלאַנגען אַז דאָס האָבן רעשטלעך פון דער פּוילישער אַרמיי געשאָסן אויף די ערשטע אָנקומענדיקע רוסן. בעת דער שיסעריי זיינען געפאַלן צוויי יידישע קרבנות, וואָס זיינען געגאַנגען פון "כל נדרי": שמואליק שווארצבלאַט און יחיאל שוחטס פרוי.

ביי די סאוויעטן

נאָך יום־כיפור האָבן די רוסן איבערגענומען די מאַכט. מען האָט זיך צוריקגענומען צו די פריערדיקע באַשעפטיקונגען, ווער צו מלאכה און ווער צום האַנדל. די קלייטן האָבן זיך שנעל אויסגעליידיקט, ווייל די רוסן האָבן אַלץ אָפּגעקויפט פאַר יעדן פּרייז; אַביסל האָט אויך די יידישע באַפעלקערונג זיך באַזאָרגט מיט פאַרשידענע זאַפּאַסן, ווייל מען האָט געפילט אַז ס׳קומען אָן שווערע צייטן אין מסחר און מלאכה. נאָך אַ קורצער צייט זיינען אַלע האַנטווערקער געבליבן אָן אַרבעט, און דער האַנדל האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעשטעלט. פויערן פון דער אומגעגנט האָבן נישט געוואָלט נעמען קיין געלט פאַר די פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן געבראַכט אין שטאָט, און האָבן פאַרלאַנגט שיך, קליידער, נאַפט און זאַלץ.

מיר, דאָס הייסט די סטאָלאַרעס פון שטאָט, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַן אַרטעל. אַזוי ווי לויטן דייטש־רוסישן אָפּמאַך זיינען אַלע דייטשן פון רוסישן געביט געווען געצוווּנגען פאַרלאָזן זייערע ערטער און אַריבער קיין דייטשלאַנד, האָבן אויך די דייטשן פון אונדזער שטאָט און אומגעגנט פאַרלאָזט זייערע הייזער. מיר האָבן באַקומען צו געשטעלט צוויי דייטשישע הייזער אויפן באַרג: בערטל דעם שלאָסערס און זיין שכנס, וועמענס נאָמען איך האָב פאַרגעסן. מען האָט אונדז אויך געגעבן עוזר גלייזלס הויז, וווּ קלאַר האָט געהאַט דעם סקלאַד פון אייער. דער נאָמען פון אַרטעל איז געווען „כרושטשאָוו".



ר׳ שמואל (דער חזן) שפּירא, זיין פרוי ברײַנדל און קינדער (פריידע און גרשון).

די ערשטע צייט איז געווען גענוג אַרבעט, ווייל ס׳זענען נאָך פאַרבליבן זאַפּאַסן פֿון מאַטעריאַלן, אָבער די לאַגע איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. קיין פּריוואַטע אַרבעט איז נישט געווען, און מיר האָבן געאַרבעט נאָר פאַר דער רעגירונג, און בעיקר מעבל, שטולן, טישן, שרייב־טישן און שאַפעס. פאַרוואַלטער פון אַרטעל איז געווען הערשל גלאז; זאַוויעדויעשטשי איז געווען אליע וואליק; מאַגאַזינער איז געווען שניאור, סרה־לצע שניאורס פאָטער. די פאַרדינסטן זיינען געוואָרן אַלץ קלענער, אָבער מיר זיינען ווי־ס׳איז דורכגעקומען, ווייל מיר זיינען געווען זייער פאָרזיכטיק ביים אָפּשאַצן די ווערט פון יעדער אַרבעט, כדי ס׳זאָל אונדז בלייבן אַ געהעריקער ריווח. שפּעטער האָט מען איינגעפירט דעם סיסטעם פון נאָרמעס. מיר זיינען געווען צעטיילט אין בריגאַדעס. אויב אַ בריגאַדע האָט אויסגעפילט די באַשטימטע נאָרמע האָט מען גלייך געהעכערט די נאָרמע מיט 10 פּראָצענט, אַזוי אַז די אַנדערע בריגאַדעס זיינען שטענדיק געבליבן הינטער־שטעליק אין דער אַרבעט. מען האָט אונדז שטענדיק אַריינגעשיקט נייע באַאַמטע און אויפזעער, אַזוי אַז די צאָל פון די אומזיסטע פרעסער איז געוואַקסן, בעת די פאַרדינסטן זיינען געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער — לויטן רוסישן סיסטעם.

מיר בויען פעסטונגען

אָנפאַנג מאַי 1940 האָט מען אַ גרויסע טייל פון דער אַרבעטנדיקער יוגנט מאָביליזירט אין דער אַרמיי אויף דריי חדשים אַרבעט. איך זאָג די „אַרבעטנדיקע יוגנט", ווייל די מאַכט האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער יוגנט פון סוחרישן אָפּשטאַם, אָדער די וואָס האָבן געהערט פאַרן קריג צו אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין צווישן די אויסדערוויילטע מאָביליזירט צו ווערן. צווישן די מאָביליזירטע זיינען אויך געווען טייוול שוחט, הערשל גלוז, בוקי באָקסער, יצחק וויינער און אַנדערע.

מען האָט אונדז געשיקט קיין אָסטילאָג, ביים בוג, אויף דער דייטשישער גרענעץ. ביז קאָוועל זיינען מיר געגאַנגען צופיס. פון דאָרט זיינען מיר געפאָרן מיט דער באַן קיין לודמיר און פון דאָרט ווידער צופיס קיין אָסטילאָג. אויפן פּלאַץ האָבן מיר געטראָפן טויזנטער יוגנטלעכע פון גאַנץ וואָלין: פון קאָוועל, לוצק, ראָוונע און פון אַנדערע קלענערע שטעטלעך. מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט דריי מאָנאַטן אין שווערע אַרבעט. מיר האָבן געבויט פעסטונגען פון אייזן און בעטאָן. מיר זיינען צוריקגעקומען קיין ראָזשישטש מידע און צעבראָכענע...

אין ראָזשישטש האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין אַרטיעל און פאָרגעזעצט די אַרבעט. אָנפאַנג מאַי 1941, באַלד נאָך פסח, האָט מען אונדז ווידער מאָביליזירט אויף דריי מאָנאַטן אַרבעט. דאָסמאָל האָבן מיר געדאַרפט בויען פלי־פעלדער פאַר דער סאָוויעטי־שער אַוויאַציע. מען האָט אונדז צעטיילט אין דריי גרופּן. אונדזער גרופּע האָט מען געשיקט קיין אוזשאָווא, בערך אַכט קילאָמעטער פון אונדזער שטאָט, ווו אונדזערע פאַמיליעס האָבן אונדז געקענט באַזוכן. מיין שוואָגער, אָשר ערליך, האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און מיך באַזוכט אין שבועות און מיר געבראַכט בלינצעס.

ווען ס׳זיינען אַוועק זעקס וואָכן האָבן מיר אָנגעהויבן ציילן די טעג און געבענקט צוריקצוקומען צו אונדזערע טייערע אין שטאָט און דער עיקר — צוריקקומען צו אונדזערע כוחות...

דער 22־טער יוני 1941

דעם 22־סטן יוני איז אומדערוואַרטעט אויסגעבראָכן די קריג צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. זעקס אַזייגער פאַרטאָג האָבן מיר געזען די ערשטע עראָפּלאַנען. אונדזער קאָמאַנדיר האָט באַלד געזאָגט:

„עטאָ ניע נאַש סטראָי" („דאָס זיינען נישט אונדזערע").

מיר האָבן געזען ווי רוסישע עראָפּלאַנען זיינען אַרויס אַנטקעגן און ס׳איז אַנטשטאַנען אַ לופט־קאַמף. די רוסישע פליער האָבן אַראָפּגעשאָסן אַ דייטשישן עראָפּלאַן, וואָס איז געפאַלן נישט ווייט פון אונדז. נאָך אַ קורצער צייט איז געקומען אויף אַ ראָוווער ליובע קלימבאָרד זען, אויב מיר זיינען נאָך ביים לעבן, ווייל אין שטאָט איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מען האָט אונדז באָמבאַרדירט. אין מיין גרופּע זיינען אויך געווען משה



קלימבאָרד, אלי בירמאַן, משה גראַבאַרסקי, משה גייז, יצחק ווײַנער, מענדל סגל, שמוליק שטאַרקער, הערשל שניידער, ביסל לייקאָף, טכויער פון פּערעספּע און אַנדערע.

ביים פרישטיק האָט אונדז דער פּאָליטרוק געמאָלדן, אַז די דייטשן האָבן דערקלערט קריג און אַריבער די רוסישע גרענעץ. מען האָט באַלד געבראַכט אַ קאַסטן ביקסן און צעטיילט צווישן אונדז. די ערשטע צו באַקומען ביקסן זיינען געווען די אוקראַינער און פּאַר די יידן האָט שוין אויסגעפעלט. מען האָט גלייך פאַנאַנדערגענומען די פּאַלאַטקעס און אַוועק אויפן פעלד צו דער אַרבעט.

קורץ נאָכדעם זיינען אָנגעפלויגן זעקס עראָפּלאַנען און האָבן אונדז אָנגעהויבן באַשיסן. מיר זיינען זיך צעלאָפן אין די אַרומיקע סעדער און ווען ס'האָט זיך אַיינגעשטילט זיינען מיר ווידער אַרויס צו דער אַרבעט. דאַן זיינען ווידער אָנגעפלויגן עראָפּלאַנען און די באָמבאַרדירונג האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. ווען ס'האָט זיך ווידער איינגעשטילט האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ גרויזאַם בילד: צענדליקער צעריסענע קערפּערס פון קאָלכאָזניקעס און צווישן זיי דער קערפּער פון אַ קאָמאַנדיר, וואָס האָט געפּרווט שיסן אויף די עראָפּלאַנען. זיין ביקס איז געווען אינגאַנצן צעבויגן פון די קוילן וואָס האָבן אים געטראָפן... מיר האָבן אים באַגראָבן אויפן אָרט ווו ער איז געפאַלן. מיר זיינען אַוועק אין דאָרף סערניק, נעבן לוצק. אויך דאָרט האָבן מיר אָנגעהויבן בויען אַ פלי־פּלאַץ.

מיטוואָך, דעם 25־סטן יוני, האָט מען אונדז ווידער באָמבאַרדירט, און מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל צו פאָרן צו דער אַלטער רוסישער גרענעץ. אַזוי ווי דער קראַסנער בריק אין לוצק איז שוין געווען אויפגעריסן האָבן מיר געמוזט גיין דורך ראָזשישטש, דורך די קלעפּאַטשעווער וועלדער. מיר זיינען יענע נאַכט דורכגעגאַנגען ראָזשישטש, אָבער מען האָט אונדז נישט דערלויבט זיך אָפּשטעלן, אַפילו נישט אויף אַ ווייל. מיר האָבן געטראָפן שלום־יוסף עקבער זיצנדיק אויף די טרעפּ פון משה־יחיאל עקבערס קלייט. מיר האָבן אים איבערגעגעבן גרוסן פאַר אונדזערע פאַמיליעס. די שטאָט איז שוין געווען ליידיק און פּוסט. מען האָט נישט געזען קיין דורכגייער אין גאַס.

צומאָרגנס זיינען מיר אָנגעקומען נאָענט צו ראָוונע. דאָרט האָבן מיר זיך אָפּגערוט פון שווערן וועג. אַ מאַשין האָט אונדז געפירט ווייטער. ווען מיר זיינען דורכגעפאָרן ראָוונע האָט די שטאָט געברענט. מיר זיינען אָנגעקומען קיין קאָרעץ און דאָרט געשטאַנען אייניקע טעג. אונדזער צאָל איז מיט יעדן טאָג געוואָרן קלענער, ווייל די אוקראַינער זיינען זיך צעלאָפן אַהיים. מיר זיינען דורכגעפאָרן נאָוואָגראַד־וואָלינסק (זוויהל), קיעוו און אַנדערע שטעט. אין פּאָלטאַווער אָבלאַסט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און פאָרגע־זעצט די אַרבעט פון בויען פלי־פּלעצער. אָבער ווי מיר האָבן געהאַלטן ביים ענדיקן די אַרבעט האָט מען אונדז ווידער באָמבאַרדירט. דאַן האָט מען אונדז ווידער צעטיילט אין גרופּן. צו אונדזער גרופּע, וואָס האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען די גאַנצע צייט, זיינען צוגעטיילט געוואָרן אייניקע סטאַניסלאַווער יונגעלייט. מען האָט אונדז באַשטימט אַ קאָמאַנדיר, אַוועקגעשיקט אין הינטערלאַנד און צוגעטיילט צו אַן אַרבעטס־באַטאַליאָן.



אין ארבעטס-באטאליאן

נאָך אַ לאַנגער צייט גיין צופוס האָבן מיר שוין אונדזער אַרבעטס־באַטאַליאָן נישט געפונען אויפן אָרט. מיר זיינען געגאַנגען ווייטער. הינטער כאַרקאָוו האָט אַ סטאַניסלאַ־ווער בחור, וואָס איז געווען אונדזער אונטער־קאָמאַנדיר, פאַרמסרט אַברהם טעפּער, אַז ער האָט אים נישט געוואָלט פאָלגן. דער קאָמאַנדיר איז דאַן געווען שיכור און געהייסן אים אַרעסטירן. מען האָט טעפּערן פאַרשלאָסן אין אַ קאַמער און אַוועקגעשטעלט אַ וואַך פאַר דער טיר. אין אָונט איז דער קאָמנדיר אַריין צו אַברהם טעפּער, אויף אים געשאָסן און אים פאַרווונדעט. זייענדיק פאַרווונדעט איז טעפּער אַוועק צום פאָרזיצער און דערציילט די מעשה מיטן בלבול. ער האָט באַקומען אויפן אָרט מעדיצינישע הילף און די נ.ק.וו.ד. האָט באַלד אַרעסטירט דעם קאָמאַנדיר. דער קאָמאַנדיר פון נ.ק.וו.ד. האָט אונדז צונויפגערופן און אַזוי ווי ער האָט אונדז דערזען, האָט ער גלייך אויס־געשריגן:

„אַ יידישע קאָמאַנדע!”

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז ער זעלבסט געווען אַ ייד. מען האָט אונדז אָוועק־געפירט אין שטאָב און אַברהם טעפער איז איבערגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל.

מיר האָבן באַקומען אַן אַנדערן קאָמאַנדיר, אַ פּאָליטרוק, וועלכער האָט זייער ליב געהאַט פרויען, און דערצו אויך נישט קיין קליינער שיכור. מיר האָבן מיט אים פאַרגעזעצט דעם וועג. ער איז דווקא געווען אַ סימפּאַטישער מענטש און מען האָט געקענט מיט אים אויסקומען, נאָר די סטאַניסלאַוואָער האָבן אים אָנגעהויבן דערגיין דאָס לעבן.

אין סאַראַטאָוו האָט ער אונדז איבערגעגעבן אין אַן אַרבעטס־באַטאַליאָן נישט ווייט פון טאַטישטשעוואָ, ווו ס'האָט זיך אָרגאַניזירט שיקאָרסקיס אַרמיי. מען האָט אונדז איינקוואַרטירט ביי די פּויערן אין דער סביבה. נאָך אַ פּאָר טעג האָט מען אונדז גענומען צו דער אַרבעט. די קעלט איז געווען אַ גרויסע און קיין עסן איז נישט געווען. אַ גרויסע טייל פון דער גרופּע איז אַוועק קיין טאַטישטשעוואָ און אַריינגעטרעטן אין גענעראַל שיקאָרסקיס אַרמיי. שניידער, לייקאַך און איך האָבן נישט געוווּסט פון גאַנצן ענין, ווייל מיר זיינען דאַן געווען איינקוואַרטירט אין דאָרף. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז כמעט אַלע זיינען אַריינגעטרעטן אין שיקאָרסקיס אַרמיי, האָבן מיר געשיקט ניסל לייקאַך זיך דערוויסן, אויב מען וועט אונדז אויך אָננעמען אין דער אַרמיי. ער איז צוריקגעקומען מיט דער בשורה אַז מען האָט אונדז געהייסן קומען. אָבער שניידער האָט געזאָגט:

„וואָס איז די בהלה? איך וועל פריער פאַרקויפן דאָס ביסל שמאַטעס וואָס מיר האָבן און נאָכדעם וועלן מיר פאָרן“.

אין מיטל־אסיע

אַזוי זיינען פאַרביי אייניקע טעג. ווען מיר זיינען ענדלעך געקומען קיין טאַטיש־טשעוואָ איז שוין די קאָמיסיע דאָרט נישט געווען. מיר זיינען פאַרבליבן אין זאַמל־פּונקט און צוזאַמען מיטן מיליטער אַוועק קיין מיטל־אַסיע. ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין דזשאַלאַל־אַבאַד האָט מען אונדז געשטעלט פאַר אַ קאָמיסיע און מען האָט אונדז, ביי 200 יידן, אָפּגעוואָרפן, און בלויז די פּאָליאַקן זיינען אָנגענומען געוואָרן.

די אָפּגעוואָרפענע יידן זיינען געשיקט געוואָרן אין אַ קוילן־גרוב אין טאַשקאַמיר. די גרעסטע טייל איז פון דאָרט באַלד אַנטלאָפן. איך און לייקאַך זיינען דאָרט פאַרבליבן אַ קורצע צייט. דאָרט האָב איך געטראָפן קלמן טרעגער, וועלכער האָט געאַרבעט ביי דער באַן. אין טאַשקאַמיר האָב איך אויך געטראָפן שמואל־יוסל עקבער און זיין זון שלמה. זיי זיינען געווען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. שמואל־יוסל איז אין קורצן געשטאָרבן. איבער שלמהן האָט זיך מרחם געווען אַ קירגיז, אים אַריינגענומען צו זיך און געגעבן עסן. אָבער ער האָט דאָס עסן שוין נישט געקענט פאַרדייען און איז קורץ נאָכדעם געשטאָרבן.

נאָך אַ קורצער צייט אַרבעטן אין קוילן־גרוב האָבן מיר באַשלאָסן פון דאָרט אַנטלויפן און האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן דערצו. צו אונדזער גרופּע האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן קלמן. אין אַ געוויסן פרימאָרגן זיינען מיר אַריבער די בריק און זיך געלאָזט אין וועג. מיר זיינען געגאַנגען צוויי טעג צופיס, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט פאָרן מיט דער באַן, ווו ס'זיינען פאָרגעקומען אָפטע אַבלאַוועס.



נאָך אייניקע טעג זענען מיר אָנגעקומען קיין נאַמאַנגאַן. דאָרט האָבן מיר באַקומען אַרבעט מיט דער הילף פון דער פּוילישער פאַרשטייערשאַפט. קלמן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין דאָקומענטן און האָט נישט באַקומען קיין אַרבעט — איז אַוועק. איך האָב אים מער נישט געזען.

גייענדיק אויפן מאַרק האָב איך געטראָפן גיטל שקורניק און מלכה קאָניאַך. איך האָב שוין דאַן אויסגעזען אַ ביסל מענטשלעכער... זיי האָבן געוווינט נישט ווייט פון נאַמאַנגאַן, ווו איך האָב געוווינט. נאָך אַ פּאָר טעג איז צו מיר געקומען דוד ווידרע; ער האָט זיך דערוווּסט וועגן מיר דורך גיטל און מלכה, מיט וועמען ער האָט געוווינט צוזאַמען.

אין 1945, ווען די רוסן האָבן אָנגעהויבן מאַרשירן פאָרויס און האָבן פאַרנומען ראַזשישטש, האָב איך אָנגעהויבן שרייבן בריוו קיין ראַזשישטש. איך האָב באַקומען נאָר

איין ענטפער, פון אַ פּאָליאַק, קאָזלאָווסקי דער קאָוואַל, אַ שכן פון מיין שוועסטער, וואָס האָט געוווינט איבערן פּרעיעזד. ער האָט מיר געשריבן, אַז מיין שוועסטערס צוויי קינדער, יעקב און ישראל ערליך, און מיין קוזינע טייבל מיט אירע צוויי קינדער, זיינען געבליבן לעבן. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָב איך באַקומען פון יעקב אַ קאַרטל, אַז ער האָט געטראָפן ישראל אין לאָדזש. אין יאָר 1946 האָב איך, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פּוילישע בירגער, אָפּטירט צו פאַרלאָזן רוסלאַנד.

אויפן וועג קיין ארץ-ישראל

ווען איך בין געקומען קיין פּוילן האָט מען אונדז געבראַכט קיין זשאַרע, אַ שטאָט נעבן וראָצלאַוו. דאָרט זיינען שוין געווען אייניקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי „השומר הצעיר", „דרור", בית"ר, „גורדוניה". איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין „גורדוניה", כדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. נאָך אַ קורצער צייט זיינען מיר אַריבער קיין ניעמצע, נישט ווייט פון רייכנבאַך. דאָרט האָבן מיר באַקומען באַשעפטיקונג אין אַ קינדער־לאַגער, ווו מען האָט געבראַכט אָפּגעפונענע יידישע יתומים. דאָרט האָבן מיר געהאַלטן שמירה טאָג און נאַכט, ביז מען האָט די קינדער אַרויסגעפירט אין דער ריכטונג פון ארץ־ישראל.

דאַן האָט מען אונדז, אַ גרופּע פון 10 בחורים און 2 בחורות, געשיקט קיין וואַרשע רייניקן דעם גרוז פון די חורבות. אין דער אַרבעט האָבן זיך באַטייליקט אַלע אָרגאַני־זאַציעס. אויפן וועג קיין וואַרשע זיינען מיר דורכגעפאָרן לאָדזש, ווו ס'איז געווען אונדזער מרכז. דאָרט האָבן מיר באַקומען נייע אַנציגער, העמדער, און שיך, כדי מיר זאָלן מאַכן אַ גוטן רושם. אין צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע האָט מען אונדז זייער פיין אויפגענומען און אויסגעהאַלטן מיט אַלע באַדאַרפעניש. מיר האָבן באַקומען אַ צריף אויף גראָכאָוו, ווו ס'איז פאַרן קריג געווען די באַרימטע חלוצים־פאַרם. מען האָט אונדז געהאָלפן זיך איינאָרדנען ביי אַרבעט און האָבן גוט פאַרדינט.

אין וואַרשע האָט מען די קבוצה פאַנאַנדערגעלאָזט און איך בין אַוועק קיין לאָדזש, ווי איך בין פאַרבליבן אייניקע מאָנאַטן. ווען ס'איז געקומען מיין ריי צו פאָרן ווייטער, האָט מען מיר צוגעטיילט צו אַ קבוצה פון פולאַוו, וואָס האָט געציילט 40 חברים, צווישן זיי אויך עלטערן פון אַ חבר. דאָרט האָב איך געטראָפן אַ פאָרל פון ראָזשישטש, מישה און לאה לאַנגער. מיט זיי האָב איך דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועג ביז חיפה.

אין אַ פינצטערער נאַכט האָט מען אונדז צוגעפירט צו דער גרענעץ און געהייסן גיין פאָרויס. מיר האָבן מורא געהאַט פאַר דער פּוילישער וואַך אַליין, און ווי נאָר מיר האָבן געטראָפן דעם ערשטן טשעכישן זעלנער האָבן מיר זיך שוין געפילט זיכער. איך געדענק, אַז די ערשטע פראַגע וואָס ער האָט אונדז געשטעלט איז געווען:

„סקאָלקאָ וואַס?" (דאָס הייסט: וויפל זייט איר?).

דער זעלנער האָט אונדז טאַקע צוגעפירט ביז דער גרענעץ־וואַך. מיר זיינען אַדורך אַ לייכטע קאָנטראָל. דאַן איז געקומען אַן אויטאָ, וואָס האָט אונדז אָפּגעפירט אויף דעם ערשטן פונקט. דאָרט זיינען מיר געווען איין טאָג. צומאָרגנס זיינען געקומען צוויי פּאָליציאַנטן און אונדז אַוועקגעפירט קיין בראַטיסלאַווע. דאָרט האָט אונדז אויפגענומען אַ געוויסער פרידמאַן. נאָכן איבערנעכטיקן זיינען צומאָרגנס ווידער געקומען צוויי פּאָליציאַנטן און אונדז איבערגעפירט אין אַן אויטאָ צו אַ בריק. אויף דער צווייטער זייט בריק האָט אויף אונדז געוואַרט אַ צווייטער אויטאָ, וואָס האָט אונדז איבערגעפירט קיין ווין, אין ראָטשילד־שפּיטאָל.



אין ווין האָט יעדע פּאַרטיי געהאַט איר באַזונדערן פונקט. מיר זיינען דאָרט געווען אַ קורצע צייט, און זיך געגרייט צום שווערסטן טייל פונעם וועג, דאָס אַדורכגיין די רוסישע זאָנע, וואָס איז געשטאַנען אין אונדזער וועג קיין ארץ־ישראל. מען האָט אונדז, אַ גרעסערע גרופּע, צוגעפירט נאָנט צו דער רוסישער גרענעץ. אַ ספּעציעלער „שוואַרצער" האָט אונדז געפירט אַ גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ שיידונגס־פונקט. דאָרט זיינען מיר געבליבן אייניקע מאָנאַטן. דאָרט האָב איך געטראָפן משה חייט. ער האָט געוואַרט אויף זיין ריי צו פאָרן קיין אַמעריקע. נישט ווייט פון שיידוועג, אין בינדער־מיכעל, האָב איך געטראָפן יצחק קאָניאַך, מלכה און שיקע דיכטער, אַנשל

גון מיט דער פרוי און זיין ברודער יעקב. נישט ווייט פון זיי האָט זיך אויך געפונען משה און דוד ווידרע. איך בין געפאָרן מיט יצחק קאָניאַך זיי זעען.

נאָך עטלעכע מאָנאַטן זיינען מיר געפאָרן ווייטער, און האָבן זיך פאַרהאַלטן אויפן לעצטן פונקט פאַר דער איטאַליענישער גרענעץ, גנאַנדענוואַלד. אויך דאָרט האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אַ געוויסע צייט ביז מיר האָבן געקענט פאָרזעצן אונדזער וועג. אַ געוויסן אָוונט האָט מען אונדז צוגעפירט צו דער איטאַליענישער גרענעץ און מען האָט אונדז געוויזן אין וועלכער ריכטונג צו גיין. מיר זיינען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט אין די אַלפּן־בערג זינקענדיק אין טיפן שניי. מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ שווערן וועג, ווייל מיר האָבן געהאַט צווישן אונדז עלטערע מענטשן און אַפילו שוואַנגערע פרויען, וועלכע האָבן זיך געניויטיקט אין אונדזער הילף. מיט דער הילף פון שטריק און שטעקנס האָבן מיר זיי געהאָלפן דורכגיין געפערלעכע גליטשיקע ערטער אין די בערג. צומאָרגנס זיינען מיר אָנגעקומען קיין מעראַנאָ, און אַ טאָג נאָכדעם זיינען מיר שוין געווען אין מילאַן. דאָרט האָבן מיר געטראָפן הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויף שיפן וואָס זאָלן זיי נעמען קיין ארץ־ישראל.

נאָך אַ קורצן אויפהאַלט אין מילאַן זיינען מיר אַריבער קיין באַגליאַסקו. דאָרט האָבן מיר דורכגעמאַכט אימונים פון באַנוצן זיך מיט געווער. איך מוז צוגעבן, אַז די בחורים וואָס האָבן געאַרבעט אין דער בריחה־באַוועגונג זיינען געווען זייער איבערגעגעבן און האָבן אויסגעפירט זייער שליחות בשלימות און מיטן גאַנצן האַרץ.


פרייטיק, דעם 15־טן מאַי 1948, אין טאָג ווען בן־גוריון האָט דעקלאַרירט די גרינדונג פון מדינת ישראל, זיינען מיר אַרויף אויף דער שיף „קאַמפּידאַליאַ“, וועלכע איז אָנגע־קומען קיין חיפה פרייטיק, דעם 22־סטן מאַי. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט אין טכניון, ווו מיר האָבן געגעכטיקט. מען האָט אונדז איינגעאָרדנט אַן „עונג שבת“, און דאָרט האָב איך געטראָפן דעם ערשטן ראָזשישטשער אין לאַנד: חיים גבריאל שניידערס זון. צו־מאָרגנס, שבת, האָט מען אונדז אַוועקגעפירט קיין תל־אביב און פון דאָרט קיין בית־ליד, ווו מ׳האָט אונדז מאָביליזירט אין צה״ל.

איך האָב דורכגעמאַכט די מלחמת־השחרור אַלס זעלנער אין צה״ל און נאָך דער מלחמה בין איך באַפרייט געוואָרן פון דער ישראל־אַרמיי.

מיין קליטה איז געווען זייער אַ לייכטע. איך האָב באַלד געביטן מיין גלותדיקן נאָמען אלתר סאָסנע אויף צבי אורן, און אָנגעהויבן אַ נייַ לעבן, הלוואי אויף אַלע נייע עולים געזאָגט!

מיט דער פוילישער ארמיי קיין א״י

משה גראבארסקי



משה גראבארסקי און פרוי טובה ביים פאַרשרייבן אַקטיווע חברים אין דער ערן־רשימה פון בית־ראָזשישטש.

דעם 4־טן מאַי 1941 האָבן די סאָוויעטן גענומען דעם גרעסטן טייל יוגנט אין ראָזשישטש אויף אַרבעט און מיליטערישע איבונגען אויף אַ תקופה פון 90 טעג. איך בין געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין דאָרף אוזשאָוואָ, ביים צוגרייטן און אויסגלייכן אַ גרויסן שטח פאַר אַ פלי־פעלד. די באַדינגונגען זענען געווען זייער שווערע. פלוצלינג איז אויס־געבראָכן די מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ כאַאָס און אַ פאַניק ביי דער אָנפירונג און די מאָביליזירטע.

צוזאַמען מיט עטלעכע רוסישע אָפיצירן זענען מיר אַנטלאָפן אויף אַ טראַקטאָר, וואָס מיר האָבן צופעליק געפונען און זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון ראָוונע. אויפן וועג האָב איך באַגעגנט נאָך אייניקע יידן פון אונדזער שטאָט: דוד ווידרע, בעני בלאָווער, קאָפּל לעווינגער, גדליה שאַמעס. אַ טייל פון דעם וועג זענען מיר געפאָרן אויפן טראַקטאָר און אַ טייל וועג זענען מיר געלאָפן צופוס. דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע וווּ איך האָב זיך געפונען, 72־סטער פאָלק, איז געווען אַ יידישער קאַפּיטאַן, זיין נאָמען איז געווען בערקאָוו.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין ראָוונע, איז די שטאָט געווען טיילווייז צעקלאַפּט פון דער דייטשישער אַוויאַציע. פון ראָוונע זענען מיר אַנטלאָפן קיין קאָרעץ. דאָ האָבן מיר אויך געטראָפן אַלטער סאָסנע, משה קלימבאָרד און יצחק וויינער. מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל צו אַנטלויפן מיט אַלע מעגלעכקע מיטלען: צופוס, אויף אַ טראַקטאָר אָדער אויף אַן אויטאָ. אַזוי האָבן מיר זיך דערשלעפּט ביז נאָך זשיטאָמיר.

אין יענער צייט איז אַרויס אַ באַפעל פון סטאַלינען, אַז אַלע אָפּשטאַמיקע פון מערב־דיקן טייל פון ראַטנפאַרבאַנד (אויף רוסיש: „זאַפּאַדניקעס״) מוזן ווערן דערווייטערט פון פראָנט. פאַרשטענדלעך, אַז צו דער קאַטעגאָריע „זאַפּאַדניקעס״ זענען אויך אַריינ־גערעכנט געוואָרן די בירגער פון וואָלין. סטאַלינס באַפעל איז געווען אַן אויסדרוק פון אומצוטרוי צו די בירגער פון די מערב־געביטן פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, נאָכן אַריינמאַרשירן פון דער סאָוויעטי־שער אַרמיי אין מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד דעם 17־טן סעפּטעמבער 1939, אין רעזולטאַט פון דער צעפאַלונג פון דער פוילישער מלוכה. פיל פון די אוקראַאינישע זעלנער פון דער רויטער אַרמיי האָבן ביי דער ערשטער געלעגנהייט דעזערטירט פון פראָנט און זענען מיט זייער געווער אַריבער צו די דייטשן, וועלכע האָבן צוגעזאָגט די אוקראַינער אַ זעלבשטענדיקע מדינה...

אין רעזולטאַט פון אַזאַ באַציאונג צו די „זאַפּאַדניקעס״ האָט מען זיי, באַלד נאָכן דערווייטערן פון פראָנט, אַוועקגעשיקט צו די סאַמע שווערסטע אַרבעטן אין די סאַמע געפערלעכסטע פלעצער, ביי אומגעהויערע שווערע באַדינגונגען. איך, צוזאַמען מיט משה קלימבאָרד, דוד ווידרע, אַלטער סאָסנע, אַברהם טעפּער, משה האָכבערג, אלי בירמאַן און משה גייז, זענען פאַרבליבן אַרבעטן אין אַ קאָלכאָז אונטער דער אָנפירונג פון אַן אַנטיסעמיטישן אוקראַאינישן אָפיציר. יעדן טאָג פלעגט ער אונדז פירן צו דער אַרבעט צענדליקער קילאָמעטער צופוס. דער אָפיציר האָט מיך באַשטימט אַלס אַ פאַראַנט־וואָרטלעכן פאַרן צושטעלן דאָס עסן פאַר דער גאַנצער גרופּע. דער פאַרטרעטער פון דעם אָפיציר און זיין נאָנטער מיטהעלפער איז געווען אַ ייד פון סטאַניסלאַוואָוו.

אַברהם טעפּער האָט זיך צעקריגט מיט דעם יידישן פאַרטרעטער פון דעם אָפיציר. יענער האָט זיך זאָפאָרט פאַרקלאָגט פאַרן אָפיציר, אַז אַברהם טעפּער שטערט אין דער



פון רעכטס: משה קלימבאָרד, משה גראַ־באַרסקי און דוד ווידרע אַלס זעלנער אין גענעראַל אַנדערס פוילישע אַרמיי.

אַרבעט און דעמאָראַליזירט די מענטשן. דער אָפיציר האָט באַלד באַפוילן אַרעסטירן אַברהמען. דאָס איז געווען ערב ראש־השנה. ביינאַכט איז אַריין דער אָפיציר אין צימער וווּ אַברהם איז געווען אַרעסטירט, און צו אים געשאָסן פון זיין רעוואָלווער. אַברהם איז געפאַלן אַ פאַרוווּנדעטער באַגאָסן מיט בלוט. דער אָפיציר, זייענדיק זיכער אַז ער האָט אַברהמען דערשאָסן צום טויט, האָט באַפוילן תיכף אַראָפּשלעפּן פון אים זיינע שיך און אים באַגראָבן.

אָבער אַברהם איז געווען, ווי געזאָגט, בלויז פאַרוווּנדעט, און צוליב דער פינצטערניש האָט דער אָפיציר דאָס נישט באַמערקט. מיר האָבן גענומען דעם פאַרוווּנדעטן אַברהם צו דעם פאָרזיצער פון קאָלכאָז, און אים געגעבן מעדיצינישע הילף, דאָרטן האָבן מיר אַברהמען באַהאַלטן. דער שיכורער אָפיציר איז אַוועק שלאָפן און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף, האָט ער אויסגעשריגן: „ווּ געפינט זיך דער טויטער!" ער האָט אים געזוכט פון שטוב צו שטוב.

דער אָנפירער פון קאָלכאָז האָט טעלעפאָנירט צו דער נ.ק.וו.ד. און ביינאַכט זענען זיי געקומען, צוגענומען דעם פאַרוווּנדעטן אַברהם און אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. דעם אָפיציר האָבן זיי גענומען אויף אַן אויספאָרשונג. מער האָבן מיר שוין דעם אָפיציר נישט געזען.

נאָך דעם פאָרפאַל, האָט מען אונדז געשיקט אַ צווייטן אָפיציר, אַ פּאָליטרוק. מיר זענען געווען אַ גרופּע פון 55 מענטשן, און דעם ווייטערדיקן וועג צו מזרח זענען מיר געפאָרן מיט דער אייזנבאַן. דער נייער אָפיציר האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַן אָנשטענ־דיקער מענטש. מיר האָבן זיך מיט אים באַפריינדעט און ער האָט באַוויליקט איבערבייטן אין דער רייזע־צייגעניש דעם נאָענטן פּלאַץ ווּ מיר האָבן באַדאַרפט אָנקומען אויף אַ גאָר ווייטערדיק אָרט, אָמסק, אין סיביר. דאָס איז געווען זייער אַ ווייטער וועג און אויף יעדער סטאַנציע האָבן מיר באַקומען עסן.

אין אונדזער גרופּע האָבן זיך געפונען יידן פון ראָזשישטש און פון סטאַניסלאַוואָוו. די אוקראַינער פון אונדזער גרופּע זענען באַצייטנס אַנטלאָפן און האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע הייזער. די דייטשן האָבן די גאַנצע צייט מאַרשירט פאָרויס און זענען פּאַקטיש געווען די גאַנצע צייט הינטער אונדז. ס׳האָבן זיך אויך געפונען צווישן אונדז אַזעלכע, וועלכע האָבן געזאָגט: „ס׳איז שוין בעסער איבערצובלייבן ביי די דייטשן, כדי נישט דורכצומאַכן די שווערע ליידן אין די וועגן פון אונדזערע וואַנדערונגען".

אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט חיים זילבערשטיין, וועלכער האָט זיך צו אונדז אָנגעשלאָסן. מיר זענען אָנגעקומען קיין סאַראַטאָוו.

אין סאַראַטאָוו זענען מיר געשיקט געוואָרן אין אַ דאָרף גראָבן גריבער קעגן טאַנקן. מיר האָבן געאַרבעט אין אומגעהויער שווערע באַדינגונגען — אַזוי ווי אַרעסטירטע. דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז עס אָרגאַניזירט זיך אַ פוילישע אַרמיי און אַז עס פונקציאָנירט שוין אַפילו אַ מאָביליזאַציע פּונקט.

משה קלימבאָרד, הערשל שניידער, יצחק וויינער, דוד ווידרע און איך זענען אַנטלאָפן פון דאָרף, נישט־האָבנדיק ביי זיך קיין דאָקומענטן און קיין געלט. מיר האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף דער באַן. דאָ האָבן מיר געפונען אַ יידישן אָפיציר פון אַ הויכער ראַנגע וועלכער האָט אונדז פאַרלייכטערט אונדזער שווערער לאַגע. מיר האָבן זיך ווי ס׳איז דערקליבן קיין סאַראַטאָוו, מיר האָבן זיך געווענדעט צום פּונקט, ווּ ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט די פוילישע פּליטים, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון סיביר.

מיר, אַלס געוועזענע פוילישע בירגער, 17 אין דער צאָל, האָבן זיך געמאָלדן צו דער פוילישער מיליטערישער קאָמאַנדשאַפט מיט דער ביטע, אַז מען זאָל אונדז אָננעמען אויף דינסט אין דער פוילישער אַרמיי. אונדזער ביטע איז באַשטעטיקט געוואָרן און מען האָט אונדז אָפּגעשיקט אין פוילישן מיליטערישן לאַגער, כדי דורכצומאַכן איבונגען. דער לאַגער האָט זיך געפונען אין טאָטישטשעוואָ, סאַראַטאָווער קרייז. אין דעם לאַגער האָבן מיר דורכגעמאַכט מיליטערישע איבונגען ביז ערב פסח 1942.

ווען די פוילישע אַרמיי האָט געדאַרפט געשיקט ווערן אויפן פראָנט, האָט מען אונדז אַריבערגעפירט אין מיטל־אַזיע, אין אוזבעקיסטאַן, אין דשעלאַלבאַד, ווּ ס׳איז שוין

געווען קאַנצענטרירט די גאַנצע פּוילישע אַרמיי, וואָס האָט געוואַרט אויפן באַפעל אַוועקצוגיין אויפן פראָנט. אַהין זענען אויך אָנגעקומען: חנה לעוויטין, און די צוויי שוועסטער יפה און מאַריאַסיע טויבער, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו אונדז ווי משפחה־מיטגלידער פון יונגעלייט וועלכע געפינען זיך אויף מיליטעריִשער דינסט.

חיים זילבערשטיין איז נישט אָנגענומען געוואָרן אין דער אַרמיי, צוליב זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד. ער האָב אָנגעהויבן פאַרקויפן „פאָנטשקעס”, וואָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן לויטן געזעץ. מ׳האָט אים אַרעסטירט און ער איז פאַרמישפּט געוואָרן אויף 5 יאָר תפיסה. פון דאַן אָן איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן ווי אין ים אַריין.

מיר האָבן דורכגעמאַכט מיליטערישע איבונגען און האָבן געהאַט פיל אויסצושטיין פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן. ענדלעך זענען מיר אַרויס פון קראַסנאָוואָדסק, דורכגעגאַנגען די פערסישע גרענעץ און אָנגעקומען צום פּערסישן פּאָרט פּאַהלעווי. פון דאָרט זענען מיר אָפּגעשיקט געוואָרן קיין איראַק. דאָ האָבן מיר זיך געפונען אַ יאָר מיט 4 חדשים דורכמאַכנדיק מיליטערישע איבונגען. שפּעטער האָט מען אונדז אָפּגעשיקט אַהער קיין ארץ־ישראל, און פון דאַנען האָט מען אונדז געדאַרפט אָפּשיקן אויף דעם איטאַליענישן פראָנט.

אונדזער גאַנצע גרופּע וואָס איז באַשטאַנען פון: משה קלימבאָרד, משה גייז, דוד ווידרע, אלי בירמאַן, שמואל שטאַרקער, אַברהם סעגאַל, זילבערשטיין, שמעון טכאָר און איך האָבן באַשלאָסן, אַז מיר בלייבן אין לאַנד.

מיר האָבן פאַרלאָזט די פּוילישע אַרמיי און ענדלעך, נאָך יאָרן פון וואָגלעניש, פּיין און באַליידיקונגען, האָבן מיר סוף־סוף אָפּגעטעמט די לופט פון דער פרייהייט.

דריי מאָל זענען מיר אַנטלאָפן, איינשטעלנדיק דאָס לעבן אין סכנה. דאָס זענען געווען דריי גורלדיקע בריחות, אַדאַנק וועלכע מיר האָבן זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט: דאָס ערשטע מאָל זענען מיר אַנטלאָפן פון די דייטשן קיין רוסלאַנד, דאָס צווייטע מאָל זענען מיר געלאָפן פון דער רויטער אַרמיי צו דער פּוילישער, אַנ. ערסעס אַרמיי, און צום סוף — פון דער פּוילישער אַרמיי צום יידישן ישוב, אין ארץ־ישראל.

דאָ, אין לאַנד, האָבן מיר אָנגעהויבן בויען אונדזער היים פון דאָס ניי, אַלס פרייע יידן, האָבנדיק דעם געפיל, אַז מיר בויען פאַר אונדזער פאָלק זיין צוקונפט אין אונדזער היסטאָרישער היימלאַנד.

כדאי צוצוגעבן, אַז אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער אַרמיי פון וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ האָבן זיך געפונען די ראָזשישטשער אהרון ריוועץ און שיקע דיכטער.

די מיידלעך חנה און יפה לעוויטין און מאַריאַסיע טויבער און ווי אויך חיים גראַבאַרסקי זענען געקומען קיין ארץ־ישראל מיט די עליה פון ילדי־טעהעראַן.



דער אומקום
פון
א יידישע קהילה



דאָס ליד פֿונעם אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק

(אַן אויסצוג)

יצחק קצנלסון

אָ, ווייז זיך מיר, מיין פֿאָלק, באַווייז זיך, שטרעק די הענט,
אַרויס פֿון גריבער טיף און מיילן־לאַנג און אָנגעפּראָפּט געדיכט,
שיכט אונטער שיכט, מיט קאַלך באַגאָסן און פֿאַרברענט,
אַרויף! אַרויף! שטייגט פֿון דער אונטערשטער, דער טיפֿסטער שיכט!

קומט אַלע פֿון טרעבלינקי, פֿון סאָוויבאָר, פֿון אָשווענטשים,
פֿון בעלזשיץ קומט, קומט פֿון פּאָנאַרי און פֿון נאָך, פֿון נאָך, פֿון נאָך!
מיט אויגן אויפֿגעריסן, פֿאַרגליווערט אַ געשריי, אַ געוואַלד און אָן אַ שטים.
פֿון זומפּן קומט, פֿון בלאָטעס איינגעזונקען טיף, פֿון פֿוילן מאָך —

קומט געטריקנטע, צעמאָלענע, צעריבענע, קומט, שטעלט זיך אויס,
אין אַ קאַראַהאָד, אַ ראָד אַ גרויסן אַרום מיר, איין גרויסע רייף —
זיידעס, באָבעס, טאַטעס, מאַמעס מיט די קינדערלעך אין שויס —
קומט ביינער ייִדישע פֿון פּראָשקעס, פֿון שטיקלעך זייף.

ווייזט זיך מיר, באַווייזט זיך אַלע מיר, קומט אַלע, קומט,
איך וויל אייך אַלע זען, איך וויל אייך אָנקוקן, איך וויל
אויף מיין פֿאָלק, מיין אויסגעהרגעטן, אַ קוק טאָן שטום, פֿאַרשטומט —
און איך וועל זינגען... יאָ... אַהער די האַרף — איך שפּיל!


— — — — — — — — —



ארץ אל תכסי דמם...

מירל שאמעס (חייט)

על דעת העיניים שראו הכל ועמסו את הזעקות על לבי, נדרתי נדר לזכור הכל, לזכור הכל ודבר לא לשכוח מתוך מעגל האש, כשעמדו היהודים במרכז עיירת השורש שלנו, לפני עולם המרצחים...



אונדזער שטעטעלע, ווו מיר זענען געבוירן געוואָרן, אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן; ווו ס'האָט זיך געוועבט אונדזער קינדהייט מיט אונדזערעליידן און פריידן; ווו דאָס לעבן איז געווען אַזוי נאַטירלעך, אַזוי ליבלעך נאָענט, אַזוי הייליק ריין.

אין דעם געוועזענעם נעכטן זענען יידן געשטאַנען פעלזן־פעסט אין זייער אמונה און איר באַשיצט מיט עקשנות און מסירת נפש. ביז די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן האָבן זיי זיך געקלאַמערט אין ספר, דער אייביקער קוואַל, אין בטחון און האָפנונג.

זיי, די אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע, האָבן געשעפּט זייערע גייסטיקע כוחות פון די חדרים, ישיבות, פונעם תנ"ך און תלמוד, פון די נביאים און פון די גייסטיקע גרויסע מנהיגים פון אַלע דורות ליגנדיק אין די זעלבסט־געגראָבענע גריבער איז אַ וואָרט פון ישעיהו און פון פרץ איינגעזונקען געוואָרן צוזאַמען מיט דער נשמה.

דער בטחון איז געווען גרויס. פון די קעלערס האָט מען געזונגען:

איך גלויב אין דער זון, אַפילו ווען זי שיינט ניט.
איך גלויב אין ליבע, אַפילו ווען עס זענען ניטאָ קיין געפילן
איך גלויב אין גאָט, אַפילו ווען ער שוויגט

אין אַ שטילקייט איז געפאַלן אויף דער וועלט און עס איז קיין שפּור פון זיי ניט פאַרבליבן. דער שטן איז פאַרלאָפן זייער וועג מיט פייער און פלאַם, און די שטילקייט און איינזאַמקייט שרייט אַרויס פון אונדזער חרובער אַלטער היים.

דם ואש ותמרות עשן. ווי ס'האָט געברענט די שטאָט, הויז נאָך הויז, גאַס נאָך גאַס, די גרויסע שול, דער בית־מדרש, די טריסקער און אָליקער שול, דער ארון־הקודש — און די רוצחים האָבן געלאַכט.

אונדזערע טייערסטע אַרומגערינגלט מיט אַ וועלט פון מערדער, ווי איינזאַם האָבן זיי געמוזט זיין אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן...

און דערפאַר האַסן מיר די טעג, ווען עס שטייען אַזוי בולט די שוידערלעכע בילדער פאַר אונדזערע אויגן. ביינאַכט אין אונדזערע חלומות וועקן מיר זיך אויף מיט קולות באַגאָסן מיט שווייס. ס'בלייבט שטיין דער ביסן אין האַלדז, ווען מיר דערמאָנען זיך, ווי אַ מאַמע האָט אַ קינד געגעבן דאָס לעצטע שטיקעלע ברויט און דערביי געחלומט, אַז אפשר וועט נאָך קומען אַ טאָג, ווען ס'וועט ליגן אַ גאַנץ לעבל ברויט אויפן טיש.

און ווען מיר טוען אויס אונדזערע בגדים, דערמאָנען מיר זיך אין דער לאַטע, און מיר זעען ווי יידיש בלוט שטראָמט אין די גאַסן פון דייטשן מעסער.

אין די זומערדיקע לאַנגע טעג זעען מיר, ווי מען פירט אונדזערע קדושים צו דער שחיטה: צו פוס און אין לאַסט־אויטאָס, אין וועגענער פירט מען זיי צו די גריבער אויפן וועג קיין קאָפּאַטשיווקע.

אַלע האָריזאָנטן זענען פאַרגאָסן מיט טרערן און זייערע לעצטע קולות זענען איינגעשלונגען אין דער לופט. מיר געדענקען!

דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיין דער דור פון טרערן, בלוט און פייער. זאָלן די קומענדיקע דורות וויסן, אַז מיר האָבן אויך געפלאַסטערט אַ וועג פאַר אונדזער און זייער פרייהייט; אַז מיר האָבן צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק, וואָס איז געבליבן פונעם פייער, צוגעלייגט אַ האַנט און מיטגעהאָלפן אויפשטעלן די אַלט־נייע היים — ישראל.

די פארניכטונג פון א גאנצע קהילה

פאלע דיכטער (מלמד)



פאָלע — מאָטיע מלמדס טאָכטער. גערופן האָט מען איר פּעפּי. דער פאָטער איז געווען אַ מוליער פון פאַך. זיי האָבן געוווינט „אונטערן בריק". די עלטערן (די מוטער האָט געהייסן קיילע), פינף שוועסטער און אַ ברודער זענען אכזריותדיק אומגעקומען צו־זאַמען מיט אַלע יידן פון שטעטל. אויף דער ביטע פּונעם ועד פון די ראָזשיטשער אין ישראל האָט פּאָלע באַשריבן די שווידערלעכע תקופה. אויך האָט זי באַוויזן אָפּצוגעבן עדות אין „יד ושם", וואָס מיר ברענגען אין ספר ראָזשישטש. זי איז איינע פון די ווייניק געראַטעוועטע, וואָס האָט איבערגעלעבט די גרויזאַמקייטן און דערציילט פאַר די קו־מענדיקע דורות. אין ישראל האָט פּאָלע אָנ־געהויבן אַ ניי לעבן און אַביסל געקומען צו זיך. זייענדיק אָפּגעשוואַכט פון די אומ־מענטשלעכע איבערלעבונגען איז זי געשטאָרבן אין חיפה ג' תשרי תש"ל — 1969. זי האָט איבערגעלאָזט אַ מאַן, יצחק דיכטער, און צוויי טעכטער.

די רוסן זענען אַריין צו אונדז, באַלד נאָכן אַריבערגיין דעם טייך זברוטש. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז געווען פריילעך. די פּאָלאַקן האָבן געשאָסן אויפן רוסישן מיליטער. אָבער מיר האָבן זיך זייער געפרייט ווען די רוסן זענען געקומען.

זייער באַציאונג צו די יידן איז געווען אַ גוטע. די יידישע יוגנט האָט אויפגעלעבט. עס זענען געווען פאַלן פון ליקווידירן יידישע פאַרמעגנס און דריי יידישע פאַמיליעס זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין טיף־רוסלאַנד. אָבער די צוויי יאָר סאָוויעטישע הערשאַפט האָט אונדז פיל גוטס געבראַכט.

איך האָב אָנגעהויבן לערנען. איך בין געגאַנגען אין מיטל־שולע און אויפגעהערט אַרבעטן. איך וואָלט ווייטער פאָרגעזעצט מיינע לימודים, נאָר ליידער איז אויסגעבראָכן די קריג אין יאָר 1941.

מיין פאָטער האָט געאַרבעט ביי זיין פאַך. פיל יידן האָבן געאַרבעט אויף מלוכה־פּאָסטנס. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן איז ליקווידירט געוואָרן. ס'איז פאַרבאָטן געוואָרן יעדע ציוניסטישע טעטיקייט. די תרבות־שולע איז געשלאָסן געוואָרן. די יידישע שולע האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַן אוקראַאינישע שולע.

די בתי־מדרשים און דאָס גאַנצע יידישע כלי־קודש האָבן די רוסן נאָך נישט באַוויזן צו ליקווידירן. דער פּריוואַט־האַנדל איז אונטערגעגאַנגען. מען האָט אָרגאַניזירט קאָאָפּע־ראַטיוון. מען איז, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען אין די רייען און זיך צוגעוווינט צו „דאַיוט" (מען „גיט" — אָנשטאָט מען פאַרקויפט). אַזוי אַרום איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען כמעט ווי נאָרמאַל.

די דייטש־רוסישע מלחמה

עס איז אַ שיינע זומער־נאַכט — די נאַכט פון 22־סטן יוני 1941. די גאַנצע שטאָט איז פאַרזונקען אין אַ געשמאַקן שלאָף, אָבער פּלוצים וועקט מען זיך אויף צוליב עפּעס אַ גערויש, וואָס הערט זיך פון ווייטן. דאָס גערויש קומט אַלץ נענטער און נענטער. די מענטשן הויבן אָן אַרויסצולויפן פון די בעטן אין דרויסן. דאָס גערויש קומט פון דער הויך. מען הערט שוין דייטלעך, אַז דאָס זענען עראָפּלאַנען, שווערע באָמבאַרדירער. עס דערהערט זיך אַ שטאַרקער אויפרייס. דאָס האָבן זיי באָמבאַרדירט די אייזנבאַן־סטאַציע.

יעצט ווייס מען שוין, אַז דאָס זענען דייטשע עראָפּלאַנען. מיר פאַרשטייען, אַז עס איז אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. מיר זענען נאָך, אָבער, נישט זיכער, צי דאָס איז ריכטיק, עס גייען פאַרביי רוסישע זעלנער. מיר פרעגן זיי, וואָס איז געשען. זיי ענטפערן קורץ: „וואָינאַ" (קריג).

פאַר אַלעמען איז קלאָר געוואָרן, אַז ווידער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ פינצטערע כמאַרע אויף אונדז יידן.

מיר ווערן באמבארדירט

ס'דויערט נישט לאַנג און עס פליט אָן אַ כמאַרע עראָפּלאַנען, פאַרשטייט זיך דייטשע. זיי באָמבאַרדירן די שטאָט. מען לויפט ווי משוגעים. מען ווייסט נישט, וווּ זיך צו באַהאַלטן. זיי לאָזן זיך אַראָפּ נידעריק און שיסן דורך די פענצטער אין די הייזער אַריין. זיי האָבן נישט קיין מורא פאַר אַ סאָוויעטישן קעגנשטאַנד. זיי ווייסן אַז מען האָט דעם אוקראַאינישן פראָנט פאַרקויפט. די דייטשע שפּיאָנאַזש־אַגענטור אַרבעט זייער גוט.

דאָס סאָוויעטישע מיליטער לויפט צוריק. זיי פאַלן ווי די פליגן אויף די וועגן, פעלדער און וועלדער.

דורך ראָזשישטש גייען דורך פאַלקן מיט רוסיש מיליטער, שווערע טאַנקען און אַנדער שווער געווער. זיי גיבן אָבער נישט קיין איין שאָס. זיי גייען צוריק. זיי לאָזן דעם דייטש פריי מאַרשירן פאָרויס. דאָס רוסישע מיליטער דאַרף אַדורכגיין דעם הילצערנעם בריק, וואָס טיילט אָפּ וועלניאַנקע פון ראָזשישטש. זיי לאָזן זיך אַרויף אויף דער בריק און פלוצים קומט אָן אַ הויכער רוסישער אָפיציר. ער גיט אַ באַפעל אויפצורייסן די בריק. די בריק ווערט אויפגעריסן און הונדערטער זעלנער פאַלן אַריין אין סטער מיט זייערע פערד. זיי ווערן אַלע דערטרונקען.

שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען אַ דייטשער שפּיאָן.

אויף יעדן טריט און שריט ליגן רוסישע סאָלדאַטן, באַגאָסענע מיט בלוט. קיינער קוקט זיך אויף זיי נישט אום.

די דייטשן פאַרנעמען ראָזשישטש

די דייטשן פאַרנעמען ראָזשישטש. קיין וועלניאַנקע זענען זיי נאָך נישט אַריין. ס׳קומט אַ באַפעל פון רוסישן שטאָב צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. ס׳הויבט זיך אָן אַ שווערער קאַמף. די רוסן — פון איין זייט סטער און די דייטשן — פון דער צווייטער זייט. מען שיסט אָן איבעררייס. די שטאָט איז איין שטיק פייער. מענטשן אַנטלויפן אין די דערפער. אַ קליינער פּראָצענט יידן אַנטלויפט מיט די רוסן קיין רוסלאַנד, בעיקר יוגנטלעכע.

מיין יינגערע שוועסטער איז געווען אַ קאָמסאָמאָלקע. דער פּרעדסיעדאַטיעל פון ראַיספּאָלקאָם (פאָרזיצער פון ראַיאָנס אויספיר־קאָמיטעט) האָט איר געוואָלט מיטנעמען, ווייל זי איז געווען אַ חברטע פון זיין טאָכטער. מיין מאַמע האָט איר נישט געלאָזט פאָרן. אַלע זענען געבליבן...

ביינאַכט לאָזן די דייטשן אַראָפּ רעפלעקטאָרן און גלייך נאָך דעם גיבן זיי פייער. זיי שיסן און באָמבאַרדירן די גאַנצע געגנט. דער גהינום דויערט אַ גאַנצע וואָך. סוף־סוף מוזן די סאָוויעטן אָפּטרעטן. ס׳מאַרשירן אַריין די דייטשן קיין וועלניאַנקע.


ס׳ווערט שטיל. מען הויבט פּאַמעלעך אָן אַרויסצוקריכן פון די באַהעלטענישן און מען קערט זיך אום צוריק אַהיים. אויפן וועג באַגעגענען מיר די ערשטע דייטשן. זיי שטעלן אונדז אָפּ און זאָגן גלייך:

— „יודען! פאַרפלוכטע יודען! איבער די יודען איז דער קריג!"

מיר שווייגן. זיי הייסן אונדז, אַלע יידן פון וועלניאַנקע, זיך צונויפזאַמלען אויפן הויף פון נוסיע קראָכמאַל. זייער באַפעל איז, מיר זאָלן זיך אויסזעצן אין דער פאָרעם פון אַ ראָד. אַרום אונדז גייט אַרום אַ דייטשער פּאַטראָל. זייערע פּנימער זענען אָנגעצונדן. די אויגן גלאַנצן ביי זיי, ווי ביי מערדער. אויף אַלעמען פאַלט אָן אַ שרעק, בלויז קוקנדיק אויף זיי.

אַברהם, דער מילך־טרעגער, זיצט נישט גוט. עס גייט צו צו אים אַ דייטש און לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש אין פּנים. פון זיין מויל הויבט אָן צו פליסן בלוט. די קינדער צעוויינען זיך פאַר שרעק. די דייטשן הייסן איינשטילן ד׳ קינדער, אויב נישט — וועלן זיי אונדז אַלעמען דערשיסן.

אַזוי איז אַריבער אַ טאָג מיט אַ נאַכט. אויפן אַנדערן טאָג האָבן זיי אונדז געהייסן גיין אַהיים. יעדער גייט אין אַן אַנדערער ריכטונג. פיל יידן האָבן שוין נישט וווּהין צו גיין. זייערע הייזער זענען פאַרברענט געוואָרן. אונדזער הויז איז געבליבן גאַנץ. מיר נעמען אַריין צו אונדז נאָך אַ משפּחה, וואָס זייער הויז איז פאַרברענט געוואָרן.



ערשט יעצט הויבן מיר אָן צו טראַכטן וועגן דער משפּחה, וואָס איז פון יענער זייט סטער. מיר האָבן דאָרט די גאַנצע משפּחה און אויך אַ שוועסטער מיט אַ קליין קינד. מיר ווייסן נישט, וואָס ס׳איז געשען מיט זיי. קומען קיין ראָזשישטש איז שווער, ווייל די בריק איז פאַרברענט.


די ערשטע יודישע קרבנות

עטלעכע טעג גייען פאַרביי אין געשפאַנטקייט. אין איינעם אַ פרימאָרגן זעען מיר, ווי די שוועסטער גייט צו אונדז. זי דערציילט אונדז, אַז זי האָט באַצאָלט איר אוקראַינישן שכן, ער זאָל איר אַריבערשיפן קיין וועלניאַנקע. זי האָט געבראַכט פיל נייעס. דאָס ערשטע, דערציילט זי, זענען שוין געפאַלן צען יידישע קרבנות. די סיבה: מען האָט געפונען אַ דייטשן סאָלדאַט טויט לעבן מענדל גראַבאַרסקיס שטוב. די דייטשן זענען אַריין אין שטוב, אָבער דאָרט איז קיינער נישט געווען. זענען זיי אַראָפּ אין קעלער און געפונען פיל יידן, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן אין דער צייט פון קאַמף. זיי האָבן אַלע יידן אַרויסגענומען, געהייסן זיך אויסשטעלן אין צוויי רייען און גענומען שיסן. זיי האָבן דערשאָסן איין ריי און זיך געגרייט צו דערשיסן די צווייטע ריי. ס׳איז אָנגעקומען אַן אָפיציר און געהייסן אָפּשטעלן די רציחה.

די ערשטע צען יידן זענען שוין געפאַלן. צווישן זיי איז געווען סראַליק פישפעדער, זיסיע קלימבאָרד (שלמה קלימבאָרדס זון), מענדל גראַבאַרסקיס זון (דאָבע לעווינגערס מאַן) און נאָך זיבן יידן, וועמענס נעמען איך געדענק נישט. די דייטשן לאָזן זיך שוין פילן ווער זיי זענען.

עס דויערט נישט לאַנג און עס קומט אַ צווייטע בשורה: די יידישע בחורים, וועלכע זענען געווען מאָביליזירט אין רוסישן מיליטער, האָבן פאַרלוירן זייער איינהייט און לאָזן זיך אַהיים. דאָס געוועזר וואַרפן זיי אויפן וועג. אַהיים קערן זיי זיך אום ליידיק און גייען דורך דעם דאָרף פאָזשאַרעק. פון דער מיל איז אַרויס אַ גוי און געזאָגט די דייטשן, אַז דאָס גייען קאָמוניסטן. אַלע זענען געוואָרן דערשאָסן אויפן פלאַץ. די פרישע קרבנות האָט מען געבראַכט אין שטאָט. צווישן זיי געפינט זיך דער צווייטער זון פון שלמה קלימבאָרד — מוניע און שיקע פליישער, אברהם בוימל, פייסי טעפּער א.אַ. — אַלע יונגע בחורים. די גאַנצע שטאָט טרויערט אויף די געפאַלענע.

עס הויבט אָן ווערן רואיקער. דער פראָנט האָט זיך אָפּגערוקט. אָבער דאָס לעבן איז אָפּגעשטאָרבן. מיט איין מאָל איז פאַרשוואונדן די פריילעכקייט. פון צייט צו צייט קומען אָן ידיעות, אַז די דייטשן האָבן אומגעבראַכט יידישע זעלנער, וועלכע זענען געווען אין וועג אומקערנדיק אַהיים. אַזוי איז אויך געווען מיט בערל שערמאַן און אייזיק לערער.



אוקראַינער ווילדעוועו

די אוקראַינער לעבן אויף. זיי הויבן אָן צו רויבן יידיש האָב און גוטס. זיי לאָזן זיך פון די דערפער מאַסנווייז אין שטאָט אַריין. זיי רייסן אויף געשעפטן, הייזער און רוימען אַרויס אַלעס, וואָס עס קומט אין די הענט.

די דייטשן שאַפן אַן אוקראַינישע פּאָליציי. צו דער פּאָליציי געהערן אַלע גרעסטע באַנדיטן. די פּאָליציי פירט אָן מיטן רויב. ספּעציעל צייכענען זיך אויס מיט זייערע מערדערישע מעשים די פינף ברידער זענץ פון דאָרף רודניע.

די דייטשן גיבן אַרויס אַ באַפעל צו דער יידישער באַפעלקערונג, אַז מען זאָל זיך צונויפזאַמלען אויפן באַרג לעבן דעם אָנדענק פון „הייליקן יאַן” (וואָס מיר יידן האָבן גערופן „דער באָק”). זיי ווילן קלייבן אַ יודנראַט, וואָס זאָל פאַרטרעטן די יידישע אינטערעסן ביי דער דייטשער רעגירונג. ס׳זאַמלען זיך צונויף די מענער. די דייטשן הייסן די יידן אַליין אַרויסשטעלן קאַנדידאַטן. מען קלייבט אויס מאיר ספּעקטאָר, אַברהם געלער (שפּעטער פּרעזעס), זיסיע קלימבאָרד, דוד קלימבאָרד און נאָך אַ פינפטע פּערזאָן, וועמעס פאַמיליע איך געדענק נישט.

די „געלע לאטע”

די דייטשן זענען געניטע מערדער. זיי ווייסן, אַז מיט דער הילף פון יודנראַט וועט זיי זיין לייכטער אַדורכצופירן זייערע מערדערישע פּלענער. זיי הויבן אָן אַרויסגעבן פאַרשידענע באַפעלן. דאָס ערשטע — יעדער ייד מוז אָנטאָן אויפן אָרעם אַ ווייסן באַנד מיט אַ בלויען מגן־דוד. ס׳דויערט נישט לאַנג און מען מוז אויסטאָן דעם ווייסן באַנד און

אַנטאָן אויף דער ברוסט און פּלייצע אַ געלן מגן־דוד. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער הייסן זיי דעם מגן־דוד פאַרבייטן אויף קיילעכדיקע געלע לאַטעס.

יעדער ייִד מוז דאָס טראָגן, כדי מען זאָל אים דערקענען פון דער ווייטן. אַ ייִד טאָר נישט גיין אויפן טראָטואַר. אַ ייִד טאָר נישט פאָרן מיטן צוג. מיט איין וואָרט: אַ ייִד טאָר נישט לעבן. ווען אַ ייִד פאַרקויפט עפּעס אַ גוי — טאָר ער נישט נעמען קיין געלט. ס'הויבט זיך אָן אַ לעבן פון טוישן. מען גיט אָפּ דאָס שענסטע מעבל, די בעסטע אָנצוגער פאַר ברויט, פאַר אַ פּאָר קילאָ מעל, פאַר אַ ביסל קאַרטאָפל.

אוקראַינער רוצחים

די אוקראַינער הייבן זיך אָן אָפּרעכענען מיט די ייִדן. יעצט רעכנט מען זיך מיט יעדן ייִד, וואָס האָט „געזינדיקט" אין די גוטע צייטן קעגן עפּעס אַן אוקראַינער, קעגן אַ פּאָלאַק, אָדער גאָר קעגן אַ דייטש. אַזוי איז אויך געשען מיט סאַמשטיין דעם דאָקטאָר. ס'איז געקומען פון דייטשלאַנד לוטקע, וועלכער האָט געאַרבעט אין שיף־געשעפט פון „באַטאַ". ער נעמט אַרויס דאָקטאָר סאַמשטיין פון שטוב. דער דאָקטאָר גייט אים נאָך. יענער נעמט אַריין דעם דאָקטאָר אין אַ טאַקסי און פירט אים אויף קאָפּאַטשיווקער וועג. דאָרט הייסט ער דעם דאָקטאָר אויסשטייגן פון דער טאַקסי גאַנץ נאַקעט און נאָכדעם אים דערשאָסן. דעם טויטן קערפּער האָט ער צוגעדעקט מיט אַ ביסל שטרוי און די בגדים האָט ער געבראַכט צו דאָקטאָר סאַמשטיינס פרוי, זאָגנדיק איר, אַז ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיטן דאָקטאָר פאַר אַן עוולה וואָס ער האָט כלומרשט געהאַט פון אים אין דער פאַרגאַנגענהייט. די פרוי איז אַראָפּ פון זינען.

אַזעלכע פאַלן זענען געווען פיל. אַזוי איז אויך געשען מיט קאָפּעלמאַן דעם פאָטאָגראַפיסט.

אין זשאַלאַבאָווער דאָרף שטייט אַ קלוניע, וואָס איז פול מיט סאָוויעטיש געווער. איין אָוונט האָט ווער פון די אוקראַינער אויפגעריסן די קלוניע. אַלץ איז אַוועק מיטן רויך. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן זוכן די שולדיקע. מען האָט אָנגעוויזן אויף קאָפּעלמאַן. מען האָט אים געבראַכט אין דער דייטשער קאָמענדאַנטור. דער פּסק־דין איז שוין געווען אַ געחתמעטער. מען האָט אים צוגעבונדן צו די פיס פון אַ פערד. אַן ס. ס.־מאַן האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן פערד און זיך געלאָזט אין אַ גאַלאָפּ. דאָס פערד איז ווילד געשפרונ־גען מיטשלעפּנדיק מיט זיך דעם קערפּער פון אומגליקלעכן קאָפּעלמאַן, וואָס איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. דער גאַנצער שאָסיי פון ראָזשישטש איז געווען באַגאָסן מיט זיין בלוט.

ס'הויבן זיך אָן אַקציעס קעגן ייִדן. די דייטשן כאַפּן ייִדן מיטן אויסרייד, אַז זיי דאַרפן זיי צו דער אַרבעט. איבערהויפּט ווערן געכאַפּט יונגע לייט. אָבער דער אמת



אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון בית־היתומים אין ראָזשישטש. אין צענטער זיצט יקותיאל קאָפּעלמאַן, וואָס איז מערדערלעך אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע.

איז, אַז מען פּירט זיי הינטער דער שטאָט, ווו זיי ווערן דערשאָסן. פיל מענער אַנטלויפן אין די דערפער און אַנדערע אָרדנען איין פאַרשידענע באַהעלטענישן אין די הייזער, מען זעט נישט קיין יידישן יונגערמאַן אויף דער גאַס, נאָר אַלטע יידן.

די אוקראַינישע פּאָליציי האָט אויסגעקלערט אַ נייע פאַרווײלונג: זיי גייען אַרום מיט טעמפּע מעסערס און שניידן די בערד ביי די אַלטע יידן. דער ווייטיק איז גרויס, אָבער זיי שרייען נישט, ווייל זיי ווילן נישט אָנטאָן קיין פאַרגעניגן די גויים. זיי פאַרבייסן די ציין און שווייגן.

אקציעס קעגן יידן

ס'זענען פאָרגעקומען דריי גרויסע אַקציעס. די דייטשן זאָגן נאָך אַלץ, אַז מען פירט די יידן אויף אַרבעט. אָבער מיר ווייסן דעם גרוילעכן אמת. עס קומען אוקראַינער און ברענגען צוריק פון די געכאַפּטע יידן דאָס אָנטאָן, בילדער, שיך, וואָס די יידן האָבן באַוויזן אַרויסצוּוואַרפן איידער מען האָט זיי דערשאָסן. די אוקראַינער דערציילן, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי די יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן. ס'זענען דאָ פיל יידן, וועלכע גלויבן נישט.

בעת איינער אַזאַ אַקציע זענען די דייטשן אַריין צו קוקל וואַקסמאַן אין הויז און געפאָדערט, זי זאָל אַרויסגעבן איר מאַן. אויף איר טענה, אַז זי ווייס נישט ווו ער געפינט זיך, האָבן זיי קוקלען גענומען מיט זיך. מען האָט זי דערשאָסן צוזאַמען מיט אַלע מענער. יידיש בלוט גיסט זיך אויף אַלע גאַסן.



ביי די יידן נעמט מען צו אַלע פוטערס און וואָלענע בגדים, וואָס ווערן אַוועקגע־שיקט אויפן פראָנט פאַר די דייטשע זעלנער, וועלכע פרירן דאָרט. דער יודנראַט האָט באַקומען אַ באַפעל, מען זאָל ביי די יידן צונעמען אַלע פוטערס, אַפילו פוטערנע קעלנערס. די אָנגעשטעלטע פון יודנראַט לויפן אַרום איבער די הייזער און נעמען צונויף אַלץ וואָס איז געמאַכט פון פוטער, ווי קעלנער, פּאַלטאָס אָדער פעלצן. אַלץ ווערט געבראַכט אין יודנראַט און פון דאָרט דאַרפן די דייטשן עס צונעמען.

יידישע מיידלעך שלעפּט מען צו שווערער אַרבעט. ווער עס האָט געלט, קאָן זיך אויסקויפן ביי דער אוקראַינישער פּאָליציי. מיך שלעפּט מען יעדן טאָג צו דער אַרבעט, ווייל אונדזער קאָמענדאַנט איז אין כעס אויף אונדז, ווייל מיר באַהאַלטן אויס דעם טאַטן. ער טוט אונדז אָן ביטערע צרות.

דער טאַטע געפינט זיך די גאַנצע צייט אין די דערפער, ווו ער אַרבעט ביי די קריסטן. זיי געבן אים פאַר דער אַרבעט פּראָדוקטן, וואָס ער שיקט איבער אַהיים. דער קאָמענדאַנט האָט זיך דערוווּסט דערפון. ווען עס איז געקומען אַ גוי און אונדז געבראַכט פּראָדוקטן, האָט עס דער קאָמענדאַנט צוגענומען. צו מיר שיקט ער יעדן טאָג אַ פּאָליציאַנט, מיינעם אַ שול־חבר, ער זאָל מיך נעמען צו דער אַרבעט.

מיר שלאגן אן אוקראאינער פאליציאנט

איך בין שוין געווען פון דער אַרבעט אַזוי פאַרמאַטערט, אַז איך האָב נישט געקענט שלעפּן די פיס. ווען אין אַ געוויסן פרייטיק איז דער פּאָליציאַנט געקומען מיך נעמען צו דער אַרבעט, איז די מאַמע גראָד געשטאַנען ביים אויוון און אַרויסגענומען מיט דער לאָפּאַטע דאָס ברויט. דער פּאָליציאַנט האָט איר געפרעגט:

וווּ איז פּאָליע?"

אויף דעם האָט די מאַמע געענטפערט, אַז פּאָליע, ד.ה. איך, וועט היינט צו דער אַרבעט נישט גיין. ער האָט אויפגעהויבן זיין נאַגייקע און אַראָפּגעלאָזט איבער דער מאַמעס קאָפּ. די מאַמע האָט אָבער לאַנג נישט געקלערט, אַ כאַפּ געטאָן די לאָפּעטע און אָנגעהויבן אים שלאָגן. איך בין גראָד געווען אין צווייטן צימער, הערנדיק דאָס גערידער, בין איך צוגעשפּרונגען צו דער מאַמען און איר געהאָלפן. דער פּאָליציאַנט האָט גענומען זיך ציען צוריק, כדי צו אַנטלויפן. מיר האָבן אים דערלאַנגט גוטע קלעפּ און אים אָפּגעלאָזן. ער איז אַוועקגעלאָפן צום קאָמענדאַנט.

מיר האָבן געוווסט, אַז אונדז וועט דאָס גלאַט נישט אָפּגיין. ס'דויערט נישט לאַנג און עס קומט צולויפן דער קאָמענדאַנט. ער נעמט שלאָגן דער מאַמען. דאַן כאַפּט ער איר אָן פאַר די האָר און קלאַפּט איר מיטן קאָפּ אין וואַנט. איך זע, אַז ער וועט דער מאַמען דערהרגענען. איך זוך אַן אויסוועג און דערמאָן זיך, אַז אין שטאָט איז דאָ אַ דייטשער קאָמיסאַר, וועלכער לעבט גוט מיט יידן. כ'האָב געזאָגט דעם קאָמענדאַנט, אַז איך לויף צום קאָמיסאַר. ווען ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָפּגעלאָזן דער מאַמען. אָבער מיר האָבן באַשלאָסן אים דאָס נישט שענקען.

מיר זענען אַוועק צום קאָמיסאַר. ער האָט אונדז זייער שיין אויפגענומען. מיר האָבן אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע. דער קאָמיסאַר האָט געשיקט רופן דעם קאָמענדאַנט און אים דערלאַנגט עטלעכע נאַגייקעס. ער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז נאָך אַמאָל זאָל זיך אַזאַ געשיכטע נישט איבערחזרן. אָבער נישט לאַנג איז דער קאָמיסאַר געווען ביי אונדז.

מיר האָבן שטענדיק געלעבט אין שרעק. ווען מיר האָבן געזען פאַרבייפאָרן אַ דייטשן אויטאָ, האָבן מיר געמיינט, אַז עס גרייט זיך אַ פרישע אַקציע.

באַלד איז ראָזשישטש ריין געוואָרן פון יידישע מענער. יעדער איינער איז אַריינגעקראָכן אין עפּעס אַ לאָך, כדי זיך צו באַהאַלטן. אויף אַ פּאָר וואָכן איז שטיל געוואָרן. מען האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

אונדזער פאטער ראטעוועט זיך

פרייטיק פרי. אויף וועלניאַנקע זענען אָנגעקומען דריי דייטשע לאַסט־אויטאָס. מיר פאַרשטייען, אַז ס'ווערט געגרייט אַ נייע אַקציע. אָבער די אַקציע וועט זיין אויף די יידן פון וועלניאַנקע. די מענער הויבן אָן צו אַנטלויפן אין שטאָט אַריין. מיין טאַטע איז, ווי געוויינלעך, אין דאָרף. אָבער מיר וויסן, אַז ער דאַרף אויף שבת קומען אַהיים. מיר לעבן די גאַנצע צייט אין גרויס שרעק.

12 אַזייגער איז מיין קלענערע שוועסטער אַוועק אין דאָרף זאָגן דעם טאַטן, אַז ער זאָל נישט קומען אַהיים, נאָר בלייבן אין שטאָט. זי וואַרט ביז ער וועט ענדיקן די אַרבעט און גייט מיט אים צוזאַמען אין שטאָט אַריין. זיי גייען מיטן קאָפּאַטשיוקער וועג. ס'איז אָנגעקומען אַ קריסטין. זי האָט גלייך דערקענט, אַז דער טאַטע איז אַ ייד. זי איז צו צו אים און געזאָגט, אַז ער זאָל זיך גלייך אומקערן צוריק אין דאָרף אַריין, ווייל יידיש בלוט גיסט זיך אין די גאַסן פון שטאָט. דער טאַטע גלויבט איר נישט. זי פאַלט צו צו זיינע פיס, בעט זיך ביי אים און וויינט, ער זאָל זיך אומקערן צוריק אין דאָרף. אָבער דער טאַטע גלויבט איר ווייטער נישט. ער לאָזט זיך גיין. ווען ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע מעטער, איז אָנגעפאָרן אַ געפּאַנצערטער אויטאָ. דער טאַטע האָט נאָך באַוויזן אַריינשפרינגען אין אַ גרוב און זיך באַהאַלטן. פון דאָרט האָט ער געזען אַז מען פירט יידן. דאַן האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין דאָרף.

וואָכן לאַנג האָבן מיר אים נישט געזען.

גרויס איז געווען אונדזער אַנטוישונג, ווען מיר האָבן געזען, אַז נישט די מאַשינען, וואָס זענען פאַרפאָרן קיין וועלניאַנקע האָבן געכאַפּט די יידן, נאָר זיי האָבן לייכטער געמאַכט דער „געסטאַפּאָ" צו כאַפּן די יידן אין שטאָט. אַזוי ווי מען האָט זיך געריכט אויף דער אַקציע אין וועלניאַנקע, זענען אַלע יידן פון וועלניאַנקע אַנטלאָפן אין שטאָט. דאַן איז די דייטשן געווען לייכטער דורצופירן זייער פאַרברעכערישע אַרבעט.

מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז די דייטשן פירן דורך זייערע פאַרברעכערישע אַרבעט פּלאַנמעסיק. ווידער ווערט אויף אַ פּאָר וואָכן שטיל. אָבער מיר וויסן, אַז ס'וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. אין דער שטילער צייט גיבן די דייטשן אַרויס פאַרשידענע באַפעלן. מען פאָדערט פון יידן ניי־מאַשינען, גאָלד, זילבער און אַנדערע ווערטפולע זאַכן. מען שלאָגט יידן אויף יעדן טריט און שריט. אַ קליין אוקראַיניש ייִנגל קאָן שלאָגן אומגעשטערט דעם גרעסטן יידישן העלד. מען טאָר זיך נישט אַנטקעגנשטעלן. מען שפּייט יידן אין פּנים אַריין. יידן טרייבט מען צו שווערע אַרבעט ביי די שאָסייען. די וועגן זענען געווען פאַרלייגט מיט רוסישע טאַנקן, האָט מען יידן איינגעשפּאַנט אין די טאַנקן, וועלכע זיי האָבן געמוזט אַראָפּרוימען פון וועג.



אכזריותדיקע מעשים

איך אַליין האָב געזען, ווי מען האָט צוויי ייִדן איינגעשפּאַנט אין אַ אַקער, און זיי האָבן געמוזט אַקערן די גוייִשע פעלדער. כ׳דערמאָן זיך אַ פאַל: ס׳איז געקומען אַ באַפעל, אַז מען דאַרף ייִדן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. די אוקראַיִנישע מיליץ האָט זיך אַרויסגע־לאָזט כאַפּן ייִדן. די ייִדישע יוגנט איז נישט געווען אויפן אָרט. אין די הייזער זענען פאַרבליבן אַ ביסל אַלטע לייט. ביי וועלוול בערעז האָט געוווינט אַן אַלטיטשקער ייִד, וואָס איז שוין זיכער געווען ביי די נייִנציקער. אַן אוקראַיִנער האָט דעם ייִד אַרויס־גענומען פון שטוב און אים געפירט צום זאַמל־פּונקט. דער ייִד האָט קוים געקאָנט גיין. דער מערדער האָט געוואָלט, אַז דער ייִד זאָל גיין שנעל, האָט ער אים אונטערגעקלאַפּט מיט דער ביקס. איך בין געשטאַנען אין פענצטער און זיך צוגעקוקט. פּלוצים איז דער ייִד אַנידערגעפאַלן און זיך שוין נישט געקאָנט מער אויפהויבן. דער מערדער האָט אים אויפגעשטעלט און געהייסן ווייטער גיין.

ביי אונדז אויפן בוידעם האָט זיך באַהאַלטן זלמן עסיקמאַכער און אַ לוצקער ייִנגל מיטן נאָמען חיים געלמאַן. אויפן בוידעם איז געווען זייער הייס. זלמן עסיקמאַכער האָט אַראָפּגעלאָזן די פיס דורך דער עפענונג און איז אַזוי געזעסן. פּלוצים האָט זיך געעפנט די טיר פון קאַמער און ס׳איז אַריין אַן אוקראַיִנער. דערזעענדיק דעם ייִד, האָט ער אים אַראָפּגעשלעפּט און אַוועקגעפירט אונטער אַ האָגל פון קלעפּ. דאָס ייִנגל איז געבליבן אויפן בוידעם.

דעם טאָג האָט מען געכאַפּט 300 אַלטע ייִדן. מען האָט זיי געהאַלטן אין אַ שייער ביז נאַכט. אין אָונט איז אָנגעקומען אַ דייטשער אָפיציר און געמאָלדן, אַז די ייִדן זענען פריי. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געקריגן אַ באַפעל פון דער דייטשער גרויס־מאַכט, אַז מען דאַרף די ייִדן דערווייל נישט האָבן. דאָס איז אויך געווען אַ דייטשיש שפּיצל, כדי שפּעטער אַריינצונאַרן ייִנגערע מענטשן.

ביזן אַנטשטיין פון געטאָ האָבן מיר איבערגעלעבט דריי אַקציעס. די בעסטע זין פון שטאָט זענען אומגעקומען. די צייט האָט זיך גערוקט לאַנגזאַם ביז ס׳איז אָנגעקומען דער חודש מערץ.



דער געטאָ

דער ווינטער איז געווען זייער אַ קאַלטער. די קריסטן האָבן מורא געהאַט צו ברענגען עפּעס אין שטאָט אַריין. האָלץ איז געווען זייער טייער. אין פיל הייזער איז מען געשוואָלן געוואָרן פון קעלט.

אין איינעם אַזאַ ווינטער־טאָג איז געקומען צו אונדז אַ פּאָלאַק און האָט מיר געבעטן, אַז איך זאָל פאָרן צו אים אין דאָרף שטריקן סוועדערס פאַר זיין משפּחה. ער האָט מיר צוגעזאָגט גוט צו באַצאָלן. איך האָב געפאָדערט אַלץ אין מעל. ער האָט צוגעזאָגט. איך בין מיט אים אַוועקגעפאָרן. כ׳האָב געהאַט אַסאַך אַרבעט און כ׳האָב געשריבן צו מיין שוועסטער, אַז זי זאָל קומען מיר העלפן. זי האָט געדאַרפט קומען דאָנערשטיק. דער דאָנערשטיק איז אַריבער און זי איז נישט געקומען. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז געשען.

פרייטיק אין דער פרי האָב איך געזאָגט מיין באַלעבאָס, אַז איך וויל פאָרן אַהיים. ער רעדט מיר אָפּ און איך האַלט זיך ביי מיינס, אַז כ׳וויל פאָרן אַהיים. ער טוט מיר צוליב. ער לאַדעוואַט אָן אַ פולן וואָגן מיט פּראָדוקטן און מיר פאָרן אַרויס. ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון זיין הויף איז אָנגעקומען אַ פּאָלאַק און אים געזאָגט:

„מארקאווסקי, וווהין פירסטו די זשידוווקע ? לאָז זי איבער ביי דיר, ווייל אין שטאָט טרייבט מען די ייִדן אין געטאָ אַריין”.

דער קריסט וויל איך זאָל בלייבן ביי אים, אָבער איך וויל נישט הערן און הייס אים טרייבן שנעלער די פערד. מיר זענען אָנגעקומען אויף וועלניאַנקע. מען זאָגט מיר, אַז די ייִדן פון וועלניאַנקע זענען נאָך אויף די פעלדער. איך לויף שנעל אַהיים.

אין שטוב איז יום־כיפּור. אַלע וויינען. יעדער שטייט מיט אַ פּעקל אין האַנט און וואַרט אויף אַ באַפעל. אויך איך מאַך זיך שנעל אַ פּעקל און וואַרט גלייך מיט אַלע.

אין ראזשישטשער געטא

אין 24־טן יוני 1941, דריי טעג נאָכן אויס־ברוך פון דייטש־רוסישן קריג, איז דאָס דײַ־טשע מיליטער אַריין אין אונדזער שטאָט. אין דער צייט איז דאָס רוסישע מיליטער נאָך געווען פון יענער זייט סטער און געשאָסן אויף די דייטשע זעלנער, וואָס זענען געווען אין ראָזשישטש. פיל פון זיי זענען געפאַלן אין דידאָזיקע שיסערייען. די דייטשן האָבן געטענהט, אַז דאָס שיסן די יידן פון די היי־זער. זיי זענען אַריין אין שטוב פון שלמה קלימבאָרד, פון דאָרט אַרויסגענומען אייניקע יידן און זיי דערשאָסן. דערנאָך זענען זיי צו צו אונדזער הויז און באַפוילן אונדז אַרויסצוגיין פון קעלער און זיך אויסשטעלן אין אַ ריי. פלוצלים האָט זיך געעפנט אַ שיסעריי פון יענער זייט סטער און די דייטשן זענען אַנטלאָפן. אַזוי זענען מיר ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

דערנאָך איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן זיך פאַרזאַמלען אויפן מאַרק. דאָרט האָט מען אונדז אָנגעטאָן געלע לאַטעס און געדראָט, אז ווער ס'וועט געכאַפט ווערן אָן די געלע לאַטע וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן.


דערנאָך האָבן „אונדזערע" אוקראַינער אָנ־געהויבן זיך נוקם זיין אין די יידישע באַפעלקערונג.

דער ערשטער קרבן

דער ערשטער יידישער קרבן אין אונדזער שטאָט איז געווען קאָפעלמאַן. די דייטשע האָבן אים צוגעבונדן צו אַ פערד, וואָס האָט גאַלאָפירט איבער דער שטאָט ביז צום בית־הקברות. דער אומגליקלעכער קרבן איז צע־ריסן געוואָרן לעבעדיקערהייט בעת דעם ווילדן גאַלאָפּ פונעם פערד איבער די ברו־קירטע גאַס.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבן מיט שרעק פאַר די אָפטע אַקציעס, וואָס די דייטשן האָבן איינגעאָרדנט. מ'האָט געכאַפּט אויף אַרבעט. שפּעטער פלעגן זיך די יידן פאַרזאַמ־לען אין די שולן, און פון אָט־די פאַרזאַמלטע האָבן די דייטשן אויסגעקליבן מענטשן צו דער אַרבעט.

אַ געוויסן טאָג האָבן די דייטשן געפאָדערט 300 יידן צו דער אַרבעט; די צאָל געפאָ־דערטע יידן איז גענומען געוואָרן פון די, וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט אין די שולן. די 300 יידן זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אונטער דער שטאָט און דאָרט דערשאָסן געוואָרן. די דייטשן האָבן געמאָלדן, אַז זיי זענען גענומען געוואָרן צו דער אַרבעט. דער שוידערלעכער מאָרד איז אַנדעקט געוואָרן דורך אַ צופאַל: סענדער פעפער, וועמענס איידעם, אפרים דאָבראָוויטקער, איז געווען צווישן די דריי הונדערט אַוועקגעפירטע, איז באַנאַכט אַרויס אין פעלד און דאָרט געפונען ליגן אַלע דריי הונדערט דערשאָסענע יידן. אין



דער באַפעל פון די דייטשן איז געווען, אַז מער ווי איין פעקל טאָר קיינער נישט נעמען. פאַרשטייט זיך, אַז דעם גרעסטן טייל זאַכן האָט מען צעטיילט צווישן די קריסטלעכע שכנים.

מען רויבט יידיש האב און גוטס

מיר שטייען ביים פענצטער און וואַרטן. מיר זעען זייער אַ טרויעריק בילד: אוקראַינער, פאָלאַקן — אַלט און יונג — ווער עס גייט און ווער ס'פאָרט מיט וועגענער, זענען אָנגעלאָדן מיט יידיש האָב און גוטס. דאָס האַרץ ווערט צעריסן צוקוקנדיק זיך צום בילד. זיי גייען דורך און שרייען צו אונדז:

„איר זעט? מיר האָבן דערלעבט אַ נקמה אין די יידן! די יידן האָבן אַזוי פיל יאָרן געזויגט אונדזער בלוט און יעצט נעמען מיר דאָס אָפּ ביי זיי".

שטאָט איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער יאָמער. די יידן האָבן אויסגעמיטן די שולן און זיך אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע פלעצער.

דאס שאפן פון געטא

איך מיט מיין משפחה האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן ביי פאַרשידענע אַרבעטן. ווען ס'איז געקומען שניט־צייט האָבן מיר גע־מאָלדן, אַז מיר האָבן פעלדער. מען האָט אונדז באַפרייט פון דער אַרבעט און איך מיט מיינע ברידער זענען אַוועק צו אונדזער פעלד־אַרבעט.

די דייטשן האָבן אַוועקגערויבט אַלע יידי־שע פעלדער און מיר זענען געוואָרן אַרבעטער ביי די דייטשן אויף אונדזערע אַוועקגערויבטע פעלדער.

אין שטאָט איז דערווייל געשאַפן געוואָרן אַ יידן־ראַט מיט אַ יידישע פאָליציי. באַלד דערנאָך איז אַרויס אַ באַפעל אַז אַלע יידן מוזן זיך קאָנצענטרירן אין אַ באַזונדער יידישן קוואַרטל — אין אַ געטאָ, וואָס איז באַשטימט געוואָרן „אויפן באַרג". דער טאָג פון אַריבערגיין אין געטאָ איז געווען אַ שווערער ווינטער־טאָג, אין חודש שבט. מען האָט אונדז געטריבן צום געטאָ, ווי די בהמות צו דער שחיטה. דער וועג צום געטאָ האָט געפירט דורך אַ בריקל, אויף וועלכן ס'זע־נען געשטאַנען דייטשן און אוקראַינער און פאַראייביקט דאָס באַרבאַרישע געשעעניש מיט פילם־אַפּאַראַטן. מ'האָט אונדז געשלאָגן אָן־רחמנות, ביז דער שניי איז רויט געוואָרן פון יידיש בלוט. אין דעם טאָג זענען פיל יידן געשטאָרבן פון שרעק.

אין דעם טאָג זענען אין געטאָ געבראַכט געוואָרן יידן פון גאַנצן געגענט: סיקילער, קאָפּאטשיוקער, פּאָזשאַרקער און ברעזעלאָ־פּער יידן. אין געטאָ איז קיין פּלאַץ נישט געווען פאַר די אַלע צונויפגעשלעפּטע יידן, און ס'זענען פאַרכאַפּט געוואָרן אַלע פרייע פּלעצער אויף די בוידעמער און קעלערס אין שטח פון געטאָ.

אקציעס אין געטא

אויך אין געטאָ זענען פאָרגעקומען אַקציעס און ס'זענען געכאַפּט געוואָרן יידן צו אַרבעט, וואָס דער אמתער באַדייט איז געווען — צום טויט. אונדזער געטאָ איז באַשטימט געוואָרן אַלס שטראָף־געטאָ, ווייל די אָרטי־קע אוקראַינער האָבן געטענהט, אַז אַלע יידן פון שטאָט זענען געווען קאָמוניסטן. דער געטאָ איז געוואָרן אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט און שטרענג באַוואַכט געוואָרן דורך פּאָליציי. יעדער האָט געמוזט האָבן אַן אַרבעטס־קאַרטע. אַ ייד אָן אַן אַרבעטס־קאַרטע איז פּאַקטיש געווען פאַרמשפּט צום טויט.

מיר זענען געווען אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. אַפילו אַרויסגיין אויף די קברים פון אונדזערע טייערע כדי אויסוויי־נען זיך אויף אונדזער ביטערן גורל איז נישט

ס'דויערט נישט לאַנג און ס'באַווייזט זיך די אוקראַינישע פּאָליציי. מען נעמט אונדז יאָגן פון די הייזער. ס'איז שווער צו פאַרלאָזן די היים. מען ספּאַזמירט, מען קושט די ווענט, די פּאָדלאָגע. מען צווינגט אונדז צו פאַרלאָזן דאָס הויז.

מיר גייען אַרויס. אויפן וועג באַגעגענען מיר אַלע יידן פון וועלניאַנקע. מיר גייען דורך דעם געפרוירענעם טייך. די ליפּן מורמלען אַ געבעט צו גאָט, ס'זאָל געשען אַ נס דאָס אייז זאָל זיך איינברעכן און אונדז איינשלינגען. דער נס איז נישט געשען. מיר גייען לאַנגזאַם אין דער ריכטונג צום באַרג. דאָרטן האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן דעם געטאָ.

מיר קומען צו צום בריקל. ס'שטייט אַ וואַך, וואָס הייסט אונדז עפענען די פּעקלעך. וואָס עס געפעלט זיי — נעמען זיי צו. צו דעם גיבן זיי נאָך צו עטלעכע קלעפּ מיט זייערע נאַגייקעס.

מיט אונדז גייט אַ יונגע פרוי און שלעפּט אַ וועגעלע מיט אַ קליין קינד פון עטלעכע מאָנאַטן. זיי נעמען זוכן אין וועגעלע און געפינען דאָרט אַ גאָלדן זייגערל. זיי נעמען דאָס זייגערל אַרויס און דאָס קינד מיטן וועגעלע שליידערן זיי אַראָפּ פון דעם בריקל אונטן.

אַזוי האָבן זיי געטאָן מיט מיין שוועסטערס קינד און מיט נאָך צענדליקער קינדער. מיט נסים איז די קינדער גאָרנישט געשען, ווייל אונטן איז געווען זאַמד און די קינדער זענען געפאַלן אין זאַמד.

דעם געטאָ האָט מען גלייך אָפּגעשלאָסן פון אַלע זייטן. די ענגשאַפט איז געווען גרויס. אין איין צימער האָבן געוווינט דריי־פיר משפחות. מען האָט געמאַכט נאַרעס פון ברעטער אין עטלעכע שטאָק.

מיר זענען געווען אַ גליקלעכע משפחה, ווייל מיר האָבן פאַרכאַפּט אַ קליין קיכעלע און נאָר אונדזער משפחה האָט דאָרט געוווינט. אונדזער משפחה האָט געציילט עלף פּערזאָן.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פרישע צרות. ערשטנס — דער שמוץ. אין אַזאַ ענגשאַפט האָט מען נישט געקאָנט האַלטן ריין. צווייטנס — דער הונגער. דערפאַר אָבער האָבן זיך געפּאַשעט די לייז.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען נישט געקענט לעבן בשלום. מען האָט זיך געקריגט, אַרומגעשלאָגן און איינער האָט נישט געקענט פאַרליידן דעם צווייטן.

דער געטאָ איז געווען אָפּגעשלאָסן, ד.ה. אַרומגענומען מיט שטעכלדראָט. איין אַריינגאַנג איז געווען אין געטאָ — דורכן בריקל, ווו ס'איז שטענדיק געשטאַנען אַ וואַך.

יידישע פאליציי

באַלד נאָכן אַריינטרייבן אין געטאָ האָבן די דייטשן געשאַפן אַ יידישע פּאָליציי. זיי האָבן געוווּסט, אַז מיט דער הילף פון דער יידישער פּאָליציי וועט זיי זיין לייכטער דורכצופירן זייערע פאַרברעכנס.

אין דער פּאָליציי האָט מען גענומען נאָר יונגע בחורים. ווי איך געדענק האָבן צו דער פּאָליציי געהערט: זלמן שפּירא, יאַנקל וואַקסמאַן, מישקע מאַרמור, יאַנקל זאַלץ, אַ בעזשעניק פון פּוילן מיטן נאָמען קייזמאַן, יוסף ערליכגערעכט און נאָך איניקע. אַלס קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ טשעכישער ייד, ברונער, וועלכער איז געווען אונדזער אַ גוטער באַקאַנטער. ער פלעגט שלאָגן די יידן נישט ווייניקער ווי די אוקראַינער. אויסגעזען האָט ער ווי אַ דייטשער ס.ס.־מאַן.

ס'איז גלייך געשאַפן געוואָרן אַן אַלגעמיינע קיך. מען האָט געקראָגן 100 גראַם ברויט אַ טאָג און איין מאָל אין טאָג אַ לעפל זופּ, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ביסל וואַסער מיט אַ פּאָר לופּעס פון קאַרטאָפל. פאַרשטייט זיך, אַז פון אַזאַ עסן האָט מען נישט געקענט עקזיסטירן. ווי זאָגט אַ שפּריכווערטל? „נויט ברעכט אייזן". די יידן אין געטאָ

האָבן נישט געוואָלט שטאַרבן פון הונגער. מען פלעגט דורכשניידן די שטעכלדראָט און זיך לאָזן אין די דערפער צו באַקאַנטע קריסטן, כדי אויסצוטיישן דאָס לעצטע ביסל אַנטועכץ אויף ברויט, אָדער אַ פּאָר קאַרטאָפל.

באגראבן לעבעדיקערהייט

באַלד נאָכן אַריינגיין אין געטאָ האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין זאַלץ און אָן זאַלץ איז שווער צו לעבן. מיין פעטער, שלמה מלמד (אידעלעכעס) האָט זיך דערמאָנט, אַז אין שטוב האָט ער געלאָזן אַ זאַק מיט זאַלץ. זיין הויז איז געווען ביי הונדערט מעטער אויף יענער זייט געטאָ, פונקט אַנטקעגן דער מלעטשאַרניע. ער האָט צוגערעדט זיין פרוי און זיין שכן משה שוואַרץ, זיי זאָלן זיך דורכגנבענען און ברענגען אַ ביסל זאַלץ. זיי האָבן זיך געלאָזן אָנרעדן און זענען אַוועק. אין מאָמענט ווען זיי זענען אַדורך דעם בריק, איז צו דער מלעטשאַרניע צוגעפאָרן דער דייטשער קאָמענדאַנט. ער האָט זיי באַמערקט אַרויסגיין פון געטאָ. צוריק האָט ער זיי שוין נישט געלאָזן גיין. ער האָט זיי פאַרנומען מיט זיך און איבערגעגעבן דער אוקראַינישער מיליץ. די איקראַינישע מיליץ האָט קוים דערלעבט אַזאַ זאַך.

מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ פינצטער קעמערל און געפייניקט. פיל יידן האָבן דעמאָלט געאַרבעט ביי דער מיליץ ביי פאַרשידענע אַרבעטן, ווי אין קוך, ביים רייניקן דעם בית־שימוש א. אַ. זיי זענען געווען לעבעדיקע עדות פון די פייניקונגען. ווען די אַרבעטער זענען געקומען אין געטאָ, פלעגן זיי דערציילן ווי אַזוי עס ווערן געפייניקט שלמה, זיין פרוי און משה שוואַרץ. אַ שטיין האָט דאָס געקענט רירן. די דריי אומגליקלעכע האָבן זיך געבעטן, מען זאָל זיי שיסן, כדי זיי באַפרייען פון די יסורים, אָבער פאַר די מערדער איז דערשיסן געווען אַ צו לייכטער טויט. נאָך דריי טעג האָט מען זיי אַרויסגעפירט און דערשאָסן.

ווען מען האָט זיי אַדורכגעפירט דורכן געטאָ אויף שליטלעך, האָט מען זיי נישט דערקענט. ביי שלמהן איז געווען דער שאַרבן אראָפּגענומען, ביי זיין פרוי — די אויגן אַרויסגענומען. אויך משהן איז געווען נישט צו דערקענען. דערקענט האָט מען זיי נאָר לויט די בגדים. שלמה האָט נאָך געלעבט. מען האָט זיי אַוועקגעפירט אויפן בית־הקברות. שלמה האָט געעפנט דאָס מויל און געבעטן וואַסער. אַן אוקראַינער האָט אים דערלאַנגט אַ ביסל וואַסער, וואָס שלמה האָט אויסגעטרונקען.

ס׳זענען שוין געווען פאַר זיי צוגעגרייט דריי גריבער, ווו מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן און פאַרשאָטן. שלמה איז באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט.



דער ברידער־קבר פון די ראָזשישטשער יידן אויפן וועג קיין קאָפּאָטשיווקע. נישטאָ קיין צייכן אויפן קבר וואָס זאָל דערמאָנען די שוידערלעכע רציחה. די טייערע ביינער וואַלגערן זיך אויף דער ערד און קיינער קימערט זיך נישט וועגן זיי.

געווען דערלויבט. די אוקראַינער האָבן דערקלערט די דייטשן, אַז דאָס גייען מיר אויפן בית־הקברות כדי צו בעטן אויף זייער מפלה...

אין געטאָ האָט עקזיסטירט אַ שפּיטאָל און אַ קיך פאַר קינדער, ווו זיי האָבן באַקומען 100 גראַם ברויט אַ טאָג.

די רויב־אקציע

איין טאָג האָבן די דייטשן פאַראָרדנט, אַז די יידן זאָלן אָוועקגעבן דאָס גאַנצע גאָלד, קופּער און צירונג, וואָס זיי פאַרמאָגן. די יידישע פּאָליציאַנטן זענען אַוועק איבער די יידישע וווינונגען און געשריגן: יידן, צדקה תציל ממות! מ׳האָט דאָס גאַנצע יידישע פאַרמעגן געבראַכט אין יידן־ראַט. דער פרעזעס, אברהם געלער, און די מיטגלידער זוסיע קלימבאָרד און ישעיה געלער זענען אַוועק מיטן גאָלד, קופּער און צירונג צו די דייטשן, אָבער זיי זענען מער נישט צוריקגעקומען...

די פארניכטונג

אין געטאָ איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע פּאַניק. איך בין אין יענע טעג נישט געקומען אין געטאָ. ווען די אוקראַינער און די דייטשן זענען געקומען נעמען די יידן וואָס האָבן געאַרבעט אויפן פּאַלוואַרק, בין איך אַנטלאָפן. איך בין אַריין צו אַ פּויער און דאָרט איבערגענעכטיקט אָן זיין וויסן. קומענדיק צומאָרגנס אינם געטאָ, האָב איך געהערט גוואַלטיקע געשרייען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די דייטשן האָבן פאַרברענט דאָס שפּיטאָל צוזאַמען מיט די קראַנקע.

איך האָב געטראָפן דריי יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט. זיי האָבן דערציילט, אַז שבת ביינאַכט זענען אַלע יידן דערשאָסן געוואָרן ביי קונטאשן, אויפן קאָפּאַטשיווקער וועג.

הערנדיק די איוב־בשורות זענען מיר אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין, ווו ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז אַ ניי „לעבן" מיט נייע צרות און געפאַרן. אָפטמאָל פלעגן פאָרקומען איבערפאַלן פון די דייטשן און אוקראַינער, אין וועלכע ס׳זענען געפאַלן פיל אויסבאַהאַלטענע יידן אין וואַלד.

די לאַגע איז געוואָרן פיל טראַגישער, ווען ס׳איז אָנגעקומען דער ווינטער. פיל פון אונדז זענען פאַרפרוירן געוואָרן אין די גרויסע פרעסט. מיר האָבן זיך צעטיילט אין קליינע גרופּעס. מיר האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן און זוכן פּאַרטיזאַנער, אָבער ס׳איז געווען זייער שווער זיי צו געפונען.

שמואל גורלניק

מארד פון יידישע פרויען

שפּעטער זענען געווען פיל אַזעלכע קרבנות. מען האָט געכאַפּט צוועלף פרויען אויסערן געטאָ. איך זיי האָט מען דערשאָסן. מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון שטוב מאָטל ווערבע און בייערמאַן און זיי אַזוי געפּייניקט, אַז זיי האָבן זיך געבעטן, מען זאָל זיי דערשיסן. די אוקראַינישע באַנדיטן האָבן אַזוי פאַרפּייניקט זייערע קרבנות, אַז נאָכן טויט האָט מען נישט דערקענט ווער זיי זענען.

יעדן טאָג האָט מען געטריבן צו דער אַרבעט. די אַרבעט איז געווען אַ פאַרשידענע: אויף פעלדער, ביי וועגן, גראָבן גריבער, ראָוועס, פאַנאַנדערנעמען יידישע הייזער א. אַ. גליקלעך זענען געווען די יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די דערפער. דאָרט האָבן זיי אויסגעביטן ביי קריסטן פאַרשידענע חפצים אויף עסנוואַרג.

צו דער אַרבעט האָבן געפירט יידישע פּאָליציאַנטן. ווען מען האָט געפירט אויף אַרבעט אין אַ געוויסן דאָרף, ווו מען האָט געהאַט גוטע באַקאַנטע קריסטן, פלעגן אַנדערע יידן בעטן דעם פּאָליציאַנט, ער זאָל זיי דערלויבן מיטגיין אין דאָרף. ס׳זענען געווען אַזעלכע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן דערלויבט און ס׳זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן עס בשום אופן נישט דערלויבט. זיי האָבן געדינט געטריי די דייטשע באַנדיטן.

מיר פרירן

ווען מיר זענען אַריין אין געטאָ איז געווען ווינטער. די קעלט איז געווען נישט אַריבער־צוטראָגן. קיין האָלץ צו וואַרעמען די שטוב איז נישט געווען. פיל יידן האָבן זיך געלאָזן צום הייליקן אָרט שניידן ביימער. איך מיט מיין פאָטער פלעגן אויפשטיין פאַרטאָג און מיט הינטער־וועגן האָבן מיר זיך אויך געלאָזן צום הייליקן אָרט, כדי אָנצושניידן אַ ביסל האָלץ. ס׳איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט. די ביימער זענען געווען געפרוירן און האָבן זיך נישט געלאָזן שניידן. ביי יעדן סקריפּע פון בוים האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די געשטאָרבענע קרעכצן. איך פלעג שניידן און וויינען, אי פון פחד אי פון ווייטיק, צו וואָס מיר האָבן דערלעבט!

נאָכן אָפּזעגן אַ צוויי־דריי ביימער האָט מען זיך געשלעפּט מיט די פעלדער אין געטאָ אַריין. ס׳פלעגט זיך אויך מאַכן, אַז נאָך אַזוי פיל אַרבעט האָט מען אונדז באַמערקט, האָבן מיר דאַן אַלעס געמוזט לאָזן און לויפן שנעל אין געטאָ. אַפילו אַ קליין שייגעצל האָט געקאָנט צונעמען ביי אונדז דאָס גאַנצע האָלץ. נאָך אַ קורצער צייט איז אויך דער בית־עולם געבליבן אָן איין בוים.

מיין פאטער ווערט דערמארדעט

איינמאָל אַ פאַרטאָג האָט זיך מיין פאָטער אַרויסגעגנבעט פון געטאָ און זיך געלאָזן קיין טאָפּילנע, אפשר וועט ער דאָרט קריגן אַ ביסל אַרבעט און וועט אַזוי אַרום עפּעס וואָס פאַרדינען. אין דעם דאָרף האָט ער געהאַט פיל אַרבעט. און ווי ער גייט אַזוי פון איין אוקראַינער צום צווייטן עפּעס פאַריכטן, איז אָנגעקומען אַ טאַנק מיט דייטשן. די דייטשן האָבן אים גלייך דערקענט. זיי האָבן אים צוגעבונדן צום טאַנק און אַוועקגעשלעפּט קיין קאָפּטש צום דערשיסן.

וועגן דעם האָט זיך דערוווּסט דער טאָפּילנער פּרעדסעדאַטיעל (עלטסטער פון דאָרף). ער איז גלייך געלאָפן צו די דייטשן און געבעטן, זיי זאָלן דעם „ידע“ אָפּלאָזן. דאָסמאָל האָבן זיי עפּעס געהאַט אַ ביסל געוויסן און האָבן מיין פאָטער אָפּגעלאָזן.

אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט אונדזער פרייד. צוויי וואָכן פאַר פּסח איז געקומען אַ באַפעל, אַז מען דאַרף האָבן 150 יידן אויף אַרבעט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַפּעניש. זייענדיק פאַרשפּאַרט אין געטאָ איז ניט געווען וווהין צו אַנטלויפן. יעדער האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ באַהעלטעניש אין שטוב.

די אוקראַינישע באַנדיטן זענען געגאַנגען מיט אויסשפּיר־הינט און אַרויסגעשלעפּט די יידן פון פאַרשידענע לעכער. מיין פאָטער איז אין דער אַקציע אַריינגעפאַלן. מען האָט די יידן געטריבן קיין לוצק אויף אַרבעט. געפירט האָבן זיי דייטשע ס.ס.־לייט. פיל פרויען און קינדער זענען נאָכגעלאָפן די געכאַפּטע יידן. אויך איך בין געווען צווישן די. מיר האָבן געוויינט, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר וועלן זיי שוין מער ניט זען.



איינעם אַ דייטשן ס.ס.־מאַן, וועלכער האָט געריטן אויף אַ פערד, איז ניט געפעלן, וואָס מיר וויינען. ער האָט אויסגעדרייט דאָס פערד אויף צוריק און אָנגעהויבן רייטן גלייך אויף אונדז. מיר האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן. מיר זענען אַריין אין אַ שטוב. ער איז מיטן פערד אַריינגעריטן אין שטוב. מיר האָבן געשריגן מיט ווילדע קולות. איין פרוי איז געפאַלן אין חלשות. דאַן האָט ער זיך ווילד צעלאַכט און איז אַוועק. דאָס שפּיל איז אים זייער געפעלן.

דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, בראָנער, איז יעדן טאָג געפאָרן קיין לוצק צום קאָמענדאַנט און געפאָדערט, מען זאָל מיין טאַטן אָפּלאָזן. מען האָט אים צוגעזאָגט. אַזוי זענען אַריבער עטלעכע וואָכן.

אַ דאָנערשטיק איז געקומען בראָנער פון לוצק און געזאָגט, אַז מאָרגן וועט ער ברענגען מיין פאָטער. פרייטיק איז ער טאַקע געפאָרן כדי צו ברענגען מיין פאָטער. אָבער אָנשטאָט אים צו ברענגען, האָט ער געבראַכט די שרעקלעכע בשורה, אַז פון צווישן די 150 יידן האָט מען אויסגעקליבן די, וועלכע זענען געווען עלטער פון פופציק און יינגער פון זעכצן יאָר און זיי דערשאָסן. צווישן זיי איז אויך געווען מיין פאָטער.

מען פארלאנגט יידיש גאלד

בראָנערן האָט מען דערמאָרדעט פריער פאַר אַלע. געשען איז עס אַזוי: ס׳איז געקומען אַ באַפעל פון דער דייטשער קאָמענדאַנטור, אַז די יידן דאַרפן געבן אויסלייז־געלט אַ קילאָ גאָלד. דער יודנראַט האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט און געזאָגט, אַז די יידן אין געטאָ האָבן שוין ניט קיין גאָלד. די דייטשן האָבן גענומען 5 יידן אַלס זאַקלאַדניקעס, מעלדנדיק אַז אויב מען וועט זיי ניט געבן דעם קילאָ גאָלד — וועלן זיי דערשיסן די פינף יידן. צווישן די פינף האָבן זיך געפונען מאיר ספעקטאָר, דער קאָמענדאַנט בראָנער, אַ פּאָליציאַנט און נאָך צוויי יידן. מען האָט זיי פאַרשפאַרט אין אַ צימער.

די יידישע פּאָליציי האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער די הייזער, כדי צוזאַמענעמען דאָס גאָלד. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יידן האָבן נאָך געהאַט אַ סך גאָלד. מען האָט צוזאַמענגענומען מער ווי צוויי קילאָ. דאָס גאַנצע גאָלד האָט מען געבראַכט צום דייטשן קאָמענדאַנט. ער האָט דאָס גאָלד צוגענומען און טראָץ דעם געהייסן אַרויספירן די פינף יידן און זיי דערשיסן, ווייל מען האָט אים אָפּגענאַרט.

אכזריותדיקע פאלן

יעדן טאָג האָבן די דייטשן אויסגעטראַכט נייע גזירות און יעדן טאָג זענען געפאַלן יידן. אַ טרויעריקער פאַל האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט אַ פרוי פינקעלשטיין, אַ לערערין אין דער תרבות שולע אין ראָוונע. בעת דער אַקציע אין ראָוונע איז די פרוי אַנטלאָפן פון געטאָ, ניט וויסנדיק וווהין זי לויפט. זי האָט דערזען אַ פּאַסאַזשיר־צוג, האָט זי זיך אַרויפגעכאַפּט און געפאָרן, ניט וויסנדיק אין וועלכער ריכטונג דער צוג פאָרט. אַזוי איז זי געקומען קיין ראָזשישטש. ווען דער צוג איז אַרויף אויף דער אייזערנער בריק, האָבן איר די דייטשן דערקענט און זי אַראָפּגעוואָרפן פון צוג גלייך אין סטער אַריין!

געווען איז דאָס פאַר פּסח, ווען דאָס אייז הייבט שוין אָן זיך ברעכן. די פרוי איז אַרויפגעפאַלן אויף אַ שטיק שווימענדיק אייז און דער שטראָם האָט זי געטראָגן אין דער ריכטונג צו דער שטאָט. זי איז דערגאַנגען ביז וועלניאַנקע. דאָ האָט איר דערזען איציק זילבערבערג וועלכער האָט צו יענער צייט געאַרבעט אויסערן געטאָ. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ יידישע פרוי. ער איז שנעל אַוועק צו די יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי דער הילצערנער בריק. זיי האָבן מיט פאַרשידענע אופנים צוגעשלעפּט דאָס אייז צום ברעג און אַראָפּגענומען די פרוי, וועלכע איז געווען האַלב טויט. איין האַנט האָט זי געהאַט אַ צעבראָכענע.

מען האָט די פרוי געבראַכט אין געטאָ, ווו זי האָט באַקומען מעדיצינישע הילף און זי איז געקומען צו זיך. אָבער פון שרעק איז זי אַראָפּ פון זינען. מען האָט זי פאַרשפּאַרט אין אַ פינצטער קעמערל. זי פלעגט ניט רעדן, נאָר שרייען מיט אַזעלכע ווילדע קולות, אַז דער גאַנצער געטאָ פלעגט אויפגעטרייסלט ווערן. ווען די דייטשן זענען געקומען אין געטאָ און האָבן דערהערט די ווילדע געשרייען, האָבן זיי איר אַרויסגענומען און דערשאָסן.

די מערדער פון בערזעלופ

ווייניק וואָס מיר האָבן געהאַט אונדזערע אייגענע, ראָזשישטשער מערדער, האָבן מיר נאָך געהאַט פאַרשידענע מערדער פון דער סביבה. בערעזעלופ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע מערדער. דאָרט איז געווען אַ דייטשער קאָמענדאַנט, איז ער געווען דער צווייטער היטלער. ער האָט געהאַט ביי זיך צוויי רוסישע געפאַנגענע און אַ פּאָליאַק, יאַוואָרסקי. מיר פלעגן זיי רופן די „קאַטעס" (תליינים).

ווען די „קאַטעס" פלעגן אַדורכפאָרן דעם געטאָ, איז דער גאַנצער געטאָ געוואָרן אָפּגעשטאָרבן. ווען מען האָט געאַרבעט אויפן קאָפּאַטשיוקער וועג, פלעגט מען זיי זען אָפטער אַדורכפאָרן. זיי פלעגן, אָבער, קיינמאָל נישט סתם אַדורכפאָרן. זיי האָבן זיך פריער געמוזט אַ שפּיל טאָן מיט די „לייזיקע יודן", ווי זיי האָבן אונדז גערופן.

איין מאָל, זייענדיק אויף אַרבעט אין קאָפּאַטשיוקע ביים פאַנאַנדערנעמען יידישע הייזער, איז דורכגעפאָרן יאַוואָרסקי. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין בריטשקעלע און אַראָפּ זען, ווי אַזוי די יידן אַרבעטן. ווען מיר האָבן אים דערזען, האָבן מיר גלייך גענומען זוכן לעכער, וווּ צו אַנטלויפן, אָבערליידער איז ניט געווען וווּהין צו אַנטלויפן.

ער איז געווען אַ הויכער, געזונטער באַנדיט פון אַ יאָר 27—28. אין זיינע אויגן האָט געברענט אַ שנאה. ער איז צו צו קאַטעדרע (אַזוי האָט מען גערופן גדליה־ברוך בעל־עגלה), וועלכער איז געווען אַן עלטערער מענטש און שוין אַן אויסגעמאַטערטער. יאַוואָרסקי האָט אים אַראָפּגעלאָזן אַ פּאַטש. דער ייד איז גלייך אומגעפאַלן. דער באַנדיט האָט גענומען טאַנצן אויף אים. איך האָב געפילט, אַז דאָס האַרץ פּלאַצט אין מיר.

איך האָב גענומען לויפן. נאָך מיר איז געלאָפן אדל גיבער. מיר זענען אַריבער דעם וועג און אַרויף אויף אַ הויף, וווּ ס'האָט געוווינט אַ דייטשער קאָמיסאַר, וועלכער האָט ניט אַזוי געהאַסט יידן. ווען ער האָט אונדז דערזען, האָט ער גלייך געהייסן דער קעכין, אַ יידיש מיידל, אונדז געבן עסן. ער האָט אונדז געהייסן בלייבן ביי אים ביז די יידן וועלן ענדיקן די אַרבעט. אַזעלכע פאַלן זענען פאָרגעקומען זייער פיל.

איין מאָל, ווען יידן האָבן געאַרבעט אין טאָפּילנע, אויפן וועג, זענען דורכגעפאָרן די צוויי רוסישע „קאַטעס". דאַן האָבן געאַרבעט צוזאַמען אַ פאָטער מיט אַ זון. די מערדער האָבן זיך דערפון דערוווּסט, און האָבן באַשלאָסן זיך פאַרוויילן. זיי האָבן געכאַפּט דעם זון און געהייסן דעם פאָטער ער זאָל אים צוהאַלטן. זיי האָבן דעם זון געשלאָגן אַזוי לאַנג ביז ער איז געפאַלן פאַרחלשט. ווען זיי האָבן אים אָפּגעמינטערט, האָבן זיי די שפּיל איבערגעחזרט, נאָר פאַרקערט: דער זון האָט באַדאַרפט האַלטן דעם פאָטער, וועלכן זיי האָבן געשלאָגן ביז חלשות.

זיי האָבן געקענט טאָן אַלץ וואָס איז זיי אַרויף אויפן זינען. קיינער האָט זיך ניט פּרובירט אַנטקעגנשטעלן. דער געטאָ איז געווען ווי אַ טורמע, וווּ מענטשן פאַרמשפּטע צום טויט וואַרטן אויף זייער סוף.

אומדערטרעגלעך איז געווען די ענגשאַפט, שמוץ און הונגער. איז עמיצער געשטאָרבן אין געטאָ, האָט מען אים מקנא געווען. אַזוי האָט דאָס געדויערט ביז אויגוסט 1942.

די ליקווידאציע דערנענטערט זיך

מען האָט שוין פריער געהערט, אַז אין די אַרומיקע שטעטלעך האָט מען ליקווידירט די יידן. מיר האָבן געוווּסט, אַז ס'דערנענטערט זיך אונדזער צייט. מען איז געזעסן אין געטאָ און געוואַרט. קיינער האָט ניט געפּרוּווט אַנטלויפן אין די וועלדער.

איך בין צופעליק אַרויס פון געטאָ אַנדערטהאַלבן וואָכן פאַר דער ליקווידאַציע. מיך האָט אַ פּוילישע פרוי פון וואַלעריאַנאָווקע אַרויסגענומען פון געטאָ, איך זאָל איר שטריקן אַ פּאָר סוועדערס. ניט מיט מיין ווילן בין איך אַוועק, נאָר דער הונגער אין שטוב האָט מיך געטריבן. איך האָב געוווּסט, אַז ווען איך וועל זיין אין דרויסן, וועל איך קאָנען איבערשיקן פּראָדוקטן אונדזער משפּחה. אָבער ליידער האָט דאָס לאַנג ניט געדויערט.

אַנדערטהאַלבן וואָכן שפּעטער, פרייטיק צונאַכטס, האָט מען מיר געבראַכט די



גרוילעכע בשורה, אַז דער געטאָ איז אַרומגערינגלט מיט ס.ס. און אוקראַינישע פּאָליציי. אַלע יידן האָט מען צוזאַמענגעטריבן ביים יודנראַט, ווו זיי זענען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט. שבת אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע, וואָס האָט געדויערט צוויי טעג.

אויסראַטונג פון מיינע טייערע

צו יענער צייט בין איך געזעסן צווישן קוסטעס אויף דער צווייטער זייט סטער. איך האָב געהערט דאָס געוויש פון די אויטאָס, די געשרייען פון די קינדער און דאָס שיסעריי. איך האָב געוווּסט, אַז דאָרט אויף דער צווייטער זייט סטער פאַלן מיינע נאָענטסטע און ליבסטע. איך האָב קיין טרער ניט געלאָזן. פאַר גרויס ווייטיק איז דאָס האַרץ פאַר־שטיינערט געוואָרן.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט דאָס קאַפּיטל ראָזשישטש און פאַר מיר האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַפּיטל פון נע־ונד.

מיינע וואַנדערונגען

ביים ליקווידירן דעם געטאָ, אין אויגוסט 1942, האָב איך זיך געפונען ביי אַ קריסטין, יאַקובאָווסקאַ, וועלכע האָט מיך אַרויסגענומען פון געטאָ, כדי איך זאָל ביי איר אַרבעטן — שטריקן.

דריי וואָכן נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָט זי מיר באַפוילן פאַרלאָזן איר שטוב, ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר איר לעבן. איך בין אַוועק און אָנגעהויבן וואַנדערן. ווו אַ וואַלד, ווו אַ קוסט, ווו אַ סטויגל אין אונדזער געגנט האָב איך זיך דאָרט געהאַלטן, איינע אַליין. איך האָב געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף, פון וואַלד צו וואַלד, אָן עסן. איך בין געווען געשוואָלן פון הונגער.

בעת מיינע וואַנדערונגען האָב איך זיך ניט אָנגעשטויסן אויף קיין שום ייד, סיי איינצעלנע, סיי גרופּן. אַנדערטהאַלבן יאָר צייט האָב איך קיין ייד פאַר מיינע אויגן ניט געזען. פּאָלאַקן האָבן מיר געזאָגט, אַז עס זענען פאַראַן יידן פּאַרטיזאַנער מיט געווער, וואָס קומען אין די דערפער — איך האָב זיי אָבער ניט געזען. איך האָב געוואָלט גיין צו די פּאַרטיזאַנער, אָבער איך האָב זיי ניט געקענט געפונען. גיין אַליין אין די טיפענישן פון די וועלדער — האָב איך מורא געהאַט.

די באַציאונג פון די איינוווינער פון דער סביבה צו מיר איז געווען פאַרשידן. ווען די פרוי יאַקובאָווסקאַ האָט מיך אַרויסגעיאָגט און איך האָב אָנגעהויבן וואַנדערן, האָב איך זייער געהונגערט. פלעג איך, דעריבער, אַריינגיין אין אַ גאָרטן אַרויסרייסן אַ מייער, אַ בוראַק און מיט דעם האָב איך זיך דערנערט. איך פלעג גיין נאָר ביינאַכט. אין שטוב האָב איך מורא געהאַט אַריינצוגיין. בייטאָג פלעג איך ליגן אָדער אין וואַלד, אָדער צווישן די קוסטעס. די מייז זענען געווען מיינע חברים.

איך בעטל אַ שטיקל ברויט

נאָכהער האָב איך געזען אַז איך קען שוין מער ניט אויסהאַלטן, און אַז איך בין געשוואָלן פון הונגער, האָב איך אָנגעהויבן גיין אין די הייזער בעטן אַ שטיקל ברויט. מען פלעגט מיר געבן אַ שטיקל ברויט און גלייך הייסן גיין, ווייל מען האָט מורא געהאַט.

איינמאָל איז געווען אַ פאַל, ווען איך בין אַריין אין אַ שטוב, וועמענס באַלעבאַטים זענען מיר געווען אומבאַקאַנט. דאָס זענען געווען אוקראַינער. מען האָט גלייך פון מיר אַרונטערגענומען די שטיוול און געוואָלט מיר אומברענגען. איך האָב געעפנט די טיר און שנעל אַנטלאָפן.



נישט ווייט פון דאָרט איז געווען אַן „אַלעאַרניע״ (אייל פאַבריק), ווו ס'האָבן געאַרבעט פּאָלאַקן. איך האָב זיך דאָרט אַריינגעגנבעט און באַהאַלטן זיך צווישן די מאַשינען. דאָ האָט מען מיר שוין ניט געטשעפּעט.

ווען ס'איז געוואָרן שטאַרק קאַלט, דעצעמבער 1942, האָב איך זיך אויפגעהאַלטן אַ שטיקל צייט אין וואַלד. פּלוצים האָב איך באַמערקט, אַז פון אַן אַלט הויז גייט אַ רויך פון קוימען. איך בין אַריין אין שטוב און געבעטן מען זאָל מיך לאָזן אָנוואַרעמען.

די באַלעבאָסטע, פרוי זשימאָווסקאַ, האָט מיך גלייך אָפּגעקאָכט אַ הייסע קאַשע. דאָס איז געווען אַ פּוילישע משפּחה, פון אַ מאַן, ווייב, צוויי טעכטער, אַן אייניקל און אַ באָבע. אַלע האָבן געוווינט אין איין צימער. דאָס אָרעמקייט און שמוץ איז געווען שרעקלעך. די פרוי האָט מיך אויפגענומען און אָנגעהויבן אויספרעגן ווער איך בין, וויאַזוי איך בין געבליבן לעבן. זי האָט מיר געהייסן בלייבן ביי איר. זי האָט וואָל און וויל אַז איך זאָל אויסשטריקן אַ סוועטער פאַר דער טאָכטער. אַזוי בין איך געבליבן ביי איר.

איך בין דאָרט פאַרבליבן ביי דריי מאָנאַטן. דאָס דאָרף האָט געהייסן סידאָראָווקאַ, אַ פוילישע דאָרף. איינמאָל האָבן מיר די שכנים אַנטדעקט, און איך האָב געמוזט אַוועק פון דאָרט.

נייע באהעלטענישן

אויף דער צווייטער זייט באַן־ליניע זענען געווען קאָרטשעס און צווישן זיי אייניקע הייזער. מיין באַלעבאָס, זשימאָווסקי, איז אַוועק אַהין און געבעטן ביי איינער אַ פאָלקע, פרוי ליאַכאָווא, זי זאָל מיך אַריינעמען צו זיך. זי איז באַשטאַנען, אַז איך זאָל קומען צו איר.

ביינאַכט האָט מיך זשימאָווסקי געבראַכט אַהין און איך בין דאָרט צייטווייליק פאַר־בליבן. ווען דער פרויס מאַן איז געקומען און מיך דערזעען, האָט ער מיר געגעבן אַ שטיקל ברויט און באַפוילן פאַרלאָזן זיין שטוב.

אינדערפרי איז געקומען צו זשימאָווסקי די פרוי ליאַכאָוואַ און געזאָגט, אַז זי וועט פאַר מיר מאַכן אויפן בוידעם אַ באַהעלטענש, אַז איר מאַן זאָל ניט וויסן. בעצם זענען זיי ביידע געווען אַנטיסעמיטן. זי האָט געשטאַמט פון פויזן און ער פון קעלץ. זי האָט מיך אָבער געדאַרפט האָבן צו דער אַרבעט. און אפשר איז עס געווען מיין מזל, איך זאָל בלייבן לעבן...

זי האָט מיר געמאַכט אַ באַהעלטעניש ביי זיך אויפן בוידעם. דאָרט בין איך פאַרבליבן 5 מאָנאַטן. ווינטער פלעג איך זיצן מיט הענטשקעס אויף די הענט און שטריקן. איינמאָל האָט מיך דער מאַן געפונען אויפן בוידעם. איך האָב געזאָגט, אַז בעת אַן איבערפאַל פון באַנדעראָווצעס אין יענער געגנט בין איך אַנטלאָפן און געקומען אַהער זיך באַהאַלטן. ער איז באַשטאַנען איך זאָל בלייבן איבער נאַכט און פאַרלאַנגט איך זאָל אין דער פרי גלייך פאַרלאָזן זיין הויז. איך האָב אים דאָס צוגעזאָגט. די באַלעבאָסטע האָט מיר צוגע־גרייט אַן אַנדער פלאַץ, ווו איך בין ווייטער פאַרבליבן.

מיין נייער באַלעבאָס האָט געאַרבעט ביי דער באַן. אַכט טעג פלעגט ער אַרבעטן בייטאָג און אַכט טעג — ביינאַכט. ווען ער האָט געאַרבעט בייטאָג בין איך געווען אויסבאַהאַלטן אין זיין שטוב אונטערן בעט, הינטער די שראַנק און אַנדערע ענלעכע ערטער.

נישט איינמאָל פלעגט ער אָנקומען אומדערוואַרטעט. ווען איך פלעג אים דערזעען דורכן פענצטער און האָב שוין קיין צייט געהאַט אַרויסלויפן פון שטוב, פלעג איך אַריינ־שפרינגען אין אַ קעלער, אין וועלכן זיי האָבן געהאַלטן חזירים. צווישן די חזירים בין איך פאַרבליבן ביז איך האָב געקענט צוריק אַרויף אויפן בוידעם.



אין שטוב זענען געווען צוויי גרויסע קינדער און איין קליין קינד. זיי האָבן אויף מיר רחמנות געהאַט און קיינמאָל ניט דערקוטשעט. זיי האָבן מיר געגעבן עסן און אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצוּוואַשן. בכלל, ווי לאַנג איך בין ביי זיי געווען האָבן זיי מיך אָפּגעהיטן. איך בין אָבער געווען געצוווּנגען ווייטער צו וואַנדערן.

פנים־אל־פנים מיט די דייטשן

איינמאָל האָט פּאַסירט אַ פאַל, אַז עס זענען געקומען רוסישע פאַרטיזאַנער און אונטערגעלייגט מינעס אין דער געגנט. דאָס הויז איז געווען ניט ווייט פון דער באַן־ליניע, אונטער וועלכער מען האָט אונטערגעלייגט די מינעס. די דייטשן האָבן אַרויסגעיאָגט די איינוווינער פון די הייזער און געמאַכט אָבלאַווס אין דער געגנט. דערנאָך האָבן זיי פאַרברענט אַלע הייזער און די איינוווינער זענען געווען געצוווּנגען פון דאָרט אַנטלויפן.

ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען אין הויז מיט אַ באַפעל דאָס צו פֿאַרברענען, האָט די פֿרוי ליאַכאָוואַ אָנגעהויבן דערציילן, אַז דער מאַן אַרבעט אויף דער באַן־ליניע (זי האָט גוט גערעדט דייטש) און אַז זי איז דאָ אַליין מיט קליינע קינדער. זי בעט מען זאָל אויף איר רחמנות האָבן און ניט פֿאַרברענען דאָס הויז. בשעת מעשה בין איך געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט די דייטשן, וואָס זענען געשטאַנען מיט געווער אין האַנט. מיין מוטיקע האַלטונג האָט ניט אַרויסגערופֿן קיין חשד ביי זיי, בעיקר ווייל זיי האָבן געזוכט מענער. מען האָט זיי איבערגעגעבן, אַז אין דער געגנט באַהאַלטן זיך אויס דריי פּאַרטיזאַנער. איך האָב זיי איינמאָל געזעען. מען האָט זיי ניט געקענט געפֿונען.

די באַלעבאַטים זענען אַוועק פֿון שטוב און איך בין געבליבן ליגן אין דער סטאָדאָלע (שייער), ווייל איך האָב ניט געקאָנט גיין צוזאַמען מיט זיי. שפּעט ביינאַכט בין איך אַוועק פֿון דאָרט, ווייל געוויינלעך פֿלעגט קומען אַ קאָמיסיע נישטערן אין יעדן ווינקל. איך בין אַוועק צו דער ערשטער פּאָלקע, ביי וועלכער איך בין געווען באַלד נאָכן אַרויסגיין פֿון געטאָ.

דאָס איז שוין געווען אין יאָר 1943. דאַן האָבן שוין די באַנדעראָווצעס געבושעוועט אין יענע געגנטן און די פּאָלאַקן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פֿאַר זיי, גלייך ווי די יידן. ווען איך בין געקומען צו דער פֿרוי יאַקובאָווסקאַ האָט זי צו מיר געזאָגט:

„זעסט, איצט ליידן מיר, פּאָלאַקן, אַזוי ווי די יידן און מיר מוזן זיך אויך אויס־באַהאַלטן”.

איך האָב גאָרנישט געענטפֿערט, נאָר אין האַרצן האָב איך זיך געטראַכט: אַ גוטע צייט און גוט דיר אַזוי.

זי האָט מיך גראַדע גוט אויפֿגענומען. איך בין ביי איר געבליבן אַ לענגערע צייט. איך געדענק שוין ניט וויפֿל חדשים איך בין דאָרטן פֿאַרבליבן. אַזוי האָב איך דורכגעמאַכט די צייט, ביז יאָר 1944, בלאָנקענדיק און וואַנדערנדיק פֿון אָרט צו אָרט.

ווען איך בין געווען ביי דער פֿרוי ליאַכאָוואַ, האָט כלומרשט דער מאַן דערפֿון ניט געוווּסט, אָבער איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט יאָ געוווּסט, נאָר זיך געמאַכט ניט־ווויסנדיק. איך פֿלעג שלאָפֿן אין שטוב דאַן, ווען ער האָט געאַרבעט ביינאַכט. עס קען ניט זיין, אַז ער האָט מיך קיינמאָל ניט באַמערקט.

די שכנים פֿון די פֿרוי יאַקובאָווסקאַ ווו איך האָב זיך איצט באַהאַלטן, האָבן מיך גלייך דערשנאַפּט און איך האָב געמוזט אַוועק אין פֿעלד און דאָרט באַהאַלטן זיך. די פֿרוי יאַקו־באָווסקאַ האָט מיר געבראַכט עסן אין פֿעלד, אָבער די לאַגע איז געווען אַ געפֿערלעכע און די מורא איז געווען גרויס.

איך האָב ניט איינמאָל געהערט, אַז די דאָרטיקע באַפֿעלקערונג כאַפּט איינצעלנע, בלאָנקענדיקע יידן, און גיט זיי איבער דער פּאָליציי. יעדעס מאָל פֿלעגן מיינע באַלע־באַטים דערציילן, אַז מען האָט געכאַפּט אַסאַך יידן און זיי איבערגעגעבן דער אוקראַי־נישער פּאָליציי, וועלכע האָט זיי אַוועקגעפֿירט צום שיסן. איך האָב אַפֿילו אָפּגענומען אַ „גרוס” וועגן מיינער אַ קוזינע, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. זי איז אַריינגע־פֿאַלן אין די הענט פֿון די באַנדעראָווצעס, וואָס האָבן איר פֿאַרמישפּט צום טויט. ביז מען האָט איר דערשאָסן האָבן זיי איר שטאַרק געפּייניקט.

די באַפֿרייאונג



אין פֿעברואַר 1944 איז געקומען די באַפֿרייאונג. נאָך דער באַפֿרייאונג בין איך געבליבן אויסבאַהאַלטן נאָך צוויי וואָכן, ווייל מיין באַלעבאָסטעס יינגל איז געקומען און דערציילט, אַז די רוסישע זעלנער האָבן אים געזאָגט:

„אויב דו וועסט טרעפֿן אַ ייד, זאָלסטו אים דערהרגענען”.

קאָן זיין אַז דאָס איז געווען באַנדעראָווצעס. אָבער איך האָב מורא געהאַט. די באַלעבאָסטע אַליין האָט זיך אויך געטראָפֿן מיט רוסן וואָס האָבן איר אויך געזאָגט די זעלבע ווערטער. זי איז געקומען און מיר גלייך דאָס איבערגעגעבן. דעריבער בין איך געבליבן באַהאַלטן, ביז ס'איז געקומען מער רוסיש מיליטער. זיי האָבן מיר דאָרט געזעען און געפֿרעגט, ווער איך בין. זי האָט געזאָגט, אַז איך בין איר מאַנס שוועסטער.

איך האָב זיי אויסגעפרעגט וועגן די לאַגע אין רוסלאַנד. זיי האָבן געענטפערט, אַז אַלץ איז ווי געווען. מיר האָט מען געזאָגט, אַז סטאַלין איז שוין ניטאָ און אַז אַלע יידן האָט מען פאַרשיקט אין סיביר, אַז יידן אַרבעטן ניט אויף קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכן פאָסטן א.אַ.וו. ווען איך האָב געפרעגט די זעלנער, צי דאָס איז ריכטיק, האָבן זיי געלאַכט פון מיר און געזאָגט, אַז דאָס איז ליגן און אַז אַלץ איז דאָרט ווי געווען.

„אָט האָסטו — האָט איינער צו מיר געזאָגט — אַ יידישן סאָלדאַט”.


דאַרויף האָב איך זיי דערציילט, אַז איך בין אַ יידישע און בין געווען אויסבאַהאַלטן בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע.

איך האָב גערעדט מיטן יידישן סאָלדאַט, אָבער די רוסן האָבן זיך מער מיט מיר אינטערעסירט ווי יענער יידישער זעלנער.

דעם 22־סטן פעברואַר, אין יום־טוב פון דער רויטער אַרמיי, האָבן זיך די רוסן זייער אָנגעשיכורט. די דייטשן האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און געעפנט אַ גרויס פייער. די רוסן האָבן אָנגעהויבן לויפן. איינער פון די רוסישע זעלנער האָט מיך געוואָרנט:

„טאָמער פאַלסטו איצט אַריין צו די דייטשן, וועלן זיי דיך דערהרגענען”.

איך אנטלויף קיין רוסלאנד



איך אַליין האָב אויך דערפאַר זייער מורא געהאַט. איך בין אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די רוסן. זיי זענען אָפּגעטראָטן פון יענעם געגנט. מיר זענען געלאָפן ביז קיווערץ. דאָרט האָב איך געטראָפן די ערשטע אָפּגעראַטעוועטע יידן פון אונדזער שטעטל, צווישן זיי מיינע אַ חברטע, שרה האָפמאַן (טאָכטער פון חיים האָפמאַן), איצט רובינשטיין, וועלכע איז דאָרט געווען צוזאַמען מיט איר פאָטער. זיי זענען געווען באַהאַלטן די גאַנצע צייט און דורכגעמאַכט דאָס זעלבע ווי איך. בדרך כלל האָבן זיך פון אונדזער שטעטל געראַטעוועט זייער ווייניק מענטשן. די מערהייט פון זיי געפינט זיך איצט אין ישראל.

אַזוי ווי מיר האָבן געוואָלט וואָס מער זיך דערווייטערן פון די דייטשן, האָבן מיר פאָרגעזעצט דעם וועג אין לאַסט־צוג וואָס האָט אונדז אַרויסגענומען פון ראָזשישטש. מיר דריי און אַ פרוי, טייבל בעקער, זענען אָנגעקומען קיין קיעוו.

אויפן קיעווער וואָקזאַל זענען מיר אָנגעקומען ביינאַכט. מיר האָבן ניט געהאַט וווּ צו נעכטיקן. קיין שפּייז האָבן מיר אויך נישט געהאַט. מיר זענען אַוועק צום קאָמענדאַנ־טור און געבעטן אַ פּלאַץ צו שלאָפן. מען האָט אונדז געשיקט צו אַ יידישע משפחה, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון דער עוואַקואַציע אין טיף רוסלאַנד. איך געדענק ניט זייער נאָמען. זיי האָבן אונדז בכלל ניט אַריבערגעלאָזט זייער שוועל זאָגנדיק, אַז זיי זענען נאָר וואָס צוריקגעקומען און האָבן זעלבסט ניט וווּ צו שלאָפן. ס'האָבן ניט געהאָלפן אונדזערע תחנונים. אַז מיר זענען גרייט צו שלאָפן אויפן דיל. אַבי מיר זאָלן האָבן וווּ אונדזער קאָפּ אַוועקצולייגן. מיר זענען געווען געצוווּנגען צוריקצוקערן אין דער קאָמענ־דאַנטור און דאָרט זענען מיר געשלאָפן אויפן דיל.

צומאָרגנס איז דער פאָטער פון מיין חברטע און די צווייטע פרוי אַוועק עפּעס קויפן און זיי זענען פאַרשוווּנדן, ווי אין וואַסער אַריין.

מיר זענען געבליבן צוויי יינגע מיידלעך אין אַ פרעמדער שטאָט, אָן באַקאַנטע און אָן מיטלען צום לעבן. מיר זענען אַוועק זוכן אַרבעט. מען האָט אונדז געזאָגט אַז אין גאָרסאָוויעט (שטאָט־ראַט) זוכט מען אַרבעטער.

מיר זענען דאָרט אַוועק. מען האָט אונדז געשיקט אַרבעטן אין אַ מיליטערישער פאַבריק. דאָס איז געווען אַ שיף־בוי־פאַבריק. מיר זענען אָנגענומען געוואָרן אַלס פּשוטע אַרבעטער.

מען האָט אונדז דאָרט אויסגעפרעגט ווער מיר זענען און פון וואַנען מיר שטאַמען. מיר האָבן קיין שׂכל ניט געהאַט אָנצוגעבן פאַלשע נעמען, נאָר דערציילט גענוי ווי מיר הייסן און פון וואַנען מיר שטאַמען. דאָס איז געווען אַ גרויסער פעלער, ווייל נאָכדעם האָט מען אונדז ניט געוואָלט אָפּלאָזן און מיר זענען געווען געצוווּנגען פון דאָרט אַנטלויפן.

ווען מען האָט אונדז צוגענומען צו דער אַרבעט איז געווען דערביי אָנוועזנד אַ רוסישע פרוי, אויך אַ מאָביליזירטע צו דער אַרבעט אין דער פאַבריק. זי האָט זיך

צוגעהערט ווי איך דערצייל מיינע איבערלעבענישן און אויף וועלכן אופן איך האָב זיך געראַטעוועט. די פרוי, וועמענס מאַן איז געווען אַ מאַיאָר, האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב וואָס צו עסן און ווו צו שלאָפן. הערנדיק, אַז איך בין אַליין און אָן מיטלען צום לעבן האָט זי מיך און מיין חברטע איינגעלאַדן צו זיך און אונדז געגעבן עסן. איר נאָמען איז געווען זשעניע סניעגיריאָוואַ. זי האָט אונדז געצוווּנגען בלייבן ביי איר. אַ דאַנק אָט דער טיאָטיע זשעניע, ווי מיר האָבן זי גערופן, האָבן מיר אויסגעהאַלטן אַ האַלב יאָר אין קיעוו.

מיר האָבן באַקומען אַן אָבשטשעזשיטיע (אַ בשותּפותדיקע דירה), אָבער עסן האָבן מיר באַקומען זייער ווייניק, און ווען ניט די הילף פון טיאָטיע זשעניע, וואָלטן מיר אויסגעגאַנגען פון הונגער.

בלויז איין יידיש קינד האָט געאַרבעט מיט מיר אויפן זאַוואָד. פאַרן קריג איז איר מאַן געווען אַן אינזשיניער אין זעלבן זאַוואָד. ער איז געשטאָרבן אין סיביר, און זי איז געבליבן אַליין. זי איז צוריקגעקומען קיין קיעוו. קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט. איר נאָמען געדענק איך ניט. מיר האָבן זייער גוט געלעבט צווישן זיך. מיר האָבן צוזאַמען געוווינט אין אונדזער בשותּפותדיקער דירה.

נאָך דריי מאָנאַטן האָט זיך מיין חברטע דערוווּסט, אַז איר פאָטער איז אין קאָראָסטען. זי איז אַוועק, אָן אַ דערלויבעניש, צו איר פאָטער. מען האָט זי געכאַפּט און פאַרמשפּט אויף 5 יאָר צוואַנגס־אַרבעט אין דאָנבאַס.

איך, דאַקעגן, האָב פיל מאָל אָנגעגעבן ביטעס, מען זאָל מיר דערלויבן פאָרן אַהיים, זעען צי איז אימיצער פון מיין משפּחה געבליבן לעבן. איך האָב געמאַכט מער אַרבעט ווי אַלע אַנדערע, און טראָץ דעם האָבן זיי געטענהט, אַז יידן ווילן ניט אַרבעטן.

אנטיסעמיטיזם אין רוסלאנד

בכלל איז דער אַנטיסעמיטיזם געווען זייער פאַרשפּרייט אין קיעוו, אַפילו צווישן מיליטער־לייט. ס׳האָט פּאַסירט, אַז אויפן באַזאַר איז אַ פאַרוווּנדעטער רוסישער אָפיציר צוגע־גאַנגען צו אַ יידישע פרוי קויפן מילך און האָט איר ניט געוואָלט באַצאָלן. ווען זי האָט אָנגעהויבן שרייען, האָט ער די פלאַש מילך צעבראָכן אויף איר קאָפּ. דער אָפיציר איז געווען אַ געראָי סאָוויעטסקאָוואָ סאָיוזאַ (אַ העלד פון ראַטנפאַרבאַנד). גאַנץ קיעוו איז געווען אויפגעבראַכט. ס׳טייטש, אַ יידישע פרוי האָט נישט געוואָלט געבן אַ ביסל מילך אַ פאַרוווּנדעטן געראָי, וועלכער האָט אַזויפיל בלוט פאַרגאָסן פאַרן פאָטערלאַנד...

ס׳האָט אָפט פּאַסירט, אַז אויפן יידישן באַזאַר („יעוור־באַז" — ווי מען האָט דאָס גערופן) איז מען אָנגעפאַלן אויף יידן.

איך האָב געלעבט אין אָפּשטשעזשיטיע מיט בלויז קריסטינס. זיי האָבן געוווּסט, אַז איך בין אַ יידישע. איך האָב ניט פאַרלייקנט מיין אָפּשטאַמונג. איך האָב מיט זיי זייער גוט געלעבט. די טיאָטיע זשעניע האָט געטאָן פאַר מיר זייער פיל. טראָץ דעם איז מיר דאָס אַלעס פאַרמיאוסט געוואָרן און איך האָב געוואָלט אַהיים.

דער נאַטשאַלניק פון אונדזער זאַוואָד איז געווען אַ גרויסער אַנטיסעמיט. ער פלעגט מיינע ביטעס אַפילו ניט איבערגעבן דעם דירעקטאָר. ער האָט זיי גלייך צעריסן. פיר ביטעס האָב איך אָנגעגעבן מען זאָל מיר דערלויבן פאָרן אַהיים זוכן מיינע קרובים און האָט אַלע פאַרניכטעט. איך האָב דערפון ניט געוווּסט, ביז ס׳איז געקומען אויף זיין פּלאַץ אַ יידישער נאַטשאַלניק. זיין נאָמען קען איך מיר, ליידער, ניט דערמאָנען. ער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער עוואַקואַציע. איך האָב זיך צו אים גלייך פערזענלעך געווענדעט מיט דער ביטע, אַז איך בין פון מערב־אוקראַינע און וויל פאָרן אויף אורלויב אַהיים, כדי צו זען אויב ס׳איז ווער פון מיין משפּחה געבליבן לעבן. ער האָט מיין ביטע איבער־געגעבן דעם דירעקטאָר. נאָכהער האָט ער מיך גערופן און געזאָגט:

„הער זיך איין. איך לאָז דיך פאָרן אַהיים, נאָר איך פאַרלאַנג, אַז דו זאָלסט צוריק־קומען. אויב ניט וועל איך האָבן גרויסע צרות".



אפשר האָב איך געטאָן אַ נאַרישקייט און אַפילו פאַרשאַפּט דעם מענטש צרות, אָבער איך בין אַוועק און מער ניט צוריקגעקומען. מען האָט מיך נאָכהער געזוכט אין קיעוו און אין אונדזער שטאָט, אָבער איך בין שוין דאָרט ניט געווען.

צוריק אין ראזשישטש

אין ראָזשישטש האָב איך געטראָפן אייניקע באַקאַנטע יידן. פון אונדזער משפּחה האָב איך קיינעם ניט געפונען. אונדזער שטוב איז געווען צעשטערט. די ערשטע נאַכט אין ראָזשישטש האָב איך איבערגענעכטיקט אויפן וואָקזאַל, ווייל כ׳האָב נישט געהאַט וווּ אַריינצוגיין. נאָכהער בין איך אַוועק צו דער פרוי יאַקובאָווסקאַ און ביי איר געווען אייניקע מאָנאַטן.

נאָכהער האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אין מיין פאַך אַלס שטריקערן און געדונגען אַ צימער מיט נאָך אַ יידיש מיידל, אסתר טעסלער, וואָס איז אויך געבליבן אַליין און געבליבן לעבן דורך אויסבאַהאַלטן זיך ביי גוויים, היינט איז איר נאָמען אסתר פּופּ.

איך האָב געשטריקט פאַר די פּאָלאַקן אין שטעטל. אויף אַ פּאָסטן האָב איך מורא געהאַט צו גיין, און בין געזעסן די גאַנצע צייט אין שטוב, כדי ניט אַרעסטירט צו ווערן דורך דער פּאָליציי וועלכע האָט מיך געזוכט. איך האָב אויך געלעבט אויף אַ פרעמדן נאָמען.

שפּעטער זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין פּוילן און פון דאָרט קיין דייטשלאַנד, און נאָכהער — קיין ארץ־ישראל.



איך האָב געזען זייער לעצטער וועג

עווא טוזשינסקא־טראַונשטיין



עווא טוזשינסקא־טראַונשטיין, אַן אַפּטייקערין פון ראַזוואַדוו (גאַליציע), איז אַנטלאָפן מיט איר פאַמיליע (מאַן, זון און מוטער) ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו איר שטאָט אין סעפּטעמבער 1939. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען אין נויט און פּיין איז זי אָנגעקומען קיין ראַזשישטש, ווו דער ברודער פון איר מוטער האָט געאַרבעט אַלס אַפּטייקער. אין ראַזשישטש האָט זי באַקומען בעת דער סאָוויעטישער מאַכט אַרבעט אין דער אַפּטייק נומער 8, אָנהויבנדיק פון 11־טן מערץ 1940. אירע וואַנדערונגען און איבערלעבונגען אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע און איר קאַמף פאַר איר לעבן און לעבן פון אירע טייערע זענען פאַרשריבן אין „יד ושם" אין תל־אָביב. פון די דאָזיקע פאַרצייכענונגען האָבן מיר אַרויסגענומען דעם פּרק, וואָס איז פאַרבונדן מיט ראַזשישטש.

דעם 11־טן מערץ 1940 בין איך אָנגענומען געוואָרן אויף אַרבעט אין דער אַפּטייק נומער 8, וואָס איז דאַן געווען אַ סאָוויעטיש אייגנטום. ס׳האָט זיך אונדז געדוכט, אַז מיר האָבן זיך שוין ווי ס׳איז איינגעאָרדנט. פון מיין געהאַלט האָב איך ווי ס׳איז געקענט שפּייזן מיין משפּחה. אויך מיין מאַן האָט באַקומען אַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַ רעסטאָראַן. אונדזער זון, ליאָניק, איז שוין דאַן אַלט געווען פינף יאָר און האָט זיך נאָרמאַל אַנטוויקלט, פיל בעסער ווי אַנדערע קינדער אין זיין עלטער. ער האָט אָנגעהויבן לערנען ביי אַ פּריוואַטער לערערין, לוסיאַ אילניצקאַ.

אָבער זייער גיך איז צעשטערט געוואָרן דאָס רואיקע לעבן. מ׳האָט מיך געוואָלט אַנגאַזשירן צו דינען די סאָוויעטישע געהיים־דינסט (נ.ק.וו.ד.).

איינמאָל ביינאַכט האָט מען מיך גערופן אין דער פּאָליציי און אַ פּאָליציאַנט האָט מיך פאַראָרדנט, אַז איך זאָל יעדן וואָך צושטעלן פּרטים דער נ.ק.וו.ד. וועגן אַלץ וואָס ס׳קומט פאָר אויף מיין אַרבעטס־פּלאַץ אין דער אַפּטייק נומער 8. דער פּאָליציאַנט האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש זיין רעוואָלווער, כדי איך זאָל פאַרשטיין דעם רמז. ער האָט מיר געוואָרנט, אַז אויב איך וועל נישט ווי געהעריק אויספילן מיין פליכט און אויב איך וועל נישט האַלטן בסוד מיין אויפגאַבע — וועט זיין נישט גוט.

איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים אַ צעבראָכענע. אייניקע מאָל בין איך געווען געצוווּנגען אונטער דראָאונגען קומען אין דער פּאָליציי אין די שפּעטע שעהן פון דער נאָכט. די שרעק האָט מיך דערדרוקט, אָבער ס׳איז זיי נישט געלונגען עפּעס אַרויסבאַקומען פון מיר. דאָס האָט זיי אַרויסגעפירט פון די כלים. איינמאָל האָט דער פּאָליציאַנט, זייער אַ פּרעכער מאַן, מיר אָנגעהויבן שטאַרק זידלען און שילטן מיט קללות אויף אַ זייער באַליידיקנדיקן אופן. ער האָט אַ שפּיי געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע און מיך אַרויסגעטריבן.

איך ראַטעווע אַ מענטשנס לעבן

איינמאָל פאַרמיטאָג איז געקומען אַ פרוי אין אַפּטייק און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. זי האָט געבעטן ניטראָגליצערין פאַר איר מאַן, וואָס איז פּלוצלינג שטאַרק קראַנק געוואָרן. דידאָזיקע תרופה איז שוין לאַנג נעלם געוואָרן פון ראַזשישטש און אויך אין לוצק האָט מען די רעצעפּט נישט געקענט באַקומען.

דאָס געוויין פון דער פרוי און איר פאַרצווייפלונג האָט מיך גערירט און האָב אויף איר רחמנות באַקומען. נישט ווויסנדיק ווער די פרוי איז און ווער איר מאַן איז, האָב איך באַשלאָסן פאָרן אין דער ווייטער שטאָט לעמבערג, נישט געבנדיק צו וויסן וועגן דעם אַפילו מיין משפּחה און דעם פאַרוואַלטער פון דער אַפּטייק. איך האָב זיך נישט גערעכנט מיט די גרויסע שוועריקייטן וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט אַזאַ נסיעה אין יענע צייטן. דער ווילן צו באַקומען די נויטיקע רפואה און ראַטעווען אַ שווער קראַנקן האָט גובר געווען אַלע שוועריקייטן.

שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דער קראַנקער איז געווען אַ פּאָלאַק, דער מאַן פון פרוי דאָבראָוואָלסקאַ, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט האָדעווען חזירים און זיך זייער שווער מתפּרנס געווען דערפון.

דעם זעלבן אָוונט בין איך געפאָרן קיין לעמבערג מיט דער באַן. נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען איז מיר געלונגען באַקומען די נויטיקע רפואה. 4 אַזייגער פאַרטאָג האָב

איך זיך צוריקגעקערט קיין ראָזשישטש. איך האָב באַלד אַוועקגעטראָגן די רפואה צום קראַנקן דאָבראָוואָלסקי, וועלכער איז געלעגן אין בעט כמעט אַ גוססדיקער, וואָס דערוואַרט דעם טויט.

אַ געוויסע צייט נאָך דער פּאַסירונג איז אַרייַנגעקומען אין דער אַפּטייק אַן עלטערער מענטש, אַ הויכער, מיט איין צאָן, וואָס האָט אַרויסגעסטאַרטשעט פון דער אויבער־שטער קין־באַק. ער האָט מיר אויסגעשטרעקט זיין האַנט און געזאָגט:

„אַ גרויסן דאַנק דיר, וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר. איך וועל זיך באַמ·ען דיך אָפּדאַנקען ווי געהעריק פאַר דיין טאַט!"

אין דער צייט האָב איך נישט צוגעגעבן קיין שום וויכטיקייט צו זיינע רייד, אָבער זייער גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי גורלדיק איז געווען פאַר מיר דערדאָזיקער צופּע־ליקער פאַל מיט דער רפואה.

די נאַציס קומען

21־סטער יוני. באָמבעס און עראָפּלאַנען. ס'איז אויסגעבראָכן אַ פרישע מלחמה, די מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד.

אַ גרויסער פחד האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען, ווען אין אַ פאָר טעג שפּעטער האָבן זיך באַוויזן אין גאַס די דייטשן. אונדזערע פריינד, צווישן זיי ד״ר ליקוואָרניק, האָבן אונדז געראַטן אַנטלויפן קיין רוסלאַנד. אָבער מיין מאַן, מיין מוטער און אויך איך האָבן זיך געשראָקן פאַר הונגער און ליידן, וואָס וועט אונדז זיכער דערוואַרטן אין אונדזערע וואַנדערונגען. מיר זענען געבליבן אויפן פּלאַץ.

אויפן דריטן טאָג נאָכן אַרייַנקומען פון די דייטשן אין שטאָט האָבן מיר געעפנט די אַפּטייק. מיטאָג־צייט איז אַריין אַ דייטש, אַ הויכער מאַן, אין אַן אוניפאָרם פון אַ הויכן אָפיציר און אויף זיין ברוסט הויכע אויסצייכנונגען. איך בין געשטאַנען אַ דער־שראָקענע. איך האָב געזען אַז ער איז מיר עפּעס באַקאַנט, אָבער איך האָב זיך נישט געקענט דערמאָנען פון וואַנען איך קען אים. אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן און איך האָב געזען זיין איינציקן אַרויסשטייענדיקן צאָן פון דער אויבערשטער ליפּ האָב איך אים באַלד דערקענט: דאָס איז דער מאַן פון דער פרוי דאָבראָוואָלסקאַ.

ער האָט זיך צו מיר געווענדעט אין דייטש:

„האָב נישט קיין מורא. איך בין געקומען דיר זאָגן, אַז איך וועל מקיים זיין מיין צוזאָג, ווייל דו האָסט מיך געראַטעוועט פון טויט. ווען ס'וועט דיר זיין נישט גוט — קום צו מיר. איך בין דער קרייזלייטער (אָנפירער פון ראַיאָן) און מיין נאָמען איז פאָרסט".

שיסערייען און כאַפּענישן

פון צייט־צו־צייט האָבן זיך געהערט שיסערייען אין גאַס. אַן ס.ס.־מאַן איז אַריין צו אונדז אייניקע מאָל און באַפוילן געבן אים אייער, קעלניש וואַסער, און אַזוי רעדנדיק האָט ער געזאָגט אין אַ שלעכטן פּויליש:

„מען וועט נעמען מענטשן צו דער אַרבעט; ס'וועט זיין זייער שלעכט, אָבער נאָר פאַר יידן".

דידאָזיקע ווערטער האָבן שטענדיק געקלינגען אין מיינע אויערן.


דאָס באַהעלטעניש

מיר האָבן באַשלאָסן שאַפן זיך אַ באַהעלטעניש אין קעלער פון שטוב. מיר האָבן שווער געאַרבעט אין די נעכט, געגראָבן טיף אין דער ערד און ענדלעך איז דאָס קליינע באַהעלטעניש געוואָרן פאַרטיק. מיר האָבן עס זייער גוט פאַרמאַסקירט.

ס'זענען דערגאַנגען צו אונדז קלאַנגען, אַז די דייטשן כאַפּן מענער אין גאַס צו דער אַרבעט און אַז אייניקע פון זיי ווערן דערשאָסן.

איינמאָל האָבן זיך צו אונדז אַריינגעריסן צוויי דייטשן מיט געשרייען:

„ווו זענען די מענער?"



דער זון לעאָן (1946).

„זיי זענען שוין לאַנג אַנטלאָפן. מיר זענען פאַלאַקן" — האָבן מיר געענטפערט.

מיין מאַן איז די גאַנצע צייט געזעסן אין באַהעלטעניש. די לאַגע איז געוואָרן יעדן טאָג שווערער, און בעיקר איז וואָס אַמאָל שווערער געוואָרן צו באַקומען שפּייז.

קאָנפיסקאַציעס און פייניקונגען

ס'זענען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען, אַז די דייטשן גייען קאָנצענטרירן אַלע יידן אין אַ טייל פון שטאָט — דאָס הייסט אין אַ געטאָ. די נאַציס האָבן דורכגעפירט רעוויזיעס אין די יידישע הייזער און קאָנפיסקירט פוטערס, לעדער צו שיך און ווערטפולע זאַכן. שפּעטער איז אַרויס אַ באַפעל אַריבערצוגיין אין געטאָ אין משך פון צוויי שעה. יעדער האָט געהאַט דאָס רעכט נעמען מיט זיך זאַכן וויפל ער קען נאָר שלעפּן אויף זיך. מיר האָבן גענומען איייניקע נויטיקע זאַכן און מיר זענען געגאַנגען צום טויער פון געטאָ.

מיר האָבן געזען דייטשישע סאָלדאַטן שלאָגן און פייניקן די יידן וואָס גייען אַריין אין געטאָ. ס'האָט מיך אַרומגענומען אַ פחד, טאָמער וועט מען שלאָגן מיינע טייערע. אין דער זעלבער מינוט האָב איך דערזען פאָרסטן רייטנדיק אויף אַ פערד און צוקוקנדיק זיך צו דער גרוילעכער סצענע.

איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, מיר זענען אַדורך דעם טויער אָן קלעפּ פון די דייטשישע זעלנער.

אין געטא

מיר זענען אַריין אין אַ קליין הויז, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט אַפילו קיין פּלאַץ ווו צו שטיין. דאָרט האָב איך געפונען די פרוי פון ד"ר ליקוואָרניק מיט די קינדער. מיין מוטער איז אויסגעבראָכן אין אַ געוויין:

„ווי וועט מען דאָס קענען איבערטראָגן די צרות. בעסער שוין דער טויט, איידער אַזאַ לעבן".

די ענגשאַפט איז געווען שרעקלעך. איך מיט מיין מאַן זענען געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט צוגעדרוקט צו דער וואַנט.

מען האָט מיך אויסגעפאָדערט צו דער אַרבעט אין דער אַפּטייק. אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל מיט אַ געלע לאַטע בין איך אַדורך יעדן טאָג די לאַנגע גאַס פון געטאָ. ביינאַכט פלעג איך זיך אומקערן מיט פולע קוישן מיט עסנוואַרג. דאָס פלעגן מיר צעטיילן צווישן אַלע שכנים פון צימער, ווו ס'האָבן זיך געפונען 20 דערוואַקסענע, אַ חוץ קינדער. דאָס אַריינגנבענען עסנוואַרג אין געטאָ איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות.

איינמאָל איז געקומען פאָרסט אין געטאָ און אונדז געגעבן אַ לעבל ברויט און אַ ביסל צוקער. פון צייט־צו־צייט פלעגט ער אויך קומען אין אַפּטייק און ברענגען אונדז אַביסל עסנוואַרג.

דער „יודנראַט" איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו שיקן פון צייט־צו־צייט מענטשן צו דער אַרבעט. אָבער פיל פון זיי זענען נישט צוריקגעקומען. ס'זענען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען, אַז זיי זענען דערשאָסן געוואָרן. איך האָב באַשלאָסן אַרויסצונעמען מיין מוטער און זון פון געטאָ און באַהאַלטן אין אַפּטייק.

מיין מוטער איז אַרויס פון געטאָ מיט אַ גרופּע אַרבעטערינס צו קערן די גאַסן. אונדזער זון האָבן מיר אַריבערגעפירט ביינאַכט, אין דער פינצטער, אונטערן פּלויט פון געטאָ. על־פּי־נס איז ער נישט דערשאָסן געוואָרן. יעדע נאַכט פלעג איך מיך אומקערן אין געטאָ צו מיין מאַן.

דער אומקום פון מיין מאן

אויף דעם „יודנראַט" איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ קאָנטריבוציע — אַ שטראָף פאַרן נישט צושטעלן די געהעריקע אַרבעטער, וואָס די דייטשן האָבן געפאָדערט. די קאָנטריבוציע איז געווען אַן אומגעהויער הויכע און דער פאַרצווייפלטער יידישער עולם האָט געגעבן די לעצטע פּרוטה.

מיין מאמע און מיין ברודער משה'לה

אין אונדזער קליין שטיבל אויפן באַרג האָבן געוווינט, בעת ס'איז דאָרט באַשטימט געוואָרן דער געטאָ, בערך פערציק מענטשן. די ערשטע זענען געקומען קרובים און באַקאַנטע פון אַנדערע שטאָט־טיילן, וואָס מ'האָט געיאָגט אין געטאָ אַריין. ס'איז געווען זייער ענג. מיר האָבן אָפּגעטרעטן די צימערן פאַר די פריש־אָנגעקומענע.

די פּערעספּער יידן זענען אויך געבראַכט געוואָרן אין געטאָ אַריין. סענדער פּערעספּער איז געקומען צו אונדז און פאַר אַ לעבל ברויט אַ וואָך האָט אים די מאַמע אָפּגעטרעטן דאָס צימער און מיר זענען געשלאָפן אויף דער ערד, ביים אַריינגאַנג. אַ ברויט אַ וואָך! ווער קען זיך פאָרשטעלן וואָס דאָס הייסט ביי די באַדינגונגען פונעם געטאָ. אָבער ניט לאַנג האָט סענדער געצאָלט דאָס „דירה־געלט", ווייל ווי האָט ער געקענט נעמען ברויט, אַז ער האָט פאַר זיך אַליין ניט געהאַט.

מיין אָרעמע מאַמע האָט געזוכט, מיט אַלע כוחות, פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי דורכצושלעפּן די שלעכטע צייט און ראַטעווען אירע קינדער. זי האָט געגלויבט, אַז אויב מ'וועט ניט שטאַרבן פון הונגער וועט מען איבערלעבן די שווערע צייטן — ווייל וואָס וועט מען איר טאָן, אַ בידנע אָרעמע אלמנה מיט קליינע קינדער?

איך געדענק, ווען די סאָוויעטן זענען אָפּגעטרעטן איז אַריין צו אונדז אין שטוב אַ רוסישער לייטענאַנט און געזאָגט:

„מאַמאָטשקע, קומט מיט אונדז, ביים דייטש וועט אייך זיין שלעכט."

האָט די מאַמע געזאָגט:

„וואָס וועלן זיי מיר שוין טאָן, אַן אָרעמע אלמנה. איך טשעפּע קיינעם ניט און אַרבעט שווער צו דערנערן מיינע קינדער".

זי האָט זיך, נעבעך, ניט פאָרגעשטעלט — און ווער האָט זיך עס יאָ געקענט פאָרשטעלן — די ליידן און יסורים, וואָס זי האָט איבערגעטראָגן ביז זי איז געגאַנגען מיט אַלע ראַזשישטשער יידן איר לעצטן וועג, טראַגנדיק אויף די הענט איר קראַנק מוזינקל משהלע. מיין ברודער משהלע איז דאַן אַלט געווען עלף יאָר.

איין טאָג האָט ער זיך צוגעגנבעט צו יאָסקע וואַלדס סאָד, ווי אַ מאַלינע האָט אַרויסגעקוקט פון דער אַנדערער זייט פּלויט. דאָס איז שוין געווען אויפן גרענעץ פון געטאָ. האָט אים אַן אוקראַאינישער פּאָליציאַנט נאָכגעיאָגט און משהלע איז געפאַלן און פאַרוווּנדעט די קני. אין געטאָ איז ניט געווען קיין רפואות און מעדיצינישע הילף, האָט מען געמאַכט קאָמפּרעסן פון נאַפט. אָבער משהלע איז געוואַרן שטאַרק קראַנק, געקריגן היץ און געגוסט.



ווען איך בין געקומען פון דארף דאראסין, ווי איך האב געארבעט ביים טארף און געבראכט א שטיקל ברויט, האט ער שוין ניט געקענט עסן.

די מאמע איז געווען פארצווייפלט פון זיין מצב און פון די ידיעות, אז דער סוף איז נאענט. זי האט מיר אנגעזאגט :

גיטעלע, איר זאלט זיך ראטעווען, דו און דוד, כאטש איינער פון אייך ביידע. טאמער וועסטו זען, אז צוליב דיר וועט זיין שווער דודן זיך צו ראטעווען, זאלסטו אוועק פון אים.

איך בין אוועק צוריק צו דער ארבעט אין דאראסין און מער ניט געזען מיין מאמען און ברודער.

נאך דער מלחמה בין איך געקומען קיין ראזשישטש. אויפן פלאץ פון אונדזער שטוב האט געוואקסן קארן. בלויז דריי ווײַנשל־בוימעלעך, וואס איך און משהלע האבן פארפלאנצט, זענען געבליבן. דער שכן וואסקע פאגעל (א גוי) האט מיר דערציילט, אז די מאמע איז געגאנגען איר לעצטן וועג טראגנדיק משהלע אויף די הענט.

גיטעלע טענענבוים־ווילנסקי

צווישנצייט האט מען די מיטגלידער פון „יודנראט" אוועקגעפירט אלס ערובניקעס אין תפיסה, ביז די געפאדערטע סומע וועט צונויפגעקליבן ווערן. צווישן די ארעסטירטע האב איך געזען די מיטגלידער פון „יודנראט" ספעקטאר, קלימבארד און קלייזמאן. דעם לעצטן אין דער ריי האב איך געזען גיין מיין מאן. ער איז נישט געווען קיין מיטגליד פון „יודנראט". ער האט בלויז דארט געארבעט צופעליק אייניקע טעג אויף דער שרייב־מאשין און איז ארעסטירט געווארן צוזאמען מיט זיי.

די נאציס האבן פון צייט־צו־צייט געהעכערט די סומע פון דער קאנטריבוציע ; זיי האבן אויך געפאדערט לעדער צו שיך און א גרויסע סומע אין גאלד. איך בין אוועק צום קרייז־קאמענדאנטור און געזוכט פארסטן, מיט דער האפנונג אז ס'וועט מיר געלונגען באפרייען מיין מאן, אבער איך האב פארסטן דארט נישט געפונען. איך בין אוועק צום נייעם „יודנראט". דארט האט מען מיר געזאגט, אז זיי באמיען זיך באפרייען אלע ארעסטירטע, נישט נאר מיין מאן.

ס'איז מיר אפילו געלונגען אריינצוגיין אין קעלער פון דער תפיסה און שמועסן מיט מיין מאן. ס'זענען אדורך שווערע פיינלעכע טעג. די שפאנונג איז געווען גרויס. ענדלעך איז צונויפגעקליבן געווורן די סומע געלט און דאס גאלד. אין די דערפער פון דער סביבה איז געלונגען צונויפקלייבן די נויטיקע צאל פעל. דאס איז געווען דעם 10־טן אויגוסט 1942.

אין דער פאליציי האט מען מיר געזאגט, אז מיין מאן וועט באפרייט ווערן צוזאמען מיט די איבעריקע ערובניקעס. אבער צו מיין גרויס ווייטיק און צער האבן מיר זיך דער־וווסט, אז אלע זענען דערשאסן געווארן אויסער דער שטאט.

"דו האסט שוין מער נישט קיין פאטער" — האב איך געזאגט מיין קינד. ער האט נישט געוויינט. ער האט בלויז געזאגט :

"מיר זענען בלויז ביידע געבליבן אויף דער וועלט — דו און איך, איך און דו".

מיין זונעלע, א קינד פון זעקס און א האלב יאר, איז ארויפגעפאלן אויף מיין האלדז...

צומארגנס איז געקומען אין אפטייק א דייטש און מיר געבעטן כ'זאל אים געבן א רפואה פאר דעם קאמענדאנט פון דער פאליציי. גלייכצייטיק האט ער דערציילט, אז דער קאמענדאנט האט ארויסגעריסן די גאלדענע ציין פון די דערמארדעטע יידן, און בעת דעם רייסן די אויבערשטע ציין ביי איינעם פון די טויטע, איז ער פארוווּנדעט געווארן.

דאס פלעשל מיט די רפואה איז ארויסגעפאלן פון מיינע הענט, הערנדיק די גרוילעכע רייד פון דעם פאליציאנט. ס'איז ביי מיר נישט געווען קיין ספק, אז דאס איז געווען מיין מאן : ביי אים איז געווען א קאמפלעט גאלדענע ציין ביי דער אויבערשטער יאסלע.

די ביטערע נאכט

20־סטער אויגוסט צווײ ביינאכט. איך האב זיך אויפגעכאפט פון געררויש פון שווערע טריט. איך בין צוגעגאנגען צום פענצטער און געזען א לאנגע שורה פון שאטנס באוועגן זיך אין גאס. אין דער פינצטער האב איך נישט געקענט דערקענען צי דאס זענען סאלדאטן, אדער ציווילע מענטשן. די „פראצעסיע" האט זיך געצויגן א לאנגע צייט, און ווען ס'האט אנגעהויבן טאגן האב איך געזען די יידן פון געטא גיין אין די רייען מיט זייערע קינדער. אין די הענט האבן זיי געהאלטן גראב־אייזנס און קליינע פעקעלעך. זיי זענען געגאנגען שטיל — אזוי איז געווען דער באפעל.

דאס דאזיקע בילד האט פארגליווערט מיין בלוט. 5.30 פארטאג האט זיך געענדיקט די „פראצעסיע". א שעה שפעטער איז צו מיינע אויערן דערגאנגען א קלאנג פון שיסערייען פון מאשין־געווער.

11 אזייגער אינדערפרי האב איך געזען 8—10 לאסט־אויטאס אנגעלאדענע מיט זאכן און שיך פארן אין דער ריכטונג פון געטא...

ווען דער שטאבס־לייטער איז געקומען דעם זעלבן טאג אין אפטייק, האט ער מיך געפרעגט, פארוואס בין איך נישט אין געטא מיט מיין משפחה? איך האב אים גע־ענטפערט, אז איך בין נישט קיין יידישע, טראץ וואס איך בין געווען פארהייראטעט

פאַר אַ ייד. איך ווייס נישט פֿון וואַנען ס׳האָט זיך צו מיר גענומען כוח צו געבן אים אַזאַ ענטפֿער מיט אַזאַ זיכערקייט.

מיין מוטער און זון זענען אין דעם מאָמענט געווען באַהאַלטן אין קעלער פֿון דער אַפּטייק. פֿון צייט־צו־צייט פֿלעג איך זיי ברענגען ברויט מיט טיי. זיי זענען די גאַנצע צייט געזיצן אין דער פֿינצטער אָן מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן.

צומאָרגנס איז געקומען אַ דייטש און מיך גענומען אויף אַ פֿור קיין לוצק, כדי איינקויפֿן די נויטיקע רפֿואות אין אַפּטייק. ווען מיר זענען אָפּגעפֿאָרן אייניקע קילאָמעטער פֿון דער שטאָט האָב איך געזען ביי דער זייט פֿון וועג אַ גרויס לאַנג בערגל באַדעקט מיט פֿרישע ערד. איך האָב געהערט זיפֿצן און קרעכצן פֿון מענטשן. די ערד האָט זיך געהויבן...

דער דייטש וואָס איז מיט מיר געפֿאָרן האָט געזאָגט:

„דאָ האָט מען ליקווידירט די יידן פֿון געטאָ. זיי קרעכצן נאָך און זיפֿצן. זיי הויבן זיך פֿון זייער קבר...“

ס׳זענען אַדורך טעג פֿון שרעק. מען האָט מיך שווער געפֿאָרשט וועגן מיין זון. איך האָב געטענהט, אַז ער איז נישט קיין ייד, ווייל זיין אמתער פֿאָטער איז געווען אַ קריסט.

אַזוי האָבן מיר זיך ווי ס׳איז געהאַלטן 4 חדשים נאָך דער ליקווידאַציע פֿון געטאָ. די גאַנצע צייט האָט זיך מיין מוטער געפֿונען אין באַהעלטעניש אין קעלער.

דעם 22־סטן דעצעמבער איז אין געהיים צו מיר געקומען פֿאָרסט און געזאָגט:

„איך האָב דיר צוגעזאָגט אָפּדאַנקען פֿאַר דעם וואָס דו האָסט מיך געראַטעוועט פֿון טויט. איצט איז געקומען די צייט. דעם 26־סטן דעצעמבער וועט מען הרגענען דיין זון. ראַטעווע זיך, אַנטלויף פֿון דאַנען!“

ער האָט אונדז צוגעגרייט אַ פֿור און דעם 24־סטן דעצעמבער פֿאַרטאָג האָבן מיר פֿאַרלאָזט ראָזשישטש אומבאַמערקט.

מיר זענען אַוועק אין אַ לאַנגן נייעם וועג פֿון יסורים.



יוסף קלימבאָרד און בנימין אייזנבערג שטייען, צווישן אַנדערע, אויפֿן ברידער־קבר אויפֿן וועג קיין קאָפּאַטשיווקע.

מיין לעבן צווישן די מערדערס

שמואל וואַרקאַוויצקי

זיי לאָזן מיך נישט רוען, די זכרונות, זיי טרעטן נישט אָפּ פון מיר, צייטנווייז פייניקן זיי מיך שווער און צווינגען מיך צו פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע די גרויזאַמע איבערלעבונגען פון די לעצטע יאָרן.

אַזוי ווי אין די וואַרעמע זומער־אָוונטן אויף די פּאַלעסיער בלאָטעס פלעגן אונדז פייניקן כמאַרעס פון קאָמאַרעס, אַזוי פייניקן מיך איצט מחנות פון געדאַנקען און דערינערונגען פון די לעצטע יאָרן.

עס ציען זיך לאַנגזאַם די נאַכט־שעהן פון שמירה אין קיבוץ „העובד" אין אָסטיע. אונטער די פענצטער בושעוועט און ברויזט דער אומענדלעכער ים, אָבער נאָך גרעסער איז דער רעש און געטומל פון די געדאַנקען און דערינערונגען. זיי קומען אָן סטיכיש, מאַסנווייז, אין דער נאַכט־שטילקייט. יאָגן איינער דעם צווייטן און רייסן זיך צום ווידער־געבורט. שווערע, ביטערע און גרויזאַמע. זיסע און ליבהאַרציקע. שטילע ווי די אוקראַאינישע זונען־אויפגאַנגען. רעשיקע און דונערנדיקע ווי דאָס אומאויפהערלעכע סיסטעמאַטישע דונערן־האַווקען פון די סאָוויעטישע קאַטיושעס. זיי לאָזן נישט פאַרגעסן די אומגעקומענע אייגענע און באַקאַנטע און מיליאָנען אומבאַקאַנטע יידן. עס רייסן זיך צום אויסדרוק דער אומעט און פיין, די אומבאַשרייבלעכע איבערלעבונגען פון מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט אין די לעצטע שעהן פון אונטערגייענדן געטאָ; פון איינזאַם־געבליבענע יידישע קינדערלעך אויף די נאַסע לאַנקעס און קאַלטע וועלדער; פון דעם ייד, וואָס איז געווען גרויזאַם פאַראורטיילט צום טויט און וואַרטן יעדע מינוט אויף דעם אומפאַרמיידלעכן סוף.

זיי ווילן נישט פאַרגעסן ווערן. זיי רייסן זיך אַרויס ווי אַ מעכטיקער שטראָם פון ווייסן דאַמף פון לאָקאָמאָטיוו. איך מוז די געדאַנקען און דערינערונגען באַפרייען, איבערגעבן אויף פּאַפּיר, אפשר וועט מיר אַביסל גרינגער ווערן.

איטאַליע, 1946

אין יאָר 1939 האָבן שווערע און פינצטערע כמאַרעס פאַרוואָלקנט דעם פּאָליטישן האָריזאָנט פון אייראָפּע. די דייטש־פאַשיסטישע חיה האָט אין איר גאַנצער גיגאַנטישער גרויס זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און געוויזן דער וועלט אירע שטאָלענע נעגל. מיט בלוט־אָנגעגאָסענע אויגן און ווילדן ברומען האָט זי געזוכט די ערשטע פעלקער־קרבנות אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף פּוילן. דער דייטשער קלאַפּ איז געווען אַזוי שרעקלעך מעכטיק, אַז אויף דעם צווייטן טאָג פון קאַמף איז די פּוילישע אַרמיי געווען צעשמעטערט.

אַלע שטעט זענען באָמבאַרדירט געוואָרן פון דער לופט. אויך לוצק האָט נישט אויסגעמיטן דעם אַלגעמיינעם גורל. פונעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָבן אומאויפהערלעכע כוואַליעס פון דייטשע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט די שטאָט. די באַפעלקערונג איז זיך צעלאָפן אין די וועלדער, אויף די לאָנקעס, אין די שוץ־קעלערן.

אויך מיין פאַמיליע איז געלעגן אין אַ שוץ־קעלער פון אַ גרעסערער געביידע אויף ווילקע. די סירענעס, וואָס האָבן אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון פיינטלעכע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, האָבן געהאַלטן אין איין ווילדן סווישטשען, וואָרענענדיק קעגן דער אָנקומענדער געפאַר. אַזוי האָט געדויערט אַ ריי טעג. עס זענען שוין געווען אין שטאָט פיל פאַרלעצטע און געהרגעטע. דער אַעראָדראָם און אַ ריי געביידעס זענען צעשטערט געוואָרן.

די דייטשע אַרמייען זענען שוין געווען אויף וואָלין, אונטער לודמיר. די לאַגע איז געווען אַ ביטערע, אָן אַן אויסוועג. די געפאַר פון אונטערגאַנג איז געשטאַנען פאַר די אויגן, געהאָנגען איבערן קאָפּ.



שמואל וואַרקאָוויצקי, מחבר פון דעם אַרטיקל, באַגריסט די אַמעריקאַנער געסט אהרן און בעלא טעפּער בעת אַן אויפנאַמע אין בית־ראָזשישטש.

לוצק איז געווען פאַרפלייצט מיט אומגעהויערע מחנות מענטשן, וואָס זענען אַנטלאָפן פונעם דייטש. הונדערטער טויזנטער פּוסגייערס האָבן זיך געשלעפּט איבער די געפּאַקטע שאָסייען. אויטאָס זענען אומאויפהערלעך געלאָפן אין דריי פּאַראַלעלע רייען. די רעגירונג, מלוכה־באַנק און אויסלענדישע קאָנסולאַטן זענען געווען אין לוצק. אין דער מלוכה־באַנק האָבן אַ גאַנצע נאַכט געאַרבעט הונדערטער אַרבעטער, אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי און מיליטער, ביים אָנלאָדענען אויף לאַסט־אויטאָס זעק מיט גאָלד פונעם פּוילישן מלוכה־אוצר פון די באַנק־קעלערס.

אינדערפרי האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט דער אינהאַלט פון מאָלאָטאָווס רעדע אין ראַדיאָ וועגן די אוקראַינער־ברידער פון מערב־אוקראַינע. ס'איז אַריין אין די הערצער אַ ציטערנדיקע האָפענונג, אפשר וועט מען אויסמיידן דעם דייטשן מערדער. די קלאַנגען זענען געוואָרן שטאַרקער און זיכערער.

דאָס באָמבאַרדירן האָט זיך אָפּגעשטעלט. דעם 17־טן סעפּטעמבער האָט זיך אין לוצק אויף ווילקע באַוויזן אויף דעם ראָוונער שאָסיי דער ערשטער סאָוויעטישער טאַנק. די גאַסן זענען געוואָרן פול מיט מענטשן, דער ענטוזיאַזם איז געווען אומגעהויער.

כאָטש די גאַסן זענען נאָך געווען פול מיט די בלויע מונדירן פון דער פּוילישער פּאָליציי, האָט דער עולם געשטורעמט מיט פרייד פון די טאַנקען. די האַלב־צעשראָקענע, ברייט־צעשמייכלטע פאַרשוואַרצטע סאָוויעטישע טאַנקיסטן האָט מען געקושט און גע־האַלדזט, פאַרוואָרפן מיט בלומען.

פּאָליציי האָט פּראָבירט שטערן די ברודערונג, נאָר זי איז באַלד באַזייטיקט געוואָרן.

דער עולם איז געווען ווי פאַרשיכורט פון גליק. אויך די פּאָליאַקן האָבן געגלויבט, אַז דאָס קומט אָן דאָס סאָוויעטישע מיליטער כדי העלפן פּוילן באַקעמפן די דייטשן. די האָפענונגען האָבן אָבער שנעל געפּלאַצט, מען האָט זיך דערוווּסט פונעם דייטש־סאָוויעטישן אָפּמאַך. טאַנקען זענען אָנגעקומען איינער נאָכן אַנדערן, מאַסנווייז. ס'זענען אָנגעקומען סאָוויעטישע עראָפּלאַנען און מיליטער.

דער קאָשמאַר פון אונטערגאַנג און מלחמה האָט זיך אָפּגערוקט. די באַפעלקערונג האָט זיך אומגעקערט אויף די ערטער. די ווּנדן פון דער שטאָט זענען שנעל פאַרהיילט געוואָרן.

אונטער די סאָוויעטן

דאָס שטאָט־לעבן אין לוצק האָט צוריק אויפגעלעבט. די מאַכט האָט איבערגענומען די סאָוויעטישע קאָמענדאַנטור, וועלכע האָט געאַרבעט אין קאָנטאַקט מיט די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען.

ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער רוסישער רובל גלייכט זיך צום פּוילישן זלאָטע. אויפן מאַרק און אין די מאַגאַזינען האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטער האַנדל. דער קאָנטאַקט מיט די צענטראַלע פּוילישע שטעט איז געווען איבערגעריסן. קיין צופלוס פון פרישע סחורות איז נישט געווען. דאָך זענען די געשעפטן געווען פול מיטן גרויסן פּוילישן רייכטום פון פאַר דער מלחמה.

סאָוויעטישע זעלנער האָבן געהאַט פיל רוסיש געלט. זיי האָבן געקויפט אַלץ, וואָס דאָס אויג האָט געזען. פאַר די געשעפטן זענען געשטאַנען איינקויפער אין רייען. מיליטער־לייט זענען געגאַנגען אויסער דער ריי. אין צוזאַמענהאַנג מיט די קלאַנגען, אַז ס'וועלן פעלן סחורות, האָט זיך די באַפעלקערונג געמאַכט זאַפּאַסן אויף דער צוקונפט.

ווען איטע איז איין טאָג געשטאַנען אין אַ רייע ביי אַ מאַגאַזין, איז דורכגעפאָרן אַ גרופּע סאָוויעטישע רייטערס, זיך אָפּגעשטעלט און גערעדט מיט די מענטשן. איינער האָט געפרעגט, צי זענען דאָ שטענדיק געשטאַנען רייען פאַר די קלייטן. איטקע האָט געענטפערט, אַז קיינמאָל נישט, נאָר יעצט. דער סאָוויעטישער זעלנער איז געוואָרן אויפגעבראַכט.

„מילאָ", האָט ער געזאָגט, „אַז דו זאָגסט, אַז ס'איז ביי אייך נישט געווען קיין רייען אויף מאַנופאַקטור, וועל איך נאָך אפשר גלויבן; נאָר אַז דו זאָגסט, אַז אויף צוקער איז נישט געווען קיין רייע — דאָס איז בפירוש אַ ליגן!"

די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, ביי וועלכע עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרמיטלונגס־אַרבעטס־ביוראָ. ס'האָבן

שמואל (סאַמואיל) וואַרקאָוויצקי

רואיק און פיין האָט געלעבט אין שטעטלע ראָזשישטש אויף וואָלין דער דירעקטאָר פון דער יידישער קאָאָפּעראַטיווער באַנק סאַמואיל (שמואל) וואַרקאָוויצקי.

זיין פרוי, די אינטעליגענטע, שטילע און בנעימותדיקע איטע גראַבאַרסקי פון ראָזשישטש, וועלכע האָט געענדיקט די גימנאַזיע און שוועסטער־קורסן אין ראָוונע און איז פאַר דער חתונה געווען די ביבליאָטעקאַרין פון דער ראָזשישטשער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק, האָט אויך נאָך דער חתונה נישט געוואָלט בלייבן קיין שטובּיקע באַלעבאָסטע און איז אַוועק קיין וואַרשע אויף אַקושערין־קורסן, ווען זי האָט שוין געהאַט צוויי זיסע מיידעלעך: ליובע און פריידע.

זייענדיק אַן אַקושערקע האָט זי זיך אויסגעלערנט בוכהאַלטעריע און פלעגט טיכטיק מיטהעלפן מיט אירע פאַרדינסטן ביים אויסהאַלטן די שטוב.

אין לוצק האָט געוווינט סאמואילס גרויסע פאַמיליע: פאָטער, מוטער, ברידער, שוועסטער און אַסאַך קרובים; אין ראָזשישטש — איטקעס משפחה — די גראַבאַרסקיס.

באַלד נאָך דער חתונה, אין יאָר 1924, האָט סאַמואיל פאַרנומען דעם פּאָסטן פון דירעקטאָר פון דער יידישער פייען־באַנק אין ראָזשישטש. פיל מי, ליבע און האָפענונג האָט סאַמואיל אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַנק. ער פלעגט זאָגן: איך האָב דריי קינדער: ליובע, פריידע און די באַנק... די באַנק האָט זיך שיין אַנטוויקלט. אין יאָר 1929 האָט די באַנק געציילט 800 מיטגלידער, וועלכע האָבן געהאַט פון איר גרויסע נוצן. די באַנק האָט געקויפט אַ שיין אייגן הויז, דערגרייכט אומזאַצן פון מיליאָנען זלאָטעס און איז געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין עקאָנאָמישן לעבן פונעם יידישן שטעטל.

סאַמואיל איז געווען שטענדיק פאַרנומען. אינדערפרי און בייטאָג און אין אָוונט אויף פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע זיצונגען. אויסער דער עקאָנאָמישער אַרבעט האָט ער אויך געפירט אין די ראַמען פון שטעטל אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע טעטיקייט.

ער איז געווען ראַטמאַן פון שטאָט־ראַט אין צוויי קאַדענצן, פאַרזיצער פון ציש"אָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע) און געווען טעטיק אין אַלע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס אין ראָזשישטש.

אין 1934 האָט די באַנק געמוזט שטאַרק באַגרענעצן איר טעטיקייט, צוליב דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן קריזיס אין לאַנד. ס'זענען אויסגעצאָלט געוואָרן אַלע חובות

און דער אייגענער קאַפּיטאַל פון באַנק איז געווען צו קליין אויף צו פירן אַ גרעסערע טעטיקייט.

צוליב די שווערע אָנשטרענגונגען ביים איינהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט פון באַנק, אָפּנעמען די הלוואות און אויסצאָלן אַלע דעפּאָזיטן, איז סאַמואיל ערנסט קראַנק געוואָרן. דאַקטוירים האָבן געזאָגט, אַז צוליב דער שטאַרקער האַרץ־אָפּשוואַכונג איז נישטאָ קיין האָפנונג איינהאַלטן אים ביים לעבן.

איטקע האָט נישט רעזיגנירט. זי האָט איבערגעלאָזט די קינדער ביי דעם מאַנס עלטערן אין לוצק און אָפּגעפירט דעם מאַן קיין לעמבערג אין דער גרויסער סאַנאַטאָריע פון דער קראַנקן־קאַסע. נאָך איייניקע מאָנאַטן איז ער געזונט געוואָרן און אַוועק קיין לוצק, נישט קיין ראַזשישטש.

אין לוצק איז ער געוואָרן דירעקטאָר פון אַ קאָאָפּעראַטיווער באַנק און אויך פאַרדינט ביי פּריוואַטע בוכהאַלטעריעס. איטקע האָט זיך איינגעפירט פּראַקטיק אַלס אַקושערקע, און אויך געאַרבעט ביי בוכפירונג. די קינדער זענען אונטערגעוואָקסן און זיי האָבן געשאַפן אַ וואַרעמע און גליקלעכע פאַמיליע.

אַזוי איז געווען ביזן יאָר 1939.

זיך רעגיסטרירט עטלעכע טויזנט אַרבעטער פון פאַרשידענע פּראָפעסיעס, וועלכע זענען געווען אַרבעטסלאָז.

סאָוויעטישע פאָרשטייער האָבן געלאַכט פון די זאָרגן פון אַרבעטסלאָזיקייט.

„ביי אונדז", פלעגן זיי זאָגן, „זענען אַזעלכע זאָרגן נישטאָ. אַרבעט פעלט קיינמאָל נישט און ממילא איז נישטאָ קיין אַרבעטסלאָזע־ביוראָס".

אין אַ קורצער צייט זענען אַלע אַרבעטסלאָזע באַשעפטיקט געוואָרן אינעם ים פון די פאַרשידענע סאָוויעטישע אָנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס. ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פאָרשטייער פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט פאַרשידענע אינסטיטוציעס מיט אַזעלכע מאָדנע דאַן נעמען: זאַגאָטזיערנאָ, מיאַסאָפּראָמקאָמבינאַט, זאַגאָטסקאָט, זאַגאָטסיענאָ, זאַגטקאזש, גאָרפּישטשעפּראָמטאָרג, מעלטרעסט, טעקסטילסביט, גאָרקאָמכאָז, אָבלפינאַטדיעל און אַנדערע.

פאַמעלעך איז פונעם כאַאָס פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס אַרויס די אויסגערעכנטע געשטאַלט פונעם סאָוויעטישן מלוכה־אַפּאַראַט.

די גאַסן האָבן אויך געביטן זייער אויסזען. דער באָמבעס־שאָדן איז באַזייטיקט געוואָרן אין אַ פּאָר וואָכן. די גאַסן זענען געוואָרן אויסגעפּוצט מיט קאָלאָסאַלע פּאָרטרעטן פון די פירער, פאַרשידענע לאָזונגען און פּלאַקאַטן. אין די סקווערן האָט מען אויפגעשטעלט פיגורן און ביוסטן פון לענין און סטאַלין.

ס'האָבן זיך געעפנט די שולן און פיל נייע לערן־אַנשטאַלטן. ס'האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן קינאָ און סאָוויעטישער טעאַטער. דער עולם האָט געשלונגען די רוסישע צייטונגען, מאַסנווייז געגאַנגען אויף סאָוויעטישע פילמען.

ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מאַסן סחורות, וואָס די סאָוויעטן האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געוואָרפן אויף מערב־אוקראַינע.

דאָס דאָרף איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט וויכטיקע אַרטיקלען כמעט אומזיסט: זאַלץ, שוועבעלעך און נאַפט.

אויך איך האָב זיך שנעל איינגעאָרדנט. איך בין געוואָרן הויפּט־בוכהאַלטער אין גאָרפּישטשעפּראָמטאָרג (מלוכהשער שטאָטישער האַנדל), וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך טשאָרנאָוסאָוו.

אין דריי חדשים אַרום האָט שוין דער „טאָרג" אַריינגעקראָכן טיף אין שטאָטישן לעבן און געציילט 50 מאַגאַזינען מיט 1500 אָנגעשטעלטע. טשאָרנאָוסאָוו האָט באַקומען אַ העכערן פּאָסטן פון אָנפירער מיטן האַנדל אין גאַנצן וואָלינער באַצירק. צו יענער אַרבעט האָט ער אויך מיך מיטגענומען. צוערשט האָב איך זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם פאָרגעלייגטן אַמט פון נאַטשאַלניק פון פּלאַניר און פינאַנס־אָפּטיילונג פון וואָלינער האַנדלס־אַמט, מאָטיווירנדיק, אַז אויף אַזאַ ערנסטער אַרבעט ווי פּלאַנירן דעם גאַנצן האַנדל פון דער אָבלאַסט דאַרף מען האָבן אַ געענדיקטן עקאָנאָמיסט.

ס'האָט נישט געהאָלפן. דער הויכער ברייטפּלייציקער טשאָרנאָוסאָוו, אַ געוועזענער מאַטראָז, האָט אַ ברייטן שמייכל געטאָן, אַ קלאַפּ געטאָן מיך אין פּלייצע און געזאָגט:

„ניטשעוואָ, סאמואיל אַבראַמאָוויטש, דו ביסט אַ גראַמאָטנער מענטש, וועסט הייבן".

אַזוי איז אַוועק אַ נייע אַרבעט, ביי וועלכער איך בין געווען שטאַרק באַשעפטיקט. דער געהאַלט איז געווען אַ קליינער, נאָר מ'פלעגט באַקומען פאַרשידענע פּראָדוקטן אויף מלוכה־פּרייזן און דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט דורכצולעבן.

איטקע האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס בוכהאַלטערין און נאָכהער אַלס עלטערע בוכהאַלטערין אין גאָרפּישטשעפּראָמטאָרג. זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר ערנסטקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט ביי דער אַרבעט. מ'האָט זי געשעצט און זי האָט פאַרדינט נישט פיל ווייניקער פון מיר.

די קינדער זענען געגאַנגען אין גימנאַזיע. פריידע אין 7־טן און ליובע אין 8־טן קלאַס. זיי האָבן געהאַט גרויסע שוועריקייטן ביים באַהערשן די רוסישע שפּראַך, הויפּטזעכלעך פריידל. זי איז געזעסן אינדערהיים און ביטער געוויינט, אַז זי וועט קיינמאָל נישט באַהערשן די „ווילדע" רוסישע שפּראַך. איך האָב איר געגלעט איבערן קאָפּ און באַרואיקט, אַז אין עטלעכע חדשים אַרום וועט זי קענען לייענען און שרייבן רוסיש.

און אַזוי איז געווען. צום האַלבן יאָר האָט זי זיך שוין אויסגעצייכנט אין גימנאַזיע אַלס „שלעגלערין” אין לערנען. מיר האָבן זיך איבערגעקליבן אין אַ שענערע דירה אין צענטער שטאָט.

ס'איז דאַן געקומען פון טיף רוסלאַנד מיין שוועסטער קלאַרע, וועלכע איז געווען 20 יאָר אָפּגעריסן פון דער פאַמיליע. זי האָט פאַרבראַכט אין לוצק צווישן אייגענע אַ חודש צייט און צוריק אַוועקגעפאָרן קיין ארמאוויר אויף קובאַן. זי האָט געוואָלט מיטנעמען מיט זיך דעם אַלטן טאַטן. ער האָט זיך, אָבער, נישט געוואָלט אָפּרייסן פון דער אייגענער סביבה און ברייטערער פאַמיליע, און געענטפערט:

„ניין, כ'וועל שוין בעסער בלייבן דאָ. און די דייטשן, מיין קינד, זענען דאָך אויך מענטשן!”.

קלאַרע איז אַוועקגעפאָרן אַליין. זי האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז זי געזעגנט זיך מיטן טאַטן און דעם גרעסטן טייל אייגענע אויף אייביק.

מיר ווערן פלוצלינג באמבארדירט

דעם 22־סטן יוני 1941 האָב איך זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי. ס'איז שוין געווען ליכטיק. איטקע, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אין צווייטן צימער, רופט זיך פלוצלינג אָן:

„זע נאָר, סאמואיל, איך זע עטלעכע עראָפּלאַנען אויסערגעוויינלעך הויך אין הימל. כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען עראָפּלאַנען אויף אַזאַ הויך”.

אין אַ מינוט אַרום דערהערן מיר איינע נאָכן אַנדערן מוראדיקע זעצן, אַזוי אַז דער גאַנצער מויער האָט אָנגעהויבן הוידען זיך און ציטערן.

כ'האָב גלייך פאַרשטאַנען. דאָס זענען דייטשע עראָפּלאַנען. ס'האָט זיך אָנגעהויבן. כ'האָב גענומען זיך שנעל אָנטאָן. באַלד זענען אַלע געווען אויף די פיס.

דער שכן, דער סאָוויעט, האָט פרובירט באַרואיקן דעם עולם, אַז דאָס זענען מאַנעוורען, וועגן וועלכע ער האָט נאָך נעכטן געוווּסט. נאָר קיינער האָט נישט געגלויבט.

אָמערסטן האָבן זיך דענערווירט די פאַמיליעס פון די עטלעכע סאָוויעטישע באַאַמטע, וועלכע האָבן געוווינט מיט אונדז אין איין הויז. אונדז זענען נאָך געווען פריש אין זכרון די דייטשע לופט־אַטאַקן פון 1939, צו וועלכע מ'האָט זיך דאָך דאַן אַביסל צוגעוווינט. זיי זענען אָבער יעצט דורכגעגאַנגען דאָס ערשטע מאָל אַזוי נאָענט דעם מלחמה־פייער.

די פרויען און קינדער האָט מען צונויפגענומען אין אַ פינצטערן זייטיקן קאָרידאָר, אָן פענצטער, כדי פאַרהיטן פון שפּליטערס. די פנימער זענען געווען בלייך, די ליפּן צונויפגעדרוקט, דאָס רעדן ציטערדיק. שרעקלעכע אויפרייסן זענען געקומען איינער נאָכן אַנדערן. ס'האָט זיך אַלץ געטרייסלט און געוויגט אַרום און אַרום. שטיקער טיילן זענען געפאַלן פון דער סטעליע. דייטשע באָמבעס זענען אָנגעפאַלן אויפן אַעראָדראָם, וועלכער האָט גלייך אָנגעהויבן ברענען.

מיר זענען אַוועק אין אַ שוץ־קעלער, ווו די ענגשאַפט איז געווען זייער גרויס. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף אַ קליינעם פּלאַץ אין אַ ווינקל. די אויפרייסן זענען געווען מעכטיקע. ס'האָט זיך געדאַכטן, אַז יעדע באָמבע איז געווענדעט דירעקט צו אונדז. מיר זענען געלעגן צוגעדריקט צו דער ערד, צעטרייסלטע און דערשלאָגענע.

די ערשטע רציחות

מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל, די לופט־אַטאַקעס האָבן אויפגעהערט — די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט. באַלד איז אַרויס אַ פאַראָרדנונג, אַז אַלע יידן וואָס זענען פעאיק צו אַרבעט זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין אַן אַמאָליקער פעסטונג. ס'האָבן זיך צונויפגעזאַמלט בייַ צוויי טויזנט יידן, וואָס זענען באַלד אַוועקגעשיקט געוואָרן „אויף אַרבעט”. ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן נאָך אַ טאָג אָדער צוויי. די דייטשן האָבן פאַרשפּרייט ידיעות, אַז ס'קומען אָן בריף פון די פאַרשוווּנדענע, כדי צו באַרואיקן די געמיטער און דערמעגלעכן ווייטערע ענלעכע אַקציעס. איך בין געראַטעוועט געוואָרן און האָב באַקומען אַ באַשטעטיקונג, וואָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט בלייבן אין שטוב.

איך בענק נאָך אַ יידיש פּנים

ס'זענען שוין אַריבער אַכט חדשים זינט ס'האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע וואַנדערונגען איבער די אוקראַינישע דערפער. איך האָב זיך אין דער צווישנצייט ספּעציאַליזירט אין מאָלן בילדער און בין געוואָרן אַ געוווּנטשענער גאַסט אין די גוייִשע הייזלעך. דעם מאָלערס קומען האָט בייַ די פּויערים אַרויסגערופן פרייד און אַ יום־טובדיקע שטימונג.

נאָר דאַן האָט מיך שוין אָנגעהויבן פּייניקן אַ גרויסע בענקשאַפט נאָך מיינע נאָענטע, וועלכע כ'האָב געמוזט אַזוי פּלוצלונג פאַרלאָזן אויף הפקר; גרויס איז אויך געווען די בענקשאַפט נאָך יידן.

אויב די ערשטע עטלעכע וואָכן האָב איך נאָך אַמאָל געזען פון דערווייטנס אַ ייד, אָדער געהערט וועגן יידן, זענען וואָס ווייטער ווייניקער געוואָרן אַזעלכע פאַלן; ס'זענען שוין אַריבער אייניקע חדשים ווי כ'האָב נישט געזען און נישט געהערט וועגן יידן.

ס'איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן יעדער סימן פון יידן ווי ס'וואָלט קיינמאָל קיין יידן נישט געווען אויף דער ערד, אויף וועלכער ס'האָט בלויז מיט עטלעכע חדשים צוריק האָסטיק געשפּרודלט אַ פאַרשידנפאַרביק רייך און פולבלוטיק לעבן פון גרויסע יידישע קהילות.

ארום און אַרום זיך האָב איך געזען דאָס שטאַרק פאַרגראָבטע פּויעריש לעבן מיט האַלבווילדע מנהגים פון אַ האַרטער קאַלטער און אכזריותדיקער פרעמדער וועלט.

און עס האָט אָנגעהויבן וואַקסן אין מיר אַ גרויסע אומגעהויערע בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט, נאָך אַ יידיש פּנים, נאָך אַ יידיש וואָרט.

ס'איז מיר דאַן אויסגעקומען אַרבעטן אויף אַ כוטאָר נעבן דאָרף דאָראָסין, בייַ אַ ווייניק פאַרמעגלעכן פּויער, מאַטוויי. זיין ווייב, אַלגאַ, האָט שטאַרק געוואָלט האָבן בילדער פון אירע צוויי קינדער און פון אירע עלטערן. כאָטש די באַדינגונגען פון עסן און אַרבעט זענען געווען אין אַזעלכע ערטער פיל ערגערע, האָב איך ליב געהאַט אַרבעטן דווקא בייַ אַזעלכע, ווו כ'האָב געקענט מיט מיין קונסט פאַרשאַפן פיל פאַרגעניגן.

כ'האָב דאָרט געאַרבעט עטלעכע טעג, און פלוצלינג האָב איך אָנגעהויבן באַמערקן אַרום זיך ווונדערלעכע נישט־אויפגעקלערטע דערשיינונגען. יעדן פרימאָרגן פלעגט אַלגאַ אָפּשיילן און אָפּקאָכן אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפלעס. מיר זענען געווען פינף פערזאָן און כ'האָב באַמערקט, אַז זי קאָכט פיל מער, אפשר פאַר צען מענטשן. כ'האָב איר אַמאָל געפרעגט וועגן דעם, האָט זי מיר געגעבן אַ נישט קלאָרן ענטפער: אַזוי ווי זי האָט אַוועקגעזעצט אַ פאַר הינער קוואָקעס אויסזיצן הינדעלעך, קאָכט זי אויך פאַר זיי קאַרטאָפל.

יעדן פרימאָרגן האָב איך געמאָלט אַ האַלבע שעה, אָדער אַ שעה, און געמאַכט גרעסערע איבררייסן. כ'האָב געזאָגט, אַז כ'מוז אויסרוען די אויגן, פאַר וועלכע די אַרבעט איז זייער אַ גרויסע אָנשטרענגונג.

ביי אַ גוטן וועטער פלעג איך אַרויסגיין אויפן הויף אָדער אין גאָרטן און אויסשפּרייזן אַהין און אַהער אַליין, פאַרטאָן אין מיינע געדאַנקען. שפּאַצירנדיק אַזוי ביי מאַטוויען אויפן הויף, האָב איך אַ פּאָר מאָל געהערט וואָרטשען פון טייבעלעך. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט זוכנדיק די טויבן, נאָר כ'האָב קיין טויבן נישט געזען. כ'האָב אָבער ווייטער געהערט דאָס פאַרשטיקטע וואָרטשען.

כ'בין אַריין אין שטעלעכל, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען עטלעכע צענדליק שעפעלעך, זיך גוט אַרומגעקוקט און גאָרנישט באַמערקט. דאָס וואָרטשען האָט אָבער אויפגעהערט.

אַ צווייט מאָל, ווען כ'האָב אַרומשפּאַצירט אויפן הויף, האָב איך ווייטער דערהערט די טייבעלעך. דאָסמאָל האָב איך שוין געקענט אונטערשידן צוויי קלאַנגען, אַזוי ווי אַ פאַרשטיקטע פרויען און מענער שטים.

ס'איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דאַ באַהאַלטן זיך מענטשן, מן הסתם יידן. כ'האָב ווייטער געזוכט און נישט געפונען. כ'בין געווען זייער צערודערט און אויפגערעגט. כ'האָב געהאַט אַ געפיל, אַז דאָ געפינט זיך אַ ייד, אַ ברודער, און כ'האָב געגאַרט מיט אים זיך צו זען, מיט אים זיך דורכרעדן.

ווען כ'האָב דעם אַנדערן פרימאָרגן אויסגעענדיקט דער גויעס בילד, איז דאָס איר אַזוי געפעלן, אַז זי האָט דאָס געכאַפּט און אַוועק ווייזן. אין פינף מינוט אַרום איז זי געקומען צוריק, געבראַכט דאָס בילד און געזאָגט, אַז ס'איז זייער געפעלן.

דער כוטאָר איז געווען עטלעכע הונדערט מעטער פון דעם נאָנטסטן כוטאָר, אַזוי אַז ס'איז געווען אוממעגלעך, אַז אין אַזאַ קורצער צייט זאָל זי קענען גיין אַהין און צוריק, און נאָך האָבן צייט אויף ווייזן און רעדן. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז זי האָט דאָס געוויזן עמעצן אין דער נאָענט, און דאָס האָט באַשטעטיקט מיינע פאַרדאַכטן.

כ'האָב זיך געוואָלט פרעגן דער גויע וועגן מיינע פאַרדאַכטן. ס'איז געווען געפערלעך, ווייל דאַן וועט איר קלאָר ווערן, אַז איך בין אויך אַ ייד. נאָר כ'האָב מער נישט געקענט אויסהאַלטן מיין איינזאַמקייט.

צומאָרגנס, ווען כ'האָב שוין געענדיקט מיין אַרבעט, פאַרן אַוועקגיין אין אַן אנדער דאַרף, בין איך צוגעגאַנגען צו אָלגאַ און געזאָגט:

„הער אויס, אָלגאַ! ביי דיר געפינען זיך פרעמדע מענטשן. דו טוסט אַ גרויסע זאַך וואָס דו העלפסט זיי אין אַן עת־צרה. איך בין אַן אָרעמער מאָלער, מיך אינטערעסירט

דער געטא אין לוצק

באַלד נאָך דער דאָזיקער טראַגעדיע איז געשאַפן געוואָרן דער געטאָ, וואָס האָט עקזיסטירט אַ גאַנץ יאָר. דעם 13־טן אויגוסט 1942 איז דער געטאָ ליקווידירט געוואָרן. די דייטשן האָבן געמאַכט אַן איבערפאַל אויף די יידישע הייזער אין געטאָ און אַלע יידן צונויפגעטריבן אויף איין פלאַץ, נאָכן באַזיליאַנער בריק. אויפן צווייטן ברעג פון סטיר איז דאַן געשאַפן געוואָרן דער נייער געטאָ. בעת דער דאָזיקער אַקציע האָבן די גויים אויסגעליידיקט אַלע יידישע וווינונגען, נאָכדעם ווי זייערע איינוווינער זענען פון זיי אַרויסגעטריבן געוואָרן.

איך האָב געוווסט וועגן דעם פלאַן פון איבערפירן דעם געטאָ אייניקע טעג פריער. איך האָב באַצייטנס געדינגען אַ צימער אין נייעם שטח און דאָרט אַריבערגעפירט מיין פאַמיליע און פיל נויטיקע זאַכן.

די דייטשן מארדן קריגסגעפאנגענע

אויפן שטח וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן נייעם געטאָ איז געווען אַ גרויסער פּאָלוואַרק, וואָס האָט געהערט צו אַ רוסישן גענעראַל. די דייטשן האָבן עס פאַרוואַנדלט אין אַ געמיזע־גאָרטן, כדי צו קולטיווירן ירקות פאַר זייערע כוחות. איך האָב געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער ביים ניי־געשאַפענעם יידנראַט און האָב געוווינט נישט ווייט פונעם פּאָלוואַרק.

פון מיין וווינאָרט האָב איך געזען גרויזאַמע סצענעס. אָפטמאָל זענען געבראַכט געוואָרן לאַסט־אויטאָס פול מיט טויטע קערפּערס פון רוסישע קריגסגעפאַנגענע, וואָס זענען געשטאָרבן פון הונגער אין שטאָט. פון גרויס הונגער איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע און טויזנטער רוסישע געפאַנגענע זענען געפאַלן ווי פליגן. די קערפּערס זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין גרויסע צוגעגרייטע גריבער. פאַרן פאַרשיטן די גריבער זענען אויף די קערפּערס פאַרשפּרייט געוואָרן כלאָר און אַנדערע כעמישע שטאָפן כדי אויסמיידן דאָס פאַרשפּרייטן פון דער עפּידעמיע.

נישט איינמאָל האָב איך געזען ווי מען האָט געצווינגען רוסישע געפאַנגענע גראָבן זייערע אייגענע קברים און דערנאָך זיי דערשאָסן. איינער פון די אומגליקלעכע האָט געשריגן:

„דערהרגעט מיך נישט, איך בין אַן אוקראַינער, אַ פריינט פון די דייטשן!“

די געשרייען האָבן נישט געהאָלפן און ער איז דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט די איבעריקע.

מען פירט מיך שיסן

לוצק איז געווען פול מיט דייטשיש מיליטער. איינמאָל האָבן רוסישע דיווערסאַנטן געעפנט אַ שיסעריי, אין וועלכן ס'איז דערהרגעט געוואָרן אַ דייטש. די דייטשן האָבן גענומען צען זאַקלאַדניקעס. פון די אָנגעזעענסטע בירגער פון שטאָט: דריי אַדוואָקאַטן, אַ יידישער לערער, אַ דאָקטאָר, אַן אינזשינער, אַ רעדאַקטאָר פון אַן אוקראַינישער צייטונג און עטלעכע פּאָלאַקן. די דייטשן זענען געקומען צו מיר אין שטוב כדי אויך מיך צו נעמען אַלס זאַקלאַדניק. איך האָב געטענהט, אַז איך בין קראַנק און בין נישט פעאיק צו גיין. זיי האָבן געבראַכט אַ שליטן און מיך אַוועקגעפירט אין טורמע און צוגעשטעלט צו די גרופּע זאַקלאַדניקעס. מען האָט ביי אונדז אַראָפּגעריסן די קנעפּלעך פון די הויזן, כדי מיר זאָלן נישט קענען אַנטלויפן. בעתן אַריבערפירן אין טורמע־צעל זענען מיר דורכגעפירט געוואָרן דורך צוויי רייען פון געסטאַפּאָווצעס, וואָס האָבן אונדז מערדערלעך געשלאָגן מיט שטעקנס.

מען האָט אונדז געזאָגט, אַז אויב ס'וועט זיך נישט, במשך פון צען טעג, צושטעלן דער מאַן וואָס האָט געשאָסן אויף די דייטשן, וועט מען אונדז דערשיסן. די טעג זענען געלאָפן און אונדזערע פרויען זענען אַרומגעלאָפן איבער אַלע אינסטיטוציעס כדי אונדז צו ראַטעווען.

איין טאָג איז צו אונדז געקומען אַ דייטשער אָפיציר, כדי צו זען ווי מיר לעבן. איך האָב געהאַט די דרייסטקייט צו רעדן מיט אים און אים איבערצייגן, אַז מיר זענען

נישט שולדיק אינעם פֿאַרגאַנגענעם פֿאַרברעכן. איך האָב אים געבעטן, מען זאָל אונדז דערלויבן שפּאַצירן אַ שעה אין טאָג אין גאָרטן פֿון דער תּפֿיסה.

ער האָט געענטפֿערט:

„ס׳איז אייך פֿיל בעסער ווי אונדזערע ברידער אויפֿן פֿראָנט. איר מעגט זיין צופֿרידן אַז איר געפֿינט זיך דאָ!"

ער האָט דאַן באַפֿוילן מען זאָל אונדז אַרויסלאָזן אַ שעה אַ טאָג אין גאָרטן.

דעם צענטן טאָג, גאַנץ פֿרי, האָט מען אונדז געהייסן אַרויסגיין:

„די זאַכן מעגט איר איבערלאָזן".

מען האָט אונדז געפֿירט אין די קעלערן פֿון קרייז־געריכט. מיר האָבן געוווּסט, אַז מען פֿירט אונדז שיסן. איינער פֿון אונדז, אַ טשעך, פֿרייזלער, האָט געטענהט, אַז ס׳איז אים שווער צו גיין. אַ געסטאַפּאָ־מאַן האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און אים געשאָסן אין קאָפּ.

מען האָט אונדז אַריינגעפֿירט אין אַ צימער, וווּ ס׳איז געזעסן אַן אַלטער גענעראַל און עטלעכע אָפֿיצירן. מ׳האָט אונדז פֿאָרגעליינט דעם באַשולדיקונגס־אַקט:

„אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן געשאָסן אויפֿן דייטשן מיליטער אין שטאָט. מיר האָבן געפֿאָדערט אַרויסגעבן די מענטשן וואָס האָבן געשאָסן, אָבער די פֿאָדערונג איז נישט אויסגעפֿירט געוואָרן. דערפֿאַר ווערט איר פֿאַרמשפּט צום טויט".

אָבער נאָך אַ קורצער איבעררייס האָט ער צוגעגעבן:

„איך ווייס אַז איר זענט נישט שולדיק און איך באַגנעדיק אייך. גייט, איר זייט פֿריי!"

מיר האָבן נישט געגלויבט אונדזערע אייגענע אויערן. נאָך דער גרויסער איבעראַשונג האָב איך געבעטן מען זאָל מיר געבן אַ באַגלייטער ביזן אַריינגאַנג פֿון געטאָ, ווייל ווען מען האָט געכאַפּט אַ ייד אויסערן געטאָ האָט מען אים גלייך דערשאָסן. אָבער ער האָט געזאָגט:

„איר דאַרפֿט נישט קיין באַגלייטער, איר קענט גיין!"

מיר זענען פֿון דאָרט אַרויס אַזוי ווי ניי־געבוירענע.

מיר אנטלויפֿן פֿון געטא

באַלד נאָכדעם האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן דער נאָענטער ליקווידאַציע פֿונעם געטאָ. נעבן אַריינגאַנג פֿון געטאָ האָבן זיך באַוויזן מיליטערישע וואַכן.

איין טאָג איז צו אונדז געקומען אַ פּאָלאַק, ביי וועמענס פֿרוי מיין איטקע, וואָס איז געווען אַן אַ קושערקע, האָט אָפּגענומען אייניקע קינדער, און אונדז פֿאַרטרויט:

„איר מוזט אַוועק פֿון שטאָט. אין זיבן טעג אַרום וועט מען אומברענגען אַלע יידן פֿון געטאָ!"

מיר האָבן באַשלאָסן פֿאַרלאָזן לוצק. פֿיל פֿון אונדזערע זאַכן האָבן מיר איבערגעפֿירט צום פּאָלאַק, מיט דער האָפֿנונג דאָס צוריקצובאַקומען ווען מיר וועלן זיך נויטיקן דערין. מיר האָבן אַרויסגעשיקט די צוויי טעכטער, לובע און פֿריידע, צו באַקאַנטע גויים, חברים פֿון דער גימנאַזיע; יעדע פֿון זיי איז אַוועק אויף אַן אַנדער אָרט. דער דריטער בין איך אַרויס פֿון שטוב. איך האָב מיטגענומען אַ טאַליע קאָרטן, וואָס כ׳האָב געמאָלט אין געטאָ. מיין פֿרוי האָט מיר געגעבן אייניקע שעכטלעך בלויעכץ, וואָס מען האָט גענוצט ביים וואַשן וועש, און פֿאַרבן, וואָס די קינדער האָבן גענוצט אין דער שולע. זי האָט מיך באַגלייט ביז צו דער ציגל־פֿאַבריק. פֿאַרן צעשיידן זיך האָט זי אַראָפּגעריסן פֿון מיר די צוויי געלע לאַטעס, וואָס יעדער ייד איז געווען פֿאַרפּליכטעט צו טראָגן פֿון פֿאָרנט און אויפֿן רוקן. מיר האָבן זיך געזעגנט. זי איז געשטאַנען וויינענדיק, בעת איך האָב זיך דערווייטערט. איך האָב זיך דערמאָנט אַ רוסיש לידל:

„מיר געזעגנען זיך ביים שוועל,
אפֿשר אויף שטענדיק..."

נע ונד

איך בין אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, נישט אָנטרעפֿנדיק אויף מענטשן. אויף איין אָרט האָבן קליינע שקצים געוואָרפֿן אויף מיר שטיינער און געשריגן „זשיד!" איך האָב זיי נישט ווער די מענטשן זענען, נאָר כ׳וויל זיי אויך מיט עפּעס העלפֿן. איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר לאָזן פֿאַר מיין אַוועקגיין רעדן מיט די מענטשן אַ פּאָר ווערטער. זיי זיכער, אַז פֿאַר מיר דאַרפֿסטו קיין מורא נישט האָבן".

צוערשט האָט זי געלייקנט און געטענהט, אַז ביי איר איז קיינער נישטאָ. דערנאָך האָט זי מיר געגעבן אַ פֿרעג, צי איך בין אויך פֿון זייערע מענטשן, דאָס הייסט: אַ ייד.

כ׳האָב איר נישט געגעבן קיין קלאָרן ענטפֿער, ווייל כ׳האָב נאָך מורא געהאַט פֿאַר איר. כ׳האָב נאָכאַמאָל געזאָגט, אַז כ׳וויל זיי העלפֿן. זי האָט מיר געהייסן וואַרטן און איז אַריין אין שטעלכל. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זי מיך אַריינגערופֿן און אַליין איז זי געבליבן אויף דער וואַך אויפֿן הויף.

כ׳בין אַריין אין שטעלכל מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ. אינעם פֿינצטערן ווינקל האָב איך באַמערקט צוויי נפֿשות: אַ ייִנגל מיט אַ מיידל. דאָס זענען געווען צוויי קינדער פֿון אַ ראַזשישטשער ייד — שמואליק שמויש. ער האָט געוווינט אויפֿן באַרג און האָט געהאַנדלט מיט בהמות. ער איז געווען אַ זון פֿונעם קצב גרשון שמויש, וועלכער האָט געהאַט זיין יאַטקע נעבן אונדזער שטוב אויפֿן ראָג פֿון דער גאַס אין משה באַלערס אַ בודקע.

דאָס מיידל איז אַלט געווען עטלעכע צוואַנציק יאָר און געהייסן פּופּע, דאָס ייִנגל — אַ יאָר 16. זיי האָבן זיך צעוויינט און געזאָגט, אַז זיי האָבן מיך דערקענט און נאָכגעקוקט פֿונעם בוידעם, בשעת כ׳פֿלעג שפּאַצירן אויפֿן הויף. אין דער נאָענט געפֿינען זיך זייער פֿאָטער און מוטער, נאָך אַ שוועסטער און צוויי ברידערלעך. זיי באַגעגענען זיך אַמאָל ביי דעם גוי. פּסח איז זיך די גאַנצע פֿאַמיליע צונויפֿגעקומען אויפֿן בוידעם ביי מאַטווייען. זיי האָב געזאָגט, אַז פֿאַר זייער פֿאָטער וואָלט געווען אַ גרויס גליק און פֿאַרגעניגן מיט מיר זיך צו טרעפֿן.

כ׳האָב דעם ייִנגל אַוועקגעגעבן מיינס אַ פּאַרל וועש (ס׳איז געווען אַלט און געלאַטעט, נאָר ריין) און צוגעזאָגט, אַז זונטיק וועל איך קומען צו זיי און אפֿשר זיך באַגעגענען מיטן טאַטן, מיט שמואליקן.

כ׳בין אַוועק פֿון דאָרט אַ דערפֿרישטער. כ׳האָב שוין געהאַט פֿאַר זיך עפּעס אַ צוועק אויסער דער אַלטעגלעכער גרויקייט און נויטווענדיקייט איבערצוקומען דעם טאָג.

מיט מאַטווייען און אָלגאַ בין איך געוואָרן היימישער. מיר האָבן דאָך שוין געהאַט אַ געמיינזאַמע געהיימניש.

דעם קומענדיק זונטיק בין איך אַוועק גלייך אין שטעלכל.

דאָרט האָט מען מיר געזאָגט, אַז שמואליק שמויש איז שוין געקומען און געפֿינט זיך ביי מאַטווייען אין שטוב. כ׳בין פֿאַרזיכטיק

אַרויס פון שטעלכל, זיך אַרומגעקוקט צי מען זעט נישט פונדערווייטנס קיין פרעמדע מענטשן, און אַוועק צו מאַטווייס כאַטע.

אַזוי ווי כ׳האָב נאָר געעפנט די טיר, איז שמואליק מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז, אָנגעהויבן קושן און וויינען. מיר זענען ביידע געווען שטאַרק גערירט. כ׳האָב זיך באַמיט אים באַרויקן. אַלגאַ איז אַוועק אויפן הויף שטיין אויף דער וואַך, אַז קיינער זאָל פלוצים נישט אָנקומען.

שמואליק האָט פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין גאַנץ ביטער האַרץ. ער ווייס, אַז ס׳איז אַ גרויס גליק, וואָס ער האָט דאָ זיין גאַנצע פאַמיליע: ער, זיין ווייב, צוויי טעכטער און דריי זין. איין זון איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד. זיי געפינען זיך אין עטלעכע ערטער נישט ווייט איינער פון דעם אַנדערן.

ער האָט מיר דערציילט אַז זיי זענען נישט איינמאָל מיט נסים געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט, און אין די ערגסטע מאָמענטן איז געקומען די הילף אומדערוואַרטעט.

ס׳איז געווען אַ פאַל אַז אין אַ דאָרף, ווו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, איז געקומען פּאָליציי זוכן יידן. דער פּאָלאַק, ביי וועלכן זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָט זיי אַרויסגעיאָגט אינמיטן אַ פראָסטיקערווינטער־נאַכט. זיי זענען געווען מיד, אָפּגעריסן, הונגעריק, און צוויי פון זיי זענען געווען איינגאַנצן באָרוועס. אַזוי האָבן זיי געוואַנדערט שפּעט ביינאַכט אין אַ שטאַרקן פראָסט, אָן אַ ציל, אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג, אַבי ווייטער פון דער פּאָליציי, אַבי ווייטער פונעם טויט.

זיי האָבן אָנגעקלאַפּט ביי אַ באַקאַנטן גוי, מיטן נאָמען אַלעקסאַנדער. זיי האָבן געצווייפלט צי ער וועט זיי אַריינלאָזן, ווייל יעדער גוי, וועלכער האָט באַהאַלטן אַ ייד האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן פון דער גאַנצער פאַמיליע.

ווען דער גוי האָט זיי דערזען, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן און זיך איבערגעצלמט. אַלעקסאַנדער האָט זיי אַלע אַריינגענומען צו זיך אין שטוב אַריין, זיי אַרויפגעזעצט אויפן אויוון געגעבן עסן און געלאָזט איבערנעכטיקן.

אויפן צווייטן טאָג האָט ער זיי געמאַכט אַן אָרט אין שטאַל צווישן שטרוי. דאָרט האָט ער זיי אויסבאַהאַלטן צוויי חדשים.

ער האָט מיר דערציילט פיל אַנדערע עפּיזאָדן פון זייערע וואַנדערונגען, און צוגעגעבן, אַז זיי זענען שוין מיד פון אַזאַ לעבן, די כוחות לאָזן זיך אויס און אַז די ישועה איז נאָך ווייט, מ׳זעט זי נישט.

איך האָב אים געראַטן נישט האַלטן זיך אַלע אינאיינעם, כדי צו פאַרקלענערן די געפאַר און נישט וואַרפן זיך צו פיל אין די אויגן. כ׳האָב צוגעזאָגט אים העלפן מיט וואָס כ׳וועל נאָר קענען.

אָפּגעיאָגט פון מיר און זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ בערגל זיך אָפּרוען. פלוצים האָבן זיך באַוויזן דריי לאַסט־אויטאָס פול מיט יידן. פון פאָרנט איז געפאָרן אַן אויטאָ מיט מאַשינען־געווער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס פירט מען די יידן פון געטאָ צום טויט...

איך בין שנעל אַוועק פון דאָרט, ווערנדיק פאַרפאָלגט פון דעם גרויזאַמען בילד ווי מען פירט יידן צום טויט. איך בין אָנגעקומען אין אַ דאָרף, ווו די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון טשעכן. איך האָב געזאָגט אַז איך בין אַ מאָלער, וואָס גייט קיין קאָוועל. איך האָב געבעטן, מען זאָל מיך לאָזן איבערנעכטיקן. זיי האָבן פון מיר געפאָדערט אַ דערלויבעניש פון סאָלטיס, אַז איך מעג נעכטיקן אין דעם דאָרף. כ׳האָב זיך פאַרענטפערט, אַז צוליב דער שפּעטער שעה און די פינצטערע נאַכט, ווייס איך נישט אויב איך וועל טרעפן צו זיין הויז.

איך האָב זיי געוויזן דאָס בלויעכץ, וואָס מיין פרוי האָט מיר מיטגעגעבן אין וועג. פאַר זיי איז דאָס געווען ממש אַ מציאה, און זיי האָבן מיר דערלויבט איבערנאַכטיקן בלויז איין נאַכט. איך האָב זיך פאַרפליכטעט צומאָרגנס פאַרטאָג פאַרלאָזן דאָס דאָרף.

נאָך אַכט טעג וואַנדערן, און שלאָפן אונטערן הימל בין איך דעם 21־סטן אויגוסט געקומען אין דאָרף טריליסיצע, דריי קילאָמעטער פון דאָרף פערעספּע.

איך מאל איקאנעס

איך בין אַריינגעגאַנגען צו אַ פוילישן פויער, אַ געוועזענער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט געהאַט אַן אוקראַאינישע פרוי און האָט זיך אַסימילירט אין אוקראַאינישן דאָרף.

ס׳איז געווען אָוונט. כ׳האָב געזוכט אַן אָרט אויף איבערצונעכטיקן, און געטראָפן דעם אויבנדערמאָנטן פויער. ס׳איז דאַן געווען שטרענג פאַרבאָטן אָננעמען עמעצן אויף נאַכט אָן אַ דערלויבעניש פון סאָלטיס. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב באַקומען פון דער פרוי אַ סטערעאָטיפּישן ענטפער, כ׳זאָל ברענגען אַ קוויטל פון סאָלטיס. כ׳האָב נישט געהאַט קיין שום פּאַפּירן און נישט געטאָרט זיך ווייזן ביים סאָלטיס. וואָס טוט מען דאָ? ס׳איז שוין שפּעט און ס׳ווערט פינצטער.

כ׳הער אַז דער פויער רעדט צו דער פרוי אויף פויליש. איז מיר איינגעפאַלן זאָגן אויף פויליש:

„גוטע צייטן האָבן מיר יעצט, אַן אייגענער דערקענט נישט אַן אייגענעם”.

דער פּאָלאַק האָט זיך אַזש אַ וואָרף געטאָן. כ׳האָב אָנגערירט זיין נאַציאָנאַלן געפיל. מ׳האָט מיך געבעטן זיצן, געגעבן אָוונטברויט, צערעדט זיך. כ׳האָב דערציילט, אַז כ׳בין אַ לוצקער, אַז אַ באָמבע איז אַריין צו מיר אין שטוב און אַלץ פאַרניכטעט. איך בין אַ מאָלער און גיי קיין קאָוועל אין קלויסטער מאָלן הייליקע בילדער. כ׳דאַרף נאָר איבערנעכטיקן. דער וועג צום סאָלטיס איז ווייט, אַ פּאָר קילאָמעטער, ווי וועל איך גיין יעצט אים זוכן?

כ׳בין געבליבן נעכטיקן ביי דעם פויער.

ביי דעם באַלעבאָס האָט מען פונקט יענעם אָוונט געטריבן סאַמאָגאָנקע, דאָס הייסט: אויף אַ היימישן אויפן געמאַכט בראָנפן. דער סאָלטיס פון דאָרף איז געווען אַ געפערלעכער שיכור. ער האָט אינטואיטיוו געפילט ביי וועמען מ׳טרייבט בראָנפן און געקומען שפּעט אין אָוונט צו דעם פויער פאַרזוכן די פרישע פּראָדוקציע. דאָ האָבן מיר געמאַכט באַקאַנטשאַפט. דער פויער האָט מיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ קונסט־מאָלער. כ׳האָב געהאַט מיט זיך אַ קעסטעלע מיט אַקוואַרעל־פאַרבן און אַ טאַליע קאָרטן, וואָס כ׳האָב געמאָלט אין געטאָ אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן. די טאַליע קאָרטן האָט אויסערגעוויינלעך אויסגענומען אין די אויגן פון דעם בגילופימדיקן סאָלטיס. ער האָט מיך גענומען איינרעדן בלייבן אין דאָרף, ווו ס׳פעלט נישט קיין עסן, בעת אייבווינער פון שטאָט קומען דאָ זוכן עפּעס צו עסן. ער האָט צוגעגעבן, אַז אין דאָרף איז נישטאָ קיין הייליקע בילדער, ווייל די באָלשעוויקעס האָבן זיי אַלע פאַרניכטעט. ער וועט רופן אַן אַסיפה און אַרויסגעבן אַ באַפעל, אַז אין יעדער שטוב מוז זיין אַ הייליק בילד. אַזוי אַרום וועל איך זיין פאַרזאָרגט מיט אַרבעט אַ לאַנגע צייט.

כ׳האָב אים געבעטן דערווייל קיין באַפעל נישט אַרויסגעבן. נאָר אַזוי ווי איך זע אַז

ער איז זייער אַן איידעלער מאַן, וועל איך פאַר אים מאָלן דאָס ערשטע הייליק בילד.

צומאָרגנס בין איך אַוועק צום סאָלטיס אַביסל זיכערער ביי זיך, ווייל ער איז שוין געווען אונטער מיין השפעה.

נאָר ס'איז אַנטשטאַנען אַ נײַ פּראָבלעם: ווי מאָלט מען אַ הייליק בילד, וואָס כ'האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען. כ'ווייס נישט אַפילו וויאַזוי אָנצופאַנגען. טראָץ דעם וואָס כ'האָב ליב געהאַט פון קינדהייט אָן צו מאָלן, האָב איך קיינמאָל נישט געמאָלט קיין איקאָנעס, וואָס איז אַ ספּעציעל געביט אין דער מאָלעריי־קונסט.

איך האָב געבעטן דעם סאָלטיס געפינען אין דאָרף אַ הייליק בילד, לויט וועלכן איך זאָל קענען מאָלן. איך האָב געזאָגט דעם סאָלטיס, אַז „הייליקע בילדער איז פאַרבאָטן מאָלן פון קאָפּ".

ער האָט מיך געבראַכט אַן אַלטע איקאָנע פון פּאָטשייעווער קלויסטער, און כ'האָב זיך געזעצט ביי אַ טישל אויפן הויף מאָלן דאָס הייליקע בילד.

מיין נאָמען: מיכאל וואַסילעווסקי

דער סאָלטיס האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַרן סאָלטיס פון אַ שכנותדיק דאָרף, באָגושוווקא. אויך ער איז געווען אַ גרויסער שיכור. איך בין אַוועק צו אים מאָלן אַן איקאָנע.

איינמאָל, בעת כ'בין געזעסן ביי אים און געמאָלן אַן איקאָנע, איז געקומען אַ באַאַמטער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַרויסגעבן פּערזענלעכע דאָקומענטן פאַר די פּויערן אין די דערפער. איך האָב זיך געווענדעט צום סאָלטיס:

„כ'בין אַרויס פון שטוב אַזוי ווי כ'שטיי און גיי צוליב אַ שריפה, און כ'בין געבליבן אָן פּערזענלעכע דאָקומענטן. אפשר קענסטו זיך באַמיען ביים באַאַמטן ער זאָל מיר אַרויסגעבן אַ דאָקומענט".

ער האָט באַפוילן מיר געבן אַ דאָקומענט אויפן נאָמען מיכאל וואַסילעווסקי. איך האָב פאַרצייכנט מיין עלטער מער ווי כ'בין געווען, כדי מען זאָל מיך נישט נעמען צו דער אַרבעט.

ביי דעם סאָלטיס אויפן הויף האָט זיך געפינען דער דאָרפישער קאָאָפּעראַטיוו. פיל מענטשן זענען געקומען, זיך אָפּגעשטעלט זעען וויאַזוי איך מאָל, און מיין מאָלן איז זיי זייער געפאָלן. שוין אין ערשטן טאָג האָב איך באַקומען דריי באַשטעלונגען (בעת די רוסן זענען צוריקגעקומען קיין לוצק האָב איך געהאַט ביי הונדערט באַשטעלונגען אויף איקאָנעס, וואָס כ'האָב נאָך באַדאַרפט מאָלן...).

כ'האָב געוווינט ביי דעם פּוילישן פּויער און זיך באַמיט אים באַצאָלן פאַרן עסן און נאַכטלעגער: כ'האָב געטראָגן וואַסער, געהאַקט האָלץ, געשפּרייט שטרוי אונטער די בהמות און די קעלבלעך, און געהאָלפן אין פעלד־אַרבעט.

כ'האָב פאַרבראַכט ביים פּויער עטלעכע טעג.

ס'האָבן אָנגעהויבן קורסירן אין דאָרף פינצטערע קלאַנגען, אַז מ'הרגעט אויס אַלע יידן אין די געטאָס. דעם פּויער איז איינגעפאַלן אַ חשד, אַז איך בין אפשר נישט קיין פּאָלאַק, נאָר אַ ייד. בשעת כ'בין געשטאַנען אין גאָרטן און געריסן מאָן, האָב איך געהערט ווי פון יענער זייט הויכן פאַרקן רעדן שקצים צווישן זיך:

„איך זאָג דיר, אַז דאָס איז אַ ייד!"

כ'האָב אָנגעהויבן קלערן וועגן אַוועקגיין פון דאָרט. נאָר ווּהין גייט מען, אַז אַרום און אַרום איז אַזאַ ים פון שׂנאה. דייטשן און אוקראַאינישע פּאָליציי נישטערן איבער דער געגנט, זוכנדיק רעשטלעך פון צעלאָפּענע יידן. דער פּאָלאַק איז געקומען צו מיר און געזאָגט:

„דו מוזט מיר צושטעלן אַ באַווייז, אַז דו ביזט נישט קיין ייד; אַנדערש האָב איך מורא דיך צו האַלטן".

ס'איז מיר געוואָרן שלעכט. כ'האָב אים געענטפערט, אַז זיין פאָרשלאָג אַליין איז שוין פאַר מיר אַ באַליידיקונג, כ'וועל גיין צום גלח מיט אַ טענה: איך בין אַ פּאָלאַק און אין אַן עת־צרה מוז ער מיר פאַרזאָרגן מיט אַרבעט.

כ'פלעג קומען צו די שמוישעס כמעט אַלע זונטיק און פאַרברענגען מיט זיי עטלעכע שעה אויפן בוידעם. כ'האָב געמאַכט פון האָלץ און פּאַפּיר שפּילצייג און געשפּילט מיט די ייִנגלעך. כ'פלעג זיי דערציילן מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט און זיי האָבן געהערט מיט גרויס שפּאַנונג. כ'האָב זיי איבערגעגעבן וועגן די קאַמפן אויף די פראָנטן און די נייעסן, וועלכע כ'האָב געהערט בשעת מיינע וואַנדערונגען. די ייִנגלעך האָבן געשפּילט מיט אָנגעמאָלטע קאָרטן, וועלכע כ'האָב געמאַכט אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן אין לוצקער געטאָ.

איינמאָל איז די פרוי שמויש קראַנק געוואָרן, זיך פאַרקילט און אָנגעהויבן הוסטן. דאָס איז געווען אַ גרויס געפאַר, ווייל דורך דעם קלאַנג פון דעם הוסטן האָט מען געקענט אויפדעקן זייער באַהעלטעניש און זיי האָבן געקענט אַלע אומקומען.

כ'בין דאַן אַוועק צו אַ באַקאַנטן טשעכישן דאָקטאָר אין דאָראַסין (ער איז אויך געווען אַ ייד, נאָר קיינער האָט פון דעם נישט געוווּסט), גענומען ביי אים מיטלען אויף שטילן דעם הוסט און געבראַכט דער פרוי. ס'איז איר איבערגעגאַנגען.

די לאַגע איז געוואָרן אַלץ ערגער. ס'האָבן זיך באַוויזן אין די דערפער באַנדעראָווצעס, וואָס האָבן געזוכט איבערגעבליבענע יידן כדי זיי צו פאַרניכטן. פאַר זיי איז געווען כמעט אוממעגלעך אויסבאַהאַלטן זיך אין דאָרף.

איין זונטיק, ווען איך בין געווען ביי די שמוישעס אויפן בוידעם, און געזעען זייער שרעק פאַר דער גרויסער געפאַר, האָב איך באַמערקט, אַז אייגנטלעך וואָס האָבן מיר אַזוי מורא פאַרן טויט. דער גרעסטער טייל פון אונדזערע זענען דאָך שוין דורכגעגאַנגען די טיר — וואָס זשע האָבן מיר מורא; מיר האָבן דאָך דאָרט כמעט אַלע אייגענע, היימישע און באַקאַנטע...

האָט רחל, די ייִנגערע טאָכטער, מיר געענטפערט:

„אך, אָבער איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג, ס'ווילט זיך דאָך נאָך אַזוי לעבן".

די שמוישעס פלעגן מיר פיל מאָל זאָגן: „איר וועט זען, וואַרקאָוויצקי, גאָט וועט נאָך דערפרייען אייער האַרץ. איר וועט נאָך געפינען אייער פרוי און טעכטער".

די משפחה שמויש איז געווען זייער פרום. זיי האָבן געהאַט אַ סידור און אַלע טאָג געדאַוונט. אין דאָרף איז אָפט געווען רינדערן אָדער הינער־פלייש. זיי האָבן די גאַנצע צייט, נישט קוקנדיק אויפן הונגער, קיין פלייש נישט געגעסן, ווייל ס'איז נישט כשר און ס'איז נישט פון יידישע שחיטה.

אין אַ געוויסן זונטיק בין איך געווען ביי מאַטווייען צוזאַמען מיט רחל און איר ברודער. די איבעריקע זענען געווען ביי אַנדערע גויים.

גאַנץ פרי, בעת כ'בין אַרויס אויפן הויף,

האָט מיר מאַטוויי געזאָגט, אַז אויפֿן צווייטן כוטאָר זעט ער אַ פּאַרדעכטיקע באַוועגונג.

כ׳האָב וועגן דעם געמאָלדן רחל מיטן ברודער, גענומען מיין פּעקל און אַוועק אין אַ צווייט דאָרף.

מער האָב איך די שמוישעס נישט געזען. אין צווייטן דאָרף האָב איך דערהערט די שרעקלעכע ידיעה, אַז די באַנדעראָווצעס האָבן אויסגעמאָרדעט שמואליקן מיט זיין גאַנצער פּאַמיליע. איין זון, דער 16־יאָריקער, איז אַוועק. צוויי טעג האָט ער געוואַנדערט און איז פֿאַר דער צייט געוואָרן גרוי ווי אַ טויב. דערנאָך האָט מען אים אויך דערמאָרדעט.

נאָך טיפֿער און שרעקלעכער איז געוואָרן מיין איינזאַמקייט...

שמואל ווארקאוויצקי

דער בארמהארציקער גלח

אַ קילאָמעטער פֿון טריליסיצע איז געשטאַנען אַ קליין קלויסטערל, אין וועלכן ס׳האָט געוווינט אַן אַלטער גלח. כ׳האָב דאָס באַמערקט און באַשלאָסן זיך איינשטעלן און ווענדן צו אים.

איך האָב זיך געפֿרעגט ביי דער קאַטוילישער שוועסטער פֿון דער קירכע אויפֿן גלח. זי האָט מיך אַריינגעפֿירט צו אים אין צימער. כ׳האָב דאָרט דערזען אַ הויכן גרויען מאַן פֿון אַ יאָר 65—70. אין צימער זענען געווען נאָך עטלעכע מענטשן. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳וויל מיט אים רעדן אויג אויף אויג.

ער האָט מיך אַריינגעפֿירט אין אַ קלויסטערל, געקניט פֿאַרן הייליקן בילד און אָפּגעזאָגט אַ תפילה. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו מיר און געפֿרעגט וואָס איך וויל.

כ׳האָב אים געזאָגט:

„אין דער עוואַנגעליע שטייט געשריבן: קומט צו מיר אַלע נויטיקנדע זיך און די וואָס טראָגן אַ יאָך, איך וועל אייך העלפֿן. און איך בין איצט אין אַ גרויסער נויט”.

איך האָב אים דער ציילט אַז איך בין אַ ייד, כ׳האָב פֿאַרלאָזט די היים און ווייס גאָרנישט פֿון מיינע נאָענטע, און כ׳האָב זיך נישט ווו אַהינצוטאָן.

ער האָט מיך אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און זיך צעוויינט אינאיינעם מיט מיר. כ׳האָב דערפֿילט, אַז מיין ווייטיק איז זיין ווייטיק. ער האָט מיר פֿאַרגעלייגט געלט, אָבער איך האָב נישט געוואָלט נעמען. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַרבעט — איבערשרייבן זיינע ווערק וועגן בינען־צוכט; ער האָט מיך געטרייסט, צוגעזאָגט אינפֿאָרמירן זיך אין לוצק וועגן מיין פֿאַמיליע, ער האָט מיך געהייסן גיין צוריק צום פּויער — ער וועט דאָרט באַלד זיין.

און ווירקלעך, אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער געקומען צום פּויער. ער זאָט צו אים געזאָגט:

„האַלט ווייטער ביי זיך דעם מענטשן, פֿרעג אים נישט ווער ער איז; הייַנט איז ער אין אַן עת־צרה, מאָרגן קענסטו זיין אין דער זעלבער לאַגע. איך וועל אויך דעם מענטשן שטיצן”.

אמת, ווען דער קסיאָנדז איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער פּויער ווידער געזאָגט, אַז אויב כ׳שטעל נישט צו קיין באַווייז אַז כ׳בין נישט קיין ייד, וועט ער מיך נישט האַלטן. ער האָט מורא פֿאַר זיך.

כ׳וועל אָבער קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן די מינוט פֿון די געמיינזאַמע טרערן ביי דעם קסיאָנדז אין שטוב און זיין איידעלע צאַרטקייט אין באַציונג צו מיר און מיין אומגליק.

כ׳בין אַוועק צו אַ צווייטן פּויער, וועלכער האָט ביי מיר באַשטעלט אַ הייליק בילד. דאָס איז געווען אַ האַלבן קילאָמעטער ווייטער אין דעם זעלבן דאָרף.

ס׳איז געווען אַ וואַרעמער זוניקער טאָג. כ׳בין געזעסן אין פּויערשן הייפֿל און געמאָלט. פֿון דער ווייטנס האָב איך געזען דייטשן מיט אוקראַינישער מיליץ זוכן אויף די לאָנקעס, צווישן די קוסטעס און אין די גערטנער צעלאָפּענע יידן.

פֿון דער ווייטנס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ וואָגן פֿול מיט היי. פֿון וואָגן האָט דער אַלטער מיקאָלאַי עפּעס געשריגן צו זיין טאָכטער, ביי וועלכער איך האָב יעצט געמאָלט. מיט דעם אַלטן האָב איך זיך באַקענט ביי דעם פֿריערדיקן פּויער. כ׳בין אַרויסגעגאַנגען אים אַנטקעגן, בענטער צום וועג, און געפֿרעגט וואָס ער וויל.

„אַך, דאָס ביסטו, מאָלער!”, האָט ער געזאָגט, און איך האָב געמיינט אפשר דרייט זיך ביי דער טאָכטער אויפֿן הויף עפּעס אַ ייד, איז זי דאָך איינגעשטעלט מיטן לעבן, ווייל אַרום־און־אַרום נישטערן די דייטשן מיט מיליץ און זוכן יידן”.

כ׳האָב אים מיט אַ שמייכל באַרואיקט און אַזועק צוריק צו דער אַרבעט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין מאָלער־וואַנדערוועג, וועלכער האָט געדויערט קנאַפּע צוויי יאָר און איז געווען פֿול מיט פֿאַרשידענע געפֿאַרן און שווערע איבערלעבונגען.

אין אַ חודש אַרום איז געוואָרן קילער. כ׳האָב נישט געהאַט קיין וואַרעמע בגדים. ס׳איז אויך דאַן געווען ווייניק אַרבעט, און ס׳האָט מיר אויך אויסגעפֿעלט פֿאַרבן און פּאַפּיר. איך בין ווידער אַוועק צום גלח.

דער אַלטיטשקער איז געווען נישט געזונט און געלעגן אין בעט. ער האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די סוטאַנע און אַראָפּ פון בעט, צעקושט זיך מיט מיר ווי מיט אַ ברודער, געזעגנט זיך נישט, געזעגנט זיך נישט. — גם ווייסט ווו גען זען וואָס צו טאָן פאַר מיר. פון מיין פאַמיליע האָט ער גאָרנישט געקענט זיך דערוויסן, נאָר דאָס וואָס איך לעב איז שוין אויך אַ גרויסער נס.

דער גרויזאַמער מאָרד

אין פערעספע איז געבליבן ביי אַ פּאָלאַק אַ קליין יידיש ייִנגעלע פון פיר יאָר: אַ שיין קינד מיט אַ פּרעכטיק קעפּל פון שוואַרצע געקרייזלטע האָר. אַ גרופּע פּאָלאַקן האָט זיך געווענדעט צום דייטשן זאַנדעדפירער מיט אַ ביטע דערלויבן דאָס קינד איבערלאָזן ביי זיי. דער זאַנדערפירער האָט געהייסן ברענגען דאָס קינד צו זיך, אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

„ס׳וועט פון דעם זיין גוטע זייף...!" און האָט באַפוילן דאָס קינד אומברענגען...

דער גלח האָט מיר געגעבן זיינע הויזן, וועש, פּאַפּיר, בלייערס, קיכעלעך, — אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקאָנט.

ער האָט אויך אַראָפּגענומען פון דער וואַנט אַ קליין צלמל און מיר געגעבן, אפשר וועט ער מיר צונוצקומען. כ׳האַלט אים ביז היינט ווי אַ טייער אָנדענק.

פאַרשטייט זיך, אַז טייערער פון אַלץ איז געווען זיין הייס, מענטשלעך האַרץ, וואָס איז געווען פול מיט ליבע צו אַלע ליידנדע.


פאַרן געזעגענען זיך מיט מיר האָט ער זיך וואַרעם צעקושט און מיר אָנגעזאָגט:

„זיי שטאַרק, ברודער, און גיב זיך נישט אונטער. וועט דיר ווערן ענג אין איין דאָרף — גיין אין צווייטן. וועט ווערן שלעכט אין צווייטן — גיי אין דריטן. אויב ס׳וועט דאָרט זיין שלעכט, גיי אין וואַלד אַריין, נאָר גיב זיך נישט אונטער — די אויסלייזונג וועט קומען".

אין אַ יאָר אַרום האָב איך באַגעגנט אַ מאַן, וועלכער איז געפאָרן צו דעם גלח. איך האָב דורך אים געשיקט דעם גלח אַ גרוס און אַ קילאָ ריינע וואָל אויף אַ ווינטער־סוועדער. ס׳איז מיר געווען ליב שיקן אים עפּעס פון מיינע באַשיידענע פאַרדינסטן. כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די ליכטיקע געשטאַלט פונעם אַלטיטשקן גלח, וועלכער איז געווען פאַר מיר מער ווי אַ ברודער אין דער פינצטערסטער צייט פון מענטשלעכער פאַרווילדונג.

אומצייליקע געפאַרן

פון דער פּוילישער פאַמיליע, וואָס דער גלח האָט מיך רעקאָמענדירט, בין איך אַוועק צו אוקראַאינישע פאַמיליעס, וואָס האָבן מיר געצאָלט 10 קילאָ ווייץ פאַר אַ גאַנצן יאָר. איך האָב זיך ספּעציעל געהיטן פאַר די אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן, וואָס פלעגן יעדן שבת קומען אין דאָרף, און זונטיק גיין אין קלויסטער. זיי פלעגן מיך אויספאָרשן און וועלן דערגיין ווער איך בין. איך האָב געענטפערט, אַז מיין פאָטער איז געווען אַ פּאָלאַק און די מאַמע — אַן אוקראַאינישע. אין יענע צייטן האָבן די אוקראַאינער געהרגעט יעדן פּאָלאַק וואָס זיי האָבן געטראָפן. מיך האָט מען נישט געטשעפּעט, ווייל איך האָב גערעדט אַ גוטן אוקראַאיניש און האָב געטענהט, אַז מיין מוטער איז געווען אַן אוקראַאינערין. איינמאָל בין איך געקומען צו אַ באַקאַנטן אוקראַאינער, מיקאָליי, וואָס האָט געהאַט אַ ווילדן הינט, וואָס איז געווען אויסדרעסירט צו דערשמעקן יעדן באַהאַלטענעם ייד. פון זיין ספּעציעלן חוש־הריח האָט קיין ייד זיך נישט געקענט ראַטעווען. איך האָב אים די גאַנצע צייט געוואָרפן שטיקער ברויט, כדי ער זאָל זיין פאַרנומען מיטן פרעס און מיך נישט טשעפּען.



★

איך האָב געהאַט אַ טעקע, וווּ איך האָב געהאַלטן מיינע פאַרבן און הייליקע בילדער, כדי צו באַווייזן, אַז איך בין אַ מאָלער. איינמאָל, גייענדיק אויפן וועג, איז אַדורך אַ פור מיט אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן. הער איך ווי אַ פּאָליציאַנט זאָגט צום טרייבער:

„ווער איז דער פיסגייער? אפשר איז ער אַ ייד. מיר קענען דאָס באַלד פעסטשטעלן..."
דער גוי, וואָס האָט מיך געקענט אַלס מאָלער פון איקאָנעס, האָט געענטפערט:
„וואָס איז מיט אייך? ער איז דאָך דער מאָלער פון אונדזערע איקאָנעס!"
די פור איז אַוועק.

*

ס׳זענען געווען נאָך פיל אַנדערע שווערע פאַלן, אין וועלכע ס׳האָט מיך געדראָט דער שרעקלעכער גורל פון אַ ייד אין יענע צייטן. איינמאָל האָב איך געמאָלט אַ בילד אַ פויער, וואָס האָט געהאַט אַ אײדל האַרץ און צו מיך זיך באַצויגן זייער מענטשלעך. ביי אים איז געווען אַן אַלטע מאַמע פון 90 יאָר. זי האָט שוין נישט געהאַט קיין ציין און געלעבט בלויז פון מילך און קאַרטאָפל.

אין שכנותדיקן צימער זענען געזעסן געסט און גערעדט וועגן יידן. הער איך ווי איינער זאָגט:

„מען זאָגט אויף דעם מאָלער, אַז ער איז אַ ייד!"

זאָגט אַ צווייטער, וואָס איז געווען דער אָנפירער פון קאָאָפּעראַטיוו אין דאָרף: „ניין, ער איז נישט קיין ייד. איבריקנס, מיר קענען זיך באַלד איבערצייגן דערין".

מיין באַלעבאָס האָט באַלד רעאַגירט:

„ביי מיר אין שטוב בין איך באַלעבאָס, און קיינער האָט דאָ גאָרנישט וואָס צו זאָגן!"

דער גאַסט, וואָס האָט געזאָגט, אַז ס׳קען זיין אַז איך בין אַ ייד, האָט זיך אָנגערופן:

„איך בין שטענדיק געווען אַ שטיל יינגל און האָב נישט געקענט אָנרירן אַפילו אַ פליג אויף דער וואַנט. אָבער נאָכדעם ווי כ׳האָב געהערט, אַז נאָכן אַריינקום פון די רוסן קיין לוצק זענען די יידן אַריין אין דער תפיסה און דערשאָסן אַלע אוקראַאינער, וואָס זענען דאָרט געזעסן; און אויך פאַר זייער פאַרלאָזן לוצק האָבן די יידן דערמאָרדעט אַלע אוקראַאינער וואָס די רוסן האָבן געהאַלטן אין תפיסה — בין איך געוואָרן פול מיט שנאה צו יידן. ווען כ׳וואָלט געהאַט געווער אין האַנט וואָלט איך געקענט אומברענגען טויזנטער יידן אָן רחמנות..."

דאָס האָב איך געהערט זיצנדיק אין צווייטן צימער מאָלנדיק אַן איקאָנע...

*

דער חשד אַז איך בין אַ ייד האָט זיך, ווייזט אויס, פאַרשפּרייט צווישן דער באַפעלקערונג. איינמאָל זענען צו מיר געקומען אייניקע שקצים אינמיטן נאַכט און געוואָלט קאָנטראָלירן אויב איך בין אַ ייד. איך בין געווען אין אַ געפערלעכער לאַגע און כ׳האָב זיך געזעען אַ פאַרלוירענער. צום גליק האָבן זיך אַריינגעמישט אייניקע גויעס, וואָס זענען געווען אין שטוב. זיי האָבן פאַרלאַנגט פון די שקצים מיך אָפּלאָזן. אַזוי בין איך אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ שרעקלעכע סכנה.

*

איינמאָל זענען אין שטוב אַריין 5 באַוואָפנטע דייטשן קויפן מילך. איך בין דאַן געווען פאַרנומען מיט מאָלן אַן איקאָנע. זיי האָבן געקוקט אויף מיין מאָלן און האָבן אויסגעדרוקט זייער מיינונג וועגן די קונסטלעכע ווערט פון בילד. איך האָב פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט וואָס זיי האָבן געזאָגט אין זייער דייטשער שפּראַך, אָבער איך האָב זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. נאָך אַ האַלבע שעה זענען זיי אַוועק. ס׳איז זיי אַפילו נישט אַרויף אויפן געדאַנק אַז איך בין אַ ייד.



איך באגעגן ד״ר פריד

איך האָב באַקומען אַ הויט־אויסשלאָג פון די נישט־סאַניטאַרע באַדינגונגען אין וועלכע איך האָב זיך געפונען. דער פויער האָט מיך געראָטן זיך ווענדן צו אַ דאָקטאָר.

בעת כ'האָב געוואַרט אין דער ריי פאַר דעם דאָקטאָרס טיר איז געקומען אַ פּאָלאַק פון ראָזשישטש, וואָס האָט מיך גוט געקענט. איך האָב פאַרשטעלט מיין פּנים מיטן היטל און אויסגעדרייט מיין געזיכט ער זאָל מיך נישט זען. ווען ער איז אַוועק האָב איך פרייער אָפּגעעטעמט און בין אַריין צום דאָקטאָר.

ער האָט מיך האַרציק אויפגענומען, געגעבן עסן און אַ רעצעפּט. ער האָט מיך געראַטן קומען צו אים, ווען כ'וועל נאָר דאַרפן זיין הילף. איך האָב נאָך דאַן נישט געוווסט, אַז ער איז אַ ייד.

נאָך דעם באַזוך, האָב איך זיך זייער צוגעבינדן צו אים. ווען כ'האָב נישט געהאַט ווו צו נעכטיקן, בין איך אַוועק צו ד"ר פריד. ער האָט פאַר מיר געהיטן דעם סוד ה[illegible]עגן די יידן וואָס ער באַהאַלט ביי זיך. אָבער די באַהאַלטענע האָבן מיך יאָ געזען, ספּעציעל שלמה בייטש. ווען כ'האָב שפּאַצירט ביי אים אין הויף האָב איך צווישן די קאַרטאָפלעס געזען אַ שפּאַרע. איך האָב פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ טיר, וואָס פירט צום בוידעם, ווו ס'געפינען זיך באַהאַלטענע יידן. נאָך דער באַפרייאונג האָבן זיי מיר דערציילט, אַז דאָרט האָבן זיך אויסבאַהאַלטן שלמה בייטש און דריי לוצקער מיידלעך, צווישן זיי רוזשקע געלמאַן, וועמענס פאָטער האָט געהאַט אַ מיל אין לוצק.

דער גורל פון א יידישע פאמיליע

איין טאָג אָנפאַנג 1944 האָט מיר דער באַלעבאָס געזאָגט, אַז דער מצב ווערט זייער געפערלעך. ס'זענען געקומען אוקראַינישע פּאַרטיזאַנער זוכן באַהאַלטענע יידן. ער האָט מיך געראַטן אַריין אין בעט און ער וועט וואַכן אַ גאַנצע נאַכט און מיך היטן.

אין אַ שכנותדיקע כאַטע איז געווען אויסבאַהאַלטן אַ יידישע פאַמיליע. די אוקראַי־נישע רוצחים זענען דאָרט אַריין און די גאַנצע פאַמיליע — עלטערן, אַ זון, אַ טאָכטער און אַ קינד פון דריי חדשים — אַריינגעוואָרפן אין אַ ברונעם. דאָס דאָזיקע גרוילעך בילד האָט מיין באַלעבאָס געזען זיצנדיק ביים פענסטער בעתן וואַכן איבער מיר.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט ער מיך אַרויסגעפירט און איך בין אַוועק אין אַן אַנדער כאַטע.

מיין באלעבאס באצאלט מיטן לעבן

איין טאָג איז אין דאָרף אַרויס אַ קלאַנג, אַז פּאָלאַקן זענען אָנגעפאַלן אויפן דאָרף און מאָרדן די אוקראַינער איינוווינער. ס'איז אַנשטאַנען אַ שרעקלעכער כאַאָס און אוקראַינער האָבן אָנגעהויבן לויפן פון דאָרף. איך בין אויך געלאָפן, ווייל איך האָב מורא געהאַט פאַר די פּאָלאַקן נישט ווייניקער ווי פאַר די אוקראַינער. די אוקראַינער האָבן מיך שוין געקענט און איך האָב זיך געפילט זיכער צווישן זיי. ווען די מהומה האָט זיך איינגעשטילט און מיר זענען צוריקגעקומען אין דאָרף בין איך גלייך אַוועק צו מיין געוועזענעם באַלע־באָס, וואָס האָט זיך פאַר מיר איינגעשטעלט און מיך אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. דאָ האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט אַ שוידערלעך בילד:

מיין איידעלער באַלעבאָס איז געלעגן טויט און זיין בלוט האָט באַפאַרבט דעם תנ"ך, וואָס איז געלעגן אָפן פאַר אים. אויך די אַלטע 90־יעריקע מוטער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַ קויל, וואָס איז געצילט געוואָרן גלייך אין מויל אַריין.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט דאָס געטאָן אַ פּאָלאַק, וואָס האָט אים חושד געווען, אַז ער האָט דערהרגעט זיין ברודער...

איך בין פון דאָרט אַוועק מיט אַ ביטער האַרץ אויף דעם שרעקלעכן מאָרד, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אויפן יסוד פון אַ פאַלשן בלבול.



די רוסן קומען

אין יאָר 1944 זענען די רוסן צוריקגעקומען אין דאָרף, ווו איך האָב זיך געפונען. אין די ערשטע טעג האָב איך מורא געהאַט, אַלס אוקראַינער, אַרויסגיין אין גאַס. אין אַ שכנותדיקן דאָרף האָבן די רוסן געשאָסן אַ רוסישן פלעניק, וואָס איז אַנטלאָפן פון די דייטשן און געלעבט אין דאָרף אַלס שוסטער.

נאָך אייניקע טעג, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רוסן באַציען זיך גוט צו דער אָרטיקער באַפעלקערונג, בין איך אַוועק קיין לוצק. אויפן וועג האָב איך באַגעגנט רוסישע טאַנקיסטן. זיי האָבן מיך גענומען אויפן טאַנק קיין ראָזשישטש. דאָרט האָב איך געפונען אייניקע יידן און ביי זיי גענעכטיקט.

צוריק צוזאמען


צומאָרגנס בין איך אַוועק קיין לוצק. איך בין אַריין אין מיין שוועסטערס שטוב ווו מיר האָבן געוווינט פאַר דער מלחמה. דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין פרוי לעבט און אַז זי אַרבעט אויפן זעלבן פאָסטן, ווי פאַרן קריג. איך בין דאָרט אַוועק און מיין פרוי איטקע איז מיר אַנטקעגנגעקומען. אויך אונדזער טאָכטער פריידע איז שוין געווען דאָרט. דאָס איז געווען אונדזער ערשטער צוזאַמענטרעף נאָך 18 מאָנאַטן. אונדזער עלטערע טאָכטער, לובע, איז אומגעקומען, און מיר ווייסן נישט וויאַזוי דאָס איז געשען.

קיין ארץ-ישראל

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציע זענען מיר אַוועק קיין לאָדזש. נאָך אַ קורצע צייט זענען מיר אַוועק קיין טשעכן און פון דאָרט קיין אונגאַרן, ווו מיר זענען געבליבן אַ געווויסע צייט.

פון דאָרט זענען מיר אַוועק קיין ווין. דאָרט איז אַרויס אַ יידישע צייטונג, ווו איך בין געוואָרן אַ מיטרעדאַקטאָר. די צייטונג איז דערשינען אין דער יידישער שפּראַך מיט לאַטיינישע אותיות.

פון ווין זענען מיר אַריבער קיין איטאַליע, ווו מיר זענען געווען איבער אַ יאָר. קיין ארץ־ישראל זענען מיר אָנגעקומען דעם 8־טן מערץ 1948.



אין די פינצטערע יארן

הערשל רויטער



הערשל רויטער (שטייט) אויף אַ חברים־אויפנאַמע אין בית־ראַזשישטש.

בעת דער סאָוויעטישער מאַכט ביי אונדז אין שטעטל זענען מיינע עלטערן קוואַליפיצירט געוואָרן אַלס „בּורזשויען״, און דעריבער האָט מען אין זייער פּאַספּאָרט אַריינגעשריבן דעם פּאַראַגראַף 860, וואָס האָט באַטייט, אַז דאָס זענען מענטשן געפערלעכע פאַרן סאָוויעטישן רעזשים, און אַלס אַזעלכע זענען זיי פאַרמשפט אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין סיביר. אַ דאַנק זייערע גרויסע אָנשטרענגונגען און השתדלותן מיט דער הילף פון שוחד איז בטל געוואָרן די גזירה פון סיבירער גלות. איך האָב אָנגעהויבן לערנען אין אַ רוסישער שולע. אין דער „פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע״ האָט מען, פאַרשטייט זיך, מיך נישט אַריינגענומען, ווייל מיין פאָטער איז אַ געוועזענער „בורזשוי״. אין דער שולע זענען מיר אויך דורכגעגאַנגען מיליטערישע איבונגען צוגעפּאַסט פאַר יוגנטלעכע. מיינע ברידער האָבן געאַרבעט און באַקומען אַ חודשלעכן געהאַלט.

אין דער דאָזיקער סאָוויעטישער תקופה זענען אָנגעקומען פיל פליטים פון צענטראַל פוילן, אויס פחד פאַר די דייטשן. די ראָזשישטשער יידן האָבן זיי אויפגענומען זייער פיין און זיי געהאָלפן איינאָרדענען אויף אַרבעט, באַקומען וווינונגען און אויך די נויטיקע דאָקומענטן. ביי אונדז אין שטוב האָבן געוווינט פינף מענטשן פון איין משפחה, וועלכע האָבן געשטאַמט פון שטעטל זשעליכאָוו. זיי זענען געווען זייער גוטע שיסטער און האָבן געעפנט אַ שוסטער־וואַרשטאַט. אַ דאַנק דעם האָבן זיי געהאַט דאָס רעכט צו וווינען אין ראָזשישטש.

פון צייט צו צייט פלעגן דערגיין שלעכטע גרוסן וועגן די פאַרברעכערישע מעשים פון די דייטשן אין פוילן. מיטן אויסברוך פון דער סאָוויעטיש־דייטשן קריג און מיט דעם אַריינמאַרש פון די דייטשע אַרמייען קיין רוסלאַנד, האָבן די רוסן אָנגעהויבן אָפּטרעטן אין גרויס פּאַניק. פיל פון די פליטים און אויך ראָזשישטשער יידן זענען אַנטלאָפן טיף אין רוסלאַנד.

ביי אונדז האָט געוווינט אַ רוסישער פּילאָט, אַ מאַיאָר. ער האָט אונדז פאַרגעלייגט אַריינגיין אין זיין עראָפּלאַן, וואָס האָט זיך געפונען אויפן פלי־פעלד אין פּאָזשאַרעק. ער איז גרייט געווען נעמען אונדזער גאַנצער משפחה קיין רוסלאַנד. מיר האָבן באַשלאָסן אַנטלויפן. די פעקלעך זענען שוין געווען איינגעפּאַקט, אָבער די מוטער האָט אין דער לעצטער מינוט חרטה געקראָגן. זי האָט נישט געוואָלט זיך שיידן מיט איר האָב און גוטס, וואָס זי האָט אָנגעזאַמלט מיט גרויס מי פאַרן גאַנצן לעבן (מיין פאָטער איז געשטאָרבן פריער). די ברידער האָבן געזאָגט:

„מאַמע, אויב דו פאַרלאָזט נישט דאָס פּלאַץ, בלייבן מיר אויך״.

אַזוי זענען מיר געבליבן.

מיינע ברידער, חיים און לייבל, האָבן די רוסן מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי, אָבער נאָך אַ קורצע צייט האָבן זיי זיך אומגעקערט, ווייל ס׳איז שוין געווען אַ כאַאָס אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, די דיסציפּלין איז געווען אַ שלעכטע, אַלץ איז זיך צעפאַלן און די מאָביליזירטע סאָלדאַטן זענען זיך צעלאָפן.

די דייטשן קומען אן

מיטן אָנקומען פון די דייטשן אין שטאָט האָבן זיך די יידן באַהאַלטן. איך, אַלס קינד, בין געזעסן מיט די שכנים אוקראַאינער אויפן גאַס און זיך צוגעקוקט צו דעם אַריינמארש פון די דייטשן. די דייטשע דעפילאַדע האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף די

יידן. די דייטשע מאָטאָציקליסטן זענען אַדורכגעפאָרן אויף זייערע מאָטאָציקלען, און אויף יעדן מאָטאָציקל איז געזעסן אַן אויסדרעסירטער הונט, אַ וואָלף.

די אוקראַינער־נאַציאָנאַליסטן האָבן זיך געפרייט מיטן אָנקומען פון די דייטשן. זיי האָבן אַפילו געשאָסן אויף די אָפּטרעטנדיקע רוסן. די דייטשן האָבן זיי צוגעזאָגט זעלבסטשטענדיקייט. אין שטאָט האָט זיך נאָך געהערט דאָס שיסעריי צווישן די דייטשע איינהייטן און די רעשטלעך פון די אָפּטרעטנדע סאָוויעטישע מיליטערישע טיילן, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין זאַפּאָלסקיס סאָד. אייניקע יידן זענען דערשאָסן געוואָרן מיטן אויסרייד, אַז דאָס האָבן די יידן געשאָסן אויף די דייטשן. צומאָרגנס זענען ווידער דערשאָסן געוואָרן אייניקע יידן אין מאַרק. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַניק צווישן די יידן. די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן האָבן אָנגעהויבן צו ווילדעווען.

באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסער אַכזריותדיקייט די אוקראַינישע משפּחה זענץ, וועלכע האָט געוווינט „אונטערן בריק" (וועלניאַנקע). דריי פון דערדאָזיקער משפּחה: איגאָר, גניאַדי (דעם דריטנס נאָמען געדענק איך נישט) זענען געוואָרן פּאָלי־ציאַנטן, און האָבן געהאָלפן די דייטשן דערקענען ווער ס'איז אַ ייד. זיי פלעגן אַרויסציען יידן פון די הייזער אונטער פאַרשידענע אויסריידן מיטן צוועק צו רויבן. זענץ איז געקומען צו אונדז אין שטוב, ער האָט געזוכט און געשנישטערט און צוגענומען מיינע ברידערס מלבושים.

מיין ברודער קעמפט פאר זיין לעבן


מיין ברודער בעבע איז אַנטלאָפן און האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די הויכע קוסטעס איפן ברעג פונעם סטיר. צוויי אוקראַינער פּאָליציאַנטן וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ קליין פישער־שיפל האָבן אים באַמערקט און אים געכאַפּט. איינער פון די צוויי אוקראַינישע פּאָליציאַנטן האָט געהייסן וואַנקע; ער האָט אין די קינדער־יאָרן געלערנט צוזאַמען מיט מיין ברודער אין שולע. בעבע האָט געבעטן ער זאָל אים אָפּלאָזן. וואַנקע האָט אין דער זעלבער צייט גענומען זיך יאָגן נאָך אַנדערע יידן, וואָס זענען אין צווישנ־צייט אַנטלאָפן פון שטאָט. בעבע האָט מיט כוח אַריינגעוואָרפן דעם צווייטן פּאָליציאַנט אין וואַסער און איז אַנטלאָפן. ער איז געקומען אַהיים און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ שטאַל. איך בין דאַן אַלט געווען 12 און אַ האַלב יאָר. דאַן האָט מען נאָך נישט געכאַפּט קיין קינדער. די אַלע וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן זיינען דערהרגעט געוואָרן אונטער דער שטאָט.

אין דער צייט פון דער פערטער אַקציע, האָט מען גענומען אויך זקנים און קינדער אין יינגסטן עלטער. מיין ברודער בעבע האָט זיך באַהאַלטן צווישן פערד און בהמות וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אונטערן סטאַוואָק. די אוקראַינישע פּאָליציאַנטן האָבן זיך דערנענ־טערט צו דעם פּלאַץ ווו מיין ברודער האָט זיך געפונען און איינער האָט אים דערקענט. בעבע איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ פערד און אָנגעהויבן אַנטלויפן. דער אוקראַינישער פּאָליציאַנט איז אויך אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ פערד, אָנגעיאָגט מיין ברודער און אים געכאַפּט.

די אַלע געכאַפּטע, צווישן זיי אויך מיין ברודער בעבע, האָט מען דערהרגעט און באַגראָבן אין איין ברודער־קבר. איך האָב זייער ליב געהאַט מיין ברודער בעבע און בין געווען זייער צוגעבונדן צו אים. איך האָב זיך נישט געקענט באַרויקן. איך האָב נאָך אַלץ געהאָפט: אפשר לעבט ער ערגעץ? ביינאַכט האָב איך צוזאַמען מיט מיין קוזין זיך דערקליבן צו דעם ברודער־קבר. מיר האָבן געהערט דאָס קרעכצן פון די נאָך לעבעדיקע און גוססדיקע פאַרוווּנדעטע. אייניקע פון זיי האָב איך אַפילו דערקענט. מיין ברודער האָב איך אָבער נישט געפונען. מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים פאַריאושטע און דער־דריקטע און האָבן נישט דערציילט די עלטערן וועגן אונדזער טאַט.

קאלא טאמאשעוויטש — א הארציקער פריינד

בשכנות מיט אונדז האָט געוווינט אַן אוקראַינישע פאַמיליע, מיט וועלכער מיר זענען געווען אין גוטע באַציאונגען. דאָס איז געווען די משפּחה טאָמאַשעוויטש. קאָלאָ אַ זון



הערשל רויטער, זיינע ברידער און שוועסטער.

פֿין דער פֿאַמיליע איז געקומען צו אונדז און געפֿרעגט מיט וואָס ער קען אונדז העלפֿן? מיין מוטער האָט אים געראָטן, ער זאָל אַריינטרעטן אין דער פּאָליציי און אַלס פּאָליציאַנט וועט ער אונדז קענען העלפֿן. אַזוי איז טאַקע געווען. ער איז געוואָרן אַ פּאָליציאַנט און פֿלעגט אונדז איבערגעבן זייער וויכטיקע ידיעות. ער האָט אונדז דערציילט, אַז אַלע געכאַפּטע יידן, און צווישן זיי מיין ברודער בעבע, זענען דערמאָרדעט געוואָרן. דערציילנדיק דאָס האָט ער געוויינט. נישט איינמאָל פֿלעגט ער קומען אין די סאַמע סכּנותדיקע סיטואַציעס און אונדז ממש ראַטעווען.

מיין ברודער לייבל, איז געכאַפּט געוואָרן באַלד מיט זיין אומקערן זיך אַהיים פֿינעם סאָוויעטישן מיליטער, און זיינע שפּורן זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען.

יעדע עטלעכע טעג פֿלעגן אַרויס נייע גזירות: אָפּגעבן דאָס פֿוטערוואַרג, זילבערנע און אַנדערע ווערטפֿולע זאַכן. ס׳רוב מענטשן האָבן אָפּגעגעבן זייער האָב און גוטס מיט אַ ווייטיק אין האַרצן. יעדעס מאָל פֿלעגן די דייטשן פֿאָדערן אַלץ מער און מער.

דער הונגער אין געטאָ

אין געטאָ האָט געהערשט אַ הונגער. אין גאַס האָבן זיך אַרומגעדרייט מענטשן געשוואָלענע פֿון הונגער. ווען די דייטשן האָבן באַפֿוילן אַריינגיין אין געטאָ, האָבן זיי דערלויבט מיטנעמען בלויז דאָס, וואָס מען האָט געקענט טראָגן אויף זיך. דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן איז איבערגעבליבן אין די הייזער, וועלכע מען האָט געמוזט פֿאַרלאָזן.


אונדזער משפּחה האָט, ווי אַלע אַנדערע, פֿאַרלאָזן דאָס הויז. אין געטאָ האָבן מיר געוווינט ביי דער באָבע קיילע, מיט נאָך 60 מענטשן. די אַלע, וועלכע פֿלעגן אַרויסגיין פֿין געטאָ אויף אַרבעט אין שטאָט האָבן, ווי ס׳איז, אויסגעבעסערט זייער לאַגע אַדאַנק דעם וואָס זיי האָבן געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט די גויים און פֿלעגן פֿון צייט צו צייט אויסטוישן זייערע זאַכן אויף עסנוואַרג. ס׳איז געווען אַ קאַטעגאָרישער פֿאַרבאָט פֿון די דייטשן אַריינצוברענגען עסן אין געטאָ ביים אומקערן זיך פֿון דער אַרבעט פֿון שטאָט. אָבער די נויט האָט געצוווּנגען ריזיקירן און פֿון צייט צו צייט פֿלעגט געלונגען אַריינגנבֿנען אַ לעבל ברויט אין געטאָ.

מיין מוטער האָט מצליח געווען איינשליסן מיך צו די 12 אַרבעטער וואָס האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש צו אַרבעטן אין פֿאַבריקל פֿון ברוך פֿריגאַל, וואָס האָט אויסגעאַרבעט וואָל־פֿאָדעם. דאָס פֿאַבריקל האָט זיך געפֿונען מחוץ דער טעריטאָריע פֿון געטאָ, „אונטערן בריק״. מיר פֿלעגן אַרויסגיין פֿון געטאָ פֿרי צו דער אַרבעט און פֿלעגן זיך אומקערן פֿאַרנאַכט. ס׳איז געווען פֿאַרבאָטן אַ ייד צו גיין אויפֿן טראָטואַר און מיר פֿלעגן גיין אין מיטן דער גאַס. די יידן האָבן געטראָגן אַ געלן צייכן.

אַלס פֿאַרוואַלטער פֿון פֿאַבריקל איז באַשטימט געוואָרן אַן אוקראַאינער, וואָס האָט פֿריער געאַרבעט אַלס פּשוטער אַרבעטער, אָבער ברוך פֿריגאַל און זיין משפּחה האָבן פֿאָרגעזעצט אַרבעטן אַלס נויטיקע פֿאַכמענער אין דער אונטערנעמונג. איך פֿלעג פֿאַרקויפֿן די גויים רינגעלעך, שטאָף, מלבושים און פֿאַר דעם פֿלעג איך באַקומען שטיקלעך ברויט, אַ ביסל מעל, בוימל און איך פֿלעג עס אַריינגנבֿנען אין געטאָ...

איינמאָל האָב איך געפּרוּווט אַריינגנבֿענען 2 פֿלעשער בוימל. זיי האָבן מיך געשלאָגן מכּות־רצח און אָפּגעשטעלט אויף דער זייט, כּדי אַוועקצופֿירן אין דער פּאָליציי. ביים אַריינגאַנג אין דער פּאָליציי האָבן זיי מיך דורכגעפֿירט צווישן צוויי רייען פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן מיך געשלאָגן מיט שטעקנס מיט אַזאַ סאַדיזם, אַז איך בין אַוועקגעפֿאַלן אַ פֿאַרוווּנדעטער אויף דער ערד. אַ צעשלאָגענעם האָבן זיי מיך אַריינגעוואָרפֿן אין אַ קעלער. פּלוצלינג ביינאַכט האָט זיך געעפֿנט דער טויער פֿון קעלער און איך האָב געהערט: „הערשל, הערשל״... דאָס האָט מיך גערופֿן קאָלאַ טאָמאַשעוויטש דער פּאָליציאַנט. ער האָט מיך אַרויסגעצויגן פֿון קעלער, אַוועקגעזעצט אויף אַ וועליסאָפּעד און אַוועקגעפֿירט אַהיים אין געטאָ. ער האָט מיך דאַן ממש געראַטעוועט פֿון אַ זיכערן טויט.

אָט דער קאָלאַ טאָמאַשעוויטש, דער האַרציקער פֿריינד פֿון אונדזער משפּחה, פֿלעגט אונדז שטענדיק וואָרענען און מודיע זיין וואָס עס וועט פּאַסירן די נאָענסטע צייט. איינמאָל, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון דער אַרבעט, האָבן מיר געזען אַ גרויסע



פאַרדעכטיקע באַוועגונג פון אוקראַינישע פּאָליציאַנטן. ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען קאָלאַ טאָמאַשעוויטשעס הויז, איז ער אַרויס און מיר פאָרזיכטיק געשעפּטשעט:

„הערשל אַנטלויף! זאָג אין געטאָ, אַז דאָס איז אייער לעצטער טאָג".

אין געטאָ איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן די טרויעריקע ידיעה און אַסאַך האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן, אָבער דער געטאָ איז שוין געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקע קייט פון פּאָליצייאישע כוחות, וואָס האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף אַלע זייטן. ס'זענען געפאַלן פיל טויטע און פאַרוווּנדעטע ביים פּרוּוו צו דערנענטערן זיך צום געטאָ־פּלויט. אין די הילכערס האָבן די דייטשן באַפוילן, אַז די יידן זאָלן זיך צונויפזאַמלען אין דער „גמינע" (אין הויז פון דער געוועזענער דאָרפישער פאַרוואַלטונג).

מיר אנטלויפן פון דער ליקווידאציע

אין די דאָזיקע שרעקלעכע מינוטן האָט זיך באַוויזן קאָלאַ. ער האָט אַרויפגעזעצט מיין שוועסטער מינדל אויף אַ ראָווער און איר באַהאַלטן אויפן בוידעם פון זיין הויז. שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט און אַרויסגעפירט מיין מוטער אין דאָרף טאָפּילנע וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן געטאָ.

איך האָב באַוויזן, צוזאַמען מיט מאָטל דאָלגאָפּאָליוק און צוויי זיינע שוואָגערס (גראָוער) און די משפּחה פּריגאַל, אַרויסגנבענען זיך מיט גרויס סכנה פון געטאָ און דערגיין ביזן ברעג פון סטער. איך און לאָזער פּריגאַל (דער עלטערער זון פון ברוך) האָבן אָפּגעבונדן אַ לאָדקע וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג טייך. אויף דער בריק איז געשטאַנען אַ שטאַרקע וואַך. מיר האָבן אין דער פינצטער איבערגעפירט אונדזערע מענטשן אויף דער צווייטער זייט טייך. אין דער נאַכט האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן אין וואָל, וואָס איז געלעגן אויפן בוידעם פון דער פאַבריק.

איידער ס'איז ליכטיק געוואָרן האָבן מיר אָנגעהויבן לויפן דורך די פעלדער אין דער ריכטונג פון דאָרף דובישטש. פון דער גויאישער זייט האָבן מיר געהערט ווי זיי האָבן זיך באַרימט:

„היינט וועלן באַגראָבן ווערן די יידן".

ווען זיי האָבן אונדז באַמערקט לויפנדיק האָבן די גויים אונדז נאָכגעשריגן „זשידי!" און אייניקע האָבן אַפילו געפּרוּווט אונדז אַרומרינגלען.

מידע און דערשלאָגענע האָבן מיר זיך מיט די לעצטע כוחות קוים דערשלאָגן צו אַ שייער (אַ קלוניע) און זיך דאָרט באַהאַלטן אָן דעם וויסן פונעם בעל־הבית. ווען ער האָט אונדז אַנטדעקט האָט ער אונדז געגעבן עסן, אָבער ער איז נישט באַשטאַנען האַלטן אונדז ביי זיך פאַר קיין שום פּרייז. אַ דאַנק ברוך און מאָטלס בקשות האָט ער מסכים געווען אָוועקפירן אונדז אויף אַ פור אין דערבייאיקן וואַלד. מיר זענען געווען צוזאַמען 12 יידן און האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די וועלדער אין דער געגנט פון טראָכימבראָד (סאָפּיוווקע). אין די נעכט פלעגן מיר אַריינגיין צו פּויערן און על־פּי־רוב פלעגט אונדז געלונגען באַקומען אַביסל עסנוואַרג, אָבער דער עיקר האָבן מיר זיך געשפּייזט פון דעם וואָס מיר פלעגן גנבענען ביינאַכט פון די גערטנער, פעלדער, שייערן און שטאַלן.

דאַן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיין שוועסטער געפינט זיך ביי אַ פּאָלקסדויטשע משפּחה אין דאָרף אָלישקעוויטש. ביי זעקס וואָכן האָבן מיר געוואַנדערט אין די וועלדער.



יום־כיפור אין טראכימבראד

ווען ס'האָבן זיך דערנענטערט די „ימים־נוראים" האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין שטעטל טראָכימבראָד איז נאָך פאַראַן אַ געטאָ. די סיבה פון דער עקזיסטענץ פון געטאָ איז געווען, וואָס די דייטשן זענען געווען פאַראינטערעסירט אַז די גאַרבאַרניעס וואָס האָבן אויסגעאַרבעט לעדער פון פעל, מיט וועלכע דאָס שטעטל איז געווען באַרימט, זאָלן פאָרזעצן זייער אַרבעט. דערצו האָבן זיי געדאַרפט האָבן יידישע ספּעציאַליסטן פון די גאַרבאַרניעס. דעריבער זענען זיי געווען געצוווּנגען אָפּצולייגן די דאַטע פון דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

טראָץ דער גרויסער סכנה האָבן מיר באַשלאָסן קומען ערב יום־כיפור אין שול און דאַוונען צוזאַמען מיט אַלע יידן. מיר זענען געקומען פּונקט פאַר „כל־נדרי". איך

האָב געהערט, ווי שמעון דער שוחט פון קאָפּאַטשיווקע דרשנט די יום־כּיפּורדיקע דרשה און זאָגט: „מען דאַרף נישט גיין ווי שאָף צו דער שחיטה און ס׳איז נאָך דאָ ווער עס זאָל אויפשטיין”. צווישן קהל מתפּללים זענען געווען יידישע פּאַרטיזאַנער פון דער אומגעגנט, וועלכע זענען געקומען ראַטעווען זייערע משפּחות פון טויט.

פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקן אויסגעשריי פון אַ מיידל:

„יידן, די דייטשן רינגלען אונדז אַרום”.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהלה און אַלע האָבן אָנגעהויבן לויפן אין יעדער ריכטונג. שפּעטער האָט מען זיך צוריקגעקערט, ווייל מ׳האָט נישט באַמערקט קיין דייטשן נעבן דער שול. מיר זענען פאַרבליבן ביינאַכט שלאָפן אויפן פּאָל פון בית־כּנסת. אינדערפרי, ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען, זענען מיר אָנגעגריפן געוואָרן פון אַ שטאַרקער שיסעריי. לאָזער פריגאַל איז באַלד פאַרווונדעט געוואָרן פון אַ דום־דום קויל און די פליש פון זיין האַנט איז צעריסן געוואָרן. איך און אַברהם פריגאַל האָבן געפּרווט אַנטלויפן, נישט ווייסנדיק וווהין. מען האָט אונדז נאָכגעיאָגט, און מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה נאָר אומקערן זיך צום שול־הויף. מיר האָבן שוין געזען אַ גרויסע צאָל געהרגעטע און פאַרווונדעטע, וואָס מ׳האָט געבראַכט פון שטאָט. ס׳זענען געקומען צוויי דייטשן אויף פערד און האָבן באַפוילן, אַז פופציק מאַן זאָלן אַרויס צום „שליאַך” (אויפן וועג מחוץ דעם שטעטל). אין דערדאָזיקער גרופּע האָב איך באַמערקט די פּאַרטיזאַנער און די ראָזשישטשער. איך האָב געוואָלט צושטיין צו זיי, דער דייטש, אָבער, האָט מיר געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ און אויסגעשריגן:

„האָסט נאָך צייט צום טויט, יודע”.

פונדעסטוועגן האָב איך זיך אַריינגעשמוגלט דורכן פענצטער און זיך אָנגעשלאָסן צו דער גרופּע.

מען האָט אונדז באַפוילן זיך אויסשטעלן צו פיר־ווייז און מאַרשירן פאָרויס.

אַ בחור האָט די גאַנצע צייט געשריגן:

„פאַרטיידיקט זיך, שטעלט זיך אַנטקעגן!”

נאָך דעם ווי מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַן ערך פון אַ קילאָמעטער, האָט מען אונדז געגעבן גראָב־אייזנס.

פּלוצלינג איז צו מיר צוגעשפּרונגען קאָלאַ טאָמאַשעוויטש און אויסגערופן אין יידיש: „הערשל, ווי קומסטו אַהער, וואָס טוסטו דאָ?”

די דייטשן האָבן אים געכאַפּט, זיי האָבן זיינע הענט געשמידט אין קייטן און אים אַריינגעוואָרפן אינעם אויטאָ, וואָס איז דאָרט געשטאַנען.

דער פּרווו פון ווידערשטאַנד

מ׳האָט אונדז געבראַכט אין פעלד און באַפוילן צו גראָבן אַ גרוב פאַר זיך. דער בחור, וועלכער האָט גערופן קעגנשטעלן זיך, האָט נישט געוואָלט גראָבן. ס׳איז צו אים צוגעגאַנגען אַן אוקראַינישער פּאָליציאַנט, אים אָנגעהויבן זידלען און שילטן און אָנגעהויבן שטאַרק צו שלאָגן מיט דער קאָלבע פון ביקס. דער בחור איז באַפאַלן דעם פּאָליציאַנט מיט זיין גראָב־אייזן, אים אומגעוואָרפן אויף דער ערד און האָט ביי אים אַרויסגעריסן זיין ביקס. ער האָט באַלד אויסגעשאָסן און געטראָפן אַ דייטש, וואָס איז געריטן אויף אַ פערד. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע מהומה צווישן די יידן, דייטשן און אוקראַינער. די דייטשן זענען נישט אומשטאַנד געווען באַנוצן זייער מאַשין־געווער, ווייל אין דעם מענטשן־געמיש האָבן זיך אויך געפונען דייטשן. די יידן זענען זיך צעלאָפן אין דער ריכטונג פון וואַלד, און פון דער גרופּע פון 50 יידן זענען פערציק אָנגעקומען אין וואַלד. צען יידן זענען דערהרגעט געוואָרן דורך די אוקראַינער בעתן אַנטלויפן. דער בחור וואָס האָט זיך העלדיש אַנטקעגנגעשטעלט און גערופן צום קאַמף איז געפאַלן פון די קוילן פון די רוצחים. איך האָב צוגענומען זיינע שיך וועלכע זענען געווען צוגעבונדן צו זיינע אַקסלען.



אין זכות פון זיין גבורה־טאַט האָבן זיך געראַטעוועט 40 יידן, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן גראָבן אַ קבר פאַר זיך. אייניקע פון אונדז האָבן אויך באַוויזן אַרויסרייסן פון די אוקראַינישע פּאָליציאַנטן אייניקע ביקסן און צוויי רעוואָלווערן. די דייטשן האָבן

אַרומגערינגלט דעם וואַלד, געעפנט אַ שיסעריי און 9 פון אונדזער גרופּע זיינען געטראָפן געוואָרן פון די קוילן, בעת זיי האָבן געפּרוּווט איבערגיין דעם שליאַך צו מזרח אין דער ריכטונג צו די גרויסע וועלדער, וועלכע האָבן זיך געצויגן אַזש ביז דער רוסישער טעריטאָריע.

נע ונד

ביינאַכט האָבן מיר באַוויזן אַנטלויפן און אַרויסגיין אין די פעלדער. אונדזער גאַנצע גרופּע איז געווען צוזאַמען. מיט אונדז האָבן זיך אויך געפונען ברוך, מאָטל, און זיין שוואָגער אַברהם. מאָטל האָט געדינגען אַ באַקאַנטן גוי ער זאָל אונדז אַריבערפירן אויף אַ פור אונטער שטרוי אין דאָרף אַלישקעוויטש. מיר האָבן זיך אַריינגעקראָגן אין אַ שייער, נישט־וויסנדיק אַפילו ווער דער אייגנטימער איז, און זיך באַהאַלטן אין די שטרוי.

צומאָרגנס פרי האָט מיך באַמערקט אַ פּאַראָבעק (שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז אַ רוסישער קריגס־געפאַנגענער). ער איז צו צו מיר, אָבער איך בין געווען אַזוי צעמישט און צעטומלט, אַז איך האָב נישט געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט. ער האָט זיך אומגעקערט אין שטוב און צו מיר צוגעפירט מיין שוועסטער מינדל... ווי נאָר זי האָט מיך דערזען איז זי געפאַלן אין חלשות. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בלויז דורך אַ צופעליקייט זענען מיר אָנגעקומען אויף דעם אָרט וווּ מיין שוועסטער מינדל האָט זיך אויסבאַהאַלטן.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט קאָלאַ טאָמאַשעוויטש געזען אַז ער קען מיין שוועסטער מער נישט האַלטן ביי זיך, האָט ער איר איבערגעפירט צום סאָלטיס פון דאָרף אַלישקעוויטש, וועלכער איז געווען אַ פאָלקס־דויטש. קאָלאַ האָט אים געזאָגט:

„דו מוזט איר ראַטעווען, איך בין אויסגעוואַקסן אין זייער הויז!"

ער האָט דעם סאָלטיס אויך באַצאָלט דערפאַר פון דעם געלט וואָס מיר האָבן איבער־געלאָזן ביי אים בעת מיר זענען אַנטלאָפן.

זעקס טעג בין איך געווען אינגאַנצן צעמישט און האָב נישט געקענט קומען צו זיך פון דעם אַלעם וואָס איך האָב דורכגעמאַכט די לעצטע צייט. איך בין נישט געווען מסוגל רעאַגירן אויף קיין שום זאַך. שפּעטער בין איך ביסלעכוויז געקומען צו זיך. צוזאַמען מיט מינדל און אברהם זענען מיר געבליבן אויף דעם פּלאַץ און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ גרוב אונטער דעם חזירים־שטאַל. מאָטל און זיינעביידע שוואָגערס האָבן זיך אויס־באַהאַלטן אין אַ צווייט הויז אַנטקעגן.

אַ געוויסן זונטיק פרי האָבן מיר געהערט אַ שיסעריי. צוויי פורן מיט אוקראַינער זענען, צוגעקומען צו אונדזער הויז. די אוקראַינער האָבן אויסגערופן צום בעל־הבית:

„מען זאָגט אַז דו באַהאַלטסט אויס יידן!"

מיר זענען געלעגן באַהאַלטן אין גרוב. דער פּאַראָבעק — דער רוסישער קריגס־געפאַנגענער — האָט צוגעדעקט די גרוב מיט מיסט. דער בעל־הבית האָט געגעבן די פּאָליציאַנטן צו טרינקען אַזויפיל בראָנפן, אַז זיי האָבן זיך שטאַרק אָנגעשיכורט. זיי האָבן געשטאָכן מיט זייערע באַגנעטן אין שטרוי און האָבן זיך ווירקלעך איבערצייגט אַז קיין יידן זענען דאָ נישטאָ. זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז און אַוועקגעפאָרן. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז צווישן די פּאָליציאַנטן אויך געווען קאָלאַ. ער האָט דאָס געשאָסן איידער די פּאָליציאַנטן זיינען אַריין אין הויף, כדי מיר זאָלן זיך באַצייטנס באַהאַלטן.

דאַן האָבן מיר געזען אַז דער פּלאַץ איז נישט קיין זיכערער און ס'איז אַ סכנה דאָ צו בלייבן. אויך האָבן מיר נישט געוואָלט שטעלן אין אַ סכנה דאָס לעבן פון בעל־הבית, וועלכער וואָלט געקענט ליידן אין פאַל ווען מען וואָלט אונדז אַנטדעקט ביי אים. מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס אָרט און אַוועק זוכן אַן אַנדער פּלאַץ.

איינמאָל האָב איך באַשלאָסן גיין ביינאַכט קיין ראָזשישטש אין אונדזער הויז, אין וועלכן ס'האָט דאַן געלעבט באָרקע טאָמאַשעוויטש. ער איז טאַקע געווען פון קאָלאַ טאָמאַשעוויטשעס משפּחה, אָבער ער איז געווען אַ גרויסער אַנטיסעמיט און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אַכזריותדיקע מעשים. ער איז געווען ממש אַ רוצח, וואָס האָט זעלבסט דערמאָרדעט יידן. ער האָט פון דער בריק אַריינגעוואָרפן יידן אין טייך, שיסנדיק זיי ווען זיי זענען געגאַנגען פון דער אַרבעט.



איך בין אַריין צו אים אין געזאָגט קאַטעגאָריש:

„דו קענסט מיך שיסן, אָבער איך לייג דיר פאָר אַ גוטן פּרייז בתנאי דו זאָלסט אונדז אויסבאַהאַלטן“.

ער איז באַשטאַנען אונדז באַהאַלטן אין אַ גרוב, וואָס מיר האָבן אויסגעגראָבן אונטער דער פּאָל. מיר זענען געווען ביי אים צוויי וואָכן. איינמאָל האָבן מיר אַפילו אונטערגע־הערט, ווי ער רעדט אָפּ מיט וואַנקען ווי אַזוי אונדז צו הרגענען. מיר זענען אָבער באַצייטנס אַנטלאָפן אין אַ פינצטערע נאַכט פון אונדזער באַהעלטעניש.

אין א באהעלטעניש אין דארף קירילוכא

מיין שוועסטער מינדל האָבן מיר איבערגעפירט אין דאָרף קירילוכא, וואָס האָט זיך געפינען אויף יענער זייט סטיר. דעם טייך זענען מיר דורכגעגאַנגען אין מיטן דער נאַכט. מיר זענען צו צום הויז פון אַ באַקאַנטן אוקראַינער, מיטן נאָמען באָגדאַן. דאָס הויז איז געווען באַלויכטן און אינעווייניק האָבן זיך געפונען פיל מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט אַ הולאַנקע און געטרונקען פיל „סאַמאָגאָן“ (היימישער בראָנפן). באָגדאַן איז אַרויס נאָכדעם ווי מיר האָבן אָנגעקלאַפט אין פענצטער. ער האָט מיט באַשטוינונג אויף אונדז געקוקט נישט גלויבנדיק זיינע אייגענע אויגן צו זען אונדז לעבעדיקע. ער האָט זיך נישט געריכט צו זען פישלס זון.

„דו לעבסט!“ — האָט ער אויסגעשריגן. ער איז געווען שטאַרק שיכור. ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין שטוב, געגעבן צו עסן און אונדז זאָגאַר באַרואיקט:

„שרעקט זיך נישט, קיינער וועט אייך דאָ נישט אַרויסגעבן. זעט, דאָ געפינט זיך אַפילו אַ דייטשער דעזערטיר“.

ער האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף אַ דייטש, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין דער מסיבה. באָגדאַן האָט מסכים געווען אויסבאַהאַלטן ביי אים מיין שוועסטער מינדל און אַכטונג געבן אויף איר. זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין זיין שייער.

דער „דייטשער דעזערטיר“ — א ייד

דער „דייטשער דעזערטיר“ האָט אַנטדעקט זיין סוד: ער איז אַ ייד פון קאַטאָוויץ, ברוך קליינמאַן, און לעבט אויף „אַרישע“ פּאַפּירן. ער האָט געאַרבעט אין דאָרף אַלס שניידער און די גויים האָט ער דערציילט, אַז ער איז אַ דייטשער דעזערטיר... (נאָך דער מלחמה האָט ער חתונה געהאַט מיט מיין שוועסטער. זיי לעבן איצט אין ישראל אין ראשון־לציון).

ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָבן זיך אין דעם דאָזיקן הויז אויך אויס־באַהאַלטן סלאָווע און יאָסל סערטשוק. די גויים אין דאָרף האָבן זיך גוט באַצויגן צו יידן און האָבן אַפילו אייניקע פון זיי אויסבאַהאַלטן.

איך און אַברהם (אָמעק) האָבן באַשלאָסן דורכגיין דעם טייך און אַוועק אין דער סביבה פון וואָלניאַנקע. נישט האָבנדיק קיין ברירה זענען מיר אַריין צום פּאָלאַק ריזשאַנסקי — אַ סוחר פון חזירים, אַ באַוווּסטער אַנטיסעמיט נאָך פון פאַר דער מלחמה. זיין פרוי האָט אים איבערצייגט ער זאָל מסכים זיין אונדז אויסבאַהאַלטן אין שייער. אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט ער אונדז אַרויסגעטריבן, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן.

איינמאָל ביינאַכט זענען מיר פאָרזיכטיק דורכגעגאַנגען דעם בריק און אַדורך די באָמבע־גאַס אין דער ריכטונג פון דער הויפּט־גאַס אין ראָזשישטש. מיר האָבן באַגעגנט קאָסטיאַ טאָמאַשעוויטש, דעם אייגנטימער פון דער מילכעריי. ער האָט אונדז איינגעלאָדן צו זיך אין שטוב, אונדז זייער שיין אויפגענומען און געגעבן עסן, אָבער האַלטן אונדז האָט ער נישט געקענט, ווייל אין זיין מילכעריי קומען פיל מענטשן און צווישן זיי קויאַווא — דער אָנפירער פון דער מילך־מעלקונג — אַ גרויסער מנוול וואָס איז געווען באַוווּסט פון זיין שלעכטער באַציאונג צו יידן.



ביינאַכט האָט אונדז קאָסטיאַ טאָמאַשעוויטש אַרויסגעפירט אויף אַ וואָגן אין נאָענטן דאָרף קירילוכע. אין יענער צייט האָבן זיך פאַרערגערט די באַציאונגען צווישן די פּאָלאַקן און די אוקראַינער. די פּאָלאַקן האָבן זיך דאַן געגנויטיקט אַפילו אין די נעבעכדיקע יידישע הילף. קירילוכע איז געווען אַ פּויליש דאָרף און די פּאָלאַקן האָבן אונדז געבעטן

היטן דאָס דאָרף. זיי האָבן אונדז אַפילו געגעבן געווער, און ס'זענען געווען פאַלן, ווען די יידן האָבן צוזאַמען מיט די פּאָלאַקן זיך באַטייליקט אין די קאַמפן קעגן די אוקראַינער און די דייטשן.

די נקמה פאַר מיין מוטערס פאַרגאָסן בלוט

מיר זענען געווען ביי דעם פּאָלאַק מאַשאַשטשוק. פון אים האָבן מיר זיך דערוווּסט פּרטים, ווי אַזוי ס'איז דערמאָרדעט געוואָרן מיין מוטער. איר האָט דערהרגעט דער אוקראַינער סאַראַפּאַן אין דאָרף פּאָזשאַרעק. ער האָט מסכים געווען באַהאַלטן מיין מוטער פאַר אַ געוויסע סומע געלט. נאָך דעם ווען ער האָט ביי איר צוגענומען דאָס געלט און אַלע אירע זאַכן, האָט ער איר דערמאָרדעט אין פעלד. איך האָב באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז נקמה נעמען פאַר מיין מוטערס פאַרגאָסן בלוט.

איך האָב צוגעזאָגט די צוויי זין פון מאַשאַשטשוק, אַז איך וועל זיי אָפּגעבן אונדזער גאַנץ פאַרמעגן, וואָס געפינט זיך אין הויז פון סאַראַפּאַן אין דאָרף פּאָזשאַרעק, אויב זיי וועלן מיר העלפן נקמה נעמען פאַר מיין מוטערס בלוט. זיי זענען דאַרויף באַשטאַנען. אין אַ זונטיקדיקן טאָג האָבן מיר זיך אָנגעטאָן ווי רוסישע פּאַרטיזאַנער, גענומען ביקסן און מאַשין־געווער און געקומען אין הויז פון סאַראַפּאַן, אין דאָרף פּאָזשאַרעק. איך בין אַריין אין שטוב און דאָרט געפונען דריי יונגע פּאָרלעך שפּילן קאָרטן. איך האָב דערקענט די זאַכן פון מיין ברודער און שוועסטער, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך דער זון און טאָכטער פון סאַראַפּאַן. דער גוי און זיין פרוי האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. איך האָב זיך באַלד אַ נעם געטאָן צו סאַראַפּאַנען און אים אָנגעהויבן שטיקן. מיין ערשטע פראַגע איז געווען:

„ווו איז מיין מוטער?"

ער האָט אָנגעהויבן שרייען און וואָיען:

„איך האָב איר נישט געהרגעט, מען האָט אויף מיר געמסרט"...

„גיב אָפּ אונדזערע זאַכן!" — האָב איך צו אים אָנגעשריען.

ער האָט אַרויסגעצויגן פון אַ קאַסטן אייניקע פון אונדזערע זאַכן. מיר האָבן געהרגעט איינעם פון זיינע זין און פאַרברענט דאָס הויז.



די דייטשן טרעטן אָפּ

שפּעטער בין איך געוואָרן אַ פּאַסטעך פון בהמות ביים פויער מאַשאַשטשוק. איינמאָל האָב איך געזען ווי די דייטשע אַרמיי טרעט אָפּ און פון גרויס איבעראַשונג בין איך געווען ממש פּאַראַליזירט. פּלוצלינג האָב איך דערפילט ווי עמעצער קלאַפּט מיר אויף דער פּלייצע און זאָגט:

„וואָס שלאָפסטו? ביסט דאָך פריי!"

דאָס איז געווען אַ ייד פון קיעוו, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער רויטער אַרמיי.

מיר זענען געקומען קיין ראָזשישטש. ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן אייניקע יידן. מיר זענען אַריין וווינען אין אונדזער הויז. איך בין קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און מען האָט מיך אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, מיט זייער הויכע היץ. פייגע שער האָט זיך מיט מיר מטפל געווען מיט גרויס מסירת נפש, ביז איך בין געקומען אַביסל צו די כוחות.

צוריק אין ראָזשישטש

פּלוצלינג האָבן זיך צוריקגעקערט די דייטשן און איך האָב זיך ווידער געפונען צווישן צוויי קעמפענדיקע צדדים. איך בין אַריבער דעם סטיר און צוזאַמען מיט אַנדערע זענען מיר געלאָפן צו מזרח ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין קיעוו. ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך פאַרויסגערוקט אויף מערב האָבן מיר זיך ווידער אומגעקערט קיין ראָזשישטש. מען האָט מיך און נאָך אייניקע יונגע בחורים באַלד מאָביליזירט אין אַ ספּעציעלן באַטאַליאָן, וואָס האָט געהיט די באַנדעראָווצעס און פאַרשידענע דייטשע מיטהעלפער פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג, וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן פון דער נ.ק.וו.ד. און אַרעסטירט געוואָרן.

די גרופע „נקמה"

זיבן יונגע חברים וועלכע זענען איבערגעבליבן ביים לעבן, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ גרופע, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַרן ציל נקמה נעמען אין די אוקראַינישע יידן־מערדער. מיר האָבן באַקומען הילף פון אַ ייד פון קיעוו, בוקין, וועלכער איז געווען דער פאַרטרעטער פון שטאָט־קאָמענדאַנט פון ראָזשישטש. מיט זיין הסכמה האָבן מיר זיך אָרגאַניזירט אין אַ ספעציעלער גרופע אונטער דער אָנפירונג פון אַ סאָוויעטישן מאַיאָר פון נ.ק.וו.ד., עליאָשאַ. אין דער „נקמה" גרופע זיינען געווען די פאָלגענדע זיבן יידן:

אשר בעקער ז"ל, אבא זינגער ז"ל, חיים זאַלץ, יהודה (אידעלע) פיישטער, אייזיק פליישער, איציק שאָר (פון אוליאַניק) און איך, הערשל רויטער.

ביינאַכט פלעגן מיר נעמען די פערד פון דער נ.ק.וו.ד., וואָס האָבן זיך געפאַשעט אויף דער לאָנקע, קומען צו די גויים וועלכע האָבן געמאָרדעט יידן און גערויבט יידיש האָב און גוטס. מיר האָבן געשאָסן די דאָזיקע רוצחים און אויך ליקווידירט זייערע משפחות. זייערע הייזער האָבן מיר אַוועקגעלאָזט מיטן רויך. דאָס איז געווען אַ קליינע נקמה אין פאַרגלייך מיט די פאַרברעכנס, וואָס זיי זענען באַגאַנגען קעגן אונדז.


אַסאַך פון די פאַרברעכער האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען פון גרויס שרעק און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און פעלדער. מיר פלעגן זיי אַרומרינגלען אין זייערע באַהעלטענישן און כאַפּן. צוערשט האָט די סאָוויעטישע מאַכט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק פון אונדזערע מעשים, אָבער שפּעטער האָבן מיר נישט געקענט אַזוי פריי אָפּערירן.

די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען פלעגן אַליין אַרעסטירן די נאַציאָנאַליסטישע אוקראַי־נער און זיי אַוועקשיקן קיין סיביר. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן נישט דערלאָזט צו פער־זענלעכע נקמה־אַקטן.

מיר האָבן פאַרלאָזט ראָזשישטש און אָנגעקומען קיין קאָוועל. דאָ האָט זיך מיט אונדז פאַרנומען פּיעטקאָ פּיעטאָרין — אַ יידישער מלחמה־אינוואַליד פון קאָוועל, וואָס האָט אָנגעפירט מיט מלוכהשן קאָאָפּעראַטיוו. מיין שוואָגער, וועלכער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי, האָט זיך אויך צוריקגעקערט און צוזאַמען האָבן מיר באַשלאָסן אַוועקפאָרן קיין פוילן. איך בין אָנגעקומען קיין לובלין. אויפן גאַס האָב איך דערקענט באָלעק ראָמאַניוק, אַ פּוילישער אָפיצער פון ראָזשישטש, וועלכער איז געווען אַ גוטער פריינד פון יידן.

ער האָט דערציילט אַז עס געפינט זיך אין לובלין די פּרוי באָגוסלאַסקאַ, אַ פּוילישע אַנטיסעמיטקע, וועלכע האָט אָנטיילגענומען אין מאָרדן יידן אין ראָזשישטש און וועלכע איז געווען די געליבטע פון דעם זאָנדער־פירער. מיר האָבן באַשלאָסן איר איבערגעבן דער פּאָליציי. זי האָט געפּרוווט אַלעס לייקענען און בכלל האָט זי אין לובלין געלעבט אונטער אַ פרעמדן נאָמען. אָבער קעגן איר זענען אַרויסגעטרעטן אַלס עדות אויסער מיך אויך אַנשל גון, מיכאל פלאש און דער פּוילישער אָפיציר באָלעק. מיר האָבן דערציילט וועגן אירע פאַרברעכנס און וועגן איר מיטאַרבעט מיט די דייטשן. נאָך אַ גרינטלעכע באַהאַנדלונג איז זי פאַרמשפּט געוואָרן צו לאַנגע יאָרן תפיסה.

פון לובלין זענען מיר אַוועק קיין מינכען און דאָרט מיטגעאַרבעט אין דער „בריחה" באַוועגונג. אין ישראל בין איך אָנגעקומען אין יאָר 1948.



א בליק אויף צוריק

רבקה סטאָלאַר



רבקה סטאָלאַר באַגריסט די קאַנאַדער געסט סאָניע און לואי בערגער בעת זייער וויזיט אין בית־ראָזשישטש.

פּרווו פאַרמאַכן די אויגן אויף עטלעכע מינוט און טראָג זיך אַריבער אין דעם אַמאָל, וועט פאַר דיר דורכלויפן אַ בילד נאָך אַ בילד פון די גליקלעכע, האַלב־גליקלעכע קינדער־יאָרן.

ס׳שוועבן אַרום דערשיינונגען, חלומות אויסגעמישט מיט דער שיינקייט פון דער אוקראַינער נאַטור און געשעענישן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן.

טעאַטער

אַט זעסטו אַ פאָרשטעלונג אין גאָרענשטיינס טעאַטער פון יידישן דראַמאַטישן קרייז. מען שפּילט „טוביה דער מילכיקער", רעזשי — אַלטער שאַמעס. חברה־יאַטן שטייען שוין אויף גאַלאָרקע, ווער מיט אַ בילעט און וועמען ס׳האָט זיך איינגעגעבן דורכשמוגלען אָן אַ בילעט...

מיט אָפענע מיילער שלינגט מען יעדער וואָרט פון טביהן (שאַמעס), די ליבע צווישן חווה און פעטקע דרינגט אַריין טיף אין די קינדערישע נשמות און ס׳דאַכט זיך גאָר, אַז אַלץ קומט פאָר דאָ אין שטעטל...

די פאָרשטעלונג געענדיקט. די קינדער פאַלן אַראָפּ פון הימל... און מ׳לייגט זיך אין די בעטן.

פרילינג פאַרטאָג

די זון קוים וואָס זי באַווייזט זיך. ס׳ליגט נאָך דער טוי אַרום און אַרום. קינדער רוקן זיך לאַנגזאַם אַרויס פון די הייזלעך. ווער ס׳לויפט צום סטער כאַפּן אַ שווים, ווער ס׳שפּרינגט מיט באָרוועסע פיסלעך אין גרינעם גראָז, און אָט זעט מען שוין קינדער מיט די טעקעס אויף די פּלייצעס לויפן, ווער אין „תרבות", ווער אין פאָלקס־שול, אין ישיבה.

נאָכמיטאָג. ס׳טריפט אַ רעגנדל און ס׳באַווייזט זיך אַ פילפאַרביקער רעגנבויגן, וואָס הענגט איבערן שטעטל.

צווישן דער יוגנט צעפּלאַקערן זיך הייסע דיסקוסיעס: חלוצים, „השומר הצעיר", בית״ר און לינקע. ווער ס׳טרוימט וועגן אַ יידישער מדינה און ווער ס׳חלומט וועגן אַ בעסערער וועלט בכלל...

ל״ג בעומר

אָן אויספלוג אין קאַפּאַטשיוועקער וואַלד. מען צעלייגט אַ פייער, בראָט קאַרטאָפל, מען כאַפּט אַ ביס הערינג מיט געבראָטענע קאַרטאָפל און שוואַרץ ברויט און מ׳קלאַפּט געפאַרבטע אייער. האַ, איז דאָס אַ מאכל!.

דער לערער, יאַנקל קאַפּלאַן פון ווילנע, לייענט דערציילונגען פון י. ל. פרץ.

שבת נאָכמיטאָג

גרויס און קליין האָבן זיך אַרויסגעגאָסן אויפן 3־טן מאי גאַס („קרעשטשאַטיק", ווי די ליצים רופן די הויפּטגאַס), אויסגעפּוצט אין שבת־קליידער. מען שפּאַצירט אַהין און אַהער. שבת פאַרנאַכט. פון טריסקער שול שטראַלט אַרויס חסידיש לעבן. ניגונים גיסן זיך צעניף מיט בענקשאַפט צו עפּעס בעסערס.

אין מיטן דער שול שטייט דער אַלטער הערשל בעל־שם, וויגט זיך אַהין און צוריק, גייט אַריין אין טיפע גייסטלעכע עקסטאַזע. דאָס איז אַ קליינוווקסיקער ייד מיט אַ ווייס־געלער באָרד, צוויי בלויע פאַרגאַסענע אויגן. יעדן דאַנערשטיק קלאַפּט ער אין די

טירן, ווי עפּעס אַן אליהו הנביא, און ברענגט הייוון אויף שבת. ווער ס׳צאָלט און ווער ס׳נעמט אויף אייביקן באָרג...

א יריד אין שטעטל

דער מאַרק, וואָס האָט אַ געוויסע צייט געטראָגן דעם נאָמען פּרק־פּלאַץ, איז איבער־געפּילט מיט פויערן פון די אַרומיקע דערפער. זייערע וועגענער זענען אָנגעפּאַקט מיט תבואה, פּרוכט (וויינשל, וויינפּעלעך, יאַגדעס), הינער, גענדז, פּוטער א.אַ.וו.

אין עטלעכע שעה איז אַלץ פאַרקויפט און די פויערים לאָזן זיך אין די יידישע קלייטן איינקויפן זייערע באַדאַרפנישן: זייף, הערינג, בראָנפן, נאַפט, שיך, קליידער. אַלץ אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן און מ׳פאָרט צוריק פון יריד. ס׳דאַכט זיך, אַז דאָס פרידלעכע צוזאַמענלעבן צווישן יידן און גויים איז נאַטירלעך און שטאַרק אויף אייביק.

שלמה׳לעס בלוט

פלוצים איז דער זעלבער מאַרק־פּלאַץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלוט־פעלד. די דייטשן און אוקראַינער, אין היטלער־מונדירן, האָבן מערדעריש באַפאַלן די יידן.

שלמה׳לע סטאָלאַר איז געלאָפן, אַ זונטיק, אויפן מאַרק־פּלאַץ, געזוכט אַ דאָקטאָר פאַר זיין קראַנקער מאַמע. האָבן אים די ווילדע רוצחים דערשאָסן. דאָס בלוט, פון אַן אומשולדיק יידיש יינגעלע, מיין קליין ברודערל, האָט באַדעקט די שאָסיי־שטיינער, ביז זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין לעבעדיקע, רעדנדיקע גלידער.

און ווען איך האָב אין יאָר 1946 געטראָטן אויף דער שאָסיי, האָט מיר פלוצים אָנגעהויבן ברענען אין מיינע פיס. מיין שלמה׳לעס בלוט קען ניט רוען, ס׳קאָכט אָן אַן אויפהער און ס׳שרייט! איך הער און דערקען זיין קול.

דאָס שטעטל איז מער נישטאָ,
געבליבן אַ פּשוטער שטיין.
ער שטייט פאַריתומט אַליין,
אומעטיק, שטום...

ניט קיין גרעזל, ניט קיין בלום,
שטייט ער פאַרצאָרנט, פאַרשעמט — פרעמד.

אונטערן דייטשן שטיוול

בערל שניידער

שוין דעם ערשטן טאָג פון אַריינקומען פון די דייטשן האָבן זיי געהרגעט 10 יידן, צווישן זיי שלמה קלימבאָרד און מאָטל בראָנפען. צומאָרגנס האָבן די דייטשן באַפוילן אַלע יידן זיך צונויפזאַמלען ביי גאָרנשטיינס טעאַטער. ס׳זענען געקומען אַ פּאָר הונדערט יידן וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען. ס׳איז באַלד געקומען אַ באַפעל, אַז די יידן זאָלן אָפּגעבן דאָס געווער וואָס געפינט זיך אין זייער רשות. די יידן האָבן פאַרשטענדלעך נישט געהאַט קיין געווער אין זייער באַזיץ. דאַקעגן אין דאָרף זשאַליבאָוו האָבן די גויים יאָ אָפּגעגעבן אייניקע געווער־טיילן, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייער רשות.

דעם טאָג איז די יידן נישט געשען קיין שום שלעכטס. מ׳האָט זיי באַפוילן לויפן אַהיים. ס׳איז זיי געווען שטרענג פאַרבאָטן צו גיין. מ׳האָט זיי אונטערגעטריבן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן.

צומאָרגנס האָט מען אויף אַ מערדערליכן אופן דערהרגעט יקותיאל קאָפּעלמאַן.

די יידן זענען באַפוילן געוואָרן צונויפקלייבן זיך אין מאַרק און די דייטשן האָבן אויסגעקליבן אַ יודנראַט אין באַשטאַנד פון אַברהמטשיק געלער, מאיר ספּעקטאָר, הרב משה׳לע ספּעקטאָר, משה מוז, זיסיע קלימבאָרד, יאַנקל קראָכמאַל און נאָך אייניקע יידן, צווישן זיי פּליטים פון מערב פוילן, וואָס האָבן געהאָפּט ראַטעווען זיך פון דעם צוררס הענט און זענען פאַרבליבן אין ראָזשישטש.

ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ יידישע פּאָליציי אין וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען שמאי גאָלדפעדער, יאַשקע פּאַדאַוואי און זעליג ציגאַמאַן. אויך מיך האָט מען געוואָלט מאַכן פאַר אַ פּאָליציאַנט, אָבער איך האָב זיך אויסגעקויפט מיט דעם, וואָס איך האָב באַצאָלט דעם יודנראַט 5000 רובל, כדי מען זאָל מיך נישט צווינגען אויפנעמען די פונקציע.

אקציעס

זיבן טעג שפּעטער זיינען געקומען אין שטעטל די געסטאַפּאָ לייט (געהיימע דינסט), זיי האָבן צונויפגעקליבן עטלעכע און אַכציק יידן, די אָנגעזעענסטע פון שטאָט, געבילדעטע, פאַרמעגלעכע און אַנדערע אָנגעזעענע יידן אין ראָזשישטש. צווישן זיי געדענק איך זענען געווען שלמה׳ק ראָזענבוים און איסערל, דער איידעם פון רב אברהם־בער גוטמאַן. מען האָט זיי געזאָגט אַז מען נעמט זיי צו דער אַרבעט. די מענטשן האָבן זיך שוין נישט צוריקגעקערט און ביזן היינטיקן טאָג ווייסט מען נישט ווו זיי זענען אומגעקומען.

אַכט טעג שפּעטער האָט מען ווידער גענומען צו דער „אַרבעט" עטלעכע הונדערט מענטשן, איבערהויפּט יונגע און אויך זיי זענען נישט צוריקגעקומען. דאָס דריטע מאָל האָט מען גענומען צו דער „אַרבעט" זקנים און קינדער פון 12 יאָר. אויך זייערע שפּורן זיינען פאַרשוווּנדן געוואָרן. אין שטאָט זענען איבערגעבליבן פרויען און גאָר קליינע קינדער און אויך אַזעלכע וועמען ס׳איז געלונגען מיט פאַרשידענע איינפאַלן אַרויסדרייען זיך פון די דריי אַקציעס, אָדער אַזעלכע וועלכע זענען פשוט אַלס צופאַל נישט גענומען געוואָרן פריער.

דער זאָנדערפירער — דער קאָמענדאַנט פון שטאָט — האָט געזאָגט, אַז די וועלכע מ׳האָט גענומען אויף אַרבעט האָט מען געשיקט אין ווייטע פלעצער און איצט וועט אַלעס זיין אין אָרדנונג. פון צייט צו צייט האָבן די דייטשן געפאָדערט מען זאָל זיי צושטעלן פאַרשידענע פוטערוואַרג און פעל. די באַשטעלונגען זענען באַלד אויסגעפירט געוואָרן. אייניקע חדשים זענען אַדורך רואיק. פון די הונדערטער מענטשן וועלכע זענען פאַרשוווּנדן



בערל שניידער און טאָכטער אסתר
בערל איז געווען אַ באַקאַנטער תבואה־סוחר אין דער אומגעגנט און זיין תבואה־שפּייכלער איז געווען אין דאָרף זאַליסיץ. ער האָט געהאַט ברייטע פאַרבינדונגען אין אוקראַאינע און פיל פריינד צווישן די נישט־יידישע איינוווינער. ער און זיין טאָכטער אסתר געפונען זיך אין ישראל.

געוואָרן איז נישט געווען קיין שום ידיעה און מ׳האָט גאָרנישט געוווּסט וואָס ס׳איז מיט זיי געשען.

פיר חדשים שפּעטער זענען די יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען און קאָנצענטרירט געוואָרן אין צפון־טייל פון דער שטאָט „אויפן באַרג". אין געטאָ, אין אוממענטשליכע באַדינגונגען. אַהין האָט מען געבראַכט יידן פון אַלע עקן פון שטאָט, פון יענער זייט טייך (אונטערן בריק), פון די דערבייאיקע דערפער, און אויך פון די קליינע שטעטלעך אין דער אומגעגנט.

איך האָב געוווינט מיט מיין משפחה אין הויז פונעם „קאַניוך" (פערד הענדלער), אַנטקעגן דער „גמינע". דער יודנראַט האָט זיך געפינען אין בנין פון דער „גמינע". ס׳זענען באַשטימט געוואָרן 20 יידישע פּאָליציאַנטן אין געטאָ. אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען געפאָדערט 100 מענטשן אויף אַרבעט. ס׳איז שוין נישט געווען קיין שום צווייפל, צו וואָס די דייטשן דאַרפן די מענטשן. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די מענטשן זיינען פאַרמשפּט צום טויט. יידישע פּאָליציאַנטן און אוקראַינער זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און האָבן צונויפגעקליבן מיט געוואַלד ביי 300 מענטשן, און איך צווישן זיי. מ׳האָט אונדז געבראַכט אין הויף פון משה באַלער און אונדז אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, יעדע ריי פון 150 מענטשן. איין ריי איז געווען פון רעכט און די צווייטע פון לינקס. די וועלכע זענען געשטאַנען אין דער ריי פון לינקס האָט מען באַפוילן לויפן אַהיים, אין געטאָ. די רעכטע ריי איז געבליבן אויפן פּלאַץ.

איך בין געווען אין דער לינקער ריי. מיר זענען געלאָפן אַהיים און די אוקראַינער פּאָליציאַנטן זיינען געלאָפן נאָך אונדז און אונדז געשלאָגן מכות רצח מיט די קאָלבעס פון די ביקסן. די מענטשן פון דער רעכטער ריי האָט מען אַרויפגעזעצט אויף דער באַן און אַוועקגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג (ס׳זענען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז מען האָט זיי אַוועקגעפירט אויף אַרבעט אין וויניצע...).

עקאָנאָמישער אונטערגרונד

די שפּייז וואָס מ׳האָט באַקומען אין געטאָ איז באַשטאַנען בלויז פון 50 גראַם ברויט אויף אַ מענטש. דער הונגער און די נויט האָט זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. ס׳זענען באַקומען ערגעץ אַ לעבל ברויט.

אין אַזאַ שווערע נויט האָב איך געזוכט וועגן ווי אַזוי צו באַקומען שפּייז און ראַטעווען מיין משפחה פון הונגער־טויט און אויך העלפן אַנדערע מענטשן ווי ווייט



בערל שניידער, אין פאָרגרונט, בעת אַן אויפנאַמע אין בית־ראָזשישטש פאַר געסט פון אויסלאַנד.

מעגלעך. איך האָב צוזאַמען מיט אַנדערע מענטשן אָרגאַניזירט אַן אונטערערדישע אַקציע אויף צו פאַרבעסערן דעם עקאָנאָמישן מצב פון די יידן אין געטאָ. דאָס איז אונדז אין אַ געוויסער מאָס געלונגען און די נויט אין געטאָ איז פאַרלייכטערט געוואָרן.

צוויי זין פון לייביש חוה׳ס און בעני בראַנשטיין, דער סמאָליאַר, האָבן זיך איבערגעטאָן אַלס „גויים" און פלעגן אין די נעכט אַרויספאָרן מיט וועגענער קיין קאָוועל. מיטן געלט וואָס איך האָב זיי געגעבן פלעגן זיי קויפן סאַכאַרין, פעדעם, שפּילקעס און אַנדערע קליינע זאַכן, וועלכע זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן פון מאַרק, אָבער ס׳איז געווען אויף זיי אַ גרויסע נאָכפראַגע אין די דערפער ביי די גויים.

די יידן וועלכע פלעגן אַרויסגיין יעדן פרי פון געטאָ אויף אַרבעט אין פאַרשידענע אַרבעט־פּלעצער אין דער געגנט, פלעגן אויסבייטן ביי די גויים די סחורות וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון קאָוועל אויף ברויט און אַנדערע נויטיקע שפּייז, וואָס זיי פלעגן אַריינגנבענען אין געטאָ מיט גרויס ריזיקע ביים צוריקקערן זיך אין אָוונט פון דער אַרבעט. אָט די שפּייז, וואָס איז אַריינגעגנבעט געוואָרן אין געטאָ, האָט ממש געראַטעוועט פון הונגער טויט. אַזוי האָב איך פאָרגעזעצט די דאָזיקע טעטיקייט ביז אַכט טעג פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

גזרות פון דעם זאָנדערפירער


איינמאָל איז געקומען דער זאָנדערפירער און געפאָדערט אַז מ׳זאָל אים צושטעלן 50 רובל פאַר יעדן נפש. אין געטאָ זענען דאַן געווען ביי 400 נפשות, אַזוי אַז מען האָט געדאַרפט צונויפזאַמלען 20,000 רובל. מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פאָרלעכטוויס איבערן געטאָ און געבעטן פון די פאַרמעגלעכע (מיר האָבן געוווּסט וועמ ס׳האָט געלט און וועמ נישט), אַז זיי זאָלן צושטייער געבן צו די נויטיקע סומע. אייניקע האָבן געגעבן מיט ווילן, און פון אַנדערע האָט מען גענומען מיט אַביסל דרוק און ס׳איז אונדז סוף־סוף געלונגען צונויפזאַמלען די געפאָדערטע סומע געלט. איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט ר׳ אליהו פעפער. אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט פיל פון די עסקנים פון דער שטאָט. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַז מען זאָל געבן דעם זאָנדערפירער בלויז 18,000 רובל, כדי ער זאָל פאַרשטיין, אַז ס׳איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען צונויפזאַמלען די געפאָדערטע סומע פון 20,000 רובל. אונדזער כוונה איז, פאַרשטייט זיך געווען, אַז היות ווי מיר האָבן נישט מצליח געווען צונויפזאַמלען די געפאָדערטע סומע געלט וועט ער מער נישט בעטן.

ווען מ׳איז געקומען צום זאָנדערפירער מיטן געלט, האָט ער באַלד באַפוילן אַ נייע גזרה: מיר זאָלן אים ברענגען נאָך 20,000 רובל, און דאָס מאָל נישט אין באַנקנאָטן, נאָר אין גאָלד און זילבער. דער יודנראַט איז געווען געצוווּנגען צונויפזאַמלען אויך די דאָזיקע סומע. ווען מען האָט ווידער געבראַכט דאָס געלט צום זאָנדערפירער, האָט ער ציניש געזאָגט: „דאָס געלט איז אין אָרדנונג, נאָר איר זייט נישט אין אָרדנונג".

אין דער זעלבער נאַכט האָט ער באַפוילן צו טויטן אַלע מיטגלידער פון יודנראַט, חוץ אַברהמ׳טשיק געלער און יאַנקל קראָכמאַל.

דער געטאָ האָט עקזיסטירט ביי אַ 18 חדשים.

אין זכות פון מיין זעקסיעריקע טאָכטער



איך האָב זיך געפונען אין געטאָ און יעדן פרימאָרגן פלעג איך אַרויסגיין אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין קאָפּאטשיווקע צוזאַמען מיט אַנדערע יידן. מיין זעקסיעריקע טאָכטערל האָט מיך פיל מאָל געבעטן:

„טאַטע, איך וויל אויך אַרויסגיין צו דער אַרבעט צוזאַמען מיט דיר".

פרייטיק, דעם טאָג ערב דער ליקווידאַציע פון געטאָ, איז צו מיר צוגעשטאַנען מיין קינד און געבעטן:

„נעם מיך היינט צו דער אַרבעט".

אויך מיין פרוי האָט געבעטן איך זאָל מיטנעמען דאָס קינד. איך האָב איר גענומען מיט זיך און איר איבערגעלאָזט אין קאָפּאטשיווקע ביי אַ פויער, אַ פּאָליאַק, ווייל פון

גיין אַ ווייטן מרחק האָבן זיך אירע פיס אָנגעריבן, זי האָט באַקומען וווּנדן און האָט נישט געקענט גיין.

ווען איך בין מיטאָגצייט געקומען איר נעמען, כדי זיך אומקערן אין געטאָ, האָט געזאָגט דער פּאָליאַק:

„לאָז איר איבער אויף דער נאַכט, זי קען נישט גיין און דו קענסט אויך בלייבן מיט איר דאָ".

מיר זענען איבערגעבליבן איבערנעכטיקן ביי דעם פייער. באַנאַכט קומט ער צו צו מיר און זאָגט:

„עפּעס נישט קיין גוטעס הערט מען. מען נעמט מענטשן צו גראָבן גריבער".

איך בין באַלד אַנטלאָפן אין געטאָ, כדי צו ראַטעווען מיין פרוי מיט די צוויי קינדער וואָס זענען געווען מיט איר.

ווען איך בין אָנגעקומען צום פּערעיעזד (באַן־דורכפאָר), האָב איך געטראָפן אייניקע יידן, וועלכע זענען שוין אַנטלאָפן פון געטאָ, און צווישן זיי איז געווען חיים נאַטשיטש. זיי האָבן מיר געזאָגט:

„בערל, דו גייסט אין פייער. לויף צוריק צו דיין קינד, ווייל דאָ וועסטו שוין ליידער גאָרנישט העלפן".

מיין האַרץ איז צוריסן געוואָרן אויף שטיקער. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אויב איך וועל גיין אין געטאָ וועל איך אומקומען צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינדער, און וואָס וועט זיין מיט מיין טאָכטערל, וואָס כ'האָב איבערגעלאָזן ביים פייער? אויב איך וועל זיך אומקערן צו איר, וועל איך איר אפשר ראַטעווען און מיר וועלן בלייבן לעבן. איך האָב זיך אומגעקערט צום פּאָליאַק, צו מיין קינד.

דער פּאָליאַק, וועלכער האָט זיך גוט באַצויגן צו מיר, האָט מיר געזאָגט:

„איך האָב מורא אייך צו האַלטן ביי מיר. ס'איז אַ סכנה פאַר מיר און אויך פאַר אייך".

איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, איך האָב צוגענומען מיין קינד און אַוועק אין דאָרף זאַליסיץ. אויפן וועג זענען מיר אַריין אין אַ וואַלד נעבן דאָרף, אָבער מיין טאָכטערל האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן און געזאָגט: איך וויל נישט זיין אין וואַלד...

באַנאַכט זענען מיר אַריין אין דאָרף, ווו אַלע האָבן מיך געקענט, צו באַקאַנטע גויים. זיי האָבן מיר געגעבן עסן, אָבער זענען נישט געווען גרייט אויסבאַהאַלטן אונדז ביי זיך, זיי האָבן פשוט מורא געהאַט. איינער, וואָס האָט מיך גוט געקענט, האָט געזאָגט:

„היטלער וועט אויסהרגענען אַלע יידן. גיי אין געטאָ און וועסט רוען צוזאַמען אין איין קבר מיט דיין משפחה".

איך האָב זיך אַרומגעדרייט מיט מיין קינד פון אָרט צו אָרט ביז מאָנטיק, אָן שלאָף און אָן רו.

ביי לעווקאַ

באַנאַכט בין איך אַריין אין הויז פון איינעם, וואָס איז געווען באַוווּסט אַלס באַנדיט און גנב. ער איז געווען אַ באַקאַנטע פיגור פון דער אונטערוועלט. ער האָט געהייסן לעווקאָ. איך האָב אים געפונען זיצנדיק אָנגעטאָן. ווען ער האָט מיך דערזעען, איז ער מיט שמחה אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און מיר מיט אַ שמייכל געזאָגט:



„שוין צוויי טעג ווי איך טראַכט וועגן דיר. איך ווייס אַז קיינער וועט דיך נישט וועלן ראַטעווען. איך האָב פאַר קיינעם נישט קיין מורא. אויב זיי וועלן קומען צו מיר וועל איך קודם אַ צענדליק פון זיי הרגענען ביז זיי וועט געלינגען מיך צו הרגענען צוזאַמען מיט דיר... זיי רואיק, איך וועל דיך שוין היטן..."

אָט דער לעווקאָ האָט געדענקט אַ טובה וואָס איך האָב זיינער צייט געטאָן, פאַר דער מלחמה, נאָך אין די פוילישע צייטן. מ'האָט אים דאַן געכאַפּט ביי אַ גנבה. די פּאָליציאַנטן האָבן אים געבונדן און אַוועקגעפירט אין תפיסה. איך האָב זיך דאַן אַריינגעמישט און מיט אַ סומע געלט אים אויסגעלייזט פון זייערע הענט. מ'האָט אים באַפרייט פון תפיסה און אויך פון אַ משפט. ער האָט אויך געדענקט צום גוטן דעם שניידער הערשל אַדוואָק, וואָס האָט אים אויפגענייט אַ מאַנטל פאַר דער מלחמה און ביי אים נישט גענומען קיין

געלט... און ווירקלעך, דינסטיק איז אויך געקומען צו אים הערשל, ווען ס'איז געלונגען אַנטלויפן פון געטאָ און האָט ביי אים געפונען אַ באַהעלטעניש.

זיין הויז איז געווען זייער קליין. די וווינונג איז געווען צוזאַמען מיט דעם חזירים־שטאַל. איך מיט מיין טאָכטער זענען געווען אויפן בוידעם. הערשל האָט געגייט אויף דער ביי־מאַשין פון לעווקאָס פרוי און דאָס געלט פאַרן נייען האָט זי גענומען פאַר זיך. מיר זענען געווען ביי לעווקאָ אַכט טעג. איינמאָל איז ער צוגעקומען צו מיר און געזאָגט: „דו האָסט געוויס אַ סך באַקאַנטע אין דער געגנט. אָרדן זיך איין ביי וועמען ס'איז, הערשל וועט בלייבן ביי מיר".

איך בין אַרויס פון זיין שטוב מיט מיין טאָכטער און האָבן ווידער אָנגעהויבן וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, זייענדיק יעדן טאָג אויף אַן אַנדערן פלאַץ. איין פויער האָט מיר געזאָגט, אַז דער סאָלטיס זוכט מיר. אַלע פויערן פון דאָרף זאַליסיץ האָבן מיך געקענט, ווייל כ'האָב אין דעם דאָרף געהאַט אַ שפייכלער פון תבואה און כמעט אַלע פויערן האָבן מיר פאַר־קויפט תבואה.

ביים סאלטיס פון דארף זאליסיץ

אויך דעם סאָלטיס האָב איך גוט געקענט. אין אַ נאַכט פון יאָר 1942 האָב איך, דורכגייענדיק מיט מיין טאָכטער, געהערט ווי דער סאָלטיס רעדט מיט איייניקע פויערן. איך האָב אים דערקענט און זיך באַהאַלטן אין אַ קאַנאַל נעבן וועג. ער האָט אונדז באַלד דערשנאַפּט און געפרעגט:

„ווער איז דאָרט?"

ווען ער האָט מיך דערזען האָט ער מיר שטילערהייט געשעפּטשעט:

„גיי צו מיין קליניע און וואַרט דאָרט אויף מיר".

אין אַ שעה אַרום איז ער געקומען און געפרעגט, פאַרוואָס האָב איך זיך נישט גע־ווענדעט צו אים ביז איצט?


ער אַליין איז געווען אַ שונא ישראל און דערצו נאָך אַ באַנדעראָוויעץ. פונדעסטוועגן האָט ער מיר געטאָן אַ טובה, כאָטש נישט אומזיסט. איך האָב אים דערציילט, אַז אין געטאָ האָב איך באַהאַלטן גאָלד און דאָלאַרן. איך האָב אים געשילדערט די ערטער וווּ זיי ליגן באַהאַלטן און לויט מיין שילדערונג האָט ער טאַקע געפונען. ער האָט דאָס גאָלד און די דאָלאַרן געבראַכט. פאַר דעם פרייז האָט ער מיר געמאַכט אַ באַהעלטעניש אין אַ גרוב, וואָס ער האָט אויסגעגראָבן אין שטאַל און האָט זי גוט פאַרמאַסקירט. באַנאַכט פלעגט ער אונדז ברענגען עסן.

אין דאָרף איז געווען אַ גוי וואָס האָט געהייסן סטעפאַן פּיסאָצקי. דאָס איז געווען אַ באַנדיט אַ סאַדיסט, וואָס האָט געהרגעט ביי 150 יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד און אין דער סביבה. דאָס זענען געווען יידן וועמען ס'איז געלונגען אַנטלויפן פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ. אַ העלפט פון די יידן וואָס זענען געווען אויסבאַהאַלטן זענען אַנטלאָפן פון געטאָ. אָבער זיי זענען געכאַפּט געוואָרן פון די אוקראַינער, וועלכע האָבן זיי נאָכגעיאָגט און זיי דערהרגעט צוזאַמען מיט די פרויען און קליינע קינדער.

סטעפאַן איז געקומען צום סאָלטיס און אים געזאָגט:

„בערל באַהאַלט זיך ערגעץ אויס אין דעם דאָרף. איך וועל דיר געבן אַ קו אויב דו וועסט מיר העלפן אים געפונען".

זיי ביידע זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב „געפונען בערלען"... דער סאָלטיס, יאַקוב מיכאלטשוק, האָט דאָס מיר דערציילט באַנאַכט. ער אַליין האָט געוויס געהרגעט פיל יידן, אָבער אונדז האָט ער געשוינט, ווייל ער האָט באַקומען פון מיר גוט באַצאָלט און זיין פרוי האָט אים נישט דערלאָזט אונדז הרגענען. נאָך אַ געוויסע צייט זענען מיר געווען געצוווּנגען פאַרלאָזן דאָס אָרט און וואַנדערן פון אָרט צו אָרט.



מיט די פאלאקן

פון דעם סאָלטיס בין איך אַוועק אין דאָרף אורשאָווא, וואָס איז געווען אַ טשעכיש־פּויליש דאָרף. אין דעם דאָרף האָבן זיך קאָנצענטרירט פּאָלאַקן פון דער סביבה, וואָס האָבן זיך באַפעסטיקט קעגן די באַנדעראָווצעס און קעגן די נאַציאָנאַליסטישע אוקראַינער. זיי האָבן

געגראָבן גריבער און האָבן זיך אין זיי אויסבאַהאַלטן און דאָרט זיך געשיצט פון די אָנפאַלן פון די אוקראַינער. דאָ האָבן אויך געפונען אַ באַהעלטעניש ביי 15 יידן. די אָנפירער פון די פּאָליאַקן האָבן אויך מיר פאַרגעלייגט איך זאָל זיי העלפן און גיין פון צייט צו צייט אין אוקראַינישן דאָרף זאַליסיץ און ברענגען ידיעות וועגן די פּלענער פון די אוקראַינער אָנצופאַלן אויף די פּאָלאַקן.

די פּאָלאַקן האָבן זיך באַצויגן צו מיר מיט צוטרוי און האָבן מיר געגלויבט. איצט האָבן זיי זעלבסט זיך געפונען אין אַ צרה, און דערפאַר האָבן זיי געהאַט אַן אינטערעס אונדז צו העלפן. איך האָב אין דאָרף זאַליסיץ געהאַט פיל באַקאַנטע, דעריבער האָט מיך אייניקע מאָל געלונגען אָנקומען אין דאָרף.

איינמאָל האָבן די פּאָלאַקן, וועלכע האָבן געהאַט פיל געווער, אָנגעגריפן דאָס דאָרף זאַליסיץ, איך בין געכאַפּט געוואָרן אין דאָרף דורך דעם זון פון סטעפּאַן פּיסאָצקי, דער באַנדיט. לויט דעם פאָטערס באַפעל האָט ער מיך געפירט שיסן. אויפן וועג האָט ער זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

„איך וווּנדער זיך וואָס דו וויינסט נישט און דו בעטסט זיך נישט צו ראַטעווען, ווי אַלע יידן וואָס איך האָב געהרגעט. דעריבער בין איך גרייט צו דערפילן דיין פאַרלאַנג".

איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר לאָזן גיין געזעגענען זיך מיט מיין קינד, די איינציקע טאָכטער וואָס איז מיר איבערגעבליבן ביים לעבן, אין אוזשאָווע. ער האָט מיך אַוועקגעפירט צו דעם אוקראַינישן שטאָב.

דאָ האָט פלוצלינג פּאַסירט אַ נס. איינער פון מיינע באַקאַנטע פויערן האָט מיך דערקענט. ער האָט זיך געווענדט צו סטעפּאַנען מיט אַ שטרענגע פאָדערונג, ער זאָל נישט דערלאָזן הרגענען דעם בערקאָ, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט זיין גוטער באַציאונג צו די אוקראַינער. ער האָט אים געדראָט, אַז אויב בערקאָ וועט דערהרגעט ווערן, וועט ער אויסהרגענען סטעפּאַנס גאַנצע משפחה.

אַזוי האָב איך זיך געראַטעוועט און זיך אומגעקערט צוריק אין אוזשאָווע. איך האָב שוין מער נישט מסכים געווען גיין אין שליחות, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות.

געלעבט א יאר אין א גרוב

איך האָב געהאַט אַ באַהעלטעניש אין אַ גרוב מחוץ דעם דאָרף אוזשאָווע. אין דעם גרוב האָב איך געלעבט ביי אַ יאָר צייט. ווען די דייטשן זענען געקומען אין דאָרף, פלעגן זיך אַלע יידן אויסבאַהאַלטן ביי מיר אין גרוב.

ד"ר פריד האָט אונדז זייער פיל געהאָלפן. ער האָט געפאָדערט פונעם פוילישן סאָלטיס, וועמעס זון ער האָט געהיילט, היטן די יידן ס'זאָל זיי קיין שלעכטס געשען.

אין דעם גרוב האָבן מיר געלעבט ביז ס'זענען אָנגעקומען די רוסישע פאַרטיזאַנער. די קאַמפן אין דער געגנט האָבן זיך געפירט אַ לאַנגע צייט. די רוסן זענען אָפּגעטרעטן און שפּעטער זיך צוריקגעקערט. אין צווישנצייט האָבן מיר איבערגעלעבט שווערע צייטן, ביז דער מצב האָט זיך איינגעשטעלט ביי די רוסן. די סאָוויעטן האָבן מאָביליזירט אַלע מענער ביז 50 יאָר. איך האָב זיך געמאַכט אַ דאָקומענט אַז איך בין עלטער פון 50 יאָר און בין פאַרבליבן אין ראָזשישטש, ביז ס'האָט זיך געשאַפן אַ געלעגנהייט אַוועקגעפאָרן אויף מערב און פון דאָרט קיין ארץ ישראל.

די עקדה פון מיין אלקנה

צפורה רוזן (פייגע שער)



צפורה רוזן און פאַמיליע. צפורה שטייט די ערשטע לינקס הינטער איר מאַן, יידל שער, וואָס איז געפאַלן אַלס זעלנער אין דער רויטער אַרמיי.

אונדזער הויז איז געווען „אויפן באַרג״, פון די לעצטע הייזער פון שטעטל צו דער צפון זייט, אויף דעם וועג וואָס פירט צו די דערפער: פּאַזשאַרעק, ליבטש, זאַליסיץ, טיכוטין און אַנדערע. מיר האָבן געקויפט דאָס הויז אין די לעצטע יאָרן פון דער פּוילישער מאַכט. מיין מאַן יידל שער מיט מיינע ברידער שלמה און מאָטל שקורניק, איידער זיי זענען אַוועק קיין בראַזיל, האָבן געעפנט אַ שפּייכלער צו קויפן תבואה פון די פּויערים, ביי דעם אַריינגאַנג אין שטאָט. דאָס האָט זיך געפירט מיט גרויס הצלחה. מיר האָבן געקענט הונדערטער פּיערים און זענען געווען מיט זיי זייער גוט באַפריינדעט.

די גאנצע משפחה פארלאזט פוילן

נאָכדעם ווי מיין ברודער משה האָט עמיגרירט קיין בראַזיל, איז נאָך אים אַוועקגעפאָרן שלמה און דער לעצטער — מאָטל אין יאָר 1935. מיטן עולה זיין פון מיין ברודער פייוול קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1935, זענען פאַרבליבן אין ראָזשישטש די מאַמע גיטל שקורניק, איך און יידל מיט אונדזערע קינדער רחל און קונילע. אויך מיר האָבן געפּלאַנט צו פאַרלאָזן פּוילן.

מיין מאַמע האָט נאָך באַוויזן צו פאָרן קיין אַמעריקע צו איר טאָכטער מרים און זון מיכאל, וועלכע זענען דאָרט אָנגעקומען אין יאָר 1922 און געלעבט אין דענווער, קאָלאָראַדאָ. מיין מוטער האָט אויך געהאַט 2 ברידער — די ברידער פּעפּער — וועלכע האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָבן געפירט גרויע געשעפטן אין סאָלט־לייק־סיטי, יוטא און אין דענווער, קאָלאָראַדאָ.

עס איז ממש געווען אַ נס וואָס די מאַמע האָט פאַרלאָזט פּוילן באַצייטנס און אָנגעקומען קיין אַמעריקע עטלעכע חדשים פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה. מיר האָבן געפּלאַנט צו פאָרן צו די ברידער קיין בראַזיל און האָבן אַפילו געמאַכט די נויטיקע דאָקומענטן, אָבער פּלוצלינג איז אויסגעבראָכן די מלחמה.

אין אונדזער הויז האָט מען שטענדיק גערעדט וועגן דער נסיעה. איך געדענק נאָך, אַז מען האָט גערעדט וועגן דעם ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד. פון מיין קינדהייט געדענק איך האָט מען זיך די גאַנצע צייט פאַרנומען מיט צוגרייטן די געהעריקע פּאַפּירן צו פאָרן, ווייל די עמיגראַציע איז געווען אַ שווערע. אַלע טירען זענען געווען פאַרמאַכט פאַר יידן. פריער זענען געפאָרן די גרויסע — די שוועסטער מרים און דער ברודער מיכאל. זיי זענען אַוועק אין יאָר 1922 קיין אַמעריקע צו אונדזערע פּעטערס — די פּעפּערס. דער בריוטרעגער כאָדזינסקי פלעג ברענגען יעדע וואָך אַ בריוו, אויף וועלכע די מאַמע האָט שטאַרק אויסגעקוקט, און פון צייט צו צייט אויך אַ פּאָר דאָלאַרן, וואָס האָבן אַביסל פאַרלייכטערט איר לעבן.

שפּעטער זענען געפאָרן אויך מיינע ברידער קיין בראזיל — איינער נאָכן צווייטן: משה, שלמה און מאָטל (קיין אַמעריקע און קיין ארץ ישראל זענען די וועגן געווען פאַרמאַכט).

אין דער צייט פון די סאָוויעטן האָבן מיר באַקומען 5 דעסיאַטין ערד נישט ווייט פון אונדזער הויז און מיר האָבן באַאַרבעט דאָס לאַנד. דאָס לעבן האָט זיך ווי ס'איז סטאַביליזירט ביז ס'זענען אָנגעקומען די פאַרשאָלטענע דייטשן און האָבן אַלץ חרוב געמאַכט.

דער געטאָ

ווען דער גאַנצער „באַרג״ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געטאָ, זענען מיר פאַרבליבן אין אונדזער הויז, אָבער מ׳האָט צו אונדז אַריינגעזעצט פיל משפחות, ביי אַ 60 מענטשן, צווישן זיי דער פעטער סענדער פעפער, די מומע, זייער טאָכטער זשעניע און איר יינגעלע. איר מאַן אפרים דאָבראָוויטקער האָבן די דייטשן דערהרגעט אין דער ערשטער גרופּע פון די דערמאָרדעטע אונטער דעם פּוילישן בית־הקברות. ס׳האָבן אויך געוווינט אין אונדזער הויז דוואָסיע שער, די מוטער פון אידל, און זיינע שוועסטער דבורה און איטע מיט זייערע קינדער.

אונדזער שכן, וועמענס ערד האָט געגרענעצט מיט אונדזער גאָרטן, איז געווען אַ פּאָלאַק און געהייסן פּאָגעל. ער האָט אונדז געהאָלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט: ער פלעגט ברענגען אַביסל שפּייז און מילך, פאַרשטייט זיך נישט אומזיסט; מיר פלעגן אים באַצאָלן מיט בגדים און אַנדערע זאַכן.

אין יענער צייט איז נישט געווען קיין פּאַרקן אין צפון־זייט פון געטאָ. פּאָליציאַנטן האָבן דאָרט געהיט, אָבער מען האָט געקענט אַנטלויפן. די צרה איז געווען, אַז נאָכן אַנטלויפן, פלעגן די גויים כאַפּן, פייניקן, מאַטערן און צום סוף איבערגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי. דעריבער האָבן די יידן מורא געהאַט אַרויסגיין פון געטאָ. אויך די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן נישט דערלאָזט אַנטלויפן, כדי די אַנטלאָפענע זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די אוקראַאינישע באַנדיטן.

אונדזער שכן פּאגעל

אין אונדזער הויז איז געווען זייער ווייניק שפּייז פון דעם זאַפּאַס וואָס מיר האָבן באַהאַלטן אין דער ערד. אייניקע זעק קאַרטאָפל, וואָס מיר האָבן צונויפגעקליבן פון פעלד, האָבן מיר באַהאַלטן אין דער ערד איבער דעם פּלויט ביים שכן פּאָגעל. מיר האָבן פאַרנאַנדערגענומען דעם פּלויט, כדי מיר זאָלן האָבן מיט וואָס צו הייצן און קאָכן. מיר האָבן פאַנאַנדערגעטיילט דאָס ביסל פּראָדוקטן צווישן אַלע מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען ביי אונדז אין הויז. אָבער אין געטאָ איז דאָס ביסל אויך נישט געווען — דאָרט האָבן געהערשט הונגער און קראַנקהייטן. מענטשן געשוואָלענע פון הונגער און קראַנקע זענען אַרומגעגאַנגען אָן שום מעדיצינישע הילף.

אין דער צייט פון די ערשטע כאַפּערייען אויף „אַרבעט״ האָט זיך יידל אויסבאַהאַלטן ביי אונדזער פּוילישן שכן פּאָגעל. שפּעטער האָט אים פּאָגעל איבערגעפירט אַ באַהאַלטע־נעם אין אַ וואָגן אונטער שטרוי אין דאָרף פּאָזשאַרעק. דאָרט האָט ער זיך געפונען די גאַנצע צייט פון דער מלחמה ביי פאַרשידענע גויים, ביז ס׳זענען געקומען די סאָוויעטן. מיר זענען נאָך פאַרבליבן אין שטוב ביז אַ פּאָר וואָכן פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

מיר ארבעטן ביי טארף

דער יודנראַט האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אַ מעלדונג אַז מען קען אַרויסגיין אַרבעטן מחוץ דעם געטאָ. איך האָב אַרויסגענומען אַ דערלויבניש פאַר זיך און פאַר מיין טאָכטער רחל און פאַר מיין זון אלקנה, וואָס איז דאַן אַלט געווען 7 יאָר און מיר זענען אַוועק אַרבעטן ביי טאָרף אין דאָרף דאָראָסין. מיר זענען געווען ביי אַ 60 מענטשן. אין דער גרופּע איז אויך געווען גיטעלע טענענבוים, איר ברודער דוד און ישעיהו פּעטרושקע.



דער סאָלטיס פון דאָרף האָט אונדז געשיקט אויסלייגן די ציגעלעך טאָרף אויף צו טרוקענען (דער טאָרף איז געשיקט געוואָרן אַלס הייץ־מאַטעריאַל קיין דייטשלאַנד). נאָך אייניקע טעג אַרבעט האָט דער סאָלטיס געפאָדערט, אַז אַלע יידן וועלכע אַרבעטן ביי טאָרף זאָלן קאָנצענטרירט ווערן אין איין הויז. באַלד זענען אָנגעקומען לאַסט־מאַשינען פול מיט דייטשישע און אוקראַאינישע פּאָליציי און אָנגעהויבן כאַפּן די יידן.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די ליקווידאַציע דערנענטערט זיך, ווייל ס׳זענען שוין דערגאַנגען צו אונדז ידיעות וועגן דער ליקווידאַציע פון די יידישע קהילות אין דער סביבה.

מען כאַפּט מיין ייִנגעלע אלקנה

ווען איך האָב פון דערווייטנס דערזען די לאַסט־אויטאָס האָב איך זיך דאַן געפונען מיט די קינדער אויף אַ תבואה־פעלד. איך האָב אַ געשריי געטאָן צו אלקנה און רחל, זיי זאָלן תיכף אַריין אין דער תבואה און זיך דאָרט באַהאַלטן. אויך איך האָב זיך באַהאַלטן; ווען די רוצחים זענען אַוועק בין איך אַרויס פון פעלד אַ דערשיטערטע און צעשראָקענע און געזוכט אַ גאַנצע נאַכט די קינדער.

צו־מאָרגנס פרי האָב איך געפונען רחלען ביי דער „מלעטשאַרנע" פון דאָרף און אלקנהלע, מיין 7 יאָריק ייִנגעלע, האָב איך שוין ליידער נישט געפונען. די חיהשע רוצחים האָבן אים געכאַפּט און דערמאָרדעט. ימח שמם וזכרם.

פון דער גאַנצער גרופּע וואָס זענען געקומען אַרבעטן ביים טאָרף זענען איבער־געבליבן בלויז איינצלנע: בערל שניידער, זיין טאָכטער, גיטעלע טענענבוים, איר ברודער דוד, מיין טאָכטער רחל און איך.

מיר וואַנדערן און זוכן אַ באַהעלטעניש

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה פון וואַנדערן. מיר האָבן געזוכט אַן אָרט ווו איבערצונעכטיקן. די גויים האָבן אונדז נישט געוואָלט אויסבאַהאַלטן און אויך זיך אָפּגעזאָגט צו געבן שפּייז, אַפילו פאַר געלט. פיל פון זיי, און איבערהויפּט די יוגנט, האָבן געטריבן און געמאָרדעט ייִדן, וועלכע ס'איז זיי געלונגען צו כאַפּן אין פעלד אָדער אין וואַלד. אָבער מען דאַרף פונדעסטוועגן פאַרצייכענען לטובה די ווייניקע גויים, וועלכע האָבן נישט פאַרלוירן דעם צלם האלוקים און איינגעשטעלט זייער לעבן, געראַ־טעוועט וויפל זיי האָבן געקענט און וועמען זיי האָבן געקענט.

מיר האָבן אויך געהאַט פיל אַנטוישונגען. „פריינטלעכע" גויים וואָס מיר האָבן געקענט פון פריער, האָבן נישט געוואָלט אויסשטרעקן אַ האַנט צו הילף. בדרך כלל קען מען זאָגן, אַז די „סובאָטניקעס", די פרומע קאַסטע „שומרי שבת", האָבן זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו די געטריבענע ייִדן און האָבן זיי צוגעטיילט הילף.

ס'האָבן זיך אויך באַצויגן גוט צו ייִדן די גויים, וועלכע זענען פריער געווען לינק־געשטימט און האָבן געהאַט אַ קאָמוניסטישן עבר. אָט די קאַטעגאָריע האָט אין זייער האַרץ געהאַסט דעם נאַציזם און האָבן געהאָלפן די אַנטלאָפענע ייִדן.

דער רעטער פאַטאַפּטשוק

דער ערשטער, וועלכער האָט מסכים געווען אונדז צו געבן אַן אָרט צו באַהאַלטן זיך איז געווען דער מלאך פון הימל אין גרויסן ים פון שנאה — דער פּויער אַלעקסאַנדער פאַטאַפּטשוק פון דאָרף טיכאָטין. איך בין צוגעגאַנגען צו אים אין מאָמענט ווען ער האָט אָנגעטרונקען זיינע פערד און האָב ביי אים געבעטן אַ ביסל וואַסער. ווען ער האָט דערהערט אַז מיר האָבן נישט ווו איבערצונעכטיקן, האָט ער אונדז אַריינגענומען אין שייער („קלוניע") און דאָרט געמאַכט פאַר אונדז אַ באַהעלטעניש. מיר זענען ביי אים געווען 4 חדשים. מיר האָבן ביי אים געאַרבעט ביים אויסגלייכן די בלעטער פון טאַבאַק. איך האָב אויך גענייט פאַר אים און פאַר זיין פאַמיליע. ער האָט אונדז געגעבן עסן און זיך צו אונדז זייער גוט באַצויגן.

מורא האָבנדיק אַז מען וועט ביי אים זוכן באַהאַלטענע ייִדן, זענען מיר געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס אָרט און מיר זענען אַוועק אין דאָרף ליבטש. אין די נעכט פלעגן מיר גנבענען גרינס פון די גערטנער און דאָס איז געווען אונדזער איינציקער שפּייז. מיר האָבן גענעכטיקט אין די פעלדער. מיר האָבן מורא געהאַט צו שעפּן וואַסער פון די ברונעמס, כדי מיר זאָלן נישט געכאַפּט ווערן צוליב דעם סקריפּען פון דער קאָרבע.

מיט אונדז איז אויך געווען שרה, די פרוי פון משה העס, וואָס האָט זיינער צייט געהאַט אַ מצה־פאַבריק. איין מאָל קומט צו גיין צו אונדז איר שוואָגער אלי העס און דערציילט, אַז ער האָט אַ גוט באַהעלטעניש אין אַ גרוב אין וואַלד פון זאַליסיץ, און ער האָט איר צוגענומען מיט זיך. אונדז האָט ער נישט גענומען, ווייל ס'איז אין גרוב געווען ווייניק פּלאַץ.



באַנאַכט האָבן אוקראַינער, מיט דער הילף פון שפּיר־הינט, אַנטדעקט דעם גרוב און האָבן דערמאָרדעט אַלע וועלכע האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דער סביבה, געגאַנגען פון אָרט צו אָרט און אַזוי האָבן מיר אָפּט געביטן אונדזערע באַהעלטענישן. צום סוף האָבן מיר מיט די הענט אויסגעגראָבן אַ גרוב. איינמאָל האָט אונדז איבערראַשט בנימין שניצער ווען ער איז פּלוצלינג געקומען צו אונדז. אויך ער האָט געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט אין דער געגנט. איצט לעבט ער אין מושב מישר אין ישראל.

נישט־האָבנדיק קיין אָרט ווו צו זיין, האָבן מיר בלית־ברירה געמוזט זיך אומקערן צו פּאָטאָפּשוקן אין טיכאָטין. מיר האָבן זיך דאָרט ווידער אויסבאַהאַלטן אייניקע חדשים. די גויים האָבן אויסגעפונען, אַז איך בין אַ גוטע שניידערקע. איך האָב גענייט אין אַסאַך גוייאישע הייזער פאַרשידענע בגדים און פאַר דעם האָב איך באַקומען שפּייז און נאַכטלעגער.

יידל איז די גאַנצע צייט געווען באַהאַלטן ביי די סובאָטניקעס אין פּאָזשאַרעק. אויך איך מיט מיין רחל זענען געקומען קיין פּאָזשאַרעק אויף עטלעכע וואָכן.

פּאַוואוליק

שפּעטער זענען מיר געווען 6 וואָכן אין דאָרף קוזין ביי דעם פּויער אַלעקסאַנדער פּאַוואוליוק, וואָס איז געווען אַ זון פון מיינע ברידערס אַ באַקאַנטער, וואַסיל דונדעל. אויך פּאַוואוליוק איז געווען אַ „סובאָטניק". ער האָט אונדז איינגעאָרדנט אַ באַהעלטעניש אויפן בוידעם פון זיין שטאַל. ביי אים האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ צווייט אָרט די משפּחה לייקאַך (זיי געפינען זיך היינט אין קאַנאַדע).


איינמאָל איז ער צו אונדז געקומען און דערציילט, אַז מען האָט אים געמסרט, אַז ער באַהאַלט אויס יידן און ער האָט מורא אַז מען וועט קומען אונדז זוכן. ער האָט מיך מיט רחלען גענומען אין אַ וואָגן, וואָס איז געווען אָנגעלייגט מיט שטרוי, און אונדז געבראַכט אין דאָרף ליבטש. מיר זענען געבליבן אין דרויסן אין הוילן פעלד און געשטיקט אין קוסטעס. אין די נעכט פלעגן די דייטשן מיט די אוקראַינישע פּאָליציאַנטן מאַכן „אָבלאַוועס" און זוכן מיט לאַמטערנס. מיר זענען געווען צוגעטוליעט צו די ביימער נישט־רירנדיק זיך פון אָרט. ס'איז געווען ווינטער, די קעלט האָט אונדז געמאַטערט און דער פראָסט איז אַריין אין די ביינער. מיר פלעגן טאָפּטשען אין שניי מיט באָרוועסע פיס: מיר האָבן נישט געהאַט קיין שיך און קיין קליידער.

די סאָוויעטן קומען

נישט־האָבנדיק קיין ברירה זענען מיר ווידער אַוועק צו פּאָטאָפּשוקן אין טיכאָטין צום דריטן מאָל. ווען ס'זענען אָנגעקומען די סאָוויעטן זענען מיר געווען אין ליבטש ביי דעם סובאָטניק קאָסאַנטשוק. ער האָט דאָס אונדז אָנגעזאָגט די בשורה, אַז די סאָוויעטן געפינען זיך שוין אין ראָזשישטש.

מיר זענען אָנגעקומען קיין ראָזשישטש. אויך יידל איז געקומען פון פּאָזשאַרעק. מיר האָבן אין שטאָט באַגעגנט בלויז איינצלנע יידן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון טויט און האָבן ווי ס'איז איבערגעלעבט די שרעקלעכע צייט. צווישן די צוריקגעקומענע קיין ראָזשישטש זענען געווען: די משפּחה טאָרטשיניוק — אַ מוטער און צוויי טעכטער, יאָסל מונק, משה און יאָסקע וואַלד און נאָך אייניקע יונגע לייט.

דער טויט פון יידלען אין דער רויטער ארמיי



צוליב דער אָפּטרעטונג פון די סאָוויעטן, זענען מיר אַנטלאָפן קיין ראָוונע. דאָ האָט מען יידל מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי. ער האָט נישט געוואָלט פעלשן זיין עלטער. אַ קורצע צייט דערנאָך האָבן מיר באַקומען אַ פּאָסט־קאַרטל, אַז ער איז שווער פאַר־וווּנדעט געוואָרן און געשטאָרבן פון זיינע ווונדן אין דער שטאָט רעטשיצע.

קרוב צו דריי און אַ האַלב יאָר האָבן מיר געלעבט ווי געיאָגטע חיות, אָן קליידער, אָן שיך, אָן קיין שום מעגלעכקייט זיך אָפּצוּוואַשן און אָן האָפענונג, אַז די ביטערע צייט וועט אַריבער. פון וואַנען האָבן מיר געשעפּט דעם כוח אויסצוהאַלטן די אַלע שוועריקייטן און נישט פאַרלירן דעם צלם־אלוקים און איבערלעבן? שווער צו זאָגן.

ווען ס'איז געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט די געוועזענע פּוילישע בירגער אַוועקצופאָרן קיין פּוילן, זענען מיר אַוועק קיין לאָדזש. פון דאַנען האָבן מיר באַנייט די פאַרבינדונג מיט דער מוטער אין אַמעריקע און מיט מיינע ברידער אין בראַזיל און ארץ־ישראל.

מיין ברודער פייוול שקורניק (אבנר רחמיאלי) איז געווען אין איטאַליע אַלס אַ זעלנער אין דער יידישער בריגאַדע. ער האָט געשיקט שליחים אונדז אַריבערצובערענגען פון לאָדזש קיין עסטרייך און פון דאָרט קיין איטאַליע. פון נאַפּאָלי זענען מיר אָנגעקומען אין ארץ־ישראל אין יאָר 1946 מיט דער אומלעגאַלער עליה, אָבער אין פאַרהעלטניש גוטע באַדינגונגען, אין דער שיף „טראַנסילוואַניע". מיין ברודער איז דאַן געלונגען אויף דער שיף „אַריינשמוגלען" 18 מענטשן, צווישן זיי מיך מיט רחלען און פריידע וואַרקאָוויצקאַ, און אַדאַנק אַ געלונגענעם איינפאַל זענען מיר בשלום אָנגעקומען אין לאַנד.

איך וואַרט אויף אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט אונדזערע רעטער און אָפּדאַנקען זיי פאַר זייערע גוטע מעשים און זייער מענטשלעכע הילף.

א יידיש מיידעלע — א גוייש פאסטעכל

אייניקע ווערטער וועגן דאָס קליינע אייניקל פון מיין פעטער פּנחס שקורניק — שרהלע גוס: איר מוטער, חיה גוס, האָט איר איבערגעגעבן צו אַ פּוילישער משפחה, אַלס אַ פּאַסטעכל. די פּוילישע פרוי האָט געמיינט אַז דאָס איז אַן אוקראַיניש קינד, ווייל שרהלעס עלטערן האָבן געלעבט אין דאָרף ראַזיאַטין און זי האָט גערעדט אַ גוטן אוקראַיניש און האָט אויסגעזען ווי אַ „שיקסל". אַזוי איז זי געראַטעוועט געוואָרן פון דעם ביטערן גורל. אויך זי איז געקומען קיין ישראל.

דאָס איז שרה חשמונאי, אַ חברה פון קיבוץ יחיעם. זי האָט אַ מאַן און פיר קינדער.



שרה'לע גוס, אייניקל פון ר' פּנחס שקורניק. אין דער צייט פון דער שואה האָט זי געלעבט אַלס גוייש פּאַסטעכל און אַזוי זיך געראַטעוועט. איצט לעבט זי אין קיבוץ יחיעם, ישראל, אונטערן נאָמען שרה חשמונאי.

מיין נס

מאטל בייזער

אין פּערעספּע, ווו איך האָב געוווינט, האָבן געלעבט בײַ 20 ייִדישע משפּחות. פון ראָזשישטש איז מען געפאָרן קיין פּערעספּע מיט דער באַן, אײַן באַן־סטאַציע אויפן וועג קיין קאָוועל, אָדער מיט אַ וואָגן דורכן באַרג און דעם דאָרף די ראַדינעס — אַ מהלך פון 10—12 קילאָמעטער.

אין און מיין שותף מישאַלאָוו זענען געווען תבואה־סוחרים, און פלעגן האַנדלען מיט די גויים פון דער גאַנצער געגנט. די תבואות פלעגן מיר אַרויסשיקן מיט דער באַן קיין וואַרשע, דאַנציג און אויך קיין אויסלאַנד. באַזונדערס פלעגן מיר אויפקויפן קאָניטשינע און רעפּאַק און עקספּאָרטירן קיין דייטשלאַנד.

ביי די סאָוויעטן

ווען די סאָוויעטן זענען אַריין אין דאָרף האָב איך פאַרמאַכט דעם שפּאַכלער און אַריינגעטראָגן דעם שליסל צום סעל־סאָוויעט, פּאַוול דאַנילוק, וואָס האָט פריער ביי מיר געאַרבעט אַלס געהילף־אַרבעטער, און ביי די סאָוויעטן איז ער געוואָרן דער אָנפירער פון דאָרף.

אונדזערע באַציאונגען זענען געווען גוטע, ווייל מיר פלעגן זאָרגן פאַר די אַרבעטער און זיי קיינמאָל ניט באַעוולען. זיי האָבן מיר אומגעקערט דעם שליסל און געבעטן ווייטער פירן דעם שפּאַכלער.

ביי מיר אין שטוב האָב איך געהאַט צוויי ספרי־תורה. שבתים און יום־טובים זענען אַלע ייִדן געקומען דאַוונען. אויך אין מיטן וואָך איז געווען ביי מיר אַ מנין.

אָבער שפּעטער האָבן זיי מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז נישט געווינטשן כ׳זאָל זיך אַזוי פירן בעת איך אַרבעט ביי די סאָוויעטן. דאָך האָבן מיר אויף פּסח געבאַקן מצות ביי מאַני שעכטמאַן און געפראַוועט דעם יום־טוב ווי אַ מאָל.

ביי די דייטשן

אַזוי איז דאָס לעבן געגאַנגען ביז די דייטשן זענען אַריין. דער פאָלק־דויטש הופּערט איז געוואָרן דאָלמעטשער. מיר האָבן געהאַט מיט אים גאַנץ גוטע באַציונגען. אַ שטיקל צייט האָב איך געאַרבעט ביי די דייטשן און ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער געטאָ אין ראָזשישטש בין איך געקומען צום דירעקטאָר פון דער באַן־סטאַציע, אים געגעבן אַ שיינע מתנה און געבעטן ער זאָל מיך און אַלע ייִדן פון פּערעספּע באַשעפטיקן ביי דער באַן־ליניע. איך האָב מורא געהאַט מיר זאָלן ניט אַריינפאַלן אין די הענט פונעם ווילדן רוצח דאָנאַר, וועלכער איז געווען קאָמיסאַר אין דאָרף בערעזאָלופּ און פלעגט מיט חיהשער אכזריותקייט יאָגן, פייניקן און שיסן ייִדישע קינדער. ער פלעגט רייטן אויף אַ פערד און הינט זענען געלאָפן פאַר אים. מיטגעהאָלפן האָט אים דער אָרטיקער פאָלקס־דויטש יוליוס.



דער באַן־דירעקטאָר איז געווען אַ קעלנער דייטש און האָט זיך באַצויגן גאַנץ מענטשלעך. ער פלעגט אָבער זאָגן:

„איך בין אַ גוטער מענטש ביז איך באַקום נישט קיין באַפעל פון אויבן. באַקום איך אַ באַפעל — דאַן קען איך גאָרנישט העלפן".

איין טאָג זענען געקומען דריי אוקראַינער פאָליציאַנטן פון סעקילע מיט אַ באַפעל, אַז אַלע פּערעספּער ייִדן זאָלן זיך פאַרזאַמלען כדי זיי איבערצופירן אין ראָזשישטשער געטאָ. איך האָב שוין געוווּסט אַז דאָס וועט געשען, ווייל מיר האָבן געהערט וואָס


עס טוט זיך אין אַלע דערפער און שטעטלעך. איך האָב באַצייטנס צעטיילט מיין פאַרמעגן צווישן עטלעכע גויים וואָס זענען געווען מיינע גוטע פריינט.

אין מיין שטוב האָב איך אַריינגעזעצט אַ פּאָלאַק, באַגוליאַק, וועמען איך האָב געהאַלטן פאַר אַ גוטן פריינט. די צוויי ספרי־תורה האָט מיין פרוי גוט פאַרפּאַקט, אַרויפגעלייגט אויפן בוידעם און געבעטן באַגוליאַקן ער זאָל זיי באַזונדערס היטן, ווייל דאָס איז אונדזער הייליקע תורה.

קורץ דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז באַגוליאַק האָט מחלל געווען די ספרי־תורה. ער האָט פון די הייליקע יריעות גענייט פאַר זיך רייט־הויזן און געמאַכט אַ סטעזשקע ביים אַריינגאַנג פון הויף אין שטוב אַריין.

בכלל איז כדאי צו באַמערקן, אַז די וואָס זענען געווען פאַררעכנט אַלס גוטע פריינט האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס שונאים אין דער שווערער נויט; דאַקעגן די גנבים און אונטערוועלטניקעס האָבן אָפטמאָל אַרויסגעוויזן פול מענטשלעכקייט און רחמנות.

אין ראַזשישטשער געטאָ



די דריי פּאָליציאַנטן האָבן אונדז געטריבן צופוס אין ראַזשישטשער געטאָ אַריין. דאָס איז געווען אַ פרייטיק. מיר זענען אַריין ווינען אין שניאורס שפּאַכלער צוזאַמען מיט יהודה פּישמאַן און אַנדערע.

ווען איך האָב געזען די יידן פאַרשפּאַרט אין געטאָ, האָב איך גלייך געזאָגט: „לעבעדיקע מתים" און אַנגעהויבן זיך באַמיען אין יודנראַט מ׳זאָל מיך אויך שיקן אויף אַרבעט. מ׳האָט מיך געשיקט אַרבעטן אויפן וועג קיין קאָפּאַטשיווקע. דאָ האָב איך געהערט, אַז דער דייטש וואָס פירט אָן מיט די אַרבעטן איז גרייט טאָן טובות אויב ווען מ׳גיט אים עפּעס אין האַנט אַריין. ביי אים האָט טייבל בעקער געאַרבעט אַלס קעכין. איך האָב אים געגעבן אַ מתנה און געבעטן אונדז אַריבערפירן צו אַרבעטן ביים וועג נעבן פּערעספּע. דערמיט האָב איך געמיינט זיין נאָענט צו גויים, וואָס קענען מיך און ביי וועמען איך האָב איבערגעלאָזט מיין פאַרמעגן, כדי צו קענען ביי זיי באַקומען עסן אין צייטן פון נויט און הונגער.

אַזוי האָב איך אויסגעפועלט, אַז אויך די פרויען זאָלן מיט אונדז מיטגיין צו דער אַרבעט. יעדן טאָג פלעגן מיר, כמעט אַלע פּערעספּער יידן מיט די פרויען און קינדער, אַרויסגיין פון ראַזשישטשער געטאָ און גיין צופוס ביי אַ 12 קילאָמעטער צו דער אַרבעט און נאָכמיטאָג גיין צוריק דעם זעלבן מהלך.

איינמאָל האָב איך געזאָגט דעם דייטש, אַז דער וועג מאַכט אונדז מיד און מיר קענען נישט פיל באַווייזן ביי דער אַרבעט. איך האָב אים געבעטן ער זאָל אונדז דערלויבן אַריינגיין אין אַ פאַרלאָזטער שטוב אין דאָרף קוזין און דאָרט ווינען. ער האָט גלייך געהייסן דעם סאָלטיס אויסרייניקן די שטוב און איך מיט מיין פרוי און קינדער, משה לייקעך, אפרים פּעפער און אַנדערע, ביי 15 פּערזאָן, האָבן מיר געאַרבעט און געוווינט אויסער דעם געטאָ.

דריי טעג פאַרן ליקווידירן דעם ראַזשישטשער געטאָ איז געקומען צו מיר צו דער אַרבעט די פרוי טאַניאַ שאַרופּיץ־זובאַטשעווסקאַ — אַ רוסישע פרוי, וואָס האָט געלעבט לאַנגע יאָרן אין פּערעספּע און האָט מיך גוט געקענט. זי האָט מיר געזאָגט: „מאָטליק, אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען ליקווידירן דעם געטאָ. קום צו מיר מיט דיין פאַמיליע".

איך האָב איר געגעבן עטלעכע גאָלדענע פינגערלעך וואָס זענען געווען איינגענייט אין מיין פרויס מאַנטל.

דאַכט זיך מיר אַז דאָס איז געווען שבת, איז דורכגעגאַנגען אַ ייד, זאַפּראַן, וואָס איז אַנטלאָפן פון געטאָ און דערציילט, אַז ס׳זענען די לעצטע מינוטן פון געטאָ און ס׳הערשט דאָרט אַ געפערלעכע פּאַניק. איך האָב עס דערציילט אַלע יידן, וואָס האָבן מיט מיר געאַרבעט. זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן די לאָפּאַטעס און זיך צעלאָפן.

איך, אַלס דער כלומרשטער פאַראַנטוואָרטלעכער, בין געבליבן און מיט מיר מיין טאָכטער ביבע, לייב טכויער און ישראל גלייזער. ווען דער דייטש, דער אויפזעער, איז געקומען, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך גיי אויך אַוועק. ער האָט געענטפערט:

„באַהאַלט זיך גוט מ׳זאָל דיך נישט געפינען״.

איך בין אַוועק צו אַ גוי, קוזמיר פּאַווליוק, אין דאָרף נעווילנע, ביי וועמען איך האָב איבערגעלאָזט אַ גרויס פּאַרמעגן. ביי אים בין איך געווען 2 טעג. ביינאַכט איז ער געקומען און געזאָגט, אַז ער האָט מורא אונדז צו האַלטן. איך בין אַוועק צו טאַניען. דאָרט האָב איך שוין געטראָפן משה לייקעך, זיין פרוי און צוויי קינדער און צוויי שוועסטער איטע און רבקה (איצט לעבן זיי אין אַמעריקע) אין זיין ברודער לייביש, וואָס איז שפּעטער געפאַלן אַלס סאָלדאַט אין דער רויטער אַרמיי.

מיר האָבן זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם. ס׳איז געקומען דער ווינטער און די קעלט איז געווען נישט אויסצוהאַלטן. האָט אונדז טאַניע געעצהט אַריבערצוגיין אין דער גרויסער שטרוי־סקירטע, וואָס איז געשטאַנען אין הויף. מיר האָבן אויסגעגראָבן צוויי נאָרעס, זיך אַריינגעזעצט טיף און פאַרדעקט מ׳זאָל נישט דערקענען.

ביינאַכט פלעג איך אַרויסגיין צו אַ גוי, ביי וועלכן איך האָב איבערגעלאָזט אַ פאַרמעגן און ער פלעגט מיר באַקן 15 לעבלעך ברויט יעדע צוויי וואָכן. טיילמאָל האָט ער אויך געגעבן אַ ביסל קעז, מילך א.אַ.וו. איך האָב אַלעמאָל געלאָזט 15 לעבלעך ברויט אַ רעזערוו פאַר שווערערע צייטן. מיר פלעגן עסן דאָס אַלט־געבאַקענע ברויט און היטן דאָס פרישע. איך האָב אַלעמאָל עפּעס געבראַכט פאַר טאַניען פון מיינע זאַכן און פון צייט צו צייט פלעגט זי עפּעס אָפּקאָכן פאַר אונדז. דאָ האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן 18 חדשים...

ווען די דייטשן זענען אַנטלאָפן פאַר די סאָוויעטן, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי טאַניען אין שטוב און אַוועקגעשטעלט צוויי מאַשינען־געווער אויף די סקירטע שטרוי. צוויי טעג זענען מיר געזעסן אונטער די סקירטע און געציטערט פאַר שרעק מען זאָל אונדז נישט אַנטדעקן.

די דייטשן זענען אַוועק צייטווייליק

ווען די דייטשן זענען אַוועק איז געקומען טאַניע און געזאָגט:

„קינדערלעך — אַרויס!״

מיר זענען אַוועק קיין נעווילנע און קירטשוק האָט אונדז צוגעפירט קיין ראָזשישטש, ווו מיר האָבן געטראָפן יאָסקע וואָלד און זיין ברודער משה.

די דייטשע אַרמיי האָט אָנגעגריפן און ווידער געקומען קיין ראָזשישטש. מיר זענען אַריבער דעם סטיר קיין קיווערץ און פון דאָרט דורך ראָוונע, אין אַ לאַסט וואַגאָן, קיין קאָראָסטען. דערנאָך זענען מיר צוריקגעקומען קיין ראָזשישטש און קיין פּערעסנע.

די סאָוויעטן קומען צוריק

באַגוליאַק, וועמען איך האָב איבערגעלאָזט אין מיין שטוב, האָט פאַרשטאַנען אַז איך קום צוריק און ער איז אַנטלאָפן קיין וואַרשע. איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן ביי דער סאָוויעטישער רעגירונג אין זאַגאָט־זיערנאָ ביי אויפקויפן תבואה.

מיר זענען געווען הונגעריק און אָפּגעריסן. איך פלעג גיין באָרוועס אין שניי און פראָסט אין חידש שבט כדי צו ברענגען דאָס ברויט. איך ווייס נישט ווי אַזוי מיר האָבן עס אויסגעהאַלטן.

אוקראַאינער רוצחים

אין ליבעש איז געווען אַן אוקראַאינישער פּאָליציאַנט, אַ רוצח, מיטן נאָמען פּראַכאַר. ער האָט געשאָסן יידן וועלכע ער האָט געקענט פון פריער. ווען נישט די אוקראַאינער וואָלטן זיך אַ סאַך געראַטעוועט, ווייל די דייטשן האָבן נישט געוווסט ווער ס׳איז אַ ייד. די אוקראַאינער האָבן אויסגעגעבן זייערע יידישע שכנים.



אַן אַנדערער מיאוסער יידן־מערדער איז געווען פּאַוול פּאַטשימוק פון קוזין. ער האָט געהרגעט אַ ייד, טשערניאַווסקי, און אַ יידישע פרוי, פעלץ, און נאָך אַנדערע.

איינמאָל האָב איך אים געזען זיצן מיט ס.ס.־לייט, האָט ער מיר געזאָגט:

„ס׳איז פאַרביי אייער פאַרכעוואַטע יידישע מלוכה. איצט וועלן מיר אויפלעבן. אוקראַינע איז אונדזער״.

ווען די סאָוויעטן זענען צוריקגעקומען האָב איך דערציילט אַן נ.ק.וו.ד.־מאַן וועגן דער אויפפירונג פון דעם פּאָטשימוק, האָט ער מיר געענטפערט:

„דאָס וואָס ער האָט געהרגט יידן איז נישט וויכטיק".

פונדעסטוועגן האָבן אים די סאָוויעטן אויפגעהאָנגען פאַר אַנטי־סאָוויעטישע טעטיקייט.

טאַניע, וועמען מיר זענען אַזויפיל דאַנקבאַר, לעבט איצט אין מאָסקווע און איך שרייב זיך דורך מיט איר. די לייקעכס פון אַמעריקע שיקן איר פון צייט צו צייט מתנות. מאָטל אָדוואַק האָט געפונען אויפן ברודער־קבר אין ראָזשישטש עטלעכע ביינער, ער האָט זיי מיט זיך גענומען. פרוי לאה בייזער האָט זיי געבראַכט צו קבר־ישראל אין תל־אביב.

מאַני שעכטמאַן פון פערעספע איז געשטאָרבן אין באַהעלטעניש — ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן די אוממענטשלעכעליידן.

זיין טאָכטער איז געגאַנגען אין ראָזשישטשער געטאָ, מיט נאָך 6 פרויען זוכן ברויט, האָבן זיי די ס.ס. געכאַפּט און אַלע געשאָסן אויפן בית־עולם. דערנאָך זענען אַריין די ס.ס. אין יודנראַט און געפאָדערט אָנדענק הענטשקעס, ווייל ביים שיסן די פרויען האָבן זיי פאַרשמירט די הענט מיט בלוט...

איבערלעבונגען פון א יידיש קינד

אייזיק פליישער

ווען די דייטשן זיינען אַריין אין אונדזער שטאָט אין יאָר 1941, בין איך אַלט געווען 10 יאָר, אַזוי אַז איך געדענק נישט אַלץ. אָבער וואָס איך געדענק וועל איך באַשרייבן, סיי וואָס איך האָב זעלבסט דורכגעלעבט, סיי וואָס כ׳האָב געהערט דערציילן.

שרעקלעכע רציחות

אַ חודש, אומגעפער, נאָכן איינגעמען די שטאָט, זיינען אַכט געסטאַפּאָ־לייט צוגעפאָרן צים יודנראַט און פאַרלאַנגט מען זאָל זיי געבן 80 יידן צו דער אַרבעט. דער יודנראַט האָט צונויפגענומען אַכציק יידן, אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָ און אַרויסגעפירט הינטער די שטאָט. דאָרט האָבן די אוקראַינער אויסגעגראָבן אַ גרוב און די דייטשן האָבן דערשאָסן אַלע יידן. די אוקראַינער האָבן זיי באַגראָבן אין צוגעגרייטן גרוב. די אוקראַינער האָבן אַלס שכר פאַר זייער אַרבעט באַקומען די מלבושים פון די דערמאָרדעטע יידן.

אין אַ צוויי וואָכן אַרום זיינען ווידער געקומען געסטאַפּאָ־לייט אין יודנראַט און געפאָדערט 250 יידן. די מיטגלידער פון יודנראַט האָבן געענטפערט, אַז קיין ייד וועט נישט וואַגן זיך צוצושטעלן, נאָכדעם ווי די ערשטע גרופּע פון 80 יידן איז דערמאָרדעט געוואָרן.

דערהערנדיק דאָס, זיינען די געסטאַפּאָ־לייט אַרויס אין גאַס, און מיט דער הילף פון אוקראַינער צונויפגענומען 350 יידן, וואָס זיינען צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון יודנראַט אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן פּלאַץ ווו ס׳זענען צוויי וואָכן צוריק דערמאָרדעט געוואָרן די 80 יידן. די מיטגלידער פון יודנראַט זיינען צוריקגעשיקט געוואָרן אין שטאָט און די איבעריקע 350 יידן זיינען מערדערלעך אומגעבראַכט געוואָרן, גענוי ווי די פאָריקע 80 יידן.

נאָך אייניקע טעג איז אין יודנראַט געקומען אַ קאָמענדאַנט פון די פליערס און פאַרלאַנגט מען זאָל אים געבן אייניקע גאָלדענע זייגערס. איינער פון יודנראַט האָט זיי געזאָגט: „וויאַזוי קענען מיר דיר געבן גאָלדענע זייגערס, אַז דו אַליין גייסט אַרום אין די יידישע הייזער און נעמסט זיך אַליין וואָס ס׳געפעלט דיר. איצט ווילסטו אַז מיר זאָלן דיר אויך געבן?" דערהערנדיק דאָס האָט דער אָפיציר אַ געשריי געטאָן: „פאַרפלוכטע יודע! איך וועל איך שוין אָנלערנען!" ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַוועק.



דער טויט פון מיין ברודער יצחק

אין אַ וואָך אַרום איז ווידער געקומען אין יודנראַט דער קאָמענדאַנט פון די פליער מיט צוויי אוקראַינער און אַ פרעג געטאָן:

„ווו איז דער ייד, יאַנקל קראָכמאַל, וואָס האָט מיר חוצפּהדיק געענטפערט בעת כ׳האָב געפאָדערט די זייגערס?"

אָבער יאַנקל קראָכמאַל איז דאַן נישט געווען אין יודנראַט, ווייל נאָכן אינצידענט מיטן קאָמענדאַנט האָט ער באַשלאָסן זיך אויסבאַהאַלטן און נישט קומען מער אין יודנראַט. נישט זעענדיק דעם מאַן וועלכן ער האָט געזוכט האָט דער קאָמענדאַנט פאַרהאַלטן מיין ברודער, יצחק, דעם רב פון שטאָט און נאָך צוויי יידן, וואָס זענען דאַן געווען אָנוועזנד, און געמאָלדן, אַז ער וועט זיי באַפרייען נאָר דאַן ווען יאַנקל קראָכמאַל וועט זיך צושטעלן. דער קאָמענדאַנט האָט אַלע פיר אַרעסטירטע איבער־געפירט אין געסטאַפּאָ. דערביי האָבן די אוקראַינער געכאַפּט נאָך הונדערט יידן און

צוזאַמען מיט די פיר אַרעסטירטע אין יידנראַט זענען זיי אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן פריערדיקן עקזעקוציע־פּלאַץ, און אַלע זענען דערשאָסן געוואָרן.

נאָך דעם פאַל פלעגן אַלע פּאָר טעג זיך באַווייזן אין יודנראַט די דייטשן אין באַגלייטונג פון אוקראַינער און פאַרלאַנגען גאָלד און עלעגאַנטע מלבושים. מיין ברודער סרוליק, דער צווייטער נאָכן עלטסטן ברודער, איז אַוועק קיין קאָזין — אַ דאָרף נעבן לוצק — צו אַ טשעך און ביי אים געאַרבעט, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו בלייבן אין שטאָט. ער פלעגט זיך באַווייזן פון צייט צו צייט נאָר אויף אַ טאָג אין שטאָט און באַלד צוריק אַוועק.

דער געטאָ

אין יאָר 1941, ווינטערצייט, האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט ביי אונדז אין שטעטל אַ געטאָ. זיי האָבן צונויפגעטריבן אַלע יידן אין איין גאַס און דאָרט אַריינגעקוועטשט אַלע 5000 יידן פון שטעטל. נאָכדעם האָבן זיי דעם געטאָ אַרומגעצוימט מיט שטעכעדיק דראָט. נאָך דריי טעג זענען אָנגעקומען אין באַגלייטונג פון ראָזשישטשער אוקראַינער דייטשן פון לוצק אין געטאָ אַריין און פאַרלאַנגט פון יודנראַט מען זאָל זיי צושטעלן 72 געזונטע יידישע יינגלעך.

דער עלטסטער פון יודנראַט האָט געמאָלדן אַז קיינער וויל זיך פרייוויליק נישט צושטעלן און ער קען נישט אויספירן דעם באַפעל. דאַן האָבן די דייטשן באַפוילן די אוקראַינער צונויפזאַמלען יידן פון זייערע וווינונגען. די אוקראַינער האָבן זיך געלאָזט איבער די הייזער פון געטאָ און צונויפגעבראַכט ביי טויזנט יידן, אַלטע און יונגע צוזאַמען.

דער טויט פון מיין ברודער שמריה

די דייטשן האָבן אַרויסגענומען די יידן מיט בערד. די אוקראַינער האָבן באַגאָסן די בערד מיט נאַפט און זיי אונטערגעצונדן. אַזוי זענען געשאַפן געוואָרן לעבעדיקע פאַקעלן, וואָס האָבן געמאַכט אַ שוידערלעכן רושם אויף אַלע, חוץ די דייטשן און אוקראַינער, וואָס האָבן געלאַכט און געשפּאָט פון די אומגליקלעכע קרבנות. דערנאָך האָבן די דייטשן אויסגעקליבן 72 געזונטע יינגלעך; צווישן זיי איז אויך אַריינגעפאַלן מיין ברודער שמריה. די איבעריקע יידן האָט מען געהייסן אַהיימגיין.

די 72 יינגלעך זענען אַוועקגעפירט געוואָרן, ווי מען האָט געזאָגט, קיין וויניצע, אַ שטאָט נעבן קיעוו. דאָרט האָבן זיי אַ געוויסע צייט געאַרבעט ביי די דייטשן. אַלע זענען נאָכדעם אומגעקומען. קיינער ווייסט נישט ביי וועלכע אומשטענדן און דעם טאָג פון זייער אומקום.

אין דאָרף ראָקין

אייניקע וואָכן נאָך דעם טראַגישן פאַל האָבן די דייטשן אָנגעהויבן איינאָרדנען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן פאָלוואַרק אין דאָרף ראָקין, 10 קילאָמעטער פון לוצק. די דייטשן האָבן דאָרט אַרויסגעפירט סטאָלאַרעס פון אונדזער שטעטל. מיין ברודער סרוליק, וואָס איז געווען נישט ווייט פון ראָקין, האָט זיך איינגעשריבן אַלס סטאָלאַר און געאַרבעט צוזאַמען מיט זיי.

נאָך אַ געוויסער צייט האָבן די סטאָלאַרעס באַקומען פון די דייטשן דאָס רעכט צו באַזוכן יעדן זונטיק דעם געטאָ אין ראָזשישטש. מיין ברודער סרוליק האָט אויסגענוצט די מעגלעכקייט און אונדז געברענגט יעדן זונטיק פּראָוויאַנט. ביז דאַן האָבן מיר ממש געהונגערט, ווייל אין געטאָ איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו אַרבעטן און פאַרדינען אויפן לעבן. יעדער האָט געלעבט פון די מיטלען וואָס ער האָט געהאַט. מיר זענען געווען אַ גרויסע משפּחה און מיר זענען געבליבן אָן מיטלען צום לעבן. אַ דאַנק אונדזער ברודער איז אונדזער לאַגע געוואָרן אַ דערטרעגלעכע.

אייניקע וואָכן נאָך דעם האָבן די סטאָלאַרעס באַקומען די מעגלעכקייט אַריבער־צופירן זייערע פאַמיליעס אין דאָרף אַריין. מיין ברודער האָט אויסגענוצט דידאָזיקע

דער באַרג

מיר האָבן געוווינט אויפן באַרג, אָדער ווי מ'האָט עס אַנדערש גערופן: אונטערן באָק. אַבער איך וועל עס אָנרופן „די גאַס פון די שמידן און סטעלמאַכערס". צום אָנדענק פון די דאָזיקע טייערע האָרעפּאַשנע יידן וויל איך ווידמען די דאָזיקע ווערטער.

שוין פאַרטאָג פלעגט זיך צעטראָגן דאָס קלאַפּן פון די האַמערס און די קאָוואַדלעס. דער בלאָז־זאַק האָט צעבלאָזן דאָס פייער, וואָס האָט געדינט אויף צו שמידן דאָס אייזן. דעם בלאָז־זאַק האָט געפאָכערט מיט דער האַנט אָפטמאָל דאָס ווייב, אַ טאָכטער, אדער אַ קליין יינגעלע, ווייל דער גרעסטער זון איז שוין געשטאַנען ביי דער קאָוואַדלע מיטן האַמער אין האַנט און געשמידט דאָס אייזן. די אַרבעט האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט פאַרנאַכט, זומער אין די היץ און ווינטער אין די קעלט. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, אַבער זי האָט געגעבן פּרנסה בכבוד, כאָטש בצמצום.

אויך מיין פאָטער איז געווען אַ שמיד. ער איז געשטאָרבן פאַר דער מלחמה. די מאַמע פלעגט פאַרדינגען די קוזניע, אָדער מיין ברודער פלעגט זעלבסט דאָרט אַרבעטן, כדי מפרנס צו זיין אונדזער משפּחה. דאַן האָט זיך אויך ביי אונדז געלאָזט הערן דאָס קלאַפּן פון האַמערס, אין איינקלאַנג מיט אַלע קוזניעס, וואָס זיינען געווען נאָנט איינע פון דער אַנדערער, אויף דער זעלבער גאַס.

רעכט און אונדז אַרויסגעפירט קיין ראָקין. מיר האָבן דאָרט געאַרבעט אויפן פעלד און אונדזער לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט. אין דאָרף האָבן מיר געלעבט ביז 1942.

דער טויט פון מיין מאמע און שוועסטער

אין חודש אויגוסט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן די אויסראָטונגס־אַקציע פון די יידן אין וואָלין. דידאָזיקע אַקציע האָט נישט אויסגעמיטן דאָס דאָרף ראָקין. אין אַ שבתדיקן טאָג זענען אָנגעקומען דייטשן און צענדליקער אוקראַינער אין דאָרף און געכאַפּט יידן, צווישן זיי אויך מיין שוועסטער. ווען מיין מוטער האָט געזען, אַז מען פירט איר אַוועק, איז זי נאָכגעלאָפן דעם אויטאָ, וואָס האָט אַוועקגעפירט די פאַרהאַלטענע. די אוקראַינער האָבן פאַרהאַלטן מיין מוטער און אויך איר אַריינגעשלעפּט אין אויטאָ.

דערנאָך האָט זיך מיין מאַמע באַטראַכט וואָס זי האָט געטאָן, און האָט אַ זאָג געטאָן צו די אוקראַינער: „לאָזט מיך אָפּ צו מיין קליין קינד”. האָבן זיי אַ געשריי געטאָן אויף איר: „שווייג, ווייל מיר שיסן דיך באַלד אויפן אָרט!”. מיין מאַמע איז אַראָפּגעשפּרינגען פון אויטאָ און אָנגעהויבן אַנטלויפן. די אוקראַינער האָבן איר געכאַפּט, שטאַרק צעשלאָגן און צוריק אַרויפגעשלעפּט מיט כוח אויפן אויטאָ. אַלע 150 יידן, צוזאַמען מיט מיין מאַמע און שוועסטער, זענען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין ראָזשישטש און דאָרט דערשאָסן געוואָרן.

אין דאָרף האָבן זיי איבערגעלאָזט די סטאָלאַרעס און אייניקע פרויען. אויך זענען געבליבן עטלעכע יידן וואָס האָבן זיך באַוויזן אויסבאַהאַלטן. אויך איך, מיינע דריי יינגערע ברידער, אַ שוועסטערל פון 8 יאָר און אונדזער פאָטער — האָבן זיך אויסבאַהאַלטן נעבן אונדזער ברודער, וואָס האָט געאַרבעט אַלס סטאָלאַר.

נאָך עטליכע וואָכן זענען ווידער געקומען דייטשן און געכאַפּט 40 יידן, נישט סטאָלאַרעס. מיין פאָטער און מיך האָט מען פאַרשלאָסן אין אַ צימער מיט דער דעה צומאָרגנס אונדז אַוועקפירן. באַנאַכט האָב איך זיך געבעטן ביי מיינע טייערע זיי זאָלן שפּרינגען פון פענסטער אין זיך ראַטעווען נאָר זיי האָבן נישט געוואָלט. איך בין אַליין געשפּרונגען פון פענסטער און זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָרף.

נאָך פיר טעג איז מיין פאָטער צוריקגעקומען, נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפן פון די פּאָליציאַנטן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן האָבן די פּאָליציאַנטן געטריבן די פערציק יידן, צווישן זיי מיינע דריי ברידערלעך און מיין שוועסטערל, ביז לוצק און דאָרט זיי דערשאָסן.

די סטאָלאַרעס האָבן ווייטער געאַרבעט ביי די דייטשן.

איך אנטלויף ווידער

אַ צייט שפּעטער זענען ווידער געקומען פּאָליציאַנטן אין דאָרף כאַפּן יידן. ווען איך און אַ חבר האָבן זיי דערזען פונדערווייטנס האָבן מיר אָנגעהויבן אַנטלויפן. די פּאָליציאַנטן האָבן אונדז נאָכגעשאָסן. מיין חבר איז דערהרגעט געוואָרן און איך בין ווייטער געלאָפן ביז איך בין געקומען צו אַ טייך. איך בין אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און אַרויס אויפן צווייטן ברעג. די פּאָליציאַנטן האָבן ווייטער געשאָסן אויף מיר איבערן טייך, און איך בין אַריין צו אַ באַקאַנטן גוי און זיך דאָרט באַהאַלטן.

ווען מיין ברודער סרוליק איז געקומען צוריק פון דער אַרבעט און קיינעם נישט געטראָפן אין שטוב האָט ער גענומען אונדז רופן ביי די נעמען. מיין פאָטער מיטן קליינעם ברודערל אַרעלע זענען אַרויס פון קעלער, וווּ זיי זענען געווען באַהאַלטן. מיין פאָטער האָט אים דערציילט, אַז איך בין אַנטלאָפן פון שטוב צוזאַמען מיט אַ חבר.

סרוליק איז אַרויס אין דאָרף מיך זוכן און דאָרט האָט מען אים דערציילט אַז אויפן פעלד ליגט אַ דערהרגעט יידיש יינגעלע. סרוליק האָט געמיינט אַז דאָס בין איך, איז ער אַוועק אין פעלד און דאָרט געפונען מיין חבר ליגן אַ טויטן. ער האָט אים גענומען אין דאָרף און געברענגט צו קבר־ישראל.

רעכטס פון אונדזער שטוב, אין אַ קליין הייזל, האָט געוווינט דער סטעלמאַך סרוליק (ישראליק) מאַליושקאַ. דער קאָוואַל האָט אויסגעשמידט די אייזערנע טיילן פונם וואָגן: די רייפן, די אַקסן ;ז.אַ.וו., און דער סטעלמאַך פלעגט דערגענצן די אַרבעט דורך אויסטאָקן די הילצערנע טיילן פונעם וואָגן, ווי די אבאָדעס, שפּיצעס פון די רעדער, לייטערס, דישעל א.אַ.ו. אַזוי נאָך האָבן ביידע, דער קאָוואַל און דער סטעלמאַך, צוזאַמען אויסגעפערטיקט דעם וואָגן פאַר די פויערן.

אונדזער שכן, דער סטעלמאַך סרוליק מאליושקא, האָט געהאַט פיר קינדער: אַ זון מענדל, און דריי טעכטער: חוה, סימא און רבקה'לה. צוזאַמען מיט זיי האָט געוווינט זייער מאַמעס אַלטע מוטער. אין שטוב איז געשטאַנען אַ שווערער טיש, וועלכער האָט געדינט אַלס אַרבעטס־טיש פאַר אַלע סטאָלאַרסקע אַרבעטן. אין דעמזעלבן ציטער פלעגט מען אויך קאָכן, און ביינאַכט פלעגן די קינדער דאָרט שלאָפן.

אָבער פרייטיק נאָכמיטאָג האָט די שטוב באַקומען אַן אַנדערע אויסזען. דעם שווערן סטאָלאַר־טיש האָט מען פאַרדעקט מיט אַ שיין ווייס טישטוך. די ערדענע דיל (נישט געווען קיין געלט אויף צו קויפן ברעטער) האָט מען פאַרדעקט מיט געלן ליים און פאַרשיט מיט פריש זאַמד. די עלטערן און די קינדער האָבן זיך געוואַשן און געצוואָגן די קעפּלעך לכבוד שבת. שבת זיינען זיי געווען גליקלעכע, שטאָלצע יידן, און די שכינה האָט גערוט אין דערדאָזיקער אַרעמער, האָרעפּאַשנער שטוב. זיי האָבן דאַן פאַרגעסן די אַרעמקייט און די שווערע אַרבעט פון דער גאַנצער וואָך. די משפּחה אין געווען זייער אַ פרומע.

מיין חברטע חוה

איך קען נישט פאַרגעסן די עלטסטע טאָכטער חוה. אין געטאָ איז די גאַנצע משפּחה געווען געשוואַלן פון הונגער. חוה האָט באַשלאָסן אַרויסגנבענען זיך פון געטאָ, אפשר וועט זי באַווייזן באַקומען אַ שטיקל ברויט כדי צו שטילן אַביסל דעם הונגער פון אירע טייערע. ביים אַרויסגאַנג פון געטאָ האָבן איר די מערדער געכאַפּט, און צוזאַמען מיט נאָך זיבן אומגליקלעכע קרבנות (6 פרויען און איין מאַן) געפירט צום בית־עולם אויף צו דערשיסן.

איך בין געשטאַנען הינטער דער קוזניע און זיך צוגעקוקט צו אַ שוידערלעך בילד, וואָס כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ווען מ'האָט חוה דורכגעפירט נעבן איר שטוב אויפן וועג צו דער עקזעקוציע, האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ, כדי צו וואַרפן אַ לעצטן בליק אויף איר היים. איר מוטער האָט זיך געריסן און געוואָלט ארויס און זיך אָנשליסן צו דער טאָכטער און גיין צום טויט צוזאַמען מיט איר, — די שטוב־מענטשן האָבן איר מיט כוח אָפּגעהאַלטן דערפון. עטלעכע מינוט

שפּעטער האָבן מיר געהערט די שאָסן פון דער עקזעקוציע. ביז היינט קלינגען אין מיינע אויערן די יאָמערלעכע געוואַלדן פון חוהס מאַמע, וואָס האָבן זיך צעטראָגן ווייט איבער דער גאַנצער סביבה.

בעת די שפּעטערדיקע גרויזאַמקייטן, ווען כ'האָב געזען ווי מען פירט מיין פעטערס קינדער צום טויט, ווען מען האָט אין די זאַליסיצער וועלדער אויסגעשאָסן די רעשט פון מיין מאַמעס גרויסע משפּחה און געזען זייערע פאַרפרוירענע קערפּערס ליגן אויף דער ערד — האָב איך שוין נישט געקענט וויינען, נישט געהאַט מער קיין טרערן. איך האָב זיי מקנא געווען. איך האָב מורא געהאַט נישט פאַרן טויט, נאָר פאַר די גרויזאַמע עינויים, וואָס מען האָט אָנגעטאָן די קרבנות, כדי דער טויט זאָל זיי נישט גרינג אָנקומען. איך פלעג בעטן גאָט, אַז אויב עס איז אויף מיר נגזר געוואָרן אַריינצופאַלן אין די מערדערישע הענט, זאָלן זיי מיך באַלד דערשיסן.

ווען כ'האָב געזען, ווי מען פירט חוה צום טויט האָב איך נאָך געגלויבט, אַז גאָט וועט נישט דערלאָזן צו אַזאַ מערדערלעכן טאַט, און אַז אין דער לעצטער מינוט וועט געשען אַ נס. דער נס איז נישט געשען, און פון סרוליקס משפּחה איז קיינער נישט געבליבן.

מיין חברטע חוה, וואָס איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

גיטעלע טענענבוים־ווילענסקי

איך האָב געוווסט אַז מיינע נאָענטע וועלן איבערקלערן וועגן מיין גורל. האָב איך געשיקט דעם גויס שייגעץ אין שטוב דערציילן, אַז איך בין ביי זיין פאָטער. זיי האָבן זיך זייער דערפרייט און סרוליק איז באַלד געקומען צו מיר. ביינאַכט אין דער פינצטער זענען מיר צוריקגעגאַנגען אין שטוב צום טאַטן.

מען כאפּט מיך און איך אנטלויף ווידער

ווען די מערדער זענען צוריקגעקומען אין דאָרף האָב איך נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, און זיי האָבן מיך געכאַפּט. זיי האָבן מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ קעלער. דאָרט האָב איך געזען זיצן אַ וויינענדיקע פרוי. איך האָב באַמערקט הויך אויף דער וואַנט אַ פענצטערל פאַרשטעלט מיט צוויי ציגל. איך בין אַרויף אין דער הויך, אַרויסגענומען די צוויי ציגל און געוומען אַרויסקריכן דורכן פענצטערל. די פרוי האָט געזאָגט, אַז זי וועט מיך נישט לאָזן אַרויס און איר לאָזן אַליין. איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און זיך ביי איר געבעטן זי זאָל מיר נישט שטערן אַרויס אויף דער פריי: „וואָס וועט איר האָבן דערפון אויב איך וועל דאָ בלייבן און מען וועט מיך דערשיסן?" צום סוף האָב איך איר איבערצייגט, אַז זי זאָל מיך לאָזן אַנטלויפן. זי האָט מיך אַפילו געהאָלפן אַרויסקריכן דורכן קליינעם פענצטערל און מיך אונטערגעשטיפּט. ענדלעך בין איך אַרויס פון קעלער. איך בין אַוועק צום סטיר.

א שוידערלעך בילד אויפן סטיר

איך האָב געוואָלט אַריבערשווימען דעם סטיר. פּלוצלינג האָב איך געזען שווימען צוויי טויטע קערפּער און איינער האַלט אַ קינד אין די הענט. דאָס שוידערלעך בילד האָט מיך אַזוי אַנטמוטיקט, אַז איך האָב מורא געהאַט אַריינצוגיין אין טייך. איך האָב געוואַרט ביז נאַכט. דאַן בין איך צוריק אַוועק צו מיין פאָטער.

די סטאָלאַרעס און מיין ברודער סרוליק האָבן ווייטער געאַרבעט פאַר די דייטשן.

דער מארד פון מיין פאטער און ברודער

דעם 25־סטן דעצעמבער 1942, 4 אַזייגער פאַרטאָג, זענען אין דאָרף געקומען 40 אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן אונטער דער אָנפירונג פון צוויי דייטשן. אינדרויסן איז געווען זייער קאַלט און טרוקן אָן שניי. אין יענער צייט זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אַז אין קורצן וועט מען ליקווידירן אין דאָרף אַלע יידן, צוזאַמען מיט די סטאָלאַרעס, ווייל אין גאַנץ וואָלין זענען שוין אַלע יידן געוואָרן ליקווידירט.

מיין ברודער איז דאַן פונקט געשטאַנען ביים פענצטער און באַמערקט די גרופּע פּאָליציאַנטן, האָט ער פאַרשטאַנען אַז דאָס זענען די רוצחים געקומען אומברענגען די יידן אין דאָרף. ער האָט באַלד אויפגעוועקט אַלע סטאָלאַרעס. מיר דריי, ד.ה. דער טאַטע, סרוליק און איך, זענען די ערשטע אַרויס פון שטוב. די פּאָליציאַנטע האָבן אונדז באַמערקט און אָנגעהויבן שיסן אין אונדזער ריכטונג. אַ קויל האָט געטראָפן דעם טאַטן און ער איז געפאַלן אַ גוססדיקער. איך האָב זיך אַנידערגעוואָרפן נעבן טאַטן און זיין בלוט האָט מיך איינגאַנצן באַגאָסן. צוויי פּאָליציאַנטן זענען צו צו אונדז און באַלויכטן מיט זייערע לאַמטערנעס. זעענדיק אונדז ביידע באַגאָסן מיט בלוט זענען זיי געווען זיכער אַז מיר זענען טויט האָבן זיי אונדז איבערגעלאָזט און געלאָפן נאָך מיין ברודער און אים דערשאָסן.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן בין איך אויף אַלע פיר צוגעקראָכן צו אַ נאָענט שטאַל.

איך באהאלט זיך אין מיסט

נעבן שטאַל איז געווען אַ קופּע מיסט פון בהמות. איך בין אַריין אין דער קופּע מיסט, אַזוי בין איך געלעגן אַ גאַנצן טאָג, ביז די מערדער האָבן געכאַפּט אַלע סטאָלאַרעס און אויך מיין קליין ברודערל און זיי געטריבן צום טויט. איך האָב פון מיין קופּע מיסט געזען דאָס גאַנצע גרוילעך בילד. אַביסל ווייטער פון מיר איז געווען באַהאַלטן אין אַ שייער אַ יינגעלע. ווען ער האָט געזען ווי מען טרייבט זיין פאָטער צום

טויט איז ער אַרויס פון שייער און אָנגעהויבן וויינען. אַן אוקראַינישער פּאָליציאַנט איז צו צו אים און מיט אַ גראָבן שטעקן אים געגעבן אַ זעץ איבערן קאָפּ. דאָס יינגעלע איז געפאַלן טויט אויפן אָרט. זעענדיק דאָס גרוילעך בילד האָב איך מורא געהאַט, אַז דאָס וועט אויך זיין מיין סוף, אויב די מערדער וועלן מיך געפינען. אָבער צום גליק, איז זיי נישט איינגעפאַלן, אז אין דער קופּע מיסט נעבן זיי געפינט זיך אַ יידיש קינד.

נע ונד

ביז פאַרנאַכט האָבן זיי אויסגעשאָסן אַלע יידן. זיי זענען צוריק אַוועק קיין לוצק. ווען ס׳איז פינצטער געוואָרן, בין איך אַרויס פון דער נאָרע ווי אַ משוגענער און בין אַוועק צו אַ באַקאַנטן גוי, וועלכער פלעגט מיר שטענדיק צוזאָגן, אַז ער וועט מיר העלפן. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ שטיקל פריש ברויט און מיר געזאָגט:

„גיי אַרויס גיכער פון מיין שטוב; איך האָב מורא אַז ווען מ׳וועט דיך טרעפן ביי מיר אין שטוב, וועט מען אויסהרגענען מיך מיט מיינע קינדער”.

איך האָב זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל מיך לאָזן זיין אויפן בוידעם פון שטאַל — ס׳האָט נישט געהאָלפן.

איך האָב געמוזט אַרויס פון זיין שטוב. אין דער פינצטער בין איך צוגעקראָכן צום שטאַל, אַרויף אויפן בוידעם און זיך באַהאַלטן אין היי די נאַכט און דעם גאַנצן טאָג, אָן זיין וויסן.

פאַרנאַכט האָב איך מיך געלאָזט קיין קניאַהינקע. איך בין געקומען צום טשעך, ביי וועלכן דער ברודער האָט געאַרבעט, איידער מ׳האָט אים געהרגעט. ער האָט מיך געלאָזט זיך באַהאַלטן אין זיין קליניע און אויך געגעבן אַ שטיקל ברויט.



אפגעפרוירענע אברים

די דריטע נאַכט איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט, און מלבושים האָב איך נישט געהאַט. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך נישט געקענט רירן — דאָס פּנים, די הענט און די פיס זענען געוואָרן שטאַרק פאַרפרוירן. איך בין קוים צוגעקראָכן אויף אַלע פיר, אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און געבעטן אַ קאָלדרע, וואָס מיין ברודער האָט ביי אים איבערגעלאָזט. דער טשעך האָט מיר געגעבן אַ קאָלדרע.

איך האָב זיך איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע. גאַנץ פרי איז דער טשעך אַריינגעקומען און מיך געפרעגט צו די פיס טוען מיר שטאַרק וויי. איך האָב אים געזאָגט אַז די פיס זענען מיר אַזוי געפרוירן, אַז איך פיל זיי נישט. האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיי אים ווייזן. ער האָט געזען, אַז די פינגער פון די פיס זענען שוין שוואַרץ, פון פראָסט. ער איז אַריין אין שטוב און געבראַכט אַ שמירעכץ. ער האָט מיר באַשמירט די פינגער און מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך גוט צודעקן. אַזוי האָט ער מיך געהיילט 6 וואָכן.

נאָך 6 וואָכן זענען מיר אָפּגעגאַנגען די פיס, און די אַנדערע אברים, וואָס זענען געווען געפרוירן. איך האָב שוין געקענט גיין אויף די פיס. דאַן האָט דער טשעך געזאָגט, אַז איך מוז זיך זוכן אַן אַנדער אָרט, ווייל ער האָט מורא מיך ווייטער צו האַלטן.

איך האָב אָנגעהויבן וויינען און בעטן, אַז ער זאָל מיך לאָזן בלייבן ביי אים, נאָר ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן און איך האָב געמוזט אַוועק, נישט וויסנדיק וווהין צו גיין.

איך בין אַריין אין אַ שייער פון אַן אַנדערן טשעך, און דאָרט געלעגן 4 חדשים אָן וויסן פון באַלעבאָס. טאָג־טעגלעך איז דער טשעך געקומען אין שייער נעמען שטרוי פאַר די בהמות, און מיך נישט באַמערקט.

נאָך 4 חדשים באַהאַלטן זיך אין שייער האָט ער מיך איין טאָג געפונען צווישן שטרוי. ער האָט מיך געפרעגט, ווער ס׳האָט מיך אַריינגענומען אין שייער. איך האָב אים געענטפערט, אַז כ׳בין ערשט נעכטן אַריין אומבאַמערקט אין שייער אויף איבערצונעכטיקן, און כ׳וועל באַלד אַוועק פון דאָרט.


ער האָט מיך געוואָרנט איך זאָל באַלד אַוועקגיין, אויב נישט וועט ער מיך מאָרגן אַרויסטרייבן אינמיטן העלן טאָג, וואָס האָט געהייסן אַ זיכערער טויט פאַר מיר.

נישט האָבנדיק קיין ברירה בין איך בייניאַכט אַוועק צו אַ דריטן טשעך. איך האָב זיך געמאַכט אַ גוטע נאָרע אין שטרוי און זיך גוט אויסבאַהאַלטן. ס'איז געווען זומער — אַ פיל בעסערע צייט ווי דער שרעקלעכער פאַרגאַנגענער ווינטער. בייניאַכט האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט אין גאָרטן אָנרייסן עפּל, באַרן, אוגערקעס, ציבעלעס און זיך צוגרייטן עסן אויף אַ גאַנצן טאָג.

פון־צייט־צו־צייט פלעג איך זיך אַריינכאַפּן בייניאַכט צו אַ היימישן טשעך. ער האָט מיר אויס רחמנות געגעבן אַ שטיקל ברויט. אַזוי האָב איך דורכגעמאַכט דעם זומער, אָן געפּרווירענע אברים און אַפילו אָן הונגער.

געגעסן פון שעפל פון חזירים

דעם קינפטיקן ווינטער האָב איך זיך געשפּייזט פון עסן וואָס מען האָט געגעבן די חזירים. איך פלעג זיך אַריינגנבענען אין אַ חזירים־שטאַל פון אַ טשעך. אין דעם שעפל פון די חזירים האָב איך געפונען געקאָכטע קאַרטאָפל מיט בוראַקעס און אָפּפאַל פון מעל. איך האָב מיר אָנגעפילט אַ טאָרבע מיט צעהאַקטע קאַרטאָפל. מיט דעם האָב איך געלעבט אַ גאַנצן ווינטער. בדרך כלל, איז דאָס עסן געווען דער קלענסטער זאָרג. אַ טאָג האָט מען געגעסן און אייניקע טעג האָט מען געהונגערט; שווערער איז געווען מיט אַן אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן און בלייבן לעבן.



מען זוכט יידן אין דאָרף

די אוקראַינער פלעגן דערגיין די יאָרן. זיי זענען יעדן טאָג געקומען אין דאָרף זוכן יידן. אין דעם דאָרף האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי 50 יידן, און קיינער האָט נישט געוווּסט דערפון.

די מערדער זענען אַריין אין שייער, ווי איך בין געלעגן באַהאַלטן. זיי האָבן געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, און מיך נישט געפונען, ווייל איך בין געלעגן טיף אין שטרוי. אין אַן אַנדער שייער האָבן זיי געפינען פיר יידן. זיי האָבן זיי אַרויסגענומען און פאַרשלאָסן אין אַ געמויערטן קעלער פון אַ טשעכישן לאַנדווירט. ווען די פּאָליציאַנטן זענען אַוועק, האָבן די יידן אויפגעבראָכן אַ האָלצענע טיר אין קעלער און פון דאָרט אַנטלאָפן.

די טשעכן אין דאָרף האָבן מורא געהאַט אויסבאַהאַלטן יידן ביי זיך, און געצוווּנגען די באַהאַלטענע יידן אַוועקצוגיין פון דאָרט.

יענע וואָך בין איך אַריין בייניאַכט צום טשעך, וואָס האָט געהיילט מיינע פאַר־פרוירענע אברים, בעטן אַ שטיקעלע ברויט. ער האָט מיך געראַטן אַוועקצוגיין פון דאָרף אויף אַ וואָך צייט, ווייל ער ווייסט אַז די דייטשן גרייטן זיך צו קומען במשך פון דער וואָך זוכן יידן. איך בין אַוועק צוריק אין מיין נאָרע און „געהאַלטן די נשמה אין די הענט".

צומאָרגנס בין איך אַוועק קיין ראָקין, ווו מיר זענען געווען צוזאַמען מיט די סטאָלאַרעס, און אַריין צו אַ היימישן פּייער. ווען ער האָט געהערט פון יענער זייט טיר אַז דאָס בין איך, אייזיק פליישער, האָט ער געעפנט שנעל די טיר און געשריגן:

„גיי באַלד אַוועק פון דאַנען; אויב נישט הארגע איך דיך אויפן אָרט" — און ער האָט מיט רציחה פאַרקלאַפּט די טיר.

איך בין אַוועק פון אים, נישט ווויסנדיק וווּהין זיך צו ווענדן. נישט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג בין איך געגאַנגען צוריק אין טשעכישן דאָרף קניאהינקי.

כ'בין ארויס פון א שרעקלעכע סכנה

קומענדיק אין דאָרף האָב איך געזען ווי צוויי אוקראַינישע פּאָליציאַנטן יאָגן נאָך אַ ייד. דער ייד איז אַריינגעלאָפן אין אַ הויף. אַ ריזיקער הונט וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג איז אָנגעפאַלן אויף די צוויי פּאָליציאַנטן און זיי נישט אַדורכגעלאָזט.

די נאַכט איז געווען זייער אַ ליכטיקע. די פּאַליציאַנטן האָבן מיך געכאַפּט און גענומען אויספאָרשן אויב איך בין אַ ייד. ווו כ'בין געווען אויסבאַהאַלטן און ווער האָט מיר געגעבן עסן.


איך האָב זיך מודה געווען אין מיין „גרויס פאַרברעכן”, אַז איך בין אַ ייד. ווען כ'האָב זיי געזאָגט אַז איך בין די גאַנצע צייט געווען באַהאַלטן אין פעלד און זיך דערנערט פון גרינס, וואָס איך האָב יעדע נאַכט געריסן פון די גערטנער, האָבן זיי מיך אָנגעהויבן שלאָגן און שרייען, אַז איך זאָל אויסגעבן די מענטשן, וואָס האָבן מיך אויסבאַהאַלטן ביז איצט.

זיי האָב באַשלאָסן מיך צו שיסן אויפן אָרט. הערנדיק זייער באַשלוס און זעענדיק ווי איינער נעמט אַרויס זיין רעוואָלווער כדי אויסצופילן זייער שרעקלעכן באַשלוס, האָב איך זיך אַרויסגעריסן פון די הענט פון דעם פּאַליציאַנט וואָס האָט מיך פעסט געהאַלטן, גענומען לויפן און די פּאַליציאַנטן נאָך מיר.

איך בין אַריין אין אַ הויף פון אַ טשעכישן פויער. דער באַלעבאָס איז געווען אין שטאַל, און זעענדיק מיך לויפן איז ער אַרויס פון שטאַל, בעת די פּאַליציאַנטן זענען אים געקומען אַנטקעגן. ער האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג און געפרעגט וועמען זיי זוכן? איך האָב דערווייל אויסגענוצט די־דאָזיקע טייערע מינוטן און זיך גוט באַהאַלטן. זיי האָבן מיך דערנאָך שטאַרק געזוכט אין גאַנצן הויף, אָבער נישט געפונען. אָן ספק, האָט מיך דער טשעך, בכוונה, געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

אין וואַלד

זעענדיק די סכנה פון בלייבן איך דאַרף בין איך אַוועק אין קאָפּאַטשיוקער וואַלד. דאָרט האָב איך געטראָפן נאָך אייניקע יידן און מיר זענען געווען צוזאַמען אייניקע חדשים. ווען די אוקראַינער האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין וואַלד באַהאַלטן זיך יידן, האָבן זיי אָנגעהויבן אַ בלאָקאַדע אויף אונדז. וויסנדיק אַז מיר גייען אַרויס ביינאַכט זוכן עסן, האָבן זיי זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער ביים איינגאַנג פון וואַלד, און געשאָסן יעדן ייד וואָס איז אַרויס זוכן עסן. אַ טייל פון די יידן זענען אויף אַזאַ אופן אויסגעמאָרדעט געוואָרן, און אַ טייל איז אַנטלאָפן אין פאַרשידענע ריכטונגען. איך בין צוריק אין דאָרף קניאַהינקי און זיך ווידער באַהאַלטן אין די שייערן צווישן שטרוי. דאָרט בין איך געלעגן אייניקע חדשים.



די דייטשן מאָרדן אוקראַינישע פּאַליציאַנטן

אין יולי 1943 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אויסמאָרדן די אוקראַינישע פּאַליציאַנטן, צוליבן חשד אַז זיי שטייען אין פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער. די אוקראַינישע פּאַלי־ציאַנטן פון גאַנץ וואָלין זענען איין נאַכט אַנטלאָפן אין די וועלדער, נעמענדיק מיט זיך דאָס געווער. זיי האָבן אָנגעהויבן קעמפן קעגן די דייטשן, אויפרייסן באַן־ליניעס און אָנפאַלן אויף דייטשישע און פּוילישע דערפער.

די דייטשן האָבן דאַן זייער גאַנץ אויפמערקזאַמקייט געווענדעט קעגן די אוקראַינישע באַנדעס און נישט פאַרנומען זיך מער מיט דאָס קליינע הויפעלע יידן, וואָס זענען פאַרבליבן אין אונדזער געגנט. די טשעכן האָבן שוין נישט אַזוי מורא געהאַט אַריינלאָזן אַ ייד צו זיך אין שטוב און גיבן אים אַביסל עסן.

די דייטשן זוכן די לעצטע יידן

איך פלעג דאַן אָפט אַריינקומען צו אַ טשעך, ביי וועמען מיין ברודער האָט אַמאָל געאַרבעט. איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז די רוסן געפינען זיך שוין אין ראָוונע, 60 ק"מ פון לוצק. ער האָט מיך געראַטן זיך גוט באַהאַלטן, ווייל די דייטשן וועלן זיכער פאַר זייער אָפּטרעטן מאַכן אַ פאַרזוך אומצוברענגען אַלע פאַרבליבענע יידן.

נאָך דריי טעג זענען אין דאָרף געקומען פיל דייטשן און אָנגעהויבן זוכן יידן אין אַלע הייזער און שייערן. זיי זענען אַריין אין שייער ווו איך בין געלעגן אונטערן

שטרוי און דאָרט גענישטערט אין יעדןווינקל. איך בין דאָרט געלעגן אַ געפרוירענער און אַ הונגעריקער צוויי טעג און מורא געהאַט אַרויסצוגיין.

דער הונגער האָט מיך נישט געלאָזט רוען. ביינאַכט האָב איך איינגעשטעלט מיין לעבן און אַרויס פון מיין נאָרע און צו צום אָרט ווו דער פויער האָט געהאַלטן די גענדז. דאָרט האָב איך געפונען אַ זאַק מיט פאַרפרוירן ברויט. איך האָב אַרויסגענומען אַ לעבל ברויט און צוריק אַריין אין מיין נאָרע, דאָרט בין איך געלעגן 21 טעג, דערנערנדיק זיך מיט אָט דעם איינציק פאַרפרוירן לעבל ברויט.

די דייטשן אנטלויפן

אויפן 22־טן טאָג פון מיין באַהאַלטן זיך אין דער נאָרע איז פלוצלינג געוואָרן שטיל און די שיסערייען האָבן אויפגעהערט. מען האָט נאָר געהערט דעם רעש פון די אויטאָס, אין וועלכע די דייטשן אַנטלויפן. פאַרנאַכט בין איך אַרויס פון דער נאָרע, און שוין נישט געזען קיין איין דייטש אין דאָרף: אַלע זענען אַנטלאָפן. איך בין גלייך אַוועק קיין לוצק, אָן פון דאָרט אין מיין שטעטל, ראָזשישטש.

צוריק אין ראזשישטש

אין ראָזשישטש האָב איך געטראָפן אַ פּאָר ראָזשישטשער יידן מיט קינדער. איך בין אַוועק צו אונדזער שטוב און דאָרט געטראָפן אַ גוייש פּאָרפאָלק, וועלכע האָבן ביי אונדז צוגענומען אונדזער גאַנץ פאַרמעגן, בעת מיר זענען געווען אין געטאָ און געליטן הונגער. מיין מאַמע האָט איינמאָל איינגעשטעלט איר לעבן און אַוועק צו דעם פּאָרפאָלק, וואָס האָט צוגענומען אונדזער וווינונג און אונדזער גאַנץ פאַרמעגן, און ביי זיי געבעטן אייניקע אונדזערע זאַכן, — האָבן זיי איר אַרויסגעטריבן פון שטוב.

צוריק אין שטוב

צוריקקומענדיק אין שטוב האָב איך נאָך דאָרט געטראָפן דאָס פּאָרפאָלק, וואָס איז געווען זיכער אַז קיינער פון אונדזער משפחה איז נישט געבליבן לעבן. איך בין אַוועק אין דער פּאָליציי און דאָרט דערציילט, ווי דאָס פּאָרפאָלק האָט ביי אונדז צוגערויבט דאָס לאַנצע פאַרמעגן און איצט זיצן זיי אין אונדזער שטוב. איך בין צוריקגעקומען מיט צוויי רוסישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאָרשן די פרוי. זי האָט געפרווווט לייקענען אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט, אָבער נאָכדעם ווי איינער פון די פּאָליציאַנטן האָט איר אָנגעהויבן שלאָגן, האָט זי זיך פאַרענטפערט, אַז אַלע אונדזערע זאַכן האָבן די דייטשן ביי איר צוגענומען. איך האָב באַקומען די דערלויבניש צו מאַכן אַ רעוויזיע ביי איר און צונעמען אַלץ וואָס האָט געהערט צו אונדז. צומאָרגנס, ווען כ'בין געקומען צונעמען אונדזערע חפצים, איז די שטוב געווען אויסגעליידיקט: דאָס פּאָרפאָלק איז אַנטלאָפן און געלאָזט אַ ליידיקע שטוב.

צוזאַמען מיט נאָך אַ יינגל האָב איך געוווינט אין אונדזער שטוב אַ יאָר צייט.

קיין ארץ ישראל

אַ יאָר נאָך דער באַפרייאונג האָבן די רוסן דערלויבט אַלע געוועזענע פּוילישע בירגער צוריקפאָרן קיין פּוילן. איך האָב באַשלאָסן אויסנוצן די געלעגנהייט אַוועקצופאָרן קיין פּוילן, און נישט בלייבן אין רוסלאַנד, וואָס וועט זיכער באַלד ווידער זיין אָפּגעשלאָסן פון דער גרויסער וועלט.

אין פּוילן בין איך געווען בלויז צוויי חדשים. דערנאָך בין איך אַוועק קיין רומעניע. דאָרט בין איך געווען אין אַן אַנשטאַלט פאַר פּוילישע קינדער, וואָס דער „דזשאָינט" האָט געהאַט אין בוקאַרעשט.

איין טאָג האָט מען אונדזער גאַנצע גרופּע, 10 יינגלעך, געבראַכט קיין קאָנסטאַנץ, און אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף. מיר זענען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל אָן סערטיפיקאַטן.

ביסלעכווייז האָבן די צען יינגלעך, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די שרעקלעכסטע איבערלעבונגען וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָן נאָר אויסטראַכטן, זיך באַפרייט פון זייער מוראדיקן קאָשמאַר. מיר האָבן אָנגעהויבן ווערן מענטשן מיט מענטשן צוגלייך.

אוקראַינער רוצחים

ש. ס.

באַלד אין די ערשטע טעג פון אַריינקימען פון די דייטשן קיין קאָפּאַטשיווקע אין 1941, זענען צו אונדז אין שטוב געקומען די דייטשן און צוגענומען מיין פאָטער. דעם זעלבן טאָג האָבן זיי אויך צוגענומען משה דעם שוחט און זיין זון. די דייטשן האָבן זיי אַוועקגעפירט הינטער דער ווינט־מיל און דאָרט דערמאָרדעט. שפּעטער איז אונדז באַוווסט געוואָרן, אַז פאַר זייער טויט האָבן די דייטשן זיי געצוווּנגען אויסצוגראָבן פאַר זיך זעלבסט אַ גרוב און אין דעם גרוב זענען זיי פאַרשאָטן געוואָרן. דערוויסנדיק זיך פון דעמדאָזיקן אומגליק, האָבן אַלע יידן פון קאָפּאַטשיווקע פאַרלאָזן זייערע הייזער און אַנטלאָפן אין דערבייאיקן וואַלד.

די אוקראַינער, וועמען די דייטשן האָבן צוגעזאָגט זעלבסטשטענדיקייט, האָבן אַרומגערינגלט דעם וואַלד און געשאָסן פון אַלע זייטן. די מערהייט פון די יידן זענען דערהרגעט געוואָרן בשעת דידאָזיקע שיסערייען. איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען פיל דערהרגעטע יידן ליגן אויף דער ערד. די וועלכע זיינען געבליבן ביים לעבן, זענען שפּעטער אַוועקגעשיקט געוואָרן דורך דעם קאָפּאַטשיווקער יודנראַט צו שווערער פיזישער אַרבעט קיין בערעזאָלופּ, אין אַ גרויסן פאָלוואַרק, וועלכן די נאַציס האָבן אָרגאַניזירט.

די יידן האָבן געאַרבעט ביי אויסהאַקן ביימער, ביי גראָבן גריבער און ביי פאַרשידענע אַנדערע עבודות־פּרך. די אוקראַינישע און דייטשישע אויפזעער האָבן שטאַרק געפּייניקט די יידן און זיי מערדערלעך געשלאָגן. אַנדערע יידן זענען געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין דאָרף קוזין, ווו ס׳האָט זיך געפונען אַן ענלעכער פאָלוואַרק.

קאזיק פּעטראָווסקי פון קאָפּאַטשיווקע איז געווען אַ רייכער פּאָליאַק און האָט ביזן אויסברוך פון קריג געלעבט אין פריינדשאַפט מיט יידן, און באַזונדערס מיט אונדזער משפחה. מיין שוועסטער האָט איבערגעלאָזט ביי אים איר גאַנץ פאַרמעגן. זי פלעגט קומען צו אים פון וואַלד פון צייט צו צייט און בעטן ביי אים ברויט. ער האָט מיין שוועסטער מיט אירע 2 קינדער געלאָזט ביי זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ באַהעלטעניש אין זיין שטאַל אין משך פון 10 טעג, שפּעטער האָט ער זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ. ער האָט די דייטשן דערציילט, אַז ביי אים באַהאַלטן זיך אויס יידן און ווילן נישט אַרויס. ס׳זענען דאַן געקומען אוקראַינער און זיי אכזריותדיק דערמאָרדעט.

דער מערדער דאנאר

אין בערעזאָלופּ איז געווען אַ יידישער פּליט פון וואַרשע, זייער אַ גוטער שניידער. איינמאָל האָט דער דייטשער קאָמיסאַר דאַנאר, זייער אַ העסלעכער און עקלהאַפטער טיפּ, איינגעאָרדנט אַ פאַרוויילונג. צו דערדאָזיקער פאַרוויילונג האָט דער דייטש געוואָלט קומען אין אַ שיינעם נייעם אַנצוג. ער האָט אַרויסגערופן דעם יידישן שניידער און אים געבעטן אויפנייען אַ שיינעם סמאָקינג. ווען דער שניידער האָט אים געבראַכט דעם פאַרטיקן סמאָקינג, האָט דער דייטש געזאָגט אַז די אַרבעט געפעלט אים און אַז ער זאָל צו אים קומען מאָרגן וועט ער באַקומען באַצאָלט פאַר דער גוטער אַרבעט. ווען דער שניידער איז געקומען צומאָרגנס נאָך דעם צוגעזאָגטן געלט, האָט ער אים אויפן אָרט דערשאָסן. דער דערמאָרדעטער שניידער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי און אַ זון.

מיר ראטעווען זיך פון טויט

מיר זענען אַנטלאָפן פון בערעזאָלופּ קיין ראָקין. איינמאָל זענען אָנגעקומען פיל אוקראַינישע פּאָליציאַנטן און געכאַפּט יידן אין די פעלדער, זיי מיט כוח אַרויפגעזעצט אויף

קאפאטשיווקע

דאָס דאָרף קאָפּאַטשיווקע געפינט זיך 5 קילאָמעטער פון ראָזשישטש אויפן קרייץ־וועג: פון מערב — קאָוועל, פון מזרח — לוצק, פון דרום — טאָרטשין, און פון צפון — ראָזשישטש.

אין דעם דאָרף האָבן געלעבט ביי אַ 60 יידישע משפחות פון סוחרים, קרעמער, בעלי־מלאכות און גוט־באַזיצער. אין דאָרף האָט זיך אויך געפונען אַ מיל, וועלכע האָט געהערט צו גאָלדבלאַטן.

אין דערדאָזיקער קליינער קהילה איז געווען אַ רב, אַ שוחט און אַ בית־כנסת. די יידישע קינדער האָבן זיך געלערנט אין דער פּוילישער „פּאָווסעכנע"־שולע, אָדער אין פאַרשידענע אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן אין ראָזשישטש. אַרום דעם דאָרף האָבן געלעבט פּוילישע אָסאַדניקעס, וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט לויט דער איניציאַטיוו און מיט דער הילף פון דער פּוילישער רעגירונג. זייערע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פערמעס זענען געווען זייער גוט באַאַרבעט. די באַציאונגען צווישן יידן און פּאָליאַקן זענען בדרך־כלל געווען זייער גוטע. דער סאָלטיס פון דאָרף איז געווען אַ פּאָליאַק און האָט געלעבט מיט די יידן אין פריינדשאַפט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

בשעת די סאָוויעטישע הערשאַפט, פון סעפּטעמבער 1939 ביז יוני 1941, זענען ליקווידירט געוואָרן אַלע געשעפטן און די יידן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מלוכהשע אַנגעשטעלטע. זיי האָבן באַקומען אַ חודש־לעכן געהאַלט.

משה רבין

לאַסט־אויטאָס און געפירט צום טויט. מיר איז געלונגען אַנטלויפן און אויסבאַהאַלטן זיך אין די קוסטעס און אין די לעפעכעס, וועלכע זענען געוואַקסן אין דער געגנט. די אוקראַינישע מנוולים האָבן נישט געוווּסט, אַז איך באַהאַלט זיך אויס. טראָץ דעם וואָס זיי האָבן געריטן אויף פערד ממש נעבן מיר. ווען ס׳איז פינצטער געוואָרן בין איך אַרויס. איך האָב שפּעטער געפונען מיין שוועסטער און ברודער און מיר האָבן באַשלאָסן אַנטלויפן.

די פּוילישע רעטערין

מיר זענען אָנגעקומען צום פּוילישן פּויער וואַליק קאָזלאָווסקי. וועלכן מיר האָבן געקענט פון פאַר דער מלחמה. מיר זענען אַריין צו אים אין שייער. קיינער פון זיין משפּחה האָט נישט געוווּסט אַז מיר באַהאַלטן זיך דאָ ביי אים. אינדערפרי, ווען די פרוי פון קאָזלאָווסקי איז אַריין אין שייער און אונדז באַמערקט, האָט זי זיך זייער דערשראָקן. מיר האָבן איר געזאָגט, אַז מיר וועלן איר באַצאָלן, אויב זי וועט מסכים זיין אונדז אויסבאַהאַלטן. מען האָט אונדז געמאַכט אַ באַהעלטעניש, אין וועלכן ס׳האָבן זיך אויסבאַהאַלטן 12 יידן. מיט אונדז האָט זיך אויך געפונען מיין קוזין, וועלכער האָט באַוויזן צו באַהאַלטן אין זיין היטל אַ געוויסע סומע דאָלאַרן. דאָס באַהעלטעניש האָט זיך געפונען אין שטאַל אין אַ גרויסן גרוב. די פּויערטע פלעגט אונדז ברענגען עסן.



ניסים

איינמאָל איז צו אונדז אַריין אין באַהעלטעניש די בעל־הביתטע און אונדז געבעטן אַרויפגיין אויפן בוידעם. זי האָט געוואָלט ריין מאַכן דאָס אָרט און אויך בייטן די שטרוי. די פּויערטע איז געווען אַ פאָלקס־דויטשקע און האָט גוט גערעדט דייטש. ווי נאָר מיר זענען אַרויף אויפן בוידעם זענען אָנגעקומען דייטשן מיט געשרייען:

„ווּ זענען די יידן?”

זי האָט פאַרשטייט זיך געלייקנט, און געזאָגט, אַז ביי איר זענען נישטאָ קיין יידן. די יידן זענען טאַקע געקומען צו איר אָבער זי האָט זיי אַרויסגעטריבן. די דייטשן האָבן איר געגלויבט און ווען זיי האָבן אַריינגעשאָסן אין דער ליידיקער גרוב און דאָרט קיינעם נישט געטראָפן, האָבן זיי זיך איבערצייגט אַז די פּויערטע זאָגט נישט קיין ליגן. די פּויערטע האָט זיי אויך דערציילט, אַז זי האָט ביי די יידן צוגערויבט זייער געלט, איידער זי האָט זיי אַרויסגעטריבן. אַזוי זענען מיר ניצל געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

ווען די דייטשן זענען אַוועק איז די פּויערטע אַרויף צו אונדז אויפן בוידעם און געזאָגט:

„איר מוזט אַוועק פון דאַנען, גייט ווּ איר ווילט, ווייל איך בין אין אַ סכנה”.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און געמוזט ווידער אַוועק אין וואַלד. ס׳איז דאַן געווען אַ שרעקלעכע קעלט, אַ גרויסער פראָסט, און ס׳איז געפאַלן אַ שניי. מיין שוועגערין האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, און אַריינגעפאַלנדיק אין אַפּאַטיע און אָנמאַכט, האָט זי איבערגעלאָזן איר 7־יאָריק ייִנגעלע אין וואַלד, און איז מיט איר פּיצל טעכטערל אויף דער האַנט אַוועק. באַנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין קאָפּאַטשיווקע. מיר האָבן דאָס דאָרף נישט דערקענט: די הייזער צעשמעטערט און די ערד צעאַקערט.

אַ שיכור ראַטעוועט אונדז

מיר זענען אַריין אין הויז פון ראָס. דאָס איז געווען אַן אָרימער פּאָליאַק, וועמענס הויז איז געווען בשכנות מיט אונדזער הויז. זיין פרוי האָט געמאַלקן קי ביי יידן, ער זעלבסט איז געווען אַ גרויסער שיכור. ווען ער האָט אונדז דערזען, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין. ער האָט זיך אויף אונדז מרחם געווען און ספּעציעל אויפן פּיצל קינד, וואָס איז געווען ביי מיין שוועסטער אויף דער האַנט. באַנאַכט האָט ער אונדז צוגעטראָגן אַ וואַרעמע זופּ. וואָס האָט אַ ביסל געשטילט דעם הונגער. ווען מיר האָבן זיך אָפּגערוט און געקומען צו זיך, האָט ער אונדז אַריינגעזעצט אין קעלער. שוין דעם ערשטן טאָג זענען צו אים אין שטוב געקומען אוקראַינישע פּאָליציאַנטן און געבעטן טרינקען „סאַמאַגאָנקע” — אַ היימישע אויסאַרבעטונג פון בראָנפן, וואָס ער פלעגט אַליין מאַכן. ער האָט די

פּאָליציאַנטן געגעבן פּיל צו טרינקען און צו עסן. זיי האָבן זיך גוט אָנגעשיכורט, אַזוי אַז זיי האָבן אין ערגעץ ביי אים נישט געזוכט.

דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר שוין בעסער געוואָלט אַריינפאַלן צו די דייטשן, איידער צו די אוקראַינער, וועלכע האָבן שטאַרק געפייניקט די יידן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. מיט אַ חיהשער אכזריותדיקייט פלעגן די אוקראַינער דערמאָרדן יעדן ייד, וועלכן זיי האָבן געכאַפּט.

ראָס האָט אונדז אויסבאַהאַלטן ביי זיך ביז עס איז פינצטער געוואָרן. ס׳איז געווען אַ געפאַר ביי אים צו בלייבן און מיר זענען געצוווּנגען געווען פאַרלאָזן זיין הויז. מיר האָבן נישט געוווּסט וווּהין צו גיין. מיר זענען אַדורך דאָס דאָרף פון די פוילישע „אָסאַד־ניקעס". דאָרט זענען געזעסן דייטשן אין פאָלוואַרק פון פיידאַווסקי. מיר זענען געקראָכן אויפן שניי, כדי די הינט זאָלן אונדז נישט דערשפּירן. אַזוי נישט וויסנדיק וווּהין מיר גייען זענען מיר אַריין אין הויז פון דער משפחה קאַדעריס, וועלכע איז געווען באַוווּסט אַלס באַנדיטן און גנבים. ווען מיר האָבן זיך אַרומגעזען וווּהין מיר זענען אַריינגעפאַלן, זענען מיר געווען זיכער אַז מיר וועלן שוין פון דאַנען נישט אַרויס קיין לעבעדיקע. אָבער צו אונדזער גרויסער איבערראַשונג, האָט ער אונדז באַרויקט און געגעבן אַ באַזונדערן צימער און אויך נישט קיין שלעכט עסן. מיר האָבן ביי אים געאַרבעט אין זיין ווירטשאַפט במשך פון 5 חדשים.

מיר געפונען מיין ברודער יענקעלע

אָפּזייענדיק ביי אים 5 חדשים, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צו דער פרוי קאָזלאָווסקי און אָן איר וויסן גייען מיר אַריין אין שטאַל. ווען זי האָט אונדז פּלוצלינג באַמערקט צומאָרגנס אין דערפרי, האָט זי אונדז באַרויקט און געזאָגט, אַז מיר קענען ביי איר איבערבלייבן אין קעלער. זי האָט אונדז דערציילט, אַז מיין ברודערס זון, וועלכן מיין שוועגערין האָט איבערגעלאָזן אין וואַלד, געפינט זיך ביי איר.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס 7־יאָריקער ייִנגעלע, האָט, נאָך דעם ווי זיין מוטער האָט אים איבערגעלאָזן אַליין אין וואַלד, באַוויזן דערגיין צו דער קריסטין קאָזלאָווסקי.

ער איז אַרויף אויפן בוידעם אָן איר וויסן. ווען זיינע פיס האָבן אָנגעהויבן פרירן, פלעגט ער אַראָפּגיין אין שטעלכל פון די חזרים, זיך אַביסל אָנוואַרעמען און אויך עסן דאָס עסן פון די חזירים. אַזוי האָט ער זיך דאָרט געפונען ביז די קינדער האָבן אים באַמערקט און דערציילט דער מוטער קאָזלאָווסקי, אַז עפּעס אַ יידיש ייִנגל געפינט זיך אויפן בוידעם.

די פרוי קאָזלאָווסקי איז אַרויף אויפן בוידעם און ווען זי האָט דערזען דאָס קינד אין וואָס פאַר אַ מצב ער געפינט זיך, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. זי האָט אים באַלד אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. געמאַכט פאַר אים אַ באַהעלטעניש, און דאָרט אויסבאַהאַלטן 6 חדשים. דאָס ייִנגל געפינט זיך איצט אין ישראל.

אן אלט ארעם פארפאלק

ווען די אוקראַינער האָבן אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף די פּאָליאַקן, זענען מיר ווידער געוואָרן נישט זיכער אין דעם הויז פון פרוי קאָזלאָווסקי און זענען געווען געצוווּנגען ווידער אָנהויבן וואַנדערן. אַזוי גייענדיק פון אָרט צו אָרט זענען מיר צופעליק אַריין אין אַ קליין, האַלב־צעבראָכן הייזל, וואָס איז געשטאַנען אין פעלד. מיר זענען געווען שטאַרק הונגעריק און האָבן געוואָלט בעטן אַ שטיקל ברויט. אין הייזל האָט געלעבט אַן אַלט פּאָרפאָלק, זייער אָרעמע מענטשן. ער אַ פּאָליאַק, זי אַן אוקראַינערן. דער פּאָליאַק האָט געהייסן טשעכאַנאָווסקי. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער פּאָליאַק האָט אונדז דערקענט, ווייל ער פלעגט אונדז פאַרקויפן תבואה. ער האָט אונדז פאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן ביי אים איבערבלייבן אויפן בוידעם. ער איז געווען זייער אַ פרומער קאַטאָליק.

זונטיק האָט ער דערציילט אין קאָשטשאָל, אַז ביי אים אויפן ביידעם זיצן „קדושים", ער האָט געהאַלטן, אַז אויב מיר האָבן זיך געראַטעוועט און געבליבן לעבן — זענען מיר „קדושים".

צווישן די פּאָליאַקן האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן געקענט אונדזער משפחה. זיי פלעגן אונדז ברענגען עסן. דאָרט האָבן מיר זיך געפונען ביי אַ 6 חדשים.

דער שרעקלעכער מארד


די אוקראַינער האָבן אָנגעהויבן זוכן געווער ביי די פּאָליאַקן. זיי פלעגן זוכן און נישטערן אין די פּוילישע הייזער, צי באַהאַלט מען נישט אויס געווער. ווען די לאַגע איז געוואָרן געפערלעך, האָט אונדז דער פּאָליאַק אַראָפּגעפירט פון בוידעם און אונדז איינגעאָרדנט אין אַ גרוב ביי אים אין שטוב. פריער איז דער גרוב געווען אויף צו האַלטן קאַרטאָפל. ער האָט אָפּגעשאַצט דעם געפערלעכן מצב און האָט אונדז געזאָגט:

„אויב זיי קענען שיסן יונגע מענטשן, וועלן זיי אויף געוויס מיך שיסן, אַן אַלטן מענטשן, פון אַ יאָר 70".

איינמאָל זענען מיר אַרויס אַביסל אין פעלד, כדי צו אויסגלייכן די אברים און כאַפּן פרישע לופט. ווען מיר האָבן זיך געפונען גאַנץ ווייט פון שטוב, האָבן מיר פלוצלינג געהערט שיסערייען פון טאַנקן און מאַשין־געווער. ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין שטוב, האָבן מיר געפונען דעם פּאָליאַק מיט זיין פרוי טויטע. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די אוקראַינער האָבן דערשאָסן כמעט אַלע פּאָליאַקן פון דעם דאָרף און פאַרברענט זייערע הייזער. מיר האָבן זיך דאַן געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, אַדאַנק דעם, וואָס בעת די אוקראַינער האָבן דערמאָרדעט די פּאָליאַקן, האָבן מיר זיך נישט געפונען אין אונדזער באַהעלטעניש.

בלויז ביי דרייסיק יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי פאַרשידענע פּאָליאַקן, זענען געבליבן לעבן.

מיר זענען אַוועק ווידער וואַנדערן אין פאַרשידענע ערטער, ביז ס'זענען געקומען די סאָוויעטן, און די מלחמה האָט זיך געענדיקט.



דער לעצטער כל־נדרי

אברהם פריגאל



אברהם פריגאל, אַלס ייִנגל (אינמיטן דער ערשטער ריי) מיט די עלטערן, ברודער און שוועסטער, ביים אַריינגאַנג פון זייער רעס־טאָראַן „א נטערן ברוק" אין ראַזשישטש.

מיינע עלטערן האָבן געהאַט אונטערן בריק אַ רעסטאָראַן און אַ פאַבריקל פון פּשוטע געוואַגטן און וואָל־פאָדעם. אין פרידן צייט פלעגן די גויים ברענגען צו אונדז די וואָל אין איבערבלייבן ביי אונדז אין שטוב וואָרטן ביז ס'איז פאַרטיק געוואָרן דער געוואַנט. זיי האָבן באַקומען אַ פאַרטיק אויסגעאַרבעטע גראָבע שטאָף פון וועלכן זיי פלעגן נייען גרויסע ווינטער־מאַנטלען, אַזוי גערופענע „בורקעס". די פויערן פון דער געגנט האָבן אַזוי אַרום גוט געקענט אונדזער משפחה.

ווען אַלע יידן זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ אין מיר צווישן זיי, איז דערלויבט געוואָרן אונדזער גאַנצער משפחה אַרויסגיין יעדן פרימאָרגן צו דער אַרבעט אין אונדזער פאַבריקל, ווייל אַ חוץ אונדז זענען נישט געווען קיין ספּעציאַליסטן אין דעם פאַך. פאַרנאַכט פלעגט מען אונדז ברענגען פון דער אַרבעט צוריק אין געטאָ. מיט סכנות נפשות פלעגן מיר ווי ס'איז אַדורכשמוגלען עסנוואַרג פאַר קרובים און זייערע קינדער. צבי (הערשל) רויטער, וואָס זיין משפחה איז געווען מיט אונדז גוט באַפריינדעט, איז אויך צוגעטיילט געוואָרן צו אונדז אויף אַרבעט.

ס'פלעגן אויך אַרויסגיין צו דער אַרבעט צוזאַמען מיט אונדז אהרון און בערל גראָווער, וואָס זייער שטיב האָט זיך געפונען אַנטקעגן אונדזער שטוב, און אויך מאָטל דאָלגאָפּאָליוק. די משפחה גראָווער פלעגט אויסאַרבעטן פאַר דער מלחמה דזשעגעכטס און סמאָלע, מיט וועלכע מ'פלעגט באַשמירן די רעדער פון די וועגענער.

ווען ס'איז אונדז באַוווסט געוואָרן אַז די דייטשן גרייטן זיך צו ליקווידירן דעם געטאָ, האָבן מיר זיך שוין מער נישט צוריקגעקערט דעם אָוונט אין געטאָ. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער, וואָס מיר האָבן באַצייטנס צוגעגרייט אין הויז פון דער משפּחה גראָוועֶר. אין מיטן דער נאַכט זענען מיר אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון די דערפער אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען פיל באַקאַנטע פויערן פון מיינע עלטערן.

מיר זענען געווען אַ גרופּע פון 15 מענטשן. מיר האָבן געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט ביז מיר זענען אָנגעקומען צו אַ גוי, ביי וועלכן מיין פאָטער האָט באַהאַלטן פאַר־שידענע חפצים. דער גוי איז געווען אַ מישלינג: פון אוקראַינער אין דייטשישע עלטערן. ער האָט געדענקט די טובה וואָס מיין פאָטער האָט אים אַמאָל געטאָן און מסכים געווען אויסבאַהאַלטן אונדז ביי אים אַ קורצע צייט.

שפּעטער, ווען ס'איז געווען אַ סכנה אַז מען וועט אונדז אַנטדעקן האָט דער פויער אונדז איבערגעפירט צו זיינע קרובים נעבן טראָכימבראָד. לויט זיין בקשה האָבן זיי זיך באַצויגן צו אונדז זייער גוט.

דער לעצטער „כל-נדרי"

ווען ס'האָט זיך דערנענטערט יום־כּיפּור, האָבן מיינע עלטערן באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז גיין אין שול אין טראָכימבראָד. מיר זענען געקומען קיין טראָכימבראָד אין די אָרטיקע יידן האָבן אונדז נישט גערן אויפגענומען. די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט ביים לעבן בלויז אַ טייל פון די אָרטיקע יידן, וועלכע זענען געווען גוטע ספּעציאַליסטן פון פעל אויסאַרבעטונגען, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר שיך און שטיוול. אַדאַנק דעם האָט די קהילה נאָך עקזיסטירט אַ געוויסע צייט נאָך דער ליקווידאַציע פון אַלע קהילות אין דער סביבה. יידישע פּליטים, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון פּוילן, האָבן זיך דאָ קאָנצענטרירט. און אויך זיי האָבן די אָרטיקע יידן נישט גערן אייפגענומען, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַז צוליב זיי וועלן זיי זעלבסט ליידן.

אין דער שול האָט מיין פאָטער פאַרקויפט זיין העמד פאַר 7 לעבלעך ברויט. צו כל־נדרי איז די שול אָנגעפילט געוואָרן מיט יידן. פון די וועלדער און פון פאַרשידענע באַהעלטענישן אין די דערפער זענען געקומען דיי אויסבאַהאַלטענע יידן מתפלל זיין די הייליקע תפילה, נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער סכנה וואָס ס׳האָט זיי געדראָט.

פלוצלינג האָט זיך דער אויסגעשריגן:

„יידן, מען רינגלט אונדז אַרום. ראַטעוועט זיך ווי איר קענט!״

ס׳איז אַנטשטאַנען אַ מוראדיקע בהלה. מ׳האָט אָנגעהויבן שפרינגען פון די פענצטער. שפעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז פשוט געווען אַן אומזיסטער פחד, אַ רעזולטאַט פון אַ פאַלשער שמועה. איינער וועלכער האָט שפעטער געדרשנט מענייני דיומא האָט געזאָגט: „דער מלאך המות לאָזט נישט מתפלל זיין״ און דער עולם האָט פאַרגעזעצט די תפילה כל־נדרי.

אין דער זעלבער נאַכט האָבן מיר געזען ווי דאָס שטעטל ווערט אַרומגערינגלט פון דייטשן און זייערע מיטהעלפער, די אוקראַינער. מיינע עלטערן האָבן באַפוילן אַז איך, מיין ברודער און צבי רויטער זאָלן אַנטלויפן. אָבער ווי נאָר מיר זענען אַרויסגע־גאַנגען פון הויף, האָט מיין ברודער באַקומען אַ קויל, וואָס האָט צעריסן דאָס פלייש פון זיין אָרעם.

צווישן די פרעמדע יידן, די פליטים פון פוילן, וועלכע מ׳האָט גערופן „ביעזשענצעס״, און צווישן די סאָלדאַטן פון דער רוסישער אַרמיי וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דער דייטשער געפענגעניש איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה. זיי האָבן געוואָלט אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד, אָבער יעדעס מאָל ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן, האָבן זיך די עלטערע מענטשן אַנטקעגנגעשטעלט, מורא האָבנדיק פאַר אַ נקמה פון די דייטשן. זיי האָבן אַלץ געגלויבט, אַז זיי וועלן געראַטעוועט ווערן פון טויט.

צומאָרגנס זענען געקומען דייטשישע פּאָליציאַנטן און אוקראַינער, וועלכע האָבן אַרויסגענומען אַ גרופּע פון עטלעכע צענדליק יידן. איך בין אויך געווען אין דער דאָזיקער גרופּע. מיין פאָטער האָט זיך אומגעקערט, כדי נישט איבערלאָזן מיין מוטער און שוועסטער אַליין. מ׳האָט אונדז געגעבן גראַבאייזנס (האַראַדניקעס) אין די הענט און אונדז אוועקגעפירט ווייט הינטערן שטאָט. אַ דייטש האָט געמאַכט מיט אַ גראַבאייזן אַ צייכן אויף וועלכן פּלאַץ צו גראָבן אַ גרוב.



די פאַרצווייגטע פאַמיליע פריגאַל. אין צענטער — דער זיידע, אַן ערד־באַזיצער אין טאָנאָרידע.

אַ העלדישער בחור

איינער פון די בחורים, וועלכער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פונעם ווידערשטאַנד, האָט געזאָגט:

„ווען מ׳וועט אונדז צווינגען גראָבן דעם גריב — וועלן מיר זיך קעגנשטעלן!״

ס׳איז געווען באַוווּסט, אַז די דייטשן האָבן געהאַט בדעה צו שיסן אַלע מענטשן פון דער גרופּע און אַריינוואַרפן אינעם גרוב, אַזוי ווי זיי האָבן געטאָן נישט איינמאָל מיט די יידן פון ראָזשישטש, טראָכימבראָד און אין יעדן אָרט אין וואָלין.

די דייטשן האָבן אונדז באַפוילן גראָבן דעם גרוב. דער בחור האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גראָבן. ס׳איז צו אים צוגעגאַנגען אַ פּאָליציאַנט און געגעבן אים אַ קלאַפּ מיט דער קאָלבע פון זיין ביקס. דער בחור האָט אויפגעהויבן דעם גראַבאייזן און פלינק אַ זעץ געגעבן דעם פּאָליציאַנט און אים אומגעוואָרפן אויף דער ערד. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע מהומה פון יידן, דייטשן און אוקראַינער. די דייטשע סאָלדאַטן, וועלכע זענען געשטאַנען נישט ווייט פון דעם פּלאַץ מיט מאַשין־געווער און זייער פּליכט איז געווען צו שיסן אין די יידן נאָכן אויסגראָבן דאָס גרוב, האָבן צוליב דער מהומה נישט געקענט שיסן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט צו טרעפן זייערע אייגענע מענטשן.

די יידן האָבן אויסגענוצט די מהומה און באַלד אָנגעהויבן צו אַנטלויפן אין פאַר־שידענע ריכטונגען. אייניקע זענען געטראָפן געוואָרן פון די דייטשישע קוילן, אָבער פיל האָבן באַוויזן אַנטלויפן און אין קליינע גרופּן אָנקומען אין וואַלד. מיר האָבן זיך אויס־באַהאַלטן צווישן די קוסטעס און אַזוי זענען מיר געלעגן 4 טעג אין רעגן און אין קעלט.

ווי ס׳איז בין איך אָנגעקומען צו דער משפּחה, ביי וועלכער מיר האָבן זיך געפונען איידער מיר זענען אַרויס קיין טראָכימבראָד. זיי האָבן אונדז אויפגענומען זייער גוט

און מיר האָבן דאָרט באַקומען אַ באַהעלטעניש. דאָ האָב איך געטראָפן אַהרון און בערל גראָווער. זיי זענען געווען פאַרצווייפלט און פאַריאושט, ווייל זייערע פרויען און קינדער זענען פאַרבליבן אין טראָכימבראָד. דאָ האָט אויך געפונען אַ באַהעלטעניש מאָטל דאָלגאָפאָליוק, זייער שוואָגער.

ווען די לאַגע איז געוואָרן באַדראָט אין רעזולטאַט פון די אָבלאַוועס אויף יידן, בין איך און הערשל רויטער, מיט וועלכן איך האָב זיך ווידער געטראָפן, אַריבער צו טאָמאַשעוויטשן אין וועלניאַנקע, ביי וועלכן מיינע עלטערן האָבן איבערגעלאָזן ווערט־פולע זאַכן.

אַזוי האָבן מיר געוואַנדערט ביז סוף 1943. אָנהייב 1944 האָב איך געפונען אַ מקום מקלט ביי אַ פּאָליאַק ניעסמיאַלאָווסקי. איך האָב ביי אים געאַרבעט אַלס אַ פּאַסטוך און געפּאַשעט זיינע פערד. קיין מענטש האָט מיך נישט דערקענט. אין דער סביבה האָבן זיך אויסבאַהאַלטן נאָך אייניקע יידן, און צווישן זיי יאָסקע וואָלד און זיין ברודער משה.

די ברידער וואָלד האָבן זיך זייער גוט באַצויגן צו מיר און צו אַנדערע יידן וועלכע זענען דאָרט אָנגעקומען. זיי האָבן יעדן געהאָלפן מיט אַן עצה און ספּעציעל געמוטיקט און געטרייסט די וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ מצב פון יאוש. זיי האָבן זיך נאַטירלעך אויך פאַראינטערעסירט מיט מיין גורל. אין יענער צייט האָבן די רוסישע פּאַרטיזאַנער אַנטוויקלט אַ שטאַרקע טעטיקייט אין דער געגנט. איך האָב זייער געוואָלט אָנשליסן זיך צו זיי אַלס פּאַרטיזאַן, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט צונעמען קיין יידן, פאַרקערט, זיי האָבן אַפילו געפּרוּווט מיך דערהרגענען.

מיטן אָנקומען פון די רוסן בין איך מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסישער אַרמיי. מען האָט מיך געשיקט אין אַ מיליטערישער שול קיין טשקאַלאָוו אין אוראַל. דאָרט בין איך דורכגעגאַנגען אַ קורס פון 8 חדשים און מען האָט מיך אַוועקגעשיקט אויף צפון, נעבן דער פינלענדישער גרענעץ. דאָרט האָב איך זיך געפונען אין אַן אָפּטיילונג פון אַ ספּעציעלער קאָמאַנדאָ פון סקי. פון דאָרט האָט מען מיך געשיקט אייפּן פראָנט נעבן קראָקע. דאָרט בין איך פאַרוווּנדעט געוואָרן און געלעגן 6 חדשים אין אַ מילי־טערישן שפּיטאָל.

קיין ראָזשישטש בין איך אָנגעקומען שוין נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1945. אונדזער הויז און פאַבריקל זענען געבליבן נישט באַשעדיקט. איך האָב דאָרט געפונען אייניקע יידן, צווישן זיי יאָסל מונק.

ווען איך האָב זיך אויסגעהיילט פון די מלחמה ווונדן, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין פוילן און פון דאָרט קיין דייטשלאַנד. אין ישראל בין איך אָנגעקומען מיט דער עליה ב׳, נאָכן אָפּזיין אַ יאָר אין אַ לאַגער אין קפריסין.

איך וויל אונטערשטרייכן דעם העראָישן טאַט פון דעם קריסט טאָמאַשעוויטש פון וועלניאַנקע וועלכער האָט מיך געהאָלפן אין די שווערע צייטן דורכלעבן די געפאַר. איך וויל מיט אַ געפיל פון האַס און עקל דערמאָנען די שוואַרצע געשטאַלטן, די יידן מערדער: דער קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי פון וועלניאַנקע זענץ און דער אוקראַאינישער סאָלטיס ווישניעווסקי. זיי האָבן אַכזריותדיק געפּייניקט אומבאַהאָלפענע יידן און זיי דערמאָרדעט מיט זייערע אייגענע הענט.

ד"ר פריד - דער וווּנדערמענטש

שושנה שטראַם (רוזשקאַ געלמאַן)

שושנה שטראָם (פון דער היים רוזשקע געלמאַן), איז געבוירן אין לוצק אין יאָר 1928. איר פאָטער, אַלטער געלמאַן, אייגנטימער פון דער מיל „כלעבאָסלוד", איז דורך דער סאָוויעטישער מאַכט אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לוצק. ער האָט זיך באַזעצט מיט דער פאַמיליע אין ראָזשישטש. אין דערדאָזיקער עדות באַשרייבט שושנה שטראָם אירע גרוילעכע איבערלעבענישן און די אײדעלע געשטאַלט פון ד"ר פריד, וואָס האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר ראַטעווען יידן פון דער פאַרניכטונג.

באַלד נאָכן אַריינקומען פון די דייטשן קיין ראָזשישטש אין יאָר 1941 האָבן זיי פאַראָרדנט אַז די יידן מוזן טראָגן געלע לאַטעס און עס איז זיי פאַרבאָטן צו גיין אויף די טראָטואַרן.

דער געטא

אין ראָזשישטש איז דער געטאָ געשאַפן געוואָרן אין פעברואַר 1942. דער גאַנצער שטח פון געטאָ איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט שטעכלדיקן דראָט. די דייטשן האָבן פאַראָרדנט דעם „יודנראַט", צוצושטעלן טאָגטעגלעך אַ געוויסע צאָל יידן אויף אַרבעט. אין „יודנראַט" זענען יענע טעג געווען געלער און קראָכמאַל.

איך בין געווען אין געטאָ אַ האַלב יאָר. עס האָט דאָרט געהערשט אַ גרויסער הונגער, אָבער מענטשן האָבן געהאָלפן איינער דעם צווייטן. אין דעם הינזיכט איז ביי אונדז געווען בעסער ווי אין וואַרשעווער געטאָ, אָדער אין אַנדערע גרויסע שטעט, ווו דער הונגער איז דערגאַנגען צו שרעקלעכע מאַסשטאַבן. פיל מענטשן האָבן פאַרקויפט זייערע שטוב־זאַכן, און האָבן זאָגאַר געהאַט זאַפּאַסן פון שפּייז. מיין מוטער פלעגט אַפילו צעטיילן ברויט צווישן נויטבאַדאַרפטיקע.

מיין פאָטער פלעגט גיין צו דער אַרבעט. ער האָט געאַרבעט ביי לייגן שטיינער אויפן טראַקט פון ראָזשישטש קיין קאָוועל—לוצק, גלייך מיט אַנדערע יידן.

דייטשן פלעגן אַריינגיין אין געטאָ און שיסן יידן. איך געדענק, ווי ביי אַזאַ פאַל, האָט מען דערשאָסן מיין חברטעס פאָטער. ער איז געווען אַ ביעזשעניעץ פון בריסק. זיין טאָכטער איז געבליבן לעבן.

דעם 22־סטן אויגוסט 1942 איז דער געטאָ ליקווידירט געוואָרן. די ליקווידאַציע אין ראָזשישטש איז פאָרגעקומען אַ טאָג נאָכן ליקווידירן פון לוצקער געטאָ.

אין לוצק

איך פלעג זיין זייער אָפט אין לוצק. איך פלעג גיין דאָרט צופוס. איך האָב געאַרבעט ביי אַ דייטש אַלס דאָלמעטשער, ווייל איך האָב געקענט דייטש פון דער גימנאַזיע. דער דייטש איז געווען דער באַומייסטער פון טראַקט קאָוועל—לוצק. ער איז געווען אַ ווינער. איך האָב ביי אים געאַרבעט לויט דער רעקאָמענדאַציע פון „יודנראַט". זיין באַציאונג צו מיר איז געווען אַ גוטע.

איך פלעג גיין קיין לוצק באַזוכן מיין משפחה. דאָרט איז די לאַגע געווען פיל ערגער ווי אין ראָזשישטש. די באַפעלקערונג איז דאָרט געווען אַ פיל גרעסערע און דער הונגער האָט דאָרט געבושעוועט אָן רחמנות.

די ליקווידאַציע פון געטא

איך בין נישט געווען ביי דער ליקווידאַציע פון געטאָ. איך ווייס נאָר וואָס מ'האָט מיר דערציילט. אַ טאָג פאַר דער ליקווידאַציע בין איך, ווי געוויינלעך, געווען ביי מיין אַרבעט אַלס דאָלמעטשער. צומאָרגנס האָב איך באַדאַרפט זיין ביי דער אַרבעט 7 אינדערפרי, האָב איך באַשלאָסן בלייבן ביינאַכט אויסער דעם געטאָ, כדי נישט פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט. צוזאַמען מיט מיר איז אויך געבליבן אויסער דעם געטאָ מיין פאָטער. אויך מיין ברודערל, וועמען מיין פאָטער האָט איבערגעגעבן צו אַ גוי אויף פאַשען בהמות, איז געבליבן אויסער דעם געטאָ. בלויז מיין מוטער איז געבליבן אין

געטאָ. איך בין איבערגעשלאָפן די נאַכט ערגעץ אויפן פעלד, כדי איך זאָל נישט דאַרפן גיין די 4 קילאָמעטער צו מיין אַרבעט אין דאָרף קאָפּאטשיוקע.

אינדערפרי, ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, זענען שוין געווען זייער פיל דייטשן נעבן מיין אַרבעטסגעבער, וועלכער האָט געוווינט אויף אַ קרייץ־וועג. דאָס זענען געווען ס. ס.־לייט, וואָס זענען געפאָרן פון ליצק קיין ראָזשישטש דורכפירן די ליקווי־דאַציע. מיין בעלעבאָס האָט מיר געראָטן אַנטלויפן און נישט גיין אין געטאָ, ווייל דער שטח וועט באַלד ווערן אַרומגערינגלט. איך האָב געהאַט אייניקע חברטעס, וואָס זענען אויך געשלאָפן די נאַכט צוזאַמען מיט מיר אין פעלד. בין איך אַוועק זיי וואָרענען זיי זאָלן נישט צוריקגיין אין געטאָ. טראָץ אַלעם האָבן מיר זיך נישט פאָרגעשטעלט ווי שרעקלעך וועט זיין די ליקווידאַציע. מיר זענען געליגן צווישן די קאַרטאָפלעס אין פעלד. דאָס איז געווען שניט־צייט.

פאַרנאַכט האָבן מיר געזען דורכפאָרן אויטאָס אָנגעפּאַקט מיט יידן, וואָס האָבן געאַרבעט ביים גראָבן טאָרף. דאָס האָט מען זיי געפירט צוריק אין געטאָ. אלע מיינע חברטעס זענען אַרויף אויף אַ בוים, אָבער איך האָב נישט געקענט אַרויפקלעטערן, האָב איך באַשלאָסן אַריין אין געטאָ דורך אַ הינטערוועג, כדי מען זאָל מיך נישט כאַפּן. ס׳איז שוין דאַן געווען באַוווסט, אַז ווען די אוקראַינער כאַפּן אַ יידיש מיידל, פאַרגוואַלטיקן זיי איר, דערנאָך נעמען זיי אַרויס אירע אויגן און דערמאָרדן איר.

ס׳איז געווען ביי 5 נאָכמיטאָג. איך האָב אָפּגעריסן אַ ביקעט בלומען און מיך געלאָזט אין וועג. אינצווישן בין איך אַריין צו אַ גוי, סימטשוק האָט ער געהייסן, ביי וועמען ס׳זענען געווען פיל אינדזערע זאַכן. איך האָב אים געפרעגט ווו געפינט זיך מיין פאָטער, און ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט.

די איידעלע געשטאַלט פון ד״ר פריד

אַזוי ווי איך בין אַרויס פון הויז, האָב איך געזען פון דערווייטנס דערנענטערן זיך צו מיר אַ מענטש אויף אַ ראָווער. איך האָב געמיינט, אַז דאָס פאָרט אַן אוקראַאינישער פּאָליציאַנט, און אַז איך בין שוין פאַרלוירן. ווען דער רייטער האָט זיך דערנענטערט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז דאָקטאָר פריד. איך האָב אים גוט געקענט. ער האָט מיך איינמאָל אָפּגעראַטעוועט, נאָכדעם ווי מען האָט מיך שטאַרק צעשלאָגן בעת אַן אַבלאַווע אין מערץ 1942. מען האָט דאַן צוגענומען מיין פאָטער. איך בין געגאַנגען זען ווו ער איז — און מען האָט מיך מערדערלעך צעשלאָגן.

ד״ר פריד פלעגט זיך פון צייט־צו־צייט אַריינכאַפּן אין געטאָ אין העלפן יידן מיט מעדיקאַמענטן, עסן, אָנטאָן און מיט אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט. מ׳האָט גערעדט, אַז ער איז אַ ייד, אָבער מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ קריסט, אַ טשעך.

בעת ער האָט זיך דערנענטערט אויפן ראָווער האָב איך אים נישט דערקענט, אָבער ער האָט מיך יאָ דערקענט.

„ווו גייסטו?״ — פרעגט ער מיך אויף פּויליש.

„איך גיי אין געטאָ. אָבער איך וויל נאָך אַריינגיין צו דעם גוי זען, ווו דאָס קינד, מיין ברודערל, איז״ — האָב איך געענטפערט.

„גיי נישט, ווייל דאָ פאָרן אוקראַאינער״ — ענטפערט ער מיר.

„דאָס גייט מיך נישט אָן. איך מוז וויסן ווו מיין ברודערל געפינט זיך!״

„איך שטיי דאָ אונטער דעם בוים. גיי דערוויס זיך ווו דאָס קינד געפינט זיך און דערצייל מיר״.

איך בין אַוועק צום גוי. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט דאָס קינד אַרויסגעוואָרפן, און אַז ער האָט זיך צוריקגעקערט אין געטאָ. ווי כ׳האָב שוין פריער דערציילט, האָט מיין פאָטער אים גוט באַצאָלט, ער זאָל אים האַלטן ביי זיך אַלס פּאַסטוך.

איך האָב זיך אומגעקערט צו ד״ר פריד און אים געזאָגט ער זאָל נישט וואַרטן אויף מיר, ווייל איך גיי אין געטאָ. ער האָט מיך מיט כּוח גענומען אויפן ראָווער. איך האָב אים געקאָפּעט מיט די פיס, אָבער ער האָט מיך געהאַלטן ווי מיט אייזערנע צוואַנגען. ער האָט מיך גענומען אין דאָרף דאָראָסין.



ד״ר פריד

צום אָנדענק פון ד״ר פריד

ד״ר פריד איז געווען אַ באַקאַנטע פּערזענ־לעכקייט אין אונדזער שטאָט בערעכאָווע, וואָס געפינט זיך אין קאַרפּאַטאָרוס. זיין פאָטער איז געווען אַ גימנאַסטיק־לערער. אויך זיין מוטער איז געווען אַ לערערין. די מאַטעריעלע לאַגע פון זיינע עלטערן איז געווען אַ גאַנץ שווערע. זיי האָבן געלעבט זייער באַשיידן.

אויף וויפל איך געדענק אים, האָט ד״ר פריד נישט געהערט צו קיין פּאָליטישע פּאַרטיי. ער האָט זיך בכלל נישט אינטערע־סירט מיט פּאָליטיק. ער איז אויך נישט געווען קיין מיטגליד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אויך אַלס סטודענט האָט ער זיך נישט אינטערעסירט מיט פּאָליטיק. ער איז געווען אַן אָרעמער סטודענט. אויף וויפל מיר איז באַוווסט, האָט ער זיך באַמיט נישט אַרויס־צווייזן זיין יידישע אָפּשטאַמונג אין דער סטודענטישער אָרגאַניזאַציע פון פּראָגער אוּ־ניווערזיטעט. דאַכט זיך מיר, אַז ער איז געווען אַן אַסימילירטער ייד.

מיט ד״ר פריד האָב איך זיך באַגעגנט עטלעכע מאָל, ווען ער איז שוין געווען אַ דאָקטאָר אין פּראַג. דאָס איז געווען, ווען ער האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט דעם שטו־דיום אַלס דאָקטאָר און איך האָב ערשט אָנגעהויבן צו שטודירן. מען האָט דערציילט וועגן אים, אַז ער איז געווען איינער פון די פעאיקסטע און אויסגעצייכנטסטע סטודענטן אין פּראָגער אוניווערזיטעט.

בכדי צו קענען זיך אויסהאַלטן בעתן שטודירן, האָט ער געאַרבעט פאַרשידענע אַר־בעטן אין פּראַג. אַפילו גערייניקט עפנטלעכע לאָקאַלן. זיינע עלטערן האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אים צו העלפן.

אלס יונגער דאָקטאָר איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער טשעכישער אַרמיי און ער איז אָנגענומען געוואָרן אין דער אָפיצירן־שולע פון דאָקטוירים. ער איז געווען זייער אַן ערנסטער מענטש, געהאַט אַ וווּנדערבאַרע באַציאונג צו מענטשן און געהאַט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. ער איז געווען אַ גוטער דאָקטאָר און די אַלע, וועלכע האָבן אים געקענט, האָבן אים זייער געשעצט. ער איז געווען זייער פריינטלעך צו מענטשן, כאָטש פיל פריינט און חברים האָט ער נישט געהאַט.

נאָך דער מלחמה האָב איך זיך אינטערעסירט מיטן גורל פון ד״ר פריד, אָבער צום גרויסן באַדויערן האָב איך נישט געקענט באַקומען וועלכע ס׳איז אינפאָרמאַציע וועגן אים. איך האָב בלויז געוווּסט, אַז ער לעבט נישט.

ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך זיך דערוווּסט פון דער פרוי שושנה שטראָם (געלמאַן), וואָס אַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער אין שפּיטאָל „אסותא״ אין תל־אביב, אַז ד״ר פריד האָט איר געראַטעוועט דאָס לעבן צוזאַמען מיט אַ גרופּע ראָזשישטשער יידן. זי האָט מיר אויך דערציילט, אַז ד״ר פריד האָט אויך געהאָלפן די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער אין דער געגנט פון ראָזשישטש.

מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָב איך זיך אויך באַגעגנט מיט דער שוועסטער פון ד״ר פריד, פרוי יוסטאָן (פריער — שושנה פריד) אין לאָנדאָן. שיינט מיר, אַז ד״ר פריד מיט איר זענען געווען אַ צווילינג.

זיין שוועסטער האָט מיר דערציילט וועגן די גבורה־טאַטן פון איר ברודער בעת דער מלחמה. דאָס האָט זי זיך דערוווּסט פון פיל מענטשן, וועלכע האָבן געקענט ד״ר פריד אין רוסלאַנד. די מענטשן האָבן אין זייערע בריוו געשריבן, אַז ער איז געווען זייער העלפעך צו די איינוווינער פון דער געגנט ווו ער האָט פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר. פון זיי האָט זי זיך דערוווּסט, אַז ער האָט געראַטעוועט פיל פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער פון טויט. ער האָט זיי געהיילט, ביז זיי זענען פולקאָם געזונט געוואָרן. ער האָט באַזאָרגט מיט רפואות דעם פּאַרטיזאַנישן שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען אין דער סביבה פון ראָזשישטש. ער איז אויך געווען אַ פאַרטרויאונגס־מענטש און אַ פאַרבינדער פון דעם סאָוויעטישן פּאַרטיזאַנישן שטאַב.

מיט אייניקע יאָר צוריק איז זי, צוזאַמען מיט איר ענגלישן מאַן הער יוסטאָן, אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד מיטן ציל זיך דערוויסן פּרטים וועגן איר ברודער ד״ר פריד. זי איז געווען אין לוצק און אין דער געגנט ווו ד״ר פריד האָט פּראַקטיצירט אַלס טשעכישער דאָקטאָר. זי האָט זיך דאָרט באַגעגנט מיט פיל מענטשן, וועלכע האָב אים געקענט, צווישן זיי פּשוטע פאָלקס־מענטשן.

פויערים האָבן דערציילט וועגן אים, אַז ער האָט זייער פיל געהאָלפן אָרעמע מענטשן.

אויפן וועג האָבן מיר געזען די אויטאָס וואָס פירן די יידן דערנענטערן זיך. ער האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן פון ראָווער אין אַ ראָוו, דאָרט בין איך געלעגן ביז די אויטאָס זענען אַדורך. שפּעטער האָט ער מיך גענומען צו זיך אין דאָרף, 18 ק״מ פון ראָזשישטש, ווו אַלע איינוווינער זענען געווען פאָלקס־דויטשע. ד״ר פריד איז געווען דער דאָקטאָר פון דעם געביט.

איך באהאלט זיך ביי ד״ר פריד

ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן גרויסן אומגליק פון געטאָ און אַז ס׳איז קיינער דאָרט נישט געבליבן, האָט ער מיך באַהאַלטן אויפן בוידעם אין היי. שפּעטער איז געקומען צו אונדז שלמה בייטש. דערנאָך האָט דער דאָקטאָר איינמאָל דורכפאָרנדיק דעם וואַלד געטראָפן אַ ייד, וועלכער איז שוין געווען כמעט פאַרפרוירן. ער האָט אים אַריינגענומען צו זיך. זיין נאָמען איז געווען שמואליק. נאָכן קריג איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. איצט לעבט ער אין חולון. אַ געוויסע צייט שפּעטער איז צו אונדז דערגאַנגען מיין חברטע שפרה בעקערינג, וועלכע וווינט היינט אין אַרגענטינע.

דאָקטאָר פריד האָט געוווינט מיט זיין ברודער, מישאַ פריד. עס איז ביי אים געווען אַ פּוילישע דינסט, יאַנקאַ, וואָס האָט אויך געוווּסט פון אונדז.

מיר זענען געווען דריי אויסבאַהאַלטענע, מערווייניק תמיד. מיין חברטע בעקערינג האָט אויסגעזען ווי אַן אַרישע פרוי, האָט ער איר איינגעאָרדנט אין לוצק ביי אַ באַקאַנטע טשעכישע משפחה. נאָך אַ געוויסע צייט זענען בייטש און שמואליק אַוועק. ענדע 1943 האָבן שוין די אוקראַינער אָנגעהויבן בושעווען. פריד האָט אויך אָפּגעראַטעוועט דריי סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער, רוסישע אָפיצירן. ער האָט זיי געהאַלטן ביי זיך אַלס געהילף־אַרבעטער. איינער פון זיי האָט געהייסן קאָליאַ. ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט איז קאָליאַ אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. ער איז דאָרט געווען אַ הויכער אָפיציר.

מיר בייטן אונדזער פלאץ

דערנאָך האָט דער דאָקטאָר אונדז איבערגעגעבן צו אַ גוי, וואָס איז אָפּגעברענט געוואָרן. דער גוי האָט געוווּסט פון אונדז. דער דאָקטאָר האָט אים גוט באַצאָלט: ער האָט אים געגעבן צוויי שטיבער מיט פעלדער. אַליין איז דער דאָקטער אַוועק אין אַ צווייט דאָרף נעבן דאָראָסין, ווו ס׳זענען געווען ווייניקער באַנדעראָווצעס, ווייל די באַנדעראָווצעס האָבן פון אים געפאָדערט ער זאָל אַרבעטן ביי זיי.

אין וואָלין איז אין יעדן פויעריש הויז דאָ אַ גרוב אויף קאַרטאָפל. ביי רייכערע פויערים זענען די קעלערס, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער די פּאָדלאָגע פון צימער, געווען געמויערטע. האָבן מיר פון אַזאַ געמויערטן קעלער אַרויסגענומען עטלעכע ציגל און געמאַכט אַ טונעל, וואָס האָט זיך געצויגן אונטערן הויז. אָט אין אַזאַ טונעל זענען מיר געזיצן. פריער בין איך געווען דאָרט מיט בייטש און שמואליק, שפּעטער ווען דער דאָקטאָר איז שוין נישט געווען, זענען צוגעקומען צוויי יידישע פרויען. זיי געפינען זיך איצט אין ישראל.

שווער צו שילדערן די גוטסקייט פון ד״ר פריד. אַזאַ מענטש טרעפט זיך איינער פון מיליאָנען. ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן, כדי צו ראַטעווען יידן. ביי דעם גוי זענען מיר געווען בלויז ביי 3—4 מאָנאַטן, אָבער די גאַנצע צייט אונטער זיין שוץ. דער דאָקטאָר איז אַוועק אין דער רוסישער פּאַרטיזאַנקע, אָבער די אוקראַינער האָבן אים געוואָלט צווינגען צושטיין צו זיי. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָראָסין און אַוועק אין אַ גרעסער דאָרף, כמעט ווי אַ שטעטל. דאָס איז דאָס דאָרף פּערעספּאַ.

איך האָב געקענט נאָר דעם גוי ווו כ׳האָב זיך אויסבאַהאַלטן. קיינער פון זיין משפחה האָט זיך נישט פאַרנומען מיט אונדז. מיר זענען די גאַנצע צייט געזעסן אין גרוב. ביינאַכט, 2 אַזייגער, פלעגט מען אַרויסגיין מאַכן די באַדאַרפעניש. דער גוי פלעגט אונדז דאַן ברענגען עסן. דאָס הויז האָט אויסערלעך אויסגעזען ווי אַ שטאַל.

די באַפרייאונג

מיר זענען באַפרייט געוואָרן דעם 21־סטן פעברואַר 1944. די רוסן זענען שוין דאַן געווען אייניקע טעג אין געביט. דעם 9־טן יאַנואַר האָט אונדז באַזוכט ד״ר פריד און אונדז געוואָרנט נישט רירן זיך פון פלאַץ, ביז ער זעלבסט וועט אונדז קומען נעמען. עס איז אַדורך אַ לענגערע צייט און ער איז נישט געקומען. איך האָב נישט געוווּסט, אַז מען קען שוין אַרויס פון באַהעלטעניש. איך האָב אויך נישט געקענט גיין, נאָכדעם ווי כ׳בין אַנדערטהאַלבן יאָר געזיצן אין טונעל און נישט געגאַנגען. די פיס זענען געווען פאַרגליווערט. איך האָב אויך זייער שלעכט געזען, ווייל כ׳בין די גאַנצע צייט געווען אין דער פינצטער. הונגער האָבן מיר נישט געליטן.

דער דאָקטאָר, און דערנאָך דער גוי, פלעגן ברענגען וואַסער, כדי מיר זאָלן זיך וואַשן. דער דאָקטאָר פלעגט 2 אַזייגער ביינאַכט מיט אונדז אַרויסגיין, כדי מיר זאָלן אָטעמען אַ ביסל פרישע לופט. ער פלעגט מיט אונדז זיצן אין דערביי ווייגען ווי אַ פיצל קינד. אַפילו שפעטער, ווען ער איז אַוועק פון דאָרף, פלעגט ער איינמאָל אַ וואָך קומען צו אונדז זען וואָס מיר מאַכן און צי עס פעלט אונדז גאָרנישט. אין ישראל ווינען מענטשן וואָס האָבן אים גוט געקענט, צווישן זיי ד״ר איזאַק, וואָס איז געווען זיין שול־פריינד פון די קינדער־יאָרן.

ד״ר פריד ווערט פאַרשוווּנדן

אונדזער באַפרייאונג איז געקומען אויף אַזאַ אופן: מישאַ, פרידס ברודער, איז געקומען און געפרעגט, פאַרוואָס מיר זיצן נאָך איינגעשפּאַרט אין אונדזער באַעלטעניש. איך האָב אים געענטפערט, אַז מיר וואַרטן אויף ד״ר פריד, וואָס האָט אונדז געוואָרנט נישט צו רירן זיך פון פלאַץ, ביז ער וועט פערזענלעך קומען. מישאַ האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט, וואָס ס׳איז געשען מיט זיין ברודער. דער דאָקטאָר איז פאַרשוווּנדן, און מיר מוזן אַרויס פון טונעל, נישט וואַרטנדיק אויף אים. זענען מיר, ד. ה. שמואליק, צוויי מיידלעך און איך, אַרויס פון באַהעלטעניש.

מיר האָט מען די גאַנצע צייט נישט דערציילט אַז מיין ברודער איז נישטאָ. איך בין באַלד אַוועק אים זוכן, ממש אויף אַלע פיר, ווייל מיינע פיס האָבן מיר נאָכנישט געדינט. אַרויסקומענדיק אויף דער פריי, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז פאַרפרוירן געוואָרן אויף דער גאַס. איך האָב זיך דערוווּסט ווו ער איז באַגראָבן און האָב אים, מיט דער הילף פון שלמה בייטש, אַרויסגענומען און געבראַנגט צו קבר ישראל. קיין מצבה האָב איך אים נישט געשטעלט, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין געלט.

נאָכן פאַרלאָזן דאָס באַהעלטעניש זענען מיר אַוועק קיין ראָזשישטש. דאָרט זענען שוין געווען אייניקע יידן, צווישן זיי אויך מיין געוועזענער באַלעבאָס, וואלד, ביי וועמען מיר האָבן געוווינט אין געטאָ. איך בין געלעגן, ווייל איך האָב נאָך נישט געקענט גיין. דער דאָקטאָר האָט מיר געבראַכט, נאָך זייענדיק באַהאַלטן אין דאָרף, אייניקע בגדים, איך זאָל האָבן וואָס אָנצוטאָן ווען איך וועל אַרויס אויף דער פריי. אָבער איך האָב די קליידער געגעבן די צוויי מיידלעך, וועלכע זענען אַוועק נאָך דער באַפרייאינג, און האָבן נישט געהאַט וואָס אָנצוטאָן.

דעם דאָקטאָרס מערדער

אויפן צווייטן טאָג האָט מאָטל בייזערס זון אַנגעקלאַפּט אין מיין פענצטער און געשריגן איך זאָל אַנטלויפן, ווייל די דייטשן קומען צוריק. איך בין אַרויס אַזוי ווי איך שטיי, באָרוועס, אין שניי. אויפן וועג האָב איך געטראָפן אַ פּאַרטיזאַנער, וואָס איז אָנגעגאַנגען אַלס דעם דאָקטאָרס אַ גוטער חבר. זיין נאָמען איז, שיינט מיר, געווען באַנדאַרטשוק. איך האָב אים געפרעגט, ווו ס׳געפינט זיך דער דאָקטאָר.

ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען מיט דער צינג. ער האָט געוווּסט ווו דער דאָקטאָר געפינט זיך, אָבער ער האָט נישט געוואָלט זאָגן. איך האַלט, אַז ער האָט געהרגעט דעם דאָקטאָר. איך בין איבערצייגט אין דעם. טראָץ דעם וואָס פיל מענטשן האַלטן אים פאַר אַ פיינעם מענטש, בין איך איבערצייגט, אַז ער האָט דערהרגעט דעם דאָקטאָר.

ער האָט זיי געהיילט נישט נעמענדיק פאַר דעם קיין אָפּצאָל. זיין פּאָזיציע אַלס טשעכישער דאָקטאָר, נישט קיין ייד, האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו באַזוכן פאַרשידענע פלעצער און געהאַט קאָנטאַקטן מיט פיל מענטשן.

די סאָוויעטישע מאַכט, אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר זיינע גבורה־טאַטן אין דער צייט פון דער מלחמה, האָט אים אויפגעשטעלט אַ גרויסן דענקמאָל אין דער געגנט פון ראָזשישטש.

צו דער צערעמאָניע פון אויפדעקן די מצבה, האָבן די סאָוויעטן איינגעלאַדן זיין שוועסטער שושנה מיט איר מאַן צו באַזוכן רוסלאַנד און מען האָט איר מכבד געווען מיט דער אַנטהילונג פון דער מצבה. אין דעם פייערלעכן אַקט האָט אויך אָנטייל גענומען דער אינערן־מיניסטער פון אוקראַינע.

אויף צוריקוועגס פון רוסלאַנד קיין לאָנדאָן האָט זי באַזוכט ישראל, ווו עס לעבט איר עלטערער ברודער אין טבריה. איך האָב זי צוזאַמען מיטן מאַן איינגעלאַדן צו זיך. זי האָט מיר געוויזן די פאָטאָגראַפיעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן בעת דער צערעמאָניע פון אויפשטעלן די מצבה נאָך ד״ר פריד. אויף איינע פון די פאָטאָגראַפיעס זעט מען די מצבה און אויף איר זעט מען בולט גרויסע רוסישע ווערטער: „ד״ר פריד״.

די סאָוויעטן האָבן אויך אַרויסגעגעבן אַ בוך לכבוד דעם אָנדענק פון ד״ר פריד. אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָב איך אַפילו געזען ביי זיין שוועסטער דאָס ביכל, וואָס האָט אָנגעשריבן איינער פון די באַוווסטע פּאַרטיזאַנישע קאָמאַנדירן, מיט וועלכן ד״ר פריד איז געווען פאַרבונדן.

ד״ר חיים איזאַק, תל־אביב

דאָס מיידל שפרה, וואָס דער דאָקטאָר האָט איר געהאַלטן אויף אַרישע דאָקומענטן אין לוצק, איז מיט אים געווען נאָכדעם אין פּערעספּע. זי האָט מיר דערציילט, אַז זיי זענען איינמאָל געגאַנגען צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. פּלוצלינג האָבן די אוקראַינער געעפֿנט אַ שיסעריי. אַלע זענען זיך צעלאָפֿן, צווישן זיי אויך דער דאָקטאָר. זי האָט דערציילט, אַז דער דאָקטאָר איז אַריין אין אַן אוקראַיניש הויז און געבעטן מען זאָל אים דאָרט האַלטן, ביז די אוקראַינער וועלן דורכפֿאָרן. די איינוווינער האָבן אים אַרויסגעטריבן פֿון הויז. ער איז אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די אוקראַינער, וואָס האָבן אים דערמאָרדעט. די גאַנצע ווערסיע איז זייער פֿאַרנעפּלט.

געני וווּ ס׳געפֿינט זיך דער קבר פֿון ד״ר פֿריד ווייסט מען נישט. ווען ער וואָלט געהרגעט געוואָרן אויף דעם פּלאַץ וווּ שפרה ווייזט אָן, וואָלט מען נאָך דער באַפֿרייאונג זיכער געפֿונען אַ סימן דערפֿון. אָבער קיין שפּור איז פֿון אים נישט געבליבן. דערפֿאַר בין איך זיכער, אַז זיין כלומרשטער גוטער פֿריינד האָט אים דערמאָרדעט. מיין מיינונג איז, אַז באָנדאַרטשוק האָט גלייכצייטיק געאַרבעט פֿאַר די דייטשן און פֿאַר די סאָוויעטן. ער האָט מורא געהאַט אַז ד״ר פֿריד וועט אים שפּעטער אַרויסגעבן. איצט איז ער אַ גרויסער נאַטשאַלניק ביי די סאָוויעטן. די איינציקע סימנים וואָס דערציילן וועגן ד״ר פֿריד איז אַ גאַס אויף זיין נאָמען אין ראָזשישטש און אַ מוזיי אויף זיין נאָמען אין דאָראָסין.



איך האָב מיך דאָס אַלץ דערוווּסט פֿון זיין שוועסטער אין לאָנדאָן. זי האָט 18 יאָר נישט געוווּסט אַז דער דאָקטאָר לעבט נישט. דער ברודער מישאַ האָט איר אימער געזאָגט, אַז ער לעבט ערגעץ־ווו. שפּעטער, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דער דאָקטאָר לעבט נישט האָט זי באַקומען אַ דערשיטערונג. זי וויל ביז היינט נישט גלויבן, אַז ער לעבט נישט. זי פֿאָרט אַרום איבער דער גאַנצער וועלט און זוכט אים. זי איז געווען אין ראָזשישטש אין דער צייט פֿון כרושטשאָווס מאַכט, און זי האָט באַקומען דאַרויף אַ ספּעציעלע דערלויבניש, אין דער צייט, ווען קיין שום פֿרעמדער בירגער האָט נישט באַקומען קיין דערלויבעניש באַזוכן ראַטנפֿאַרבאַנד. זי האָט געפֿרעגט ראָזשישטשער איינוווינער וועגן איר ברודער, און אַלע האָבן געזאָגט, אַז אוקראַינער האָבן אים דערמאָרדעט. אָבער ווו און וויאַזוי, ווייסט קיינער נישט. אַפֿילו שפרה, וואָס וווינט היינט אין אַרגענטינע, ווייסט אויך נישט געני וויאַזוי ער איז געהרגעט געוואָרן. איך האַלט זיך ביי מיין איבערצייגונג, אַז באָנדאַרטשוק האָט אים דערהרגעט און אים ערגעץ אַריינגעוואָרפֿן, און קיין שפּור איז פֿון אים נישט געבליבן, אַזויווי די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען.

מיין ברודערס טויט

ס׳איז געווען אַ גרופּע קינדער, וואָס האָבן געלעבט צווישן די גויים אין דער אומגעגנט. כמעט אַלע האָבן זיך אומגעקערט, נאָר מיין ברודער האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער איז געווען אַ צאַרט קינד. ער האָט זיך וואַרשיינלעך פֿאַרקילט און באַקומען אַ לונגן־אָנצינדונג. ער איז געווען זייער אַ שיין ייִנגל, 11 יאָר אַלט. ער איז געבליבן מיין איינציקע האָפֿנונג. ווען כ׳וואָלט געוווּסט אַז ער לעבט נישט, וואָלט איך זיך נישט באַמיט צו ראַטעווען זיך. דערנאָך, האָבן מיר איניקע פֿון די איבערגעבליבענע קינדער דערציילט, אַז מען האָט אים באַגראָבן אונטער אַ בוים. דאָס איז געווען אַזאַ גרופּע קינדער, אַזויווי די פּאַפּיראָסן־פֿאַרקויפֿער אין וואַרשע. איינער פֿון זיי איז שפּעטער דערהרגעט געוואָרן אויפֿן פֿראָנט.

שלמה בייטש האָט מיר געהאָלפֿן מאַכן אַ קאַסטן, און מיר זענען אַוועק אויפֿן פּלאַץ, ווו מען האָט אונדז אָנגעוויזן. איך בין געשטאַנען פֿון דערווייטנס און בין געפֿאַלן אין חלשות, ווען מען האָט אים אַרויסגענומען פֿון גרוב. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ער איז געווען באַגראָבן אין זיינע בגדים. מיר האָבן אים איבערגעפֿירט אויפֿן בית־עולם אין ראָזשישטש.

אסתר, מיינע

יוסף קליינבורד, ניו־יארק

(אין אָנדענק פון מיין כלה אסתר בעזפּאלטשיק פון לוצק)

.1

איך ווייס,
איך וועל אַ לעבן־לאַנג שוין וויינען,
וואָס מיר איז ניט געווען באַשערט
צו זיין אין אומגליקס־טאָג מיט דיר אינאיינעם
אויף דער ברענענדיקער ערד.

.2

איך וואָלט געבליבן מיט דיר אין גרעסטן נויט;
דו געהערסט דאָך מיר אַפילו אויף דער שוועל פון טויט.
אָבער רויטע שריפה־שיינהייט האָט אַלע צעשיידט
און מיר פאַרטראָגן האָט דער וואגל־שטראָם,
דיין נאָמען בלויז האָט מיר באַגלייט.



.3

איצט בין איך צוריק אַהער געקומען
און איך דערקען נישט דעם וועג צו אונדזער הויז;
די שריפה האָט אָפּגעמעקט דיין נאמען,
בלויז די בענקשאַפט גליט און גליט ניט אויס.


.4

טרויערט איצט די האַרבסטיקע פייכטע ערד,
ווו מיינע קינדער־יאָרן האָבן געבליט;
און פייגל פון נעסטן וואָס זענען צעשטערט
זינגען אין די סטראָפן פון מיין ליד.

נאָוועמבער 1974

מיינע איבערלעבונגען

שלמה בייטש



שלמה בייטש (לינקס) און אַ־של גון

אין יאָר 1933 האָט מען מיר גענומען אין דער פּוילישער אַרמיי. געדינט האָב איך אין טאַרנאָווסקאַ גוראַ. נאָכן קומען פון דער אַרמיי, בין איך געווען אין דער היים.

בשעת ס'איז אויסגעבראָכן דער קריג, האָט מען מיר מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי. נאָך דער מפלה פון דער פּוילישער אַרמיי, בין איך געקומען צוריק אַ היים און נישט אַריינגעפאַלן אין פלען. ס'זענען אַריין די רוסן. ביי די רוסן האָב איך געאַרבעט אַלס זאַגאַטאָוויטיעל פון די קאָוואַלעס און סטעלמאַכערס.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די דייטש־רוסישע מלחמה אין 1941 האָבן מיך די רוסן מאָביליזירט אין דער אַרמיי. מיר זענען געלאָפן ביז אונטער קיעוו. כ'האָב געזען, אַז די זעלנער צעלויפן זיך, בין איך געקומען צוריק אַ היים. ס'איז נישט געווען קיין פראָנט. יעדער איז געלאָפן וווּהין ער האָט געוואָלט.

באַלד ווי די דייטשן זענען אַריין האָבן זיי געהייסן צושטעלן 300 יידן אויף אַרבעט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די דייטשן פאַראָרדנט, אַז אַלע יידן זאָלן גיין אויף אַרבעט.

דער פּאָליאַק קאדעראס (ער איז דאָ אין פּוילן, געווען ביי מיר) האָט מיר געוואָרנט:

„שלמה, אַהין זאָלסטו נישט גיין".

כ'בין געגאַנגען אויף אַן אַנדער פּלאַץ אַרבעטן. אין געטאָ איז געוואָרן אַ בהלה. ס'זענען געקומען געסטאַפּאָ־לייט און האָבן ווידער געכאַפּט אַ פּאָר הונדערט יידן. די ווייבער האָט מען געזאָגט, אַז מ'האָט זיי גענומען אויף אַרבעט. אָבער איך האָב געוווּסט, אַז מ'האָט זיי אַלע אויסגעהרגעט.

געשלאָפן בין איך אויסערן געטאָ, ביי איינעם אויפן הויף. קאדעראס האָט מיר געוואָרנט, כ'זאָל אַנטלויפן, ווייל אויף היינט איז באַשטימט אומצוברענגען דעם געטאָ. כ'בין אַרויפגעלאָפן צו סערפּאָוון אויפן בוידעם. דאָרט זענען געווען נאָך צוויי יידן (זיי זענען היינט אין אַמעריקע). מיר זענען דאָרט געלעגן, בעת דער געטאָ האָט געברענט.

געווען איז דאָס אַ דאָנערשטיק. מיר זענען אָפּגעלעגן דעם טאָג. אין דער פרי איז אַרויפגעקומען סערפּאָוו אויפן בוידעם. זעענדיק אונדז האָט ער זיך דערשראָקן. איך האָב אַרויסגענומען אַ מעסער און געזאָגט:

„גיב אַ קוק. מיין לעבן איז דאָך שוין סייווי גאָרנישט ווערט. דו מוזט אונדז לאָזן ליגן ביז פאַרנאַכט. באַלד ווי ס'וועט ווערן טונקל וועלן מיר אַנטלויפן פון דאַנען און דו וועסט זיין פריי. וועסטו זיך רירן, גיב איך דיר דאָס מעסער אין האַרצן!"

ער האָט אונדז געלאָזן ליגן.

פאַרנאַכט זענען אַנשל גון מיט זיין ברודערל אַנטלאָפן די ערשטע. שפּעטער בין איך אַרויס מיט פריוועסן (ער איז אין אַמעריקע). וווּהין זאָל איך לויפן? אין מיטן העלן טאָג בין איך אַריבערגעלאָפן די ליניע און גענומען לויפן.

כ'בין אַריין אין קוסטעס. שקצים זענען מיר נאָכגעלאָפן, אָבער זיי האָבן מיר נישט געפונען. פאַרנאַכט בין איך אַריין אין דאָרף אוזשאָווא, דאָרט האָבן געוווינט אייניקע זייער גוטע טשעכן, וועלכע האָבן אויסבאַהאַלטן ביי 20 יידן. כ'האָב זיך דאָרט געטראָפן מיט אַנשל גון און זיין ברודער. מיר האָבן גענומען וואַנדערן און אין אַ וואַלד האָבן זיך צונויפגענומען ביי אַ 80 יידן.

מיין משפחה האָב איך שוין מער נישט געזען. ווי אַזוי מ'האָט ליקווידירט דאָס געטאָ ווייס איך נישט. אין וואַלד האָב איך געטראָפן חברה, וואָס האָבן געזאָגט אַז זיי גייען

ביינאַכט אין געטאָ, ווייל זיי האָבן דאָרט געלט. זיי זענען אַוועק און נישט צוריק געקומען.

אַזוי האָבן מיר אַרומגעוואַנדערט אין דעם וואַלד ביז נאָך די ימים־טובים. נאָך די ימים־טובים האָבן אונדז אַרומגערינגלט שקצים. כ׳האָב געזען דעם טייט פאַר די אייגן. כ׳בין אַריין צו אַ פּאָליאַק. ביי אים איז געווען אַ קראַנק קינד.

„זע, טאָמאַש", האָב איך צו אים געזאָגט, „איך קאָן דיר שיקן צו אַ דאָקטאָר און ער וועט דיר דאָס קינד אָפּראַטעווען".

ד"ר פריד

כ׳האָב אים געשיקט צו ד"ר פריד, וועלכער איז מיין גוטער חבר נאָך פון דער אַרמיי. ווען מ׳האָט צעקלאַפּט די פּוילישע אַרמיי, האָב איך אים גענומען צו אונדז אין שטעטל און מיר זענען געוואָרן גוטע פריינט.

טאָמאַש האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז געווען ביים דאָקטאָר און ער וויל אים נישט העלפן.

„טאָמאַש, ביסט דאָך אַ קלוגער", האָב איך צו אים געזאָגט, „די וועלט איז דאָך קיין וועלט נישט. מיין לעבן איז דאָך שוין גאָרנישט ווערט. דאָך פאָר צו און זאָג אים, אַז איך לעב".

„ווי קאָן איך זאָגן, אַז אַ ייד פאַראינטערעסירט זיך מיט מיר?"

„זאָג אים, ער איז אַ מענטש וואָס העלפט יעדן".

ער האָט נישט געוווסט, אַז ד"ר פריד איז אַ ייד, ווייל ער האָט גערעדט טשעכיש. טאָמאַש האָט זיך געלאָזט איינרעדן, דאָס קינד האָט שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן, און ער איז אַוועקגעפאָרן אַ מהלך פון 15 קילאָמעטער.

ער איז געקומען צו ד"ר פריד און געזאָגט, אַז ער איז געקומען פון אַ מענטש, וועלכער האָט אים צו אים געשיקט. ער וויל מ׳זאָל אים העלפן. ד"ר פריד האָט אָנגעהויבן וויינען, זיך געקלאַפּט אין קאָפּ און געזאָגט:

„אויב דו ביסט אַזאַ מענטש און פאַרנעמסט זיך היינט מיט יידן, איז פאָר באַלד אַהיים און ברענג מיר דאָס קינד מיטן ווייב. זיי וועלן ביי מיר זיין".

איך בין געלעגן ביינאַכט און געוואַרט אויף אַ תשובה. איך בין אַרויס פון וואַלד, צוגעלאָפן צו אים און אָנגעקלאַפּט. ער האָט געעפנט די טיר. כ׳גיב אַ קוק, ס׳ליגט אַ פּעקל: הינער, פּעלצן און נאָך פאַרשידענע זאַכן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר איז זייער צופרידן, וואָס ער האָט זיך פאַרנומען מיט מיר. דאָס האָט דער דאָקטאָר געשיקט פאַר מיר. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז אויב איך קען קומען צו אים, וואָלט געווען די בעסטע זאַך.

„ווי קאָן איך קומען? סיידן דו זעצט מיך אַריין אין דיין וואָגן און פירסט מיר אַריבער, ווייל אַלע שקצים פון דער געגנט קענען מיר."

ס׳זענען אַוועק איניקע טעג. טאָמאַש איז אַוועקגעפאָרן צום דאָקטאָר. ער האָט זיך געפרייט מיטן קינד. דער דאָקטאָר האָט געמאַכט דאָס קינד איינשפּריצונגען און ס׳איז אים געוואָרן בעסער. ער האָט געהאַלטן ביי זיך דאָס קינד, כדי צו האָבן אַ פאַרבינדונג מיט מיר.

דער פּאָליאַק האָט זיך ענדלעך געלאָזט איינרעדן און איינגעשפּאַנט פאַרטאָג דאָס פערד. איך האָב אָנגעטאָן די בורקע און זיי האָבן מיך אַוועקגעפירט אין דאָרף צו ד"ר פריד. כ׳בין אַרויף אויפן בוידעם. דאָרט זענען געווען נאָך מענטשן, צווישן זיי אַ מיידל רוזשקע געלמאַן (היינט אין ישראל).



כ׳פרעג דעם ד"ר פריד, ווי איז דער מצב. האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט אַסאַך יידן, און באַמיט זיך זיי צו העלפן ווי ווייט מעגלעך.

אַזוי בין איך אָפּגעלעגן 6 וואָכן. דאַן האָט מיר ד"ר פריד געזאָגט, אַז ס׳שאַפן זיך פּאַרטיזאַנער, און אויב איך וויל קאָן ער מיר אַוועקפירן צו זיי.

ביי אים אין שטיב האָבן זיך געפונען פיר יידן: רוזשקע געלמאַן, שמואל (היינט אין אַמעריקע), פריוועס און איך. אין אַן אַנדער אָרט האָט ער אייסבאַהאַלטן נאָך איניקע

יידן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט צרות מיטן זאָנדער־פירער. זיין געליבטע מסרט אים, אַז ער איז אַ ייד. ער מוז זי ליקווידירן.

„זעסט, דאָ האָסטו אַ טאַבלעט סם און אַ רעוואָלווער. כ׳וועל איר אַוועקפירן אַהינצו (ס׳איז געווען ביי־יאָר). דו מוזט זי דערשיסן, אויב נישט וועט זי מיך און נאָך פיל יידן אומברענגען.

כ׳האָב געזען, אַז דער טויט איז פאַר די אויגן, אָבער כ׳האָב נישט געהאַט קיין ברירה. כ׳האָב זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שליטן און אַוועקגעפאָרן קיין ראָזשישטש. אַזוי ווי כ׳בין צוגעפאָרן צו דער שטוב, איז זי אָנגעפאָרן מיטן זאָנדער־פירער. ד״ר פריד איז געשטאַנען אַנטקעגן און געקוקט צי כ׳בין דאָ, צי נישט? מיר זענען אַוועקגעפאָרן צוריק.

ד״ר פריד, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט העלפן יידן און פאַרטיזאַנער, האָט זיי אויסגעפאָרשט און האָט מיך אַוועקגעפירט איבערגעבן די ידיעות צו די פאַרטיזאַנער. ער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס טשעך. ער איז אַזאַ מענטש, וואָס האָט געקאָנט מיט יעדן לעבן און זיך באַפריינדן.


ער האָט אונדז באַהאַלטן ביי זיך אין שטוב אין אַ קעלער. ביינאַכט זענען מיר אַרויס עסן און ביי טאָג זענען מיר דאָרט געלעגן. געלעבט האָט ער צוזאַמען מיט זיין ברודער, וואָס איז היינט אין טבריה.

אין די פאַרטיזאַנער האָט מען נישט אָנגענומען אַזוי גרינג. דער סוף איז געווען, ווען די דייטשן האָבן גענומען אָפטרעטן צוריק, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז ער מוז גיין אין דער רוסישער אַרמיי, זען דעם שטאַב. נעבן סעקילע האָט מען אים דער־הרגעט. ס׳איז געוואָרן אַ פערעסטריעלקע און די באַנדע האָט אים דערהרגעט.

אַז איך בין געקומען צוריק, האָב איך זיך גענומען פרעגן אויפן דאָקטאָר, און זיך דערוווּסט, אַז דאָקטאָר פריד איז דערהרגעט געוואָרן.

„איך גיב דיר וואָס דו ווילסט״, האָב איך געזאָגט צו אַ שגץ, „ווייז מיר ווו ער ליגט, כ׳וועל אים ברענגען צו קבר־ישראל״.

עס איז געווען אַ גרויסע סכנה. פונדעסטוועגן בין איך געגאַנגען, גענומען אייניקע לייט פון דער נ.ק.וו.ד. און געפאָרן אַהין. אָבער כ׳האָב אים נישט געפונען, ווייל דער גאַנצער שטח איז געוואָרן פאַרוואָקסן. כ׳האָב וועגן אים כסדר געקלערט. זיך נאָכ־געפרעגט אויף זיין ברודער, מיט וועלכן איך בין זייער באַפריינדעט. כ׳פאָר צו אים און ער קומט צו מיר.



ביי די פארטיזאנער

ווען ד״ר פריד האָט מיך אַוועקגעפירט צו די פאַרטיזאַנער, האָט מען מיך צוגענומען אין דעם אָטריאַד זענען געווען אַסאַך יידן. דער אָטריאַד האָט געהייסן „דיאַדיאַ פעטיאַ״. דער דאָקטאָר האָט מיך נישט גלייך געפירט אַהין. ער האָט מיך געבראַכט קודם צו אַ זאַדאַניע און מ׳האָט מיך מיטגענומען. אין אָטריאַד זענען געווען אַ 1000 מאַן, אַ גאַנצע בריגאַדע. ס׳זענען דאָרט געווען ציווילע לאַגערן. דאָ אין ישראל זענען דאָ אַסאַך פון זיי און איך טרעף זיך מיט זיי גאַנץ אָפט. די ערשטע צייט האָבן זיי נישט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייד, אָבער מאַרטעניוק, פון ראַיאָנספּאָלקאָם, האָט יאָ געוווּסט.

כ׳האָב צונויפגענומען אַ פערציק מאַן. קיינער האָט נישט געוווּסט, ווער זיי זענען. אַזוי האָב איך זיי געבראַכט אין שטאַב. ס׳איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון סטאַלין, אַז אַלע פאַרטיזאַנער דאַרפן גיין אין דער רויטער אַרמיי און די פאַרטיזאַנקע דאַרף מען ליקווידירן. דאָס איז שוין געווען נאָך דער באַפרייאונג, ד. ה. מ׳האָט פאַרנומען אונדזער געגנט.

אין דער פאַרטיזאַנקע האָט מען אונדז געשיקט מינעווען די באַנען. איך האָב אַראָפּגעלאָזן דעם לעצטן עשאַלאָן מיט מיינע הענט, צווישן קאָוועל און ראָזשישטש. מיר פלעגן אונטערלעגן מינעס. אַסאַך יידן זענען אומגעקומען. יידן פלעגט מען שטופּן אויף די ערגסטע זאַדאַניעס, צעדרייען סנאַריאַדן, מאַכן מינעס. פלעגט מען גיין אויפ־דרייען — איז מען געהרגעט געוואָרן.

כ׳האָב דאָ אַ חבר, וואָס איז געווען צוזאַמען מיט מיר אין פאַרטיזאַנקע. היינט איז

ער אַ שותף צו אַ פאַבריק אין ראשון לציון, ער הייסט גרינבערג. געווען איז ער זייער אַ גרויסער אויפטוער און פלעגט צונויפשטעלן אַלע מינעס.

די באפרייאונג

באַפרייט זענען מיר געוואָרן אין 1944. ווען מ'האָט אונדז באַפרייט בין איך געקומען אַהיים און אָנגעהויבן אַרבעטן אין נ.ק.וו.ד. און בין שוין נישט געגאַנגען אויפן פראָנט.

ס'זענען געווען באַנדעראָווצעס, וואָס מ'האָט געדאַרפט אַרויסשיקן קיין סיביר, פלעג איך זיי צונויפנעמען און אַוועקשיקן. אָבער דער סוף איז נישט געווען קיין גוטער. כ'האָב געזען, אַז מ'דאַרף אַנטלויפן און כ'בין אַוועקגעפאָרן.

נאָך דער באַפרייאונג האָבן זיך צונויפגעקליבן אין שטעטל ביי אַ דרייסיק יידן.

איך זוך יידישע קינדער

דערנאָך האָב איך צונויפגענומען די איבערגעבליבענע קינדער. כ'האָב געטראָפן בנימין שניצער און פייסי שניצער (ביידע אין ישראל). אַרומפאָרנדיק מיטן נ.ק.וו.ד. האָב איך זיך נאָכגעפרעגט וועגן יידישע קינדער, וואָס געפונען זיך ביי גויים. ווו כ'בין אַריינגעפאָרן, האָט מען מיר אָנגעוויזן: אָט דאָס איז אַ יידיש קינד.

כ'האָב די קינדער געבראַכט צו מיר אַהיים, זיך אָפגעגעבן מיט זיי. מיין פרוי האָט זיי געוואַשן, ווייל זיי זענען געווען שמוציק און פאַרלאָזט. איך האָב זיי געהאַלטן אַ געווויסע צייט.

ס'זענען געווען גויים, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן יידישע קינדער, טראָץ די גרויסע געפאַר וואָס האָט זיי געדראָט. צווישן זיי האָב איך געפונען בנימין, פייסי, הערשעלע שוואַרץ, לייזער (היינט אין פתח־תקוה) — 4 קינדער. איך האָב זיי אַריבערגעשיקט קיין פוילן.

כ'האָב געזען, אַז מ'שיקט אַרויס קינדער קיין ארץ־ישראל, האָב איך זיי געזאָגט: „קינדער, פאָרט קיין ארץ־ישראל".

נאָך מיין קומען אין ישראל אין יאָר 1951 האָב איך זיך מיט זיי געטראָפן. מיר זענען זייער באַפריינדעט און קום צו זיי אויף שמחות.

די אומגעקומענע פון מיין נאנטסטע משפחה

פון מיין משפחה זענען אומגעקומען: אין ראָזשישטשער געטאָ מיין פאָטער, שמעון־יאָסל, מיין מוטער בוניא (רייז); שוועסטער:ביילע לעדער און רייזל בייטש; מיינע ברידער: הערצל און גאדל; אין לוצקער געטאָ איז אומגעקומען מיין שוועסטער רבקה גאלאן.

ערע זייער אָנדענק!

מיינע איבערלעבונגען אין נאַצי־גיהנום

אסתר פּופּ

איך הייס אסתר פּופּ, פון שטוב טעסלער. איך בין געבוירן אין יאָר 1926 אין ראָזשישטש. מיין פאָטער האָט געהייסן פייסיע און געהאַט אַ שער־אַנשטאַלט. אין שטאָט האָט מען אים גערופן פעטקע שערער. אַלע האָבן אים געקענט, אַלס גרויסער ליבהאָבער פון מוזיק. ער האָט גוט געשפּילט אויף פידל און גיטאַרע. דערפאַר האָט מען אים אויך גערופן „פעטקע מוזיקאַנט".

אין דער אלטער היים

פאַרן אויסברוך פון דער פויליש־דייטשישער מלחמה האָב איך געלערנט אין דער פוילישער פאָושעכנער שולע. ווען די רוסן זענען אַריין קיין ראָזשישטש האָב איך פאָרגעזעצט מיינע לימודים אין אַ סאָוויעטישער מיטל־שולע. באַטאָג האָב איך געאַרבעט מיט מיין פאָטער אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און אין די אָוונטן האָב איך געלערנט.

די ערשטע צייט ביי די דייטשן


אַ געוויסע צייט נאָך זייער אַריינקומען קיין ראָזשישטש האָבן די דייטשן באַפוילן די יידן זיך קאָנצענטרירן אין אַ געטאָ. באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן טרייבן יידן צו די שווערסטע אַרבעטן. אַלס יונג מיידל, האָט מען מיך צוזאַמען מיט אַנדערע מיידלעך געגומען צו שטריקן זאָקן פאַר די דייטשן. דער יודנראַט איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צושטעלן די אַרבעטער יעדן טאָג. דער פאָרזיצער פון יודנראַט איז געווען אברהם געלער. צו דער אַרבעט פלעגט מען אינדערפרי אַרויספירן פון געטאָ און פאַרנאַכט צוריקברענגען.

איינמאָל איז אויף אונדזער אַרבעטספּלאַץ געקומען די געסטאַפּאָ און אונדז אַלע צוריקגעיאָגט אין געטאָ. זיי האָבן נישט געוואָלט, אַז יידן זאָלן אַרבעטן אין ערטער ווו ס'געפינען זיך דייטשן. פון דאַן אָן האָט מען אונדז געשיקט אויף אַנדערע אַרבעטן, ווי גראָבן קאַרטאָפל און שלעפן ציגל. איך האָב געאַרבעט אין אַ גרופּע מיידלעך, צוזאַמען מיט מיין קוזינע אסתר לינדען, שרה ניסעלמאַן און מ. זאַלצמאַן — מיידלעך אין מיין עלטער. קיין עסן האָט מען אונדז נישט געגעבן און פאַרשטייט זיך — אויך נישט קיין געהאַלט. איינער פון אונדז האָט געוואַגט עפּעס אויסבייטן אויף עסנוואַרג — האָבן די דייטשן דאָס קאָנפיסקירט ביים אַריינגאַנג פון געטאָ.

דער פאליציאנט — מיין רעטער

אַ געוויסן טאָג איז אין געטאָ געקומען אַ פּאָליציאַנט און מיך גענומען צו זיך אין שטוב אויף אַרבעט. ער אַליין איז געווען אַ רוסישער קריגס־געפאַנגענער און ביי די דייטשן האָט ער געדינט אַלס פּאָליציאַנט אין דער אוקראַינישער פּאָליציי. זיין פרוי איז געווען אַ געבוירענע אין ראָזשישטש, איר נאָמען איז געווען געניא קאזאטשוק.

איך האָב ביי אים געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן. גלייכצייטיק האָב איך געאַרבעט אויך ביי אַן אַנדער פּאָליציאַנט מיטן נאָמען זענק. ביי אָט דעם פּאָליציאַנט האָט אויך געאַרבעט אַ מיידל, מלמד. מיר האָבן געשטריקט פאַר זיי סוועדערס. פון צייט צו צייט פלעגט מען אונדז געבן עפּעס צו איבערבייסן. דער פּאָליציאַנט זענק האָט אָפט אַרויסגעוויזן זיין שנאה צו אונדז; זיין באַציאונג איז געווען אַ גראָבע ווי פון אַ האַר צו אַ קנעכט. דאַקעגן דער רוסישער פּאָליציאַנט איז געווען אַן אַנדער



טיפ. זיין באַציאונג צו אונדז איז געווען מער מענטשלעכער. אַז דער קאַזאַטשוק האָט פּאַקטיש שפּעטער געראַטעוועט מיין לעבן.

יעדן טאָג פלעגט ער קומען אין געטאָ און מיך פירן צו זיך אין שטוב אויף אַרבעט. ביינאַכט פלעגט ער מיך אָפּפירן צוריק אין געטאָ. ביי אים אין שטוב האָב איך געאַרבעט אַליין. איינמאָל קומט קאַזאַטשיק פון גאַס און זאָגט צו מיר:

„היינט וועסטו נישט גיין אַהיים שלאָפן. צי וואָס דאַרף איך דיר פירן יעדעס מאָל פון געטאָ צו מיר אויף אַרבעט?"

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז עפּעס דאַרף געשען. דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעזאָגט שלעכטס, אָבער איך האָב גאָרנישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס פּלוצים לאָזט ער מיך איבערנאַכטיקן ביי זיך אין שטוב.

אין געטאָ האָבן זיך געפינען מיינע עלטערן און מיין ברודערל משה. ביינאַכט איז געקומען צולויפן דער פּאָליציאַנט קאַזאַטשוק און אָנגעהויבן זיך שושקען מיט זיין פרוי. איך בין געלעגן אויפן געלעגער אויף דער ערד און איך האָב זיך באַמיט אונטערצוהערן וואָס זיי שושקען זיך. איך האָב פאַרשטאַנען אַז די גאַנצע רייד זענען וועגן מיר. צו מיינע אויערן זענען דערגאַנגען די ווערטער:

„וואָס טוט מען מיט איר? זי איז אַזאַ וואויל מיידל; אַ שאָד אַז זי זאָל אומקומען. אויב איך וועל זי אָפּפירן אין געטאָ, באַדייט דאָס פאַר איר אַ זיכערער טויט".

איך האָב זיך באַלד אויפגעכאַפּט פון מיין געלעגער און מיט גרויס אויפרעגונג אויסגעשריגן:

„וואָס האָט פּאַסירט? וואָס קומט פאָר אין געטאָ? איך וויל צו מיינע עלטערן און ברודערל; איך וויל זיין מיט זיי צוזאַמען".

דער פּאָליציאַנט האָט נישט געקענט צוזען מיינע טרערן און מיר גלייך געענטפערט:

„אין געטאָ קומט פאָר אַן אַקציע. מ'ליקווידירט אַלע יידן אין געטאָ. דאָס הייסט מען פירט זיי אַרויס. וווהין ווייס איך נישט".

ער האָט זיך געווענדעט צו זיין פרוי:

„ס'איז מיר באמת אַ שאָד דאָס קינד; לאָמיר איר דערווייל באַהאַלטן און דערנאָך וועלן מיר זען וואָס מיר האָבן מיט איר צו טאָן".

איך האָב זיך שנעל אויפגעכאַפּט פון מיין געלעגער און אָנגעהויבן היסטעריש צו וויינען. איך האָב געפאָדערט פון אים ער זאָל מיך אַוועקפירן צו מיינע נאָענטסטע; איך האָב געוואָלט אומקומען צוזאַמען מיט זיי. דער פּאָליציאַנט האָט קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן.





אסתר פופ, דריטע פון לינקס אין דער ערשטער ריי, בעת אַן אויפנאַמע פאַר אויסלענדישע געסט אין בית־ראָזשישטש.

דאָס איז געווען סוף זומער 1942. אין דער צייט האָט מען אָנגעהויבן אַרויספירן די יידן פון די געטאָס אין וואָלין צום טויט, און אויך דער ראָזשישטשער געטאָ איז נישט געווען קיין אויסנאַם. אַזוי בין איך פאַרבליבן ביי דעם פּליציאַנט אין שטוב. זיין הויז איז געווען נישט קיין אויסגעענדיקטע. דאָס איז אַמאָל געווען אַ יידיש הויז, און ער האָט בלויז באַוויזן צו רעמאָנטירן אַ האַלב הויז. אָט אין דער נישט־פאַרענדיקטער טייל פון הויז האָט ער מיך באַהאַלטן אין אַ קעלער. אַהין האָט זיין פרוי מיר אַריינ־געטראָגן וואַסער און עסן.

אין דער זעלבער צייט, ווען די דייטשן און די אוקראַאינער האָבן אַרויסגעפירט די יידן פון געטאָ צום טויט, איז אַריינגעקומען צום פּאָליציאַנט אין שטוב אַ גויע און איך הער ווי זי זאָגט צו מיין באַלעבאָסטע:

„דו ווייסט, אַז ווען איך האָב זיך צוגעקוקט ווי מען פירט די זשידאָווקעס פון געטאָ, האָב איך נישט באַמערקט, אַז צווישן זיי זאָל זיין דיין זשידאָווקע, די וואָס האָט געאַרבעט ביי דיר. איך האָב געזען ווי איין זשידאָווקע אין די מיטעלע יאָרן האָט, אַדורכפאָרנדיק פאַר דיין שטוב, געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון אויטאָ און דערביי אָנגעהויבן שרייען ניט מיט אַ מענטשלעך קול: „אסתר, אסתר!”. די דייטשן האָבן איר שטאַרק געהאַלטן און נישט געלאָזט זי אַראָפּשפּרינגען. מיט כוח האָבן איר די פּאָליציאַנטן אַריינגעוואָרפן צוריק אין אויטאָ”.

איך הער מיין מאמעס קול

דאָס איז געווען מיין מוטער. ווען איך האָב געהערט שרייען „אסתר, אסתר!”, האָב איך באַלד דערקענט מיין מוטערס קול. אינסטינקטיוו האָב איך געוואָלט אַרויסלויפן צו איר, אָבער פּלוצים איז אַריין צו מיר מיין באַלעבאָסטע און מיר דערציילט וואָס ס׳קומט פאָר. איך האָב ווידער אָנגעהויבן וויינען, אַז איך וויל זיין מיט מיינע נאָענטסטע. די קריסטין האָט זיך אויך שטאַרק אויפגערעגט, זי האָט נישט געקענט צוזען מיינע ליידן. זי האָט מיך אָנגענומען פאַר די האַנט און געזאָגט:

„וואַרט צו אַ פּאָר טעג; מיר וועלן זען וואָס מיר האָבן ווייטער צו טאָן”.
זי האָט מיך נישט געלאָזט גיין און אַזוי בין איך געבליבן ביי זיי.

טאטע, טאטע!

מיין באַלעבאָסטע האָט מיר דערציילט, אַז מיין טאַטע באַהאַלט זיך צוזאַמען מיט זיין שוועסטער, דאָס הייסט מיט מיין מומען, און נאָך אַ מיידל, אין אַ שכנותדיק הויז. ביינאַכט בין איך אַרויסגעקראָכן פון מיין באַהעלטעניש דורכן פענצטער, בין צוגעגאַנגען נאָענט צום הויז ווו מיין פאָטער האָט זיך אויסבאַהאַלטן און האָב אין דער שטיל אָנגעהויבן שעפטשען: „טאַטע, טאַטע”, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. איך האָב אָנגעהויבן אַלץ העכער און העכער צו שרייען, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון אַז עמעצער קען מיך דערזען און דערהערן מיינע קולות. איך האָב שוין פאַרשטאַנען אַז ס׳איז צו שפּעט, קיינער איז דאָרט שוין נישט געווען. פונדעסטוועגן האָט זיך אין מיר פאַרגנבעט אַ געדאַנק, אפשר זיצן זיי דאָרט באַהאַלטן און האָבן מורא זיך אָנצורופן? אָבער ליידער, קיינער איז שוין דאָרט נישט געווען.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט טאַקע אָט די זעלבע גויע, וואָס האָט פריער געזאָגט צו מיין באַלעבאָסטע אַז זי האָט מיך נישט געזען אין אויטאָ, באַמערקט ווי מיין פאָטער מיט מיין מומע און אַ מיידל באַהאַלטן זיך אויפן בוידעם. זי האָט באַלד געבראַכט די דייטשן און מען האָט זיי אַראָפּגענומען פון בוידעם און געפירט שיסן. מיין פאָטער האָט אַפילו אין די לעצטע מינוטן זיך נישט געשיידט מיט זיין גיטאַרע. פירנדיק אים צום טויט איבער די גאַסן פון ראָזשישטש, האָבן די דייטשן אים געצוווּנגען שפּילן. אַזוי האָבן די דייטשן חוזק געמאַכט פון אים. מען האָט זיי גענומען אַהין, ווו אַלע יידן זענען דערשאָסן געוואָרן. מער האָב איך שוין מיין פאָטער נישט געזען...



איך אנטלויף

איך האָב פאַרשטאַנען אַז איך בין געבליבן איינע אַליין פון מיין משפחה; מיין לעבן האָט שוין מער קיין זין נישט. איך האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז לאַנג ליגן באַהאַלטן ביים פּאָליציאַנט וועל איך נישט קענען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט זען אַז עס דראָט אים אַליין אַ סכנה פאַר אויסבאַהאַלטן אַ יידיש מיידל, וועט ער מיר נישט דערלויבן זיין ביי אים: זיין קאָפּ איז אים טייערער ווי מיין לעבן. חוץ דעם האָב איך שטאַרק מורא געהאָט, אַז די גויע וועט מיך סוף־כל־סוף אָנהויבן נאָכשפּיאָנירן. דעם פּאָליציאַנטס פרוי, מיין באַלעבאָסטע, האָט נאָך דעם געשפּרעך מיט יענער גויע אָנגעהויבן שטאַרק מורא האָבן פאַר איר. נאָך אַלעמען האָב איך פאַרשטאַנען זייער לאַגע און האָב פאַר קיין שום פאַל נישט געוואָלט אָפּצאָלן מיט שלעכטס פאַר גוטס.

אַזוי האָב איך אָנגענומען אַ באַשלוס אַז איך מוז פונדאַנען אַוועק וואָס פריער. איך האָב וועגן דעם מיינע באַלעבאַטים גאָרנישט דערציילט. פאָרזיכטיק האָב איך אייפגעעפנט דאָס פענצטער פון קעלער, אַרויסגעשפּרונגען אויפן גאַס און אַוועק דורך די פעלדער ביז איך בין אָנגעקומען צום טייך סטיר.

אַזוי גייענדיק האָט מיך באַמערקט איינער פון די פּאָליציאַנטן און האָט געעפנט אַזאַ שטאַרק פייער אויף מיר, אַז ער האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע שיסעריי פון דער גאַנצער פּאָליציי אין מיין ריכטונג. צום גליק האָבן זיי נישט געטראָפן. מיט מיינע לעצטע כוחות בין איך געלאָפן צום טייך און אויפן ברעג האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אָפּרוען ביז ס'וועט העל ווערן אין דרויסן.

ליגנדיק מיד פון דעם לאַנגן וועג, האָב איך געטראַכט: וואָס טוט מען ווייטער? איך בין איינע אַליין, עלנט און נע־ונד, אָן שום אויסזיכטן אַרויסצובאַקומען זיך פון דער שווערער לאַגע. אין קאָפּ זענען מיר דורכגעלאָפן פאַרשידענע מחשבות: די דייטשן כאַפּן מיך און פירן מיך צו שיסן. אָבער אין אונטערבאַוווסטזיין האָב איך געפילט, אַז איך בין נאָך יונג און מיט מיינע לעצטע כוחות וועל איך אפשר באַווייזן זיך צו ראַטעווען.

ווען איך בין געקימען אַביסל צו זיך, בין איך אַוועק אין אַ דאָרף נאָסאַטשעוויטש. דאָרט האָב איך זיך נישט לאַנג אויסבאַהאַלטן. פון דאָרט בין איך אַוועק קיין סיסק, ווו ס'האָט געלעבט אַ שייגעץ וואָס האָט זיך געלערנט אַרבעטן ביי מיין פעטער דוד ניסלמאַן.

ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט צו דעם שייגעץ אין שטוב, האָט מען מיך אַריינגעלאָזט אינעווייניק. צו מיין גרויס שטוינונג האָט מען מיך דווקא נישט שלעכט אויפגענומען. מ'האָט מיר געגעבן עסן און טרינקען. נאָך אייניקע טעג זיין אין שטוב, זענען פּלוצלינג געקומען גויים און פון מיר מיט כוח אַראָפּגעריסן מיין מאַנטל. ס'איז שוין געווען ווינטער, ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די פרעסט און דאָ בין איך געבליבן אָן אַ מאַנטל. מיינע באַלעבאַטים האָבן מיך מער נישט געוואָלט האַלטן. לויט מיין ביטע האָבן זיי מיך צוגעפירט צום דאָרף דובישטש. דער שייגעץ האָט מיך אַוועקגעלייגט אויפן שליטן, אַזוי ווי אַ טויטע, מיך צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע און צוגעפירט ביז דובישטש. דאָרט האָט ער מיך אַראָפּגעלאָזט פון שליטן און שנעל אַוועקגעפאָרן. איך בין אַריין אין דער ערשטער שטוב, ווו ס'האָט געוווינט די פאַמיליע פון ווינצענטי באַראַן. איך האָב די מענטשן נישט געקענט. זיי האָבן זיך באַלד אָנגעשטויסן אַז איך בין אַ יידישע. איך האָב מיט טרערן אין די אויגן אָנגעהויבן בעטן, זיי זאָלן מיך נישט אַרויסטרייבן. די מענטשן זענען געווען זייערע אָרעמע, אָבער גוטע און האַרציקע. זיי האָבן מיר דערלויבט צו זיין ביי זיי אַ קורצע צייט.



איך שמד זיך אין נויט

איינמאָל איז געקומען צו זיי אַ גלח און האָט זיי צוגערעדט זיי זאָלן זאָגן, אַז זיי קענען נישט האַלטן קיין יידיש קינד אין שטוב, ס'איז אַ גרויסע סכנה. אויב איך וויל זיין ביי זיי מוז איך זיך שמדן. אויב נישט, מוז איך באַלד פאַרלאָזן די שטוב. וואָס האָב איך געקענט טאָן? נישט מסכים זיין איבערצוגיין אויף זייער קאַטוילישן גלויבן — באַדייט פאַר מיר אַ זיכערער טויט. איך האָב נישט געזען קיין אַנדער אויסוועג ווי

מסכים צו זיין. איך האָב געטראַכט ביי זיך: וואָס קען שוין פּאַסירן אַז מ׳וועט מיך איבערצלמען; אין האַרצן אָבער בלייב איך דאָך אַ יידישע. איך גיי דאָך נישט איבער אויפן קאַטוילישן גלויבן פון פרייען ווילן; דעריבער האָט די גאַנצע צערעמאָניע פאַר מיר קיין שום ווערט נישט. זאָלן זיי מיך אָפּגיסן מיט זייער „הייליקן" וואַסער...

זיי זענען אַוועק צום גלח און איבערגעגעבן אַז איך בין מסכים איבערצוגיין אויפן קאַטוילישן גלויבן. דער גלח איז באַלד געקומען קיין דובישטש. איך האָב בעת־מעשה זיך געשראָקן פאַר דעם גלח. ער האָט מיך אָבער מיט גוטע ווערטער געבעטן איך זאָל זיך נישט שרעקן. ער האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, באַגאָסן מיט זייער „הייליקן וואַסער", און מיר געגעבן צו האַלטן דעם צלם און מיך איבערגעצלמט. און — איך בין שוין אַ „זייעריקע". די קריסטן זענען געווען זייער צופרידן און געזאָגט:

„אָט איצט האָבן מיר קיין מורא נישט דיך צו האַלטן ביי אונדז אין שטוב. דו ביסט דאָך אַ קריסטין"...

דער גלח האָט באַלד צומאָרגנס מיר געבראַכט צוויי מאַנטלען, אַ קאָלדרע און אויך אַ פּעקל עסן. דער גלח אַליין איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן און ווייזט אויס — אַ גוטער מענטש. איך האָב פאַרשטאַנען אַז דער גלח איז גליקלעך וואָס אים איז געלונגען צו „ראַטעווען" פאַרן קריסטנטום אַ נשמה. ער האָט צוגעזאָגט מיין באַלעבאָס, אַז ער וועט זיי העלפן מיט שפּייז, כדי איך זאָל נישט פאַלן צו זייער לאַסט. און ווירקלעך: יעדעס מאָל ווען מיינע באַלעבאַטים פלעגן גיין אין דער קירכע פלעגט דער גלח זיי געבן פאַר מיר ברויט, אייער און אַנדערע שפּייזן, אַבי זיי זאָלן מיך האַלטן.

מיין באַלעבאָס, באַראַן, האָט געהאַט צוויי אויסגעגעבענע טעכטער. איינמאָל קומט צופאָרן אַן איידעם און זאָגט צו באַראַנען:

„מ׳שמועסט, אַז מ׳וועט דורכפירן אַן אָבלאַווע אין דאָרף; עמעצער האָט אונטער־געטראָגן די דייטשן, אַז אין דאָרף באַהאַלטן זיך יידן. אויב מ׳וועט כאַפּן ביי זיי אין שטוב אַ יידיש קינד וועט זיין שלעכט". די גויע האָט זיך איבערגעשראָקן און באַלד אַוועק צום גלח און אים געפרעגט וואָס צו טאָן מיט מיר: אָפיציעל בין איך טאַקע אַ קריסטין, אָבער צי וועלן זיך די דייטשן רעכנען מיט דעם וואָס איך בין אַ געשמדטע.

מיין נייער נאמען


צומאָרגנס איז דער גלח געקומען צו מיר און געזאָגט: „איך האָב דיר געבראַכט נייע דאָקומענטן און דו וועסט פון איצט אָן הייסן יאַנינאַ טשעקאַלסקאַ, און דו שטאַמסט פון קראָקע. זאָלסט גוט געדענקען דעם נייעם נאָמען און פאַמיליע־נאָמען און אויך פון וואַנען דו שטאַמסט". דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז ער האָט אַ באַקאַנטע פאַמיליע, וואָס האָט נישט קיין קינדער. איך וועל אַוועקפאָרן אין אַ דאָרף נישט ווייט פון לוצק צו דערדאָזיקער פאַמיליע. זיי זענען רייך, זיי האָבן אַ מיל און זיי וועלן מיך שוין אויסהאַלטן. ער האָט מיר געגעבן מיינע נייע דאָקומענטן צוזאַמען מיט אַ מעטריקע.

שרעק און ליידן

דער גוי צו וועלכן איך האָב געדאַרפט פאָרן איז געקומען צום גלח, מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פור און געבראַכט צו זיך אין שטוב, אין דאָרף ווישינקע. ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן אַז דער גלח האָט דעם גוי צוגעזאָגט געלט פאַר דעם וואָס ער וועט מיך האַלטן ביי זיך אין שטוב. נאָך אַ קורצע צייט זיין ביי דעם קריסט האָב איך געפילט, אַז זיין באַציאונג צו מיר האָט זיך ראַדיקאַל געביטן. ס׳קען זיין אַז דער גלח האָט נישט געהאַלטן וואָרט און דעם גוי נישט געגעבן די צוגעזאָגטע סומע געלט. פאַר די שכנים האָבן מיינע גויים דערציילט, אַז איך בין דער גויעס אַ קוזינע, אַז איך הייס יאַנינאַ טשעקאַלסקאַ, א.א.וו.

איין טאָג האָט די קריסטין מיר געמאָלדן, אַז זיי קענען מיך מער נישט האַלטן, ווייל די שכנים שושקען זיך אַז איך בין אַ יידישקע. איך האָב זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן מיך צוריקפירן פונוואַנען איך בין געקומען, ד. ה. צום גלח.

דער פויער האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיך פירן קיין לוצק, דאָרט וועט ער מיך איינאָרדנען אויף אַ זיכער אָרט.



ווען מיר זענען געקומען קיין לוצק, האָט ער מיך געהייסן וואַרטן אינדרויסן און ער איז אַריין אין אַ הויז דערליידיקן דעם ענין. איך האָב געוואַרט און געוואַרט און אים מער נישט געזען. איך האָב פאַרשטאַנען אַז דער גוי האָט מיך פשוט פאַרלאָזט, נאָכדעם ווי ער האָט ביי מיר אויסגענאַרט די דאָקומענטן. איך דריי זיך אַהין, אַהער, און ווייס נישט וואָס צו טאָן. איך גיי איבער די גאַסן פון לוצק, און באַגעגן נישט קיין איין יידיש פנים. אַלע אויסגעהרגעט. איך דריי זיך אַרום הונגעריק, אָן געלט, און אָן דאָקומענטן, אָנגעטאָן אין צוויי שווערע מאַנטלען, איינער לענגער פונעם צווייטן. אין האַנט האַלט איך מיין גאַנץ פאַרמעגן: אַ קאָלדרע, און מיין קאָפּ איז פאַרדעקט מיט אַ טיכל. ס'איז מיר שוין פשוט נמאס געוואָרן דאָס לעבן. איך האָב שוין געוואָלט, אַז די דייטשן זאָלן מיך כאַפּן און זאָל שוין זיין אַן עק צו די צרות. איך טראַכט ביי זיך: „גאָטעניו, ס'דרייען זיך דאָ אַרום אַזויפיל פאָליציאַנטן, אַזויפיל דייטשן, זאָל כאָטש איינער צוגיין צו מיר און פרעגן, וואָס דרייסטו זיך אַרום דאָ אַליין אין אַזאַ משונהדיקן הולך?” אָבער קיינער איז צו מיר נישט צוגעקומען, קיינער האָט מיך נישט געפרעגט...

איך האָב זיך דערמאָנט אַז בעת איך בין געווען ביי די קריסטן, פלעגט צו זיי קומען אַ גוי, פראַניעוויטש. ער האָט געוווינט אין לוצק און געהאַנדלט מיט זאַכן פון אומגעקומענע יידן.

איך האָב אָנגעהויבן פרעגן אויף דעם פראַניעוויטשן און סוף־כל־סוף האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף זיין הויז. איך בין אַריין צו פראַניעוויטשן אין שטוב. איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין געקומען מיט מיין באַלעבאָס קיין לוצק און האָב אים אין שטאָט פאַרלוירן. איך האָב אים געפרעגט אפשר קען איך איבערבלייבן ביי אים די נאַכט? ער האָט מיר נישט אָפּגעזאָגט. צומאָרגנס איז געקומען פראַניעוויטשעס ברודער אין שטוב, זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קושעטקע און אָנגעהויבן מיך אָבסערווירן. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען אַז ער האָט דערקענט, אַז איך בין אַ יידישקע. ער האָט אָנגעהויבן אונטערזינגען יידישע לידער, כדי צו זען ווי אַזוי איך רעאַגיר. מיט אַלע מיינע כוחות האָב איך זיך באַמיט נישט צו לייגן קיין אַכט אויף זיין זינגען, אַזוי ווי נישט מיר איז דאָס נוגע...

ביי דעם פראַניעוויטשן בין איך געווען דריי טעג. יעדעס מאָל האָב איך אויסגעטראַכט אַ נייעם תירוץ. איך האָב אים געזאָגט, אַז ס'איז נישט מעגלעך, אַז מיין באַלעבאָס זאָל מיך לאָזן אַליין אין לוצק און נישט קומען מיך אָפּנעמען. פראַניעוויטש האָט פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז די זאַך נישט גלאַטיק, און האָט מיך באַפוילן תיכּף פאַרלאָזן זיין הויז.

איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און אַוועק צופוס צום גוי כדי צו פאָדערן ביי אים מיר אָפּגעבן מיינע דאָקומענטן. איך בין אָנגעקומען צו אים פאַרנאַכט. רופט זיך אָן צו מיר זיין פרוי:

„וואָס, דו ביסט שוין ווידער דאָ? ווער האָט דיך גערופן אַהער? גיי שוין אַוועק פון דאַנען, אַז נישט וועט זיין נישט גוט”.


איך האָב צו איר געזאָגט:

„איך בין געקומען צו דיין מאַן ער זאָל מיר אָפּגעבן מיינע דאָקומענטן. ווען אַ פאָליציאַנט וועט מיך כאַפּן, וועל איך זאָגן אַז ביי דיר אין שטוב האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן און דאַן וועט זיין פאַר דיר אַסאַך ערגער. גיב מיר אָפּ מיינע דאָקומענטן און זאָל דיין מאַן מיך אָפּפירן צוריק קיין דוּבישטש פונוואַנען ער האָט מיך גענומען”.

מיינע דראָאונגען האָבן געווירקט. דער גוי האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה. ער האָט מיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פור, באַדעקט מיט אַ טוך און גענומען מיך אַוועקפירן קיין דוּבישטש.

דורכפאָרנדיק אַ וואַלד האָט ער מיך מיט געוואַלט אַראָפּגעוואָרפן פון וואָגן און אָנגעהויבן אַנטלויפן מיטן וואָגן. איך האָב אים נאָכגעשריגן אַז איך גיי גלייך צו דער פאָליציי דערציילן, אַז ער האָט מיך אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין שטוב.

דער גוי האָט זיך דערשראָקן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט קיין שפּאַס. האָט ער זיך שנעל צוריקגעקערט און האָט מיר ווידער מיט גרויס רוגזה אַרויפגעוואָרפן



אויפן וואָגן און אַוועקגעפירט צו דער פאַמיליע באַראַן, אָבער מיינע פאַפירן האָט ער מיר נישט צוריקגעגעבן. ער האָט זיי אָפּגעגעבן צוריק דעם גוי.

צוריק ביי דער פאַמיליע באַראַן

אַזוי בין איך ווידער געבליבן ביי דער משפחה באַראַן. זיי האָבן זיך גוט באַצויגן צו מיר און מיך געהאַלטן ממש ווי אַן אייגן קינד. שפּעטער האָבן זיי גענומען צו זיך נאָך אַ ראָזשישטשער ייד — בנימין פוקס (ער איז איצט אין ישראל). אויך אים האָבן די גויים פאַרגעלייגט זיך שמדן און בלית־ברירה האָט ער געטאָן דאָס זעלבע ווי איך. אַזוי האָט די משפחה באַראַן אויסבאַהאַלטן צוויי יידן.

דער גלח פלעגט אויך קומען פון־צייט־צו־צייט צו די באַראַנס און ברענגען פאַר אונדז עסן. מיינע דאָקומענטן האָט ער מיר נישט צוריקגעגעבן. ווייזט אויס, אַז ער האָט מורא געהאַט אַז ער קען האָבן פון מיר צרות אויב מען וועט מיך כאַפּן און צווינגען דערציילן ווער ס׳האָט מיר געגעבן די פאַפירן.

ביי די באַראַנס בין איך געווען אַ לענגערע צייט. שפּעטער בין איך אַוועק צו אַנדערע קריסטן, ווייל כ׳האָב געזען אַז ס׳איז זיי שווער אויסצוהאַלטן צוויי מענטשן. אויך ביי די אַנדערע קריסטן האָב איך געשטריקט און געהאָלפן אין דער ווירטשאַפט, אַזוי ווי ביי די באַראַנס.

אין ראָזשישטש נאָך דער באַפרייאונג

אין פרילינג 1944 זענען אָנגעקומען די רוסן. נאָך דער באַפרייאונג בין איך אַוועק קיין ראָזשישטש. דאָרטן האָב איך קיינעם נישט געטראָפן. פון מיין פאַמיליע איז קיינער נישט געבליבן. אַלע זענען אויסגעהרגעט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע ראָזשישטשער יידן.

שפּעטער האָבן די דייטשן צוריקגעשטויסן די רוסן און ווידער איז מיין לעבן געווען אין אַ גרויסע סכנה. איך האָב באַשלאָסן אַז אַמבעסטן וועט זיין זיך צו האַלטן מיט דער רוסישער אַרמיי, דאָס הייסט ווו זיי זענען געגאַנגען בין איך אויך געגאַנגען. ביז זיי האָבן ווידער אָפּגעשטויסן די דייטשן. און האָבן ענטגילטיק באַפרייט ראָזשישטש.

פרילינג 1944 — מיט די רוסן

איך בין געקומען צוריק קיין ראָזשישטש. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקקערן איניקע אָפּגעראַטעוועט יידן און אויך די וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד. בשעת ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן זענען אויך ראָזשישטשער יידן אַוועקגעפאָרן, אָבער נישט אַלע. אין ראָזשישטש האָבן דאַן געלעבט ביי אַ 7—8 יידישע משפחות.

באַגעגעניש מיטן שונא־ישראל קויאַווא

נאָך דער מלחמה האָב איך אין לוצק באַגעגנט דעם יידן־מערדער סיאָמקא קויאַוואָ, וואָס איז געווען בירגערמייסטער פון ראָזשישטש ביי די נאַציס. איך האָב אים באַלד דערקענט. ער איז געגאַנגען מיט אַ פּראָטעזע. איך בין צו אים צו און געפרעגט, אויב ער איז סיאָמקא קויאַוואָ. ער האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן און מער האָב איך אים נישט געזען.

דער קויאַווא איז געווען אַ ראָזשישטשער און האָט זיך אין זיינער צייט געלערנט שוסטעריי ביי מיין פעטער. מיר האָבן זיך גוט געקענט. ווען ער איז עולה לגדולה געוואָרן ביי די דייטשען און געוואָרן בירגערמייסטער איז ער איינמאָל געקומען אין געטאָ און גענומען יידן צו דער אַרבעט — שלעפּן ציגל. אויך איך בין געווען אין דער גרופּע און פון גרויס שוואַכקייט זענען מיר די ציגל געפאַלן פון די הענט. ער איז צו צו מיר און מיט גרויס כעס אָנגעהויבן שמייסן מיט דער נאַגייקע איבער די הענט, נישט קוקנדיק אויף אונדזער באַקאַנטשאַפט. ער האָט פיל ראָזשישטשער יידן דערמאָרדעט מיט זיינע אייגענע הענט.

קיין ארץ ישראל

אין יאָר 1946 איז געקומען קיין ראָזשישטש יהושע פּופּ זוכן זיין משפחה. מיר האָבן חתונה געהאַט אין זעלבן יאָר. מיר האָבן געלעבט אין ראָזשישטש ביז 1957. אין פּוילן זענען מיר געווען נאָך דריי יאָר. אין יאָר 1960 זענע מיר געקומען קיין ישראל.



אײדיש מײדל אין געראנגל פארן קיום

פאניע ראזנבלאט



פאַניע ראָזנבלאַט אין יאָר 1945 — פאַניע איז די טאָכטער פון זעליק בארנבוים, וואָס האָט געוווינט אין דאָרף טשעטוווערטניע, ביי 30 קילאָמעטער פון ראָזשישטש.

מיר האָבן געוווינט אין דאָרף טשעטוווערטניע, ביי 30 קילאָמעטער פון ראָזשישטש. אויף וויפל מיין זכרון דערלויבט מיר זיך צו דערמאָנען פון דער פריסטער יוגנט, איז דער נאָמען ראָזשישטש, ווי אויך די נעמען פון די ראָזשישטשער יידן, שטענדיק דערמאָנט געוואָרן אין אונדזער שטוב. מיין פאָטער האָט געהאַט אַ קראָם אין דאָרף און איין מאָל אין וואָך (מאָנטיק) איז געווען אַ יריד אין ראָזשישטש. צום יריד פלעגן אַרויספאָרן פון דאָרף, זונטיק נאָך האַלבער נאַכט, פורן אָנגעלאָדענע מיט תבואה און פלעגן זיך אומקערן פון דאָרט מיט כל מיני סחורות פאַר אונדזער קראָם. נישט איין מאָל האָב איך געהערט פון מיין פאָטער ז״ל די ווערטער, וואָס ער פלעגט זאָגן אין די ווינטער־טעג: „איך בין נאָך געפרוירן פון מאָנטיק״. דאָס הייסט, אַז פרייטיק פלעגט ער נאָך פילן די מאָנטיקדיקע קעלט, ווען ער פלעגט אַרויספאָרן צום ראָזשישטשער יריד. אין צוזאַמענהאַנג מיט די מאָנטיקדיקע נסיעות פלעגן מיינע עלטערן שטענדיק דערמאָנען נעמען פון מענטשן, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַט געשעפטלעכע פאַרבינדונגען, למשל: קאָקל, טעפער, דער קיילער און אַנדערע, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געזען, אָבער איך האָב זיי געקענט פון די דערציילונגען.

דער געטא

אין דער נאַצישער תקופה האָבן די דייטשן אַרויסגעטריבן די יידן פון די דערפער סיסק, סלאוואטיטש, לישטשע, האדאמיטש, לוקאָוו, נעזוויר און זיי קאָנצענטרירט אין געטאָ אין טשעטווערטניע. אין דעם דאָזיקן דאָרף איז אין די סאָוויעטישע צייטן געווען אַ קאָלכאָז, וואָס די רוסן האָבן אָרגאַניזירט אין דער גרויסער און שיינער לאַנדווירטשאַפט פון דעם פּאָליאַק מיקוליטש, וואָס איז געווען אַ רייכער פּוילישער גוטבאַזיצער.

די דייטשן האָבן געצוווּנגען די יידן פון געטאָ אַרבעטן לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן. צו אונדז זענען דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעות וועגן די ליקווידאַציע פון די געטאָס אין לוצק, ראָזשישטש און קאָלק. מיט גרויס צער און ווייטיק האָבן מיר אויפגענומען די שרעקלעכע ידיעות און מיר זענען געווען געצוווּנגען פאָרזעצן אונדזער אַרבעט און לעבן מיט דער אילוזיע, אַז אפשר וועט אונדז געלונגען איבערלעבן די שווערע צייט, אַלס אומזיסטע אַרבעטער. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ פאַנטאַזיע. ווען מיר האָבן געענדיקט די אַרבעט אין די פעלדער, איז דער געטאָ ליקווידירט געוואָרן. דאָס איז געשען דעם 10־טן אָקטאָבער 1942.

מיין מוטערס שוועסטער איז געווען די פרוי פון גרשון האָכמאַן פון ראָזשישטש. ער איז געווען איינער פון די יונגע יידן, וואָס זענען גענומען געוואָרן צו „אַרבעט״ אין ראָזשישטש און מער האָט מען זיי שוין נישט געזען. מיין מומע מיט 2 קינדער האָבן באַוויזן אַריינדרינגען אין אונדזער געטאָ, אָבער אויך דאָ האָט איר דערגרייכט די רוצחישע האַנט אין דער צייט פון דער ליקווידאַציע.

די אויסראטונג פון געטא

איך בין געווען די איינציקע פון געטאָ, וואָס איז געבליבן לעבן. דאָס איז געווען דער ערשטער טאָג אין מיין לעבן, וואָס איך בין געבליבן אַליין. דעם 10.10.42, אַ וואָך נאָך שמחת־תורה, שבת פרי, ווי שטענדיק, איז מיין מוטער אויפגעשטאַנען, כדי צוגרייטן עפּעס עסן פאַר די, וועלכע גייען אַרויס צו דער אַרבעט. באַלד האָט זי באַמערקט, אַז נעבן יעדער טיר שטייען שוצמענער. מיר האָבן זיך אַלע באַלד אויפגעוועקט און האָבן

פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז שוין דער סוף. מיינע עלטערן האָבן באַשלאָסן מיך באַהאַלטן און האָבן מיר פאַרגעלייגט אַריינקריכן אין אַ סאָפע, וואָס האָט זיך אויפגעעפנט פון אויבן. אויף איר האָט מען אַרויפגעלייגט קישנס, אַזוי אַז מען האָט מיך נישט באַמערקט. אין דער צייט, וואָס איך בין געלעגן אינעווייניק, האָט מען אַלעמען אַרויסגענומען פון שטוב און פיר שוצלייט האָבן אָנגעהויבן זוכן אין שטוב. זיי האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, באַלד געפונען. צווישן די שוצלייט איז געווען אַן עלטערער מאַן, פון אַ יאָר 45. ער האָט געזאָגט:

„לאָמיר איר לאָזן גיין. זי זעט נישט אויס ווי אַ יידישע. זאָל זי בעסער אַריינפאַלן אין אַנדערע הענט".

אַזוי איז געווען. ער איז דער ערשטער אַרויס אינדרויסן, אַ קוק טאָן צי קיינער באַמערקט נישט און מיר אָנגעוויזן אין וועלכער ריכטונג איך זאָל גיין, דאָס הייסט אין דער ריכטונג, ווו ס'זענען נישטאָ קיין דייטשן.

איינזאם אליין

איך בין אַרויס אויפן וועג, וואָס פירט צו די פעלדער. פון ווייטנס האָב איך באַמערקט בהמות און צוויי שיקסלעך, וואָס האָבן זיי געפירט. איך האָב אויפגעהויבן אַ שטעקן און צוגעשטאַנען צו זיי, ווייל כדי צו דערגרייכן די פעלדער, האָב איך געדאַרפט דורכגיין אַ דאָרף, און איך האָב געהאָפט, אַז אַזוי אַרום וועט מען מיך נישט באַמערקן. איך בין אַדורכגעגאַנגען דאָס דאָרף און אָנגעקומען צום פּאַשע־פעלד. דאָרטן זענען אויך געווען קוסטעס. איך האָב זיך ביסלעכווייז דערווייטערט פון די שיקסלעך־פּאַסטוכער און זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ קוסט, אַזוי אַז מען זאָל מיך נישט באַמערקן. דאָס איז געווען דער לענגסטער טאָג אין מיין לעבן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געענדיקט!

איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיינע נאָנטע, וועלכע איך וועל שוין מער נישט זען. איך האָב פשוט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. איך בין געווען עלנט, אָן שום עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן. איך וועל זיך דאַרפן אויסבאַהאַלטן ווי אַ געיאָגטע חיה, און דאָ דערנענטערן זיך שוין די ווינטער־טעג. ביי אַזאַ מצב איז נישט מעגלעך צו עקזיסטירן, און וואָס פאַראַ טעם האָט בכלל אַזאַ לעבן?



דער ערשטער רעטער

איך זיץ אַזוי פאַרזונקען אין מיינע מחשבות און פלוצלינג זע איך פאַרבייגיין אַ דאָרפישער גוי, וואָס האָט געקענט מיך און מיינע עלטערן. ער האָט געהערט צו די „שטונדיסטן"; דאָס איז געווען אַ אוקראַיִנישער רעליגיעזע סעקטע, וואָס האָט געגלויבט אין דער קדושה פון שבת. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט שוין געהערט וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט די יידן אין געטאָ. פירנדיק זיינע בהמות אַ היים, האָט ער מיר איבערגעלאָזט אַ שטיקל ברויט און אַ קאָלדערע פון דאָרפישן לייוונט. ער איז באַלד אַוועק, ווייל אויך די שטונדיסטן זענען געווען טרייף ביי די דייטשן, זיי האָבן געשמט פאַר יידן־פריינד.

אין דער צייט, ווען מיר האָבן נאָך געאַרבעט אין געטאָ, האָט אונדז געהיטן איינער אַ פויער. ער האָט מיר איינמאָל געזאָגט:

„זאָלסט וויסן, אַז מיר ווייסן גענוי אין וואָס פאַראַ לאַגע איר געפינט זיך. אויב ס'וועט מיט דיר עפּעס פּאַסירן — ווענד זיך גלייך צו מיר. אויב ס'וועט זיין מעגלעך, וועל איך דיר געוויס העלפן".

דעם אמת געזאָגט האָב איך זיינע ווערטער נישט גענומען ערנסט, ווייל ער איז נישט געווען אַ מענטש וועמען מ'האָט געקאָנט גלויבן. דער עצם פאַקט, וואָס ער האָט געדינט ביי די דייטשן און געשלאָגן יידן, און דערצו איז ער נאָך געווען אַ גרויסער שיכור, איז שוין גענוג געווען, אַז איך זאָל זיך צו אים באַציִען מיט אומצוטרוי. פאַר אַזאַ טיפּ האָבן אַפילו די גויים מורא געהאַט.

אָבער אין אַ רגע פון יאוש האָב איך זיך דערמאָנט אין אים און ס'איז מיר עפּעס לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. איצט האָב איך שוין געוווּסט וואָס איך דאַרף טאָן:

איך וועל וואַרטן ביז ס'וועט ווערן פינצטער. מיט דער גויאישער קאָלדרע וועל איך פאַרדעקן מיין קאָפּ (אַזוי פלעגן גיין די פויערטעס) און איך וועל זיך לאָזן זוכן דעם פויער. איך האָב געטראַכט, אַז ס'איז מעגלעך, אַז ער וועט מיך איבערגעבן די דייטשן. דאָס האָב איך אין דעם מאָמענט געוואָלט, ווייל קיין אַנדערן אויסוועג האָב איך נישט

געזען פאַר מיר. איך האָב שוין געזען גענוי, וואָס מיר דערוואַרט. אַזוי זיצנדיק פאַרזונקען מיט מיינע מחשבות האָב איך איינגעדרימלט, פילנדיק אַ געוויסע דערלייכטערונג.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף איז שוין געווען נאַכט. ליכט האָט באַלויכטן די דאָרפישע כאַטעס, אָבער בלויז דער שטח פון געטאָ איז געווען פינצטער. איך בין אויפגעשטאַנען, כדי צו גיין צום הויז פון דעם פויער קורניעי (אַזוי האָט מען אים גערופן). כ׳בין געגאַנגען מיט זייטיקע וועגן, כדי נישט אַריינגיין אין פאַדערשטן טייל פון דאָרף. געגאַנגען בין איך מיט אַ זייטיקער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט דירעקט צום געטאָ. ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו די הייזער האָב איך געטראַכט: איצט איז דאָרט פוסט. נאָך נעכטן בין איך דאָרט געווען צוזאַמען מיט מיינע נאָענטע. קיינמאָל מער וועל איך זיי שוין נישט זען. אַזוי האָב איך זיך דערווייטערט פון געטאָ, איינגעוויקלט מיט דער גויאישער קאָלדרע איבערן קאָפּ.

א פויער דערבארמט זיך איבער מיר

פלוצלינג דערהער איך אַן אויסרוף: „סטוי! (שטיי), ווער איז דאָס?״

אַנטקעגן מיר דערנענטערט זיך אַ געשטאַלט און איך דערזע דעם זעלבן קורנעי. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דייטשן האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט די פליכט צו היטן דעם איבערגעבליבענעם רכוש פון די יידישע קרבנות. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער מיט פאַרוווּנדערונג אויסגערופן:

„דאָס ביסטו? — נישט מעגלעך! די וועלכע האָבן פאַרשאָטן די גריבער האָבן טאַקע געזאָגט, אַז זיי האָבן געזען ווי מ׳האָט געפירט די יידן משפחותווייז, אָבער זעליקס טאָכטער האָבן זיי דאָרט נישט געזען. גוט וואָס כ׳האָב דיך דאָ באַגעגנט״.

ער האָט מיך גענומען אויף דער זייט און געזאָגט:

„זיץ אונטער דידאָזיקע קוסטעס. 12 בייַנאַכט קומט מען בייטן די שמירה, דאַן וועל איך דיך נעמען צו זיך. אָבער דערווייל היט זיך, אַז אַ צווייטער שומר זאָל דיך נישט באַמערקן״.

ער האָט אַראָפּגענומען פון זיך זיין פעלץ און געבעטן איך זאָל אים אָנטאָן, ווייל אין דרויסן איז געווען זייער קאַלט און איך בין געווען אָנגעטאָן בלויז אין אַ לייכט קליידל. טראָץ דעם וואָס איך האָב צו אים נישט געהאַט קיין צוטרוי, בין איך געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק: וואָס עס דאַרף געשען — זאָל געשען!

סוף־סוף איז געקומען קורניעי און מיך אַוועקגעפירט פון דאָרט. אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען צו זיין הויז. ער האָט מיר געזאָגט, אַז קיינער וועט נישט וויסן, אַז איך געפין זיך ביי אים, אַפילו זיין פרוי און קינדער וועלן דערפון נישט וויסן, ווייל אויב ס׳וועט נאָר ווער זיך דערוויסן, וועט דאָס נישט קענען זיין קיין סוד און דאַן וועל איך זיין פאַרלוירן.

ביי אים איןווירטשאַפט איז געווען אַ שייער (קלינע) פון פאַרשידענע תבואות. אויפן בוידעם פון שייער איז געלעגן שטרוי און היי פאַר די פערד און בהמות. ער האָט אין דעם שטרוי געמאַכט פּלאַץ, איך זאָל קענען זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. ער פלעגט יעדן טאָג מיר ברענגען עסן און טרינקען. דאָס עסן פלעגט ער באַקומען ביי די שכנות און באַקאַנטע אין דאָרף, נישט פון שטוב, כדי זיין פרוי זאָל נישט באַמערקן, אַז עס פעלט איר עפּעס אָן. דער תירוץ צו נעמען עסן ביי די פויערטעס איז געווען, אַז ער מאַכט אַן אויפנאַמע פאַר די דייטשן.



ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט איז ער געווען אַ טיפּ, וואָס אַלע האָבן פאַר אים מורא געהאַט, דעריבער האָט אים קיינער נישט אָפּגעזאָגט. איינמאָל האָט ער געבראַכט געבעקס, אַ צווייט מאָל ברויט מיט חזיר־פלייש, אַזוי אַז עסן האָב איך געהאַט בשפע. אַזוי זיצנדיק אַ וואָך צייט אין דער באַהעלטעניש האָב איך באַמערקט, אַז ער איז נערוועז. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, וואָס ער האָט דאָ געטאָן. יעדן טאָג פלעגט ער אַליין אַראָפּנעמען שטרוי און היי פאַר די בהמות, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו שיקן זיינע קינדער, זיי זאָלן מיך נישט געפינען. דער עצם פאַקט, וואָס ער אַליין דאַרף

האַלטן אַזאַ שטרענגן סוד איז נישט געווען נאַטירלעך פאַר אַזאַ פויער. איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט:

„איך האָב פאַר דיר גוטע נייעס. כ'האָב אויסגעטראַכט אַ גוטן פּלאַן: כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז אין שכנותדיקן דאָרף האָדאַמיטש האָט איינער געפונען אַ פּאַספּאָרט פון אַ שיקסע, וואָס האָט געטאַנצט אויף אַ וועטשערינקע אין דאָרף. אי דהאָב מיט אים גערעדט און ער איז מסכים מיר געבן דעם פּאַספּאָרט. ער האָט אָבער געפאָדערט פון מיר געלט". דערביי פרעגט ער מיר: „דיינע עלטערן האָבן דאָך געהאַט אַ גרויסע קראָם אין דאָרף, אפשר ווייסטו ביי וועמען זיי האָבן באַהאַלטן אייערע זאַכן?"

„יאָ", האָב איך אים געענטפערט, „איך ווייס אָבער נישט, ווי אַזוי קריגט מען זיי אַרויס? ווי טוט מען דאָס?"

קורניעי האָט דאַן געענטפערט:

„גאַנץ פשוט, מיר וועלן וואַרטן ביז ס'וועט ווערן פינצטער. וועסט אַרויפוואַרפן דעם צודעק אויפן קאָפּ און מיר וועלן גיין צוזאַמען. דו וועסט אַריינגיין אין שטוב, איך וועל בלייבן אין דרויסן, און וועסט פאָדערן זיי זאָלן דיר אָפּגעבן אייער געלט און חפצים".


איך באקום צוריק מיינע זאכן

לויט קורניעיס פּלאַן האָבן מיר ביידע זיך געלאָזט אין וועג באַנאַכט אין דער פינצטערניש. אונדזערע זאַכן זענען געווען באַהאַלטן ביי פאַרשידענע גויים. איך בין צוערשט אַריין צום גלח. ער האָט געהייסן מיר אומקערן אַלע מיינע זאַכן. די גויים האָבן מיר אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג, ווי אויף אַ מענטש, וואָס איז געקומען פון יענער וועלט. אַזוי בין איך אַרויס אָנגעלאָדן מיט פיל זאַכן און האָב זיי אָפּגעגעבן דעם פויער קורניעי. כ'בין אַריין אין אונדזער הויז, ווו מיר האָבן געוווינט פאַרן געטאָ. מיט אונדזער הסכמה איז אַריין וווינען אין אונדזער שטוב דער דיאַק (אַ געהילף פון גלח), וואָס האָט אָנגעפירט מיטן כאָר פון קלויסטער. ביי אים האָבן מיר איבערגעלאָזט דאָס רוב זאַכן. אויך פון אים בין איך אַרויס מיט אַ גרויסן פּאַק. דאַן בין איך אַריין צו אַן אַנדערן שכן, אָבער דאָרט האָט מען מיר קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן אונדזערע חפצים. אַ פאַרשעמטע בין איך אַרויס אין גאַס צו קורניעי און אים דאָס דערציילט. קורניעי האָט געענטפערט, אַז ער וועט זיך שוין מטפל זיין מיט דער משפחה.

מיר האָבן זיך אומגעקערט צו קורניעיס שטוב. איך בין אַרויף אין מיין באַהעלטעניש. קורניעי איז געבליבן אין דרויסן מיט אַלע אונדזערע זאַכן. איך בין געווען זייער אויפגע־רעגט. כ'בין געלעגן און געטראַכט וועגן דעם אַרישן דאָקומענט, וואָס דערוואַרט מיר, אויב קורניעי וועט מיר אים בכלל ברענגען. די נאַכט האָב איך נישט צוגעמאַכט קיין אויג און געוואַרט אויף קורניעין מיט אומגעדולד. איך האָב געקענט דעם פויער מיט זיין ברויזנד־כוליגאַנישער נאַטור.

ער האָט באַהאַלטן מיינע זאַכן אין אַ זיכערן פּלאַץ. ער איז אַוועק צוריק אין דאָרף צום גוי, וואָס האָט מיר אָפּגעזאָגט געבן מיינע זאַכן. אויף דער טיר פון דעם הויז האָט ער אָנגעקלעבט אַ צעטל: „אויב דאָס לעבן איז אייך טייער — זאָלט איר צוגרייטן די זאַכן הינטער דעם שייער. אין געגנפאַל — וועט איר האָבן צו טאָן נישט מיט זעליקס טאָכטער, נאָר מיט עמעצן אַנדערש".

דאָס האָט מיר דערציילט קורניעי צומאָרגנס, ווען ער האָט מיר געבראַכט דעם אַרישן דאָקומענט. ווייזט אויס אַז דער גוי האָט באַלד פאַרשטאַנען דעם רמז און האָט זיך דערשראָקן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זעליקס טאָכטער וועט נישט האָבן אַזאַ חוצפּה, און אַז הינטער איר שטייט עמעץ אַנדערש. דער גוי האָט געטאָן ווי קורניעי האָט באַפוילן.



איך ווער אן אוקראינישע שיקסע

ווען איך האָב שוין געהאַלטן אין האַנט דעם דאָקומענט האָב איך גענומען לייענען, וואָס אין אים איז געשריבן. כ'האָב באַלד דערזען, אַז דער עלטער פון דער אייגנטימערין פון דעם דאָקומענט איז פּונקט ווי מיין עלטער — געבוירן אין 1924. מיין נייער נאָמען איז געווען נינאַ פּאָמין. דער דאָקומענט איז געווען, צום גליק, אָן אַ פאָטאָגראַפיע, בלויז

מיט אַן אונטערשריפט פון אַן אָפּקוועטש פון פינגער. דאָס איז געווען זייער צוגעפּאַסט פאַר מיר. איך האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט. ס׳איז מיר געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה און האָב זיך ביסלעכווייז באַפרייט פון דער שפּאַנונג.

דאַן האָט מיר קורניעי געזאָגט:

„איך האָב אַ פעטער, וואָס וווינט אין דער סביבה פון קאָפּאַטשיווקע, אין דאָרף באשאווא, אַ 20 ק״מ פון ראָזשישטש. ער איז דאָרטן אַ גרויסער מענטש, אַ סאָלטיס ביי די דייטשן. איך וועל דיך ברענגען צו אים. דו זעסט בכלל נישט אויס ווי אַ יידישע און ביי אים וועסטו געפונען אַ זיכער אָרט פאַר דיר״.

פרעג איך אים:

„וואָס זאָל איך אויסטראַכטן אים צו זאָגן, אַז עס זאָל זיך לייגן אויפן שכל?״

דאַן האָט קורניעי אויסגעטראַכט פאַר מיר אַזאַ פּלאַן:

„איך האָב אַ ברודער אין רוסלאַנד, וועלכער וווינט אין זשיטאָמירער געגנט, אין דאָרף זשידקאָוויטשי. דו ווייסט דאָך, אַז פון דאָרט פירט מען טאָג־טעגלעך וואַגאָנעס מיט רוסישע יוגנט קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. פיל שפּרינגען אַרויס פון די וואַגאָנעס און באַהאַלטן זיך אויס אין די דערפער. אָט ביסטו די טאָכטער פון מיין ברודער, וואָס לעבט אין רוסלאַנד. מען האָט דיך געפירט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. דו ביסט געשפּרונגען פון וואַגאָן אויף דער סטאַציע קיווערצע און ביסט געקומען צו מיר. דו פאַרשטייסט — זאָגט קורניעי — אַז אַלס אַזעלכע וועל איך דיך קענען ברענגען צו מיין פעטער, וועלכער איז אויך דיין פעטער. דו וועסט זיין איינע פון דער משפּחה״.

געווען איז דאָס פרייטיק. קורניעי האָט באַשלאָסן, אַז מאָנטיק גייען מיר אַרויס אין וועג. געזעגנענדיק זיך מיט מיר האָט מיר קורניעי געזאָגט, אַז ס׳קען זיין, אַז ביז דער נסיעה וועט ער מיך נישט זען, ווייל ער האָט פיל זאַכן צו דערליידיקן. איך בין פאַרבליבן אַליין. אין קאָפּ האָבן זיך געדרייט פיל מחשבות. איך האָב פשוט נישט געקענט באַגרייפן, אין וואָס פאַר אַ מצב איך געפין זיך איצט און וואָס מיך דערוואַרט, אָנהייבנדיק מיין לעבן אַלס קריסטין.

מאָנטיק 3 אַזייגער פאַרטאָג האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון קורניעיס משפּחה האָט גאָרנישט געוווסט וועגן אונדזער פּלאַן. פאָרנדיק האָט קורניעי גענומען מיר איינחזרן אַלע נעמען פון דער משפּחה, כדי איך זאָל זיין געהעריק באַהאַוונט אין אַלע משפּחה־עניינים, אַלס איינע פון דער משפּחה.

זיצנדיק אַזוי אויפן וואָגן טראַכט איך זיך: צוליב וואָס טוט דאָס קורניעי פאַר מיר און צוליב וואָס ריזיקירט ער אַזוי מיט זיין לעבן און מיטן לעבן פון זיין משפּחה? היינט, ווען איך טראַכט וועגן דעם, קען איך עס פשוט נישט באַגרייפן: דאָס איז דאָך געווען אַ געפערלעכער שריט פון זיין זייט. און אפשר האָט ער געזען אין דעם ריזיקאַלישן שריט אַ גבורה־טאַט, וואָס בלויז ער איז מסוגל אויסצופירן?

מיין „פעטער״ דער סאלטיס

אין דעם זעלבן טאָג, מיטאָג־צייט, זענען מיר בשלום אָנגעקומען אין דאָרף באשאָווא. דער פעטער און די מומע האָבן שוין אַ לאַנגע צייט נישט געהערט וועגן קאָרניעי און זיין משפּחה. איז פאַרשטענדלעך זייער פרייד געווען זייער גרויס, ווען זיי האָבן אים אומ־דערוואַרטערהייט דערזען. באַלד האָט די מומע צוגעגרייט אַ פולן טיש מיט כל טוב. די שמחה איז געווען גרויס. דאָ האָט קורניעי אָנגעהויבן דערציילן די גאַנצע פרשה וועגן מיר, ווי אַזוי די דייטשן האָבן מיך געפירט קיין דייטשלאַנד, איך בין געשפּרונגען פון צוג און געקומען צו אים. באַלד האָט ער, פאַרשטייט זיך, אונטערגעשטראָכן, אַז ער האָט מורא געהאַט מיך צו האַלטן, היות מיין אַנטלויפן קען דערגיין צו די דייטשן. לכן האָט ער געטראַכט, אַז אַמבעסטן וועט זיין, ווען ער וועט מיך ברענגען אַהער. דאָ איז אַ זיכערער פּלאַץ, ביי אַ סאָלטיס אין שטוב, קיינער קען מיך דאָ נישט. און קיינער וועט דעם סאָלטיס נישט חושד זיין אין גאָרנישט.



דער „פעטער״ מיט דער „מומען״ האָבן מיך אויפגענומען מיט גרויס שמחה. זיי האָבן אויך אויסגעדריקט זייער מיינונג, אַז קורניעי האָט געטאָן די זאַך מיט גרויס חכמה און ער האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט מיך געבראַכט צו זיי, ווייל עס קומט דער

ווינטער און ס'איז דאָ פיל אַרבעט. סיי ווי האָבן זיי געטראַכט צו נעמען אויף אַרבעט אַ רוסישן קריגס־געפאַנגענעם, ער זאָל זיי העלפן אין זייער ווירטשאַפט.

פאַרנאַכט האָט זיך קורניעי מיט זיי האַרציק געזעגנט און איך, שוין אַלס „נינאַ", האָב אָנגעהויבן אַ ניי בלעטל אין מיין לעבן. כ'האָב זיך גוט צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט אין זייער ווירטשאַפט. איך האָב זיך אַליין געוווּנדערט, ווי גיך כ'האָב באַוויזן שפּילן די ראָל פון אַ פּויערטע. איך האָב געאַרבעט פלייסיק. כ'האָב אָבסערווירט ווי זיי אַרבעטן און זיי נאָכגעטאָן. אַנדערש וואָלט איך געקענט זיך אַליין דעמאַסקירן, ווייל די פּויערן זענען זייער פּילבאַר. זיי האָבן אַ גוט אויג און ווען זיי וואָלטן באַמערקט, אַז איך גיב זיך נישט קיין עצה מיט דער אַרבעט, וואָלט דאָס ביי זיי אַרויסגערופן אַ חשד. איך האָב באמת געאַרבעט, ווי כ'וואָלט געבוירן געוואָרן אין אַ פּויערישער פאַמיליע. ווייסט אויס, אַז דער ווילן צו בלייבן לעבן איז אַזוי שטאַרק, אַז דער מענטש מאָביליזירט אַלע זיינע בעסטע אייגנשאַפטן, כדי זיך צוצופּאַסן צו פאַרשידענע באַדינגונגען און קענען זיך אַן עצה געבן אין יעדן געפערלעכן מצב.

ערגער איז געווען זיך געבן אַן עצה צו שפּינען פאָדעם פון קלאָטשע און וואָל, אַזוי ווי ס'טוען דאָרפישע שיקסעס ווינטערצייט. ביי זיי איז דאָס שפּינען אַן אַרבעט, וואָס זיי טוען פון קינדווייז אָן, אַזוי אַז אַפילו אַ 5־יעריק קינד קען שוין שפּינען ווי אַ גרויסער. זיי אַרבעטן אויס פאַרשידענע שטאָפן און קאָלדרעס פון די פעדעם, וואָס זיי זעלבסט שפּינען אויס. ביז איך האָב זיך אויסגעלערנט די מלאכה האָט, פאַרשטייט זיך, גענומען אַ שפּאַר ביסל צייט, אָבער איך האָב געהאַט אַ גוטן תירוץ: איך בין פון רוסלאַנד. איך האָב זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין רוסלאַנד איז נישטאָ קיין פּריוואַטע ערד, כדי צו זייען פלאַקס. דאָס טוט מען אין קאָלכאָז און פון קאָלכאָז ווערט אַלץ אַריבערגעפירט אין די פאַבריקן. מיין תירוץ האָט זיך געלייגט אויפן שכל און זיי האָבן מיך אין גאָרנישט חושד געווען. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ נאַטירלעכע זאַך, ווען איך גיי אַרויס פּאַשען די בהמות, נעם איך מיט מיט זיך אַ ביכל צום לייענען. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די אוקראַינישע יוגנט, וואָס וווינט אויף דער סאָוויעטישער זייט, איז מער אינטעליגענט אַלס די יוגנט פון מערב־אוקראַינע.


ס'איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1943. איך האָב צוזאַמען מיט מיין „פּעטער" און „מומע", גענומען זיך פלייסיק צוגרייטן צו זייער יום־טוב — ניי־יאָר. פאַרשטייט זיך, אַז יעדן זונטיק בין איך געגאַנגען אין קלויסטער דאַווענען, ווייל מיין מומע איז געווען זייער אַ פרומע און זייער אַ גלויביקע. איך בין געווען איר שטענדיקע באַגלייטערין.

די איינציקע תפילה ביי איר אין מויל איז געווען, אַז די דייטשן זאָלן ממשיך זיין זייער הערשאַפט און אַז די רוסן זאָלן, חס־וחלילה, זיך נישט צוריקקערן, ווייל די רוסן באַדייטן פאַר זיי אונטערגאַנג. שטענדיק פלעגט זי מיר פרעגן, ווי אַזוי האָב איך געקענט לעבן אַזוי פיל יאָרן אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט. דערביי האָט זי אונטערגעשטראָכן, אַז די סאָוויעטישע מאַכט איז אויסשליסלעך אַ יידישע מאַכט.

ווען איך פלעג איר דערציילן וועגן לעבן אין רוסלאַנד, פלעג איך, פאַרשטייט זיך, אויסמיידן אָנרופן דעם נאָמען פון דאָרף, ווייל דאָס דאָרף האָט געהייסן זשידקאָוויטשי און ביים דערמאָנען דעם נאָמען פון דאָרף פלעגט עס מיר אַריינברענגען אין אַ נישט באַקוועמען מצב. איך האָב זיך געטראַכט, אַז דווקא פון די אַלע דערפער, ווס געפינען זיך אין סאָוויעטיש אוקראַינע — דאַרף איך פונקט זיין אַן אָפּשטאַמיקע פון דעמדאָזיקן דאָרף, זשידקאָוויטשי, און אפשר איז בכלל נישטאָ אַזאַ נאָמען פון אַ דאָרף און דאָס איז בכלל אַ טעות. פון רוב פּחד פלעג איך שטענדיק אַרויסרעדן דעם נאָמען „זשידקאָוויטשי" צווישן די ציין.

(שפּעטער אין יאָרן אַרום. האָט מיר דערציילט מיין מאַן, וועלכער איז געווען אַ פּאַר־טיזאַן אין קאָוופּאַקס בריגאַדע, אַז זיי זענען אַדורכגעגאַנגען דעם דאָרף זשידקאָוויטשי און ער דערמאָנט טאַקע דעם דאָרף אין זיין בוך „אש אחזה ביער", ווייל דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן).

איך האָב זיך אויך באַפריינדעט מיט פיל שיקסעס און בין געוואָרן זייער חברטע און ממש איינע פון זיי.



דער רוצח יוליוס

אין אונדזער שטוב פלעגן אָפט קומען דייטשן און אוקראַינער, וואָס האָבן געדינט אין דער אוקראַינישער פּאָליציי. יעדעס מאָל, ווען זיי פלעגן אַדורכפאָרן דאָס דאָרף בעת זייערע אָנפאַלן אויף יידן, פלעגן זיי אָפּשטאַטן אַ וויזיט ביים סאָלטיס. נישט איינמאָל פלעג איך הערן די שוצמענער באַרימען זיך, אַז זיי מאַכן אָבלאַוועס אויף יידן, וועגן וועלכע מען האָט זיי איבערגעגעבן, אַז זיי באַהאַלטן זיך אויס אין די וועלדער. באַזונדערס האָט מיין „פעטער" זיך באַפריינדעט מיט איינעם פון דערדאָזיקער „חברותא", אַ דייטש יוליוס, אַן אָרטיקער געבוירענער. לויט ווי מען האָט דערציילט, איז דערדאָזיקער יוליוס געווען אַ משרת ביי די טשעכן. ווען עס זענען אָנגעקומען די דייטשן האָט ער פון זיי באַקומען אַ גרויסן פאָלוואַרק און באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפירער פון אַ גרויסער מיל אין קאָפּאטשיווקע. דער פאָלוואַרק פון יוליוסן האָט זיך געפונען נאָנט צום דאָרף בערעזאָלופּ. דאָרט האָט ער געוווינט מיט זיין משפחה אין אַ פּרעכטיק הויז מיט פיל באַדינער. ווען יוליוס פלעגט פאָרן קיין קאָפּאטשיווקע צו דער מיל, פלעגט ער זיך נוהג זיין אַריינגיין צו מיין „פעטער", דעם סאָלטיס, און מאַכן מיט אים אַ כוסה. ביידע האָבן זיי ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן.

ס'האָט זיך דערנענטערט דער פרילינג, מען האָט געדאַרפט צוטרעטן פאַרזייען די פעלדער און גערטנער, און, פאַרשטענדלעך, אַז קיין אַרבעט האָט נישט געפעלט. אויך האָט מען געדאַרפט זיך צוגרייטן צום פּסחא. צו דעם יום טוב דאַרף מען זיך צוגרייטן אַ פּאָר חדשים פריער: צוויי חדשים פאַסטן זיי, ד. ה. ס'איז פאַרבאָטן צו עסן פלייש, פּוטער און אייער. אַלץ גרייט מען צו פּסחא. מען קוילעט אַ חזיר און מען באַקט פאַרשידענע פּסחדיקע געבעקס. זיי גרייטן צו קוישן מיט פלייש, וווּרשט און פיל אייער. יעדער גייט מיט זיין קויש אין קלויסטער, כדי „מתוודה" זיין זיך פאַרן גלח אין אַ באַזונדער צימער. דער גלח באַשפּריצט מיט „הייליק וואַסער" דעם קויש און דאַן פאָרט מען אַ היים. נאָך אַ צוויי־חדשימדיקן פאַסטן הייבט מען אָן עסן. נישט איינער פלעגט מוזן אָנקומען צום דאָקטער פון צו פיל פרעסן.

גאַנצע נעכט פלעג איך נישט שלאָפן און בלויז געטראַכט, ווי אַזוי גייט מען אַדורך דעם צערעמאָניאַל, כדי נישט אַרויסרופן אַ חשד מיט מיין אויפפירונג. איך פלעג זיך גוט צוקוקן ווי אַזוי די קריסטן פירן זיך אויף, אָבער איך האָב נישט געקענט אָבסערווירן, פאַרשטייט זיך, וואָס זיי זאָגן דעם גלח בעת זייער „ווידוי", און ווי אַזוי זיי פירן זיך אויף אין צימער ביים גלח.


איך גיי צום גלח זיך מתוודה זיין

מיין ריי איז געקומען. איך האָב זיך איבערגעצלמט פאַרן גלח. ער האָט באַדעקט מיין קאָפּ מיט עפּעס אַ טיכל. איך האָב עפּעס געמורמלט צווישן די ליפּן. דער גלח האָט געזאָגט:

„טאָכטער מיינע, גאָט וועט דיר מוחל זיין פאַר דיינע זינד".

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער שרעקלעכער צערעמאָניאַל פון מתוודה זיין זיך פאַרן גלח.

נעבן דאָרף באַשאָוואָ איז געווען אַ טשעכישע קאָלאָניע, וואָס האָט זיך גערופן אוזשאָוואָ. מיין „פעטער" פלעגט שטענדיק געבן אַ רמז, אַז אין דער טשעכישער קאָלאָניע באַהאַלטן זיך אויס יידן, וואָס האָבן געוווינט אין די דערביייאיקע דערפער איליאַנעק און בערעזאָלופּ. דער „פעטער" האָט געהאַט פעלדער, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט די פעלדער פון אַ טשעך פון דאָרף אוזשאָוואָ. דאָס איז געווען גוטע ערד און זיי האָבן באַשלאָסן פאַרוואַנדלען אַ טייל פון דער ערד אין אַ גאָרטן און פאַרזייען דאָרט קאַרטאָפל.



איך זוך א ייד

איינמאָל קומט דער „פעטער" און פאַרטרויט אַ סוד דער „מומען", אַז דער טשעך, מיט וועמענס באָדן ס'גרענעצט זיך דער גאָרטן, באַהאַלט אויס אַ יידישע משפחה פון אוליאַניק. ווען איך האָב דאָס דערהערט האָב איך באַשלאָסן, אַז איך מוז זען דידאָזיקע משפחה פאַר יעדן פרייז. איך האָב דאָך נישט געזען קיין ייד שוין אַ לענגערע צייט, און בכלל האָב איך געמיינט, אַז איך בין די איינציקע וואָס לעבט, און אַז אַלע יידן,

חוץ מיר, זענען אומגעקומען, און קיין ייד לעבט שוין נישט. און אָט הער איך, אַז עס לעבט נאָך אַ יידישע משפחה. איך בין געווען זיכער, אַז דער „פעטער" זאָגט אמת. פאַקטיש איז ער נישט געווען קיין פאַרביסענער יידן־פיינט. ער איז געווען אַ גאַנץ ליבעראַלער מענטש און אַלס אַזעלכער האָט מען אים געקענט אין דער געגנט. דעריבער האָב איך געמיינט, אַז אַפילו דער טשעך אַליין, וואָס באַהאַלט אויס די יידישע משפחה, האָט דאָס אים דערציילט.

איך האָב זיך געשטעלט פאַר אַ הייליקן ציל נאָכשפּיאָנירן די יידישע משפחה און זיך טרעפן מיט עמעצן פון זיי. כ'האָב אָנגעהויבן גיין אַרבעטן אין גאָרטן, וואָס גרענעצט זיך מיטן טשעך. גאַנץ פרי פלעג איך גיין צו דער אַרבעט און גאַנצע טעג פלעג איך אַרבעטן פלייסיק און אָבסערווירן יעדע באַוועגונג פון די מענטשן, וואָס געפינען זיך אין דער געגנט. כ'האָב מיינע אויגן נישט אַראָפּגעלאָזט פון דעם טשעכס שטוב און געהאָפט, אַז כ'וועל סוף־כל־סוף באַמערקן אַ יידיש פּנים. אויך האָב איך זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם טשעכס פרוי. ספּעציעל פלעג איך אַריינגיין צו איר זיך אָנטרינקען מיט וואַסער. זי פלעגט באַוואונדערן ווי איך אַרבעט זייער פלייסיק ביים באַאַרבעטן דעם גאָרטן. מיין „מומע" איז געווען זייער צופרידן פון מיין אַרבעט און פלעגט זיך באַרימען מיט איר פּלימעניצע, וואָס ווען אַלע שלאָפן נאָך, אַרבעט זי שוין אין גאָרטן. צוליב מיין אַרבעט אין גאָרטן האָב איך באַקומען אַ גוטן שם אַלס פלייסיקע אַרבעטערין און דאָס איז אַ לויב פאַר אַ דאָרפישע טאָכטער. מיין גוטער שם האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז עס פלעגן קומען צו מיר שדכנים מיט חתנים. אָבער צום מזל האָט מיין „מומע" נישט געוואָלט, אַז כ'זאָל חתונה האָבן און פאַרלאָזן איר הויז.



די ערשטע באַגעגעניש מיט יידן

איינמאָל, גאַנץ אומדערוואַרט, האָב איך באַמערקט אַ פרוי אַריינגיין צו דער טשעכין אין הויז. איך בין געווען איבערצייגט, אַז דאָס מוז זיין אַ יידישע פרוי. איך האָב אָבסערווירט צי די פרוי פאַרבלייבט אין הויז און צי זי גייט נישט אַרויס. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דידאָזיקע פרוי געפינט זיך אַ גאַנצן טאָג אין אַ געוויסן פּלאַץ און בלויז ביינאַכט קומט זי נעכטיקן צו דער טשעכין.

איך האָב באַשלאָסן, אַז איך מוז ווידער גיין מיט אַ געוויסן אויסרייד אין גאָרטן פאַרנאַכט, אין דער זעלבער צייט ווי נעכטן, און זען, צי דידאָזיקע פרוי קומט ווידער פאַרנאַכט אַריין צו דער טשעכין. איך דערזע ווידער די זעלבע פרוי אַריינגיין פאַרנאַכט צו דער טשעכין אין הויז. איצט בין איך געווען זיכער, אַז מיין פאַרדאַכט איז אַ ריכטיקער. אַן אויפגערעגטע און מיט גרויס האַרץ־ציטערניש בין איך אַרויס אַנטקעגן דער פרוי. כ'האָב זי גערופן אויף אוקראַיניש אין גאָרטן, כדי איר עפּעס צו ווייזן. ווען איך האָב זי דערזען פון דער נאָענט איז ביי מיר שוין קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס איז אַ יידישע פרוי.

יאָ, דאָס איז געווען רחל שאָר פון אוליאַניק!

איך האָב אָנגעהויבן צו רעדן צו איר יידיש. זי איז ממש צוגעשמידט געוואָרן צום פּלאַץ. זי האָט צוערשט געמיינט, אַז דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע פון מיין זייט, עפּעס אַ „טריק", כדי זיך דערוויסן ווער זי איז. אָבער ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז אויך איך בין אַ יידישע — איז אונדזער אויפרעגונג געווען זייער אַ גרויסע.

רחל שאָר האָט מיר דערציילט, אַז די טשעכין האָט איר שטענדיק אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דעם סאָלטיסעס אַדאָפּטירטע טאָכטער געפינט זיך שוין ווידער אין גאָרטן און זי האָט געמיינט, אַז עפּעס אַ מאָדנער פלייס איז אַריין אין דעם סאָלטיסעס טאָכטער, וואָס שוין פון גאַנץ פרי אַרבעט זי אין גאָרטן און צוליב איר קען מען נישט אַרויס פון שטוב. רחל האָט מיר אויך דערציילט, אַז אירע 2 זין, יאַנקעלע און יצחק, באַהאַלטן זיך ביי די טשעכן.

פון דאַן אָן איז מיר לייכטער געוואָרן. איך האָב זיך באַרואיקט, וויסנדיק, אַז נאָך יידן לעבן אין דער סביבה און אַז איך בין נישט די איינציקע יידישע טאָכטער, וואָס איז געבליבן ביים לעבן.

פון דאַן אָן האָב איך זיך באַגעגנט מיט רחל שאָר נאָך אַ פּאָר מאָל. איך האָב אַפילו געזען איר זון יצחק, וועלכן מען האָט דאַן גערופן „וויטיא".

צווישן צוויי פראָנטן

זומער 1943 האָבן זיך פאַרערגערט די באַציאונגען צווישן די דייטשן און די אוקראַאינער. די אוקראַאינער האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן באַוואָפנטע באַנדעס, וואָס האָבן זיך גערופן: בולבאָוועס אָדער באַנדעראָווצעס, אויף די נעמען פון זייערע אָנפירער. אַלע שוצמענער, די אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן געדינט ביי די דייטשן, זענען אַנטלאָפן מיט זייער געווער און צוגעשטאַנען צו די נאַציאָנאַליסטישע אוקראַאינער־באַנדעס. זיי האָבן אַריינגענומען פיל פון דער אוקראַאינישער יוגנט. ס'האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרויסער אוקראַאינישער כוח, וואָס האָט געקעמפט קעגן די דייטשן און קעגן די סאָוויעטן. זייער ציל איז געווען אויפשטעלן אַן אומאָפּהענגיקע אוקראַאינע.

ווען די דייטשן האָבן געזען, אַז די אוקראַאינער האָבן זיי פאַראַטן, האָבן זיי זיך געווענדעט צו דער אָרטיקער פּוילישער באַפעלקערונג, געגעבן זיי געווער און פון זיי אָרגאַניזירט אַ זשאַנדאַרמעריע, וואָס זאָל זיך שלאָגן מיט די אוקראַאינישע באַנדעס. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער תוהו־ובוהו. די אוקראַאינישע באַנדעס פלעגן אָנפאַלן אויף די פּאָליאַקן, זיי מאָרדן מיט מעסערס און העק. די אוקראַאינער פלעגן אויסהרגענען גאַנצע פּוילישע משפחות און פאַרברענען זייערע הייזער. די פּאָליאַקן, ווידער, האָבן געטאָן דאָס זעלבע: ביינאַכט פלעגן זיי זיך אַריינרייסן אין די אוקראַאינישע דערפער און אויסשעכטן גאַנצע משפחות און לאָזן מיטן רויך זייערע הייזער. אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ מצב, אַז די אוקראַאינער זענען געווען געצוווּנגען אַנטלויפן מיט זייערע משפחות, מיטנעמענדיק זייערע פערד, בהמות און אַלץ וואָס ס'האָט זיך געלאָזט אָנלאָדן אויף די וועגענער און אַנטלויפן אין וואַלד. איך בין ביי זיך געווען צופרידן פון דעם מצב, וואָס האָט זיך געשאַפן: די יידן־שונאים הרגענען זיך אויס איינע די צווייטע. באַזונדערס האָב איך דערלעבט נקמה נעמען פון די אוקראַאינער. און אַזוי האָב איך זיך אַליין געפונען צווישן די אויסבאַהאַלטענע אין וואַלד, אָבער דאָס מאָל נישט אַלס יידישע, נאָר אַלס אוקראַאינערין.

ווען מיר פלעגן זיצן אין וואַלד, פלעגן מיר זען ווי עס ברענען די דערפער, ווי אַזוי דאָס פייער נעמט אַרום אַלץ מער און מער אוקראַאינישע הייזער. צוויי מאָל אין וואָך פלעגן יונגע אוקראַאינער אַריינגיין אין דאָרף זען, וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן און זיך באַזאָרגן מיט שפּייז.

איין מאָל, גייענדיק ברענגען קאַרטאָפל, האָב איך באַגעגנט דעם דייטש יוליוס. ווי איך האָב שוין פריער דערציילט, איז ער ביי די דייטשן עולה לגדולה געוואָרן. אַלס פריינט פון מיין „פעטער" האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט מיך דערקענט און געפרעגט, וואָס עס הערט זיך ביי מיין „פעטער" און דרך־אגב האָט ער מיר צוגערעדט:

„נינקא, וואָס זיצטו דאָרט מיט די זקנים אין וואַלד? קום צו מיר, וועסטו אַרבעטן ביי מיר. איך זוך טאַקע אַ שיקסע צו דער אַרבעט".

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך מוז זיך באַראַטן מיט מיין „פעטער". אין האַרצן האָב איך געטראַכט, אַז פאַר מיר וועט דאָס זיין אַ פּרעכטיקער אויסוועג, ווייל טאַקע וואָס וועל איך זיצן אין וואַלד און זיך אויסבאַהאַלטן מיט די אוקראַאינער. אויך דאָס גיין אין דאָרף איז געווען זייער געפערלעך, אי אַלס אוקראַאינערין, אי אַלס יידישע.

אין דער געשאַפענער לאַגע אויף די פראָנטן האָט מען שוין געשפּירט, אַז דער סוף פון דער מלחמה דערנענטערט זיך, אַז די נאַצישע חיה ווערט דערשלאָגן. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ביי מיין מצב, כדי צו בלייבן לעבן, איז דער בעסטער און זיכערסטער פלאַץ פאַר מיר ביי יוליוסן.

אומקערנדיק זיך אין וואַלד האָב איך דערציילט מיין „מומען" וועגן מיין באַגעגעניש מיט יוליוסן. זי, נאַטירלעך, האָט זיך נישט געאיילט צו געבן איר הסכמה, אַז איך זאָל איר פאַרלאָזן, אָבער ביי זיך האָב איך אָנגעהויבן פּלאַנירן, ווי אַזוי איך זאָל אַריבערגיין צו יוליוסן.

איך מוז באַצייכענען, אַז פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב זיך געפונען ביי מיין „פעטער", האָט מיר איינמאָל באַזוכט קורניעי. זיין פּויערישע לאָגיק האָט אים



אונטערגעזאָגט, אַז ער מוז מיך באַזוכן, כדי זיי זאָלן נישט מיינען, אַז ער האָט מיך אינגאַנצן פאַרלאָזט און אַז ער אינטערעסירט זיך נישט מיט מיר. איך האָב זיך זייער דערפרייט ווען איך האָב אים דערזען. ווען איך האָב אים באַגלייט אין וועג צוריק, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך שפּיל די ראָל זייער גוט, בעסער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. דערביי האָט ער מיר דערציילט, אַז מיין „פעטער" און „מומע" זענען זייער צופרידן פון מיר. מיר האָבן זיך צעשיידט. איך האָב אים געדאַנקט פאַר אַלץ, וואָס ער האָט פאַר מיר געטאָן און אים געווונטשן פיל גוטס. מער האָב איך קורניעין שוין נישט געזען.

ביי דעם רוצח יוליוס

אייניקע טעג נאָכדעם האָב איך באַגעגנט יוליוסן רייטנדיק אויף אַ פערד. ער איז געפאָרן צונויפקלייבן שיקסעס, כדי זיי זאָלן אויסגראָבן קאַרטאָפל פון זיינע פעלדער (אין יענע צייטן האָט מען די קאַרטאָפל געגראָבן מיט די הענט). ער האָט צונויפגעקליבן 20 שיקסעס פון דאָרף און איך בין געווען צווישן זיי. די קאַרטאָפל זענען צעזייט צווישן בייטן. יעדע אַרבעטערין נעמט 2 בייטן און אַלע 20 אַרבעטערינס דאַרפן אָפּרייניקן דעם שטח פון די קאַרטאָפן גלייך ווי אויסגעמאָסטן. אויב איינע אַרבעט שלעכט און מאַכט עס נישט גענוג שנעל — שטייט זי אָפּ פון די איבעריקע אַרבעטערינס פון דער גרופּע, וועלכע גייען דערווייל פאָרויס. דאָס האָט מיך נישט באַאומרואיקט, ווייל פאַר דער צייט האָב איך זיך שוין אויסגעלערנט די טעכניק פון גראָבן קאַרטאָפל.

צום סוף פון אַרבעטס־טאָג האָט יוליוס צונויפגעקליבן אַלע אַרבעטערינס צו אים אין פאָלוואַרק. ער האָט אין דרויסן געגרייט טישן מיט כל טוב צום אָוונט־ברויט. יוליוס איז צוגעגאַנגען צו מיר און פאָרגעלייגט בלייבן ביי אים אויף אַרבעט. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ דינסט, וואָס אַרבעט מיט איר מאַן, אַז זי דאַרף אָט־אָט געבוירן און ער דאַרף זייער נויטיק און שנעל אַן אַרבעטערין. איך האָב אים געגעבן מיין הסכמה. מיט איינער פון די שיקסעס האָב איך איבערגעגעבן מיין „פעטער", אַז איך בין געבליבן ביי יוליוסן אויף אַרבעט און ביי זיי וועל איך ערשט זיין נאָנטסטן זונטיק.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געקומען צום „פעטער" און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'דערנענטערט זיך דער ווינטער און סיי־ווי־סיי איז נישטאָ קיין אַרבעט אין דעם „טויטן סעזאָן", דעריבער איז בעסער, אַז איך זאָל אַרבעטן ביי יוליוסן ביז פרילינג. איך וועל פאַרדינען אַביסל געלט און ווען ס'וועט זיך אין פרילינג אָנהויבן די אַרבעטן אויף די פעלדער, וועל איך זיך צוריקקערן אַ היים.

אַזוי האָב איך זיך אַנגאַזשירט אויף אַרבעט ביי יוליוסן. ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט 2 קינדער. זיין פרוי איז געווען אַ טשעכין פון אַ טשעכישע קאָלאָניע ביי לוצק. זי איז געווען אַ פיינע פרוי, אָבער אַ קרענקלעכע. זי איז געווען אַ גרויסע ווירטין און געהאַט אין איר רשות אַ גאַנצן פערסאָנאַל פון משרתים און דינסטן.

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען פון מעלקן די בהמות און אויפרוימען די שטוב. דאָ, ביי יוליוסן, איז די אַרבעט געווען פיל לייכטער ווי ביי מיין „מומען", ווייל די שווערע אַרבעטן פלעגן אויספירן די מענער אין דרויסן, אויסער דער שטוב. יוליוסעס פרוי האָט זיך זייער גוט און פריינטלעך באַצויגן צו מיר. צום סוף האָט זי מיך באַשעפטיקט בלויז מיט אירע קליינע קינדער. דאַקעגן ער, יוליוס, איז געווען ממש אַ רשע פון דער ערשטער מדרגה. זיין הויז איז שטענדיק געווען פול מיט דייטשן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז יוליוס, צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט פון בערעזאָלופּ, אַ גרויסער אַכזר, האָבן געהאַט אַ גרויסן חלק אין אויסמאָרדן די יידן פון דער סביבה. נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט, ליגנדיק אויף מיין געלעגער אין די נעכט, אין וואָס פאַראַ שלאַנגען־נעסט איך בין אַריינגעפאַלן.



אין צווישנצייט איז יוליוסעס פרוי קראַנק געוואָרן און מ'האָט איר געדאַרפט אָפּערירן אין קאָפּ. די אָפּעראַציע איז געווען אַ שווערע און מען האָט איר גענומען אין מיליטערישן שפּיטאָל אין ראָוונע. געווען איז דאָס ווינטער 1943. די ידיעות וועגן די דייטשישע מפּלות אויף די פראָנטן זענען דערגאַנגען אויך צו אונדז. מען האָט שוין געהערט דאָס שיסן פון דער רוסישער אַרטילעריע.

די באַלעבאָסטעס מוטער איז געקומען נעמען די קינדער, און אויך מיך, צו איר

אין דאָרף קניאַהינקי. יוליוס האָט צוגעגרייט פערד און וואָגן און מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג. אויף די שאָסייען האָבן מיר געזען די אָפּטרעטנדיקע דייטשישע אַרמיי. איך האָב געהערט ווי יוליוס מיט זיין שוויגער רעדן צווישן זיך, אַז אין ראָוונע געפינען זיך שוין די רוסן און אַז די רויטע אַרמיי געפינט זיך ביים טייך סטיר. שפּעטער, אין מיטן דעצעמבער 1943, האָט מען שוין געזען די רוסישע מיליטער־טיילן אין קניאַהינקי. די דייטשן האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון עראָפּלאַנען פלוג־בלעטלעך, ווו זיי האָבן געשריבן, אַז די דייטשע אַרמיי טרעט אָפּ כדי איינצושפּאָרן קרבנות און אויך כדי צו „פאַרנאַרן" די רויטע אַרמיי טיף אין די מערב־שטחים.

אין אַ וואָך שפּעטער האָט מען שוין געזען סאָוויעטיש מיליטער אין פיל דערפער. מיין האַרץ איז געווען פול מיט פרייד, זעענדיק די דייטשע מפּלה. אָבער פונדעסטוועגן האָט זיך נאָך נישט געגלויבט, אַז די נאַצישע חיה איז שוין צעשלאָגן און אַז איך בין שוין פּאַקטיש פריי, און דאַרף זיך שוין מער נישט שרעקן אַלס יידיש קינד.


די דייטשן קומען צוריק

די טשעכן פון קניאַהינקי, וועלכע זענען געפאָרן קיין לוצק, האָבן זיך צוריקגעקערט און דערציילט, אַז זיי האָבן אין לוצק באַגעגנט איייניקע יידן אין די גאַסן. איך האָב אָנגעהויבן פּלאַנירן פאַרלאָזן מיין פּלאַץ און אַוועקפאָרן קיין לוצק, אפשר וועל איך דאָרטן באַגעגענען אַ ייד, מיט וועלכן מ׳זאָל זיך קענען פרייען צוזאַמען. אַזוי איז אַדורך נאָך אַ וואָך. דעם 31־סטן דעצעמבער 1943, אין דער סילוועסטער־נאַכט, האָבן די רוסן זיך אָנגעטרונקען מיט בראָנפן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, פרייענדיק זיך, נאַטירלעך, מיט דער דייטשער מפּלה. די דייטשן האָבן אויסגענוצט די גינסטיקע געלעגנהייט און אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אַטאַקע קעגן דער רויטער אַרמיי. ס׳זענען געפאַלן פיל קרבנות פון די רוסן. די דייטשן האָבן באַוויזן אָפּשטויסן די רוסן אויף דער צווייטער זייט סטיר, אַזוי אַז דעם 1־טן יאַנואַר 1944 געפינען מיר זיך שוין ווידער אונטער דער דייטשער הערשאַפט. לכבוד דעם דייטשן נצחון, זייענדיק מלא שמחה, האָט יוליוס געמאַכט אַ גרויסע סעודה און איינגעלאַדן צו זיך אין שטוב דייטשע אָפיצירן. ער האָט באַשלאָסן ברענגען צוריק זיינע קינדער. מיך האָט ער געבעטן, אַז איך זאָל אַלץ צוגרייטן. מיט גרויס באַרימעריי האָט ער אויסגערופן:

„איך האָב אייך געזאָגט, אַז דאָס דערמעגלעכן דעם אַריינקום פון די סאָוויעטן איז געווען אַ פּאָליטישער טריק פון דעם גאון געבעלס, כדי אַריינצונאַרן די רוסן אין אַ קעסל און זיי אומברענגען. איר וועט נאָך זען ביז וואַנען די דייטשן וועלן נאָך דערגריין!"

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט צו יוליוסן אין פּאָלוואַרק און אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן ווי פריער. די גאַנצע סביבה איז געווען פול מיט דייטשן, ווייל דער פראָנט איז געווען זייער נאָענט פון אונדז. דער טייך סטיר איז פּאַקטיש געווען די פראָנט־ליניע. פון איין זייט געפונען זיך די רוסן — לוצק צוזאַמען מיט דער סביבה זענען שוין געווען באַפרייט — און ביי אונדז זיצן די דייטשן. איך האָב זיך אַליין געמאַכט פאַרוואורפן, פאַרוואָס איך בין נישט אַריבער צו די רוסן אויף דעם צווייטן ברעג סטיר. איך וואָלט שוין איצט געקענט זיין אַ באַפרייטע. די געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט אַזוי שנעל, אַז איך האָב געטראַכט, אַז עס איז עפּעס אַ מאָדנער חלום: דאָ זענען שוין געווען די סאָוויעטן און איצט זענען זיי נישטאָ.

איך בין נישט מסוגל איבערצוגעבן און שילדערן מיינע איבערלעבענישן, וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט אין משך פון די 10 וואָכן, וואָס איך האָב זיך ווידער געפונען צווישן די דייטשן. איך בין דאָך שוין געווען אַזוי נאָענט צו דער גאולה און האָב מיט מיינע אייגענע הענט אַרויסגעלאָזן די באַפרייאונג. ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערציילן אַן עפּיזאָד, ווי אַזוי איך האָב געקענט באַצאָלן מיטן לעבן צוליב אַ צופאַל, וואָס ס׳האָט מיט מיר פּאַסירט:



איך בין אין לעבנסגעפאַר

בעת איך האָב זיך געפונען אין דער טשעכישער קאָלאָניע קניאַהינקי צוזאַמען מיט יוליוסן און זיינע קינדער זענען שוין דאָרט געווען די רוסן. ס׳האָבן זיך דאַן באַוויזן עטלעכע יידן, וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן, און צווישן זיי אויך רחל שאָר ז״ל

(געשטאָרבן אין ישראל). רחל שאָר איז געקומען צו יוליוסן אין פּאָלוואַרק מיך זוכן און געפרעגט, וווּ עס געפינט זיך נינקא. מ׳האָט געענטפערט, אַז איך געפין זיך צוזאַמען מיט יוליוסעס קינדער אין קניאַהינקא. שפּעטער איז רחל געגאַנגען צו אַ באַקאַנטער פּרוי אין בערעזאָלופּ, וועלכע האָט געהאַט אַן אייגענעם פּאָלוואַרק. איר נאָמען איז באַראַנקאָווא. ביי דער דאָזיקער קריסטין האָט רחל שאָר זיך אַרויסגערעדט, אַז איך בין אַ יידישקע. שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער טשעכישער קאָלאָניע קניאַהינקי צו יוליוסן, האָט יוליוס באַזוכט אָט די באַראַנקאָווא, מיט וועמען ער איז געווען זייער גוט באַפריינדעט, און באַראַנקאָווא האָט אים דערציילט, אַז איך בין אַ יידישקע.

יוליוס האָט זיך צוריקגעקערט זונטיק אַהיים בעת איך גרייט דעם טיש צו מיטאָג. אין די זונטיקן איז געווען אַ מנהג ביי יוליוסן, אַז אַלע זעצן זיך צום טיש, די באַלעבאַטים מיט די משרתים. פּלוצלינג האָט זיך יוליוס אָפּגערופן:

„איר ווילט הערן אַ שיינעם וויץ? איך קער זיך איצט אום פון באַראַנקאָווא און זי דערציילט מיר אַז בעת די סאָוויעטן זענען דאָרט אַריין איז ביי איר געווען אַ יידישע פרוי פון אוליאַניק און איר דערציילט, אַז אונדזער נינקא איז גאָר אַ יידישקע.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט און אומגעקערט זיך אין קיך. איך האָב נישט געוואָלט, אַז מען זאָל באַמערקן אויף מיין פּנים דעם גוואַלדיקן איינדרוק וואָס די ווערטער האָבן אויף מיר געמאַכט. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך גיי עפּעס ברענגען פון קיך און כ׳האָב אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער. צו יוליוסן האָב איך געזאָגט:

„דו זעסט, הער יוליוס, ביי דיר געפינט זיך שוין אַ לענגערע צייט אַ יידישקע און דו ווייסט נישט פון דעם״.

יוליוס האָט זיך אָפּגערופן אין אַלעמענס אָנוועזנהייט:

„די פרוי איז משוגע, נישט אַנדערש. ווען ביי מיר וואָלט זיך געפונען אַ יידישקע אַ פּאָר טעג, וואָלט איך לויט איר אַרבעט באַלד דערקענט ווער זי איז. וואָס דאַרף מען בעסער — דער סאָלטיס פון באַשאָווא איז דאָך אירער אַ פעטער. נו, פרעג איך אייך: איז די פרוי נישט משוגע?״

און כדי זיך אַליין צו באַרעכטיקן פאַר אַזאַ שווערן פאָרוואורף האָט יוליוס צוגעגעבן:

„איך וועל האַלטן אַ יידישקע? איך האָב דאָך אַליין באַפוילן דערמאָרדן טאָרטשיניוקס טאָכטער. איך האָב באַפוילן, אַז אַן אַנדערער זאָל זי דערהרגענען, ווייל זי איז געווען זייער אַ שיינע, און איך אַליין האָב דאָס נישט געקענט טאָן. אָבער דעם אַלטן רימער פון ראָזשישטש האָב איך אַליין דערמאָרדעט, נאָך דעם ווי ער האָט ביי מיר געענדיקט צורעכט מאַכן אַלע געשפאַנען. מיט מיינע אייגענע הענט האָב איך אים דערמאָרדעט. זיינע ביינער וואַלגערן זיך אַרום הינטער מיין קלינע״.

פון דאַנען איז זיך לייכט פאָרצושטעלן און וואָס פאַר אַ מצב איך האָב זיך געפונען און אין וועלכע רוצחישע הענט איך בין אַריינגעפאַלן און וועמען איך האָב באַוויזן אָפּנאַרן אַ לענגערע צייט.

(פון די דאָזיקע שורות פון מיין דערציילונג ווענדע איך זיך צו די אָפּשטאַמיקע פון ראָזשישטש, זיי האָבן זיכער געקענט דעם אַלטן רימער און זיין פאַמיליע: מיר מוזן פאַראייביקן זיין נאָמען צווישן די אַלע קדושים, וואָס זענען אומגעקומען פון די הענט פון די נאַצישע רוצחים).



די לעצטע טעג פון דער דייטשער הערשאפט

דעם גאַנצן ווינטער, פון יאַנואַר 1944 ביז העלפט מערץ 1944, האָבן זיך געפירט שווערע קאַמפן צווישן די דייטשן און די רוסן. די רוסן האָבן געפרווט איבערשווימען דעם סטיר און די דייטשן האָבן דאָ קאָנצענטרירט ריזיקע כוחות. דאָס איז געווען ביי זיי דאָס לעצטע רעטונגס־ברעט. אַלץ אין דער סביבה האָט געברענט: די וועלדער האָבן געברענט אין רעזולטאַט פון די סאָוויעטישע באַשיסונגען, ווייל אין די וועלדער האָבן זיך קאָנצענטרירט די דייטשע כוחות; די דערפער האָבן געברענט, ווייל די דייטשן האָבן זיי אונטערגעצונדן בעתן אָפּטרעטן פון דער געגנט. די גאַנצע געגנט איז געווען ווי נאָך אַ וואולקאַן־אויסברוך. איך האָב שוין געזען, אַז דאָס זענען די לעצטע טעג פון די דייטשן.

די רוסן קומען

סוף מערץ 1944 זענען ווידער אַריין די רוסן אַזוי פּלוצלינג, אַז יוליוס האָט אַפילו נישט באַוויזן אַנטלויפן קיין דייטשלאַנד. מיט גרויסע שוועריקייטן האָט ער באַוויזן אַנטלויפן מיט זיינע קינדער צוריק צו דער פרויס משפחה, וועלכע זענען געווען טשעכן. איך, צוזאַמען מיט אַלע משרתים, זענען פאַרבליבן אויפן פּלאַץ. אין יוליוסעס הויז האָט זיך באַזעצט דער הויפּט־שטאַב פון פראָנט. איצט האָב איך שוין לאַנג נישט געוואַרט. ביי דער ערשטער געלעגנהייט בין איך אַוועק קיין ראָזשישטש מיטן ציל אָפּצוגעפינען יידן. קיין ראָזשישטש בין איך געגאַנגען צופוס. איך האָב נישט געוווסט ווהין מען גייט און ווו צו זוכן. איך האָב זיך אַזוי אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון ראָזשישטש און פּלוצלינג האָב איך באַמערקט אַנטקעגן דער הויפּט־גאַס גייט עפּעס אַ יינגעלע. איך בין געווען איבערגייצט, אַז דאָס איז געווען דער קלענערער ברודער פון אַנשל גון, יענקעלע.ביידע ברידער זענען געבליבן לעבן.

ער האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ הויז, ווו ס׳האָבן געוווינט אייניקע אָפּגעראַטעוועטע יידן. דאָרט האָב איך אויך געטראָפן רחל שאָר מיט אירע 2 קינדער. דאָרט האָט זיך אויך געפונען די פרוי טאַרטשיניוק מיט אירע צוויי טעכטער, יוסף מאנק, צבי רויטער און שלמה בייטש. די באַגעגעניש וועל איך נישט פאַרגעסן כל זמן איך לעב. העלפט פון די אָפּגעראַטעוועטע יידן זענען געווען קראַנק אויף טיפוס. זיי זענען געלעגן איינגעוויקלט אין קאָלדרעס. ווען איך האָב זיי דערציילט, אַז איך האָב זיך געפונען ביי יוליוסן אַ לענגערע צייט, האָבן זיי דאָס נישט געגלייבט, ווייל יוליוס צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט פון בערעזאָלופּ זענען געווען באַקאַנט אַלס געפערלעכע מערדער און האָבן אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף די יידן פון דער גאַנצער סביבה.

איך האָב זיך צוריקגעקערט צו יוליוסעס פאָלוואַרק און זיך געווענדעט צו אַ הויכן סאָוויעטישן אָפיציר, וועלכער האָט דאָרט געוווינט און אים דערציילט, אַז איך האָב דאָ געאַרבעט צוויי יאָר אָן געהאַלט. איצט וויל איך נעמען אייניקע זאַכן, וועלכע געהערן צו מיר.

„נעם וואָס דו ווילסט״.

איך האָב אים דערציילט, אַז איך וווין אין ראָזשישטש און איך דאַרף 2 פורן, כדי אַוועקצופירן מיינע זאַכן. אויך האָב איך אים געבעטן, ער זאָל מיר אויסשרייבן אַן אָפיציעלן דאָקומענט, אַז קיינער האָט נישט דאָס רעכט ביי מיר אַוועקנעמען די זאַכן, אין פאַל ווען סאָוויעטישע סאָלדאַטן וועלן חושד זיין, אַז איך פיר גערויבטע זאַכן.

דער אָפיציר האָט אויסגעפילט אַ פּאַפּיר און אויף ביידע זייטן אויסגערעכנט אַלץ, וואָס ס׳געהערט צו מיר, אָנהויבנדיק פון אַ בהמה, פּראָוויאַנט פאַר דער בהמה, 2 זעק קאָרן, 2 זעק ווייץ, גרויפּן, בלעך מיט בוימל, פּוטער, עטלעכע קישנס און קאָלדרעס. אויף די וועגענער האָב איך אָנגעלייגט פון כל טוב און מיט דעם בין געקומען קיין ראָזשישטש. איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך האָב געקענט העלפן די קראַנקע שארית־הפליטה.

די פּאָר וואָכן, וואָס איך האָב געלעבט אין ראָזשישטש נאָך דער באַפרייאונג, האָב איך געוווינט צוזאַמען מיט רחל שאָר און אירע קינדער. ווען דער פראָנט איז שוין געווען זייער ווייט, בין איך אַוועק אין דאָרף טשעטוערטניע. איך האָב געוווסט, אַז איך וועל דאָ קיינעם נישט געפונען, ווייל אַלע זענען אומגעקומען. איך בין אַוועק צום ברודער־קבר און דאָ האָב איך זיך דערוווסט אַ פּרט, ווי אַזוי די גערעכטיקייט האָט געוווירקט צום באַדויערן אין דער פאַרקערטער ריכטונג...



דער סוף פון מיין רעטער

בעת דער ליקווידאַציע פון אונדזער געטאָ זענען געווען צוויי יידן — ישראל זילבערפאַרב און לייבל לישטשער — באַשעפטיקט אַלס גלעזער. זיי זענען געבליבן לעבן און האָבן זיך צוריקגעקערט צומאָרגנס נאָך דער שחיטה. ווען זיי האָבן דערזען, וואָס ס׳האָט פאַסירט מיט די יידן, זענען זיי אַנטלאָפן אין וואַלד און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. אין אַ ווינטער־נאַכט זענען זיי אַוועק צום שטונדיסט, וואָס האָט מיך באַגעגנט באַלד נאָך דער שחיטה אין פעלד און מיר געגעבן זיין קאָלדרע.

נאָך אַ געוויסער צייט האָט דער שטונדיסט באַגעגנט מיין רעטער דעם אוקראַינער קורניעי, רייטנדיק אויף אַ פערד, און האָט דערקענט זיין קאָלדרע אונטערן זאָטל. דער שטונדיסט איז געווען איבערצייגט, אַז קורניעי האָט מיך געהרגעט און האָט ביי מיר צוגענומען די קאָלדרע. ער האָט זיין קאָלדרע דערקענט, ווייל זי איז געווען אויסגעשטריקט פון אַ ספּעציעלן שטאָף. דער שטונדיסט האָט דערציילט די צוויי יידן, לייבל און ישראל, אַז ער האָט מיך באַגעגנט אַ טאָג נאָך דער שחיטה און מיר געגעבן אָט די קאָלדרע וואָס געפינט זיך איצט ביי קורניעי. ער איז געווען איבערצייגט, אַז קורניעי האָט מיך ליקווידירט.


ווען די סאָוויעטן זענען געקומען זענען לייבל מיט ישראל אַוועק צו קורניעי און אים געפרעגט, ווו איך געפין זיך, און פאַרוואָס ער האָט מיך דערהרגעט? קורניעי האָט, פאַרשטייט זיך, אָפּגעלייקנט די שווערע באַשולדיקונג. ער האָט זיי דערציילט, אַז איך לעב. ער האָט זיי געראַטן וואַרטן ביזן סוף פון דער מלחמה. דאַן וועט מען זיך דערוויסן דעם אמת. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אים נישט געגלויבט. זיי האָבן געטענהט, אַז אַלע לעבן־געבליבענע האָבן זיך שוין אָפּגעפונען און זיך צוריקגעקערט, און איך בין נישטאָ. דאָס איז אַ סימן, אַז איך לעב נישט און ער, קורניעי, איז שולדיק אין מיין טויט.

זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט דעם אמת; ווייל ווען זיי זענען שוין געווען באַפרייט, האָב איך זיך נאָך אַלץ געפונען אונטער דער דייטשער מאַכט, ביז די רויטע אַרמיי איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט פון סטיר. ביז עס איז באַפרייט געוואָרן ראָזשישטש און די סביבה, האָט נאָך געדויערט צוויי מיט אַ האַלבן חודש. במשך אָט דער צייט האָבן ישראל זילבערפאַרב און לייב לישטשער נישט אויפגעהערט טעראָריזירן דעם פויער קורניעי. זיי האָבן אים אַוועקגעשלעפּט צו דער נ.ק.וו.ד. און מען האָט ביי אים אין שטוב געמאַכט אַ רעוויזיע.

קורניעי האָט פון גרויס שרעק געטראַכט, וואָס וועט זיין, אויב איך לעב טאַקע נישט, ווייל איך האָב דאָך געקענט אומקומען בעת די קאַמפן אויפן פראָנט אין דער געגנט, ווו איך האָב זיך געפונען. נישט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג, האָט ער זיך, טראָץ זיין שפּעטן עלטער, פרייוויליק געמאָלדן אַלס זעלנער אין דער סאָוויעטישער אַרמיי, כדי אויף אַזאַ אופן זיך דערווייטערן פון שטוב און אויסמיידן אַן אַרעסט. אין יענער צייט האָבן די סאָוויעטן מאָביליזירט פיל איינוווינער פון דער געגנט, וועלכע זענען געווען דינסט־פעיק. פיל פון זיי האָט מען געשיקט אויפן פראָנט אויף דער ערשטער ליניע. אַ סאַך זענען געפאַלן אין די קאַמפן, צווישן זיי אויך קורניעי. מער האָב איך שוין מיין רעטער נישט געזען...

אונדזער צעשטערטע היים

אנשל גון, דעטראיט



א'של גון.

מיר האָבן געוווינט אויף דער 3־טער מאַי גאַס, אויף זשאַליבאָזו. מיין פאָטער איז געווען שמיליק גון, מיין מוטער סאָניע, מיין שוועסטער רייזל און מיין ברודער יאַנקל.

ווי איך געדענק, האָבן מיר געקויפט דאָס הויז פון אַ דייטש פילמאַן. אין איין העלפט פון הייז האָבן מיר געוווינט און די צווייטע העלפט פון הויז האָט מיין פאָטער איבערגעגעבן, אָן דירה־געלט, דער יידישער שולע ווו יידישע קינדער, אַממערסטן פון האַנטווערקער, האָבן געלערנט.

דאָרט, אין דער שולע, האָב איך זיך אויסגעלערנט יידיש. דאָס זענען געווען מיינע ערשטע קינדער־יאָרן, וואָס איך קען געדענקען.

מיין פאָטער איז געווען אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער מענטש און אַן אָנגעזעענער סוחר, ווי אויך אַ כלל־טוער, אַ ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט און דאָזאָר אין דער קהילה. ווען האָט ער געהאַט צייט זיך פאַרנעמען מיט די אַלע טעטיקייטן?

איך געדענק: שבת אינדערפרי פלעגט ער גיין מיט אָרעמע מענטשן אין מאַגיסטראַט און דערליידיקן פּראָבלעמען פון שטייערן און אַנדערע ענינים. זייער אָפט זענען פאָרגעקומען זיצונגען אין אונדזער היים.

טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען זייער פאַרנומען, האָט ער שטענדיק געפונען צייט פאַר אונדז קינדער און מיר פלעגן פאַרברענגען אַ געוויסע צייט צוזאַמען.

מיין ליבע מוטער פלעגט אַרויסהעלפן מיין פאָטער אין זיינע געשעפטן. זי פלעגט יעדן טאָג גיין אין מאַנופאַקטור געשעפט, וואָס מיר האָבן געהאַט אין שטאָט, און דאָרטן זיין צוזאַמען מיט לייב רייזמאַן, וועלכער האָט ביי אונדז געאַרבעט.

מיין פאָטער האָט געהאַט פאַרשידענע געשעפטן: אַ טאַבאַק געשעפט מיט א פוילישן שותף, ווייל אַ ייד האָט נישט געקענט באַקומען אַ דערלויבניש דאָס צו האַלטן; אַ געשעפט פון פאַקולע (קליאַטשע) מיט אייניקע שותפים, וועלכע איך פלעג זייער ליב האָבן, ווייל זיי פלעגן מיר ברענגען זיסוואַרג און אייך שפילן זיך מיט מיר.


איך וויל דערביי דערמאָנען זייערע נעמען: שלמה גאַרבער, נוסיע גאַרבער, אברהם האָכמאַן. הײַנט שלמה גאַרבערס טאָכטער, רבקה, וועלכע איז אין ישראל, איז קיינער פון זיי נישט געבליבן לעבן.

איך האָב גוטע קינדער־זכרונות פון מיין לערנען אין גימנאַזיע אין לוצק, פון מיין משפחה, מיין גאָטזעליקע באַבע דבורה גון און פון מיין באָבע מרים אַפעל פון טאָרטשין, וועלכע האָט איבערגעלאָזט אַלץ און געפאָרן מיט מיר אין אַ קור־אָרט, ווען איך בין קראַנק געוואָרן. אויך געדענק איך די מומע עלקע און פעטער הרשל דעלאַטיצקי און מיין פעטער אברהם משה דיכטער, מיט וועלכן איך פלעג שטענדיק ליב האָבן גיין אין שול אַריין, ווו ער פלעגט דאַווענען ביים עמוד און שבת־נאָכמיטאָג פלעגט מען דאָרט זינגען זמירות.

איך געדענק אויך אַ טרויעריקן מאָמענט: דער טויט פון אונדזער קוזין מענדל דיכטער; וואָס פאַר אַ טראַגעדיע דאָס איז דאַן געווען: אַ יונגער בחור, וועלכער איז פלוצלינג געשטאָרבן פון אַ בויך־קראַנקהייט.

ווי איך געדענק, האָב איך געהאַט אַ זייער גוטע יוגנט, אָבער לײַדער זייער אַ קורצע. ווען איך בין אַלט געווען 15 יאָר, אין 1939, האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און מיר זענען אָקופּירט געוואָרן דורך די סאָוויעטן.

איך געדענק אַז מ'האָט ביי אונדז רעקווירירט אונדזער הויז, אָבער מ'האָט אונדז



געלאָזט וווינען און צאָלן רענט. צוליב דעם, וואָס מיין פאָטער איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש, האָט מען אונדז נישט אַרויסגעשיקט פון שטעטל. ער האָט באַקומען אַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין שפּיטאָל און מיר, קינדער, זענען געגאַנגען אין שולע — אין אַ יידישע „דיעסאַטאָליעטקע".

איך האָב זייער פיל זכרונות פון די יאָרן — אַן אַנדערע אָרדנונג, אַנדערע חברים, אָבער גוטע קינדער־יאָרן, וואָס האָבן, ליידער נישט געדויערט לאַנג.

די היטלער-יארן

אין 1941 האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויזאַמע היטלער־יאָרן, וואָס האָט געבראַכט די פאַרניכטונג פון אונדזער היים און פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון שטעטל.

איך געדענק דעם ערשטן דייטשישן באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן טראָגן די געלע לאַטע און גרייטן זיך גיין אין געטאָ אַריין. די אוקראַינישע פּאָליציאַנטן מיט די ביקסן שלאָגן און פּייניקן די אָרעמע יידן וואָס שלעפּן זייערע פּעקלעך, וואָס נאָר יעדער האָט געקענט טראָגן, ביז זיי האָבן זיך פאַרשלעפּט אויפן באַרג נאָכן בריקל. דאָ איז געווען די גרענעץ פון געטאָ; פינף־זעקס פאַמיליעס אין איין שטוב, יידישע פּאָליציאַנטן מיט אַ יידישן יודענראַט.


יעדן טאָג פלעגן מיר גיין צו דער אַרבעט. איך מיט מיין טאַטן און נאָך אַנדערע יידן האָבן געאַרבעט אויף דער באַזע ביי פאָרסטן, אַן אָרטיקער דייטש. טעג מיט שרעק און מורא, געלעבט בלויז מיט דער האָפנונג, אפשר וועט געשען אַ נס און מ׳וועט באַפרייט ווערן. מיין טאַטע פלעגט האָפן, אַז מ׳וועט באַפרייט ווערן און מיר וועלן אַרויספאָרן פון דער פאַרשאָלטענער ערד ערגעץ אין אַ פריי לאַנד.

יעדן טאָג זענען געווען אַנדערע געשעענישן: געשלעגן, מאָרדן און כאַפּעריייען. די דייטשן פלעגן כאַפּן יידן, כלומרשט צו אַרבעט, און אַרויספירן און דערשיסן אונטער דער שטאָט. אין אַזאַ „אָבלאַווע" איז אומגעקומען אונדזער קוזין פופע דיכטער. מיר האָבן קיינמאָל נית געוווּסט, ווי ער איז אומגעקומען.

אַסאַך מענטשן זענען געשטאָרבן אין געטאָ פון הינגער און פאַרשידענע קראַנקהייטן. מיין באָבע דבורה איז געשטאָרבן אין געטאָ, ווי אויך מיינע חברטעסביילע וואַקסמאַן און ביילע וויינער. איך האָב געפילט, אַז מיר זינקען מיט יעדן טאָג.

אין דער צייט פלעגן אַרומגיין פאַרשידענע קלאַנגען וועגן ליקווידירן דעם געטאָ אין לוצק און אין אַנדערע שטעטלעך. ס׳האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אַז אַ





אַ גרופּע יינגלייט אין ראָזשישטש פאַרן חורבן. דער דריטער פון לינקס — שמואליק גון, פאָטער פון אַנשל גון.

ציוויליזירט פאָלק ווי די דייטשן וועלן דאָס טאָן. פון דעמאָלט אָן פלעג איך בלייבן שלאָפן אויף דער באַזע און נישט גיין אין געטאָ אַריין. מיין טאַטע האָט דעמאָלט געבראַכט יאַנקעלע, ער זאָל אויך זיין אויף דער באַזע.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די ווערטער פון מיין טאַטן:

„קינדער, איר זענט נאָך יונג, אפשר וועט איר זיך ראַטעווען דאָס לעבן. אַנטלויפט און פּראָבירט זיך ראַטעווען; איך מוז צוריקגיין צו דער מוטער און שוועסטער, וועלכע זענען געבליבן אין געטאָ".

דאָס איז געווען דעם 22־טן אויגוסט 1942 — דער טאָג ווען מ'האָט אַרומגערינגלט דעם געטאָ און ליקווידירט אַלע יידן. מער האָב איך ניט געזען קיינעם פון מיינע ליבע.

איך בין אַלט געווען 18 יאָר און מיין ברידערל יאַנקעלע — 8 יאָר, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף צו בלייבן לעבן. איך געדענק דעם בוידעם ביי סיערפּאָוון, וווּ איך האָב געטראָפן שלמה בייטש מיט די ברידער פּריוועס; דעם וואַלד אין זאַליסיעץ און די קאַלטע ווינטער־נעכט, ווען מ'פלעגט אויפשטיין אינדערפרי פון אונטער אַ בוים און זען ווי ס'גייט אַ וואַרעמע פּאַרע פון אונדזערע קערפּער.

ביינאַכט פלעג איך גיין קיין אוזשאָוואָ, וווּ די גוטהאַרציקע טשעכן פלעגן אונדז געבן עסן גענוג פאַר צוויי טעג. דערביי וויל איך דערמאָנען די איידעלע קריסטן, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן אין אונדזער גערANגל פאַרן עקזיסטענץ — די יאַרושקעס, די טאָמאַסעס, ווי אויך אַן אוקראַינער, ביי וועמען מיר האָבן זיך באַהאַלטן ביז דער באַפרייאונג, פּרימאַס. ווען נישט זייער הילף, וואָלט אַסאַך פון אונדז נישט געבליבן לעבן.

אך געדענק אויך די אַבלאָווע אין זאַליסיצער וואַלד, ווי די אוקראַינער האָבן אויסגעהרגעט פיל יידן, צווישן זיי מיינע חברים מאָטל און דוד שער.

שרעקלעכע צייטן האָבן מיר איבערגעלעבט ביז מיר זענען ענדלעך באַפרייט געוואָרן. עלנט, קיינער נישט געבליבן פון דער משפחה, בין איך דורכגעגאַנגען פּוילן און עסטרייך. איך האָב חתונה געהאַט און מיט מיין ליבער פרוי, מאַניע, געקומען קיין אַמעריקע און אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, אין דער געגנט פון דעטראָיט. מיר האָבן אַ טאָכטער ביני, וועלכע האָט יעצט געענדיקט דאָקטאָר פּסיכאָלאָגיע, אַ זון סעם און די טאָכטער שערי, וועלכע לערנען זיך נאָך. מיין ברודער יאַנקל מיט זיין פאַמיליע וווינען נישט ווייט פון אונדז.

מיר באַמיען זיך דערציען אונדזערע קינדער און פירן אונדזער פאַמיליע־לעבן, אָבער אונדזער ווייטיק אין האַרצן קען נישט באַרויִקט ווערן.

נקמה!
צוואתה
של צפורה בירמן



צפורה בירמן, חניכת ,,החלוץ הצעיר" ברו־ז׳ישץ׳ היתה מן הפעילות בקיבוץ־ההכשרה ,,תל־חי" בביאליסטוק, בשעה שהעיר נכבשה ע"י הגרמנים. היא השתייכה לארגון הלוחם ונפלה במרד גיטו ביאליסטוק באוגוסט 1943. אחרי המלחמה נתגלו רשימותיה בארכיון המחתרת, שהיה טמון באדמה מחוץ לגיטו ביאליסטוק. בסיום מכתבה ,,לחברי היקרים באשר הם שם" מתאריך 1.3.43, הכתוב בדם לבה, היא מוסיפה את צוואתה, הניתנת בעמוד זה. המכתב המקורי בכתב ידה של צפורה בירמן, ביידיש, נמצא בארכיון ,,יד־ושם" בירושלים. בישראל חיים אחותה שושנה ואחיה אליהו.

אין ברירה, אין דרך אחרת אלא למות בכבוד יחד עם כל האלפים ההולכים למוות, ובלא מורא ופחד.

יודעים אנו שהעם היהודי לא יכלה. הוא יגדל עוד ויפרח כעם. הוא יקום ועוד ינקום את נקמתו על דמו השפוך והחף מפשע.

כן, בזה פונה אני אליכם, חברים, באשר אתם שם. עליכם תוטל החובה הגמורה לנ־קום את נקמתנו. אל ישקוט שום אדם מכם, אַל יישן את שנתו ואַל ימצא מנוחה ביום. כשם שאנו חיים בצל המוות, כך אתם חיו באור הנקמה על הדם השפוך.

ארור קורא דברים אלה ודי לו באנחה וחוזר לאחריה לעבודתו היומיומית. ארור האדם שיהיה די לו בדמעות שיזיל ובבכי שיבכה את נשמותינו.


לא זאת אנו רוצים. אף להורינו לא בכינו. כבשנו דמעותינו והסתכלנו בדומיה בגוויות המתות של ידידים שנורו ככלבים.

אנו קוראים אתכם לנקמה, נקמה בלא רחמנות, בלא רגשות, בלא דברים על גרמנים ,,טובים". לגרמני ,,טוב" — מיתה קלה, יומת אחרון, כשם שהבטיחו ליהודי הטוב להם; זוהי דרישת כולנו, זה רצונם של האנשים שאפשר יפלו מחר, העומדים להי־לחם בכבוד וליפול בכבוד.

נקמה! לכך אנו קוראים אתכם, אתם שלא סבלתם בגיהינום של היטלר. דבר זה חייבים אתם לקיים, אפילו יהיו חייכם נתונים בסכנה. לא ינוחו בשלום עצמותינו המרוסקות בכל פינות אירופה, לא ישקוט האפר המפוזר של המשרפות, עד כי נקום תנקמו.

זיכרו וקיימו את רצוננו ואת חובתכם.

צפורה בירמאַן



צפורה בירמאן פון ,,החלוץ הצעיר" אין ראָ־זשישטש איז געווען אין קיבוץ־הכשרה תל־חי אין ביאַליסטאָק, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט. זי איז געווען אַקטיוו אין העראָישן אויפשטאַנד פון ביאַליסטאָקער געטאָ און איז געפאַלן אין אויגוסט 1943. נאָך דער מלחמה האָט מען אויסגעגראָבן דעם באַהאַלטענעם אַרכיוו פון די אויפ־שטענדלער, אונטער דער שטאָט און צווישן אַנדערע שריפטן האָט מען געפונען דעם בריוו פון צפורה בירמאן: ,,צו מיינע חברים, ווו איר זענט", פון 1.3.1943. נאָך דער שוידערלעכער באַשרייבונג פונעם ביטערן קאַמף, שרייבט זי איר ,,צוואה", וואָס מיר גיבן דאָ איבער. דער אָריגינעלער בריוו אין צפורה בירמאַנס האַנטשריפט געפינט זיך אין אַרכיוו פון ,,יד־ושם" אין ירושלים. אין ישראל לעבן צפורהס שוועסטער שושנה און ברודער אליהו.

פאַרפאַלן, דאָס איז אונדזער גורל, אָפּקומען די זינד פאַר אַלע פריערדיקע דורות, אַלעמען באַוויינט, נאָך אַלע געווייטיקט, דורכגעלעבט דאָס שוידערלעכסטע וואָס קען נאָר געבן אין דער געשיכטע.

געזעען, געהערט, געווייטיקט און שטום, אויך שטום בלייבן, אפילו צו קבר־ישראל נישט קומען, פאַרפאַלן. נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי שטאַרבן מיט אַ ווירדיקן טויט, צוזאַמען מיט אַלע טויזנטער וואָס גייען צום טויט, אָן מורא, אָן פחד. מיר ווייסן, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט נישט אונטערגיין. עס וועט נאָך צוריק אויפשטיין. עס וועט נאָך וואַקסן און אויך בליען ווי אַ פאָלק. עס וועט אויפשטיין און נאָך נקמה נעמען פאַר אונדזער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט.

יאָ, מיט דעם ווענדע איך זיך צו אייך חברים, ווו איר זענט. אויף אייך וועט בלייבן די פולסטע אחריות נקמה צו נעמען. נישט רוען זאָל יעדער פון אייך, נישט שלאָפן ביינאַכט און נישט געפונען קיין רו בייטאָג, פונקט ווי מיר לעבן אין קעגנוואַרט פון טויט, אַזוי וועט איר לעבן אין ליכט פון נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט.

פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער וואָס וועט דאָס איבערליינען און זיך באַגנוגנען מיט אַ קרעכץ און דערנאָך זיך אומקערן צו דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער וואָס וועט זיך באַגנוגנען מיט גיסן טרערן און וויינען נאָך אונדזערע נשמות.

נישט דאָס ווילן מיר. אויך אונדזערע עלטערן האָבן מיר נישט באַוויינט. שטיל, פאַרשטיקט האָבן מיר געקוקט אויף די טויטע קערפערס פון אונדזערע פריינט דער־שאָסענע ווי הינט.

צו נקמה רופן מיר אייך. נקמה אָן רחמנות, אָן סענטימענטן, אָן ,,גוטע" דייטשן; אַ ,,גוטן" דייטש — אַ לייכטן טויט, דער לעצטער זאָל ער געטויט ווערן. פונקט ווי זיי האָבן די גוטע פאַר זיי יידן צוגעזאָגט: ,,דו וועסט דער לעצטער דערשאָסן ווערן".

דאָס איז אונדזער אַלעמענס פאַרלאַנג, דאָס איז דער באַגער פון מענטשן, וועלכע וועלן מאָרגן אפשר פאַלן, ווירדיק קעמפן און ווירדיק פאַלן.

נקמה! צו דעם רופן מיר אייך, נישט געליטענע פון היטלער־גיהינום. דאָס וועט איר מוזן דערפילן, אויך ווען אייער לעבן וועט אַפילו באַדראָט זיין.


נישט רוען וועלן אונדזערע צעשמעטערטע ביינער אין אַלע עקן פון אייראָפּע, נישט רוען וועט דאָס צעזייעטע אַש פון די קרע־מאַטאָריעס, ביז דער נקמה־אַקט וועט דורך אייך נישט אויסגעפירט ווערן.

געדענקט און פילט אויס אונדזער ווונטש און אייער פליכט!

צפורה בירמן

ראזשישטש - א שטאט אן יידן

משה רבין



איך האב באזוכט ראזשישטש באלד נאך דער מלחמה, און דאס איז געווען מיין לעצטער באזוך אין שטעטל, ווייל איך האב זיך שוין געקליבן ארויספארן קיין פוילן, אין האב נאך געהאט צו דערליידיקן פארשידענע פארמאליטעטן.

דעם ערשטן איינדרוק אז ראזשישטש עקזיסטירט שוין נישט אלס יידיש שטעטל האב איך באקומען באלד אויפן לעמבערגער וואקזאל. פאר דעם קריג, ווען מען איז צוגעקומען צו דער קאסע אויפן לעמבערגער וואקזאל און געבעטן א בילעט קיין ראזשישטש, האט מען גלייך באקומען, ווייל ס'איז געווען א לעבהאפטער פארקער צווישן ראזשישטש און לעמבערג און דער נאמען פון אונדזער שטעטל איז געווען גוט באקאנט אלע לעמבערגער באן־באאמטע.

ווער זענען דאס געווען די יידן פון אונדזער שטעטל וואס זיינען געווען פארבונדן מיט לעמבערג? — דאס זענען, קודם־כל, געווען תבואה־סוחרים, וואס מען האט אין די אלטע צייטן גערופן „די קאמפאניע". זיי זענען געפארן יעדן שבת־צו־נאכט קיין לעמבערג, כדי צו קענען זיך זונטיק באלד אינדערפרי אפרעכנען. דער צוג פלעגט ארויסגיין שבת־צו־נאכט פון ראזשישטש און זונטיק פרי אנקומען קיין לעמבערג. ראזשישטשער יידן פלעגן אויך פארן קיין לעמבערג, וואס איז געווען בארימט מיט אירע דאקטוירים און פראפעסארן, כדי זיך היילן און קורירן.

ווען איך בין צוגעקומען, שוין אין סאוויעטישן לעמבערג, צו דער באן־קאסע און געבעטן א בילעט קיין ראזשישטש, האט די קאסירערין מיך אנגעקוקט מיט גרויס באוואונדערונג, ווייל ס'עקזיסטירט נישט קיין באן־פארבינדונג מיט ראזשישטש. זי האט געזוכט אין דער מאפע און ענדלעך געפונען דעם נאמען.



„יאָ“, זאָגט זי, „ס׳איז דאָ אַזאַ סטאַציע וואָס הייסט ראָזשישטש, צווישן קיווערעץ, ראָוונע און קאָוועל“...

אַז מען איז געפאָרן, פאַר דער מלחמה, פון לעמבערג קיין ראָזשישטש, פלעגט מען שוין אויפן לעמבערגער וואָקזאַל טרעפן היימישע יידן: אַ קיווערצער, אַ ראָוונער, אַן אָליקער, אָדער אַ קלעוואַנער. ס׳האָט זיך באַלד געפילט דער אָטעם פון די יידישע שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער לעמבערגער באַן־ליניע.

איך בין אַריין אין וואַגאָן פון צוג וואָס גייט דורך ראָוונע, און פאָרט ביז קאָוועל. איך בין געווען דער איינציקער ייד אין וואַגאָן.

מיר זענען געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג האָב איך געפילט אַז מיר זיינען שוין דורכגעפאָרן ראָוונע, קלעוואַן, אָליק, קיווערעץ. אויף אַלע סטאַציעס, פון לעמבערג ביז ראָזשישטש, האָב איך נישט געזעען קיין איין יידיש פנים. אַלע פּאַסאַזשירן זענען געווען גויים .

ווו זיינען די בעלי-עגלות און די פראוויטיעלעס?



איך בין דורכגעפאָרן די אייזערנע בריק איבערן סטער און אַריינגעפאָרן קיין ראָזשישטש. ווען איך בין אַרויס אויפן וואָקזאַל, האָט ער מיר זיך אויסגעוויזן זייער קליין און עפּעס העט־ווייט פון דער שטאָט. מיר זענען געווען געוווינט, אַז קומענדיק מיט דער באַן אין שטעטל, איז ווי נאָר מיר זענען אַריין אין וואָקזאַל איז אונדז אַנטקעגנגעקומען זעליג דער בעל־עגלה, וועלכער איז געווען דירעקט פאַרבונדן מיט דער באַן, פון איר האָט ער געצויגן זיין פרנסה. אויך פלעגט מען באַגעגענען באַלד אינדערפרי אויפן וואָקזאַל די עקספּעדיטאָרן ראובן ראָזנבוים, זלמן ווערבע, בנימין פּאָטאַשניק און אַברהם פּערלמוטער. יעדער איינער פלעגט קומען מיט זיינע ענינים; זיי האָבן געוואַרט אויף סוחרים, כדי צו וויסן וועלכע וואַגאָנעס צו באַשטעלן. די באַן־סטאַציע איז געווען פול מיט יידן, וואָס זענען אָנגעקומען מיטן לעמבערגער צוג.

איך בין אַראָפּ פון צוג דער איינציקער ייד, און אַרום מיר גויישע פּאַסאַזשירן, פויערן און פויערטעס, וואָס זענען געקומען אין שטעטל פאַרטאָג, כדי זיך שטעלן אין דער ריי אויף ברויט. אַזעלכע טיפּן רופט מען אין רוסלאַנד „פּאַראַשוטיסטן“, ווייל זיי זיינען זייער אָרים אָנגעטאָן און טראָגן אויף זיך זעק אַזוי ווי אַ פּאַראַשוט... זיי ברענגען מיט זיך קיין ראָזשישטש עפּעס צו פאַרקויפן און קויפן זיך איין אויפן וועג ברויט. דאָס זענען געווען די פּאַסאַזשירן, וועלכע זענען געקומען קיין ראָזשישטש צוזאַמען מיט מיר.

מיר זענען געווען געוווינט, אַז ווי נאָר מיר זענען אַראָפּ אויפן וואָקזאַל האָבן מיר באַגעגנט אַ צוויי־דריי בעלי־עגלות. איצט איז קיינער פון זיי נישט געווען, און איך האָב אָנגעהויבן שפּרייזן צופיס אין ריכטונג פון שטעטל. דאָס איז געווען דעם 20־סטן מאי 1959.

עברנו לאוסטריה, שם נשארנו זמן ממושך, משום ששומרי הגבול לא נתנו לנו להמשיך בדרכנו. אנשי הבריגאדה היהודית טיפלו בנו, וסיפקו לנו דיור ואוכל. שם פגשנו את פייגה שר, שבעלה נהרג כחייל בצבא האדום ובנה נהרג על־ידי הגרמנים. היא היתה שם עם בתה רחל. בבריגאדה היה לה אח פייבל שקורניק. כשפגש אותנו סיפר לכולם שאנחנו בני־דודים שלו. הוא לקח את אחותו ובתה וגם אותנו לנאפולי שבאיטליה. שם זכינו לטיפול טוב מאוד. שקורניק לקח אותנו לסיור ברומא. יום אחד הגיעה לנמל נאפולי האניה „טראנסילוואניה", שהיתה בדרך לארץ. הודות לתחבולה מוצלחת עלה בידו של שקורניק להעלות על האניה את אחותו ובתה וכן בתנו פרידה ועוד 15 איש, שהגיעו כעבור ימים אחדים לארץ. אני הייתי אז בהריון ונשארתי בנאפולי יחד עם בעלי.

לאחר ימים אחדים עברנו לבארי. בעלי קיבל עבודה במרכז של עליה ב׳ וקיבל משכורת נאה. אני ילדתי את בני אברהם, שגדל והתפתח יפה. כשהיה בן שנה ו־4 חדשים הגיע תורנו לעלות. צירפו אלינו שתי ילדות: ילדה בת 11 שנה שדיברה רק הונגרית ותינוקת בת 10 חדשים! (אין לשכוח שהיה לי אז ילד בן שנה ו־4 חדשים!) בכל מקום ששם נערכו בדיקות היו לי קשיים להסביר את הפלא הזה, של שני ילדים בהפרש של חצי שנה ביניהם!

ב־8 במארס 1948 הגענו לארץ־ישראל והתחלנו בחיים חדשים.



פרידה וארקוביצקי ורחל שר באיטליה בשנת 1946

כשגברו פעולות האיבה בין האוקראינים והפולנים החלו האוקראינים לערוך חיפושים אחרי נשק בבתי הפולנים. לא יכולנו עוד להישאר בעליית הגג והפולני הזקן העביר אותנו לבור שהיה בתוך הבית; הבור שימש קודם לכן לאיסום תפוחי אדמה. הוא חשש לחייו במקרה שימצאו אותנו אצלו ואמר: „אם מסוגלים האוקראינים לירות בצעי־רים כמוכם, הם לא יירתעו מלירות גם בי, זקן בן שבעים".

מות זוג הזקנים

יום אחד יצאנו קצת לשדה, לא הרחק מן הבית. פתאום שמענו יריות ממכונות־יריה. כשחזרנו הביתה מצאנו את שני הזקנים הרוגים. האוקראינים ערכו טבח בכל אנשי הכפר הפולנים ושרפו את בתיהם.

יצאנו שוב לנדוד והסתתרנו במקומות רבים עד בוא הסובייטים.

כשלושים יהודים ניצלו הודות למשפחות פולניות בכפרי הסביבה שנתנו להם מחסה ואוכל בשנות השואה הנוראה.

ש. ס.

רוז׳ישץ׳ – עיר ללא יהודים...

משה רבין

ביקרתי ברוז׳ישץ׳ מיד אחרי המלחמה, זה היה ביקורי האחרון בעיירה, לפני יציאתי לפולין.

היכן הנוסעים היהודים

הרושם הראשון, שאין עוד ברוז׳ישץ׳ חיים יהודיים קיבלתי מייד עם הגיעי לבית־הנתיבות בלבוב. לפני המלחמה, כשניגשו לקופה בתחנת־הרכבת בלבוב וביקשו כרטיס לרוז׳ישץ׳ קיבלו אותו מייד, משום שעיירה זו היתה ידועה מאוד בגלל התנועה הערה שהתנהלה בין לבוב ורוז׳ישץ׳ וכל פקידי הרכבת בלבוב ידעו היטב את שמה ומיקומה.

מי היו יהודי רוז׳ישץ׳ שנסעו ללבוב? היו אלה, קודם־כל, סוחרי תבואה, שנקראו בימים הרחוקים ההם „די קומפאניה״. הם היו נוסעים כל מוצאי־שבת ללבוב, כדי שיוכלו ביום א׳ בבוקר לסדר את חשבונותיהם עם הלקוחות. כן נסעו יהודים רבים מרוז׳ישץ׳ ללבוב להתרפא אצל הרופאים המפורסמים בעיר הגדולה. באופן כזה היתה תמיד תנועה ערה בין שתי הערים האלו.

אבל עתה, כשניגשתי לקופת הרכבת בלבוב הסובייטית וביקשתי כרטיס לרוז׳ישץ׳, הסתכלה עלי הפקידה בפליאה, משום שאין כלל קשר רכבת עם רוז׳ישץ׳, היא לא ידעה אֲפילו היכן מקומה של עיירה זו. היא עיינה במפה ומצאה סוף־סוף את השם רוז׳ישץ׳, בין קיוורץ, רובנה וקובל...

כשנסעו לפני המלחמה מלבוב לרוז׳ישץ׳ היו פוגשים כבר בבית־הנתיבות בלבוב מכרים מקיוורץ, מרובנה, מאוליק או מקליבאן. מייד הורגשה הנשימה של העיירות היהודיות, שנמצאו לאורך מסילת־הברזל.

נכנסתי לקרון הרכבת הנוסע עד קובל, דרך רובנה. הייתי היהודי היחידי בקרון.

נסענו כל הלילה. בכל התחנות שעברנו, אשר היו הומות נוסעים יהודים לפני המלחמה, לא ראיתי אף פרצוף יהודי אחד. כל הנוסעים היו גויים.

היכן הם העגלונים

עברנו את הגשר על הסטיר והגענו לרוז׳ישץ׳. כשיצאתי מן התחנה היא נראתה לי קטנה ורחוקה מאוד מן העיר. בעבר היה כל אורח שהגיע ברכבת נתקל בזליג העגלון, אשר היה קשור ישירות בתחנת־הרכבת, ממנה ינק את חיותו. כן היו פוגשים שם בבוקר השכם את ה„אכספדיטורים״ (כלומר, משלחי הסחורות) ראובן רוזנבוים, זלמן ורבר, בנימין פוטאשניק ואברהם פרלמוטר; הם חיכו לסוחרים, כדי לדעת איזה קרונות להזמין. כן היתה התחנה הומה יהודים, שהגיעו ברכבת מלבוב.

הייתי הנוסע היהודי היחיד שירד בתחנה. מסביבתי היו רק גויים, איכרים ואיכרות, שהגיעו לעיירה לפנות בוקר, כדי להתייצב בתור לקבלת לחם. טיפוסים אלה נקראו ברוסיה „צנחנים״, בשל השק שנסעו על גבם, שהיה דומה למצנח... הם הביאו אתם משהו למכירה ובתמורה היו קונים לחם בשביל בני־הבית.

בעבר היו רגילים לפגוש בשניים־שלושה עגלונים שחיכו לנוסעי הרכבת. עכשיו לא היו כאלה כלל. התחלתי לפסוע ברגל לעיירה. היה זה ב־20 במאי 1959.

הלכתי ברחוב המוביל מן הרכבת. ליד ביתו של היין נשארו כמעט כל הבתים כמו שהיו בעבר. הנה ביתו של גולדפדר ולידו — של גורנשטיין. הנה אני רואה את האכסניה של פרל. הרחובות היו ריקים מאדם. מאוחר יותר, ב־6 בבוקר, הופיעו קצת עוברים ושבים. פה ושם מציצים ראשים מכוסים מטפחות צבעוניות מן החלונות. מן

שארית הפליטה

ארגון יוצאי רוז׳ישץ׳ יזם תחקיר מיוחד על שארית הפליטה של יהודי העיר, שהסתתרו ביערות, בבורות ואצל איכרי הסביבה. הודות לכך נשארו בחיים כשמונים איש. בקבוצת התחקיר השתתפו הח״ח: צבי אורן (סאַסנע אַלטער), טייבל בקר (אברמוביץ), שרה בקר (צוקרמן), מרדכי בייזר, משה גלר ורעייתו, שושנה חדש (קנפר), פנינה טור־צ׳יניוק (קורן), שולה טורצ׳יניוק (מושקט), סאַל ואילנה מילר (קנדה), רחל פיישטר (גוטליב), יהודית רוזנבוים (מזור), סוניק רוזנבוים, צבי רויטר, סנדר שטיינברג, ברל שניידר, בת־שבע שפיגל (קינן). רשימת הניצולים, המובאת להלן, הורכבה מן הזיכרון.

רשימת הניצולים שהסתתרו בסביבות העיר

אַדוואק, הרשל — קנדה
בקר, טייבל (אברמוביץ) — ישראל
בקר, שרה (צוקרמן) — ישראל
בקר, אשר (נפל במלחמת העצמאות)
בקרינג, רבקה (קליגר) — ארגנטינה
בייטש, שלמה — ישראל
בייטש, ציפה — רוז׳ישץ׳
בייזר, מרדכי — ישראל, אשתו לאה — נפטרה בישראל, בתו ביבה — ישראל, בנו יוסף — ישראל, בתו מאשה — אוסטראליה
בראקר, שלמה
גורלניק, שמואל — ישראל
גרובר, פסיה — ישראל
גוס, שרה (חשמונאי) — ישראל
גוס, חוה — בקיברץ, רוסיה
גורמן, אריה — ישראל
גרינבלט, אברהם ובנו — קנדה
דולגופוליוק, אסתר (קאס) אשתו של גדליה — פולין
דולגופוליוק, שיקע (נפטר בפולין)
הופמן, שרה (רובינשטיין) — ישראל
הרמרניק, ניסל (מפרספה, נפטר בארה״ב)
וארקוביצקי, איטה — ישראל
וארקוביצקי, שמואל — ישראל
וארקוביצקי, פרידה (פלבן) — ישראל
ואלד, משה — (נהרג ברובנה בהפצצה הגרמנית עם שוב הרוסים)
ואלד, יוסקה — ניו־יורק
וידרה, פיליס — ניו־יורק
זינגר, אבא׳לה — נפל במלחמת העצמאות
טסלר, אסתר (פופ) — ישראל

טננבוים, גיטל־גניה (וילנסקי) — ישראל
טננבוים, דוד (שניצר) — ישראל
טיקטינר, אהרון — רוז'ישץ'
טורצ'יניוק, הניה — ישראל
טורצ'יניוק, פנינה (קורן) — ישראל
טורצ'יניוק, שולה (מושקט) — ישראל
כץ, רבקה — ישראל
לייקעד, ניסל — ישראל
לייקעד, משה (פרספה) ואשתו איטה — ארה"ב
לייקעד, לייביש — נפל כחייל בצבא האדום
לינדבוים רבקה (מפרספה) — ארה"ב
ליקוורניק (רופא שיניים) — נפטר בפולין
מונק, יוסל — ארה"ב
מלמד, פוליה (דיכטר פפי) — נפטרה בחיפה
סערטשוק, סלאֲווע — ארה"ב
סערטשוק, יאַסל — ארה"ב
פיישטער, יהודה — ישראל
פליישר, אייזיק — ישראל
פוקס, לאה (לנגר) — ישראל
פריגל, אברהם — ישראל
פטרושקה, יחיאל — ישראל
פפר, אפרים ובנו (מליבטש) — ישראל
פישמן, מנדל — קנדה
פישמן, גולדה (פרימאק) — קנדה
פקר, רייזל (בייזר)
פרימאק, יקותיאל — קנדה
קאמין, ליפשה (וידרה) — נפטרה אחר המלחמה
קנפר, צ'רנה — נרצחה ע"י האוקראינים בברזולופ כחצי שנה אחר בוא הרוסים
קנפר, שושנה (חדש) — ישראל
קנפר, יחזקאל (מפרספה) — נפל כחייל בצבא האדום
קנפר, יצחק — ישראל
רוזנבוים, יהודית (מזור) — ישראל
רוזנבוים, סוניק — ישראל
רויטר, צבי — ישראל
רויטר, מינדל (קליינמן) — ישראל
רובינשטיין, מינה (מאוליאנק) — בנה נשאר אצל הגויים
שר, פייגה (רוזן) — ישראל
שר, רחל (דונגי) — ישראל
שר, יהודה (אידל) — נפל כחייל בצבא האדום
שניידר, ברל — ישראל
שניצר, בנימין (מקריבאט) — ישראל
שניצר, פסח (מקריבאט) — ישראל
שטיינברג, סנדר — ישראל
שווארץ, יאַסל — נפטר בישראל
שווארץ, משה — ישראל
שכטמן, אהרון (מרידקה) — נפל בצבא האדום
שפיגל, בת־שבע (קינן) — ישראל

הבתים, שהיו שייכים בעבר ליהודים יצאו נכריות ובידיהן דליים מלאים מזון בשביל חזירים.

בכל העיירה לא ראיתי אף יהודי אחד. למרות שידעתי על האסון הנורא של יהודי העיירה ולא היו לי אשליות, נראה לי המחזה הזה של רוז'ישץ' ללא יהודים, כדבר בלתי־טבעי. הייתכן הדבר הזה? נראה, שבעמקי נפשי היה עוד קיים זיק של תקוה: אולי בכל זאת אראה לפחות יהודי אחד... עצב ויגון עטפו אותי ולא מצאתי לי נוחם...

היכן היהודים מן המניין הראשון

אני זוכר, כשהיו מגיעים לפני השואה לפנות בוקר לרוז'ישץ', היו פוגשים ברחובות העיירה יהודים עם טלית ותפילין תחת בית שחיים; אלה הלכו מן המניין הראשון שבבית־הכנסת ז'אליבוב; אחרים הלכו בזמן הזה להתפלל לבתי־הכנסת הרבים שהיו בעיירה. ראית יהודים הולכים בכל הכיוונים. היום פגשתי רק גויים, גויים שנשאו דליים להאכיל בעלי חיים וגם מן החלונות הציצו עיניים סקרניות של גויים.

ביתו של משה באלר, שהיה בעבר בעל קומה אחת, היא עתה בן שתי קומות. בביתו של גורנשטיין נמצא המשרד, העוסק בריכוז התבואות שבסביבה.

ראיתי שהגויים מסתכלים עלי בסקרנות. מה עושה יהודי בעיירה הזאת? זוהי בשבילם תופעה חדשה. בעיירה נשארו יהודים מעטים מאוד, וכולם מכירים אותם. אולם מיהו היהודי האלמוני הזה?

ניגשה אלי גוייה ושאלה:

„אתה מרוז'ישץ'?"

„כן", עניתי.

„אולי יש לך בית למכירה?"

כשעניתי שאין אני סוחר בבתים — הסתלקה חיש־מהר.

מיטשיק וגרישקה

הייתי זקוק למיסמך, שהייתי בעבר תושב רוז'ישץ'. אמרו לי שפאבל מיטשיק יכול לתת לי מיסמך כזה. הוא קיבל אותי יפה, הציג אותי בפני האנשים מסביבו, כמי שהיה תושב רוז'ישץ'.

שוחחתי אחר־כך עם גויים רבים בעיירה. הכרתי עובד קולנוע, שהמשיך לעבוד במקצועו. הוא הצביע על בתים אחדים ואמר:

„כאן היה גר ישעיהו פטרושקה, לייביש סאס, משה האמריקאי, וולוול שפיגל. תיתקל בוודאי בשכנים נוצרים רבים, שאתה מכירם, או שהם יכירו אותך. כל אחד ירצה לשכנע אותך, שהוא הציל יהודים, או לפחות הסתיר כמה יהודים. אל תאמין להם! היתה שחיטה, שבה לקחו חלק 90 אחוז מן התושבים המקומיים. אחדים עשו זאת משנאת ישראל, ואחרים מאהבת בצע. אין ביניהם אחד שהציל יהודי ממוות!".

אחר־כך הסתובבתי יום שלם. חיפשתי מקום לינה. נסעתי לקופאצ'יבקה, כ־50 ק"מ מרוז'ישץ', מקום מגורי בעבר. נכנסתי לגוי, שהכרתי מלפני המלחמה. הוא הכיר אותי מייד. ראיתי את המבוכה בפניו.

„כולם נרצחו", סיפר לי, ברצותו לנקות עצמו מכל אשמה, הוסיף, שבמרתפו התחבאו יהודים, וכי היה מביא אוכל ליער, ליהודים שהתחבאו שם. מייד הכרתי, שאלה הם דברי שקר ותו לא.

בקיצור, מיטשיק נתן לי את האישור המבוקש, ועל סמך זה קיבלתי רשות לצאת לפולין.

יזכור...

ערשטע אזכרה נאכן חורבן

די ערשטע אזכרה אין ניי־פריימאן

באַלד נאָך דער מלחמה, ווען דער בייזער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט און מיר, די על־פּי־נס לעבן־געבליבענע רעשטלעך, זענען אַרויס פון אונדזערע באַהעלטענישן, האָבן מיר דערזען דעם מוראדיקן סך־הכל, וואָס האָט אונדז אויפגעטרייסלט: זעקס טויזנט יידן פון אונדזער שטעטל, אייגן פלייש־און־בלוט, זענען דערמאָרדעט, פאַרברענט און אויף אַנדערע אכזריותדיקע אופנים אומגעבראַכט געוואָרן.

אין אָנבליק פון גרויסן בראָך, אין טיפן צער און וויי, האָבן מיר זיך געפילט ווי שולדיק, וואָס מיר אַליין זענען געבליבן לעבן. דער גורל האָט אונדז געבראַכט קיין מינכן, אין פּליטים־לאַגער ניי־פריימאַן.

מיט אונדז זענען געווען אייניקע ראָזשישטשער: מאַטל און פייגע גרינבוים מיט זייער זון משה, מיר — מענדל און מירל שאַמעס און אונדזער זון אייזיק, און יידל וואלדאָקס פון קאָפּאַטשיווקע.

מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און גערעדט פון אונדזער שטעטל. אין זעלבן אָוונט איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק מאכן אַן אזכרה פאַר אונדזערע קדושים.

מיר האָבן געגעבן אַ מעלדונג אין צייטונג וועגן דער אזכרה. אויף דער מעלדונג האָבן זיך אָפּגערופן פיל מענטשן. פון נאָענט און ווייט זענען געקומען יידן צו דער אזכרה, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 23־טן אויגוסט 1947. אייניקע זענען געפאָרן עטלעכע טעג. פרוי שרה קאָפּיט איז אָנגעקומען צוויי טעג נאָך דער אזכרה.

צו דער אזכרה זענען געקומען: זעליג בערעז, מאָטל און פייגע גרינבוים, בערל שניידער, מאָטל דאָלגאָפּאָליוק, מאָטל גרופּערמאַן, אַנשל גאָן, אהרון ריוועץ, מענדל און מירל שאַמעס, לייקאָך פון פּערעספּע, יאָסקע וואלד, יאָסל מונק, הערשל לערער, יידל וואלדאָקס, הערשל רויטער און פרוי, מאָטל דער חזן פון פּאָזשאַרעק, יאַסקע קליינבאַרד און עטלעכע קאָפּאַטשיווקער יידן.

דער לערער פּסח ספּעקטאָר, וועלכער האָט פאַרנומען אַ הויכן אַמט אין דער „אונררא", האָט אונדז געגעבן אַ זאַל. מיר האָבן באַקומען פאַר יעדן אָנטיילנעמער אַ ליכט, וואָס יעדער האָט מיט טרערן אָנגעצינדן. נאָכן זאָגן קדיש בציבור, זענען אַלע אָנטיילנעמער געקומען צו אונדז אין וווינונג, און מיר האָבן אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט, אין וועלכן ס'זענען אַריין: בערל שניידער, מענדל און מירל שאַמעס און יידל וואלדאָקס.

מיר האָבן צונויפגענומען אַביסל געלט, געשאַפן אַ גמילות־חסדים קאַסע און אָנגעהויבן אַ הילפס־טעטיקייט פאַר אונדזערע לאַנדסלייט.

מירל שאמעס



שארית הפליטה בישראל מעלה זכר קדושי רוז'ישץ'



באספת זכרון בבית־רוז'ישץ' מכבד הקהל בקימה את זכר הקדושים.



לאה גביש מדליקה נר־יזכור באזכרה בבית־רוז'ישץ'.



אוטובוס מיוחד הסיע את חברי ארגון יוצאי רוז'ישץ' לירושלים לטקס גילוי הלוט מעל לוח־הזכרון על הר־ציון ביולי 1965. בין האורחים — מירל ומנדל שאמעס מקאנאדה.



המשתתפים במסע האוטובוס המיוחד לגי־
לוי לוח הזכרון בהר־ציון.







במרתף השואה על הר־ציון



גושה רבין עורך אזכרה על הר־ציון מול לוח־הזכרון.



לפני הסרת הלוט מעל לוח־הזכרון



לוח־הזכרון לקדושי רוז'ישץ' על הר־ציון.



מנדל שאמעס מסיר את הלוט מעל לוח־הזכרון.

ערשטע אזכרה אין קאנאדע



די ערשטע אזכרה אין קאנאדע, יולי 1958. צווישן די באטייליקטע: בינעם מילער (מל־מד), יקותיאל פרימאק, מענדל שאמעס, גאלדע פישמאן, סאל מילער, פיי צוקערמאן, פנינה מילער, סאניע בערגער, מירל שאמעס, סאניע מילער ז"ל, סאניע ווערבע, לייוועגט.

שארית הפליטה

ארגוני יוצאי רוז'ישץ' בעולם

*

ראזשישטשער
לאנדסמאנשאפטן

שארית הפליטה
של יוצאי רוז׳ישץ׳

יוצאי רוז׳ישץ׳ מפוזרים בכל העולם. בישראל הם מונים 250 משפחות. אם נקח בחשבון את צעירי הדור השני, שעלו לארץ כילדים או שנולדו בה, יהיה מספרם קרוב לאלף.

ממקומות אחרים אין לנו מספרים מדויקים, אך ידוע שבארצות הברית רב מספרם של יוצאי רוז׳ישץ׳; בבראזיל יש כ־30 משפחות; בקנדה — כ־15 משפחות; באַרגנטינה — כ־5 משפחות; בלונדון משפחה אחת, משפחת פלאש; בפאַריס — טאָלי ליבערמאַן ומשפחת אוועגטשוק; באיטליה יעקב באָרטניק; בפורטוגל — משפ׳ קאצאן.

קיים קשר טוב בינינו ובין חברינו שמעבר לים. הם מבקרים בישראל בבית־רוז׳ישץ׳ ויש מהם המקיימים אתנו קשר מכתבים. הם רשמו את יקיריהם על „לוח־הזכרון" הקבוע באולם האספות ורבים מהם משתתפים בספר־יזכור זה.


ישראל

מרכז עולמי ליוצאי רוז׳ישץ׳ בעולם

שארית הפליטה של יהודי רוז׳ישץ׳ זכו להקים מרכז עולמי שלהם בישראל. בית־רוז׳ישץ׳, שהוקם בתל־אביב בעזרת יוצאי רוז׳ישץ׳ בעולם כולו, משמש בית חם ומקום־מיפגש לכל יוצאי רוז׳ישץ׳ בתפוצות. אנשי העיירה הזאת, שהצליחו להימלט מן השואה הנוראה, באים לישראל לעיתים קרובות, כדי להיפגש עם ידידים וחברים מילדות, וכדי להכריז על הקשר שלהם עם העבר ועל הזיקה הנפשית והנאמנות למדינת ישראל.



ארגון יוצאי רוז׳ישצ׳ה בישראל



לכב׳ הח׳ . וב״ב

הזמנה

ח״נ

אנו שמחים להזמינכם לחגיגת **הנוכת־הבית** של בית רוז׳ישצ׳ה בתל־אביב, ברח׳ קרליבך 9, (המאספים 2)

שתתקיים במוצ״ש 11 במרס, 1961 בשעה 7.00 בערב

בחגיגה ישתתפו אורחינו היקרים

1. מרת סוניה ברגר (גרברסקי)	יו״ר ועדת הבנין
2. מרת מירה׳לה שאמעס (חיים)	חברת היעד בקנדה
3. מר שלמה מילר ורעיתו	יו״ר ארגון הרוז׳שצ׳אים בקנדה
4. מר ברל גלרשטין	יו״ר ארגון הרוז׳שצ׳אים בניו־יורק
5. מר סניה ציקרמן ורעיתו	נשיא כבוד של הארגון בקנדה
6. מר יעקב ארליך	חבר היעד בקנדה
7. מר השיל קאצאן	אורח מפורטוגל
8. מר שיסטאק אהרן	חבר הארגון בקנדה
9. מר פיליפ קנס ורעיתו (פרלמוטר)	וושינגטון

בתכנית:

1. גזירת הסרט – הגב׳ סוניה ברגר
2. פתיחה – אבנר רהמיאלי (סיוול שקירניק)
3. אזכרה – משה רבין
4. קריאת מגלת היסוד – מר שלמה מילר
5. סקירה על פעולות הארגון ומצבו – אריה כרמיר
6. ברכות
7. דרישות־שלום מבני עירנו בעולם
8. מסירת המפתח של הבית - גרברסקי משה
9. הקרנת סרטי הכינוסים של בני עירנו בקנדה ובניו־יורק
10. הופעת אמנים – נג׳נה ישירה

האולם יפתח למפגש רעים בשעה 6.00
המקן למברקים "בית רוז׳ישצ׳ה" א. כרמיר אבן גבירול 186
אוטובוסים: 5, 12, 17

בברכת חברים
ועדי הארגונים בקנדה,
ניו יורק וישראל

חנוכת המטבח של בית־רוז׳ישץ׳, הנושא את שמה של סוניה מילר ז״ל. מירל ומנדל שאַמעס גוזרים את הסרט.

מגילת־היסוד של בית רוז׳ישץ׳

חברי הוועד והמועצה

(אוגוסט 1964)

חברי כבוד

1. לאה גביש (גלאזער)
2. זאב ארליך
3. שמואל וארקוביצקי

חברי הוועד

1. אבנר רחמיאלי — יושב־ראש
2. דניאל גולומבקה — סגן יושב־ראש
3. משה גלר — מזכיר
4. משה גראבארסקי — גזבר ויו״ר קופת גמילות־חסדים
5. משה רבין
6. רחל גוטליב (פיישטר)
7. שושנה חדש (קאנפר)
8. צבי אורן (אלטער סאַסנע)
9. אהרון ריבץ

חברי המועצה

10. יואליק קצן
11. ברוך קורן (קאַס)
12. חיים בורושק
13. צבי אַדוואק
14. פנינה קורן (טאַרטשינייוק)
15. אליהו בירמן
16. טוביה שוחט (טייוול)
17. יעקב פלאש
18. חנה לויטין
19. משה קלימבורד
20. שושנה זילבר (חזן)
21. בלה יערי (חזן)
22. שרה צוקרמן (בקר)
23. חנה שפיגל (טשארנע) — נציגת חיפה
24. אשר הררי (גלר) — נציג ירושלים

אנו הח״מ, יוצאי העיר רוז׳ישץ׳, וולין, החיים בישראל ונציגי אלה הגרים בקאנאדה, ארה״ב, בראזיל, ארגנטינה ובארצות אחרות, התאספנו הערב בחגיגה זו, כדי לייסד את בית־רוז׳ישץ׳.

עברו למעלה מ־18 שנה מאז נטבחו כ־8 אלפי יהודי עירנו והסביבה באופן אכזרי ע״י הנאצים והאוקראינים ימ״ש ביום י׳ אלול תש״ב, ועד היום אין ציון בעולם כולו לזכרם הקדוש.

הערב, מוצ״ש 11.3.1961, בשנת הבר־מצוה למדינת ישראל, אנו חונכים את הבית ומקדישים אותו לזכר הקהילה היהודית, שנספתה יחד עם 6 מיליוני יהודי אירופה.

בית זה יהיה בית מועד ליוצאי עירנו, למפגשים חברתיים, למסיבות, לקבלות פנים לאורחים מחו״ל וכו׳. כאן יקוימו האזכרות מדי שנה בשנה, כאן יירשמו שמות הקדושים בספר הזכרון ויוקם מוזיאון לשמירת התעודות ודברי הזכרון, שיש להם ערך היסטורי לקהילה שהושמדה.

בבית זה יקוימו פעולות תרבות כלליות למבוגרים ובעיקר לנוער הלומד — הרצאות, תערוכות, כינוסים וכו׳. כאן תוקם ספריה עם מדור מיוחד שיכיל את ספרות השואה.

אנחנו, הנציגים מחוץ־לארץ, נוסיף לעזור לצייד את הבית ולהפעילו והועד הישראלי ידאג שהבית ימלא את תפקידו בכבוד.

ישמש הבית מצבת זכרון לאסון האומה ומי יתן ובאי הבית הזה ילמדו לזכור את אשר עשה לנו עמלק של דורנו, ותתעורר הדאגה והמחשבה למען לא יקרה כדבר הזה שנית.

לא אמות כי אחיה — עם ישראל!!!

תל־אביב, מוצ״ש, כ״ב באדר תשכ״א, 11 במרס 1961.

גרינדונגס־מגילה פון בית־ראזשישטש

מיר, די אונטן אונטערגעשריבענע ראזשישטשער לאנדסלייט, וואס לעבן אין ישראל און די פארשטייער פון די, וואס וווינען אין קאנאדע, פאראייניקטע שטאטן, בראזיל, ארגענטינע און אנדערע לענדער, האבן זיך פארזאמלט היינטיקן אוונט, כדי צו גרינדן דעם בית־ראזשישטש.



הדלקת נר־זכור באזכרה לקדושי העיר

שוין אריבער 18 יאר זינט ס׳זענען אכזריותדיק אומגעבראכט געווארן 8 טויזנט יידן פון ראזשישטש און אומגעגנט, דורך די בארבארישע נאציס און אוקראינער — און אויף דער גאנצער גרויסער וועלט איז נישטא קיין צייכן פאר זייערן הייליקן אנדענק.

היינט, מוצאי־שבת, דעם 11.3.1961, אין דעם בר־מצוה־יאר פון מדינת־ישראל, באניי׳ען מיר דעם בית־ראזשישטש און מיר ווידמען אים דעם אנדענק פון די קדושים, וואס זענען אומגעקומען צוזאמען מיט די 6 מיליאן יידן פון אייראפע.

דער בית־ראזשישטש וועט זיין א מאנומענט און וועט דינען פאר אונדזערע לאנדסלייט א צענטער פאר געזעלשאפטלעכע צוזאמענטרעפן, אזכרות א.א.וו.

דא וועלן פארשריבן ווערן די נעמען פון די קדושים אין אן אנדענק־בוך און ס׳וועט געשאפן ווערן א מוזעאום, אין וועלכן ס׳וועלן געהיטן ווערן היסטארישע דאקומענטן פון דער חרובער קהילה.

אויך וועט אין בית־ראזשישטש געפירט ווערן אן אלגעמיינע, קולטורעלע טעטיקייט פאר דערוואקסענע און יוגנט: פארלעזונגען, אויסשטעלונגען, צוזאמנטרעפן א.א.וו.

ס׳וועט אויפגעשטעלט ווערן אן אלגעמיינע ביבליאטעק מיט א ספעציעלער אפטיילונג פאר דער ליטעראטור, וואס באשרייבט דאס לעבן און אומקום פון די יידן אין פוילן און אין גאנץ אייראפע.

מיר, די פארשטייער פון אונדזערע לאנדסלייט אין אויסלאנד, וועלן אויך ווייטער העלפן אויסשטאטן דעם בית־ראזשישטש און דער ישראל־קאמיטעט וועט זארגן ער זאל געפירט ווערן בכבודיק און זאל ווירדיק טראגן זיין נאמען.

דער בית־ראזשישטש דארף זיין א דענקמאל, וואס וועט נישט לאזן פארגעסן דעם שרעקלעכן אומגליק פון אונדזער צייט און דארף אונדז דערמאנען דעם הייליקן געבאט:

לא אמות — כי אחיה!!!

תל־אביב, מוצ״ש כ״ב באדר תשכ״א, 11.3.1961.

ראשי המדינה בבית רוז'יישץ'


נשיא המדינה
בבית רוז'ישץ'

נשיא המדינה מר זלמן שזר ביקר בתערוכת חב"ד לתודעה יהודית, שנערכה באולם „ניר" בתל־אביב.


הנשיא קיבל הסברים מפי מנהל התערוכה מר יצחק גינצבורג וגילה התעניינות רבה בנושאים המוצגים. את פני הנשיא קיבלו רבים מראשי תנועת חב"ד בארץ אשר באו במיוחד לתערוכה.

תוך כדי סיורו העיר הנשיא למלוויו, כי יש להוסיף מוצגים והדגמות כדי שהדברים יהיו מובנים למבקרים שאינם בקיאים ביהדות.

מר אבנר רחמיאלי, יו"ר ארגון יוצאי רוז'ישץ', הסביר לנשיא, כי האולם השייך לאגודה מוקדש לזכר קדושי העיר. השם „ניר" הינו ראשי תיבות — נר יהודי רוז'ישץ', שבחבל וואָלין שבפולין.



מר דוד בן־גוריון ז"ל משוחח עם יצחק רבין בנשף הפרידה שנערך לאשר בן־נתן לפני יציאתו למקום־כהונתו בגרמניה, שם כיהן שגריר ישראל ראשון. נשף הפרידה נערך בבית־רוז'ישץ', הנמצא באחד המקומות המרכזיים בתל־אביב.



יו"ר ארגון יוצאי רוז'ישץ', אבנר רחמיאלי, מקבל את פני הנשיא.




חסידי חב"ד משוחחים עם הנשיא זלמן שזר.

הפעילות בבית רוז'ישץ'

בבית־רוז'ישץ' נערכות מסיבות קבלת־פנים לאורחים הבאים מחוץ־לארץ וחגיגות וארועים חברתיים אחרים. כאן עורכים את האזכרות לחללי עירנו, האספות הכלליות של הארגון והבחירות לוועד. כאן מתקיימות ישיבות הוועד, המועצה והוועדה של קופת גמילות־חסדים. בית־רוז'ישץ' הוא גם מקום־מושבה של מערכת „ספר רוז'ישץ'" ובו נעשה עיקר איסוף החומר; בו גם נערכו פגישות רבות עם חברים לרישום זכרונותיהם, איסוף מיסמכים וכל חומר אחר בשביל הספר.

חשיבותו המיוחדת של בית רוז'ישץ' הוא בכך, שהוא מהווה מרכז ומקום מיפגש ליוצאי רוז'ישץ', הפזורים בעולם כולו. כאן הם נפגשים בהזדמנויות שונות ומחדשים את זכרונותיהם מתקופת חייהם בעיירה. הודות לכך נוצרה ההרגשה אצל יוצאי העיירה בעולם כולו, שהם מהווים משפחה גדולה אחת שכתובתם היא בית רוז'ישץ' בתל־אביב.

כל אחד מיוצאי רוז'ישץ' בעולם כולו הבא לביקור בישראל מתקבל בחמימות על ידי חברי הארגון בישראל ונערכת מסיבה לכבודו.



אשר בן־נתן נפרד ממרדכי נמיר.

קהילת „קדם"

החל מחודש אוגוסט 1968 משמש בית־רוז'ישץ' גם מקום מושבה של הקהילה ליהדות מתקדמת „קדם", ששכרה אותו חלקית.

אנשי הקהילה מקיימים בו בית־כנסת, שעורי תלמוד ותנ"ך וחוגים לבני־מצווה ונוער.

מלבד התפילות בימי שבת ובחגים מקיימת קהילת „קדם" הרצאות, ערבי הסברה, מסיבות בר־מצווה וארועים חברתיים־תרבותיים אחרים.



אשר בן־נתן ליד עוגות־הפרידה

תכניות לעתיד

לאחר הופעת ספר־רוז'ישץ' והפצתו בין יוצאי העיר בעולם כולו, יש בדעתנו להרחיב את פעולת הארגון. החלטנו:

א. לייסד ספריה גדולה;
ב. להקים קרן מילגות לתלמידים מצטיינים;
ג. להרחיב את אולם האסיפות במידה ניכרת על־ידי בניית מרפסת סגירה לצד החצר.



פולה בן־גוריון בשיחה עם דבורה נמיר

די טעטיקייט אין בית־ראַזשישטש



ב׳ת־רוז׳ישץ׳ בימיו הראשונים: בני פישמן וקבוצת ידידים.

אין בית־ראָזשישטש אָרדנען מיר איין פייערלעכע באַגעגענישן לכבוד געסט וועלכע קומען פון אויסלאַנד. דאָ אָרדענען מיר איין די יערלעכע הזכרות נאָך די קדושים פון קהילת ראָזשישטש, די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און די וואַלן פון ועד.

דאָ קומען פאָר די זיצונגען פון ועד און פון דער גמילות־חסדים קאַסע. אין בית־ראָזשישטש האָבן מיר אויך געפירט די זיצונגען פון די רעדאַקציע און געשפּרעכן מיט פאַרשידענע מענטשן וועלכע אַרבעטן פאַרן ספר־ראָזשישטש. דאָ זענען אויך פאָרגעקומען באַגעגענישן מיט חברים מיטן צוועק צו פאַרשרייבן זייערע זכרונות, און זאַמלען דאָקומענטן און אַנדער מאַטעריאַל פאַרן בוך.

די קהילה „קדם״

שוין אַ געוויסע צייט ווי מיר פאַרדינגען דעם זאַל טיילווייז צו דער יידישער פּראָגרעסיווער קהילה „קדם״, וואָס, אַחוץ דעם דאַוונען אין שול אין שבתים און ימים־טובים, קומען דאָרט פֿאָר קרייזן פֿאַר תנ״ך און תלמוד, קרייזן פֿאַר בר־מצוה קינדער און אַנדערע באַגעגענישן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן און קולטורעלן כאַראַקטער.

קבלת־פּנים לסוניה ולואי ברגר מקאנאדה.



פלענער אויף די צוקונפט

נאָך דעם ווי דער ספר־יזכור וועט אָפּגע־דרוקט ווערן און וועט אויף אַ פייערלעכן אופן איבערגעגעבן ווערן אונדזערע חב־רים אין ישראל און אויסלאַנד, האָבן מיר בדעה צו פירן אונדזער טעטיקייט אין דער צוקונפט לויט דעם פאָלגענדן פּלאַן:

א. אויפשטעלן אַ ביבליאָטעק, ווו ס׳וועלן קאָנצענטרירט ווערן ביכער פון אַ פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער, פאַר סטו־דענטן און פאַרן ברייטן עולם.

ב. פראָקלאַמירן אַ פאָנד פאַר סטיפּענדיעס פאַר אויסגעצייכנטע תלמידים.

ג. פאַרגרעסערן דעם בית־ראָזשישטש דורכן פאַרבויען דעם שטח פון הויף נאָכדעם ווי די תל־אביבער שטאָט־פאַרוואַלטונג וועט אונדז געבן די געהעריקע דערלויבעניש.

אָרגאַניזירן דעם צווייטן דור, די יוגנט־לעכע, און אַנבינדן אַ לעבעדיקן קאָנ־טאַקט צווישן זיי און בית־ראָזשישטש.







למעלה: מסיבת יום העצמאות ה־20 בנוכ־חות אורחים מחו״ל.

למעלה: מסיבה לכבוד יום העצמאות ה־20 בנוכחות אורחים מחו״ל.

למטה: הקהל באולם בחגיגת חנוכה תשי״ח.



הקהל באולם שותה „לחיים" עם אורחים מחו"ל.



קהל חוגגים ליד שולחנות ערוכים.



מראה באולם. בין הראשונים: בנימין כץ, איטה וארקוביצקי, פריידה פולישוק ז"ל, צבי רויטר, שרה בקר־צוקרמאן ועוד בני עיר.



משה רוזנבוים ז"ל מברך את האורחים
סוניה ולואי ברגר במארס 1959.



האורחים בייטש מרוז'ישץ' ומוטל שקורניק
מבראזיל בבית־רוז'ישץ'.



יוסקה ואלד ואשתו בבית־רוז'ישץ'. בין
הקהל נראים: אלי בירמאן, סנדר שטרנברג
ועשרות חברים מחו"ל ומהארץ.



מסיבה לכבוד גולדה ויענקל שעווץ ז"ל בשנת 1967. ראשון משמאל הסופר יואל פרל (מלוצק). מינדל־שרה, אשתו, שרה שירי־עם.



מאיר ומריאסיה וייסברג מקבלים שי־זכרון מבית־רוז'ישץ' באפריל 1963.



עם אורחים מחו"ל: יוסקה ואלד ורעייתו, מאָטל ומאליה וייסברג, אורצי חזן ויעקב בארטניק (מאיטליה) ביום־העצמאות של שנת 1964.



אורצי חזן מודה על קבלת־הפנים הנאה שנערכה לו. ליד השולחן: בארטניק (מאי־טליה), מאָטל ומאליה וייסברג, לאה גביש (גלאזר), יאסקה ואלד ואשתו, ועוד.



אורחים בבית־רוז'ישץ'. מסיבה לכבוד האור־חים באב גלרשטיין מניו־יורק, פיליפ פרל־מוטר מדנוור, מנדל ובריינדל וואליק וגדליה פרידלין מסאן־פאולו.



מסיבה לכבוד באב ודורה גלרשטיין מניו־יורק, מאיר ומריאסיה וייסברג̀ וגדליה פרידלין מבראזיל.



קבלת־פנים לכבוד בייטש שבאה לביקור מרוז'ישץ', ולכבוד מוטל שקורניק מריו די־ז'אניירו. בתו של יענקל סמוליאר, שרה שירי־עם.



זאב ארליך מברך את האורחים מחו"ל.



צבור יוצאי רוז'ישץ' מקבל פני אורחים מחו"ל בבית רוז'ישץ'.

שלמה גראבארסקי ז"ל מברך את האורחים מירל ומנדל שאמעס מקאנאדה. שלמה (בתמונה למטה) היה ספורטאי ידוע ברוז'ישץ' לפני השואה ובישראל היה חבר פעיל בארגון יוצאי רוז'ישץ'. שלמה גראבארסקי נהרג בארץ בתאונת דרכים.








קבלת־פנים לכבוד מאטל גארבוז ז"ל.



סוניה ולואי ברגר בחזית לוח הזכרון בבית־רוז'ישץ'.





מסיבת־חנוכה בשנת 1970 לכבוד 6 זוגות צעירים שהתחתנו בשנה ההיא, ולכבוד יובל השמונים של הח"ח ציפה קאצאן ז"ל וזאב ארליך, ייבדל לחיים ארוכים. הזוגות ובעלי היובל קיבלו שי מן הארגון. בתמונה העל־יונה מקבל זוג צעיר שי מטעם הארגון.




קהל החוגגים בחגיגת חנוכה.



מסיבת יום העצמאות בשנת 1964.

חברים פון אויסלאנד באגריסן

סאניע און לואי בערגער, פרעזידענט פון בוי קאמיסיע אין קאנאדע



לעאנארד בערגער, זון פון סאניע (גראבארסקי) און לואי בערגער, פון סארניע, קאנאדע, האָט געשפענדעט אַלע מתנות וואָס ער האט באקומען צו זיין בר־מצווה, פארן בית־ראָזשישטשש. די גרויסע סומע געלט האָט דערמעגלעכט קויפן דעם גרויסן זאַל.

צום ועד אין ישראל.

מיט גרויס פרייד און פאַרגעניגן לאָז איך אייך וויסן, אַז לואי האָט גענומען אויף זיך צו זיין דער פרעזידענט פון בוי־קאָמיסיע און שאַפן דעם פאָנד פאַר בית־ראָזשישטש. איך האָב אים צוגעזאָגט העלפן מיט וואָס ס׳וועט זיין מעגלעך.

ער האָט זיך אונטערגענומען די שווערע אַרבעט, ווייל ער האָט ליב דאָס לאַנד און אונדזערע ראָזשישטשער לאַנדסלייט. מיר וועלן האָבן גרויס פאַרגעניגן צו קומען קיין ארץ ישראל צו דער עפנונג פון בית ראָזשישטש.

געשעצטער ועד, איך האָב פאַר אייך אַ גוטע ידיעה. מיר גייען מאַכן אַ בר־מצוה פאַר אונדזער זון לעאָנאַרד און מיר וועלן איינלאַדן אַלע ראָזשישטשער פון קאַנאַדע און פאַראייניקטע שטאַטן.

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז דאָס גאַנצע געלט וואָס אונדזער זון וועט קריגן אַלס מתנות, וועט גיין צום ראָזשישטשער קאָמיטעט אין ישראל פאַרן בית־ראָזשישטש אַלס אַ מצבה פאַר זיין זיידע און באָבע.

וועגן געלט זאָלט איר נישט זאָרגן. לואי זאָגט, אַז אויב איר האָט געקענט אויסקעמפן אַן אייגן לאַנד, וועלן מיר קענען שאַפן דאָרט אַן אייגן ווינקל. מיר האָפן, אַז מיר וועלן אַלץ דערגרייכן.

סאָניע בערגער.



אויפנאַמע לכבוד סאניע און לואי בערגער מערץ 1959. אויפן בילד: סאניע און לואי בערגער, ל. גראבארסקי׳ און פרוי, חיים גראבארסקי און פרוי, צפורה און שמחה (ז״ל) ראזען, שמחה זוברמאן ז״ל, שלמה גראבארסקי ז״ל, חיים בארושעק, אריה מארמור, משה גראבארסקי און אברהם ציטרין ז״ל.





קבלת־פנים לכבוד סוניה ולואי ברגר.



סוניה ברגר מודה למברכים בקבלת־הפנים.



סוניה ולואי ברגר והקהל רוחדים הורה.



מסיבת קבלת־פנים לבאב ולדורה גלרשטיין מניו־יורק באפריל 1963.

בערל געלערשטיין — ערשטער פארזיצער פון ראזשישטשער קאמיטעט אין ניו-יארק און פון בוי-קאמיטעט

...די גאַנצע צייט האָב איך געשטרעבט אויפבויען אַ מאָנומענט אין ישראל, אויפן נאָמען פון אונדזערע טייערע קדושים.

דעם 9־טן יאַנואַר 1960 זענען אויף מאָטל גארבוזעס זונס בר־מצוה געקומען אַסאַך לאַנדסלייט פון אַמעריקע און קאַנאַדע און ס'איז געווען אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער, מאָראַלישער און פינאַנסיעלער דערפאָלג.

אונדזערע לאנדסלייט האָבן זיך גערן פאַרפליכטעט צו גרעסערע סומעס געלט און מיר זענען יעצט זיכער, אַז מיר וועלן קענען איפבויען אַ פראַכטפולן מאָנומענט, אַלס זכר פון אונדזערע פאַרלוירענע, אָבער ניט־פאַרגעסענע, טייערע.

גלייכצייטיק וועט דער מאָנומענט זיין אַ קולטורעלער צענטער פאַר אייך אין ישראל און פאַר געסט, וואָס וועלן קומען צו אייך פון אויסלאַנד.

באגריסונג צום חנוכת־הבית

מיר אַלע, די גרעסטע גרופע פון ראָזשישטשער אין דער וועלט, וואָס איז קאָנצענטרירט אונטער איין דאַך, האָבן זיך צוזאַמענגענומען צו פאַראייביקן אונדזערע פאַרלוירענע אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסענע ליבסטע און טייערסטע.

מיר ווידמען דעם בית־ראָזשישטש אַלס מאָנומענט פאַר די קדושים און באַשטימען אים אַלס אַן אָרט פאַר קולטורעלע און סאָציאַלע טעטיקייט.

מיין פרייד, זעענדיק דאָס אַלץ, איז אומבאַגרענעצט. דער געדאַנק וועגן בית־ראָזשישטש איז געבוירן געוואָרן ביי מיר אין שטוב, אין ניו־יאָרק, אין אַ געשפּרעך מיט פייוול שקורניק. פון דעם מאָמענט אָן, האָבן מיר אַלע ראָזשישטשער אין ניו־יאָרק, קאַנאַדע און ישראל געאַרבעט אונערמידלעך צו דערלעבן דעם היינטיקן טאָג. יעצט איז עס אייערס, אין אַ מזלדיקער שעה, און נוצט דאָס געזונטערהייט פאַר אייערע אייגענע צוועקן.

גלויבט מיר, אַז דאָס איז ביי מיר דער צווייטער גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן. דער ערשטער טאָג איז געווען ווען איך האָב געזען די זון אויפשיינען אין אונדזער לאַנד — און איצט, אַז איך זע אייך אַלע דאָ, וויל איך אויסשטרעקן מיינע הענט און דרוקן איין אַלעמען צו מיין האַרצן.

זאָל היינטיקער אָוונט זיין דער אָנהייב פון אָפטע טרעפונגען מיט אייך.

שלום



באב ודורה גלרשטיין מניו־יורק במחיצת חברים בבית־רוז'ישץ'.

חיים פעפער — ארגענטינע

...מיר בויגן מיט יראת־הכבוד דעם קאָפּ פאַר אונדזערע געפאַלענע, וועלכע מיר וועלן שוין קיינמאָל מער נישט זעען און פון זיי קיין וואָרט נישט הערן. דאָס קלענסטע וואָס מיר קענען טאָן, איז אויפשטעלן אַ דענקמאָל, אַ בית־רוז׳ישץ׳.



מירעלע שאמעס

מירעלע שאמעס — מיטגליד פון קאנאדער קאמיטעט

אַ שטעטעלע איז חרוב געוואָרן. זעקס טויזנט יידן זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַן אונמענטשלעכן אופן, צווישן זיי אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, אונדזערע פריינט און חברים. ווי קענען מיר זיי פאַרגעסן?

„זכור מה שעשה לך עמלק״ — געדענקט וואָס די היטלעריסטישע רוצחים האָבן געטאָן צו אייך און איר זאָלט קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

סאל מילער (שלמה מלמד) — פרעזידענט פונעם ראזשישטשער קאמיטעט אין קאנאדע

אויפן אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר פון ראַזשישטשער לאַנדסלייט אין קאַנאַדע און פאַר־אייניקטע שטאַטן, 5־טן יוני 1959:

...אונדזערע ראַזשישטשער פילן דעם חוב וואָס ליגט אויף זיי, נישט פאַרגעסן! דער שיקזאַל האָט נישט געוואָלט, אַז הערשל אדוואַק ז״ל, דער גרינדער פון קאַמיטעט אין קאַנאַדע, זאָל זיין מיט אונדז.

הערשל האָט געוואָלט מ׳זאָל אויפבויען אַ דענקמאָל נאָך אונדזערע קדושים און ער האָט זיך פאַרשטענדיקט מיטן קאַמיטעט אין ישראל, זיי געגעבן די ערשטע שפענדונג פאַרן צוועק אויפצושטעלן אַ בית־ראַזשישטש.

הערשלס פרוי, צירל, און זייערע קינדער און אויך מיר, אַלע ראַזשישטשער אין קאַנאַדע, וועלן מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, אַז דער טרוים זאָל פאַרוויקלעכט ווערן.



מסיבה לכבוד סול מילר, יו״ר הועד בקא־נאדה, ולכבוד בינם ופנינה מילר (מלמד). סול מילר מודה למברכים.

מענדל שאמעס — סעקרעטאר פונ׳ם קאנאדער קאמיטעט

אויפן אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר דעם 5־טן יולי 1959:

...„שטייענדיק פאַר אייך, טייערע פריינד, לויפן דורכן געדאַנק די צייטן פון אַמאָל אין אונדזער ליב שטעטעלע. אַ שטעטל פול מיט לעבן, פול מיט גוטסקייט, פול מיט יוגנט.

די בעסטע צייט פון אונדזער לעבן — די יוגנט יאָרן — האָבן מיר דאָרט פאַרבראַכט אויף די גרינע לאָנקעס ביים סטער, אויף די וועגן קיין טאָפּילנע, זשאַליבאָוו, קאָפּאטשיווקע און אונטערן בריק...

ס׳איז דאָרט געווען אַלץ: ליבע, פרייד, קולטור און מיר זענען געווען שטאָלץ מיט אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, כלל־טוער און אַפילו ליב געהאַט אונדזערע שטאָט־משוגעים און די קאָזעס, וואָס פלעגן קריכן איבער די דעכער...

און ווי טייער זענען אונדז געווען אונדזערע משפחות און קרובים, וועלכע זענען אַזוי אַכזריותדיק אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז.

מיר, ראָזשישטשער, דאַרפן פאָרזעצן אונדזער טראַדיציע און העלפן איינער דעם צווייטן, פונקט ווי אונדזערע עלטערן האָבן געטאָן.

דער היינטיקער צוזאַמענפאָר ווייזט אונדז ווי ברידערלעך מיר זענען און איך בין שטאָלץ מיט אייך, טייערע לאַנדסלייט.

די נשמות פון אונדזערע קדושים בלאָנדזשען און קענען נישט געפינען קיין רו; זיי בעטן איר זאָלט זיי שטעלן מצבות...״



כבוד לחללי השואה. הנחת זר פרחים על־יד לוח־הזכרון בבית־רוז׳ישץ׳ על־ידי מנדל שאמעס.

ברוך ראזען, ניו־יארק — פארזיצער פון ראזשישטשער פארבאנד אין די פאראייניקטע שטאטן

טייערער פריינט אבנר רחמיאלי, יו״ר,

און אַלע אונדזערע ראָזשישטשער שוועסטער און ברידער אין ישראל.

שלום רב!

כ׳האָב שוין פיל מאָל געוואָלט אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער צו אייך. מיר לעבן דאָך אָבער אין דעם „גאָלדענעם״ לאַנד, ווי מ׳האָט אַלעס, אַפילו אַן איבערפלוס פון צרות, נאָר צייט האָט מען נישט!!!

דאָס מאָל האָב איך אָבער באַשלאָסן אַוועקגנבענען צייט פון אַנדערע ענינים און אָנשרייבן צו אייך די פּאָר שורות:

כ׳לייג ביי צו דעם בריוו אַ טשעק פאַר 1500 דאָלאַר. לויט דעם ווונטש פון אונדזער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דעם ארגון יוצאי ראָזשישטש אין ניו־יאָרק, וועלכע איז פאָרגעקומען זונטאָג, דעם 19־טן מאַי 1974, זאָלן די 1500 דאָלאַר באַנוצט ווערן אויפן פאָלגענדן אופן:

1. 1000 דאָלאַר זאָלן נוצן אַלס גמילות־חסדים פאַר נויטבאַדאַרפטיקע ראָזשישטשער.
2. 500 דאָלאַר זאָלן אייך העלפן מיט די אויסגאַבן פאַרן ספר־ראָזשישטש.

איך האָף, אַז אין דער צוקונפט וועלן מיר קענען אייך ווידער שיקן אַ ביסל געלט.

וואָס הערט זיך ביי אייך?

איבער דער אַלגעמיינער לאַגע ווייסן מיר כמעט אַלעס. מיר לעבן דורך מיט אייך אייערע פאַרלוסטן, וואָס זענען אונדזערע גענוי ווי אייערע, און שטאָלצירן איבער אייערע נצחונות — וואָס זענען אייערע אַליין.

אַלץ וואָס מיר קענען דאָ טאָן איז ווינטשן אייך ענדלאָזע פיזישע און מאָראַלישע כוחות ביים דורכלעבן און מיטמאַכן די אומגעהויער שווערע לאַגע, וועלכע דער היסטאָרישער גורל האָט אויף אייך אָנגעוואָרפן.

אַזוי ווי נאָך יעדן גרויסן שטורעם קומט צוריק אַרויס די זון, און אַזוי ווי אין אונדזער אָנגעווייטיקטן דור האָבן מיר זוכה געווען צו זעען די הקמת המדינה היהודית בישראל, אַזוי האָפן מיר, אַז דער שטורעם וועט גיך אַריבערגיין, די זון וועט באַלד ווידער אָנהייבן צו שיינען און היילן די בלוטיקע ווונדן. מיר וועלן ווידער זוכה זיין זען ישראל, וואָס לעבט אין באַדינגונגען פון זיכערהייט, שלום און פּראָספּעריטי — ווי אונדזערע ביישפּיללאָזע און טייערע יוגנט וועט שאַפן דעם אַזוי אַנגאַרד פון אַ גליקלעכן אין אומגעשטערטן פאָלק.

עם ישראל חי וחי לעד!!!

מיט אונדזערע בעסטע ווונטשן און גריסן פאַר אייך אַלע און אינדיווידועל פאַר יעדן.

אין נאָמען פון אַלע אונדזערע ראָזשישטשער
אין ניו־יאָרק

אייער ב. רוזן

22־סטן מאַי 1974



אייב פרלמוטר, רעייתו ולאה גביש בבית רוז'ישץ'.



ברוך רוזן ז"ל (נפטר ב־8 בנובמבר 1975) בחתונת בתו בניו־יורק.

נחמה טושמן-ספקטור, בלטימור, ארה״ב

לחברנו וידידנו היקר אבנר, שלום וברכה!

הפגישה עם תלמידי וידידי מיוצאי רוז׳ישץ׳ השאירה עלי רושם בל־ימחה. עצב ושמחה שימשו בערבוביה. תמונות מחיי רוזי׳שץ׳ עברו לפני כמו בסרט נפלא. זאת היתה תקופה של יצירה, של שאיפה לאידיאלים לאומיים. נכסי וערכי החיים בעיירה זו היו קודש לכול. יפה היה חלקם של המנהיגים, שעמדו בראש הקהילה, אולם בעיקר הושפעתי מהדמות של היהודי הפשוט בעל הנשמה הרגישה.

כשהתבוננתי במעשיהם והקשבתי לשיחתם, התקשרתי אליהם בכל נימי נשמתי. למדתי לכבד את חיי המשפחה שלהם, את המסירות לזולת. הערכתי את הניצוץ הלאומי שאף פעם לא דעך. מי אינו זוכר את ההומור העממי, שהיה כמו רפואה לכל צרה שהתחוללה. גם על בעיות העולם התווכחו והטילו ספק בפתרון הפרובלמות על ידי מדינאים מפורסמים.

מאושרת הייתי הקיץ לראות אתכם מסודרים בארץ.

הנכם מגשימים את החלום „ושבו בנים לגבולם״. חבל שרק מעטים נשארו. גם אנו תקוה שבעוד זמן־מה נשתקע בארץ, נוכל להיפגש לעיתים קרובות ולשוחח ארוכות.

בשמי ובשם בעלי אני רוצה להודות לכם מקרב לב על הערב הנעים שבילינו יחד.

אבנר היקר! בהזדמנות תדרוש בשלום תלמידי וחברי. שפע ברכות שלוחות לכם לקראת השנה החדשה.

תהא השנה הזאת שנת מנוחה ושמחה במעונכם.

27 בספטמבר 1971



בלה ואהרון טפר ליד לוח־הזכרון בבית־רוז׳ישץ׳.

בעלא טעפער

שלום רב לכם, חברים,

דעם „אָרדער״ צו שרייבן דעם בריוו האָב איך שוין לאַנג באַקומען פון אונדזער פרע־זידענט, ברוך ראָזען, בכדי אייך מודיע זיין וועגן אונדזערע חברים, וואָס קלייבן זיך מאַכן אַ וויזיט ביי אייך.

ווי מיר ווייסן, נעמט איר אונדז תמיד אויף זייער שיין און וואַרעם. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די באַגריסונג פון אונדזער חשובן חבר פייוול בשעת מיר, איך און אהרון, זענען געווען ביי אייך בעת אונדזער ערשטן באַזוך.

ער האָט ריכטיק באַמערקט, אַז מיר זע־נען ניט קיין געסט נאָר צייטווייליק פאַרייז־טע און אונדזער חלום און שטרעבן איז וואָס פריער קומען אַ היים.

מיר לעבן די גאַנצע צייט מיטן געדאַנק וועגן ישראל און וועגן אייך.

בעלאַ טעפער, סעקרעטאַרין

ניו־יורק, יוני 1971



בלה ואהרון טפר מניו־יורק מבקרים בבית־רוז׳ישץ׳.

ארצות הברית

שארית הפליטה דרוז׳ישצ׳ה

אבנר רחמיאלי



עמוד־זכרון בכניסה לבית־הקברות של שארית הפליטה דרוז׳ישצ׳ה בניו־יורק.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן טראָגט דער ראָזשישטשער פאַרבאַנד דעם נאָמען:

שארית הפליטה דרוז׳ישצ׳ה

די אַקטיווע און איבערגעגעבענע טוער פון פאַרבאַנד זענען:

באב (בערל) געלערשטיין

— גרינדער און ערשטער פאָרזיצער. איצט ערן־פאָרזיצער פון פאַרבאַנד. ער איז זייער טעטיק און נעמט אָנטייל אין יעדער אונטערנעמונג פון דעם אַמעריקאַנער פאַרבאַנד. ער שטייט אין ענגן קאָנטאַקט מיטן ראָזשישטשער פאַרבאַנד אין ישראל, שיקט „מעות־חיטין" פאַר יעדן פסח, באַזוכט אָפט ישראל און באַטייליקט זיך אַקטיוו אין ספר־ראָזשישטש און אין דער רעאַליזירונג פון אַלע אונדזערע פּלענער.

ברוך ראזען

— פאָרזיצער פון ראָזשישטשער פאַרבאַנד אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

בעלא טעפער

— סעקרעטאַרין.

זיסע קראמירס

— קאַסירער (אָדער פינאַנסלייטער).

פאול פערלמוטער, טוביה רופא, פיליס און שיקע ווידרע

— אַקטיווע טוער פון פאַרבאַנד.

דער פאַרבאַנד אָרגאַניזירט יעדעס יאָר אַן אזכרה נאָך די ראָזשישטשער קדושים, וועלכע ווערט זייער גוט באַזוכט. דער פאַרבאַנד באַזיצט אַן אייגענעם בית־קברות. ער שיקט פון צייט צו צייט געלט פאַרן ארגון אין ישראל און שטייט אין אַ פּערמאַנענטער פאַרבינדונג מיט אונדז. פיל פון זיינע מיטגלידער האָבן שוין באַזוכט ישראל אייניקע מאָל.



משה גראבארסקי געזעגנט זיך פון ניו־יארקער קאָמיטעט בעת זיין באַזוך אין אמעריקע אין 1974. פון רעכטס: זיסקה קראָמערס, משה גראבארסקי, באב געלער־שטיין, פעפע פערלמוטער און שיקע ווידרע.



פיליס און שיקע ווידרע פון ניו־יאָרק פרייען זיך מיט אַהרן בינדער אין בית־ראָזשישטש.



אויפן בית־הקברות פון די ראזשישטשער אין ניו־יארק בעת אן אזכרה.


קאָנסטיטושאָן
פאָן דער
ערשטער ראָזישטשער
אונטערשטיצונגס פעראיין
First Rozishtcher Beneb. Ass'n

געגרינדעט דען 31, מייא 1913		געטשאַרטערט דען 24, דזשולייא 1913

ניו אָרק
אדאָפטירט ביים מיטינג דען 24, נאָוועמבער 1917
א. נמוער דעם פּאָרזיניק פון בר. יצחק קארש
א. י. ייגמאַן פּרינטער, 192½ דילענסי סט.
ניו יאָרק

ערשטער ראָזשישטשער אונטערשטיצונגס פאַריין


אין ניו־יאָרק איז זיינער צייט געווען טעטיק דער לאַנדסלייט־פאַרבאַנד פון די אָפּשטאַמיקע פון ראָזשישטש, וועלכער האָט זיך אָרגאַניזירט דעם 13־טן מאַי 1913. דער פאַרבאַנד האָט זיך גערופן: „ערשטער ראָזשישטשער אונטערשטיצונגס פאַריין". ער האָט אַריינגענומען צענדליקער, און אפשר הונדערטער חברים, — היות פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן פיל עמיגרירט קיין אַמעריקע, אין רעזולטאַט פון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע.

דער ציל פון דעם פאַרבאַנד איז געווען קעגנזייטיקע הילף. סעם ש"ץ האָט אונדז בעת זיין באַזוך אין ישראל געבראַכט דעם רעגולאַמין און 2 בראָשורן אַרויסגעגעבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 13־טן און 18־טן יובל פון דעם פאַרבאַנד. פון די דאָזיקע בראָשורן איז צו זען, מיט וואָס פאַר אַ איבערגעגעבנקייט און זאָרג עס האָבן זיך באַצויגן די ראָזשישטשער לאַנדסלייט איינער צום צווייטן, געזאָרגט פאַר זייערע נויטן און געהאָלפן נויט־באַדאַרפטיקע. שטענדיק האָבן זיך געפונען איבערגעגעבענע און פעאיקע טוער, וועלכע האָבן געקענט אָרגאַניזירן די חברים פאַר ווילטעטיקע צוועקן.

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט מלחמה איז דער פאַרבאַנד געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דעם ראָזשישטשער קאָמיטעט אין ישראל, מיט וועלכן ס'האָט דאַן אָנגעפירט אונדזער טרייע און איבערגעגעבענע חברה לאה גביש. אָבער ווען ס'האָט זיך געגרינדעט דער יינגערער פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק אונטער דער אָנפירונג פון באָב געלערשטיין, וועלכער האָט אַריינגענומען אין זיינע רייען די עמיגראַנטן, וועלכע זענען געקומען קיין אַמעריקע פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך איר, האָבן ביידע פאַרבאַנדן נישט געפונען קיין געמיינזאַמע שפּראַך צווישן זיך. זיי האָבן זיך נישט פאַראייניקט און האָבן אויך נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט צווישן זיך.

ווען איך האָב באַזוכט ניו־יאָרק אין יאָר 1956 האָב איך זיך באַגעגנט, לויט דער איניציאַטיוו פון באָב געלערשטיין, מיט דעם הער זייגער, איינער פון די טוער פון דעם עלטערן פאַרבאַנד; אָבער ליידער איז אונדז נישט געלונגען, צוליב אומפאַר־שטענדלעכע סיבות, ווירקן אויף אים צו באַנייען די פאַרבינדונג מיט אונדז און מיט דעם יינגערן פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק.

מיר מוזן אויסדרוקן אונדזער באַדויערונג, וואָס אַזאַ חשובער ציבור האָט זיך נישט באַטייליקט אין קויפן דעם בית־ראָזשישטש און זענען נישט געווען באַטייליקט אין אַרויסגעבן דאָס יזכור־בוך.



18־יערלערכער יובילעאום פון „ערשטן ראזשי־שטשער אונטערשטיצונג פאריין" אין ניו־יארק, וואס איז געפייערט געווארן דעם 15־טן דעצעמבער 1929. אין דער ערשטער ריי זיצן פון רעכטס צו לינקס: ג. שניידער־מאן, דזשאו קלעזמער, וו. שווארץ, ח. שטערן, יעקב'קע קאסיר און מ. פליישער. אין דער צווייטער ריי שטייען: מ. מילבאו, י. זייגער, ש. גרינבערג, דזשיי סיגעל, מ. פליישער און מ. סיראקע.

די אנטוויקלונג פון אונדזער פארבאנד

בערל געלערשטיין, ניו־יארק



בערל געלערשטיין (שטייט צווייטער פון לינקס) געזעגנט זיך מיט חברים פארן אפפאר פון ראזשישטש קיין אמעריקע.

שוין מער ווי פערציק יאר בין איך אין אמעריקע. שוין אריבער צוויי און דרייסיק יאר נאך דער שחיטה. מער ווי צוויי־דריטל פון מיין לעבן האב איך געלעבט אין אמעריקע. מיין ליבע דארע האט מיר געבוירן צוויי שיינע, געראטענע זין, יצחק און אליעזר. מיינע זין האבן דערפאלגרייך חתונה געהאט. יצחק האט שוין פיר זינעלעך און אליעזר — איין מיט א האלבס...

איך האב אין אמעריקע דורכגעמאכט קאלטס און ווארעמס, אבער גאט איז געווען גוט צו מיר... אין מיין הויז איז שטענדיק געווען, און וועט שטענדיק זיין, אן אפענע טיר, ספעציעל פאר יעדן ראזשישטשער; ווער ס'זאל נישט זיין, איז ער מיין פריינט, מיין משפחה.

איך בין מיין גאנץ לעבן איבערצייגט, אז איינע פון די שענסטע און בעסטע אידעאלן וואס א מענטש דארף פארווירקלעכן איז „טיילן זיך" מיט אנדערע. דאס איז דאס געפיל, וואס האלט אונדז ראזשישטשער צוזאמען. דאס איז דער צעמענט וואס אייניקט אונדז. פרעמדע מענטשן, נישט קיין ראזשישטשער, זענען אונדז מקנא. מיר דינען אלס מוסטער פאר אנדערע שטעט.

באלד נאך דער מלחמה, ווען פליטים פון די לאגערן זענען געקומען קיין אמעריקע, האב איך זיי אויפגענומען, און געהאלפן וויפל איך האב געקענט.


מיט יארן שפעטער האב איך אלע ראזשישטשער אין ניו־יארק פארבעטן אויף א שבת־אוונט. אויף דער פארזאמלונג איז איינשטימיק באשלאסן געווארן צו שאפן די ארגאניזאציע אונטערן נאמען וואס איך האב פארגעלעגט: „שארית הפליטה דרוז'ישצ'ה". דעם זעלבן אוונט האבן מיר געשאפן געלט צו שיקן קיין ישראל פאר דער גמילת חסדים קאסע. מיר פלעגן זיך טרעפן יעדן לעצטן שבת־צו־נאכט פון יעדן חודש.

די ראזשישטשער משפחה אין ניו־יארק איז געווארן שטארקער און גרעסער. צו איינעם פון די אוונטן איז געקומען הערשל אדזואק ע"ה, אויף זיין וועג פון זיין ערשטן באזוך אין ישראל. ער איז געווען אנטציקט פון אונדזערע באציאונגען ווי ברידער און שוועסטער און ער האט אונדז זייער מקנא געווען. פארוואס קענען זיי נישט האבן אזא זאך אין קאנאדע?

פון אונדז איז ער געפארן קיין טאראנטא צו סעניע צוקערמאן. ער האט דערציילט וואס ער האט געזען ביי אונדז און זיי האבן באשלאסן צו טאן די זעלבע זאך. זיי האבן צונויפגערופן אלע ראזשישטשער אין קאנאדע מיט שלמה מלמד בראש. „מעשה שהיה — כך היה" — אזוי האט זיך עס אנגעהויבן.

דער חלום ווערט ווירקלעכקייט

מיין געוויסן פלעגט מיך שטענדיק פייניקן, ספעציעל נאך דעם ווי יאסל מונק איז געקומען קיין ניו־יארק און געארבעט ביי מיר פיר מאנאטן. ער האט מיר דערציילט, אז ער האט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, דורך א בוידעם־לעכל ביי א גוי, ביי וועמען ער האט זיך אויסבאהאלטן, די שחיטה און דעם קבר פון מיינע ליבסטע און טייערסטע. ער איז געווען מיין ברודער יאסלס א פערזענלעכער חבר. א לעבעדיקער עדות, אז קיינער פון מיין פאמיליע לעבט נישט מער, און אז איך בין דער לעצטער.



באַנקעט פאַר באָב און דאָראַ געלערשטיין אין בית־ראָזשישטש.

איך האָב געפילט מיין הייליקן פליכט אויפצושטעלן אַ מצבה, אָבער נישט קיין האָלצערנע אָדער שטיינערנע — נאָר אַ לעבעדיקע קולטורעלע אינסטיטוציע, ווו מענטשן זאָלן זיך קענען צוזאַמענקומען, שמועסן, לערנען, זיך טיילן מיט מיינונגען און פלעגן די שיינע יידישע אידעאַלן.

איך האָב באַשלאָסן, אַז דאָס דאַרף זיין אין ישראל. ווען פייוול שקורניק איז געווען אויף אַ באַזוך אין ניו־יאָרק אין 1956, נאָכדעם ווי ער האָט באַזוכט זיין מאַמע ע״ה אין דענווער־קאָלאָראַדאָ און אויפן וועג צו זיינע ברידער אין בראַזיל, האָב איך מיין פּלאַן פאָרגעלייגט פייוולען, וועמען איך רעספּעקטיר זייער.

פייוול האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז ער זעט ראָזשישטשער נאָר איין מאָל אין יאָר, אויף דער יערלעכער אזכרה און אַז ער איז נישט טעטיק אין ענייניםווי די גמילות־חסדים קאַסע און אַנדערע, אָבער מיין געדאַנק איז אים געפאַלן.

דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט און איך האָב געקריגן דעם ריכטיקן שטויס אַדורכצופירן מיין חלום. איך האָב דאַן פייוולען געזאָגט: „דו פאָר צוריק און ווער אַקטיוו און איך וועל דיר שיקן געלט״. איך האָב צוגעזאָגט, אַז „אם ירצה השם״, אין משך פון דריי יאָר וועלן מיר דעם פּלאַן פאַרווירקלעכן. איך האָב דאַן נישט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף ווו איך וועל דאָס געלט נעמען און וויפל עס וועט קאָסטן.

איך האָב געהאַט אַסאַך בטחון אין פייוול שקורניק און אין אַלע אונדזערע ראָזשישטשער לאַנדסלייט, און בין געווען זיכער אַז מיר קענען דעם געדאַנק פאַרווירקלעכן.

אין דער ריכטיקער צייט האָב איך גערופן אַ מיטינג ביי מיר אין הויז, צו וועלכער כמעט אַלע ראָזשישטשער זענען געקומען. איך האָב פאָרגעלייגט מיין פּלאַן צו פאַראייביקן, ווי געהעריק, אונדזערע טייערע, וואָס אויף זיי מעגן מיר זאָגן: „חבל על דאבדין ולא משתכחין״. דער אָוונט איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. מיר האָבן באַשלאָסן זיך פאַרבינדן מיט דער „אַלטער גוואַרדיע״, אַמאָליקע ראָזשישטשער, וועלכע זענען שוין דאָ לאַנגע יאָרן, פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָבער לײדער האָבן זיי נישט געוואָלט מיטאַרבעטן מיט אונדז.

איך האָב שפּעטער גערופן אַ צוזאַמענקום פון ראָזשישטשער, געלאָזט וויסן דורך דער יידישער פּרעסע און דורכן טעלעפאָן. מיר האָבן געהאַט געסט פון קאַנאַדע און פון אַנדערע ערטער. ס׳זענען געקומען סעניע צוקערמאַן, שלמה מלמד מיט סאָניען ע״ה, סאָניע בערגער (גראַבאַרסקי) און מענדל און מירעלע שאַמעס. אַלע זענען געקומען צום יום־טובדיקן אָוונט. איך וועל קיינמאָל דעם אָוונט נישט פאַרגעסן, אַלס איינער פון מיינע דערפאָלגרייכסטע אין מיין לעבן.

מיר האָבן געשאַפן אויפן אָרט 4000 דאָלאַר. איך האָב געזען, אַז דער חלום ווערט ווירקלעכקייט אַסאַך פריער ווי די דריי יאָר, ווי איך האָב פריער געמיינט. איך האָב, צוזאַמען מיט סעניע צוקערמאַן און זיין פרוי, שלמה מלמד און סאָניע ע״ה, סאָניע בערגער און יאַשקע ערליך ע״ה — זוכה געווען צו זיין ביי דער אָפיציעלער חנוכת־הבית פון אונדזער בית־ראָזשישטש, מוצאי־שבת דעם 11־טן מאַרס 1961, אַן אָוונט וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

איך בין שטאָלץ מיט דעם אויפטו און מיט דעם וואָס איך האָב מיטגעהאָלפן. אַסאַך מענטשן, אַסאַך געלט און זייער אַסאַך אַרבעט האָט דאָס אַלץ געמאַכט פאַר אַ געשעענעם פאַקט. אַ גרויסן יישר־כוח יעדן איינציקן, וואָס האָט מיטגעהאָלפן. מיר האָבן אַ לעבעדיקן מאָנומענט פאַר דורות.

דער ספר-ראָזשישטש

איצט ווידמען מיר צייט און כוח און געלט פאַר אַן אַנדערע גרויסע אונטערנעמונג, דעם ספר־ראָזשישטש, וואָס דאַרף זיין די שענסטע פאַראייביקונג פונעם גאַנצן שטעטל. איך באַמי מיך מיטהעלפן פון דערווייטנס מיט ראַט און טאַט און האָף, אַז ס׳וועט זיין אַ גרויסער דערפאָלג, מיט וועלכן מיר וועלן זיין שטאָלץ.

פאַר די חברים, וועלכע שטייען אין דער שפּיץ און ווידמען אַזוי פיל צייט און כוח פאַר דער גראַנדיעזער אונטערנעמונג — האָב איך נאָר האַרציקע ווינטשן.



ביילצע און פיליפ פערלמוטער באַקומען דעם בעכער פון ראָזשישטשער פאַרבאַנד פון די הענט פון אסתר שווארצבלאט־קארדאָש און אריה מארמור.



די פערלמוטערס. די ברידער פערלמוטער האָבן עמיגרירט קיין אמעריקע אין אנהויב פון 20־סטן יארהונדערט. מיט גרויס פלייס האבן זיי דורכגעמאכט די ערשטע שווערע יארן מיט דערפאלג און האבן מיט דער צייט געהאט גרויסע דערגרייכונגען אין זייערע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. זיי זענען אקטיוו אין געזעלשאפטלעכן יידישן לעבן און נעמען אנטייל אין אלע אקציעס פאר ישראל. גרויס איז אויך זייער אינטערעס פאַר בית־ראזשישטש. אויפן בילד זעען מיר מאריס און מינע, אייב און דארי (דענווער), פאול ז״ל און ביילצע, דייוו און שערלי, בען און בין, סעם ש״ץ און סעם פרימאק.

די פערלמוטערס

די פערלמוטערס זענען אַ פאַרצווייגטע משפחה, וואָס איז פאַרשפרייט מיט גרויס אָנזעען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און באַזונדערס אין דענווער, קאָלאָראַדאָ און וואַשינגטאָן.

זיי זענען אַקטיוו אויפן עקאָנאָמישן געביט און דערגאַנגען צו גרויסע דערגרייכן. אַ דאַנק זייער פלייס, זענען די עמיגראַנטן, וואָס זענען געקומען פאַר דער ערשטע־וועלט־מלחמה מיט ליידיקע הענט, געוואָרן פאַרמעגלעכע בוי־אונטערנעמער און ביזנעט־לייט אין גרויסן פאַרנעם.

די פערלמוטערס האָבן שטענדיק געהאַט אַ באַזונדער געפיל פאַרן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן יידישן לעבן. אומעטום האָבן זיי געהאָלפן בויען די יידישע קהילה — שולן, שולעס, ביבליאָטעקן און אַנדערע אינסטיטוציעס, מיט וועלכע דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז אַזוי שטאָלץ.

זיי זענען די ריכטיקע פיאָנערן סיי אויפן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן געמיט און סיי אויפן יידישן געביט. זיי האָבן דאָס געשאַפן, אַז דער יידישער ישוב אין אַמעריקע איז געוואַקסן און געוואָרן אַ שטאַרקע קראַפט.



באנקעט לכבוד אייב פערלמוטער און פרוי פון דענווער־קאלאראדו, און פאר פישל קאצאן און פרוי.





דער ערשטער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע משה (מאָריס) אין יאָר 1907. אין 1912 איז אָנגעקומען אייב און שפּעטער מיין פעטער ראובן־וואָלפס גאַנצע פאַמיליע, וואָס איז באַשטאַנען פון פינף זין און צוויי טעכטער. די לעצטע זענען אַוועק פּנחס און ביילצע און זייערע קינדער אין 1922.

